STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06280

UNTERN ROD

Baal-Makhshoves

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס לעצטע בילד פון בעל־מחשבות

(בערלין, 1923).

דער כתב־יד פון אַרטיקל "סאַן־רעמאָ"

(זע זייט 414).


סאַן־רעמאָ

בעל־מחשבות
(דר. איז. עליאשעוו)

אונטערן ראד

גזעאמלטע שריפטן

באנד V

ארויסגעבער:
בעל־מחשבות־קאמיטעט (בערלין)
י. ל. פרץ־פאריין (ניו־יארק)
1927

Tous droits réservés. Copyright by S. Eliachew, Berlin 1927.

IMP. D'ART VOLTAIRE, PARIS

אינהאלט:

פון די ארויסגעבער

1) די צייט 7

1915

2) אין דער פרעמד 12

3) א מת־מצוה 17

1917

4) צוויי רעוואָלוציעס 22

5) די ווענט האָבן אויך מיי־ לער 24

6) נאָך דער רעוואָלוציע . . 25

7) נאָך א יידישן מיטינג . . 27

8) די פארוועלטליכונג פון דער קהלה 29

9) א פאנקוכן אן אייער און אן פוטער 31

10) העלדן און פראָגראמען . 33

11) דער שעיר לעזאזל 35

12) די מלמדים 38

13) מדבר־לופט 41

14) די לעצטע נסיעה 43

15) דער נביא־קינסטלער און פאָליטיקער 46

16) מיר ווערן לייט 51

17) פראקטישע קבלה 53

18) מען כשר'ט 55

19) ר' גמליאל און ר' עקיבא 58

20) די שטימונג 59

21) די רעפובליק 61

22) עס האָט זיך געעפנט א טירל 63

23) דער הימל ווערט קלערער . 65

24) די נאכט־וועכטער 67

25) דריי יאָר 72

26) טרויער־ און כאקי־פארבן 76

27) פארגעסט ניט דעם קריג . . 82

28) פעטראָגראד און מאָסקווע . 85

29) א גרויסער בעל־יסורים . . 87

30) די ניי־געבאקענע מיליאָ־ נערן 89

31) די קדושים 92

32) דער נביא פון דלות 95

33) א געזינדל זאלבע פינפט 97

34) ווי דערגייט מען דעם אמת? 99

35) א מאָנאָלאָג 104

36) אנ'ענטפער זאסלאווסקי'ן . 107

37) א מאָדנע אומה 110

38) עס רירט זיך נאָך א גליד . 112

39) ווי גוט עס איז צו זיין א ייד 115

40) תרח'ס איניקל 117

41) די דעקלאראציע

דער ערשטער טאָג 119

א. דער לעבעדיקער צענטער . . 121

ב. איך בין ניט קיין „ציו־ ניסט“ מער 123

ג. קאַליע געמאַכט דאָס שפּיל 127
ד. גלות'דיק און קראַנק . . 130
דעליקאַטע פינגער 135
42) נאָסטאַלגיע 139
43) אין דער פינסטער 141

1918 — 1919

44) לכבוד נײ־יאָר 144
I. ניגון אָן ווערטער . . . 144
II. ווערטער אָן א ניגון . . 146
45) ווען דאָס קינד דרינקט . . 148
46) דער שניידער און דער זײגערמאַכער 152
47) פּראָטעקציע 154
48) בלוט וואָס הערט ניט אויף צו זידן 156
49) די בעלי־תשובות 158
50) דער אַנאַרכיסט 160
51) הונגער 169
52) אויף שרײען זײנען מיר בריות 171
53) פּערספּעקטיוון 175
54) ערב פּסח 182
55) א יום־טוב אויף צו להכעיס 184
56) תקון־שבועות 188
57) אין די זומערדיקע טעג . . 191
58) אונזערע שרײב־יידעלעך 193
59) אין די ווײסע נעכט 197
60) עס איז אונז גוט 199
61) צום ערשטן געבורטסטאָג פון „טאָגבלאַט“ 201
62) אָריענטאַציע 205
63) עס שמעקט מיט ברויט . . 206
64) א דיספּוט פון גאָט־זוכער . 209
65) דער יון און דער אָרעמאַן . 211
66) צו דער סדרה פּאָגראָמען . 213
67) אין דער פּאָגראָם־כוואַליע . 217
68) די קדיש־מײדלעך 219
69) א מוטיע בא די גויים . . . 222
70) צוויי ניגונים 224
71) פּאָגראָם־ביכער 225

1921

72) עס גײען די עשאַלאָנען . . 230
73) די נײע גבירים 235
74) עמיגראַנטן 238
75) די באָמבע פּלאַצט 242
76) דאָס אַמבולאַנטע פּאַטערלאַנד 246
77) קינדער, וואָס זײנען פאַרטריבן געוואָרן פון פאָטערס טיש 251
78) רוסלאַנד, סאָוועט־רוסלאַנד און מיר
א. אין לאַנד פון איכטיאָזאַווּרען; 256
ב. אין לאַנד פון שרצים און רמשים; 260
ג. נח'ס תיבה 264
ד. טאָלסטוי, דאָסטאָיעווסקי און אַנדריי ביעלי 267
ת. פריי ווי אין מדבר 272

אין דער היים.

(פון טאָג־בוך)

79) אין דער היים 277
80) צווישן צוויי וועלטן 278
81) לעבן זאָל די פּראָווינץ . . 280
82) א שטאָט, וואָס האָט א פּנים 282
83) סדרה קרח 284
48) די אײביקע מחותנים . . . 286
85) די קצבישע קלויז 289
86) געשפּרעכן מכח ליטע . . . 293
87) בא א פרישן קבר 312
88) בריוו פון א קאָוונער צו א ריגער 314
I. אויב איר ווילט, — איז דאָס א טרייסט; 314
II. און זײט געזונט 317
89) קינות 320
90) פּריוואַטקדיקע געשפּרעכן . . 323

צייט-געשיכטע
1922—1923

91) הויכע דיפּלאָמאַטיע 329
92) די מאָסקווער קינסטלער . . 333
93) לעניִנס טויט 337
94) אחר המעשה 341
95) גענוא און ראַטן־רוסלאַנד 344
96) קאַמפּס־אָרגאַניזאַציִעס . . 347
97) די רויטע פּאַטשווילע 352
98) ווען פון דער רויטער פּאַטשווילע מאַכט מען א פאָן . 360
99) פינף קברים 364
100) דאָס וועלט־געריכט . . . 369
101) ווען פון רעוואָלוציע ווערט אַנ'אידיליע 373
102) דער בלוט־שטורעם 376
103) קעמאַל־פּאַשאַ 380
304) אָנהייב ווינטער 384
105) אין רור־געביט 388
106) א פאַרשלעפּטע קריינק 392
107) אין לאַנד פון מסירת־נפש 397
108) די בעל־הבית'שע מיטן שלומפּער 401
109) זומערדיקע געדאַנקען . . . 406
110) דער ראָמאַנישער קאָפּע . . 410

לעצטע, ניט־פאַרענדיקטע אַרטיקלען פון בעל־מחשבות.

111) סאַן־רעמאָ 414
112) פון דייטשלאַנד 415

די אַרטיקלען נר. 2—28, 33—43, 45—64, 66—67 זיינען געווען צוערשט געדרוקט אין „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט"; די אַרטיקלען 29—32, 44 — אין פּעטראָגראַדער „פאָלקס־צייטונג", 65 — אין קיעווער „טעלעגראַף"; 68—70 — אין קיעווער „די וועלט"; 71, 74—78, 91—110 — אין ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל"; 72—73, 79—90 — אין קאָוונער „יידישע שטימע". די אַרטיקלען 111, 112 זיינען געשריבן פון בעל־מחשבות קורץ פאַר זיין טויט און זיינען געבליבן אין כתב־יד.

בילדער אין טעקסט:

1) דאָס לעצטע בילד פון בעל־מחשבות, בערלין 1923.
2) דער כתב־יד פון אַרטיקל „סאַן־רעמאָ".
3) בעל־מחשבות אין פּעטערבורג אין יאָר 1918;
געצ. פון מ. שאַגאַל.

פון די ארויסגעבער.

באלד נאָך דער פטירה פון בעל־מחשבות'ן האָבן זיך זיינע פריינט און די פריינט פון דער יידישער ליטעראטור אין בערלין און אין ניו־יאָרק צונויפ־געשלאָסן אין צוויי קאָמיטעטן, כדי מיט פאראייניקטע כחות צו דערפילן דעם חוב, וואָס איז איבערגעבליבן דער יידישער וועלט בירושה פון דעם פארשטאָר־בענעם: ארויסצוגעבן א פולשטענדיקע זאמלונג פון זיינע שריפטן, איבערצוגעבן דעם עולם דאָס גרויסארטיקע ווערק, וואָס איז פון דעם געדאנקען־ און וואָרט־קינסטלער אין משך פון פינף און צוואנציק יאָר טריט פאר טריט אויפגעבויט געוואָרן. דער פון י. ל. פרץ־שרייבער־פאריין אין אמעריקע געגרינדעטער בעל־מחשבות־קאָמיטעט און דער אייראָפּייאישער קאָמיטעט, וואָס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן אין בערלין אונטער דעם פאָרזיץ פון שמעון דובנאָוו האָבן געהאט ניט ווייניק מניעות גובר צו זיין, ביז עס איז זיי געלונגען צו דערפירן זייער ארבעט לכל הפחות צו א טיילווייזן סיום. די קאָמיטעטן זאָגן א הארציקן יישר־כח אלעמען, וואָס האָבן דורך זייער הילף געשאפן די מעג־ליכקייט הײנט, צום דריטן יאָרצייט פון בעל־מחשבות'ן, צו לייגן דעם גרונד־שטיין צו זיין גייסטיקער מצבה.

דער באנד „אונטערן ראָד“ איז דער פינפטער און לעצטער באנד פון דער געפּלאנטער פולשטענדיקער אויסגאבע. דער באשלוס פון די קאָמיטעטן ארויסצוגעבן קודם כל דעם פינפטן באנד בארוט אויף די צוויי פאָלגנדע הויפּט־טעמים: אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט זיך בעל מחשבות אליין ארומגעטראָגן מיט דעם פּלאן צו פאראייניקן זיינע צעזייטע און צעשפּריי־טע שריפטן, אין וועלבע עס האָט אָפּגעקלונגען די גרויסע צעניאָריקע וועלט־מהפּכה, צו א בוך, וואָס האָט שוין דורך זיין נאָמען „אונטערן ראָד“ געזאָלט איבערגעבן די כונה צו שילדערן דעם פינסטערן מזל פון אונזער דור־הפלגה, — און די ארויסגעבער האָבן געהאלטן פאר זייער פליכט דעם דאָזיקן ווילן פון נפטר וואָס פריער צו פארווירקליכן. ניט ווייניקער ווי אָט דער טעם האָט אָבער אויף זייער באשלוס געווירקט אויך דער רצון, אוועקצושטעלן פאר דעם לייענער בעל־מחשבות'ן אין זיין גאנצן וואוקס, אזוי ווי ער איז געוועזן אין זיינע לעצטע שווערסטע יאָרן: מיט דעם סארקאסטישן שמייכל אויף די ליפּן, מיט דעם טיף־פארבאהאלטענעם ענטוזיאזם, מיט דעם פעסטן גלויבן אין דער גדולה און גבורה פון דעם יידישן און אלמענטשליכן גייסט, מיט יענעם עכטן בטחון, וואָס פלאקערט בא אים תמיד אויף פון אונטער דער גרויער אש פון ספקות און יאוש.

דער באנד איז צוזאמענגעשטעלט און רעדאגירט פון א קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: אסתר עליאשעוו, ש. פרידמאן, ז. קאלמאנאָוויטש און א. שטיינבערג. דער גאנצער מאטעריאל איז מסודר אין כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, פון וועלכער די רעדאקטאָרן זיינען אָפּגעטראָטן נאָר אין איינציקע פאלן, ווען דאָס האָט פארלאנגט דער אינעווייניקסטער פארבונד פון די טעמעס. דאָס בוך נעמט ארום אויסשליסליך די פובליציסטישע שריפטן פון די לעצטע יאָרן, און אויך פון די דאָזיקע שריפטן זיינען אריין נאָר אזעלכע, וואָס דינען מער ווי א חיי שעה,וואָס האָבן איבערגעלעבט זייער געבורטסטאָג און אויך די אויסערע סבות, וועלכע האָבן באוועגט דעם מחבר׳ס פען. אין דעם גאנצן בוך איז דורכגעפירט אנ׳איינהייטליכע אָרטאָגראפיע. קורצע אָנמערקונגען דערקלערן דעם וואונק פון מחבר, א וואָרט אָדער א נאָמען, וואָס וואָלט אָן דעם פארן רב פון די לייענער געבליבן אומפארשטענדליך. די ביבליאָגראפישע רשימה ווייזט אָן, וואו די ארטיקלען זיינען צוערשט דערשינען.

די בייגעבענע בילדער שטאמען פון דער „אונטערן־ראָד״־צייט און זאָגן עדות מיט וואָס פאר א שווערער משא עס איז אריבערגעפאָרן איבער בעל־מחשבות׳ן דער וואָגן פון אונזער צייט.

בערלין — ניו־יאָרק.

ח׳ שבט, תרפ״ז.

אין דעם אייראָפּא־קאָמיטעט געיזען אריין: שמעון דובנאָוו, שלום אש, ח. נ. ביאליק, י. גרינבוים, מ. ווײַנרייך, חיים זשיטלאָווסקי, ב. כ״ץ, יעקב לעשטשינסקי, ל. מאָצקין, ח. ד. נאָמבערג, מ. סאָלאָווייטשיק, נחום סאָקאָלאָוו, אסתר עליאשעוו, ש. פרידמאן, וו. צוקערמאן, דוד קויגען, ז. קאלמאנאָוויטש, א. שטיינבערג, י. נ. שטיינבערג, נ. שטיף.

די מיטגלידער פון ניו־יאָרקער בעל־מחשבות־קאָמיטעט זיינען: מאָריס ווינטשעווסקי, א. ש. זאקס, ב. וולאדעק, ש. יודסאָן, א. ליעסין, א. מארגאָלין, יוסף מארגאָשעס, א. מוקדוני, ק. מרמר, צ. ל. מעקלער, ש. ניגער, יונה ספּיוואק, מרדכי ספּעקטאָר, יואל ענטין, דוד פינסקי, י. פישמאן, מ. קאטץ, הלל ראָגאָף, ש. ראָזענפעלד, אברהם רייזין, תשר״ק.

די צייט.

די צייט איז די ענדערונג, דאָס כסדר'דיקע בייטן זיך פון די דער־שיינונגען ארום אונז און אין אונז. וואָס גיכער עס קומט פאָר די ענדע־רונג — אַלץ פולער און געדריכטער שיינט פאַר אונז צו זיין די דורכגעלעבטע צייט.

א פאַר'משפט'ער צום טויט לעבט דורך אויפן קורצן וועג פון דער תפיסה ביז צו דער תליה אפשר א סך מער, ווי מאַנכע זקנים, וואָס האָבן אָפּגעוואַנדערט א זיבעציק־יאָריקן וועג. אין חלום שיינט אונז א סעקונדע זיך צו פאַרוואַנדלען אין יאָרן. די מינוטן, ווען א מאַמע וואַרט אויף דעם קריזיס פון איר קינד, וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט, קענען ניט ווערן געמאָסטן מיט די יאָרן פון א פשוטן נשמה־צושטאַנד, ווען דאָס לעבן פליסט אָן מערקליכע שנוים אין די געוואוינליכע רעמלעך פון בעל־הבית'שע טעג און וואָכן. מאַנכע אויגנבליקן זיינען פאַר אונז מער ווערט, ווי גאַנצע קיי־לעכדיקע יאָרן, און געוויסע סעקונדן אין לעבן זיינען אַזוי שטאַרק וויכטיק פאַר אונז צוליב דער רייכער פולקייט זייערער, אַז אָפּטמאָל צערן מיר פון זיי יאָרן־יאָרן.

ניט אַלע מאָל איז אונזער גייסט און דער באַגייסטערטער געטליכער חומר מסוגל צו פילן די כסדר'דיקע ענדערונגען אין אונז און ארום אונז. עס זיינען פאַראַן בא אונז טאָג־טעגליך צייטן — למשל, די שעה'ן פון שלאָף און חלומות — ווען קיין זאַך ארום אונז און אין אונז פילט ניט קיין שום שנוי, און דענסטמאָל פאַלן פאַר אונז פאַרביי די שעה'ן ווי סע־קונדן. עס קומען ווידער פאָר בא אונז אַזוינע צושטאַנדן, ווען מיר שלאָפן מיט אָפענע אויגן, ווען די שנויים פון אונזער וועלטל ארום ווערן דערשפירט פון אונז, ווי דורך א פאַרהאַנג, ווען די ענדערונגען קומען פאָר מיט דער לאַנגזאַמקייט פון א בעל־העגלה'שן וואָגן, וואָס שלעפּט זיך אויף א פעטן ליימיקן שליאַך. דענסטמאָל שלעפּט זיך אויך פאַר אונז די צייט, ווי א בלינדע פוילע קליאַטשע, און דער חלוק צווישן אונז און דעם, וואָס כראַ־פּעט בעת מעשה אויף א באַנק, איז א גאַנץ קנאַפּער, נאָר דער, — וואָס

דער כראַפּנדיקער פּילט ניט די שווערקייט פון דער צייט, הערט ניט מיט לאַנגווײַלע און ווידערווילן די סקריפּענדיקע רעדער פון דעם זיך שלעפּנ־דיקן צייט־וואָגן.

עס איז אָבער באַ איטליכן מענטשן פאַראַן אַנ'עלטער, ווען אונזער גאַנצער מהות איז שטאַרק מסוגל צו כאַפּן אַרום אונז דעם קלענסטן שנוי, אויפצונעמען אין זיך דעם קלענסטן שאָטן, דעם שוואַכסטן זונען־שטראַל, וואָס איז פאַרבייגעפלויגן פאַר אונזערע אויגן. דאָס דאָזיקע עלטער רופט מען קינדהייט, יוגנט, און מען קען אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז אין די ערשטע צע־דליקער יוגנט־יאָרן שלינגען מיר אין זיך אַריין הונדערט מאָל מער צייט, ווי די איבעריקע, ווען מיר טראָגן זיך אין אַלערליי געשטאַלטן צו דעם לעצטן לעבנס־ברעג.

די קינדהייט, די יוגנט, די צייט, אַ פולע איבערן קאָפּ, נעמט דורך אַלע פיברען פון אונזער נשמה, זאַפּט אָן אונזער קערפּער און גוף מיט דער שטראַלנדיקער פאַרביקער וועלט, מיט שאָטנס, וואָס באַהעפטן זיך צו ליכט, מיט אַ פּלאָנטער פון אַ צעצווייגטער פינסטערקייט אין שוים פון דער ליכטיקייט. זי ווערט שפּעטער פאַר אונז דער קוואַל, דער גייסטיקער שפּייכלער, פון וועלכן מיר טוען צערן סיי אין די עלטערע יאָרן, ווי אויך אין די מיטעלערע, רייפערע.

אייגנטליך, קען מען זאָגן, אַז אַלץ, וואָס מיר טוען שאַפן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, איז ניט מער' ווי דער אויסנווייניקסטער ממשות'דיקער אויסדרוק פון דעם, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אונז אין די ערשטע יוגנט־יאָרן, וואָרום נאָר דענסטמאָל איז די כסדר'דיקע ענדערונג, ד. ה. די צייט, געווען פאַר אונז אַ פּעטע, אַ געדיכטע, אַ פולער בעכער, וואָס גיסט זיך איבער די ברעגעס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען פאַר אונז, ניט קוקנ־דיק אויף איר פויגלדיקייט, אַזאַ ממשות'דיקע זאַך, ווי די קילע ליפּעטלעך אַרום אונז, ווי דער שמייכל פון דער יונגער מאַמען.

***

מיט די יאָרן ווערן מיר טעמפּ, פילן אַלץ ווייניקער שאַרף די ענדע־רונגען אַרום. מיר קריכן אַריין ביסלעכווייז אין אַ האַרטן פאַנצער פון רגילות'ן און לעבנס־פאָרמען, וואָס טויטן אָפּ באַ אונז די חושים אויף אויפצונעמען נייע איינדרוקן, נייע געדאַנקען, אויך צו דערשפּירן די נייע פאַרבן און איבערגאַנגס־פאַרבן, וואָס טראָגן זיך פאַרביי אין דער לעבנס־פּאַנאָראַמע, וועלכע הערט ניט אויף כסדר זיך צו בייטן. אין די עלטערע יאָרן ווערט פאַר אונז דעריבער די צייט אַ שיטערע, עפּעס אַזוינס, וואָס גיסט זיך צווישן די פינגער, זיי ניט נאָס מאַכנדיק אַפילו. די ווערטער פון

קהלת: „אין כל חדש תחת השמש" (ס'קומען קיין שום נייס ניט פֿאָר אונטער דער זון) איז ניט ווייט פֿון פּסוק: „ולא המתים יהללו יה" (דער טויטער האָט ניט קיין ליב פֿאַר גאָט). און דעם טאָג, ווען מיר הייבן אָן פֿילן דעם גאַנצן אומעט פֿון קהלת'עס ווערטער, שטייען מיר שוין מיט איין פֿוס אין קבר, קומען מיר שוין צו דער מדרגה, ווען די צייט, אַ שיי־טערע, אַ דורכזיכטיקע, אַן אויסגעזויגענע קייקלט זיך איבער אונזער קאָפּ, ווי אַ לייזער מאַשינען־ראָד אָן דעם באַנד־רימען, וואָס שטויסט און באַ־העפֿט אַ ראָד צו אַ ראָד, וואָס גיסט דורך אַ לעבנס־שטראָם דורכן גאַנצן געוועריק פֿון וואַרשטאַט.

און וואָס מאָגערער און פּוסטער עס ווערט פֿאַר אונדז די צייט דענסט־מאָל — אַלץ שווערער און קלעפּנדיקער ווערט פֿאַר אונדז דער רוים. די פֿולע געדיכטע צייט גיט אונדז פֿליגל, צוליב וועלכע מיר פֿילן אויב ניט די גרויסקייט — די ברייטקייט און שווערקייט פֿון דעם רוים־חומר. צוליב דער צייט האָבן מיר כסדר דעם חוש פֿון קפֿיצת־הדרך. די נסיעה פֿון אַ יונגן גייסט איבערן ים איז קירצער, ווי מאַנכמאָל דער שפּאַצירגאַנג פֿון אַ זקן איבער די אַלעען פֿון זיין געבורטשטאָט. צוליב איר פֿאַרלירן מיר אָפּט דעם חוש פֿאַר דער משא, די פֿויגלדיקייט פֿון דער צייט מאַכט אונדז אַליין פֿויגלדיק און אינאיינעם מיט די באַפֿליגלטע באַשעפֿענישן שפּרייטן מיר זיך איבער אַ רחבֿות'דיקער וועלט, וואָס ווייסט ניט פֿון געאָמעטריע און פּלאַנימעטריע. און אַלץ ווערט צערינען אין אַ בלויזער לעבעדיקער באַוועגונג.

***

די פֿיר וועלט־קריגס־יאָר האָבן אונדז, די עלטערע, די אויסגעמאַטערטע ווידער צוריקגעגעבן די צייט. אין 1914 האָבן מיר, די 40־יאָריקע, שוין געפֿילט די שאָטנס פֿון קבר. מיר האָבן שוין מיט אומעטיקע הערצער גע־שפּירט, ווי גרעבער און גרעבער עס נעמט אַרום דער פּאַנצער פֿון רגילותן, אַלטע איינגעפּונדעוועטע שעצונגען, געגנוואַרט־ און צוקונפֿטס־פּרושים אונדזער גאַנצן אָפּגעלעבטן מענטשן. און אויך דער סקעפּטיקער האָט שוין געשפּירט, אַז זיין סקעפּסיס ווערט פֿאַרגליווערט און רוקט זיך נאָר כסדר איבערן אַלטן אויסגעגראָבענעם שליאַך. גראָד אין די דאָזיקע יאָרן האָבן אַ סך באַרימטע שרייבער, ווי שניצלער, יעקב וואַסערמאַן און אַנדערע גע־געבן דעם לעזער די טראַגעדיע פֿונם 40־ אָריקן, וואָס פֿילט, אַז די צייט האָט זיך פֿאַר אים ווי אָפּגעשטעלט, אַז עס הייבט אָן געוועלטיקן איבער אים דער חומר, די קלעפּנדיקע שווערע מאַטעריע, וואָס דרינגט אַריין אויך אין די צאַרטעסטע, לייכטעסטע געפֿילן זיינע.

דער וועלט־קריג האָט אָבער אים ווידער געמאכט יונג, דער קול פון האַרמאַטן האָט צעבראָכן דעם פּנאַצער פון די מיטעלע עלטערס, זיי זייַנען געוואָרען ווידער, ווי אין די צייטן פון דער יוגנט, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז געווען נאָר איין איינציקע שורה פון אַלערליי באַוועגונגען און ענדערונגען. די גרויסע שנויים אין אייראָפּייאישן סאָציאַלן לעבן האָבן אויך אַרויסגעטריבן די זקנות פון זייערע פאַרקנעכטעטע רליגות'ן. דער וועלט־קריג האָט צוגענומען אויך בא דעם פּאַרוויינטסטן, צערטליכסטן מפונק די שלאָף־שיך פון זיין חדר.

די מענטשהייט אין א געשטאַלט פון א סימוואָלישן אברהם האָט באַקומען דעם באַפעל: לך־לך! — גיי אַרויס פון אַלטע געוואוינהייטן, פאַרלאָז דעם אָרט, וואו דו האָסט שוין געקויפט קרקע אויף דיין משפחה־בית־עולם, ווער פאַרוואָגלט אין נייע ערטער אונטער פעלקער, וואָס דו קענסט ניט און וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געוואָלט קענען. רייס אַרויס מ ט די וואָרצלען פון דיין דמיון, פון דיין הארצן, די פאַרשטעלונגען פון אַלערליי בעל־הבית'שע געדאַנקען, צילן און שטרעבונגען, מיט וואָס דו האָסט זיך געפּראַלט, באַרימט צענדליקער יאָרן, געוואוין זיך צו בייטן דיין קוק אויף נאַציעס, קלאַסן און אפילו אויף דער פרוי, מכח וועלכער דו האָסט געהאַט אזוינע גוטע מאָטיווירטע אנזיכטן. לערן דיין פוס ווידער אוים צו שפּרייזן לייכט איבער די פאַרוואַרלאָזטע גאַסן, וואַרף זיך ווידער אַריין אין הו־הא פון א לעבן, ווען איטליכער טאָג הייבט זיך אָן מיט א נייעם פּראָגראַם, מיט א נייער אָפּשאַצונג, גרייט זיך ווידער צו א מצב, צו אַנ'עקאָנאָמישן, גייסטיקן און סאָציאַלן צושטאַנד, וואָס איז דיר אזוי ניט קלאָר, ווי דער אַלטער מצב, ווען דו ביסט נאָך געווען א סטודענט, אָדער א לערן־יינגל אין חדר, הייב אָן דעם לעבן אויפסניי, פאַרגעס אין טומל פון די אייביקע כסדר'דיקע שנויים אין ברוינזנדיקן שטראָם פון קומענדיקע יאָרן, אז דו האָסט געהאַט א נעכטן, אז דיין געצעלט איז שוין געווען אמאָל א פאַרטיקער, אז דיין נעסט איז שוין אמאָל געווען אין גאַנצן אויסגעבויט.

דער פיר־יאָריקער קריג, ניט קוקנדיק אויף אַלע געפערליכע רעזולטאַטען, האָט ווידער דעם מיטל־יאָריקן אייראָפּייער צוריקגעוואָרפן אין א צושטאַנד, ווען ער קאָן אָנהייבן שאַפן און בויען, ווען ער קאָן קומען מיט דער בחינה פון א יונגן גייסט, ווען די רו איז אַנ'עקל און ווען די באַוועגונג איז אַלץ.

עס איז ניט וויכטיק, צי וועט דער 50—40־יאָריקער קערפּער אויסהאַלטן די פאָדערונגען פון זיין צווייטער שטאַרקער יוגנט. מעג דער קערפּער צעפאַלן ווערן פון די כסדר'דיקע, גרויסאַרטיקע, האַרץ־דערפרייענדיקע, האַרץ־באַקלעמענדיקע פאָרענדערונגען, פרעגט דען דער בחור אין

זיין בחור׳שער האסט, צי לוינט די אָנשטרענגונג, ווען ער פּאַרט דורך נעכט אין אַנ׳איינגער שיפס־קאַיוטע אויף צו זען פאַר זיך אַ נייע וועלט מיט נייע מענטשן? צי קלערט איבערהויפּט דער יונגער גייסט וועגן דעם? און צי לויפט ער ניט מיט אימפּעט איבער אַ בית־עולם אויף צו טרעפן אין עק שטאָט זיין גליבטע, און מערקט אפילו ניט, אַז זיינע יונגע טריט טרעטן איבער פאַרוועלקטע קברים־בלומען?

דערביי וועלן די מיטעלע עלטערס, וואָס זיינען געוואָרן אין די 50—40 יאָר באַשיינקט מיט דער פולקייט פון דער צייט, שטאַרבן מיט עטליכע יאָר פריער, ווי דענסטמאָל, ווען זיי וואָלטן אַלע טאָג רעגלמעסיק געטרונקען זייערע קאַרלסבאַדער וואַסערן...

דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אַז זייערע פאַרלוירענע יאָרן זיינען מער ווערט, ווי די טעג, וואָס זיי לעבן דורך היינט.

ריכטיק געמאָסטן, איז אַ גוט דורכגעלעבטע צווייטע יוגנט מער ווערט ווי צוויי עלטערס, ווי אַלע מתושלח׳ס יאָרן אינאיינעם, אויך דער טויט פון אַ יוגנטליכער נשמה איז לייכטער, ווי יענער, וואָס גיסט זיך אריין אין אַ שיטערער בלינדער צייט.

פעטערבורג, סוף 1918.

1915.

אין דער פרעמד *)

I

אַלץ איז מיר דאָ פרעמד. פון דער בולקע, וואָס איך שלינג אַרונטער פרי־מאָרגנס ביים גלאָז טיי, ביז צו דער קאָלדרע, מיט וועלכער איך דעק צו באַ נאַכט מיין ליַיב, — אַלץ איז מיר דאָ פרעמד. אין דעם לעבעדיקן גלאַנץ פון זייטיקע אויגן און אין דעם וואַסערדיקן גלייכגילטיקן בליק דער־זע איך קיינמאָל ניט אַזוינס, וואָס זאָל מיר דערמאָנען אָן די מיינינקע, אָן די, וואָס וואַקלען איצט אַרום פון שטאָט צו שטאָט, פון וואוינונג צו וואוינונג.

די גאַס איז פול מיט מענטשן — קופּעסווייז שפּאַצירן אַרום די בחורים מיט די האַרמאָניקעס. די גאַנצע שטאָט ווערט פאַרהילכט פון די אומעטיקע יונג־וואוילערישע „טשאַסטושקעס" (אַזאַ מין גראַם־שטראָם), וואָס רייסן זיך אַרויס פון תּמ'עוואַטע שרייענדיקע מיילער, ווי אַ מין טרויעריק בילן אַקעגן דער לבנה; יינגלעך און נקבות שאַרן זיך ביים זייט פון די בחורים, איטלעכע מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, וואָס איז פון הינטן פאַרבונדן אין אַ קנופּ.

איך קוק זיך געניי איין אין די פּנים'ער און קאָן ניט געפינען אין זיי קיין איינציק אויסדרוק, וואָס זאָל מיר דערמאָנען אָן אַ באַקאַנטן אינווייניקסטן לעבן.

וואו בין איך דאָ? צי וואוין איך ניט צווישן גלגולים?

פון מזרח־זייט רוקן זיך אָן די שאָטנס. די שלעכט־באַלויכטענע גאַס ווערט טינקעלער און פאַרזינקט ביסלעכווייז אין אַ טיפער פינסטערניש.

---

*) אין די יאָרן 15 — 1914 האָט בעל־מחשבות געאַרבעט אַלס אַרצט אין קריגס־לאַזאַרעטן פון פּאַרוואָרפענע רוסישע שטעטלעך — קאַשין און נערעכטאַ (טווערער און קאָסטראָמער גוב.).

עס הוזשעט די פינסטערניש, הוזשעט און ברומט, ברומט און לאכט, לע־פישע סילועטן שווימען ארויף און אראָפּ, אַ קעלבענער געלעכטער פאַר־אייניקט געשוואָלענע שאָטנס און ווײַלעוווייז הערסטו אַ פאַרשטיקטע ווייך־ציטערנדיקע שטים: מאַנעטשקאַ.. מאַנעטשקאַ...

און גייענדיק אַזוי דורך דער פינסטערער גאַס, דערמאָן איך זיך מיט אַמאָל אָן די מעשה וועגן יונה הנביא, וועמען גאָט האָט אַמאָל געשטראָפט מיט אַ נאַכט־לעגער אין בויך פון אַ וואַלפיש. מיט אַ שווער געמיט פאַרבאַהאַלט איך מיך אין מײַן דאָרפיש קוואַרטירל און בײַ דער קליינער פלאַם פון אַ נאַכט־לעמפּל פּרוב איך באַקלערן די איינדרוקן פון פאַר־בראַכטן טאָג.

II

די ערשטע פאַרטיע יידישע "בעזשענצעס" זיינען געקומען: אַ יידישע סאָלדאַטקע מיט אַ הייפל קינדערלעך מיט די פינגערלעך אין די נעזלעך און מיט די הענטלעך בײַ דער מאַמעס פאַרטוך. דערהערנדיק אַ יידיש וואָרט צווישן דער לייט מיט די קאָקאַרדעס, האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און פאַרשאָטן מיט ניין מאָס רייד. וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט? צי גיט מען דאָ אַ פּאַיאָק צי איז דאָ פאַראַן אַ גאָראָדסקאַיאַ אופּראַוואַ (שטאָט־פאַרוואַלטונג), וואו מ'צאָלט אויס דעם פּאַיאָק פאַר די סאָלדאַטסקע פאַמיליעס? צי באַקומט מען דאָ כשר פלייש? און צי וועלן די יידן וואוינען צוזאַמען מיט די גויים?

צווישן די יונגערע און עלטערע סאָלדאַטקעס שאַרן זיך אַרום אַנ'אַל־טער ייד, אַ באָבעניו מיט אַ צעקנייטשטן פאַרמעטן פּנים'ל, אַ יונגער בחור'ל וואָס קאָן אַ שטיקל מלאכה און וואָס וואַרט מיט אַ ציטערדיק געמיט אויפן קומענדיקן נאָבאָר. האַלטנדיק אין איין ריידן, פאַרגעסן ניט די אָנגעלאָפּענע פונדעסטוועגן אויסצוראָמען דעם וואָגאָן פון גאַנצן סקאַרב זייערן, צווישן קישנס, פּערינעס און קאָלדרעס שטאַרצט אַרויס אַ צעבראָכן ביינקל און ס'שיטן זיך די בלעטער פון אַלטע אָפּגעריסענע סדורים, מחזורים און חומשים. אַרום דער פאַרטיע אָנגעלאָפענע איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ באַריקאַדע פון אַנ'אַרים בעל־הב'תישקייט, וואו יעדער טשוואָק איז טייער און וואו אַלץ איז אַזוי אָרים, אַז עס איז קיין חלוק ניט, וואָס דו שלעפּסט מיט זיך פון שניפּישאָק קיין קאַסטראָמאַ: צי אַ צעריסענע קאָל־דרע, אַ צעבראָכענעם פאָלומישאַק, אַ פאַרראָסטן טשוואָק, אָדער אַ צע־ריסענעם סדור אָן אַ טאָוול און אָן אַ פאָדער־בלאַט.

איך שטיי נעבן דעם בערגל זעמדלעך, וואָס אַ בייזער ווינט האָט זיי איינצלווייז אָנגעטריבן אין ערגעץ אַ העק, און פיל זיך אַפּהענטיק צווישן זיי, ווי דער אָרעמסטער צווישן די אָרעמסטע. און ווען פון מיין הארצן האָבן זיך געריסן צו זיי ווערטער פון טרייסט, האָב איך געפילט, אַז דאָס טרייסט איך מער זיך, ווי זיי.

„ברידער און שוועסטער" — האָב איך זיי געפּרובט באַרואיקן, — „זייט וויסן, אַז איר זייט געקומען אין אַנ'אָרט, וואו עס שלאָפט אַ פּאַר־כשופ'טער ריז. ווער עס האָט נאָך הענט, באַ וועמען עס איז נאָך ניט אָפּ־געשטאָרבן דער רצון צו אַרבעטן, וועט דאָ געפינען גענוג מיטלען און וועגן זיך ווידער צו שטעלן אויף די פיס. פאַרגעסט אָבער ניט, אַז אין דעם פאַרשלאָפענעם מקום האָט מען ניט ליב דעם קאָך און דעם ברען פון אונזער ליטווישן לעבן, וואו די מורא'דיקע קאָנקורענץ האָט געמאַכט פון אייך צערודערטע, אָנגעוויטאַקטע ברואים, באַ וועמען עס פאַרמאַכט זיך ניט דאָס מויל אויף אַ רגע און באַ וועמען די הענט און די פיס זיינען שטענדיק גרייט צו כאַפּן און לויפן, ווי אין די טעג פון אַ שרפה. יידן! די ערשטע פּאָר וואָכן פון אייער זיין דאָ וועלן מיר אייך געבן אַ דירה, עסנווארג און ווארימקייט. מיר וועלן זיך מיען, אַז אייער אויסגעמאַ־טערטער גוף זאָל זיך אויסרוען פון די איבערגעלעבטע יסורים. מיר וועלן זוכן פאַר אייך אַרבעט און אייך באַהילפיק זיין מיט עצות, אָבער לאַנג טראָגן אייך אויף די פּלייצעס קענען מיר ניט און מיר טאָרן נים. איט־ליכער פון אייך וועט און מוז געפינען פאַר זיך אַ באַשעפטיגונג. וואָ־רום — זייט נאָכאַמאָל וויסן' — באַ אַלע אייערע צרות זענט איר פאָרט דאָ די וואַכע צווישן די דרעמלער, די ענערגישע צווישן די שלאָפע. פאַר־געסט ניט אַ רגע, אַז דאָס, וואָס האָט מיט אייך היינט פּאַסירט, איז שוין ניט איינמאָל פאָרגעקומען אין אונזער לאַנגער געשיכטע. גאָט האָט אונז געבענטשט מיט שכל און מיט דעם כח זיך איינצופלאַנצן אומעטום אין דער וועלט. פאַרגעסט ניט, אַז מיר זיינען יידן, און איר ווייסט דאָך, אַז אַ ייד ווערט אַפילו אין וואַסער ניט דערטרונקען. אונזער געשיכטע הייבט זיך אָן דערמיט, וואָס משה האָט געשפּאָלטן פאַר אונז דעם ים־סוף".

III

אויף די פאַרצערטע פּנים'ער האָט אַ בליאַסק געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אָן אַ שטיקעלע האָפנונג. איך ווייס ניט, צי מיינע ווער־טער האָבן געהאַט די ווירקונג, וואָס איך האָב געוואָלט דערגרייכן, באַ מיר אָבער זיינען די ווערטער געווען ניט קיין פּוסטער דרוש.

וואָס לענגער איך לעב אין דער פרעמד, אַלץ קלאָרער ווערט מיר, ווי

ברייט און רייך דאָס פעלד איז פאַר ענערגישע הענט, וואָס קומען מיט דער דעה צו אַרבעטן. צענדליקער פּראָפעסיעס, וואָס האָבן קוים געגעבן זעט אין תחום, קאָנען דאָ געבן אַ שיינע חיונה איטליכן, וואָס וועט נאָר האָבן די געדולד צו אַרבעטן די ערשטע צייט, ניט האָפנדיק אויף באַלדיקער עשירות. טויזנטער שטעט און שטעטלעך פאַרמאָגן נאָך ניט ביז היינ־טיקן טאָג קיין איינציקע וועשעריי, האָבן קיין איינציקע רעכטע בעקעריי, פאַרמאָגן ניט קיין איין האָטעל, וואו מען זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן און זיך אויסשלאָפן אין אַ גוטער, ריינער בעט, האָבן נ ט קיין רעכטע פור־לייט, וואָס זאָלן רעגלמעסיק פירן און אָפּפירן צו דער באַן, האָבן ניט קיין רעסטאָראַנען, וואו מען זאָל קאָנען אָפּעסן אַ מיטאָג.

און עס איז אַ טעות, ווען מען מיינט, אַז אין אַלע די גיטיקייטן איז ניט פאַראַן דאָ אַ באַדערפעניש. ווער עס הערט זיך צו צו די שמועסן פון די שטאָט־לייט אין די אויעזדנע שטעט, וועט באַלד זיך איבערצייגן, אַז די באַדערפענישן פון אַ לייכטערן, באַקוועמערן לעבן זיינען שוין לאַנג פאַראַן. מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז איטליכע אויעזדנע שטאָט האָט אַ גאַנצע רייע מלוכה־אַנשטאַלטן מיט אַ גאַנצע מחנה אָנגעפּאַרענע טש נאַוווניקעס, לע־רער, לערערינס, שילער און שילערינס. און ווען די אָנגערופענע פּראָפע־סיעס זיינען נאָך ניט אַנטוויקלט ,האָט מען דאָס דערהויפּט צו פאַרדאַנ־קען דעם שוואַכן אונטערנעמונגס־גייסט פון די איינוואוינער, און זייער נטיה זיך גיך און אָן מי צו באַרייכערן בא איטליכער קליינער אונטער־נעמונג.

IV

שוואַך פלאַקערט די פלאַם פון נאַכט־לעמפּל. אין האַרצן באַווייזט זיך אַ טרייסט. איך טראַכט:

„דער אויבערשטער באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. גרויס איז די וואונד, וואָס האָט צעריסן דאָס לייב פון יידישן אָרגאַניזם, אָבער די רפואה איז נאָך באַשאַפן געוואָרן אַ סך חדשים פריער, איידער מיר זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן פון אונזערע איינגעזעסענע ערטער. דאָס, וואָס מען האָט אָפּגעשאַפט די שכרות אין לאַנד, איז איינע פון די גרעסטע הייל־מיטלען פאַר'ן יידן, וואָס פּרובט זיך איינוואָרצלען אין די ערטער, וואָס זיינען נאָך געוועזן פאַר אונז גאָר ניט לאַנג דאָפּלט פרעמד. דער פּויער, וואָס שכור'ט ניט, וועט ווערן מיט דער צייט אַ גוט קונד, זיינע באַ־דערפענישן, וואָס זיינען שוין היינט אַ סך מער, ווי אַמאָל, וועלן שטייגן פון יאָר צו יאָר און איטליכער, וואָס וועט ממלא זיין ערליך זיין פאַר־לאַנג, וועט ניט אַרבעטן אומזיסט. מען מעג באַקלאָגן פון גאַנצן האַרצן

די אַרט און ווייזע, ווי מען האָט געעפנט פאַר אונז די טירן פון אויסערן תחום, אָבער מען מוז ערנאָך מודה זיין, אַז גראָד איצט, ווען דאָס גאַנצע לאַנד הייבט אָן צו לעבן אַ מער באַוואוסטזיניקן און אַ ניכטערן לעבן, איז דער שעת־הכושר, ווען מיר יידן, די נייע עמיגראַנטן, באַקומען די מעג־ליכקייט אָנצוווענדן אונזערע פּראָדוקטיווע קרעפטן אויפן בעסטן אופן. די מלחמה וועט ניט אייביק דויערן, עס וועט קומען אַ צייט, ווען די אַרבעט פון אונזערע יידישע אָגאַניזאַציעס וועט האָבן פאַר זיך פיל ברייטערע און פּראָדוקטיווערע צילן. חוץ אַ דאַך, עסנווארג און וואָרימקייט — וועלן זיי אָנהייבן צו פאַרזאָרגן די בעזשענצעס מיט די נויטיקסטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען פאַר די נייע וואַרשטאַטען, בעקערייען, וועשערייען און קאָנסום־חברות, אַרטעלן און דאָסגלייכן.

וואָרום חוץ דער ערשטער רפואה שאַפט בּאַ אונז דער אויבערשטער אַ צווייטע רפואה, אפשר די ווירקזאַמסטע, וואָס קאָן נאָר פאַרלאַנגען פאַר זיך אַ צעשפּרייט פאָלק. אין דעם יאָר פון דעם גרויזאַמעם וועלט־קריג האָבן די רוסישע יידן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אָרגאַנזאַציאָנס־קראַפט. דער קינפטיקער היסטאָריקער וועט זיך ניט גענוג קאָנען אָפּוואונדערן, פאַרגלייכנדיק דעם שלעפּנדיקן גאַנג פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין 1913, און אין די יאָרן 1914—15. אונזער אומגליק האָט מיט אַ וואונדערבאַרער קראַפט אויפגעוועקט דאָס גאַנצע יידנטום אין רוסלאַנד. מיר מעגן איצט מיט שטאָלץ אויף די ליפּן און מיט האָפנונג אויף ווייטער זאָגן:

— מיר זיינען אָרגאַניזירט.

דער, וואָס פאַרגלייכט דעם קאָוונער צוזאַמענפאָר פאַר עטליכע יאָרן, ווען דאָס רוסישע יידנטום האָט זיך געפּרובט אָרגאַניזירן, ביז צו דעם לעצטן קאָמיטעטל אין אַ רוסיש שטעטל, וואו עס וואוינען 3—4 יידישע פאַמילעים — הייבט אָן צו באַגרייפן, וואָס פאַר אַ גרויסן טריט מיר האָבן געמאַכט אין זין פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. איטליכער ייד, וואָס האָט ניט פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו זיין פאָלק, פילט איצט מיטן גאַנצן הארצן, אַז ער מוז אָנטייל נעמען אין דעם נייעם עמיגראַציאָנס־שטראָם פון די יידישע מאַסן. און צוגלייך, זיינען מיר אַ דאַנק דער גע־דאַנקען־אַרבעט פון די לעצטע 25 יאָר גענוג אָנגעפּראַקטיקירט, אום צו וו סן, אין וואָס עס באַשטייט איצט די ערשטע און די נויטיקסטע פּראַק־טישע אַרבעט. אין פאַר קיינעם איז שוין איצט קיין ספק ניט, אַז דער אידעאַל פון קומענדיקן תושב אויסער דעם תחום איז ניט דער קרעמער, ניט דער לופט־מענש, נאָר דער פּראָדוקטיווער אַרבעטער, דער פּראָפעסיאָ־נאַל, קורץ און גוט — דער יעניקער, וואָס איז מער פאַכמאַן, ווי פאַר־מיטלער.

V

עמיצער קלאפט אן אין פענסטער.

„לאזט אריין איבערנעכטיקן“, הערט זיך א שטים פון א פויער. דאס איז ער געקומען אין שטאט באגלייטן זיין זון צו דער באן, וואס איז אוועק אין לעצטן נאבאר.

טויזנטערווייז זיינען זיי דא אהער געקומען. אלע טראקטירן זיינען שוין דא פול, פאר־פול. ער האט געוואוסט, אז ער וועט ניט האבן וואו איבערצונעכטיקן, ווען גוטע לייט וועלן אים ניט ארייננלאזן צו זיך. פונ־דעסטוועגן האט ער זיך ניט באזארגט בא־צייטנס מיט א נאכט־לעגער.

און ווידער האב איך זיך דערמאנט אן דעם פאר'כשופ'טן ריז, וואס לעבט אפ זיינע יארן אן גרעסערע דאגות אין אנ'אייביקן דרעמל.

א מת מצוה.

I

די פעלדשערקע פון דעם זעמסקן שפיטאל, א רויטע מויד מיט בלויע אויגן און עטליכע מנינים שווארצע פינטעלעך אויף די באקן, באגעגנענדיק מיך איבער דער גאס, האט מיר אנגזאגט די בשורה' אז בא זיי אין שפי־טאל איז היינט געשטארבן א „בעזשענעץ“, דוכט זיך, א ייד, ער הייסט לייבע בעזש, פון ווילנער גוברניע. נעכטן האט אים דער באן־פעלדשער ארופגענומען אויף דער סטאנציע פון א פאיעזד מיט בעזשענצעס און, שוין כמעט א געשטארבענעם געבראכט אין זעמסקן שפיטאל.

בין איך אוועק צום איינציקן תושב פון שטעטל, זיך בארעטן, וואס טוט מען? צי וועט מען דעם בר־מנן ניט דארפן פירן קיין קאסטראמא, וואו עס איז פאראן א יידישער בית־עולם?

ווייזט זיך אבער ארויס, אז אין שטעטל האט מען מיט 25 יאר צוריק אפגעגעבן א שטיקל קרקע פאר א יידישן בית־עולם, און פירן דעם מת קיין קאסטראמא איז ניט נויטיק.

פרעגט זיך אבער: ווער וועט נייען די תכריכים, וואו וועלן מיר נעמען קברנים און אביסל יידן אפצוגעבן דעם נפטר זיין רעכט? פון א זעקל ארץ־ישראל־ערד האבן מיר זיך שוין, פערשטייט זיך, אפגעזאגט.

האט אבער דער אויבערשטער מיט אונז חסד געטאן און מיט צוויי טעג פריער צוגעשיקט אין שטעטל עטליכע צענדליק בעזשענצעס, שיינע

יידן, חלילה, ניט קיין בעלי־מלאכות, פיינע יידן מיט בערד, יידן געוואוינטע צו צרות און אפילו איינער א זקן, וואס איז שוין, לא עליכם, טויב אויףביידע אויערן, א ייד, וואס איז געווען כל ימיו אין זיין שטעטל א חשוב'דיקער מענטש אין זיין חברה קדישא.

דערנאך, ווי מיר זיינען אריין אין דעם מקום מקלט פאר די אנגעלויפענע און זיי דערציילט, אז מיר האבן א נפטר, איז די שטוב געווארן יידישלעך לעבעדיק.

„השגחת הבורא איז גאר ניט אפצושאצן" — האט מיט התפעלות גערעדט איינער א זקן מיט א גרין־גרויער באָרד, — "צווישן אונז דא האט איר א דריי־פיר חברה־לייט, און אט בא דעם יידן געפינען זיך צוויי טליתים, און אט דער טויבינקער וועט אייך מיניה וביה אויפנייען א שיינע פאר תכריכים. מיר וועלן מאכן דעם מת א קבורה, הלוואי אויף מיר געזאגט געווארן".

און אזוי ווי דער אלטער האט געזאגט, איז טאקע מקוים געווארן. בא איין בעזשענעץ האבן מיר גיך אפגע'עוסק'ט אנ'אלטן פיין־פארלאטעטן טלית, באלד האבן זיך עטליכע ווייבער מיט יידן גענעצט נייען תכריכים, אין א פאר שעה ארום זיינען שוין געשטאנען א פאר מנינים יידן אין דער האלבער טונקלקייט פון אוונט אין ווייסן שניי בא דעם שטעלכל פון זעמסקן שפיטאל, וואו מען טראגט ארויס די געשטארבענע.

II

די אפגעצוימטע שטיקל קרקע, וואס האט שוין 25 יאר ניט צוגענומען קיין מת, ליגט א פאר וויארסט הינטער דער שטאט' ניט ווייט פון א דארף, בא א זייט פעלד, נעבן וועלכן עס פרירן א הייפל ארעמע באשנייטע בוימלעך. עס פירט צו איר ניט קיין וועג און קיין שטעג. דער וואגן, וואס האט געפירט דעם מת, האט זיך געמוזט אפשטעלן פון דערווייטנס, אבי נור ניט דערטרונקען צו ווערן אין דעם אנגעוואלעטן שניי. און די בעזשענצעס, וועלכע וואלגערן זיך שוין ארום פון מאי מאנאט אין פארשידענע שטעטלעך, האבן מיט סכנת־נפשות, טרינקענדיק זיך ביז צו די קני, געטראגן דעם ארון אויף זייערע אויסגעמאטערטע פלייצעס.

„א מת־מצוה, אנ'אמת'ער מת־מצוה" — האבן די חברה־לייט אונטערגעמונטערט די פאר יונגעלייט, וואס האבן אויך צוגעלייגט א פינגער צו דער פרומער טרחא. דאס פארלאזן בית־עולמ'ל, וואו עס שטייט נור איין איינציקע מצבה, ווי דער איינציקער צאן אין די דזשאסלעס פון א זקנה, און וואו עס ליגן נאך עטליכע הייפלעך ערד איבער די קעפלעך

פון פרי־געשטאָרבענע עופה'לעך, האָט באמת געמאָגט מיינען, אז בלע המות לנצח, אז דער פעטער ר' טויט האָט זיך גענומען פאַר אַ שענערער מלאכה...

אַ נידריקער בלייערנער הימל, פון וועלכן עס טראָגן זיך ווייסע נאַסע שנייעלעך, אַ ווייט־ברייט פעלד, וואָס שלאָפט אונטער אַ געדיכטער ווייסער פערינע; אַ קופקע פויערלעך מיט דאָרפישע מיידלעך, וואָס קוקן מיט שרעק און נייגיר, ווי "זיי, די יידן", זיינען מקבר "זייערע" מתים; אַ הייפל טונקעלע סילועטן, מיט עטליכע ליכט אין די הענט, וואָס באַלייכטן אַ טיפן קבר, וועלכער איז שוין האַלב פאַרשאָטן מיט שניי... אַלע ווײַלע פאַלט אריין אין דעם פלאַם פון ליכט אַנ'אויסגעמאַטערט יידיש פּנים, אַנ'איינגעבויגענער רוקן, אַ פוס, וואָס איז האַלב פאַרטרונקען אינ'ם ווינטערדיקן מבול. איך שטיי באַ דער זייט און קוק אויף דעם הייפל מענטשן, וואָס זיינען זיך מתעסק מיט אַזאַ ענערגיע ארום אַ נפטר, און פאַרשידענע געדאַנקען, ביטערע און זיסע פליען דורך מיין מוח. איך טראַכט וועגן נפטר, וואָס האָט די לעצטע מאָנאַטן דורכגעלעבט שבעה מדורי גיהנם, וואָס איז אַנ'איינזאַמער, אַ פאַרוואָגלטער ערגעץ־וואו אין אַ העק געשטאָרבן אונטער פרעמדע אויגן, אונטער פרעמדע אויערן (ער האָט נאָך געדעדט פאַר'ן טויט, נאָר קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען קלאָר זיין שפּראַך — האָט מיר דערציילט די פעלדשערקע, — קוים איז אים געלונגען צו געבן צו פאַרשטיין, אז ער איז אַ ייד און אז ער הייסט לייבע בעזש). איך טראַכט וועגן דעם, אז דער טויט פון אַ יידן, ווער דער ייד זאָל ניט זיין, קומט קיינמאָל ניט פאַר אָן מענשן, אָן אייגענע און זייטיקע, אָן אַ קרעכץ, אָן דעם מיטגעפיל פון די אַרומיקע.

„לעבן זאָל מען צווישן גויים, אָבער שטאַרבן זאָל מען צווישן יידן". — דריקט זיך אויס דאָס פאָלק האַלבע ערנסט, האַלב איראָניש.

אַ ייד וויל ניט שטאַרבן, ווי אַ חיה, אין וואַלד. דער ייד פילט צו שטאַרק די ווערדע פון אַ מענשליכן לעבן, אז ער זאָל מזלזל זיין אפילו מיט אַ רגע פון זיין קיום, אפילו מיט דער מינוט פון זיין גסיסה.

און ווי ביטער עס האָט געמוזט זיין לייבע בעזש'ן אויפ'ן הארצן, ווען אַ רגע פאַר זיין טויט, האָבן געקוקט אויף אים גלעזערנע תמ'עוואַטע אויגן און פנים'ער, פאַר וועלכע ער האָט זיך שטענדיק געשראָקן, צו וועלכע ער האָט קיינמאָל קיין צוטרוי ניט געהאַט.

און ווידער טראַכט איך: אויב עס איז אמת, ווי מאַנכע אַבערגלויבישע מענטשן זאָגן, אז דער נפטר איז נור טויט פאַר אונז, אָבער ניט פאַר זיך, — וואָס פאַר אַ טרייסט איז דאָס פאַר לייבע בעזש, וואָס גאָט

האָט אים באַשאָנקען אין דער לעצטער רגע מיט דעם גאַנצן קלאַפּערנעציינג, וואָס איז נויטיק אַ יידן אין דעם טאָג, ווען ער געזעגנט זיך אָפּ מיט דער וועלט.

III

מיינע געדאַנקען קערן זיך אָפּ פון אָפּענעם קבר און איך באַטראַכט דעם הייפל ניי־אָנגעקומענע יידן, וואָס שאַנעווען ניט זייערע קרעפטן און געזונט אויף אָפּצוגעבן זיין רעכט אַ פרעמדן מת.

וואָס פאַר אַ לעבעדיקייט, וואָס פאַר אַ זיכערקייט און ענערגיע זיי האָבן אַרויסגעוויזן דעם היינטיקן טאָג...

דאָס שטייען פאַר מיר ניט אַ געוויסע צאָל יידן, נאָר דער גייסט פון אַ פאָלק, וואָס איז שטענדיק דער אייגענער, צי אין גוטע, צי אין שלעכטע צייטן. פאַרוואָגלט אין דעם דרייפאַכן קאַלטן קלימאַט, פון פראָסט פרעמד־קייט און ניט גינסטיקייט, שטייען זיי איצט בײַ אַ קבר־ישראל מיט דער ערנסטקייט, רואיקייט און געלאַסנקייט פון אַלטע איינגעזעסענע בירגער פון אַ פאָלק, בײַ וועמען עס שלאָפן הינטערן רוקן די פאַרזייטע פעלדער און די געפלאַנצטע וויינגערטנער.

ווי ביזטו רואיק, איידל און שיין, מיין פאָלק, אין די צייטן׳ ווען עסריידן אין דיין האַרצן די שטימען פון דיין פאַרגאַנגנהייט! ווי ביזטו צערודערט, צעווייטאָגט און מיאוס אין אַלע דיינע באַוועגונגען, ווען דו גייסט אַרויס פון דיין בית־המדרש־שטח אויפן פרעמדן מאַרק מיט דער דעה, צו דעראַקערן אַ שטיקל חיונה!

אָט שטייט ניט ווייט פון מיר דער שוסטער, אַ בעזשענעץ פון... נעכטן האָב איך אים געזען, זיך אָפּגיסנדיק מיט שוויים פון שלעפּן אַ זאַק אַלטע שטיוול, וואָס ער רעכנט אויסצושטעלן אויפ׳ן מאַרק, ווי עס איז פאַריכטערהייט. וואָס פאַר אַנ׳עלנט פּנים ער האָט געהאַט, און ווי פאַרמאַטערט ער האָט דאָס אויסגעזען, שטייענדיק מיט׳ן זאַק סחורה אויפ׳ן וואָלגער פאַראָם! איצט שטייט ער בײַם קבר, און מיט אַ געזיכט, וואָס רעדט אַ סך מער, ווי מאַנכע בילדער פון אונזערע מאָלער, זאָגט ער אַ קאַפּיטל תהלים, אַריינלייגנדיק אין איטליכן פּסוק אַ טיף געפיל און דעם גייסט פון אַ מענטשן, וואָס האָט "פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן פון גאָט׳ס שטראָף"...

IV

דער קבר איז פארטיק. דעם לעצטן הייפל ערד פאריכט מיט דער לאָפּעטע. אָפּגעזאָגט דעם לעצטן קאַפּיטל תהלים. די פּאָר מנינים יידן, וואָס גייען מיט שווערע טריט אהיים, זיינען אין הארצן צופרידן. אינגאנצן צוויי טעג, ווי זיי זענען דאָ, און די השגחה האָט זיי שוין צוגעשיקט אזא זעלטענע מצוה, א מת־מצוה. אָבער דער וועג פון בית־עולם צו דער שטאָט ווערט קירצער און קירצער. זיי דערמאָנען זיך אָן דער „היים“ זייערער, וואָס ווארט אויף זיי אין דעם מקום־מקלט. דאָס בעטגעוואנט איז דאָ — אָבער קיין בעטן זיינען ניטאָ. די געניטקייט צו פירן א מסחר איז דאָ, — אָבער עס איז ניטאָ דער אָרט און די מזומנים, וואו מען זאָל קאָנען מסחר'ן. די פּאָר קאָפּיקעס קצבה איז דאָ, — אָבער ווי לאנג וועט דאָס נאָך זיין? און עס כאפּט אָן א גרויל ביים געדאנק, אז א לאנגע קצבה קאָן מאכן פון א יידישן קרעמער אַנ'אייבי'קן אָרעמאן.

דער לעבעדיקער שמועס אָנפאנגס וועג ווערט שווערער און לאנגזאמער. עס רייסט זיך צייטנווייז ארויס א קרעכץ פון שטילע פארמאכטע ליפּן.

"מען דארף גאָר גיין דאוונען ערגעץ־וואו מעריב" — זאָגט עמיצער מיט א ניט פריילעכער שטים.

און ווען דער ייד „כאפּט“ ניט אָפּ א מעריב, נאָר ער זוכט אים אליין אויף, — איז א סימן, אז די וועלטליכע עסקים זיינען בא אים גאָר ניט מהודר'דיק.

נאָוועמבער 1915.

1917.

צוויי רעוואָלוציעס.

אַלץ אין דער וועלט האָט זיך זיין מזל, אַפילו אַספר־תורה אין אָרון־קודש. די רוסישע רעוואָלוציע איז ניט געקומען אין אַ מזל'דיקער שעה. וואָלט כאָטש די דאָזיקע בת־מלכה געקומען אין 'ערשטן יאָר פון דער מלחמה, ווען דער יקרות איז נאָך ניט געווען צו פילן, ווען די אייזנבאַנען האָבן נאָך ניט געהאַט אַזוי פיל קראַנקע לאָקאָמאָטיוון, ווען אַ טאָפּ קוילן האָט נאָך ניט געקאָסט אַזוי טייער, און ווען מיר האָבן נאָך געהאַט גענוג ברויט אין די שייערן אויף צו שפּייזן דערמיט ענגלאַנד, פראַנקרייך מיט פּערסיען, ווען די האָפנונג אויף אַ נצחון צוזאַמען מיט די פאַרבינדעטע איז נאָך געווען אַזוי פריש!

דאַרף זי אָבער קומען אין אַזא צייט, ווען דער גאַנצער רוסישער רעגירונגס־אַפּאַראַט האָט שוין געסקריפּעט מיט די לעצטע קרעפטן, ווען דער יקרות איז שוין געווען ניט אַריבערצוטראָגן, ווען אַלע עקאָנאָמישע כחות פון לאַנד זיינען שוין געלעגן אין חלשות, ווען די האָפנונג אויף אַ פאָלקאָמענעם נצחון איז שוין פאַרוועלקט געוואָרן, ווי די בלימלעך אויף די פעלדער.

מיט וואָס פאַר אַ בענקעניש, מיט וואָס פאַר אַ ליבע מען האָט אויסגעקוקט אויף דער בת־מלכה'ס טריט.. מיט וואָס פאַר אַ באַהאַלטענעם נחת מען האָט פאַראויסגעזען, ווי נור דער קריג האָט זיך אָנגעהייבן, דאָס קומען פון דער לאַנג־אויסגעווינטשטער רוסישער רעוואָלוציע... מיט וואָס פאַר אַ בטחון מען האָט אָנגענומען אויף זיך אַלע צרות, פילנדיק פאָראויס, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט אונז אָפּגעבן צענפאַך, וואָס נעמט איצט צו בא אונז דער שרעקליכער וועלט־קריג.

איז זי אָבער געקומען אַ ביסל צו־שפּעט, אָדער אַ ביסל צו פרי. וואָרום, ווען די רוסישע רעוואָלוציע וואָלט געקומען אַ פּאָר חדשים נאָכ'ן קריג, וואָלט זי געווען אַ מזל'דיקע.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז, ווי באַקאַנט, געבוירן געוואָרן אין אַנ'אמת מזל'דיקער שעה. די ערשטע צוויי יאָר פון איר צערטליכער זויגלינגס־צייט האָט פראַנקרייך ניט געפירט קיין קריג מיט קיינעם, און איז פון אויסווייניק געווען געזיכערט. צוויי יאָר זיינען אַוועק, איידער

פאריז האָט דערשפירט די שרעקנס־צייט פון אַנ׳אמת׳ן יקרות. און בעת עס האָט זיך אָנגעהייבן דער טעראָר, איז שוין געווען די ארמיי כמעט דיס־ציפּלינירט, און האָט שוין געקאָנט פארצייכענען אירע אַלטע זיגן.

די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט אָבער נאָך ניט באוויזן זיך אָנצור־פרייען מיט די רויטע פאָנען, ווי עס האָט זיך שוין אָנגעהייבן די צערוי־דערונג. נאָך איידער מען האָט זיך אויסגעלערנט דעם נגון פון דער מאַר־סעליעזע, האָט זיך שוין אָנגעהייבן די אימת־מות פון די סאנקילאָטן, וואָס טראָגן ניט קיין פריגישע יארמלקע, נאָר אַנ׳אָפּגעריסן יוניש היטל.

די רוסישע רעוואָלוציע איז געקומען צו אַ שווער־קראַנקן פאָלק, וואָס האָט נאָך אין די לעצטע דריי יאָר אויסגעשטאַנען אַ ספּעציעלע גע־פערליכע קריינק פון אַנ׳אייראָפּייאישער מלחמה. דאָס רוסישע פאָלק, וואָס איז צוליב זיין קנעכטשאַפט שוין אַזוי אויך געווען אַ צעשטערנדיקע פול־ווער־פאַס, איז צוליב דער מלחמה געוואָרן נאָך מער אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי אויפרייס־שטאָפן. און מיט דעם ערשטן פריידן־געשריי "פריי־הייט", האָט ארויסגעפלאַצט אַ פייער־שפייענדיקער וואולקאַן, וואָס קאָן באַגראָבן אונטער זיך ניט נאָר אַ דריי־הונדערט־יעריקע צארישע דינאַס־טיע, נאָר זיך אליין, דעם אמת׳ן צאר פון דער רוסישער מדינה, דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק. דערווייל זעט מען נאָך ניט אין דער רוסישער רעוואָלוציע די אמת׳ע טרעגער פון אַ בויענדיקע קראַפט. וואָרום דאָס הייפל אמת׳ע דעמאָקראטן, וואָס ריידן אין נאָמען פון דער דעמאָקראַטיע, זיינען פארטרעטער פון אַ דעמאָקראַטיע, וואָס איז גיכער, לויט קערענסקי׳ס ווער־טער, „אַנ׳אַרמיי פון צעבונטעוועטע שקלאַפן", איידער אַ פאָלקס־אָרגאַ־ניזם, וואָס בוויט באוואוסטזיניקערהייט זיין צוקונפט, מעג דאָס בויען מיט בלוט און אייזן, אָבער זאָל דאָס בויען.

און אויך די בורזשואזע קרייזן ריידן ווענן זאַכן און ווענן מענטשן, וואָס עקזיסטירן כמעט ניט אין דער רוסישער מלוכה. סיי די דעמאָקראַטיע, ווי די בורזשואזע קרייזן אין רוסלאַנד זיינען ניט מער ווי אַ מעוט אין דער גרויסער, גרויסער מאַסע פון די אומוויסנדיקע און אומבאוואוסטזיניקע־ וואָס פארשטייען דאָס וואָרט „פרייהייט" אין דעם זין, אַז מען מעג זיך מיט די שמוציקע שטיוול ברייט צעלייגן אויפ׳ן טיש.

די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס וויל זיין אַ דעמאָקראַטיש־ סאָציאַליס־טישע, איז געקומען אין אַ לאַנד, וואו עס איז נאָך ניט אויסגעוואַקסן ניט דער קאַפּיטאַליסט, ניט דער ארבעטער, — און דערום בלאָנדזשעט זי, ווי אין אַ מדבר, זיך ווארפנדיק, ווי אַ קראַנקע אויפ׳ן קדחת־בעט און קאָן ניט געפינען קיין תקון פאַר איר פרייהייט־נשמה.

אויגוסט 1917.

די וועגט האבן אויך מיילער.

אמאל, אין אלטן רוסלאנד, האבן די ווענט געהאט אויערן. היינט — אין באנייטן רוסלאנד, — האבן זיי דוכט זיך מיילער באקומען.

וואו דו גייסט און שטייסט, הערסטו נאר ריידן. עס איז ניטא א פלאץ און וואסער ס׳איז שטח׳ל, וואו מען זאל ניט שטיין און ריידן. עס ריידן די דענקמעלער אויף די גאסן, עס רעדט איטליכע טון אויף דער גאס, עס גיסן זיך דבורים פון איטליכן דעכל אויף א בודקע פון אמאליקן גאראדאוואי. און קומט איר אהיים נאך דעם מבול ווערטער, וואס האבן זיך געגאסן פון איטליכן שפאלט, ריידן צו דיר די ווענט, וואס האבן נאך גאר ניט לאנג געהאט בלויז אויערן.

די מעשה מיט דער איצטיקער רעוואלוציע אין רוסלאנד דערמאנט מיר דעם באקאנטן יידישן אנעקדאט, ווען א קליינשטעטישער שדכן האט גענומען צוריידן אנ׳אלטן בחור צו א שדוך. מיט די שענסטע פארבן מאלט ער אים די גוטיקייט פון א ווייב האבן. ער געפינט ניט קיין ווערטער אויסצומאלן דאס פארגניגן און דעם נחת פון חתונה־האבן, און פארענדיקט די שיינע מגילה מיט די ווערטער:

„דו קומסט אהיים א מידער, א הונגעריקער, באגעגנט דיך א שיין ווייבל׳ גרייט צום טיש, צינדט אן א לאמפ, רוקט דיר צו א שטול, גיט דיר א גלעט און הייבט אן מיט דיר בנעימות׳דיק צו ריידן. און רעדט, און רעדט, און רעדט, און רעדט... אי וואלט זי כאטש, רבונו של עולם, שטום געווארן".

מיט וואס פאר א פרייד מיר האבן באגעגנט די ערשטע טעג פון דער רעוואלוציע! ווי גליקליך עס האבן זיך געפילט אויך די, וואס האבן שוין פארלוירן איטליכע האפנונג אויף עפעס גוטס אין לעבן.

האט אבער אנגעהייבן די בת־מלכה צו ריידן, און זי רעדט, און זי רעדט און רעדט: אי וואלט זי כאטש אויף א רגע שטום געווארן! ווייניקער גערעדט און מער געארבעט פאר דער בעל־הבית׳ישקייט.

דאס לאנד איז אין געפאר, און אלע נאציעס, וואס זיינען פאליטיש און היסטאריש פארבונדן מיט׳ן לאנד, געפינען זיך אין דער אייגענער סכנה.

„די צעפאַלנקייט פון לאַנד שטייגט אריבער די אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטן, וואָס ווילן עס צונויפשטעלן אויף א בעסערן טיף דעמאָקראַטישן אופן — און דער עולם פאַרכלאַבעוועט זיך מיט רייד און ווערט ניט מיד און מאַט צו גיסן מיט א מבול ווערטער.

און ניט בלויז אין גרויסן רוסישן לעבן האָבן וועגט באַקומען מיילער. אויך אין אונזער לעבן האָבן די ווענט פּראָגרעסירט. דער שענסטער באַווייז איז דאָס, וואָס שוין צוויי מאָנאַטן, ווי מיר האָבן די מעגליכקייט זיך צו אָרגאַניזירן אלס דאָס אַל־יידנטום פון רוסלאַנד, און ס'איז נאָך די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט ניט אָנגעהייבן געטאָן צו ווערן. און ווען דער קומענדיקער מאָנאַט מאַי, וואָס וועט אָרגאַניזירן אזוי פיל צוזאַמענפאָרן, וועט ניט ברייגגען דערצו, אז דער עולם זאָל זיך א ביסל אויסלערנען מער טאָן ווי ריידן, וועלן מיר שטיין פאַר דער אייגענער לאַגע, וואָס האָט ניט לאַנג פּאַסירט אין מערב־רוסלאַנד.

דאָס געוויסער פון ווערטער, ווערטער און ווערטער וועט פאַרטרינקען די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון לאַנד, וועט פאַרשוועכן די אַקטיוויטעט אונזערע און וועט אונז אָפּשטופּן פון די נויטיקייטן, וואָס עס האָט אונז געגעבן דער 28־טער פעווראַל אויף א לאַנגע, לאַנגע צייט.

אַפּריל 1917.

נאָך דער רעוואָלוציע.

אַלע ווייסן, אז אינאיינעם מיט דער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהייבן א צייט פון דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען, צוזאַמענפאָרן, פאַר־קאָנפערענצן און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

וואָס האָבן אָבער זיי געטאָן? איך מיין די יירעלעך, וואָס זענען אריין אין גן־עדן פון „ראַוונאָפּראַוויע", ווי א יונג פאַרפאָלק אין זייער נייער דירה. איך רייד פון די לייט אונזערע, וואָס באַלד נאָך קערענסקי'ס אַקט האָבן זיי גיך געפּאַקט זייערע זאַכן — און האַידאַ קיין פּעטראָגראַד און מאָסקווע, וואו זיי האָבן ביז איצט קיין דריסת הרגל ניט געהאַט.

די דאָזיקע לייט האָבן קודם כל אָפּגענומען זייערע קינדער פון די פּריוואַטע גימנאַזיעס, אויף אריבערצופּעקלען זיי אין די קאַזיאָנע, וואָרום, זיי, די קלוגע, די אָנגעפּראַקטיקירטע, האָבן זיך געזאָגט: ווער ווייסט מיט וואָס די גאַנצע בהלה אין רוסלאַנד וועט זיך ענדיקן אמאָל? דערוויל דאַרף מען זען אָפּצוטאָן, וואָס מען קען. און די, וואָס האָבן זיך מורז געווען

אריינצוגיין אין א קאזיאָנע שול, וועלן מן הסתם אויף שפּעטער בלייבן באַ די מעשענע קנעפּלעך.

צוויטנס, האָבן אַ סך פון זיי זיך גענומען פּאַקן, אָנקויפן פאַר גרויסע מזומנים וואוינונגען אין מאָסקווע און פּעטראָגראַד און גיך פאַרלאָזן זייערע טאַמבאָוו׳ס, סאַראַטאָוו׳ס און יעקאַטערינאָסלאַוו׳ס, וואו זיי האָבן זיך אין דער צייט פון דער מלחמה אָנגעשאָטן מיט גאָלד און מיט פּאַפּירענע רובל׳ס.

דריטנס, זיינען זיי געוואָרן גרויסע פריינט פון דער רוסישער קולטור. מען האָט פאַרגעסן מיט אַמאָל דעם „פּאָניע“, און מען האָט זיך דערמאָנט מיט אַמאָל אָן טאָלסטאָי׳ען, דאָסטאָיעווסקי׳ן און מען האָט אָנגעהייבן טענה׳ן מיט דער ברייטקייט פון אַן׳אָנגעשטאָפּטן טייסטער, אַז מיר ייִדן האָבן שוין ניט וואָס צו זאָרגן און טראַכטן. מען דאַרף ווערן אַ טרייער רוס און זיך אינגאַנצן פאַרקניפּן מיט די אינטערעסן פון דער רוסישער מלוכה. יידיש, העברעאיש׳ נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, — דאָס זיינען אַלץ געווען אונזערע כלי־זין אין די צייטן פון קנעכטשאַפט. איצט זיינען מיר ניט ערגער פאַר די פראַנצויזן, ענגלענדער — און ס׳איז שוין צייט אוועקצעוואַרפן די אַלטע נאַרישקייטן.

איינער אַ ייִד, וואָס האָט אויף דער בערזע צוזאַמענגעשלעפּט אַ מיליאָן פּאַפּירלעך, האָט מיט אַ גרויסער טייסטער־גאווה אָנגעבאָטן עטליכע צענדליק טויזנט רובל, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַ ראָטע יידישע מטיפים, וואָס זאָלן אַרומפאָרן אַגיטירן פאַר די הויכע אידייען: אויס פּאָניע, אויס ייִד, אויס אַלע חלומות וועגן עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. מיר זיינען רוסישע בירגער, און אַלע אונזערע אינטערעסן דעקן זיך אינגאַנצן מיט די אינטערעסן פון דער באַנייטער רוסישער מלוכה!

אַ צווייטער האָט מיט זיינע כשר׳ע ליפּן מיר קלאָר געמאַכט, אַז רוסישע יידן זיינען איצט דער איינציקער צעמענט, וואָס וועט פאַראייניקן די קליינע נאַציעס אין רוסלאַנד מיט דער גרויסער רוסישער מלוכה. וואָרום וואָס? מיר וועלן שיקן אונזערע קינדער אין ליטע אין ליטווישע אָדער זשאַרגאָנישע שולן, און אין קאַזאַן אין די טאָטערשע? אודאי וועלן מיר זיי דאָך האָדעווען אין אַ רוסיש גימנאַזיום, אודאי וועלן מיר דאָך צוגרייטן אונזער קומענדיקן דור פאַר די מלוכה־ און סוחר׳ישע אינטערעסן פון גרויס־רוסלאַנד!

און אַ דריטער, וואָס האָט פאַר דער רעוואָלוציע צוגעליגט אַ סך געלט צו בראָם, האָט מיר מיט שמחה דערציילט, אַז די טעג טרעט ער אריין אין אַ שול פאַר פראַפּאַרשטשיקעס, וואָרום דער קריג וועט דאָך נעמען אַ סוף, נאָך איידער ער וועט באַקומען די אָפיצירסקע שליפעס און אַ „טשין“ קאָן

קיינמאָל ניט שאָדן. — אי די בראָס? — דאָס וועט זיך אויך הייבן מן הסתם, מיט דער צייט, — האָט ער מיר דערקלערט, — וואָרום אויך נאָכ'ן שלום וועלן מיר נאָך אַ צייט לאַנג ניט האָבן וואָס אַ האָר איז ווערט.

דאָס רוב יידעלעך אונזערע, — און דאָס דאַרף גערדיינקען איטליכער פּאָליטיקער בא אונז, — פילן נאָך אַלץ מער דעם אַקט פון „ראַוונאָפּראַ־וויע", ווי דעם טיפן זין פון דער אַלגעמיינער רוסישער רעוואָלוציע.

דער דאָזיקער פּרט פון דער רעוואָלוציע פאַרטונקלט אַזוי שטאַרק די מוחות, אַז זיי זעען ניט, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. ווי אַ פאַר'שכור'טע מאַסע שאָדן זיי זיך אַליין און קאָנען ברייננגען שאָדן דעם גאַנצן לאַנד, און איטליכער קליינער נאַציע באַזונדער. און דערום, ניט קוקנדיק אויף אַלע פאַרשידענע יידישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד, שטעל איך זייער הויך איט־ליכן יידישן מיטינג, וואו עס ווערט געפירט פון אַלע פּאַרטייען, אָן אַ חילוק, אַנ'אַגיטאַציע קעגן דער פאַלשער מאַסן־פאַרשטעלונג, אַז שוין די רוסישע רעוואָלוציע אַליין האָט פאַרענטפערט די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד. פּונקט קאַפּויער, די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד מאַכט איצט אירע ערשטע טריט, און איר פּתרון וועט ניט בלויז זיין אַ פּתרון פאַר די רוסישע יידן, נאָר פאַר אַ גרויסן טייל יידן פון דער גאַנצער וועלט.

מאי 1917.

נאָך אַ יידישן מיטינג

כל זמן דער מיטינג איז געפירט געוואָרן אויף יידיש, האָב איך געהאַט אַנ'אמת'ע הנאה. עס איז קיין נפקא מינה ניט געווען פאַר מיר, וואָס דער מיטינג פון דער דעמאָקראַטישער פאַראייניקונג דריקט ניט אויס אַלע פאָ־דערונגען פון מיין פּראָגראַם. איך האָב געקליבען נחת דערפון, וואָס די פּעטראָגראַדער אינטעליגענץ־רעדט שוין ניט לויטער רוסיש און דריקט אויס אירע דעמאָקראַטישע, אַלגעמיינע און יידישע פאָדערונגען אויף דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן.

איך בין אַנ'אַלטער אָנגעפּראַקטיקירטער ייד, און הייב ניט אָן צו גלויבן אין די ווערטער פון די, וואָס ריידן אַלערליי לשונות, נאָר ניט יידיש, אָדער העברעאיש, און איטליכס מאָל, ווען מען דערציילט מיר אויף אַ פיינעם פאַפּירענעם רוסיש, וואָס פאַר אַנ'אַלט פאָלק יידן זיינען, וואָס פאַר אַ כחות עס שלאָפן אין יידישן פאָלק, און ווי די יידישע מאַסן דאַרפן זיך אָרגאַניזירן, — ווערט מיר אַ ביסל ניט גוט צום מוט; איך קוק אויף די רעדנער מיט אַ זייטיקן בליק און שעם זיך זיי צו קוקן גלייך

אין די אויגן אריין׳ וואָרום איך טרוי זיי ניט, איך מיין, אז מיין ניט־צוטרוי צו זיי שטעקט ווי א שפּיזל אין מיין שוואַרצאַפּעל און איך וויל זיי ניט מביש זיין מיט מיין שטעכעדיקן בליק.

האָט אָבער ה׳ י. עפּראַיקין גערעדט אַ פּרעכטיקן יידיש, אזא יידיש, פון וועלכן אונזער י. ל. פרץ ע״ה האָט שטאַרק נחת געקליבן, ווען ה׳ עפּ־ראַיקין פלעגט אַמאָל אַרויסטרעטן אין וואַרשעווער „הזמיר״; האָט אָבער לאַצקי־בערטאָלדי גערעט יידיש, זיך מיענדיק, אז אין זיין רעדע זאָל זיך הערן דער אָפּקלאַנג פון יידישן וויץ, דער שכל הישר אין דער תלמוד׳ישער אגדה, און ניט געקוקט דערויף, וואָס סיי דער ערשטער, ווי דער צווייטער זיינען ניט די אַדוואָקאַטן פון מיין יידישן פּראָגראַם — האָב איך זיך געפילט אין אַ יידישער סביבה, אין דער היימישער סביבה, וואו אפילו די מחלוקת׳ן זיינען אָנגענעמער, ווי די רואיקע געלאַסנקייט בא פרעמדע.

זיינען אָבער נאָך די צוויי אָנגערופענע צו צום שטענדער אַנדערע רעדנער, און איטליכער פון זיי האָט זיך ברייט און קלוג צע׳דרש׳נט אויף דער רוסישער צייטונגס־שפּראַך — און מיין גוטע שטימונג איז זיך צע־קראָכן און זיך ערגיץ־וואו באַהאַלטן.

זיצנדיק הינטער די קוליסן האָב איך מיט פאַרדרוס געטראַכט, אז פון אַלע אונזערע פּראָגראַמען וועט אַרויס אַנ׳אויסגעבלאָזן איי. געוואַלט, מענטשן רופן צו אַ פאַראייניקונג, מענטשן ריידן וועגן נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג א. א. וו. און קאָנען בא זיך ניט פועלן אַליין כאָטש צו ווייזן אויף זייערע מיטינגען אַ סימבאָל פון פאַראייניקונג, דעם גרויסן סימ־באָל פון אַ שפּראַכליכער פאַראייניקונג. איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן אז אַ ליטווישער אָדער אַנ׳אַרמענישער מיטינג זאָל האָבן אזא צעלאַמטן פּנים וואָס אַ יידישער.

שווייג, אויב דו קענסט ניט ריידן אויף דער שפּראַך פון די מאַסן, וועלכע דו ווילסט אָרגאַניזירן!

פאַרוואָס שעמט זיך ניט דער אוקראַיינער, אָדער דער ליטווין, דער אינטעליגענט, צו ריידן אויף אַ שלעכטן ליטוויש, אָדער אוקראַייניש און פאַרוואָס שעמט זיך דער יידישער אינטעליגענט צו געוואוינען זיין צונג צו דער יידישער שפּראַך? אָדער צי מיינט ה׳ לאַזערסאָן, אָדער ה׳ לאַזינ־סקי, אָדער ה׳ בראַמסאָן, אז דער אינטעליגענטער אַרמענער רעדט בעסער זיין שפּראַך, ווי ער יידיש? ס׳איז אַ טעות. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אינטע־ליגענץ איז אויך אפשר געניטער אין רוסיש, נאָר זי פילט נאַטירליך, און ווייסט, אז דעמאָלט, ווען פעלקער ווילן זיך קולטורעל־נאַציאָנאַל אָפּ־גרענצן מוזן זיי אויך אויסערליך אויפטרעטן אַלס אַנ׳אָפּגעגרענצט, שפּראַכ־ליך אָפּגעשיידט אָרגאַניזם.

עס איז פאַר מיר לחלוטין קיין תירוץ ניט, וואָס אַ סך פּעטראָגראַדער ייִדן פאַרשטייען ניט קיין ייִדיש. וואָרום ערשטנס, וועט פונ׳ם סך ווערן, באַ אַ גענויער סטאַטיסטיק אַ הייפל און, צווייטנס, איז דער איינדרוק פון אַ מיטינג, וואָס איז שפּראַכליך אָפּגעגרענצט אַ פּיל שטאַרקערער, ווי פון אַזוינעם, וואו די ייִדישע צעבראָכנקייט דריקט זיך אויס אין די צע־בראָכנקייט פון די שפּראַכן.

און, פאַרלאָזנדיק דעם זאַל פונם ייִדישן מיטינג, האָב איך מיט עגמת־נפש געטראַכט, אַז די הויפּט־צרה פון אונזערע פּאַרטייען איז חי, וואָס זייערע פירער ווילן לויטער אָרגאַניזירן אַנדערע, נור ווילן ניט וויסן, אַז עס ליגט גאָר אַ חוב אויף זיי פריער זיך אליין צו דיסציפּלינירן.

מאַי 1917.

די פאַרוועלטליכונג פון דער קהלה.

אויפן לערער־צוזאַמענפאָר, האָבן אַלע 135 דעלעגאַטן, וואָס שטעלן פאָר אַ פאַרטרעטונג פון 1784 לערער, זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ וועלט־ליכער פאָלקס־שול. דאָס איז דער ערשטער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט פאַר׳ן פאַרוועלטליכן אַ גרונדשטיין פון ייִדישן לעבן.

און ווען מען באַטראַכט, אַז ביז גאָר ניט לאַנג זיינען נאָך די הויפּט־טעאָרעטיקער פון דער חברה „מפיצי השכלה" געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף שאַפן אַזאַ פאָלקס־שול, וואָס אין גייסט זאָל זי זיין אַ סינטעז צווישן חדר און שטאַטליכער אָנפאַנגס־שול (זע די אַר־בעטן פון פּ. מאַרעק) — מוזן אַלע מודה זיין, אַז אויפ׳ן לערער־צוזאַמענ־פאָר איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע רעוואָ־לוציאָניזירנדיקע קראַפט.

אָבער אָט דער באַשלוס האָט נאָך אַנ׳אַנדערע גרויסע באַדייטונג.

ווי באַקאַנט האָט זיך דער לעצטער ציוניסטישער צוזאַמענפאָר אַרויס־געזאָגט קעגן אַ וועלטליכער קהלה און אָפּגעוואָרפן י. גרינבוים׳ס פאָר־שלאָג, וועלכער האָט געקעמפט אינאיינעם מיטן לינקן פליגל פון צוזאַמענ־פאָר פאַר פאַרוועלטליכן די ייִדישע קהלה, זעענדיק די גרויסע מערהייט וואָס איז קעגן דער פאַרוועלטליכונג פון דער געמיינדע־פאַרוואַלטונג, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ה׳ גרינבוים׳ס פאָרשלאָג האָט קיין שום האָפנונג ניט צו געפינען אַנ׳אָפּקלאַנג אין די פירנדיקע קרייזן פונ׳ם פאָלק.

דער איצטיקער לערער־צוזאַמענפאַר האָט זיך אָבער אומדירעקט אויך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ וועלטליכער קהלה. וואָרום, עס איז דאָך קלאָר, אַז נור אַ פאַרוועלטליכטע קהלה קאָן מסכים זיין אויף צו פאַרוועלטליכן די שול. דער לערער־צוזאַמענפאַר האָט ניט געקאָנט אָננעמען קיין באַשלוס מכח דער קהלה, אַזוינע באַשלוסן פאַלן אַרויס פון זיין טעטיקייטס־ראַם. אָבער דערמיט, וואָס ער האָט אָנגענומען זיין באַשלוס מכח דער שול, וועט ער מימלא מוזן שטימען מיט אַלע זיינע 1784 שטימען פאַר אַ וועלטליכע קהלה. די ציוניסטישע גרינבוים־גרופּע האָט דעריבער באַקומען אַ גרויסע אומערוואַרטעטע שטיצע. און די דאָזיקע שטיצע ווערט נאָך אַ סך גרעסער, ווען מען באַטראַכט, אַז פאַר אַ וועלטליכער קהלה וועלן שטימען ניט איינצעלנע טויזנטער שטימען, נאָר אַנ'אָרגאַניזירטער הויפּט־צווייג פון קומענדיקן יידישן קהלה־לעבן, — די גאַנצע לערערשאַפט.

די שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן לערער־צוזאַמענפאָר צווישן די, וואָס ווילן שאַפן אַנ'איינהייטליכע שול אויף דער פאָלקס־שפּראַך — יידיש, אָדער אויף דער נאַציאָנאַלער — העברעאיש, האָט צו דער קומענדיקער פאַרוועלטליכונג־פראַגע פון דער קהלה קיין שום שייכות ניט. די העברעאישע לערערשאַפט שטעלט אויך אַריין אין איר פּראָגראַם דאָס פאַרוועלטליכן די שול, ווי דער גרעסערער פליגל, וואָס שטייט אויפ'ן באָדן פון דער פאָלקס־שפּראַך. אדרבא, מען קאָן זאָגן' אַז די העברעאיסטן, וואָס פילן די אויפלעבונג פון דער שפּראַך, ווי די גרעסטע גאַראַנטיע פון דער אויפלעבונג פון דער יידישער נאַציע, וועלן זיך נאָך ווייניקער נויטיקן אין די רעליגיעזע פאָרמען פון שול, ווי אַנדערע, וואָס שטייען אויפ'ן באָדן פון פאָלקסטימליכקייט און יידיש.

בנוגע צו רעליגיעזע למודים אין דער פאָלקס־שול האָט ס'רוב פון צוזאַמענפאָר זיך אַרויסגעזאָגט ניט בלויז נעגאַטיוו, נאָר אויך ניט געפונען פאַר נויטיק צו געבן די דערקלערונג, וואָס עס האָט געטאָן די גרויסע מינדערהייט פון די העברעאיסטן. די לעצטע אונטערן נאָמען פון „העברעאישן לערער־פאַרבאַנד" זאָגן אין פונקט 3. „די שול דאַרף זיין אַ וועלטליכע (רעליגיעזע דערציאונג קאָן פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט אין שול לויט די פאָדערונגען פון די עלטערן)".

מען קאָן אפילו אויסטייטשן דעם דאָזיקן צוגאָב צום פונקט 3, ווי אַ מין טריט צוריק, פון דער וועלטליכער שול. אין דער אמת'ן אָבער איז דאָס ניט קיין פּשרה, נאָר אַ ריין־פּראַקטישע פראַגע, פון וועלכער דער לערער, אַלס פּעדאַגאָג, קאָן זיך ניט אָפּטרייסלען. וואָרום אײנגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון אַ פּעדאַגאָגישן קאָנטראָל באַ אַ למוד, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויס אָרט ביים פאָלק — וואָלט פון די לערער געווען אַ גרויסע עולה־

און פון א פּריוואַט־געשפּרעך מיט די פירער פון דער יידישער פאָלקס-שול
ווייסן מיר, אז אויך די מערהייט פון לערער-פּאַרבאַנד זאָגט זיך ניט אָפּ
פון א געוויסן קאָנטראָל איבער די רעליגיעזע למודים, ווי ווייט זיי ווערן
געלערנט אין די צימערן און אויף די בענק פון זייער וועלטליכער שול.
זיי טענה'ן אז א מיינונג וועגן דער דאָזיקער ריין פּראַקטישער פראַגע
קאָנען זיי אַרויסזאָגען ניט אין א לערער־ צוזאַמענפאָר, וואָס שטייט אויף
דעם ריינעם פּרינציפּ פון דער וועלטליכער שול, נאָר אויף'ן אַלגעמיינעם
יידישן צוזאַמענפאָר.

נאָך אַלעם דעם זעט מען, אז קיין פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע חלוקי־דעות
וועגן די פאַרוועלטליכונג פון דער שול עקזיסטירט ניט בא די צוויי טיילן פון
דער אַלגעמיין־יידישער לערערשאַפט, וועלכע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנ־
גען נור צוליב דער שפּראַך אין דער שול.

און דערפאַר עקזיסטירט בא זיי אויך ניט פון ריין־לאָגישן שטאַנד־
פּונקט קיין חלוקי־דעות וועגן דער פאַרוועלטליכונג פון דער קהלה, און
דאָס ווייזט אונז אומדירעקט זייער פּאָזיטיווע שטעלונג ביים קינפטיקן
יידישן צוזאַמענפאָר בנוגע צו א וועלטליכער קהלה.

די יידישע לערערשאַפט האָט זיך אומדירעקט אַרויסגעזאָגט פאַר א
וועלטליכער קהלה.

יוני 1917.

א פאַנקוכן אָן אייער און אָן פּוטער.

בעת מיר לייענען די רעזאָלוציעס פון די פּויערים־צוזאַמענפאָרן אין
טווער, כאַרקאָוו און איצט אין פּעטראָגראַד, דערמאָנען מיר זיך ניט
ווילנדיק אָן דעם מלמד, וואָס האָט באַפוילן זיין ווייב צו מאַכן אים א
פאַנקוכן.

— אַי, עס איז ניטאָ קיין פּוטער?

— טאָ זאָל זיין אָן פּוטער.

— אַי עס איז ניטאָ קיין אייער?

— טאָ זאָל זיין אָן אייער.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף א רגע, אז די רעזאָלוציעס וועלן ווערן
אויסגעפירט בפּועל ממש. בא די גוט־באַזיצער וועט מען צונעמען בחנם
זייער ערד. נאָר אויף א געוויסע צייט וועלן די אָרטיקע פּויערשע קאָמי־

טעטן זיי געבן אַ שטיצע, אַ מין קצבה, ביז זיי וועלן נ׳ט קומען צו זיך, און אַליין אָנהייבן האַרעווען׳ די ערד וועט ווערן נאַציאָנאַליזירט און אַזוי ווייטער.

דעמאָלט וועלן מיר דערלעבן דערצו, אַז אַריבערשפּרינגענדיק די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג וועלן מיר מיט אַמאָל זיין מיט׳ן קאָפּ און די פיס אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט; אין אַזאַ שטאַט, וואָס האָט נאָך דערווייל קיין מוסטער ניט אין דער גאַנצער וועלט.

איך רייד שוין ניט דערפון ווי שווער ס׳איז צו לעבן אָן אַ מוסטער, און בפרט נאָך רוסלאַנד, וואָס האָט כל ימיו, צי אין גוטן, צי אין שלעכטן, נאָכגעטאַנצט פרעמדע מוסטערן.

נאָר גלאַט מיין קאָפּ באַנעמט דאָס ניט, ווי קאָן מען האָבן אַ ריכטיקן סאָציאַליזם, כל זמן מ׳איז ניט דורך דאָס שטאַדיום פון קאַפּיטאַליזם. און אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, צוליב זיין שוואַכער אַנטוויקלונג האָט צו פירן אַנ׳אינטענסיווע ערד־בעל־הבת׳ישקייט, וועלן מיר באַקומען אַ סאָציאַליסטישן שטאַט מיט אַזאַ מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס וועט אפשר האָבן די פאָרם, אָבער ניט דאָס בלוט און פלייש פון דעם זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם אין אייראָפּאַ. עס וועט זיין דער מעגערסטער סאָציאַליזם, וואָס אַ מענטשנס פאַנטאַזיע האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן.

עס וועט זיך אָנהייבן אַ גרויסע עמיגראַציע פון מענטשן, קאַפּיטאַלן און גאַנצע קלאַסן, וואָס וועלן זיך וועלן באַצייטנס אַרויסראַטעווען פון די זיבן מאָגערע סאָציאַליסטישע קי, וועלכע פאַרשלינגען די עטליכע פעטע קי, וואָס לעבן נאָך אין לאַנד. און אַזוי ווי די צעטיילונג פון דער ערד (ווי דאָס איזשוין לאַנג וויסנשאַפטליך באַוויזן געוואָרן, לייען: פּראָפ. קויפמאַן: „די אַגראַר־פראַגע") וועט דעם רוסישן פויער בשום אופן ניט מאַכן רייכער אין ערד, (יערנפאַלס ניט ־רי, וואָס ליידן ווייניק אין ערד־מאַנגל), — וועלן מיר אין עטליכע יאָר אַרום ווידער שטיין פאַר דער אייגענער ערד־פראַגע, ווי איצט, נאָר עס וועט נאָך צוקומען דאָס, וואָס עס וועט שוין נ׳ט זיין באַ וועמען עפּעס צו צונעמען.

אַ סאָציאַליסטישער שטאַט אָן אַ גרויסן טיכטיקן אַרבעטער־קלאַס, אָן אַ אויסגעצייכנטן פויער, וואָס אַרבעט ניט ערגער, ווי דער בייערישער, אָדער דער פראַנצויזישער. (אויך די טורקעסטאַנער און קאַרעער פויערים אַרבעטן פיל אינטענסיווער, ווי די רוסישע, מען רעדט שוין ניט וועגן כינעזער), איז דאָס אייגענע, ווי׳אַ פאַנקוכן אָן פוטער און אָן אייער.

דער סאָציאַליזם איז די העכסטע קאָמפּאָרטאַבלסטע פאָרם פון אַ מענשליכן געזעלשאַפטליכן לעבן, און גראָד דערום, פאָדערט ער אַ איידעלן,

הויכן מענטשן-מאַטעריאַל סיי אין דער מאָראַל, ווי אין דער פּראָדוקטי־וויטעט, אַזוי, אַז ער זאָל זיך קענען באַזעצן צווישן מענטשן.

איך בין בשום אופן ניט קיין קעגנער פון סאָציאַליזם. אדרבה, ווייל איך פיל, אַז דער סאָציאַליזם איז דער קומענדיקער צושטאַנד פון אַ גע־רעכטן מענטשליכן כלל-לעבן, בין איך אַ קעגנער פון אַזאַ סאָציאַליזם׳ וואָס גיט אונז ניט קיין אינהאַלט, נור זיין פּאָרם, וואָס מאַכט אונז אַלס מלוכה אָרימער.

איך האָב שטאַרק הנאה פון אַ פּאַנקוכן, אָבער ניט פון אַ מלמד׳ס אַ פּאַנקוכן, וואָס איז אָן אייער און אָן פּוטער.

מאי 1917.

העלדן און פּראָגראַמען.

נאָך די מאָסקווער־שטאָט־ראַט-וואַלן וואו ס׳האָבן מנצח געווען די ס.־ר., איז בא די קאַדעטן געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן הארצן, און בא די ס.־ר. ששון ושמחה׳ סיי די ערשטע אי די צווייטע פּאַרטיי זיינען זיך מפלפל מכח דער מפּלה פון די קאַדעטן און דעם נצחון פון די ס.־ר.

פאַר די וואַלן האָט דאָס קאַדעטישע צענטראַל - בלאַט געשריבן: „וואָס מער קולטורעל עס איז אַ סאָציאַליסטישע גרופּע, וואָס גרינטליכער זי פאַרשטייט איר מלוכה־אויפגאַבע, וואָס אַנשטענדיקער זי איז אין אירע וואַל-מאַנעווערן און וואָס ווייטער זי האַלט זיך פון דער פּשוט׳ער דעמאַגאָ־גיע, — אַלץ ווייניקער דערפאַלג האָט זי בא די מאַסן״. און דאָס צענטראַל־בלאַט פון ס.־ר. האָט איצט הנאה פון די דאָזיקע ווערטער. וואָרום לויט די דאָזיקע ווערטער קאָן מען דאָך מיינען, אַז די קולטורעלסטע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייע זיינען די לעניני׳צעס, ווייל זיי האָבן דאָך בא די מאַסן געהאַט דעם קלענסטן דערפאָלג.

פאַר אַלעמען איז אָבער אַ רעטעניש, פאַרוואָס די ס.־ר. האָבן אַזוי נושא חן געווען ביים מאָסקווער עולם׳ אמת, בא די וואַלן האָט מיטגע־שטימט דער מאָסקווער גאַרניזאָן, אָבער דאָס גיט נאָך ניט די גאַנצע דער־קלערונג פון אַזאַ גרויסן נצחון. האָבן דאָך די קאַדעטן געאַרבעט אויף אַלע כלים, האָבן זיי דאָך אַרויסגעשטעלט די פּאָפּולערסטע נעמען פון דער רוסישער וויסנשאַפט און בילדונג.

די פּאַרטיי ס.־ר. מיינט, אַז די פאָלקס־מאַסן פילן מיט׳ן אינסטינקט, אַז מען דאַרף האַלטן פאַר דער פּאַרטיי, וואָס איז פאָלקסטימליך צוזאַמענ־

געשטעלט און וואָס פאַרטיידיקט די אמת'ע מאַסן־אינטערעסן און פאָלקסצילן. און דאָס פאַרשטייט זיך שוין פון זיך אַליין, אַז אַזאַ פאַרטיי איז בלויז די ס.־ר. פאַרטיי. די דאָזיקע דערקלערונג איז שטאַרק נאַאיוו, און זי ווערט נאָך נאַאיווער, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די דאָזיקע דערקלערונג קומט גראָד נ אָ כ ' ן נצחון, וואָרום, מיט וואָס, פרעגט זיך, זיינען די ס.־ד. און אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען ווייניקער פאָלקסטימליך? און ווידער, צי זיינען שוין די קאַדעטן אַזוינע אָפּגעריסענע בלעטלעך, אַז זייער פאַרטיי פאַרטיידיקט שוין ניט קיין שום פאָלקסטימליכע אינטערעסן און צילן? צי באַשטייט שוין דאָס רוסישע פאָלק בלויז פון אַרבעטער און אָרימע פויערים, וואָס לעכצן נאָך ערד? און וואו זיינען אין מאָסקווע די טויזנטער־טויזנטער ווײלער, וואָס געהערן צו דעם סוחר'ישן קלאַס, אָדער וואָס פאַרבינדן אַלע זייערע אינטערעסן מיט'ן וואוקס פון סוחר'ישן־ און פאַבריקס־לעבן?

די קאַדעטן טענה'ן' אַז די ס.־ר. באַנוצן זיך מיט דעמאַגאָגישע לאָזונגען ענליך צו די, מיט וועלכע די באָלשעוויקעס פאַרטונקלען די מוחות, און פירן דעם עולם ווי שעפסן צו זייער וואַל־קעסטל·

מילא, מען קאָן די קאַדעטן ניט פאַרדענקען, אַז אין מאָמענטן פון צער און עגמת נפש ריידן זיי ניט, ווי חכמים. וואָרום אויב דעמאַגאָגישע פראַזן זיינען אַלץ, טאָ פאַרוואָס האָבן די באָלשעוויקעס ניט געהאַט קיין דערפאָלג באַ די וואַלן?

ווי די מעשה איז, סיי די באַזיגטע ווייסן ניט ווי צו דערקלערן דאָס רעטעניש, וואָס די ס.־ר. האָבן כסדר דאָס רוב, שטימען פאַר זיך. זיי שטייען פאַר דעם דאָזיקן פאַקט — איין פאַרטיי מיט אַנ'אומעט, די אַנדערע מיט אַ פרייד־געפיל, — די דריטע מיט אַ קשיה אויף די ליפּן, און מען פילט, אַז אַלע דערקלערונגען זיינען פשוטע פּלפּולים און האָבן קיין ממשות ניט.

אונז דוכט זיך אָבער, אַז דער איצטיקער נצחון פון די ס.־ר. איז ניט קיין וואונדער און ניט קיין רעטעניש. ניט עס זיגן איצט באַ די וואַלן די פאַרטיי־פּראָגראַמען, נאָר איין פאַרטיי־פּראָגראַם פון אַ פאָלקס־העלד, און דער פאָלקס־העלד איז איצט, ווי אַלע ווייסן' אַנ'ס.־ר. — זיין נאָמען איז קערענסקי.

קערענסקי איז איצט די מאַגישע פערזענליכקייט אין לאַנד, וואָס האָט דעם גרעסטן צוטרויען. ער איז כמעט דער איין איינציקער פונקט באַ די מאַסן, וואָס ציט אויף זיך אַלעמענס בליקן, און וואָס גיט אַ האָפנונג, אַז מען וועט קומען אַמאָל צו אַ טאָלק אָן בלוט־פאַרגיסונג און אָן גרויסע מענטשן־קרבנות. ער איז איצט די איינציקע אָרגאַניזירנדיקע גע־

שטאַלט, אַרום וועלכער עס שטעלן זיך אויס די מאַסן אין אַ געוויסן סדר־ אין זיין טאָן, אין זיין רעדע־קלאַנג, אין זיינע אַראָטאָרישע אויסגעשרייען איז עפּעס פּאַראַן אַ קראַפט, וואָס ברייננט אַריין אַנ'אָרדנונג אין די צע־ שפּרייטע מאַסן, און דער בּסדר'דיקער נצחון פון די ס.־ר. באַשטייט דע־ רין, וואָס מענטשן גרופּירן זיך גראָד אַרום דעם, ווער עס האָט אויפגע־ שריבן אויף זיין פאָן די אותיות ס.־ר.

איך בין בטוח, אַז קיין פּאַרטיי פעלן ניט קיין טיכטיקע מענטשן' וואָס פירן קונציק די וואַלן פאַר זיך. אָבער זיי פעלט איצט דער העלד, וואָס אגיטירט שטום, אָן ווערטער, בלויז מיט דער מאַגישער אָרגאַניזירנ־ דיקער קראַפט פון זיין קערפּערליכן קיום. די פּאַרטיי ס.־ר. האָט איצט די דאָזיקע מאַגישע געשטאַלט, און דערום איז איר אַזוי מצליח.

דער איצטיקער נצחון פון די ס.־ר. איז ניט קיין אייביקער. די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט און אַנדערע פּאַרטייען וועלן אויך האָבן אַמאָל אַ מאַגישע פערזענליכקייט, און דעמאָלט וועלן זייערע וואַל-קעסטלעך האָבן דאָס רוב שטימען' וואָרום רוסלאַנד געפינט זיך נאָך אין אַזאַ קולטור־ צושטאַנד, ווען אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם אָן אַ העלד איז נאָך ניט קיין אָר־ גאַניזירנדיקע קראַפט. נ. ק. מיכאַילאָווסקי'ס ווערק „די העלדן און דער המון", וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַ יאָר פערציק צוריק, האָט נאָך היינט ניט פאַרלוירן זיין פרישקייט. און איך וואָלט ראַטן מאַנכע קאַדעטן, וואָס טרויערן אויף זייער האַלבער מפּלה אין מאָסקווע, דורכצולייענען דאָס ווערק, אַלס אַ טרייסט פאַר זיך און אַלס אַ פּתרון אויף אַלץ, וואָס קומט איצט פאָר אינ'ם לאַנד.

יולי 1917.

דער שעיר לעזאזל.

פאַרן המון ווער מען שטענדיק געפינען אַ שעיר לעזאזל אויף זיך צו פאַרענטפערן פאַר אַלע אונאָרדנונגען און צרות, וואָס קומען פאָר אין לאַנד.

אַמאָל איז געווען דער שעיר לעזאזל דער צאַרישער הויף מיט ראַס־ פּוטינ'ען און אַנדערע הויף-לייט, וואָס שרייבן זיך דורך מיט בריוולעך מיט ווילהעלמ'ען מכח דעם, ווי מען דאַרף צעקלאַפּן די פלענער פון אַלעקסע־ יעוו'ן און ברוסילאָוו'ן. היינט זיינען דאָס די באָלשעוויקעס, וואָס פאַר אַ צרה עס זאָל ניט פאָרקומען. מען קאָן מיינען' אַז ווען ניט דער שעיר

לעזאזל, וואָלטן די רוסישע אַרמייען כסדר מנצח געווען, דער קריג מיט דייטשלאַנד וואָלט געווען אַ שפּאַציר־גאַנג קיין בערלין. קומט אָבער אַ ראַס־פּוטין, קומט היינט אַ באָלשעוויק און מאַכט פון׳ם גאַנצן שפּאַציר־גאַנג אַ בלוטיקע מפּלה.

בין איך אָבער אַ שוואַכער מאמין, גלויב איך אויך ניט, אַז איין איינ־ציקער באָק קאָן זיין די סבה פון אַלערליי צרות און מפּלות. און ווען איך הער, אַז עמיצער וואַרפט אַרויף די שולד נור אויף איין איינציקן באָק, ווייס איך שוין, אַז דער באָק איז בלויז אַ ווערטל פאַרן צעטומלטן המון, אָבער ניט פאַר דעם, וואָס קוקט דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין.

די סבה פון דורכברוך בא טאַרנאָפּאָל, טענה׳ט די גאַנצע פּרעסע, זיי־נען די באָלשעוויקעס. ווען ניט זיי, קאָן מען זיך שוין ניט פאָרשטעלן, אַז די דייטשן וואָלטן געקאָנט קרעפטיק אָנגרייפן. מען קאָן מיינען, אַז פריער זיינען גאָר קיין אָנגריפן קעגן די רוסישע אַרמייען ניט געווען׳ אַז בא דעם צאַרישן רעזשים זיינען ניט פאָרגעקומען אַזוינע פאַלן, וואו גאַנצע פּאָלקן האָבן זיך אָפּגעגעבן אין פּלען. זיינען אָבער געקומען די באָלשעוויקעס און האָבן געמאַכט אַ תּל פון דער מאָראַלישער קראַפט פון די רוסישע אַרמייען, און אַלץ האָט אָנגעהייבן גיין מיט די פוטער אַראָפּ.

דער המון כאַפּט ניט אַזוי גיך דעם צוזאַמענבונד פון נעכטן און היינט, און דערום איז לייכט אים איינצורעדן, אַז ער איז טאַקע דער בעס־טער, דער שענסטער, דער שטאַרקסטער, דער קליגסטער און דער פרומ־סטער פון דער וועלט, נאָר שולדיק אין אַלץ איז אַ קליינער משחית׳ל, עפּעס אַ באָק׳ל מיט קרומע הערנער.

דער דאָזיקער המון איז ניט בכח צו פאַרשטיין, אַז אויך דער דאָ־זיקער משחית׳ל איז ניט געקומען פון דרויסן, אַז דער באָלשעוויק איז אויך אַזאַ פועל יוצא פון רוסישן לעבן, ווי די מיניסטאָרן, דער אַרבעטער־ראַט און סאָלדאַטן־ראַט, אַז אין דער קייט פון אַלע טרויעריקע געשעהע־נישן יעדן טאָג פאַרנעמט דער משחית׳ל גאָר ניט אַזאַ גרויס אָרט, ווי עס דוכט זיך. וואָרום די זעלבע אַנאַרכיע, וואָס מיר זעען בא די באָלשעווי־קעס, געפינען מיר אויך בא דעם אַרבעטער־ראַט׳ וואָס מיט דער לינקער האַנט איז ער מבטל דאָס, וואָס ער בויט מיט דער רעכטער.

צי קאָן מען ריידן וועגן אַ ריכטיקן סדר אין דער מלוכה, ווען פון איין זייט נעמט דער ראַט פירן אַנ׳אויספאָרשונג וועגן די באָלשעוויקעס און פון דער צווייטער זייט זעצט ער אַוועק בא דעם הויפּט־טיש פון דער קאַנצעלאַריע, וואו עס גייען אַריין אַלע פּאַפּירן פון דער אויספאָר־שונג, פרוי קאַמעניעוו, דאָס געטרייע ווייב פון דעם דאָזיקן באָלשעוויק?

אָדער צי איז ריכטיק אַזאַ אָרדנונג, ווען פּאָלאָווצעוו, ווען מען

האט נעכטן געגעבן די גאנצע פּאַלמאכט צו ליקווידירן די קאָנטר־רעוואָ־לוציע, קומט אַרעסטירן סטיעקלאָוו׳ן, מישט זיך אריין מיניסטער קערענסקי און הייסט פּער טעלעפאָן פּאַלאָווצעוו׳ס שלוחים גיין אהיים?

און וואָס פאַר אַ פּנים האָבן די מיניסטאָרן פּערעווערזעוו, נעקראַ־סאָוו און טערעשטשענקאָ, וואָס וואַרפן זיך איינער דעם צווייטן קעץ אין פּנים אַריין און זאָגן איינער אויפ׳ן צווייטן גאָר ניט קיין שיינע זאַכן? פּערעווערזעוו טענה׳ט, אַז אַלס „זאַקאָניק״, קאָן ער ניט קומען צו זיין רעכט און נעקראַסאָוו ענטפערט׳ אַז דאָס, וואָס פּערעווערזעוו האָט געטאָן, איז אין בעסטן פאַל אַ נארישקייט שבנארישקייטן, כמעט אַ פאַרראַט. קומט צו גיין קערענסקי און ערקלערט פון זיין זייט, אַז סוף כל סוף האָט פּערעווערזעוו געמעגט פּובליקירן זיין דאָקומענט וועגן די באָלשעוויקעס, ווייל די לאַגע איז געווען אַזעלכע, אַז מען האָט געמוזט דערשטיקן די קאָנטר־רעוואָלוציע פון די באָלשעוויקעס.

צי באַווייזט ניט דער גאַנצער שמועס, אַז צווישן אונזערע מיניסטאָרן הערשט אויך אַ גוטע אַנאַרכיע אין מיינונגען און אין אָפּשאַצונגען?

אָדער לאָמיר נעמען אַזאַ פאַקט.

די ציטווייליקע רעגירונג גיט אַרויס דורכ׳ן פּראָקוראָר אַ באַפעל צו אַרעסטירן טראָצקי׳ן, קאַמענעוו׳ן און לעניג׳ען. זיינען אָבער טראָצקי און קאַמענעוו כיטרע, — שרייבן זיי דעם צ. ק. פון אַרבעטער־ראַט, אַז זיי זיינען מוכן צו גיין צום פּראָקוראָר, אָבער זיי פאַרלאַנגען, אַז אויף דעם באַפעל פון דער רעגירונג זאָל זיך אויך אונטערשרייבן דער צ־ק. פון אַ־ר. און ס.־ר.

אין פלוג גענומען האָט דער צ. ק. זיך באַלד געמעגט אונטערשרייבן, ווייל ער אָנערקענט דאָך די מאַכט פון דער ציטווייליקער רעגירונג, און די רעגירונג טוט דאָך גאָרניט, איידער זי איז זיך מיט אים מישב. פונ־דעסטוועגן בין איך שטאַרק מסופק, צי וועט דער ראַט די חתימה׳לע געבן. מען וועט זיך אָנהייבן פּלפּלען 1) צי איז דאָס ניט אַ באַליידיקונג פאַר דער ציטווייליקער רעגירונג, ווען דער צ. ק. דאַרף נאָך לייגן אַ חתימה׳לע צו אַ רעגירונגס־באַפעל? 2) צי זאָגט ניט אַזאַ חתימה, אַז די גאַנצע מאַכט איז ביים צ. ק. פון אַ.־ר. און ס.־ר. און דאָס טאָר מען דאָך ניט זאָגן כל זמן די גאַנצע מאַכט וועט דעם 15-טן יולי ניט אַריבערגיין אין זייערע הענט אָפיציעל לויט׳ן באַשלוס פונ׳ם אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון אַ.־ר. און ס.־ר. און 3) צי איז דאָס בכלל טאַקטיש צו געבן אַזאַ חתימה׳לע אין אַ צ. ק. וואו עס זיצן אויך באָלשעוויקעס, און מיט וועמען מען האָט פאָרט מורא זיך איינצורייסן?

וועט איר אָבער פרעגן: צו וואָס דאַרף מען פּלפּול'ן זיך? טוט מיט דער התימה'לע דאָס אייגענע וואָס איר האָט געטאָן מיט דער רוסישער מלוכה, ווען איר האָט זי נאָך פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג געוואָלט דער-קלערן פאַר א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אויך דאָ האָט מען זיך געקאָנט פּלפּול'ן א חודש צייט. פונדעסטוועגן האָט איר דאָך באַשלאָסן אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע? שוין זשע איז דער ארעסט פון לענין, קאַ-מענעוו און טראָצקי, ניט אין די אינטערעסן פון דער מלוכה? שוין זשע ווייסט איר ניט, אַז ניט ווילנדיק געבן די התימה, שטיצט איר מאָראַליש לענינ'ען און די באָלשעוויקעס קעגן דער רעגירונג?

נאָר מען וועט זיך ווייטער פּלפּול'ן, און שרייען אין די גאַסען, אַז שולדיק זיינען ניט אַלע, נאָר דער שעיר לעזאזל, מיט וועלכן מען וויל אפילו ניט קעמפן ווי געהעריק איז.

און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס שיקזאַל פון רוסלאַנד ליגט איצט אין די הענט פון א פּאַרטיי — אָדער גראָד צוליב דעם, — לויפט ווידער ארום איבער די גאַסן און אין די מחות א שעיר לעזאזל, ווענען מען באַ-שולדיקט אין אַלץ אין דער וועלט, און ממילא פאַרדעקט מען דעם איינ-איינציקן אמת.

נאָר דעמאָלט קאָן דאָס לאַנד האָפן אויף א ישועה, ווען עס וועט זיך קלאָר מאַכן, אַז ניט דער שעיר לעזאזל איז אין אַלץ שולדיק, נאָר אויך דער צ.-ק. פון א.-ר. און ס.-ד. ווי די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון א געוויסער אַנאַרכיע אין מיינונגען און האַנדלונגען.

יולי 1917.

די מלמדים.

דאָס רוב פון זיי זיינען אפילו פּראָפעסאָרן. דער חלוק אָבער צווישן א מיטעלערן פּראָפעסאָר און א מלמד איז ניט אַזוי גרויס. ווי אמת'ע מלמדים זיינען די קאַדעטן, חלילה, ניט קיין סקעפּטיקער. דאָס, וואָס שטייט שוואַרץ אויף וויים אין די געלערנטע ביכער, איז תורת משה. און ווען דער תלמיד טוט ניט אַזוי, ווי עס שטייט אין זייערע ספרים, איז ניט שולדיק דער ספר, נאָר די עם-הארצות פון תלמיד. מיליוקאָוו, קאָקאָשקין און מאַנוילאָוו קענען אין די קליינע אותיות'לעך און דאָס, וואָס רוסלאַנד גייט אונטער, איז נור שולדיק דער אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַט, וואָס זיינען במחילה

גרויסע עם־הארצים און ווייסן ניט וואָס עס שטייט אין די בייכיקע ספרים· מיט וואָס פאַר אַ איראָנישן שמייכעלע מען האָט דאָס אָפּגעלאַכט פון סאָ־קאָלאָוו׳ן, דעם סאָציאַליסטישן ניי־געבאַקענעם מיניסטער, וואָס ווייסט אפילו ניט די יוריסטישע פּלפּולים פון אַ העסען אָדער אַ קאָקאָשקין׳ען. מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג מען שמועסט דאָס מכח טשערנאָוו׳ן, וואָס איז אַקעגן מאַנואילאָוו׳ן דעם „מיניסטער אָן טעמפּעראַמענט“, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט׳ נעבעך אַ גרויסער עם־הארץ — ער האָט דאָך אפילו ניט געמאַכט קיין מאַגיסטער־עקזאַמען.

און אַלץ ווייסט דער מלמד. אויף אַלע פאַרפּלאָנטערטע פראַגן וועט ער אייך באַלד געבן אַ גיבע תשובה, און פול מיט גאוה איז ער דערפון, וואָס ער איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט תורה און חכמה.

לייענט די קאַדעטישע מאמרים אין „רעטש“, און איר וועט דערפילן דעם טעם פון תורה און גדולה במקום אחד. עפּיס אַ קליינינקייט?, אַ קאַ־דעטישער מח! אייך אַרט די קשיה מכח דער אַגראַר־פראַגע? טאָ נויגט צו אייער אויער צו מאַנוילאָוו׳ן, וואָס האָט, לויט דער „רעטש“ אוועק־געשטעלט די פראַגע אויפ׳ן בעסטן אופן און נאָך בעסער זי פאַרענטפערט. מכח דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז דאָך גלאַט שוין ניטאָ וואָס צו ריידן. האָט דאָך ווינאַווער געזאָגט, אַז יידן וועלן העכסט צופרידן זיין מיטן ענטפער פון די קאַדעטן. אַי, וואָס די אוקראַאינער זיינען ניט מסכים? איז קיין בייז ניט, אַז זיי וועלן ווערן אויס עם־הארצים, וועלן זיי אויך מן הסתם מסכים זיין. אַי, די פינען זיינען אויך ניט מסכים? מאַלע וואָס זיי זיינען ניט מסכים! מיר, קאַדעטן, וועלן פאַרטיק ווערן מיט זיי.

און די צופרידענע קאַדעטן, ווייסנדיק גוט אין די ביכער, עסן זיך קנאַפּ אָפּ דאָס הארץ, וואָס דאָס לאַנד איז אַזוי קראַנק, דאָס עס וועט אפשר ניט זיין בכח צו פאַרדייען אַ בראָשורע פון די קאַדעטן׳ און ממילא וועט עס בלייבן עם־הארצ׳יש.

איבריגנס, אפשר קלאַפּט בא זיי דאָס פּאַטריאָטישע הארץ, נאָר די שמחה דערפון, וואָס זיי זיינען די איינציקע לייט, וואָס האָבן מלוכה־השגות, איז בא זיי אַזוי גרויס, אַז עס צעטרייבט שוין אַלע אַנדערע ווייטאָגן·

דער קאַדעטישער צוזאַמענפאַר דערמאָנט מיר דעם מלמד, וואָס האָט געזאָגט זיינע תלמידים, אַז אַ הונט, וואָס בילט, בייסט ניט, וואָרום אַזוי שטייט געשריבן אין די ספרים. און איינמאָל האָבן די תלמידים געזען, ווי דער מלמד אַנטלויפט פאַר אַ בילנדיקן הונט. האָבן זיי אים געפרעגט: פאַר־וואָס זשע אַנטלויפט איר, ווען עס איז קיין פחד ניטאָ, אַז דער הונט וועט בייסן? האָט דער מלמד געענטפערט: קינדערלעך! דאָס, וואָס שטייט

אין די ספרים. ווייס איך דאָך נאָר, אָבער ניט דער הונט. דער עם־הארץ קאָן דעריבער נאָך אַ ביס טאָן אויך.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די קאַדעטן פּראַלן זיך אַזוי שטאַרק מיט זייער איין־איינציקן ריכטיקן פּראָגראַם און גיבן דער רעגירונג זייערע מיניסטאָרן אינאיינעם מיט די סאָציאַליסטן, זוכן זיי מיט אַלע מעגליכ־קייטן ניט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן. זיי גלויבן ניט, אַז די עמי־הארצים זאָלן אויך קענען לייענען אין זייערע ספרים, און זוכן זיי אויסצומיידן. מיט אַלערליי שטעכוווערטלעך פּאַרצוימען זיי זיך דעם וועג צו אַנ'אמת'ן קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום, און וואַרפן אַלע מאָל אַריין אַ ווערטל, אַז דאָס איצטיקע מיניסטעריום וועט ניט אויסהאַלטן אַ וואָך צייט. זיי זיינען אַזוינע עבדים כנענים פון זייערע ספרים, אַז זיי זעען שוין ניט הינטער די פּאַליאַנטן דאָס עלעמענטאַרע, וואָס טראָגט זיך אי־בער רוסלאַנד און איבער זייערע קעפּ. נאָר אַ קורצזיכטיקער מלמד, אָדער אַ פּראָפעסאָר, קאָן אַזוי נאַאיוו און אַזוי רואיק מאַכן זיין צוזאַמענפאָר אין דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד, וואָס איז ווי אַ פייער־שפּייענדיקער וואול־קאַן.

אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט מען מער הנאה געהאַט פון מי־ליוקאָוו'ן ווי זיך אָפּגעגעסן דאָס הארץ פון דעם צעפאַל פון דער גאַנצער רוסישער אומה. מען האָט פאַרבראַכט די צייט דערמיט, וואָס מען האָט זיך אייגער דעם אַנדערן געפּאַטשט בראַוואָ און זיך אָפּגעגעבן ברייטע און פּע־טע קאָמפּלימענטן. מען האָט מיט אַ נעבעך־שמייכל גערעדט פון דעם א.־ר און ס.־ר., און פאַרגעסן דערביי, אַז סוף כל סוף מאַכט איצט די פּאָליטיק ניט מיליוקאָוו, נאָר דער א.־ר. מען האָט זיך געפילט אויפן צוזאַמענפאָר, ווי אויף אַנ'אוניווערזיטעט־קאַפעדרע, ניט ווי אויף דעם הייסן באָדן פון די פּעטראָגראַדער גאַסן וואו ס'איז נאָך ניט פאַרטריקנט געוואָרן דאָס בלוט פון 3—5־טן יולי. מען האָט זיך געוויגט אין די פּאָטעלן, ווי די אַקאַדעמי־קער, וואָס קומען זיך צונויף אויף צו שטעלן „אַטמעטקעס“ סטודענטן צום עקזאַמען.

קורץ און גוט. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַלע מעלות פון אַ מלמד'ישן צוזאַמענקונפט, וואו דאָס לעבן שיינט דורך די בלעטער פון אַ ספר, ניט דורך אַ ברייטן פענסטער־גלאָז.

די קאַדעטן זיינען איצט פרייליך. דאָס לאַנד ווערט מיד פון אונ־אָרדנונג, און ממילא ווענדן איצט זיך זיינע אויגן אויף די מעסיקע קאַ־דעטן. די מלמדים לעבן אָבער אין טעות, ווען זיי מיינען, אַז די מאָרגנדיקע מאַכט וועט זיין זייערע. די דאָזיקע צופרידענע מלמדים אין זייער ספרים־בלינדקייט קאָנען ניט איינזען, אַז נור שטיצנדיק ערליך די עמי־הארצים,

די סאָציאַליסטן קאָנען זיי אַמאָל אָפּשטעלן די מאַסן, וואָס ווערן מעסיקער בײַ דער שוועל פון קאַדעטנטום. מיט שטעכווערטלעך־פּאָליטיק און דער זעלבסט־צופרידנקייט קאָנען זיי דערלעבן טעג, ווען זיי וועט ווערן גאָרניט פרייליך. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק. נאָר אינאיינעם מיט דעם א״ר. קאָנען די קאַדעטן ניט דערלאָזן צו דער רעאַקציע פון אַנ׳אָרגאַניזירטער קאָנטר־רעוואָלוציע.

אָבער אַ מלמד, בלײַבט אַ מלמד. ער פּראַלט שטאַרק מיט דעם ספר, און פאַרזעט דערום אָפּט דאָס נאָנטסטע׳ דעם לעבעדיקן טאָג, דעם קומענדיקן מאָרגן.

יולי 1917.

מדבר־לופט.

די טעג האָב איך נאָכאַמאָל דורכגעלייענט די אויסגעצייכנטע ארבעט פון אונזער יונגן ביבל־פאָרשער מ. סאָלאָוויטשיק מכח דער ראָליע, וואָס דער מדבר האָט געשפּילט אין דער רעליגיעז־גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אַלטן יידנטום *).

זאָל זיך דער לעזער ניט וואונדערן, וואָס אין אַזאַ צייט, ווען עס שאָקלען זיך די זיילן פון דער רוסישער אימפעריע, ווילט זיך אָטעמען אַ ווײַלע מיט דער לופט פון די אַלטע כתבים און די נביאים. וואָרום די גייסטיקע לופט פון דעם סיריש־אַראַבישן מדבר איז כמעט די אייגענע לופט מיט וואָס עס אָטעמט איצט אַ גרויסער טייל פון אונזערע פאַנאַטישע סאָציאַליסטן.

די אַלטע נביאים, וואָס האָבן מיט עגמת נפש געקוקט אויף די אומגערעכטיקייטן און די סאָציאַלע קריוודעס מצד די הערשנדיקע קלאַסן, האָבן גערופן דאָס פאָלק צוריק אין דעם מדבר אַרײַן, צוריק צו דער גאָלדענער צייט, ווען דאָס פאָלק ישראל און זײַן גאָט זײַנען געווען איינס, און מען האָט נאָך ניט אײַנגעזויגן דעם סם פון די קולטורעלע פעלקער אַרום, וואָס בויגן און בוקן זיך צום בעל. ס׳איז קיין נפקא־מינה ניט, וואָס די היינטיקע עקסטע סאָציאַליסטן טראָגן ניט אויף די ליפּן גאָטס נאָמען. אין תוך אַרײַן קעמפן זיי קעגן מאָדערנעם בעל — דעם קאַפּיטאַליזם, צו וועמען עס בוקן זיך אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. אויך זיי לייקענען אָפּ די אידייען פון אַ לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג, און זייער שכל דערלאָזט, אַז

*) זע „יעוור. סטארינא“ 1916. זײַטן 210־226 און 440־408. — ב. מ.

רוסלאַנד קאָן ווערן אַ מוסטער פון אַ לאַנד, וואו דער מדבר-סאָציאַליזם פון אַ נאָמאַדן-פאָלק וועט ווערן דאָס איין־איינציקע געזעץ.

ווען די נביאים האָבן גערופן צוריק צו די מדבר־צייטן, איז שוין פאַר זיי געווען דער מדבר אַ חלום. זיי האָבן שוין פאַרגעסן׳ ווי די יידן האָבן זיך געריסן צוריק צו די פלייש־טעפּ פון מצרים, און ווי די פאַרשמאַכטע נאָמאַדן האָבן געפירט בלוטיקע מלחמות צוליב אַ ברונעם און אַ קליינעם וואסער־קוואל. פאַר זייער ראָמאַנטישן בליק *), אין זייער פאַרשטעלונג האָט נור געלעבט דאָס בילד פון אַ קבוץ מענטשן, וואָס איז אַ יין פאָלק מיט אַ יין איינציקן גאָט און אַ יין געזעץ. די פאַרפלאָנטערטקייט פון אַ קולטורעלן פאָלקס-לעבן, וואו דער לאַנדסמאַן האָט אַלץ טיפער געגראָבן זיין וואָרצל אין דער פאַרנומענער ערד, און אונטערגעגראָבן אַנדערע וואָרצ־לען; וואו דער סוחר, דער שיפס־פאָרער און דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך ברייט צעלייגט אין זיין וויין־גאָרטן, אין זיין פאַקטאָריע, אין זיין פּאַלאַץ און זיך צעטיילט אין קלאַסן מיט פאַרשידענע קלאַסן-מדות — האָט שטאַרק צערודערט דעם נביא׳ס האַרץ. די סאָציאַלע ניט־גלייכ־קייט האָט אים אָפּגעשטויסן, און ער האָט גערופן זיין פאָלק צו דער פשטות פון מדבר, וואו עס איז ניטאָ ניט קיין לאַנדסמאַן, ניט קיין סוחר און ניט קיין קעניג. ווי די היינטיקע עקסטע סאָציאַליסטן, האָט דער נביא ניט מורא געהאַט פאַר׳ן מאָגערן מדבר, וואָרום אַ ריין געוויסן, דער בונד מיט גאָט איז וויכטיקער פאַר אַלע אַראַבישע פערד, וואָס מיר באַקומען פון מצרים. זיי אַרט ניט, וואָס רוסלאַנד וועט גיין באָרוועס, דערפאַר אָבער וועלן אַלע גיין באָרוועס. די אידייע פון אַנ׳אַלגעמיינער גלייכקייט איז וויכטיקער ווי די פילדעקאָס-זאָקן פון אַ היינטיקן רוסישן בעל-הבית. איידער זיך בוקן צו אַ גאָלדענעם קאַלב און טראָגן די קינדער צום מולך — איז טויזנט מאָל גלייכער צו לעבן אין אַ מדבר פון ווילדע פרוכטן און דעם מן, וואָס פאַלט אַמאָל פון הימל אַראָפּ. איידער צו ברייִנגען קרבנות דעם מאָדערנעם מולך׳ דעם קאַפּיטאַליזם, שוין גלייכער גיין אין לאַפּ־טשעס און אין אַ חיה־פּעל.

דער מדבר-ראָמאַנטיזם איז אויפגעקומען באַ די נביאים דערפון, וואָס אונזער אור־געשיכטע איז באמת פאַרבונדן מיט׳ן מדבר. מיר זיינען אַמאָל געווען אַ פאָלק פון נאָמאַדן. אונזער וויג איז געשטאַנען אין אַ מדבר, פון וואַנען מיר האָבן זיך הונדערטער יאָר געריסן אין דעם קולטורעלן כנען. און שפּעטער, אַז מיר האָבן זיך שוין אַריינגעריסן אין לאַנד און אויף אַ

*) מ. סאָלאָוויטשיק׳ס אַרבעט האָט נאָך אַ באַזונדער באַדייטונג וואָס זי צייגט, אַז די ערשטע ראָמאַנטיקער אין דער וועלט־ליטעראַטור זיינען געווען די נביאים. ב. מ.

העלפט געוואָרן אויס נאָמאדן, האָט נאָך טיף געלעבט אין אונזער נשמה די נאָמאדן־פּסיכאָלאָגיע.

פון וואַנען נעמט זיך אָבער די מדבר־פּסיכאָלאָגיע פון די היינטיקע עקסטע רוסישע סאָציאַליסטן? צי לעבט אין די היינטיקע רוסן די נאָ־מאדן־פּסיכאָלאָגיע פון די אַמאָליקע טאַטערן, וואָס האָבן אויך אַמאָל אונ־טערי־אָכט רוסלאַנד אין משך פון הונדערטער יאָרן? איז ניט דער אַמאָ־ליקער רוסישער ניהיליזם און היינטיקער לעניניזם דער גייסט פון די סטעפּעס און מדבריות, וואו דער טאַטער האָט פארבראכט א גרויסן טייל פון זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג?

ווי די מעשה זאָל אָבער ניט זיין, אַטעמען מיר איצט אין רוסלאַנד מיט מדבר־לופט, און די דאָזיקע אַמאָספער האָבן מיר צו פארדאַנקען דעם נאָמאדן־גייסט פון א פאָלק, וואָס איז נאָך גאָר ניט לאַנג געקומען פון די סטעפּעס.

אפשר דערקלערט זיך אויך דערמיט דאָס, וואָס מיט'ן טאַטער לענינ'ען האָט זיך פאראייניקט דער ייד טראָצקי, וואָס צווישן די באָלשעוויקעס גע־פינען זיך יידן?

ווייט איז דער יידישער גייסט פון סלאַווישן, נאָענט אָבער ווערן זיי, ווען דער טאַטערישער מדבר־מענטש הייבט אָן צו שפּילן די ערשטע פידל.

יולי 1917.

די לעצטע נסיעה.

דאָס, וואָס האָט פּאסירט די לעצטע פּאָר טעג, ווען א געהיימניס־פולער אייזנבאַן־צוג איז געפאָרן אַזש פון פעטראָגראַד קיין טאָבאָלסק אונטער דער גרעסטער שמירה, באגלייט ניט פון זשאַנדאַרמען, נאָר פון די וועכטער פון דער רעוואָלוציע — וועט בלייבן אַנ'אייביקער זכר אין דער רוסישער געשיכטע. איטליכע סטאַנציע, וואָס דער צוג איז פאָר־ביי־געפאָרן, איז געווען ווי א מעסער־שניט אין די הערצער פון אַלערליי שוואַרצע מאות. און די לאַנגע נסיעה האָט אָנגעמאַכט אַזוינע ברענענ־דיקע וואונדן אין די לייבער פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט קומען צו זיך.

מיינט ניט, אַז איך בין אַזאַ תם, ניט צו גלויבן מער אין א קאָנטר־רעוואָלוציע. די רוסישע רעוואָלוציע איז ניט קיין בן־יחיד בא גאָט, און

דאָס, וואָס האָבן דורכגעקריינקט אַנדערע רעוואָלוציעס אין אייראָפּע, וועט אויך, מן הסתם, דורכקריינקען די רוסישע. אָבער די דאָזיקע קאָנטער־רעוואָלוציעס האָבן שוין ניט קיין האָפנונג אויף אַ לאַנגן נצחון. צוזאַמען מיט׳ן אייזנבאַן-צוג קיין טאָבאָלסק האָט מען איין פאַר אַלע מאָל אַ סוף געמאַכט מיט׳ן צאַריזם אין רוסלאַנד.

אויף דריי גרונדלאַגן איז געשטאַנען רוסלאַנד, לויט דער מיינונג פון פּאָבעדאָנאָסצעוו׳ן: אויף גאָט, דעם צאַר און דער רעכטגלויביקער קירך. צו גאָט איז זיך ניט צו צורירן. די קירך שטייט נאָך אויך פעסט, אפשר נאָך פעסטער, ווי ביים אַלטן רעזשים. דעם צאַר אָבער, דעם רוסישן גאָט אויף דער ערד, האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר, ווי אַ פּשוט׳ן אַרעסטאַנט. און דאָס וועט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט פאַרגעסן׳ עס וועט אייביק געדענקען, אַז די גאַנצע צאַרישע מאַכט איז געווען אַ שווינדל, עפּעס אַ שוואַרצע קונצן־מאַכעריי, אַנ׳אויגן־פאַרבלענדעניש, עפּעס אַזוינס, אָן וואָס מען קאָן זיך אַזוי גרינג באַגיין.

וואָס פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציע עס וועט ניט קומען, קאָן זי שוין ניט איינריידן דעם פּראָסטן עולם, אַז פון אַ ש וו אַ כ ן קאָן אַרויס אַ ש ט אַ ר ק ע ר, אַז פון אַ פאַרשיקטן קיין סיביר, קאָן ווידער ווערן אַ גאָט.

קיין זאַך ווירקט ניט אויף דער פאַנטאַזיע פון אַ פאָלק, ווי ווען מען דעקט אויף פאַר זיינע אויגן דאָס פאַרבאָרגענע פּרוכת, און ער געפינט אין זיין בלומרשט׳ן „קדשי קדשים“ אַ מייזל, אָנשטאָט אַ לייב. איטליכע רעוואָלוציע, וואָס קומט פאָר אין אַ מאָנאַרכישן שטאַט, רייסט עזות׳דיק אַראָפּ דעם שלייער, וואָס האַלט דעם מאָנאַרך אין הייליקער טונקלקייט, און וואָס גיט דעריבער אַזוי פיל מאַטעריאַל דער פאַנטאַזיע פון המון.

ווי באַלד אָבער דער שלייער איז אַראָפּגעריסן געוואָרן, קאָן שוין אַ צווייטער מאָנאַרך ניט האָבן קיין תקומה מער. די געשיכטע האָט אונז געגעבן דערויף אַ סך ביישפּילן. מעג פאַרכאַפּן אויף אַ ווײַלע די צאַרישע מאַכט אַ נייער נאַפּאָלעאָן׳ אָדער אַ ניט־געקרוינטער דיקטאַטאָר, — דאָס צאַרנטום איז שוין אויף אייביק באַגראָבן.

די נסיעה פון ניקאָלאַי׳ען דורך גאַנץ רוסלאַנד אין קאַלטן סיביר, וואו ער וועט לעבן, ווי אַנ׳אייביק פאַרשיקטער, איז אפשר דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע וואָך. כל זמן ניקאָלאַי איז זיך נאָך געזעסן אין זיין אַלטן היימישן פּאַלאַץ, איז ער נאָך ניט אינגאַנצן אַראָפּ פון זיין צאַרישן טראָן. ער האָט פרייוויליק זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן פאַר זיך און פאַר זיין זון; אויך מיכאיל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו ווערן געקרוינט. ס׳איז אָבער נאָך ניט געווען קיין פאַקט אין דער רעוואָלוציע,

וואָס זאָל בולט ווייזן דעם פאָלק, אַז דער צאַר, אַלס סימבאָל איז שוין בטל געוואָרן. ערשט די דאָזיקע רייזע מיט איר גאַנצער פאַנטאַסטיק וועט זיך איינשניידן אין דער איינבילדונג פון פאָלק און וועט אויך דעם טעמפּסטן מענטשן צייגן, אַז אין רוסלאַנד איז שוין ניטאָ און וועט שוין מער ניט זיין קיין גאָט אויף דער ערד, וואָס מען רופט אים צאַר.

און ווי מיט אַ כיון, איז דער לעצטער צאַר דורכגעפאָרן אונטער אַ שטרענגער שמירה, ווי אַנ'אַרעסטאַנט די גאַנצע ברייט פון לאַנד, זאָל דאָס לאַנד פון איין ברעג ביז צום צווייטן פילן די מורא'דיקע פּאָעזיע פון אַ מאָמענט, ווען מען באַגראָבט אויף אייביק זיין ערד־גאָט אין קאַלטן סיביר.

אויגוסט 1917.

דער נביא־קינסטלער און פּאָליטיקער.

I

אין רוסלאַנד לעבט אַ גרויסער קינסטלער, אַ וועלט-באַרימטער מענטש׳ וואָס האָט אפשר, ווי קיינער ניט, אויפגערודערט די וועלט נאָך טאָלסטאָי׳ען. אַלע קענען אים ביים נאָמען און זעלטן-וואו איר וועט געפינען אַ לייענדיקן מענטשן, וואָס האָט ניט דורכגעלעבט עטליכע דערהייבענע גוטע מינוטן אונטער דעם כשוף פון זיין פּעדער.

מ. גאָרקי איז פון דעם מין קינסטלער, וואָס האָבן אין זיך אַ פונק פון די אַלטע נביא׳יישע נשמות. ניט נור ער פאַרכאַפּט די לעזער מיט דער גרויסער קראַפט פון זיין פּלאַסטישער קונסט. ער צעטרייסלט נאָך דעם אינווייניקסטן מענטשן און לעזער מיט זיין שטאַרקן מאָראַלישן געפיל, מיט זיין אייביקן רוף צו יושר, מענטשליכקייט און גערעכטיקייט. ער איז ווי דער הייסער ווינט, וואָס טראָגט זיך איבער דער רוסישער ערד ווי אַ וויכער, און צעטרייסלט די מיליאָנען מענטשן-זעמדלעך, וואָס ליגן פויל, זיך ניט רירנדיק, ניט האָבנדיק צווישן זיך קיין-שום התחברות. ווי אַ גרויסע ברייטע פּאַן האָט ער זיך געשפּרייט איבער זיינע לעזערס קעפּ, און די פּאַן האָט געהאַט די וואונדערליכע דרום־ און צפון־פאַרבן פון זיין נשמה און זיין לאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט די ערשטע 25—30 יאָר פון זיין לעבן. ווי אַ פּאַרצייטיקער נביא האָט ער ניט מורא געהאַט צו זאָגן זיינע ברידער די ביטערסטע אמת׳ן און מיט דער אייגענער קראַפט פון זיין ליבע צו מענטשן, צו זיין רוסישן ברודער האָט ער ניט אויפגעהערט צו טייטלען מיט די פינגער אויף די אייטערדיקע וואונדן פון זיין פאָלק, וואָס קייקלט זיך באַרג אַראָפּ און פאַלט עד שאול תחתיות.

דער זינגער פון „שטורם-פויגל“, וואָס האָט געוועקט מוט אין האַרצן פון זיינע געקנעכטעטע ברידער, האָט געשריבן זיין ודוי „צוויי נשמות“ וואו ער האָט מיט ביטערקייט און גאַל אַנטפּלעקט די צוויי עקסטרעמע נטיות פון רוסישן מהות.

צוויי נשמות לעבן אין ברוסט פון דעם רוסישן מענטשן; א ווילד-אזיאטישע און אנ'איירָאפּייאישע, וואָס הערן זיך ניט אויף צו רייסן איינע מיט דער אַנדערער, און וואָס מאַכן אָפּטמאָל אַ תּל פון אַלע גוטע געדאנקען, געפילן און רצונות פון אַ רוסישן מענטשן.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „קינהייט" שרייבט ער: „ערשט אַ צייט שפּעטער האָב איך געכאַפּט די תּורה, אַז דער רוס, מחמת זיין אָרימען פּוסטן לעבן האָט עפּעס אַ באַזונדער תּשוקה צו יסורים. ער שפּילט זיך מיט זיי, ווי קינדער מיט אַ צאַצקע, און זעלטן־ווען שעמט ער זיך צו זיין אַ נעבעכל".

„אין דער אייביקער וואָכנדיקייט איז אַ צרה אויך אַ יום־טוב, איז אַ שׂרפה אויך אַ צייט־פאַרטרייב, איז אַ קראַץ אויף אַ נאַקעט גלאַט פּנים אויך אַ צירונג" (ז. 243).

און ווייטער אין אַנ'אָרט זאָגט ער מיט אַ ביטער געפיל, וואָס נעמט זיך פון אַ טיפער ליבע און פון דער איבערצייגונג, אַז דער שאַרפסטער אמת קאָן נור זיין אַ היילונג.

„סיי זייערע טרערן און סיי די געשרייען און זייערע קעגנזייטיקע מאַטערנישן, וואָס פּלעמלען אַזוי אָפּט אויף און ווערן אַזוי האַסטיק פאַרלאָשן, זיינען געוואָרען פאַר מיר (אין דער קינדהייט ב. מ.) אַ געוואוינליכע זאַך, האָבן אַלץ ווייניקער געווירקט אויף מיר, האָבן מיך אַלץ ווייניקער געגומען ביים האַרצן".

אין אַלע זיינע שילדערונגען, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געווירקט אויף זיין צער, מישן זיך אויס דער גלויבן אין דער רוסישער קראַפט אינאיינעם מיט דעם פיינעם מאָראַלישן געפיל פאַר אַלץ, וואָס איז פויל און פאַרפוילט אין דער נשמה פון זיין פאָלק.

מ. גאָרקי איז נאָך אַ צייט פאַר דער רעוואָלוציע געוואָרן די גרויסע פּאָליטישע קראַפט פאַר זיין פאָלק. ניט דורך זיין פּאַרטיי־פּראָגראַם האָט ער מעכטיק געווירקט אויף זיינע לעזער, נאָר דורך דער קראַפט צו וועקן אין זיי די פאַרבאַהאַלטענע געפילן פאַר אַ סאָציאַלער גערעכטיקייט און אַ ריינעם פּאַטריאָטיזם און צו עפענען בא אים די אויגן אויף דער רוסישער ווירקליכקייט, פאַר'ן רוסישן פאָלק, וואָס איז אַנ'איוב־געשטאַלט מיט שערבלעך אין די הענט פאַר די אייטערדיקע וואונדן.

II

איז אָבער געקומען די רוסישע רעוואָלוציע, איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס גאָרקי האָט שוין פאָראויסגעפילט אין זיין „שטורם־פויגל“, און דער נביא־קינסטלער איז געוואָרן א טאָג־פּאָליטיקער. דער, וואָס שרייבט פּאָליטיק פאַר דורות, איז געוואָרן א משרת בא א פּאַרטיי, וואָס מאַכט רגע־פּאָליטיק. דער, וואָס האָט שטענדיק גערופן צו א לעבן פול פון יושר, גערעכטיקייט, פון הויכע פריידן און גליק־ברייננגענדיקע קרבנות, איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דעם שפּינוועבס פון קליינליכע פראַקציאָנערע מחלוקת׳ן. בקיצור, מ. גאָרקי איז געוואָרן א רעדעלע אין דער מאַשין, זייענדיק בטבע די מאַשין אַליין. דער אַטעם פון דער רעוואָלוציע איז אריינגעשפּאַרט געוואָרן אין א קליינעם לאָקאָמאָטיוול. אַנשטאָט צו זיין דער קינסטלער איבער אַלע, איז ער געוואָרן דער מיטלויפער פון א חברה, וועלכע ער, אַלס קינסטלער און אַלס מענטש מיט אזא גרויסער נשמה יתרה, קאָן בשום אופן ניט סובל זיין.

א פּאָר טעג נאָך דער רעוואָלוציע האָט גאָרקי געשריבן (זי׳ „לעטאָפּיס“ פאַר אַפּריל):

„דאָס רוסישע פּאָלק האָט זיך פאַרקנס׳ט מיט דער פרייהייטס־געטין, לאָמיר גלויבן, אז פון דעם בונד וועלן אין אונזער לאַנד, וואָס איז פיזיש און גייסטיק אויסגעמאַטערט, ארוים נייע שטאַרקע מענטשן...

אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אז מיר זיינען אין א ווילדעניש פון א פיל־מיליאָנענדיקער מאַסע פאַרשוינען, וואָס ווייסן ניט דעם אלף־בית פון פּאָליטיק, וואָס האָבן קיין שום געזעלשאַפטליכע דערציאונג ניט. מענטשן, וואָס ווייסן ניט וואָס זיי ווילן, זיינען פּאָליטיש און סאָציאַל די געפערליכסטע ברואים, די מאַסן וועלן נאָך ניט אזוי גיך קאָנען גרו־פּירן זיך לויט זייערע קלאַסן־אינטערעסן, זיי וועלן זיך נאָך לאַנג ניט קאָנען אָרגאַניזירן און זיי וועלן נאָך א צייט לאַנג זיין ניט פייאיק צו א באַוואוסטזיניקער שעפערישער סאָציאַלער ארבעט...

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן די לעקציע, וואָס מיר האָבן באַקומען אינם יאָר 1905. די חיה׳שע אַרט, ווי מען איז זיך מיט אונז באַגאַנגען דערנאָך צוליב אונזערע פעלער, האָט אונז אָפּגעשוואַכט און צעניִשטערט אויף גאַנצע צען יאָר. אין דער דאָזיקער צייט זיינען מיר סאָציאַל און פּאָליטיש געוואָרן מופקרים, און דער קריג, אויסראָטנדיק הונדערטער טויזנטער יונגע כחות, האָט נאָכמער אונז אָפּגעשוואַכט, האָט נאָכמער צעפּליקט די וואָרצלען פון אונזער עקאָנאָמישן לעבן“.

און גאָרקי דערמאָנט זיין פּאָלק ווייטער:

„ניט דערפאַר האָט אונז זיך איינגעגעבן אַראָפּצעוואַרפן די אַלטע מאַכט, ווייל מיר זיינען אַ קראַפט, נאָר צוליב דעם, ווייל די דאָזיקע מאַכט, דורך און דורך אַ פּאַרפוילטע, איז צעפאַלן ביים ערשטן חברה'שן קלאַפּ. שוין דאָס אַליין, וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג ניט געהאַט די דרייסטקייט צו|געבן דעם דאָזיקן חברה'שן קלאַפּ, איז די בעסטע ראיה, ווי שוואַך מיר זיינען".

„און דערום", שרייבט גאָרקי, „דאַרף די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע (ניט זיין גרויס בא זיך ב. מ.) באַנעמען און פילן די אַלגעמיינע מלוכה־אויפגאַבן און נעמען אַ טעטיקן אַנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע פון די עקאָנאָמישע, פּראָדוקטיווע קרעפטן פונם לאַנד, אָפּצוהיטן זיין פריי־הייט פון אַלע אָנפאַלן, סיי פון אויסן, סיי פון אינעווייניק"...

„די אינטערעסן פון אַלע מענטשן האָבן איין באָדן, וואו זיי קומען זיך צונויף, ניט קוקנדיק אויף די אַלע קלאַסן־קעגנזאַצן, וואָס מען קאָן ניט אויסראָטן".

לייענענדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט פאַראויסזען, אַז מ. גאָרקי, וואָס איז געשטאַנען נאָך אין מערץ איבער אַלע פּאַרטייען, ווי דער שוץ־גייסט פון זיין פאָלק, און האָט נאָר געהאַט פאַר זיך די ברייטסטע פּערספּעקטיוון, וועט ווערן מיט דער צייט דער טאָג־פּאָליטיקער, וואָס וועט זיך אַרומרייסן מיט אַלערליי רגע־מענטשן, בא וועמען מאַכט און רעכט זיינען צוויי לבנות פון פאַרשיידענע פּלאַנעטן.

III

איך גלויב אָבער אין מ. גאָרקי'ס נשמה, און קאָן ניט אָננעמען, אַז גאָרקי איז אינגאַנצן מיט קאָפּ און לייב אַריין אין דעם שמאָלן חדר'ל פון אַ קליינער פראַקציע. --

אמת, אויך אין אים לעבן צוויי נשמות, ווי אין זיינע ברידער, נאָר בא אים האָט די ליכטיקע נשמה שטענדיק מנצח געווען די פינסטערע אַזיאַטישע. נאָר לפנים איז געוואָרן מ. גאָרקי דער פּאַרטיידיקער פון מענטשן, ווי א ראַדעק, גאַנעצקי א. ד. גל. ניט דער וואונש ווייס צו מאַכן די שוואַרצע געשטאַלטן פון די בוגדים האָט אים געצוואונגען צו שרייבן, נאָר דער טיפערער אמת פון אַ מענטשן, וואָס וויל ניט אַרויסלאָזן קיין חשד, כל זמן ער האָט ניט די פעסטע איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון אַ געוויסער באַשולדיקונג

איך גלויב ניט אין גאָרקי'ן אַלס פּאָליטיקער און בין איבערצייגט,

אז אויך די ציימוויליקע פראקציע זיינע וועט נאך ניט ווייניקער ליידן פון זיין פעדער, ווי די, וואס ער גרייפט איצט אן, בטעות. מ. גארקי מיט זיין שטארקן טעמפעראמענט האט ניט געקאנט בלייבן רואיק אין אזא מאמענט, ווען די ציימונג איז געווארן די גרויסע מאכט און ווען די שטים פון א געוויסנלאזן רעפארטער קלינגט העכער, ווי דער קול פון די גרעסטע גייסטער אינם לאנד. און ער האט געמוזט ווערן א ציימונגס-מענטש. אבער אויך איצט האט ער ניט אויפגעהערט צו זיין דאס, וואס ער איז: דער גרויסער קינסטלער און נביא, דאס הארץ, וואס קלאפט פאר אלע צייטן, און די שטים, וואס רעדט איבער אלע פארטייען.

לאמיר אויך ניט פארגעסן, אז גארקי, אלס א טאג-פאליטיקער, איז ניט קיין קראפט, אז ניט אין זיין פארטיי-צובונד ליגט דער גאנצער גארקי, נאר אין דעם, וואס עס רייסט זיך ניט פרייוויליק ארויס פון זיין נביא'ישער פעדער — דעמאלט וועט איטליכער ארטיקל אין זיין בלאט אונז פאראינטערעסירן גאר פון אן אנדער צד. און אויך אין זיינע טעות'ן וועלן מיר האבן די שטים פון אמת'ן גארקי'ן.

מ. גארקי'ן קאן מען אין איצטיקן מאמענט, לויט באדוענס משל, פארגלייכן מיט דעם ים־פויגל אלבאטראס, וואס שניידט דורך דעם אקעאן מיט זיינע פליגלען, קאן אבער ניט פריי גיין אויפן בארט פון א שיף, ווען ער מוז זיך אפרוען א ווײלע אויף דער ערד. ווארום זיינע פליגלען זיינען צו לאנג אויף צו גיין צו־פוס, ווי אנדערע פויגלען. אויך מ. גארקי איז שטארק נאר דעמאלט ווען ער שפרייט אויס זיינע פליגלען. אויפן בארט פון א פארטיי־שיף הינדערט אים זיין זשעני אין פשוט'ן גיין.

און לאמיר ווארטן, ווען דער אויסגערוטער אלבאטראס וועט ווידער אנהייבן צו פליען.

יולי 1917.

מיר ווערן לייט.

גאָר פאַר־צייטן, אַז מען פלעגט וועלן לויבן אַ גוט יינגל, פלעגט מען זאָגן: דאָס וואַקסט אַ גאון. שפּעטער, אַז יידן האָבן שוין געהאַט אַ דריסת הרגל באַ דער רעגירונג פלעגט מען זאָגן: דאָס וואַקסט אַ מיניס־טער׳שע קאָפּ. אין גיכן וועט מען מסתמא זאָגן:

— דאָס וואַקסט אַ מיניסטער.

וואָרום ווער עס קוקט זיך געגויער צו צו דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד, זעט באַשיינפּערליך, ווי אַ סך פון אונזערע יידן האָבן שוין גענומען די מלוכה־לייצעס אין די הענט און היינט — מאָרגן וועלן שוין מאַנכע פון זיי זיצן באַ איין טיש מיט די מיניסטאָרן.

אינטערעסאַנט איז צו באַטראַכטן די ראָליע, וואָס דער „בונד“ שפּילט איצט אין מלוכה־לעבן. דער „בונד“ אלס יידישע פּאַרטיי איז נאָך אין אַן ערגערער לאַגע, פון דער רוסישער מלוכה. ער האָט פאַרלוירן די אייגענע טעריטאָריעס, וואָס יענע. מען האָט אויך באַ אים אָפּגענומען ליטע און פּוילן.

אָבער רוסלאַנד, ניט קוקנדיק אויף אַלץ, האָט נאָך אַ שטיק לאַנד, פון דווינסק ביז דער כינעזישער גרעניץ. דער „בונד“ אָבער האָט ניט קיין וואָלגאַ און האָט ניט קיין אַמור. ער האָט איצט בכלל ניט קיין יידישע מאַסע, וואו ער זאָל קאָנען אַרבעטן ווי אין די אַמאָליקע צייטן. מאַכט ער אַ מיטינג — קומען צו גיין עטליכע יידן אַרבעטער און אַ סך קליין-בורזשואזע קוקערס און לײדיקגייער. רופט ער צו אַ דעמאָנסטראַציע — קומען ווייטער צו גיין אַ פּאָר מקורבים און אַ סך זייטיקע. קורץ און גוט, — דער „בונד“ איז איצט אין גלות .דערמאָנט כמעט די מלוכה פון מאָנטענעגראָ.

זיינען אָבער פון דער פּאַרטיי געבליבן די אַלטע גענימטע פירער, און ווי אמת׳ע יידן האָבן זיי ניט פאַרלוירן דעם מוט אויך אין די שווערסטע צייטן. קאָן מען ניט זיין דער פירער פון די יידישע מאַסן, וועלן מיר דערווייל ווערן די פירער פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע מאַסן.

און די „איינציקע" יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דער „בן־יחיד", ווי מען פלעגט אים אַמאָל רופן, איז אריין מיט קאָפּ און לייב אין דער רוסישער רעוואָלוציע. דאַרף מען מאַכן אַ טאָלק מיט די קראַנשטאַטער — פּאַרט אהין אַ בונדיסט. דאַרף מען שיקן אַ דעלעגאַציע קיין אייראָפּאַ צו דער דעמאָקראַטיע — קלייבט מען אויס אַ בונדיסט. ווייל מען דורכ־פירן אַ רעזאָלוציע באַ די באַטאַליאָנען — שיקט מען ווייטער אַ בונדיסט. און אַזוי ווייטער.

דער „בונד" שפּילט איצט די ראָליע כמעט פון די מיניסטאָרן באַ זיי. ער איז געוואָרן אַ קרוב למלכות. אויף דער יידישער גאַס הערט מען אים איצט ניט שטאַרק. דערפאַר אָבער האָט די יידישע גאַס פון אים שטאַרק הנאה. ווי אַמאָל פאַרצייטן, ווען אַ משכיל, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער יידישער גאַס און גערעדט מיט איר טייטש, איז געוואָרן אַ סטאַטסקי סאָוועטניק. וואָרום דער ייד האָט נאָך עד היום שטאַרק בושה פאַר אַ מיניסטער, אָדער פאַר דעם, וואָס שטייט ניט ווייט פונם מיניסטער.

און די אייגענע מעשה, וואָס האָט געטראָפן מיטן „בונד" האָט איצט פּאַסירט מיט אַן אַנדער יידישער אינסטיטוציע, מיט דער חברה „אָרט", וואָס איז כמעט געווען אין די לעצטע יאָרן די פעסטונג פון דער פּאַרטיי ס. ס. די גענימע ארבעטער פון צענטר אין „אָרט" זיינען אוועק אין ארבעטס־מיניסטעריום, און די דאָזיקע חברה האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן פאַרלוירן אירע בעסטע קרעפטן. וואָרום דאָס איז דאָך אַ כלל, אַז ווען דאָס פּאַטערלאַנד רופט, טאָר מען ניט לאָזן בעטן זיך און מען דאַרף זיך אָפּגעזעגענען מיט דער יידישער גאַס.

און איך וועל זיך ניט וואונדערן אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועלן מיר דערהערן, אַז דער בילדונגס־מיניסטער האָט צוגענומען באַ אונז פאַר זיין מיניסטעריום אַלע גוטע ארבעטער פון דער חברה „מפיצי השכלה" און דער לאַנד־ארבעטס־מיניסטער — אַלע טוער פון „יקא" און פון „יעוואָפּאָ". וואָרום עפּעס אַ קליינקייט ווערן אַ קרוב למלכות, פון אַ באַפּולמעכטיקטן פון אַ יידישער חברה — אַ נאַטשאַלניק פון אַ רו־סישן דעפּאַרטאַמענט!

קורץ און גוט — מיר ווערן מיניסטעריאַבל, און אַלע אונזערע גדולים, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער איינגער יידישער וועלט, מיט קליינע ביודזשעטן און קליינע טעטיקייטן, באַקומען איצט די מעגליכקייט אויסצושפּרייטן זייערע פליגלען אין דער גאַנצער ברייט פון זייערע פע־איקייטן און קענטנישן. און איטליכער פון זיי פאַרלאָזט מיט אַ קרעכ־

צעלע די יידישע איינגע גאַס צוליב דעם ברייטן פעלד וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי.

מיר ווערן האַלבע מיניסטאָרן. די רוסישע רעוואָלוציע איז נאָך אין דעם ערשטן סטאַדיום — האָט זיך נאָך לאַנג ניט געענדיקט, און די יידישע גאַס פילט שוין דעם טעם פון דעם קומענדיקן טאָג, ווען די יידישע אינטעליגענץ וועט אוועקגיין פון אונז, און לאָזן די יידישע גאַס אויף גאָטס באַראָט, נאָר מיט דעם איינציקן נחת, אַז אַ ייד איז מסוגל צו זיין אַ רוסישער מיניסטער.

און מען וועט זיך פראַלן מיט די נייע קומענדיקע גליקן, אַז בערקענהיים איז כמעט אַ מיניסטער פאַר לעבנס-מיטל, כינטשוק — דער פרעזידענט פון דעם מאָסקווער אַרבעטער-ראַט, ערליך — דער רוסישער פאָרשטייער פאַר דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע, כורגין — דער סעקרעטאַר פון אַרבעטס-מיניסטער, בראַמסאָן — איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג א. א. וו.

צו דער פסחדיקער הגדה וועט צוקומען אַ ניי צעטל נעמען, און די יידישע גאַס וועט בלייבן אָרים ווי געוועזן.

אויגוסט 1917.

פראַקטישע קבלה.

עס איז פאַראַן אַ קבלה עיונית (אַ טעאָרעטישע) און אַ קבלה מעשית (אַ פראַקטישע). איינע פון די אויפגאַבן פון דער פראַקטישער קבלה איז געווען צו ווערן אַ רואה ואינו נראה, דאָס הייסט, אַז, קענענדיק זען אַנדערע, זאָלסטו אַליין ווערן אַ נעלם פאַר זייטיקע אויגן. אַ סך גרויסע קעפּ האָבן זיך ביז צו דער לעצטער צייט געמיט צו דערגיין צו אַזאַ מדרגה. דאָס איז אָבער לחלוטין קיינעם ניט געלונגען.

דאָס אָבער, וואָס איז ניט געלונגען דעם איינצעלנעם מקובל, האָט זיך איינגעגעבן סוף כל סוף דעם גאַנצן פאָלק פון די מקובלים. דאָס יידישע פאָלק איז שוין כמה וכמה יאָרן אין געוויסן זין אַ רואה ואינו נראה. עס איז ניטאָ כמעט אַ ווינקל אין לעבן פון די פעלקער, וואו עס זאָל ניט אַרבעטן אַ יידישע האַנט, אַ יידישער מח, אַ יידיש האַרץ. די וועלט אָבער זעט ניט די האַנט, ניט דעם מח, ניט דאָס האַרץ. אַלע די דאָזיקע אַרבעטן ווערן פאַרשריבן אויף דער קאָנטע פון פרעמדע הענט, מחות און הערצער. און טאַקע צוליב דעם, וואָס דער ייד, אַלס לעבעדיקע מאַכט אין

פרעמדע פעלקער־אָרגאַניזמען ווערט נעלם, ווי די לופט, וואָס מען אָטעמט איין — קאָן אָפּט פּאַסירן, אַז אַ דאָן יצחק אבאַרבאַנעל האַלט אין די הענט די פינאַנסן פון פערדינאַנדן און איזאַבעלען, און בעת מעשה שרייבט מען אונטער אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן שפּאַניען, צעשפּרייט ווערן איבער אַלע ימים און מדבריות.

נאָר צו וואָס גיין אַזוי ווייט, ווען מיר האָבן אַזוינע נאָנטע ביישפּילן.

איצט, למשל, ווען רוסלאַנד לעבט שווער און טראַגיש דורך די ערשטע טריט פון זיין רעוואָלוציע — אַרבעט דער רואה ואינו נראה אויף אַלע כלים. מען געפינט אים אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע צווישן די ראשי המדברים, ער זיצט אין די וויכטיקסטע מלוכה־קאָמיסיעס. און דאַרף מען באַשטימען די העכסטע קאָמיסיע, וואָס אַרבעט אויס דעם הויך־וויכטיקן נאַקאַז מכח די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, — געפינט מען צווישן ניין, פינף יידן. און שיקן צו דעם מאָסקווער צוזאַמענפאָר די פּאַראייניקטע ביינק זייערע פינף פאַרטרעטער, — זיינען דריי פון זיי יידן בבחינת רואה ואינו נראה.

און ווען עס באַווייזט זיך אַזאַ מין טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס קאָן שוין ניט סובל זיין אַ קערענסקי, און צוליב אים שאָקלען זיך די מיניסטערשע פּאָטעלן פון דער צייטווייליקער רעגירונג, — דרייט זיך אַרום אים ווידער דער רואה ואינו נראה: ראַזאַנאָוו, מאַרטאָוו, טראָצקי, זינאָוויעוו א. א. וו.

מיר הערן נאָך ניט דערווייל פון דעם רואה ואינו נראה בא די רעכטע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. נאָר מיר וויסן שוין פון מעשה אַזעף, אַז אויך דאָס נידערטרעכטיקסטע אין יידנטום האָט דעם כח צו ווערן אַ „רואה ואינה נראה“.

און אין דער אייגענער צייט, ווען ווינאַווער, בראַמסאָן, הורוויץ־דאָן, ליבער, האַלפּער'ן, קאַמענקאַ, קראַכמאַל זיינען אַזוי שטאַרק אין מעמד אַז שטענדיק שטייען פאַר זייערע טירן די בענזין־פולע מלוכה־אויטאָ־מאָבילן, — ציטערט דאָס גאַנצע יידנטום פאַר אַ פּאָגראָם און טרינקט דעם פולן ביטערן בעכער פון מעשה טשערנאָוויץ, קאַלושטש *) און אַנדערע ערטער.

און אויפן מאָסקווער צוזאַמענפאָר, וואו עס דאַרפן זיין צוויי פאַר־טרעטער פון איטליכער נאַציע, האָבן די יידן נאָך ביז היינטיקן טאָג

*) שטעט אין גאַליציע, וואו די רוסישע אַרמיי האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

ניט די צוויי נאַציאָנאַלע פּאַרטרעטער, און ס'איז נאָך אַ גרויסער ספק צי וועלן מיר זיי האָבן.

מיר האָבן צענדליקער יאָרן געלערנט דעם קונץ, ווי נעלם צו ווערן. אויך איצט אין די זעקס מאָנאַטן פון דער רעוואָלוציע-צייט האָבן מיר נאָך ניט אויסגעאַרבעט קיין נאַציאָנאַלע פאַרטרעטונג, קיין נאַציאָנאַלן גוף, וואָס מען זעט עס פון דער ווייטנס. און דערום וועט ביים צוזאַמענ־פאָר זיין אונזער פּאַרטרעטער דער „בונד" און דער פיינער בעל-הבית פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי און אפשר פון אַנדערע רוסישע פּאַרטייען, בקיצור די, וואָס וועלן אפשר אויך אַ ווײַלע אַוועקוואַרפן זייער פּראַק־טישע קבלה, און ניט די אמת'ע פּאַרטרעטער פון דעם נאַציאָנאַלן יידנטום, וואָס איז כולל אין זיך אַלע פּאַרטייען. אין בעסטן פאַל וועלן מיר נאָך האָבן די פּאָר יידישע דעפּוטאַטן פון דער ערשטער דומע און פרידמאַנ'ען, אָבער פּאָרט ניט די, וואָס וועט שיקן דער ליטווינער, דער לאַטיש, אָדער דער טאַטער.

שוין־זשע איז נאָך ניט צייט אַוועקצוואַרפן די אַלטע פּראַקטישע קבלה, וואָס איז נאָך דער רעוואָלוציע אַזוי ניט פּראַקטיש, וואָרים זי ברייננגט אונז גאָרניט אויסער אַ רעה און באַפרייט אונז ניט, ווען אונזערע רואים ואינם נראים באַגייען פעלער, פון פאַראַנטוואָרטליכקייט?

אויגוסט 1917.

מען כשר'ט.

אין יידישע הייזער אין מאָסקווע איז חושך ואפלה, וואו מען קומט אריין, פילט מען זיך, ווי פּסח. מ'האַלט אין איין כשר'ן.

אייגנטליך האָבן אויך די אמת'ע רוסישע הייזער געמעגט כשר'ן ווייערע וואוינונגען. באַ זיי איז ניט ווייניקער סחורה, ווי באַ יידישע ווינט־סוחרים. נאָר דער רוס ווערט בטבע ניט שטאַרק נתפּעל פון דעם ליאַרם, וועלכן עס מאַכן די קאָמיטעטן און די ראַטמענער פון דער שטאָט־דומע, אייגענע בעלי־הבתים. און פאַר אַ ספּעציעלן אַנטיזעמיטיזם האָט ער ניט קיין מורא.

דער ייד אָבער פילט אין מאָסקווע, אַז זיין סעמיטישע נאָז איז עפּעס געוואָרן איצט אַ וועג־ווייזער, וואָס ציט צו זיין מעבלירטן צימער, אָדער צו זיין בעזשענסקער וואוינונג וואו מען לעבט אין איינגעשאַפּט זאַלבע־צענט, דעם דוואָרניק, ווי דעם כוליגאַן און נאָך אַזוינע שיינע געסט

און מען שרעקט זיך ניט בלויז פאַר זיך אַליין. אין דער גרויסער איינגשאַפט, וואו מען וואוינט — אין איטליכן מעבלירטן צימער אַ גע־זינדל, — קאָן אַריינפאַלן דער אומשולדיקער צוזאַמען מיטן שולדיקן, אויב ער האָט נאָר אַ יידיש פּנים. אין די טעג ווען מען האָט געפּרוּאווט באַפאַלן אַ סוחר׳ל אין די נומערן, האָבן געציטערט און געפּלאַטערט ווייבער און קינדער, וועמענס מענער זיינען אויפן פראָנט, ניט ווייניקער ווי די, וואָס האָבן באַהאַלטן גאַנצע קאַסטנס שוכוואַרג און גומענע קאַלאָשן.

חוץ דעם, צי קאָן איצט עמיצער זאָגן, אַז ער איז אינגאַנצן אָן אַ חטא? ס׳איז ניטאָ קיין אָרט, וואו מענטשן האָבן עפּעס ניט צוגעגרייט צום הארבסט: אַ פּאָר פּוד מעל, אַ ביסל וואָלן־שטאָף פאַרן ווינטער, עט־ליכע צענדליק קעסטלעך טרוקענע מילך, אַ פעסל פּוטער א. ד. גל. און מען דאַרף נאָר, אַז דער המון וואָס שטייט הונדערטערווייז פאַר די טירן, וואו מען מאַכט אָבלאַוועס, זאָל דערהערן, אַז מען האָט געפונען באַ עמיצן אַ פּוד מעל, אַז ער זאָל שוין אַרויס פון די כלים.

און וואונדערליכערווייז שטייט שטענדיק דער המון פאַר יידישע טירן, און מיט איטליכן טאָג ווערט ער אַלץ מער איבערצייגט, אַז די גאַנצע ספּעקולאַציע ליגט אין יידישע הענט.

ס׳איז איבעריק צו באַווייזן, ווי דאָס איז פאַלש. דער ייד ספּעקולירט ניט מער ווי דער רוס. נאָר דער ייד האָט שוין אַזאַ טבע, אַז זיינע באַ־וועגונגען זאָגן מער, וואָס ער וויל טאָן, ווי ער טוט.

אַז מען קוקט זיך צו פון דערווייטנס צו די טויזנטער אָנגעלויפענע יידן, וואָס אַקערן מיטן נאָז אויף די מאָסקווער גאַסן, קאָן מען מיינען, אַז מען שפּילט זיך מיט הייזער, וואַגאָנעס סחורות, ווי מיט פילקעס, אַז עס זיינען עפּעס אָנגעהאָגלט גאַנע אַרמייען וואָס צעטראָגן די שטאָט ציגלווייז. אין דער אמת׳ן אָבער איז דאָס אַ ווילד בערזן־שפּיל, וואו קיין זאַך רירט זיך ניט פון אָרט און עס קומט ניט צו צו מאָסקווע קיין איין וואַגאָן סחורה.

און די רוחים פון דאָזיקן שפּיל זיינען אַזוי לופטיק, אַז דינסטיק איז שוין אַ פּאַרטיקער אָרימאַן דער, וואָס האָט נאָך מאָנטיק געהאַט עטליכע צענדליק טויזנט רובל.

מיר לעבן איצט אין אַ צייט, ווען מען מוז זיין געגרייט צו אַלץ. ווען די זיילן פון אַ מדינה שאָקלען זיך, איז קיין וואונדער ניט, אַז טויזנ־טער, טויזנטער עקזיסטענצן גייען צו גרונט. עס איז אוממעגליך פאַר־אויסצוזאָגן, אַז די איצטיקע אַנאַרכיע אין לאַנד זאָל ניט אויסגיין אויך צו יידישע קעפּ. דאָס איז אודאי טרויעריק, אָבער טרויעריקער ווי אַלץ

וועט נאָך זיין, ווען נאָך אַלע אומגליקן וועלן מיר יידן אַרויס עקאָנאָמיש שוואַכער ווי פריער. און צום באַדויערן זעט מען ניט, אַז די יידן זאָלן זיך ערגיץ-וואו עקאָנאָמיש באַפעסטיקן.

און ניט נאָר עקאָנאָמיש ווערן מיר ניט שטאַרקער, אויך פּאָליטיש נוצן מיר ניט אויס דעם מאָמענט. שולדיק דערין איז ווידער דאָס, וואָס עס האָט זיך באַזעצט בא אונז דער מנחם-מענדלשער גייסט, וואָס דער הו-האַ פון דער בערזע האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון אונזערע אינטעליגענטע קרעפטן און דערשטיקט אין זיי אַלע יידישע פּאָליטישע אינטערעסן. איך קען צענדליקער יידן מיט העכערער בילדונג, וואָס האָבן כמעט קיין צייט ניט דורכצולייענען אפילו אַ צייטונג. איך קען אויך יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן מער אינטערעסן צו די קורסן פון די בערזן־פּאַפּירן, ווי צו געדרוקטע בלעטלעך פון זייער אַמאָליקער פּאַרטיי.

איך דערמאָן זיך ניט ווילנדיק אָן דעם לידל פון חסיד'ל, וואָס מוסר'ט יעדן זון זיינעם: „ניט געדאַוונט, ניט געלערנט, ניט געדאַוונט, צו וואָס-זשע טויגסטו אויף דער וועלט, מיט וואָס וועסטו קומען אויף יענער וועלט!“

סיי עקאָנאָמיש, ווי פּאָליטיש בלייבן מיר אָרים ווי געווען; טאָ מיט וואָס טויגן מיר אויף דער וועלט און מיט וואָס וועלן מיר קומען צו אונזער קומענדיקן דור?

צי וועלן מיר נאָר באַשאַפן אַ נייעם קאַפּיטל תהילים אויפן מאָטיוו „על נהרות בבל“? מיר זיינען געשטאַנען ביים טויער פון רייכע עקאָנאָמי־שע און פּאָליטישע מעגליכקייטן, און אין הויף זיינען מיר ניט אַריין. מיר האָבן געדאַרפט אָנשטריינגען אַלע כחות צו ווערן אַ פריי פאָלק. ווער ווייסט צי עס וועט זיך ניט אויסלאָזן מיט אַנטוישונג און יאוש? דער גייסט פון מנחם מענדלען האָט געזיגט איבער דער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן — און מיר שטייען אַזוי אָרים און נאַקעט ווי געווען.

אויגוסט 1917.

ר׳ גמליאל און ר׳ עקיבה.

ר׳ גמליאל און ר׳ עקיבה זיינען געווען פונקט אנטקעגנגעזעצטע כאַ־ראקטערן. וואו איינער האָט געוויינט, האָט דער אנדערער געלאַכט. ר׳ גמליאל, אז ער פלעגט זיך צוקוקן צו א חורבה, פלעגט ער באַלד דערזען די פאַרגאַנגענהייט פון דער חורבה, ווען עס איז נאָך געווען א פּאַלאַץ, — און האָט געוויינט; ר׳ עקיבה דאקעגן האָט זיך פאָרגעשטעלט די צוקונפט פון דער חורבה, ווען פון דעם הויפן שטיינער וועט נאָך ווערן אמאָל א פּאַלאַץ און האָט זיך געפרייט. מיט אזוינע ר גמליאל׳ס און ר׳ עקיבה׳ס איז איצט פול די גאַס. וואו דו גייסט און שטייסט — הערסטו נאָר זיך מענטשן מפלפל זיין, זיפצן און אָכצן אָדער מיט באַגייסטערטע אויגן חלומ׳ען הנ״ל וועגן א גרויסער צוקונפט.

די האַנדל־ און פאבריקאַציע־קרייזן באַקלאָגן די חורבות פון הונ־דערטער רוסישע פאבריקן. די גענעראַלן און אָפיצירן — די צעפוילטקייט פון דער ארמיי. די שטאַטיקע און דאָרפישע אָרגאַניזאַציעס — די גע־פאַלנקייט פון די מדות אין שטאָט און אין דאָרף. דאקעגן שטעלן זיך פאָר די ר׳ עקיבה׳ס די צייט, ווען פון דער רוסישער ארמיי וועט ווערן א שטאַרקע, פרייע פאָלקס־ארמיי; ווען אויף די חורבות פון די רוסישע פאבריקן וועלן בויען נייע פאבריקן מיליאָנען פרייע פּראָלעטאַרסקע הענט. און אין דאָרף וועט ניט זיין קיין אָרעם און רייך און איטליכער וועט געניסן פון די פרוכטן פון זיין ארבעט. אויך די קליינע נאַציעס זיינען אזוינע ר׳ עקיבה׳ס, און שטעלן זיך פאָר די קומענדיקע ליטווישע, לאַט־ווישע, טאַטערשע סיימען מיט אַן׳אייגענער שול און מיט אַן׳אייגענעם פרייעם נאַציאָנאַלן לעבן, אפילו מיט אַן׳אייגענעם אוניווערסיטעט.

צום אומגליק האָט ר׳ גמליאל זיך ניט שטענדיק געגאַרט, און אויב די ר׳ עקיבה׳ס זיינען געווען אמאָל גערעכט, איז דאָס ארויסגעקומען אזוי שפּעט, אז עס איז ארויסגעקראָכן די אויגן וואַרטנדיק. און סוף כל סוף זיינען שטענדיק געווען די קלאָגער און וויינער מער אין צאָל, ווי די ר׳ עקיבה׳ס.

דעם 20־טן איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א יום־טוב בא די ציוניסטן צוליב דעם געדענק־טאָג פון ערשטן באַזעלער קאָנגרעס. דער זאַל איז געווען געפּאַקט, און אויף דער טריבונע האָבן געדראַפּט שטיין באַקאַנטע ציוניסטן און יידישע פאַעטן.

עס איז אָבער פון יום־טוב גאָרניט געוואָרן. וואָרום, ערשטנס, איז אין דעם טאָג געווען כמעט א מין פאָגראָם אויף דער סאָליאַנקע, צוליב

א יידל, וואָס האָט באַהאַלטן אויף ספּעקולאַציע אַ סך גומי־סחורות. און צווייטנס איז אין דעם טאָג אָנגעקומען די שרעקליכע בשורה, אַז די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין ריגע. די ביידע פאַקטן האָבן שטאַרק צוגעדריקט דאָס האַרץ פון עולם. פון דעם קאָנצערט-טייל האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן, און די האַפענונגספולע רייד פון די רעדנער זיינען גע־פאַלן אויף די צעבראָכענע צעשראָקענע געמיטער און האָבן ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין האַרצן. אַ זייגער עלף איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען

זיצנדיק אין אַ לאָזשע אינאיינעם מיט נאָך עטליכע, וואָס האָבן זיך צעשטרייט צוגעהערט צו די רייד אויף דער טריבונע, האָב איך גע־טראַכט:

גרוים ביסטו ר' עקיבה, און עס באַווייזט זיך באַ דיר אַ האָפנונג־שמייכל אויף די ליפּן אין דער צייט, ווען אַ גאַנצע לאַנד ליגט אין אַ מצב פון אַ גוסס. רבונו של עולם! וואו נעמט מען אַזוינע אייזערנע כחות צו קענען דורך די פריילעכע צוקונפטס־האָפנונגען פאַרטרייבן די שווערע געפילן פון אַ קעגנוואַרט, וואָס איז פול פון צרות, בלוטיקע טרערן און אימת מות!

אויגוסט 1917.

די שטימונג.

מען קאָן פּאָלעמיזירן קעגן געוויסע געדאַנקען, איבערצייגונגען; מען קען אויך שטרייטן קעגן די טיפסטע פאָראורטיילן, וואָס מענטשן האַלטן זיך אָן זיי דווקא מיט דער גרעסטער עקשנות, — און ס'טרעפט אַמאָל, אַז מען האָט דערביי וועלכן ניט איז דערפאָלג. אָבער שטרייטן קעגן דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג — דאָס איז כמעט אַן אוממעגליכע זאַך.

די שטימונג פון דער מאַסע ווערט אַמאָל באַשאַפן אַזוי אומגעריכט, אַז מען קען אפילו ניט געבן דערויף קיין שום דערקלערונג. ווי אַן עפּידעמיע פאַרשפּרייט זיך די שטימונג פון איין מענטשן צו דעם אַנדערן, פון איין באַפעלקערונגס־שיכט צום צווייטן, און שנעל ווי אַ בליץ כאַפּט זי אַרום די ברייטסטע קרייזן, — אַ שטאָט, אַ געגנט, אַמאָל אויך אַ גאַנץ לאַנד.

עפּטער, פאַרשטייט זיך, ווערט די שטימונג פון דער באַפעלקערונג אַרויסגערופן דורך געוויסע געשעהענישן, דורך געוויסע פאַקטן. פּרובט

מען אָבער רואיקער באַטראַכטן די דאָזיקע געשעהענישן, אַזוי זעט מען צומאָל איין, אַז זיי זיינען ניט קיין גענוגער יסוד פאַר דער שטימונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן. מען זעט עס, מען פאַרשטייט עס, אָבער אָפּשוואַכן ענדערן די שטימונג איז מען דאָך ניט אימשטאַנד.

באַזונדערס עפּידעמיש ווירקט אַ אומרואיקע, פּעסימיסטישע שטי־מונג און דוקא אין אַזאַ מאָמענט, ווען די אומרואיקייט, דער פּעסעמיזם ברייינגט דעם גרעסטן שאָדן

דאָס באַמערקן מיר איצטער אין פּעטראָגראַד. דער עולם אין דער הויפּט־שטאָט איז די לעצטע צייט בכלל זייער נערוועז נעוואָרן; די געזעלשאַפטליכע טעמפּעראַטור איז דאָ כסדר אַן אומגעזונטע, אַ צו־הויכע. מען פאַרנעמט זיך צו־פיל און צו־היציק מיט שווערע, פאַרפּלאָנטערטע געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען, מען איז שטאַרק פאַרטומלט — און יעדערער פילט זיך עפּעס ווי אין אַ פאַרכשופ׳טן עולם התוהו.

און דאָ איז גראָד געקומען די ריגער קאַטאַסטראָפע *). תחלת האָט די באַפעלקערונג, דוכט זיך, אויפגענומען דאָס נייע אומגליק כמעט אַפּאַטיש, גלייכגילטיק, גאָר כמעט ניט רעאַגירט אויף אים. אָבער באַלד האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן גרוימער מאַכן פּעטראָגראַד — און די שטימונג האָט זיך פּלוצלונג אומגעביטן, ווערט וואָס ווייטער אַלץ אומרואיקער...

טראָגן זיך אין דער לופט פאַרשידענע קלאַנגען, וואָס יעדער כאַפּט אויף און טראָגט פונאַנדער ווייטער; די מינדעסטע קלייניקייט רייצט אויף און צערודערט, ווי גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ געשעהעניש, — און יעדע ידיעה פון די צייטונגען רופט אַרויס די פאַרשידנסטע השערות, אָפטמאָל די אומגעלומפּערטסטע און זינלאָזסטע...

קעגן אַזאַ מין שטימונג קאָן מען, פאַרשטייט זיך, מיט אַרטיקלען און מיט לאָגישע באַווייזן גאָר ניט אויפטאָן. אָבער יעדער איינציקער, מער פאַרשטענדיקער און רואיקער מענטש, מוז ראַנגלען זיך קעגן דער דאָזיקער אומגעזונטער צערודערטקייט, ווי ווייט ער איז בכח. און דער עיקר, זען זיך אַליין באַהערשן און בלייבן רואיק.

ווען אַ טייל מענטשן, — בפרט נאָך די נערוועזערע, אומרואיקערע, און ווייניק פאַרנומענע, — וועט אַרויספאָרן פון פּעטראָגראַד (און דאָס איז מען דאָך נאָר אויסן מיט דער גרוימער־מאַכונג פון דער הויפּט־שטאָט) — אַזוי וועט עס, לכל הדעות און באַ אַלע אומשטענדן, ברייינגען נוצן. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָס פאַרגרינגערט די דערנע-

---

*) דער דורכרייס פון דער דייטשער אַרמיי.

רונגס־פראגע אין פעטראָגראַד, וועלכע איז זייער פארשארפט געוואָרן גראָד די לעצטע צייט, און אז דאָס וועט געווים אויך א ביסל מילדערן די געזעלשאפטליכע אטמאָספערע אין דער הויפט-שטאָט, וועלכע איז שוין צופיל עלעקטריזירט און נערווירט...

יעדערער דאַרף געדענקען, אז א פאניק אין פעטראָגראַד קען האָבן די שווידערהאפסטע פאָלגן, און יעדערער מוז דערום אַלעס טאָן, עס זאָל צו אזא פאניק ניט קומען, בפרט אז די אָפרוימונג פון פעטראָגראַד גיט קיין שום יסוד ניט דערצו.

עס איז אומגעהויער שווער צו שטרייטן קעגן אן אומרואיקע שטימונג, אָבער מען מוז דאָך שטרייטן און מען מוז זי באזיגן.

די רעפובליק.

אַלס דאָקטאָר טרעפט מיר אָפט צו שטיין בא א בעט פון א געד פערליכן קראנקן, וואו מען האָט שוין געמאכט עטליכע קאָנסיליומס, שוין ארויסגערופן דעם פראָפעסאָר, געריסן דעם ארון־קודש, געמאָסטן קברים, אונטערגעלייגט א קמיעה'לע פון א גוטן יידן און איינמאָל באנאכט אויך געבראַכט דעם טאַטער פון דאָרף. שוין אַלץ אָפּגעטאָן, און דער קראַנקער פאָכט וויטער מיט די זייטן, און ליגט מיט א מאטן אויסגעלאָשענעם בליק אויף די ווייסע קישנס. די פארצווייפלונג איז גרויס; אין די זייד טיקע צימערן לויפן ארום מענטשן און ברעכן מיט די הענט. ווי א שווארצער געדיכטער שלייער ליגט איבער דעם גאנצן הויזגעזינט א ווילדע מרה־שחורה, א מענטש פארלירט אָבער ניט די האָפנונג אויך דע־מאָלט, ווען ס'איז שוין ניטאָ אויף וואָס צו האָפן. און עס באווייזט זיך מיט א מאָל דער שמש פון קלויז מיט זיין לעצטן, עקסטן מיטל. ער איז געקומען דעם קראַנקן משנה השם זיין. פון היינט אָן וועט מען שוין דעם קראַנקן ניט רופן ברוך, נאָר חיים. געלערנטע לייט זאָגן, אז דאָס איז א גוטער אויסגעפּרובירטער מיטל. וואָרום קומען קומט דאָך דער מלאך המות נאָך ברוכ'ס נשמה, ניט נאָך חיים'ס. היינט וויבאַלד אין בעט וועט שוין ליגן א חיים ניט קיין ברוך, וועט שוין דער מלאך המות ממילא מוזן אוועקגיין צוריק מיט ליידיקע הענט.

אָפּט קומט אויס אַ דאָקטאָר זיך צו צוקוקן צו אַזאַ בילד, און אויב ער איז אַ מענטש מיט אַ געפיל, וועט ער זיך קיין מאָל ניט דערלויבן צו לאַכן פון מענטשן, וואָס טוען אָפּ פון פאַרצווייפלונג אַלערליי נאַרישקייטן. אָבער דאָס וועט איר באַ אַ דאָקטאָר ניט פועל'ן, אַז ער זאָל גלויבן אין דער ווירקונג פון משנה־השם־זיין.

אויך די איצטיקע דעקלאַראַציע מכח דעם, אַז רוסלאַנד איז פון היינט אָן אַ רעפובליק, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרצווייפלטער מעשה ביים בעט פון אַ קראַנקן.

גאָטעניו, וואָס האָט מען שוין ניט אָפּגעטאָן, אין די לעצטע עטליכע מאָנאַטן, כדי צו ראַטעווען די געפערליך קראַנקע מדינה! די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס איז אַ מין קאָנסוליום פון דאָקטוירים, האָט שוין געהאַט באַ זיך אַלע ספּעציאַליסטן. אויך די פּראָפעסאָרן פון אויסלאַנד האָבן ניט געפעלט. גאָר ניט לאַנג איז אויך געווען דער פּראָפעסאָר פון אַמעריקע רוט, וואָס האָט צוגעזאָגט אַריינצוגיסן אין רוסלאַנדס אָדערן ניי פריש בלוט, סיי אין דער געשטאַלט פון דאָלאַרן, סיי אין דער געשטאַלט פון וואַגאָנעס און לאָקאָמאָטיוון. עס איז כמעט ניט געווען קיין איין פּאַרטיי אין לאַנד, וואָס האָט זיך ניט גענומען צו היילען דעם קראַנקן. מען האָט שוין געריסן דעם ארון־קודש אויף דעם מאָסקווער צוזאַמענפאָר *), וואו עס שטייען די 40 מאָל 40 הייליקע צערקוועס, און וואו עס קלאַפּט, ווי באַקאַנט, רוסלאַנדס האַרץ. די לאַגע אָבער ווערט ניט בעסער. נאָך דעם מאָסקווער צוזאַמענפאָר איז לייכטער ניט געוואָרן און ס'האָט נאָך אויסגעבראָכן אַ נייע געפאַר, — קאָרנילאָווס פאַרשווערונג. קוים האָט מען אָפּגעשאַפט די נייע טויט־סכנה, האָבן שוין אויפגעהייבן ווילד די קעפּ די באָלשעוויקעס און ווידער אַריינגעוואָרפן די קרעפטן פון לאַנד אין טויט־חלשות. און אין דעם דאָזיקן פאַרצווייפלטן מאָמענט איז מען געקומען פּרובירן דאָס לעצטע מיטל, די רפואה פון משנה־השם־זיין. ברוך הייסט שוין פון היינט אָן חיים.

עס ליגט מיר אודאי ניט אין זינען אָפּצולאַכן פון די, וואָס מיינען אין זייער פאַרצווייפלונג צו ראַטעווען די לאַגע דורך אַ פשוט'ע פאָרמאַליטעט. אָבער קיינמאָל וועט מען ניט פועל'ן באַ מיר, אַז דער נייער חיים איז אַ קלענערער חולה מסוכן ווי דער פריערדיקער ברוך. אַ רעפובליק איז זייער אַ שיינע זאַך, אָבער אַ טויט־קראַנקע רעפובליק איז די אייגענע צרה, וואָס אַ קראַנקע מאָנאַרכיע.

---

*) צוזאַמענפאָר פון אַלע געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס צונויפגערופן דורך דער רעגירונג אויף באַטראַכטן די לאַגע פון לאַנד.

די לעצטע דעקלאַראַציע פון דער רעגירונג האָט קיינעם ניט דער־פרייט. די רוסישע פרעסע האָט זי אָנגענומען מיט די אייגענע אומגלויביקע הערצער, ווי די נאָענטע און קרובים פון אַ קראַנקן, ווען עס קומט דער שמש משנה־השם־זיין. אין אזא בייזער צייט, ווען פון אַלע זייטן קומען אָן די ביטערסטע בשורות, פאַרלירט דאָס וואָרט רעפּובליק דעם גאַנצן חן זיינעם. און אויב עס טרעט איצט ניט אַרויס די קריטיק פון די קאַדעטן, וואָס ווילן ניט פאַרגוואַלדיקן וואָס די האָר איז ווערט די מדינה פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, איז דאָס דערפאַר, וואָס ווער־טער, דעקלאַראַציעס, קמעות א. ד. גל. האָבן שוין אינגאַנצן פאַרלוירן זייער ממשות, און מען איז שוין גלייכגילטיק געוואָרן קעגן אַלע מיטלען.

וואָס העלפן אַלע דעקלאַראַציעס ווען מיט איטליכן טאָג איז מען זיך מיאש אין די נאַטירליכע קרעפטן פון קראַנקן לאַנד, וואָס זאָל קאָנען פון זיך אַליין גובר זיין די קראַנקייט?

וואָס איז מיר די נפקא־מיני, וואָס אָנשטאָט אַ ברוכ'ן פאַכט מיט די לונגען אַ חיים?

עס האָט זיך געעפנט אַ טירל.

— „קומט אָן דער טאָג פון יום־כפור קלעקן ניט אין די גויאישקע שטעט ניט קיין סינאַגאָגן, זאַלן, צירקן, קינעמאַטאָגראַפן, וואָס זאָלן קאָנען אריינגעמען די צאָל פון די יידישע מתפללים. עפּעס אַלע יידן פון דעם מינדיקסטן לופט־סוחר'ל ביז צו דעם אסימילירטעסטן אַריסטאָקראַט באַ־קומען אַ געוואַלדיקן חשק צו אַ חזן, אַ מחזור און צו אַ טלית'ל אויף די פּלייצעס. אפילו די משומדים קלייבן זיך צונויף מנינים־וויז און פּראַוון מיט ערנסטע פנימ'ער אַ „כל נדרי" אין ערגיץ־וואו אַ פאַרבאַהאַלטענעם ווינקל, ווי די פאַרצייטיקע אנוסים. אינם דאָזיקן טאָג שטייט די בערזע ווי אַ פאַרלאָזענע אלמנה, און אויף די שענסטע גאַסן זעט מען אין מיטן העלן טאָג פאַרמאַכטע געשעפטן, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר נאָר גערוט איין מאָל אַ וואָך, גראַד זונטיק.

וואָס־זשע טרייבט די דאָזיקע טויזנטער גרויע נשמות, וואָס האָבן שוין אַ גאַנץ יאָר כמעט פאַרגעסן די עיקרים פון זייער אמונה, אַז זיי זאָלן אַלץ אוועקלייגן אָן אַזייט, און זוכן אַ שטול אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל?

וואָס צווינגט די טויזנטער ספּעקולאַנטן, באַ וועמען עס רודערט איצט אין קאָפּ ווי אין אַ מיל פון די פּיל מיני סחורות, מיט וועלכע זיי ספּעקולירן היינט, אַז זיי זאָלן אויף פיר און צוואַנציק שעה ווערן גאָר אַנדערע מענטשן, מיט אַ נייעם ווילן, מיט אַ נייעם געדאַנק?

ווי קומט דאָס, אַז דער נעכטיקער מעקלער, באַ וועמען אַ מינוט איז אַ רענדל און וועלכער רעדט אַ גאַנץ יאָר „אויף גאָט און משיח'ן און אויף ננתקה" זאָל אַרויפציען אויף זיך אַזאַ ערנסטע מאַסקע און זיך קלאַפּן אין האַרצן „על חטא"?

עס האָט זיך געעפנט באַ אים אַ טירל אין מח און אין האַרצן. איין מאָל אין יאָר האָט ער פלוצים דערפילט זיין צוזאַמענהאַנג אפשר מיטן רבונו של עולם און אפשר מיט דער גרויסער יידישער פאָלקס־מאַסע. ער האָט זיך פלוצים אַרומגעזען, אַז ער איז אַ קינד פון אַן'אַלטן פאָלק, וואָס האָט שוין טויזנטער יאָרן געפּייניקט זיין גוף געוויסע טעג אין יאָר. האַלב באַוואוסטזיניק האָט ער טונקל דערקענט, אַז ס'זיינען דאָ פליכטן און פאַראַנטוואָרטליכקייטן, וואָס שטייען אַ סך העכער פאַר אַלערליי פּראָזאַאישע דאגות און וואָס זיינען דער היפוך פון די אַפּעטיטן פון אַ גאַנץ וואָך. און ווען ער שלאָגט זיך אין דעם טאָג „על חטא" פליען דורך אין זיין גייסט ניט דאָס על חטא־צעטל פונם מחזור, נאָר אפשר די חטאים קעגן זיך, קעגן די צילן פון זיין פּערזענליכן לעבן, קעגן זיין פאָלק, קעגן אַליִן, וואָס ער פאַרגעסט אין דעם געוויינליכן הו־הא־לעבן פון זיין ספּעקולאַציע־יאָר.

איך וויל ניט באַהויפּטן, אַז אין דעם טאָג פון יום־כפור באַווייזט זיך אויף אַ רגע די ריכטיקע געשטאַלט פון אַ יידן. אויך דעמאָלט מאַכט די מאַסע דאַוונער אַ משונה'דיקן איינדרוק. נאָר עפּעס וויגט זיך דאָך אין זייער האַרצן, עפּעס זאָגט, אַז ס'איז דאָ באַ אונז אַזוינס, וואָס שמעלצט צונויף דעם יידן פון דער פאָלקס־מאַסע אפילו מיט דעם אָפּ־געבליאַקירטן יידן אויף דער נעווסקי גאַס.

עס האָט זיך געעפנט אַ טירל אויף אַ רגע.

דער הימעל ווערט קלערער.

עס האָט זיך געעפנט אַנ׳אייטערדיקע וואונד, די טעמפּעראַטור איז באַלד אַראָפּ אויף עטליכע גראַד און עס האָט זיך אָנגעהייבן אויסצוליטערן אין פיבערנדיקן מח פון רוסישן פאָלק.

דער הימל ווערט דאָך קלערער. עס טרעט אַלץ בולט׳ער ארויס דער וואונש פונם לאַנד, אַרויסצורייסן זיך פונם אייזערנעם רייף פון אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור און זיך צו אָרגאַניזירן אַלס אַ מלוכה, וואו עס ווערן פאַרטרעטן די אינטערעסן פון אַלע גרופּירונגען אין לאַנד, ניט נאָר פון איין איינציקער פּאַרטיי.

מוטיק נעמט זיך איצט צו דער אַרבעט דער אומפּאַרטייאישער פּויערים־בונד, וואָס איז אַ פּיל באַדייטנדערע פאַרטרעטונג פון פּויערים־שטאַנד, ווי דער פּויערים־ראַט ביים אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט.

עס אָרגאַניזירן זיך די גרונד־באַזיצער אויף אַ ברייטן דעמאָקראַטישן פּראָגראַם.

עס הייבן אויך אָן אַלץ קרעפטיקער צו אַרבעטן די געמעסיקטע ס. ד. פּאַרטייען, וואָס זיינען מתרה דעם אַ. ר. און ס. ר., אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן צו וועלן נעמען אין זיינע הענט די גאַנצע מאַכט און דער געדאַנק פון אַ קאָאַליציע־מיניסטעריום אין אַ פּיל קלערערן אופן, ווי ער איז געוועזן ביז איצט, דרינגט אריין ניט אין די מוחות פון די האַלבע און גאַנצע, נאָר אויך אין די מוחות פון פּיל עקסטרעמע סאָציאַליסטן.

מען הייבט שוין אָן צו באַנעמען די תורה, אַז אַ קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום איז נאָר דעמאָלט מעגליך, ווען אַלע מיניסטאָרן, סיי קאַדעטן, פּראָגרעסיסטן און סאָציאַליסטן קומען זיך צונויף אויף אַ מינימום־פּראָגראַם און זיינען זיך מתחיב אַלע אינאיינעם אים דורכצופירן, פאַרגעסנדיק דערביי, פון וועלכע פּאַרטייען זיי קומען, האַבנדיק נור אין זינען די מלוכה־אינטערעסן, ניט די עקסטרעמע פּאַרטיי־אינטערעסן.

אין מיליוקאָוו׳ס מיניסטעריום איז מען געווען פאַרשכור׳ט פון דעם געדאַנק מכח „אַ נצחון ביזן סוף“. אין כלומרשטן קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום, וואו באמת האָט רעגירט דער אַרבעטער־ראַט, איז מען געווען פאַרשכור׳ט פון די ווערטער „פרידן אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, און פעלקער־זעלבסטבאַשטימונג“. דאָס נייע קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום וועט שוין זיין אַ סך ניכטערער. עס וועט זיך שוין ניט מקריב זיין פאַר ווערטער. ווערטער, אפילו אין זייער עקסטרעמער פאָרם האָבן ניט קיין רעאַלן באָדן אונטער זיך. און דער וועג צו אַ שלום וועט אַ ביסל פרייער ווערן פון די ווערטער־דערנער.

דער איצטיקער דייטשער דורכבראָך האָט ווידער אונז דערמאָנט אָן דעם אַלטן אמת, אַז די טאַקטיק צו פירן די מלחמה ביזן לעצטן מענטשן און ביזן לעצטן גראָשן, איז ניט די איינציקע. און מער נוצן אַרויסצוזויגן פון דעם לאָזונג „אָן אַנעקסיע א. א. וו.", איז שוין ניט מעגליך.

האָבן דאָך שוין די צענטראַלע רעגירונגען און די פאַרבינדעטע קלאָר אַרויסגעזאָגט זיך, ווי ווייט עס איז אָננעמבאַר פאַר זיי דער דאָזיקער לאָזונג! האָט דאָך שוין דער דאָזיקער לאָזונג געבראַכט דעם מאַקסימום נוצן, וואָס ער האָט געקאָנט ברענגען! און דאָס נייע קאָאַליציאָנס־מיניסטעריום וועט האָבן פאַר זיך צוויי אויפגאַבן און נור צוויי אויפגאַבן, די וויכטיקסטע אין איצטיקן מאָמענט: 1) וואָס גיכער צוצופירן דאָס לאַנד צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און 2), וואָס בעסער פאַרצובאַרייטן די מעגליכקייטן צו ליקווידירן דעם קריג.

די אַלטע נביאות פון 15 — 1916, ווערן מקוים. דער קריג ענדיקט זיך אָן עמיצנס אַ זיג, מיט אַן אַלגעמיינער עקאָנאָמישער נידערלאַגע און מיט דעם הייסן וואונש, וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די בלוטיקע וועלט־מלחמה אַזוי, אַז דורות־לאַנג זאָלן שוין ניט פאַרקומען אַזוינע וועלט־קאַטאַסטראָפעס. אייראָפּאַ איז עקאָנאָמיש און פיזיש אַ גוסס, אפשר ניט אַזאַ געפערליכער, ווי רוסלאַנד, אָבער פאָרט אַ גוסס. זי וועט ניט אַרויסטרעטן אַ מינוט פאַרן טויט מיט אַן איינגהערציקן עגאָאיזם פון אַ געזונטן אָרגאַניזם. ניט נאָר זי וויל אַ שלום, נאָר זי איז דורכגעדרונגען מיט אַלע מדות פון אַ פרידנס־נאַטור.

ביים גרינעם טיש פון דער פרידנס־קאָנפערענץ וועלן שוין ניט זיצן זיגער, א ביסמאַרק, אַ ביקאָנספעלד א. ד. גל. אויסגעמאַטערטע אינוואַלידן וועלן פירן די שלום־פּעדער אונטער דעם גערויש פון צענדליקער פעלקער, וואָס ווילן בשום אופן ניט גיין ביז צו די עקסטרעמע מעגליכקייטן, צוליב אַ „קוצו של יוד". אין אַזאַ מצב איז שוין פיל לייכטער צו געפינען דעם וועג צו אַ גערעכטן שלום.

ניט געקוקט אויף די סטראַשונקעס פון ביידע זייטן, ניט געקוקט אויף די נצחונות פון די דייטש־עסטרייכער אויפן רוסישן פראָנט און אפילו אויפן פראַנצויזישן — פאַלן די מלוכות אונטער דער גוואַלדיקער משא פון דעם וועלט־קריג, עס גיסן זיך שטראָמען בלוט, טויזנטער מענטשן פאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער — און אין דער זעלבער צייט גרייט מען דעם גרינעם טיש פאַר דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע צוזאַמען מיט אַלע פאַרטרעטער פון די קלענערע און קלענסטע נאַציעס.

און אויך מיר יידן, אַ קליינע נאַציע מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט,

דאַרפֿן וואָס גיכער צונויפֿרופֿן אונזער אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר, וואו אינאיינעם מיט די פֿאָרטרעטער פֿון אַמעריקאַנישן און אייראָפּייאישן יידנטום וועלן מיר דערלאַנגען אונזער ערליכן, גערעכטן צעטל פֿון אונזערע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען.

סעפּטעמבער 1917.

די נאַכט וועכטער.

איצט, ווען רוסלאַנד האָט זיך געפֿונען צווישן צוויי דיקטאַטורן; ווען איינע קען דער אַנדערער זייגען געשטאַנען די אַרמייען פֿון קערענסקי און קאָרנילאָוו, ווען דער גוף פֿון דער רוסישער מדינה איז שיער ניט פֿאַרוואונדעט פֿון אייגענע און דייטשע קוילנוואַרפֿער — דערמאָנט מען זיך מיט אַ ביטער געפֿיל אָן די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן זיך כּסדר געהאַלטן פֿאַר וועכטערס פֿון דעם מלוכה־פּרינציפּ אין דער רעוואָלוציע.

די קאַדעטן האָבן שטענדיק געטענה'ט, אַז נאָר זיי זיינען די מענטשן, וואָס האָבן ניט פֿאַרלוירן דעם קלאָרן פֿאַרשטאַנד אין די ברויזנדע כוואַליעס פֿון דער רעוואָלוציע. דאָס זיינען געווען די לייט, וואָס האָבן שטענדיק מיט'ן זיכערן טאָן פֿון אַלע אָנגעפּראַקטיקירטע מלוכה־מענער געזאָגט מוסר די סאָוועטן און דער רעגירונג, וואָס גייען אַראָפּ פֿון ריכטיקן וועג און היטן ניט אָפּ דאָס לאַנד פֿון טויזנטער סכּנות.

דאָס זיינען געווען די וועכטער פֿון דער מלוכה־פּאָליטיק. זיי האָבן ניט דערלאָזן, אַז אוקריינע זאָל באַקומען צו־ברייטע אויטאָנאָמיע. זיי האָבן געטריבן דערצו, מען זאָל פֿונאַנדערלאָזן דעם פֿינלענדישן סיים, און זיי האָבן ניט דערלויבט, אַז טשערנאָוו *) זאָל דורכפֿירן פֿאַר דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג די אַגראַר־רעפֿאָרמען. ווי אמת'ע וועכטער האָבן זיי פֿאַרגעצויגן צו שטיין בעסער פֿון דרויסן, ניט אַריינצוגיין אין אַ פֿאַראייניקטן מיניסטעריום. זיי האָבן געזאָגט: בעסער צו זיין דאָס געוויסן פֿון דער רעגירונג, איידער אַליין זיך איינשפּאַנען אין רעגירונגס־וואָגן. און אויך דעמאָלט, ווען מאַנכע פֿון די וועכטער זיינען אַריין אין מיניסטעריום, האָבן זיי ניט אויפֿגעהערט צו שפּילן די ראָליע פֿון וועכטערס, פֿון בלויזע וועכטערס. און אַקוראַט, ווי די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן ניט געטאָן, וואָס די האָר איז ווערט אָן די סאָוועטן,

*) פֿירער פֿון די ס. ר. בעת ער איז געווען לאַנדווירטשאַפֿט־מיניסטער האָט זיך קעגן אים געפֿירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע פֿון רעכטס, מ'האָט אים פֿאַרגעוואָרפֿן דעם אָנטייל אין דער צימערוואַלדער סאָציאַליסטישער קאָנפֿערענץ.

— די איינציקע שעפערישע קראפט פון דער רעוואָלוציע, — האָבן די קאַדעטישע מיניסטאָרן ניט דערוועגט זיך עפעס צו טאָן אָן דער הסכמה פון וועכטער-בונד אין טאַווּרישן פּאַלאַץ. און פלעגט זיך צע־פלאַמען אַ וכוח מיט די קאַדעטן מכח זייער פּאַסיווער ראָליע, וואָס זיי שפּילן איצט — פלעגן זיי מיט אַ צופרידן שמייכעלע ענטפערן:

„מיר זיינען די קעפּ און דאָס פּאַטריאָטישע האַרץ פון פאָטער־לאַנד, מיר זיינען די, וואָס היטן אָפּ קודם כל די מחינה און ערשט דערנאָך די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע. מיר זיינען אייערע טרייע וועכ־טער, וואָס היטן אייך אָפּ פון אַלערליי גנבות, גזלות און בלוט־פאַר־גיסונגען".

און דאָס זיינען געווען טייערע וועכטערס! די גנבות, גזלות און בלוט־פאַרגיסונגען האָבן זיך ניט פאַרמינערט. אדרבה! איטליכס מאָל, ווען די ונעכטער פלעגן אָנהייבן דרייען זייער וועכטער-גראַגער, פלעגט באַלד ווערן נאָך אַ גרעסערער טומל, פלעגט די גאַס מיט אַלע אירע גוטע, בייזע און פאַרנאַרטע געשטאַלטן נאָך ווערן דרייסטער און בלוט־דורשטיקער.

איטליכס אומגליק אין לאַנד קומט עפּעס אַלץ אַרויס דערנאָך, ווי די וועכטערס הייבן אָן צו דרייען זייער ליבן גראַגער.

דער ערשטער מאָס'ער קאָנפליקט דעם 28־טן אַפּריל *) איז אַרויס צוליב דעם הויפּט־וועכטער, מיליוקאָוו אַליין, וואָס האָט אגב געפירט אַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע, מיט די סאָוועטן און ביוקענען, דעם ענג־לישן געזאַנדטן. דעם 5 — 3 יולי **) האָבן מיר אין אַ גרויסן טייל ווידער צו פאַרדאַנקען די וועכטערס, וואָס האָבן מיט אַמאָל אָפּגערופן אַלע זייערע מיניסטאָרן פון קאַבינעט, און איצט נאָכ'ן מאָסקווער צו־זאַמענפאָר, וואו די וועכטער זיינען כלומרשט מושוה געוואָרן מיט דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַמאָל קאָר־נילאָוו, וואָס האָט זיך וואונדערליכערוויז, אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנ־צער מחנה פון די פריערדיקע וועכטערס. וואָרום, לוואָוו, גוטשקאָוו און אַנדערע (אמת'ע קאַדעטישע נעמען זיינען נאָך דערווייל ניט צו הערן) זיינען טיילן פון פּראָגרעסיוון בלאָק און אַלע אינאיינעם האָבן געפירט די שיינע פּאַסיווע וועכטער - פּאָליטיק.

איך וויל, חלילה וחס, ניט באַהויפּטן, אַז קאָרנילאָוו ווערט גע־

---

*) דעמיסיע פון דער צייט. רעגירונג צוליב דער געהיימער נאָטע וואָס איז געשיקט געוואָרן צו די אַנטאַנטע־מיטגלידער מכח די קריגס־צילן.

**) באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון די באָלשעוויקעס אין פּעטערבורג.

שטיצט פון די קאַדעטן, אָבער דער, וואָס הערט זיך צו צו זייערע רייד (אַסטראָווי'ס רעדע אין מאָסקווער דומע; דאָס, וואָס אַלע קאַדעטן זיינען ווידער אַרויס איצט, אין אַזאַ סכנה'דיקער צייט פון מיניסטעריום; קאָ־קאָשקינ'ס ווערטער, אַז עס איז אוממעגלעך צו אַרבעטן מיט דעם איצטיקן מיניסטעריום א. א. וו.) מערקט באַלד, אַז די וועכטער ווייסן נאָך עד היום ניט, וואָס זיי וועלן טאָן, ווען עמיצער פון די צוויי היינ־טיקע דיקטאַטורן וועט מנצח זיין. אָדער אַנדערש געזאָגט. די וועכטער האָבן אַנ'אמת'ע וועכטער־נשמה. זיי גלויבן באמונה שלמה, אַז וואָס פאַר אַ נצחון עס וועט ניט זיין, סוף כל סוף, וועט דער גזלן פּאַרט אַריינפאַלן אין זייערע כשר'ע וועכטערשע הענט.

אַ יידישער אַנעקדאָט דערציילט, ווי אין אַ קליין שטעטל האָט יענקל דער שומר אָפּגעהיט די קראָמען אויפן מאַרק. אַ גאַנצע נאַכט פלעגט ער זיצן אין אַ האַלבן דרעמל, און פון צייט צו צייט דרייען מיט'ן גראַגער. איינמאָל שטייען אויף די בעלי־הבתים, און געפינען אַלע קראָמען מיט אויפגעבראָכענע שלעסער און אויסגעראַבירט. ווערט אַ יאָמער, רופט מען דעם שומר. קומט זיך צעשלעפּן יענקל און דערקלערט די גאַנצע גנבה, ער איז גאָר גאָט די נשמה שולדיק. זיצנדיק ביים זייט מאַרק, אויף אַ שוועל פון אַ קראָם, זעט ער ווי עס קומט אָן אַ מחנה גנבים מיט פורן, שמייכלט ער אין די וואָגנס, „די גנבים מיינען, אַז עס איז קיין שומר ניטאָ, נאָר באַלד וועלן זיי הערן דעם גראַגער, כאַ־כ־אַכ. ברעכן אויף די גנבים די קלייטן, קייך איך שוין פאַר געלעכטער. זעצן זיי זיך שוין אַרויף אויף די וואָגנס. הייב איך זיך אויף פון שוועל, זיך האַלטנדיק באַ די זייטן פון געלעכטער און דערלאַנג דאָס כאַ־כאַ־כאַ — אַ דריי מיטן גראַגער, איינמאָל, נאָכאַמאָל... דערלאַנגן די גנבים, — אַ רוח אין זיי, — אַ שמיץ מיט די בייטשן און די פערד צעלאָזן זיך ווי אָדלערס. היינט, זאָגט, בעלי־הבתים, צי בין איך שולדיק, וואָס מען האָט אייך באַגנב'עט?"

ווען מען קוקט זיך צו גענויער צו די וועכטערשע פּאָליטיק פון די קאַדעטן און בלאָקיסטן מוז מען זיך ממילא דערמאָנען אָן יענקלען דעם שומר. זיי זיצן זיך אויף דער שוועל ביים זייט מאַרק און קייכן פאַר געלעכטער, זיי זיינען אַזוי פעסט איבערצייגט, אַז סוף כל סוף וועט דער קול פון גראַגער מורא'דיק אָנשרעקן דעם עולם, אַז מען גלעט זיך נאָך דעם בייכל פון דער קומענדיקער הנאה.

אויף אַ זייטיקן באָאָבאַכטער מאַכט די איצטיקע שטומקייט פון קאַדעט ניט קיין ווייניקער שרעקליכן איינדרוק, ווי די ווילדע געשאַלטן פון די קראָנשטאַטער מאַטראָסן, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן פּאַרסאָפּעט

מיט בלוטדורשטיקע אויגן דעם 4־טן יולי אויף די פעטראָגראַדער גאַסן. דער מאַטראָס האָט געשראָקן די פאַנטאַזיע צוליב דעם, וואָס עס שפּרייזט אַרום אויף די טראָטואַרן אַ ווילדער רצון אָן אַ מח, ווען דער קאַדעט איז פאַלקאָם מח מיט אַ פאַראַליזירטן רצון.

ווען איך בין נעכטן געקומען פון דער היסטאָרישער זיצונג אין דומע, וואו מאַסקווע האָט געדאַרפט זיך אַרויסזאָגן מכח קאָרנילאָוו'ס אַוואַנטיורע, האָבן נאָך לאַנג געקלונגען אין מיינע אויערן די אָקאַרשט־געהערטע רעדעס. און פּלוצים האָב איך דערפילט, אַז צווישן די באָל־שעוויקעס און די קאַדעטן איז דאָ אַ געוויסע קרובה'שאַפט. די ערשטע זיינען מאַקסימאַליסטן, — גיב זיי באַלד דעם טעלערל פון הימל, — די אַנדערע זיינען די מינימאַליסטן, — רירט ניט אַ שפּענדל אָן פון אַלטן דאַך ביז צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אויב דער באָלשעוויק, דער גרויסער אומגליק פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז די קאַפּאַטע, זיינען די קאַדעטן דער אונטערשלאַק. אויב דער באָלשעוויק גראָבט אונטער די וואָרצלען פון איטליכער נאָרמאַלער דעמאָקראַטישער מאַכט, צעגישטשעט דער קאַדעט איטליכע מאַכט,, כל זמן עס איז ניט זיין מאַכט. ווען מען שרייט צו אַסטראָוו'ן, דעם געוועזענעם קאַדעטישן שטאָט־גאָלאָוואַ: רעדט קלאָרע ווערטער: צי זייט איר פאַר דער רע־גירונג, צי פאַר קאָרנילאָוו'ן! ענטפערט ער אַזוי פאַרפּלאָנטערט, שווימט אין אַ ים פון אַזוינע אַלגעמיינע פראַזן, אַז קיין מענטש ווייסט ניט, צי לאַכט ער ניט אין האַרצן סיי איבער קערענסקי'ן, סיי איבער קאָרנילאָוו'ן.

ווי אַנ'עכטע ועכטער־נשמה שיינען די קאַדעטן נאָר בא דער נאַכט. בא־טאָג אָבער, ווען מען וואַרט אויף זייער קלאָרן ענטפער — וויקלען זיי זיך אַרום מיט אַ געדיכטן שלייער פון אומבאַשטימטע פראַזן און ווערן עפּעס ווי נעלם. און אויך דערין זיינען זיי זייער ענליך צו די באָל־שעוויקעס. ווען מען האָט טראָצקי'ן געפרעגט: וואָס וועט איר טאָן אַ טאָג נאָכדעם, ווי די סאָוועטן וועלן באַקומען די פולע מאַכט? האָט ער זיך גענומען דרייען ווי אַ שלאַנג, און ניט געבנדיק קיין קלאָרע תשובה, איז ער גיך אַנטלויפן אויף אַ צווייטן מיטינג! דער באָלשעוויק זאָגט און פילט, וואָס ער וויל, ווייסט אָבער ניט, ווי מען מאַכט דאָס, האָט ניט קיין רעאַלן פראָגראַם. דער קאַדעט האָט אָבער נור אַ פּראָגראַם; זאָגט אָבער קיינמאָל ניט גענוי, וואָס ער פילט און וואָס ער וויל. און ביידע אינאיינעם האָבן ניט קיין אינסטינקטיוון געפיל פאַר דעם היס־טאָרישן מאָמענט, פאַר דער צייט, פאַר דעם מענטשן־מאַטעריאַל, פאַר דעם חומר, וואָס דאַרף ווערן געקנאָטן פאַרן מאָרגן. מען באַשולדיקט דעם באָלשעוויק אין אַ צו־שאַרפן אינטערנאַציאָנאַליזם, אַז עס פעלט

אים אויטליך פאטריאָטיש געפיל. און מאַנכע גייען אזוי וויינט, אז זיי האלטן אים שוין פאר א באוואוסטזיניקן בוגד בעמו, פאר א גער־מאַנישן שפּיאָן.

צי איז דער קאַדעט ווייניקער אינטערנאַציאָנאַל? צי איז ער אויך ניט א קנעכט בא די גראַב-בייכיקע ביכער פון די ענגלענדער, פראַנצויזן און הויפּטזעכליך פון די דייטשן? — צי פּאסט ער צו זיין פּראָגראַם צום מהות פון רוסישן פאָלק, אָדער צו דער דאָקטרינע פון דער אייראָ־פּייאישער בורזשואזיע און דעמאָקראַטיע?

און צי קאָן מען דעם קאַדעט חושד זיין אין פּאטריאָטיזם, ווען ער זיצט איצט אין אזא געפערליכער צייט, ווי יענקל דער שומר בא א שוועל פון זיין מאַרק? אין דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע קאָנען מיר ניט פאַרצייכענען קיין איין גרויסן פאַקט, וואו עס האָט זיך ארויסגעוויזן דער קאַדעטישער פּאטריאָטיזם. צי האָט דאָס כאָטש באַוויזן דער מאָסקווער צוזאמענפאָר? זעען מיר אין זייער גאנצן אויפטרעטן ניט קיין פונק פון אמת'ן פּאטריאָטיזם. וואָרום דער אמת'ער פּאטריאָ-טיזם קאָן על פּי טעות גיין אהין אָדער אהער. אָבער גיין מוז ער, ניט דרייען מיט דער טאַליע, ווי א קאָקעטישע אַלטע מויד, אויף ביידע חתנים'ס זייטן.

זיי דרייען זיך אָבער נור בא-טאָג, בא־נאַכט, ווען אַלע שלאָפן, לאָזן זיי הערן זייער גראַגער, און פילן זיך ווי דער האָן, וואָס שרייט זיין קו־קו־רי־קו.

צוויי סאָרטן וועכטער האָט אונז די רוסישע רעוואָלוציע געוויזן. איינער היט אָפּ די רעוואָלוציע בא טאָג, דאָס איז דער באָלשעוויק. דער צווייטער היט אָפּ דעם מלוכה־פּרינציפּ בא־נאַכט, ווען אַלע שנאָרכן. ביידע זיינען וועכטער, אָבער די אמת'ע וועכטער־נשמה האָט דער קאַ־דעט, וואָס שאָטענט זיך גראָד נאָר דעמאָלט, ווען אומעטום איז פינסטער.

סעפּטעמבער 1917.

דריי יאָר.

פאַר דריי יאָרן, ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט דער איראָפּייאישער קריג, האָט כמעט קיינער ניט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער וועלט־בראַנד וועט געדויערן מער, ווי דריי חדשים. ניט נור דער פשוט'ער בעל־הבית'ישער שכל האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער קריג זאָל זיך לאַנג ציען, נאָר אויך גרויסע שטאַטס-לייט זיינען געוועזן איבערציינט, אַז אַן'איראָפּייאישער קריג קאָן לאַנג ניט געדויערן. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן די אָנגעקליבענע כוחות פון די וועלט־מלוכות זיינען געוועזן פאַלשע. איראָפּאַ איז געוועזן טויזנט מאָל רייכער, סיי עקאָנאָמיש, סיי גייסטיק, ווי מיר האָבן געמיינט, און זי האָט זיך געקאָנט ערלויבן די סכנה פון אַ דריי־יאָריקן קריג.

איצט, ווען מיר שטייען שוין ביים שוועל פון אַ וועלט־שלום, שאַדט ניט זיך אָפּצוגעבן אַ קליינעם דין וחשבון, אין וואָס מיר זיינען קליגער און אָנגעפּראַקטיקירטער געוואָרן. ווערן אָבער קליגער און אָנגעפּראַקטיקירטער איז דאָס אייגענע, ווי צו קאָנען זאָגן אַ שטיקל נביאות, ווי צו קאָנען זען אַ ביסל ווייטער פון דער נעגנוואַרט, צו זיין מסוגל אריינצודרינגען מיט אַ שאַרף אויג אין דער נאָנטער צוקונפט.

ערשטנס, האָט אונז די דריי־יאָריקע מלחמה אויפגעדעקט, אַז ניט אַלץ איז אין איראָפּאַ אַזוי מענטשליך, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. דער קריג האָט באַוויזן, אַז די אַלטע באַרבאַרישע אינסטינקטן זיינען נאָך לעבעדיק אין אונז, און אַז דער טייוול איז ניט קיין קלענערער שר פון דער איראָפּייאישער קולטור, ווי דער מלאך גבריאל. דער קריג האָט אונז אויסגעהיילט פון דעם פאַלשן צוקער־זיסן גלויבן אין די גוטסקייט און מענטשליכקייט פון די פעלקער. מיר האָבן זיך איבערציינט, אַז עס שטייט אונז נאָך פאַר אַ גוואַלדיקע ארבעט, ביז די איראָפּייאישע פעלקער וועלן באַקומען דעם אמת'ן צלם אלקים. צווייטנס, האָבן מיר זיך איבערציינט, אַז די פאַרבאַהאַלטענע כוחות פון איי־

ראָפּא זיינען געווען אַ צוגעדעקטער אוצר, פון וואַנען מען האָט גע־קאָנט גראָבן גאָלד אויף אַ דריי־יאָריקן וועלט־קריג, ניט מורא האָבנדיק, אַז דער אוצר זאָל זיך אינגאַנצן אויסשעפּן. דער קריג האָט אונז באַוויזן, ווי רייך, ווי מורא׳דיק רייך מיר זיינען געוואָרן אין די 40 יאָר שלום, וואָס אייראָפּא האָט זיך געקוויקט נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג.

דריטנס, האָט אונז דער קריג געצייגט, אַז אַן אייראָפּייאישער קריג איז אוממעגליך, וואָרום סוף כל סוף האָבן מיר דאָך היינט ניט קיין איינציקן זיגער און קיין איינציקן באַזיגטן. און ווידער האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז אייראָפּאַ, אַלס אַ גאַנצער בונד, איז ניט צו באַ־לזיגן, און עס שטייט איר בשום אופן ניט פאָר קיין סכנה פון אַלערליי „געלע געפאַרן", מיט וועלכע מען האָט אונז פאַר׳ן קריג אַזוי געוואָלט אָנשרעקן.

פירטנס, האָבן מיר געזען בחוש, אַז אויך דעמאָלט, ווען עס האָבן געבושעוועט די ווילדסטע אינסטינקטן — האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן דער גייסט אין אונז. עס וועלן נאָך יאָרן פאַרביי, איידער מען וועט קאָנען אָפּשאַצן אין פולן מאָס די געוואַלטיקע סאָציאַלע זעלבסט־הילפס־מיטלען, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין משך פון קריג, און וואָס וועלן נאָך טיפער ענדערן אונזער לעבן אין די צייטן פון קו־מענדיקן שלום.

דער דריי־יאָריקער קריג האָט אונז אַ סך מער אויסגעלערנט בנוגע צו אַ גערעכטער סאָציאַלערווירטשאַפט, ווי טויזנטער ביכער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון די ערשטע סאָציאַליסטן אָן. אמת, די הויפּט־פּרוזשינע פון דעם דאָזיקן גייסט איז געווען דער ריינער פּאַטריאָטיזם, וואָס מעקט אויס גלייכצייטיק אַלע אַנדערע פעלקער, חוץ זיך. אָבער אין דעם דאָזיקן פּאַטריאָטיזם זעען מיר שוין דעם ליכט־אָפּשלאָג פון אַ נייעם געפיל, פון אַ וועלט־אייראָפּייאיזם, וואָס וועט אַריינגעמען אין פעלקער־בונד אַלע, וואָס טראָגט אויף זיך דאָס גוטע פון דער אייראָפּייאישער קולטור.

די מיליאָנען קרבנות פון דעם קריג זיינען ניט אינגאַנצן געגאַנגען לאיבוד. די אַרמייען, וואָס זיינען געגאַנגען, קוקנדיק דעם טויט אין די אויגן, האָבן אויסגעטראָטן ניט ווילנדיקערהייט אַ נייעם וועג פאַר דער מענטשהייט. אין דעם דאָזיקן קריג, וואו עס האָט זיך אויסגעמישט דאָס בלוט פון אַלע פעלקער, איז געבוירן געוואָרן פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער.

די פעלקער וועלן שוין ניט ריידן שפּעטער מיט אַזאַ גרינגשעצונג

איינער פון אַנדערן, זיי וועלן שטענדיק האָבן אין זינען, אַז די פעלדער פון אייראָפּאַ זיינען באַדעקט מיט טויזנטער ברידער־קברים, וואו עס ליגט אַ פראַנצויז אינאיינעם מיט אַן ענגלענדער, רוס, ייד און אפשר אויך מיט אַ דייטש.

„קיין זאַך פאַרבינדט און שמעלצט ניט אַזוי שטאַרק צוזאַמען, ווי דאָס געמיינזאַם פאַרגאָסענע בלוט", האָט אונזער מ. נאָרדוי ניט לאַנג געשריבן. און ווי איז נאָך געווען אַזאַ צייט אין דער געשיכטע, ווען פעלקער האָבן אַזוי געמיינזאַם אוועקגעגעבן דאָס בלוט, ווי אין די דריי יאָר?!

און עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס קומענדיקע אייראָפּאַ וועט שוין ניט מיט אַזאַ בלינדקייט באַהאַנדלען די גרעסערע און קלע־נערע פעלקער, וואָס צווימען זיך אָפּ פון איינאַנדער מיט אַ שפּראַך גלויבן און לעבנס־פאָרם.

II

אייראָפּאַ פאַרלאָזט אָבער די קריגס־פעלדער אַ קראַנקע, אַ צע־בלוטיקטע, מיט אַ סך אָפענע וואונדן, מיט אַ שווערן געמיט און מיט אַ ביטערן חרטה־לידל און מיט אַ אויסגעמאַטערטן הארצן.

אין די דריי יאָר איז שוין פאַרשוואונדן געוואָרן דאָס שטאַרקע קרעפטיקע אייראָפּאַ מיט אירע אוצרות עקאָנאָמישע און פיזישע כחות. עס איז געפאַלן דער שטאָלץ פון דייטש, וואָס האָט אַזוי לייכטזיניק גע־זונגען זיין „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס" און האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער קליין־וואוקסיקער גאַלאַנטער פראַנצויזל וועט אים געבן ביטערע מפּלות אויף דער מאַרנע און באַ ווערדען. עס האָט זיך אויך געבויגן דער שטאָלצער רוקן פון ענגלענדער, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עמיצער וועט אַמאָל האָבן די העזה אָנצופאַלן אויף זיין פלאָט. עס איז אויך געפאַלן די אמונה פון די רוסישע הורא־פּאַטריאָטן, וואָס האָבן שטענדיק געחזר'ט דאָס קאַפּיטל פון נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה אין מאָסקווע, און האָבן געגלויבט, ווען ניט „בכה", ניט מיט'ן טעכנישן „כח", וועלן זיי מנצח זיין מיט „דער צאַל".

און אייראָפּאַ פאַרלאָזט די בלוטיקע פעלדער מיט אַ נייער הכרה, אַז ניט אין קאַמף פון די פעלקער ליגט דער גורל פון איטליכער נאַציע, נאָר אין דער אַלגעמיינער פרידליכער אַרבעט, פאַר זיך, ווי פאַר אַנדערע. און די הכרה וועט נאָך וואַקסן צוליב דעם, וואָס אין די קומענדיקע

דורות וועט אין אייראָפּא אויפשטיין גאָר אַ נייער מין מענטש. ער וועט שוין פיזיש ניט זיין דער הויכער ענגלענדער, אָדער דער קרעפּ־טיקער דייטש. וואָרום די קומענדיקע געשלעכטער, וואָס וועלן געבוירן ווערן פון אינוואַלידן, פון נערוועז־קראַנקע מענטשן, פון אַלטע לייט אַ. ד. ג. וועלן שוין ניט קאָנען געבן אַזאַ קערפּערליכן געבוי, ווי אַמאָל. דאָס קומענדיקע אייראָפּא וועט ווערן פיזיש אַ קליינגעוויקסיקע, ווי היינט די יידן און די יאַפּאַנער.

עס איז היסטאָריש באַקאַנט, אַז נאָך די 20־יעריקע נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, האָבן די פראַנצויזן, וואָס זיינען אַמאָל געווען ניט נידעריקער אין וואוקס, ווי די ענגלענדער, אָנגעהייבן געבן אַ דור פון דעם היינטיקן קליין־וואוקסיקן פראַנצויז, וואָס איז נאָר עפּעס העכער פון יאַפּאַנער.

דאָס אייגענע וועט איצט פּאַרקומען מיט גאַנץ אייראָפּא. און דאָס איז שוין אַ כּלל, אַז וואָס מער מיר פאַרלירן אונזער גשמיות, אַלץ שטאַרקט זיך דאָס רוחניות אין אונז. דאָס אַמאָליקע אייראָפּא, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין אַלערליי ספּאָרטן, אין די „אָלימ־פּישע שפּילן" אַ. ד. ג., דאָס דאָזיקע אייראָפּא, וואָס האָט אָנגעהייבן אַזוי שטאַרק צו אַכטן און צו ערן אַ גוטן באָקסיאָר און אַנ'אַטלעט און געקוקט מיט אַזאַ גרינגשעצונג אויף אַ מענטשן אָן שטאָלערנע מוסקולן, וועט באַקומען נייע אידעאַלן פון אַ מענטשליכער שיינקייט, געזונטקייט און גאַנצקייט. עס וועט אָנקומען די נביאות פון אַ ישעיהו, ווען בערג מיט טאָלן וועלן זיך אויסגלייכן, ווען די צעדער פון לבנון וועט זיך ניט האַלטן העכער פאַר אַ בלימל אין שרון, ווען דער פראַנצויז וועט ניט קוקן מיט אַזאַ קנאה אויפן ענגלענדער, וואָס איז אַזאַ גרויסער ספּעציאַליסט אין הלכות ספּאָרט און איז העכער פאַר אים אין וואוקס מיט גאַנצע צוויי ווערשקעס.

דאָס פיזיש־שוואַכערע אייראָפּא וועט האָבן די מעלות פון אַלע פיזיש־שוואַכע, וואָס באַוועגן פון הנאה וועגן מער מיט'ן שכל, מיט'ן געדאַנק, איידער מיט די שוואַכע ווייכע מוסקולן.

III

נאָכ'ן יאַפּאַנישן קריג, ווען יאַפּאַן איז געוואָרן אַ גרויסמאַכט, האָט מען דאָרט אָנגעהייבן קלערן, ווי ווערט מען אינגאַנצן ענליך צו דעם שטאַרקן אייראָפּא. זיי האָבן מקנא געווען דעם ענגלענדער מיט זיין וואוקס, וואָס קוקט צוליב זיין לאַנגן גוף אַזוי חסד'יק פון אויבן

אראפּ אויף דעם קליינעם יאפּאנער, און מאנכע געלערנטע האָבן פאַר־
געשלאָגן געמישטע חתונות צווישן ענגלענדער און יאפּאנער א. ד. ג.

באַלד וועט שוין די קנאה פארשוואונדן ווערן בא די יאפּאנער, און אויך די געמישטע חתונות וועלן שוין ניט געבן קיין גוטן רעזולטאט.

דער דריי־יאָריקער קריג האָט געבויגן די רוקנס פון די ענגלענדער, האָט צונישט געמאַכט די גאוה פון דייטש, און דאָס לידל „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס" וועט שוין ניט הילכן אויף די גאסן, ווי א זיגער־מארש פון ווילדע האָטענטאָטן, וואָס טראָגן די שארבנס פון די געפאַלענע פיינד אויף הויכע שפּיציקע שטעקנס.

דער דריי־יאָריקער וועלט־קריג האָט געגעבן איירָאפּא פיל געדאנקען און באטראַכטונגען. דאָס איז אַ תורה, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויסנעמען, דאָס איז אַ קוואַל פון מענטשליכע געפילן און רעיונות, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּן און וואָס וועט דורות־לאַנג שטילן דעם דורשט פון די בעסטע מענטשן אונטער די פעלקער.

און אויך מיר יידן, אַלס אַ פאָלק, טרעטן אריין אינ'ם געשוועכטן, נאָר געקליגטן איירָאפּא מיט מער האָפנונגען אויף דעם דערפאָלג פון אונזערע גערעכטע אַלטע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

איך זאָג: „יידן אַלס פאָלק" און לייג אריין אין די ווערטער דעם טיפסטן ציוניסטישן זין.

יולי 1917.

טרויער און כאקי־פארבן.

I

אין די לעצטע יאָרן פון קריג איז די גאס און איטליכער עפנט־ליכער אָרט פול געווען מיט אַלערליי געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך באַ־פארבט מיט די פארבן פון טרויער. דו פלעגסט אָנטרעפן אויף טריט און שריט יונגע פרויען אין לאַנג־פאַלנדיקע שווארצע שלייערס, דו פלעגסט מיט הארצקלעמעניש קוקן אויף די יונגע מיידלעך און יינגלעך וואָס מען האָט זיי באפוצט מיט טרויער־צייכנס, און שווער פלעגט דיר ווערן אויפן געמיט, ווען דו פלעגסט זען, ווי פון אונטער שווארצע קינדער־היטעלעך און שלייערלעך פלעגט ארויסקוקן אַ פריילעך, שעלמיש יונג פּנימ'ל, וואָס האָט ווי אַ פריש בלום אַזוי ניט אריינגעפּאסט אין דער שווארצער וואזע.

די טרויער־פאַרבן אויף דער גאַס פּלעגן שטילערהייט רייצן דיינע נערוון. זיי פּלעגן דיר אויף טריט און שריט דערמאָנען אָן די כוואַליעס פון שמערץ און לעבנס־ביטערקייט, וואָס טראָגן זיך פון די פראָנטן איבערן גאַנצן לאַנד.

עס פּלאַצט ערגעץ וואו אַ באָמבע פון אַ פיינדליכן הארמאַט, צע־שמעטערט, אָדער צעקוועטשט ערגעץ וואו אַ יונג לעבן. דער, וואָס איז נאָך מיט אַ רגע פריער שטאָלץ געשטאַנען אויף די פיס און מיט אַ יונגער ברייט־אָטעמדיקער ברוסט געקוקט מיט בטחון אויף זיינע צוקונפטיקע לעבנס־האָריזאָנטן, ליגט שוין אַ פאַרבלוטיקטער אין שמוץ און בלאָטע, און באַלד וועלן שוין איבער אים טרעטן די פּאַדקאַוועס פון פערד, ווי איבער א נבלה, וואָס שטערט נאָר דעם גאַלאָפּ פון דער קאַ-וואַלעריע. פון דער דאָזיקער באָמבע ציען זיך אָבער גיפטיקע כוואַליעס און זיי גייען מיט אַ וואונדערליכער גענויאיקייט, ווי די עלעקטרישע כוואַליעס פון אַ דראָטלאָזן טעלעגראַף צו אַ באַשטימטן אַדרעס, און פאַרציען ערגעץ־וואו א הויז מיט די פליאָרן פון טרויער. ניט אַלע מאָל קומט אָן די דאָזיקע מאַרקאָנישע וועלע מיט דער אייגענער גיכקייט. מאַנכמאָל פאַרגייען וואָכן, מאָנאַטן, ביז מען דערפילט זי, אָבער זי קומט, זי קומט מיט דער גענויאיקייט פון אַ טרייען שליח און טראָגט אריין אין שטוב די שוואַרצע פאַרב אויף חדשים און אַמאָל אויך אויף יאָרן לאַנג.

ווי שווער, ווי אומענדליך דריקנדיק איז געווען פאַר דיר די צייט, ווען רוסלאַנד האָט זיך איינגעוויקלט אין שוואַרצן. מיט אַ פייכטן בליק האָסטו זיך צוגעהערט צו די טענות פון די קרעמער, וואָס האָבן זיך געקלאָגט, אַז עס קלעקט שוין ניט קיין שוואַרצער קרעפּ פאַר זייערע קונדן. און שפּעטער, ווען די שוואַרצע פאַרבן, וואָס מען באַקומט זיי בא אונז פון דייטשלאַנד, זיינען געוואָרן מאוים'דיק טייער, ווען מען האָט שוין פאַר אַ בלעכערנע קעסטל פאַרב, וואָס האָט אַמאָל געקאָסט 10 רובל, געצאָלט 4 און 5 טויזנט רובל, האָסטו אפשר געטראַכט מיט עגמת נפש, אַז דער גרויזאַמער קריג נעמט שוין צו פון די אבלים אויך דעם לעצטן טרייסט זייערן: די טרויער-צייכנס.

II

שוואַרצע פאַרבן... עס ליגט אין זיי אַ שטיק לעבנספאָעזיע. מיט איין קלאַפּ ווייזן זיי אונז דעם קאָנטראַסט צווישן דעם קלאָרן, העלן, שפּילנדיקן־פאַרבנרייכן, קאָקעטיש־קאַפּריזנעם טאָג און דער ערנסטער

שווייגזאַמער, טיף־פאַרקלערטער פאַרגליווערטער נאַכט. זיי דערמאָנען אונז אָן דער צייט, ווען דאָס לעבן וועט פון אונז צונעמען דעם רעגנ־בויגן מיט אַלע זיינע פאַרבן, און וועט אונז נאָר איבערלאָזן איין איינציקן כח, — דעם כח פון געדאַנקען, וואָס גראָבט אין דער פינסטער מיט אַ באַיערנדיקער עקשנות.

אַלע די יונגע און אַלטע פּרויענגעשטאַלטן, אַלע די מוטערס, פאָטערס און זיידעס, וואָס האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן די שוואַרצע פאַרב, גייען דורך די גאַסן מיט אויגן, וואָס קוקן אינווייניק אין זיך, מיט אַ בליק, וואָס כאַפּט דעם העלן טאָג־שיין, ווי עפּעס פון דער זייט, מיט אַ שמייכל, וואָס שמייכלט צו עמיצן, וואָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, און וואָס ליגט איצט אין שמוץ און אין בלוט אינאיינעם מיט אַ געפאַלענעם אונטערגעשאָסענעם פויגל.

די טרויער־געשטאַלט זעט אויס, ווי איינער וואָס טראָגט אונטער די פאַלבן פון זיין מאַנטל עפּעס אַ שאַץ און וואָס ער באַהאַלט פון איטליכן פרעמדן בליק, אַ מאָדנעם שאַץ, וואָס מען קען דאָס ניט קויפן פאַר קיין געלט. אַ וואונדערליכן בעכער אָנגעפּילט פון אַ געטראַנק, וואו עס מישן זיך אויס גאַליקע ביטערקייט מיט דער זיסקייט פון שענסטע זכרונות. אין דעם מוטערס טרויער־בעכער שווימט די טויטע געשטאַלט פון איר זון און די יונג־פרישע אויגעלעך פון איר קליינעם בעבי, ווען ער מאַכט די ערשטע טריטעלעך, אָדער ווען ער מאַטערט זיין מוח׳ל אויף די אלף־בית קלעצלעך מיט די בילדער. אין דעם טרויער פון דער יונגער געליבטער פרוי מישן זיך צונויף די קרעכצן פון איר טייערינקן באַ דער לעצטער גסיסה מיט די צערטליכע און ליידנ־שאַפטליכע קרעכצן, ווען ער האָט זי צוגעדריקט צו זיין ברוסט און איר עפּעס שטיל אַריינגעזאָגט אין אויער. און ווען דער גרייז־גרויער זיידע שפּרייזט איבערן גאַס מיט דעם שוואַרצן קרעפּ אויפ׳ן הוט און לינקן אָרעם, פילט ער מיט ביטערניש, ווי אַ בייזער שיקזאַל האָט צו־גענומען באַ אים דעם אָפּשיין פון זיין אייגענער יוגנט, און לעבט אָפּט אין די געדאַנקען מיט דעם טאָג, ווען יונגע טריט האָבן אַזוי פריש זיך אַריינגעריסן אין זיין פאַרוועלקטן לעבן.

III

און אין די ערשטע יאָרן פון קריג זיינען אַלע גאַסן פול געווען מיט די דאָזיקע געשטאַלטן. צוליב זיי האָט די גאַנצע גאַס באַקומען מאַנכמאָל עפּעס אַ הייליקע ערנסטקייט. זיי האָבן געווירקט, ניט ערגער ווי דער קלינגענדיקער גלאָק פון אַ קירכע, וואָס רופט צו תפלה, זיך

אָפּצוגעבן אויף אַ רגע אַ חשבון הנפש. עפּעס אַנ'אידעאַלישן שטריך פּלעגן זיי אַריינברייננגען אין אונז, עפּעס אַ וואונדערליכן ניואַנס, צו־ליב וועלכע אַזוינע ניט־וואָכעדיקע געדאַנקען, ווי אייביקער פרידן, פריי־הייט פון די קליינע נאַציעס, ליבע צום פאָטערלאַנד, כעס קעגן איטליכע באַוואָפנטע געוואַלט פלעגן לעבן אין אונז מיט אַ באַזונדערער קראַפט. צי געדיינקט ניט איטליכער פון אונז, וואָס פאַר אַ נשמה עס האָבן באַקומען אויף די וואָכנדיקסטע שב'וואָכנדיקסטע אינם ערשטן יאָר פון וועלט־קריג? אויף די יידן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס פאַר אַ מאַרטי־ראָלאָגיע עס איז געווען פאַר אונז דער אַלטער רעזשים, האָבן צוליב די אַרומיקע טרויער־פאַרבן טיף דערפילט דאָס פּאָזיטיווע פון קריג, ווען צוליב אים וועלן מקיום ווערן אמאָל ישעיהו הנביא'ס זעאונגען... זיינען אָבער אין משך פון די דריי יאָר אויסגעלאָשן געוואָרן די טרויער־פאַרבן. ווען דו קומסט איצט אין אַנ'עפּענטליכן אָרט, זעסטו זעלטן ווען אַ טרויער־שלייער, אַנ'אָרעם אין קרעפּ. די טרויער־טעג האָבן זיך שוין — לויטן מנהג ניט צו טרויערן מער ווי אַ יאָר — געענדיקט. דער קריג ציט זיך שוין אַזוי לאַנג, אַז די אַלמנה איז שוין היינט ווידער אַ פאַר־הייראַטעטע, און די אַלטע מוטער, ווי דער זיידע, זיינען שוין אַליין אַוועק דאָרטן, וואו עס רוען די ביינער פון זייער זון און אייניקל.

די נאָבלע שוואַרצע פאַרב, וואָס איז דער סימוואָל פון אַ טיפן מענטשליכן נעדאַנקען און אַ לויטערנדיקן הייליקן שמערץ, איז כמעט ווי פאַרשוואונדן. זיין אָרט פאַרנעמט איצט די כאַקי־פאַרב.

IV

אויף די כאַקי־פאַרב ווירקט סימוואָליש; אויף די פעלד־גרויקייט טונקט איין די וועלט אין אַ שווערער מעלאַנכאָליע. די שמוציק־גרינליך־גרויע פאַרב פון אַ כאַקי־שינעל דערמאָנט אונז אָן דעם מימיקרי־געזעץ פון דער נאַטור, אָן דער טונקעלער פאַרפּלאָנטערטער און פחדנ'שער פּסיכאָלאָגיע פון גאָטס באַשעפעניש, בעת זיי באַהאַלטן זיך פון רויב־חיה, פון גרויזאַמעם שונא, פון זיך אַליין. די כאַקי־פאַרב זינגט שטענדיק איין פּזמון: „געוואַלט, ווי ווערט מען נעלם פון די טויזנטער סכנות, וואָס לויערן אויף דיר אין דער הויך פון די רויב־פויגלען און אַע־ראָפּלאַנען, אין דער נידער — פון דערווילדער חיה און דעם ליסטיקן פיינד, וואָס גנב'עט זיך אין דער שטיל!". די כאַקי־פאַרב, וואָס דאַרף זיך לויטן פחדנ'ישן ווילן פון פאַרפאָלגטן און פאַרפאָלגער צונויפגיסן מיט דער אַרומיקער קאַלטער, אינדעפערענטער נאַטור, מאַכט פון העלדן

א גרעזל און פון פחדן א ווערעמל. זי באציט די נשמה פון דעם און יענעם מיט די שפינוועבס פון א "רואה ואינו נראה", מיט געבונדענע הענט און מיט פארגליווערטע מוסקולן. זי מאכט פון דעם שמעטערלינג אשטיקל פארטריקנטע קאָרע, פון ווייסן בער א ים־קריעה, פון דעם ליסטיקן פוקס — א נבלה אויפן מיטן וועג. זי נעמט צו פונם אויג דאָס שפּיל פון די פארבן און מאכט פון לעבעדיקע און טויטע א הויפן נבלות. די כאַקי־פאַרב איז דער סימוואָל פון טויט, בעת ליבע און האס, פרייד און שמערץ, קנאה, תאוה, ווייסנדורשט און שאפונגס־ווילן, בעת אַלץ, וואָס מאכט פון א לעבעדיקן הארץ אַזאַ וואונדערליכע סימפאָניע, איז נעלם געוואָרן אויף אייביק; בעת די גרויע און רואיקע שטילקייט פאַכט איבער די וויסטע פעלדער מיט אַזאַ מאוים'דיקער קאַלטבלוטיקייט, מיט אַזאַ תוהו ובוהו־פּנים.

ניט נאָר דעם שפּיל פון די פארבן נעמט צו פון אונז די כאַקי־פאַרב. זי דערשטיקט אויך די קולות און קלאַנגען און פאַראַליזירט אויך די באוועגונגען, וואָס טראָגן זיך פון א לעבעדיקן ווארעמען גוף. דער פארוואונדעטער אין א כאַקי־שינעל דעקט ניט נאָר צו מיטן קאָפּ צו דער ערד זיין אָפענעם ברוסט־וואונד, ער דערשטיקט אויך דעם לעצטן גסיסה־אָך זיינעם, ווען דער מלאך־המות קומט נאָך זיין נשמה. און ווען דער מאַן אין כאַקי־שינעל גייט אויס פאר דורשט, חלוש'ט נאָך א טראָפּן וואסער, — וועט ער זיך פאַרט ניט רירן פון אָרט; און זאָל כאַטש דער וואסער־קוואַל פליסן צען טריט ווייט פון אים.

V

די כאַקי־פאָרם מאכט פון דער לעבעדיקער וועלט א בית־עלמין אָן מצבות, א מין פארפרוירענע פּלאַנעטע, וואו עס גלויבט זיך שוין ניט, אַז אַמאָל האָט דאָ געווימלט פון לעבעדיקע באַשעפענישן. ווארום די כאַקי־פאַרב טויט ניט נאָר די אויסערע זייט פון אַלץ וואָס לעבט, ניט נאָר די פארבן, די קלאַנגען און באוועגונגען, נאָר אויך דאָס אינערע לעבן, וואָס באוועגט זיך, זינגט און שפּילט אין אַלערליי זעלישע רעגנבויגן־פארבן. און דעם טאָג, ווען דו האָסט ארויפגעצויגן אויף זיך די כאַקי־פאַרב, האָסטו באקומען אויף זיך די הויט פון אַלע קאַלטבלוטיקע באַשעפענישן, וואָס זענען אויס, ווי דער שליאַם פון די טייכן, און וואָס זיינען אַליין ניט מער לעבעדיק, ווי דער פוילנדיקער שליאַם. דו ביסט געוואָרן א שטויבל אין דעם שטויב־וואָלקן, וואָס ציט זיך דורך די צעטראָטענע פעלדער צו אַנטקעגנגעזעצטע שטויב־זייל. דו האָסט צוזאַמען

מיט דיין נעכטיקן ראָק אויסגעטאָן אַלץ, וואָס האָט פון דיר געמאַכט אַ סאָציאַלן קריטיש-דיינקענדיקן מענטשן, אַלע דיינע ליבשאַפטן און סימפּאַטיעס, אַלע דיינע זוכענישן און ווילנס-צילן. דו ביסט געוואָרן אַ געפּעס אָנגעפּילט מיט איין־איינציקן געדאַנקען: ווי ווערט מען נעלם פון גאָט, פון דער וועלט, פון זיך אַליין.

און וואָס לייַנגער דער קריג ציט זיך, לעשן אַלץ עפּטער אויס די טרויער־פאַרבן, די ׳פאַרבן, וואָס דערמאָנען אַ שטילן, רייכן פיין־פּילנדיקן און זיס־ביטערן אינעווייניקסטן לעבן, און די וועלט ווערט פאַרהילט אין די פאַרבן פון טויט. צווישן אַ מענטשן און אַ בהמה איז שוין ניטאָ קיין שום חלוק.

VI

און די דאָזיקע כאַקי־פאַרב זאָגט צו אונדז צו פאַרשלינגען די גאַנצע וועלט. זי איז געוואָרן ניט נאָר די פאַרב פון די מיליאָנען סאָלדאַטן, נאָר אויך פון אַזוי פיל מיליאָנען בירגערליכע מענטשן, וואָס אַרבעטן לעבן קריג און אַרום קריג. זי איז אויך געוואָרן די פאַרב פון אַלע פאַרדאָרבענע פאַרפוילטע נשמות אין לאַנד. דער כאַקי-שינעל איז געוואָרן דאָס קלייד פון איטליכן גנב, רוצח און גזלן, וואָס גראָבט אַ לאָך אונטער דער ערד פון אייער וואוינונג. זי איז אויך געוואָרן די פאַרב פון אַלע אונזערע ניט־פאַראַנטוואָרטליכע פּאָליטיקער, וואָס האָבן זיך געשטעלט (אויבן־אָן) בײַ די שטאַטס-שטענדערס און האָבן אָנגעהייבן קאָמאַנדעווען איבער טויזנטער אַזוינע כאַקי-לייט מיט אַ כאַקי-מח און אַ כאַקי-הארץ. און אַזוי ווי די כאַקי־פאַרב איז שטענדיק די פאַרב פון איטליכן שוואַכן, פּחדן און פון איטליכן מענטשן, וואָס געפינט זיך לויטער אין הוילע סכנות, האָבן אַלע מעסיקע און רעאַקציאָנער־דיינקענדיקע מענטשן אויך גיך אָנגעטאָן זיך אין די דאָזיקע כאַקי-פאַרבן. די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ“ ווי די „בירזשעווקא“ *) און דאָס גל. האָבן זיך גיך אַרייַנגעוואָרפן אין כאַקי־שינעל פון אַ רעוואָלוציאָנער און אַ רעפּובליקאַנער. וואָרום די רעפּובליקאַנישע געזינונג פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט איז אויך איצט די פעלד־גרויע פאַרב, ווי דער כאַקי־שינעל.

און די כאַקי־פאַרב פאַרטרינקט דאָס לאַנד הינטער די פראָנטן מיט דעם אייגענעם געוויסער, ווי דער כאַקי-שינעל אויף די פראָנטן.

---

*) „נאָוו. וורעמיאַ“ — איינע פון די רעאַקציאָנערסטע צייטונגען בעתן צאַרישן רעזשים; „בירזשעווקאַ“ — „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי“, געלע פּעטערבורגער צייטונג.

צוויי פארבן האָט אונז דער וועלט-קריג געגעבן. די שווארצקייט פון טרויער־שלייער און די שמוציק-גרין-גרויקייט פון כאקי־שינעל. צוויי סימוואָלישע געשטאלטן האָט אונז געוויזן דער קריג: די טיפזיניקע איידעלע פּאָזע פון אבל, און דעם געל-גרויעם פלאציק-צעליייגטן קערפּער פון מת. און וואָס ווייטער דער קריג ציט זיך, הייבט זיך אלץ מער דער טורם פון מתים און פארדעקט די געשטאלט פון אבל. די כאקי־פארבן האָבן אויסגעלאָשן די טרויער־פארבן.

פארגעסט ניט דעם קריג.

„צוליב די בוימער זעט מען ניט דעם וואלד“, זאָגט א רוסיש שפּריכוואָרט. צוליב די רייסערייען צווישן די פּארטייען, צוליב די טויזנטער קאָמיטעטן, וואָס באדעקן דאָס לאנד ווי דער חשך מצרים, צוליב די „עקן“ בא די שפּייז־קראָמען, צוליב די לויפעניש פון ווייבער און קינדער פון די הונגערנדיקע הויפּט-שטעט אין די ברויט-גובערניעס — זעט מען ניט די הויפּט־זאך. צוליב אלע די דאָזיקע נישטיקייטן זעט מען ניט דעם קריג.

מען האָט שוין כמעט אינגאנצן פארגעסן, אז רוסלאנד פירט א קריג מיט דייטשלאנד און עסטרייך. עס קאָנען פארגיין טעג און וואָכן, און צוליב דעם וואָס מען פירט בא די „עקן“, אָדער צוליב דעם, וואָס מען מאכט אגיטאציע פאר א געוויסן צעטל ס. ר., ס. ד. א. א. וו. פארשווינדט פון אונזער דמיון דער קריגס-פראָנט, וואָס ציט זיך אויף טויזנט וויאָרסט. און ווען ניט א „דורכבריים“ פון׳ם שונא, ווי בא טאר־נאָפּאָל, ריגע, און איצט אויף דעם אינזל עזעל, וואָלט מען שוין גאר אינגאנצן פארגעסן אָן דעם, אז מיליאָנען מענטשן ליגן אין די קאַזארמעס, אָקאָפּעס, אָדער שלעפּן זיך, אלס מארשעווע ראָטעס דורך די זומפּן פון א צפון- אָדער א דרום-פראָנט.

מיר זיינען ווי יענע בראָנישע ביינער־שווינטזיכטיקע, וואָס פאר־געסן שוין, אז עס צערן זייערע קנאָכן מיליארדן טובערקל-באצילן. און נור דעמאָלט, ווען עס פלאצט מיט אמאָל א גרויסער אייטער־זאק, דער־מאָנען זיי זיך, ווי קראנק, ווי מורא׳דיק קראנק עס איז זייער גוף.

מאנכמאָל קומען אויף אויף מיר אזוינע מינוטן, ווען איך וואָלט וועלן ארויס אויף די גאסן און שרייען בקול רם: „ברידער, דערמאָנט

זיך, אז טויזנטער פון אייערס־גלייכן ליגן איצט אין שמוציקע נאסע אקאפעס, שלעפן זיך אין בלאטעס און זומפן אין דער גאנצער ברייט פון דעם אייראפייאישן רוסלאנד; אז מיליאנען מענטשן ווערן איצט פארמאטערט און דערשלאגן פון די טויזנטער פערזענליכע ליידן, וואס ענגבערן זייער נשמה; אז מיליאנען פרייע מענטשן זיינען איצט אין דער לאגע פון שקלאפן, וואס מען האט אין מיטן העלן טאג אפגעריסן פון זייער ערד, פון זייער היים, פון זייער פאמיליע און פון זייער וואר־שטאט און זיי פארשקלאפט צו דעם קריגס־גאט, פאר וועמען זיי זיינען ניט מער ווי פלייש פאר קאנאנען".

איך ווייס, אז ווען איך וואלט דאס באמת געטאן, וואלט מען געקוקט אויף מיר, ווי אויף א משוגע'נעם, און אפשר וואלט מען מיך אויך באווארפן מיט שטיינער. סיי די סאוועטן, ווי די קאדעטן וואלטן גע־קוקט אויף מיר מיט א חשד און אנהייבן נישטערן אין מיינע זכיות, צי בין איך ניט אנ'אגענט פון דייטשלאנד? און אונזערע יידישע פארטייען, וואס האבן פיינט, אז א ייד זאל האבן א צו־גרויסע חוצפה אין אל־געמיינע מדינה־זאכען, וואלטן זיך אפגעשאקלט פון מיר, ווי פון א ניט באקוועמעם מאנער. און אזוי, ווי איך בין ניט מער, ווי א געוואוינליכער מענטש, האלט איך זיך איין און פארבאהאלט מיין שמערץ־רוף אין הארצן.

און דא פיל איך, אז פריער אדער שפעטער, וועט קומען א בע־סערער פאר מיר און וועט ווערן דער פרעדיקער פון א געדאנק, וואס איז אזוי איינפאך און באנאל, וואס יעדערער ווייסט אים און אן וואס איטליכער פארגעסט.

און דער דאזיקער פרעדיקער, וועט נור טענה'ן איין זאך. ער וועט ניט רופן צו קיין סעפאראטן שלום, ער וועט ניט בונטעווען די סאל־דאטן, אז זיי זאלן אוועק פון די אקאפעס, ער וועט ניט חזר'ן דעם פסוק פון ישעיהו'ן וועגן שווערד און אקעראייזן. ער וועט נור שטענדיק דערמאנען דעם פארדולטן עולם — פארדולט צוליב דעם, וואס מען גיט נור א פונט פוטער א מאנאט, — אז ער זאל צוליב מאנגל אין אייער און צוליב דער יאגעניש נאך א מאנדאט אין פאר־פארלאמענט דערביי ניט פארגעסן, אז מיר פירן קריג מיט א שטארקן שונא, און אז מי־ליאנען מענטשן זיינען פארשקלאפט צו די קאנאנען. ער וועט ניט שפרינ־גען פאראויס אין דער פרידנס־פאליטיק פון א טערעשטשענקא אין א פאר־פארלאמענט; ער וועט זיך ניט מישן אין דעם עסק פון א שטאק־האלמער אדער א בערנער קאנפערענץ. ער וועט נור מיט א טיפן שמערץ

דערמאָנען אַלע וויילע אונזערע פּאָליטיקער, אַלע אונזערע פּאַרטיי־פֿי־
רער, אַלע אונזערע בעלי־הבתים, ספּעקולאַנטן, וואַל־מענער און "אַטשע־
רעד"־שטייער, אַז רוסלאַנד פֿירט אַ מאָוימ'דיקן קריג, אַז מיליאָנען עק־
זיסטענצן לעבן ווי אָפּגעריסענע בלעטער פֿון אַ גרינעם לעבנס־בוים,
ער וועט נור טענה'ן: וואָס איר זאָלט ניט טאָן, ווי איר זאָלט ניט פֿאַר־
ענטפֿערן די לאַגע, — פֿאַרגעסט אָבער ניט אַ רגע, אַז מיליאָנען אייערס־
גלייכן ליידן און שווייגן אונטער די קאַלטע האַרבסט־הימלען פֿון די
פֿראָנטן. בײַ אַלע אייערע געשעפֿטן פֿאַרגעסט ניט דעם קריג!

סעפּטעמבער 1917.

פעטראגראד און מאסקווע.

א שעה 15 — 16 זאלבעצוואנציק אין איין קופּע פון פּעטראָגראד קיין מאָסקווע, ווערט מען נשתומם פון דער ענדערונג, וואָס איז מיט דיר פּאַרגעקומען אין איין האַלבן מעת־לעת.

גאָר אַנ׳אַנדער וועלט, א רואיקערע, א געזינטערע, א שטילערע און א סך א סך א וועלוועלערע. אין מאָסקווע גלויבט מען זיך גאָר ניט, אז רוסלאַנד לעבט איצט איבער אַזאַ שווערע רעוואָלוציע. און ווען ניט די אייביקע מיטינגען בא פּושקינ׳ס און סקאָבעלעוו׳ס דענקמעלער — קען מען שעה׳ן לאַנג פאַרגעסן, אז „מיר שטייען ביים ברעג פון א פינסטערן תהום״, און מיינען, אז די סכנה איז גאָר ניט אַזוי גרויס, אַז דער אויסוועג צו גוטן איז גאָר ניט אַזאַ חלום, ווי די פּעטראָגראַדער זאָגן.

די ברייטע צעוואָרפענע שטאָט מאָסקווע האָט די טבע פון א ברייטבייכיקן סאַמאָוואַר, וואָס ווירקט ווי א בארואיקונגס־מיטל אויף צערודערטע נערוון. אין דער דאָזיקער שטאָט שפּילט די פּאָליטיק א סך א קלענערע ראָליע ווי אין פּעטראָגראַד. דערפאַר איז זי א שטאָט פון פאַבריקן און סוחרים, וואָס איז פיל רעאַלער פאַרבונדן מיטן גרויסן רוסישן מאַרק, ווי אַלע אַנדערע שטעט. זי האָט בכלל מער „גופניות״, ווי פּעטראָגראַד, וואָס איז אייגנטליך לויטער „רוחניות״. און דאָס איז דאָך שוין א כלל, אז הוילע רוחניות מאַכט פון א שטאָט א גרויסן נעוראַסטעניקער.

דער לעבנס־טעמפּ פון מאָסקווע איז א שווערער, א לאַנגזאַמער. אין דער דאָזיקער שווערקייט פילט זיך אָבער א גרויסע פיזישע קראַפט. ווען מען קוקט אויף מאָסקווע, מוז מען זיך ממילא דערמאָנען אָן פיזיקאַלישן געזעץ, אז איטליכע זאַך, וואָס פאַרנעמט אַנ׳אָרט, דערלאָזט ניט, אז אין דער גלייכער צייט זאָל עפּעס אַנ׳אַנדער זאַך פאַרנעמען דעם אייגענעם אָרט. אין מאָסקווע הייבסטו אָן גלויבן, אז קיין

אומה אין דער וועלט, נאָך די שווערסטע רוסישע רעוואָלוציעס און נאָך די גרעסטע נידערלאַגן אינם קריג, קען ניט אַרויסדרינגען דעם רוסישן פון זיין ערד. דאָ פילט מען, אַז פעסטע פיס שטייען אויף אַ פעסטער ערד און קיין לעגין און קיין פעסימיסטישע רעגירונג קאָן זיי ניט באַוועגן לויט זייער דיריזשיר־שטאָק.

פעטראָגראַד אָבער איז קראַנק אויף דער פּאָליטישער קריינק. די שטאָט מיינט, אַז ווען א י ר פּאָליטיק גייט ניט דורך, איז שוין אַ סוף פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז די קראַנקייט פון איטליכן ריי־נעם צענטראַליסטן־אָרגאַניזאַטאָר, וואָס גלייבט מער אין זיינע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע פּלענער, ווי אין די נאַטירליכע געזונטע קרעפטן פון איט־ליכן קבוץ, וואָס גייט כסדר — כאָטש אפילו אין טונקעלן — זיין ריכטיקן וועג.

שוין געטהע האָט געזאָגט, אַז „איטליכער ערליך שטרעבענדיק גייט אין זיינע טונקעלע אינסטינקטן דעם גראַדן וועג". אויך דאָס גרויסע רוסלאַנד, וואָס וויל מיטן גאַנצן הארצן קומען צו אַנ׳אויסוועג אין די צייטן פון דער רעוואָלוציע, וועט געפינען דעם ריכטיקן וועג.

אין מאָסקווע פילט איר דאָס שטאַרק. אין פעטראָגראַד דאַקעגן, וואו די פּאָליטיק האַלט די וואָגשאָלן, פאַרלירט איר דעם ריכטיקן בליק אויף רוסלאַנד. וואָרום דער פּאָליטיקער אַרבעט מער לויט פרעמדע מוסטערן און לויטן קורצזיכטיקן מענטשליכן שכל, ווי לויט אַ גע־זונטן אינסטינקט.

זיך צוקוקנדיק צו מאָסקווע, הערסטו זיך אויף צו וואונדערן, פאַר וואָס אַ סך ווילן, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל פאָרקומען אין מאָסקווע. באַ יעדער אומה זיינען פאַראַן ערטער, וואו דער גייסט פון פאָלק האָט זיך אַרויסגעוויזן מער, ווי אומעטום. אונזערע חכמים פלעגן זאָגן: „אוירא דארץ ישראל מחכים", — „די ארץ־ישראל׳דיקע לופט מאַכט קלוג" און אויך אויף מאָסקווע קען מען זאָגן, אַז זי מאַכט קלערער אין רוסישן מח, און געפינט גיכער דעם קנופּ פונם אַלרו־סישן פּלאָנטער. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין מאָסקווע וואָלט שוין ניט געשטאַנען לויטער אונטער דער השפעה פון ריינע פּאָליטיקער. וואָרום אויך די מאַסע אין מאָסקווע איז אַנ׳אַנדערע ווי אין פעטראָ־גראַד, און דער נערוועזער פּאָליטיקער וועט שוין ניט דאַרפן אַזוי רייסן און צופּן זיינע נערוון, ווי אין פעטראָגראַד, וואו די מאַסע אַליין איז שטאַרק אָנגעזאַפּט פון דער פּאָליטיק און פּאָליטיקאַנסטווע.

מאָסקווע און פּעטראָגראַד! די ערשטע — אַ שטאָט, וואו מען פאַרגעסט ניט אַפילו אויף אַ ווײַלע, אַז מען איז אין רוסלאַנד, און די צווייטע אַ שטאָט, וואו מען קאָן אויף וואָכן לאַנג פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ רוסישע נאַציע. פּעטראָגראַד — אַ שטאָט פון קאָקאַר־דעס, פּאָליטיקער, אַדמיניסטראַטאָרן, און מאָסקווע — אַ שטאָט פון האַנדל און וואַנדל, פון אַרבעט און רוסישן בעל־הביתי׳שן נחת אײנ־אײנעם מיט אַ באַזעסנקייט פון אַ פאָלק, וואָס איז ניט נוטה צו פּרעמדע מוסטערן און לעבט זיך אונטער זײַנע געבויטע געצעלטן — אַ שטאָט פון פאָלקס-מענטשן מיט געזונטע אינסטינקטן.

און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס איטליכער פון אונז וואָלט געוואָלט, אַז די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס קאָן אין מאָסקווע ניט זײַן, זאָל פאָרקומען אין אַ פּעטראָגראַד, וואו עס הערשט דער מאָס־קאָוויטישער רואיקער געזונטער גײַסט.

סעפּטעמבער 1917.

אַ גרויסער בעל־יסורים.

אָן דער שפּיץ פון דער איצטיקער רוסישער מלוכה שטייען מענטשן, וואָס טיילן צווישן זיך די מיניסטער־פּאָרטפעלן מיט אַ מינע, אַקוראַט, ווי די דאָזיקע פּאָרטפעלן האָבן שטענדיק געוואַרט אויף זיי.

מילא, די קאַדעטישע מיניסטאָרן פאַרשטיי איך נאָך. דער רו־סישער קאַדעט האָט דאָך צען יאָר נאָכאַנאַנד געזען זיך אין חלום אַלס מיניסטער, וואָס זעצט זיך אויפ׳ן זעסל פון די גאָרעמיקינס.

ווייניקער באַגרייפליך איז מיר די לאַגע פון אַ סאָווינקאָוו׳ן, אָדער אַ סאָקאָלאָוו׳ן ווען ער נעמט די מלוכה־לייצעס אין דער האַנט. וואָ־רום די דאָזיקע לייט האָבן קיינמאָל ניט געחלומ׳ט וועגן דער ראָליע פון פאַראַנטוואָרטליכע לייטער פון עפּעס אַ מדינה.

אַלע טאָג, נעמענדיק אין דער פרי דאָס מאָרגנבלאַט, לייען איך וועגן נייע מענטשן, וואָס שפּאַנען זיך איין אין דעם מלוכה־וואָגן, און האָבן די דרייסטקייט זיך צו נעמען מאַכן אָנ׳אָרדנונג אין דעם צעבור־שעוועטן רוסישן ים. פרעג איך בײַ באַקאַנטע און גלויבווירדיקע לייט; ווער זײַנען דאָס די איוואַנאָוו׳ס, די אַוקסענטיעוו׳ס, די לעבעדיעוו׳ס א. א. וו. וואָס נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע אויפגאַבע? ענטפערט

מען מיר: אווקסענטיעוו איז געזעסן ביים אַלטן רעזשים 2 יאָר אין פעסטונג, לעבעדיעוו האָט געשמעקט מיט סיבירער לופט און סאָווינקאָוו, אַ פאַרקליידטער אַלס ענגלענדער, האָט אָרגאַניזירט אַ מאָרד אויף פּלעווע'ן, און איז כמעט ניט געווען שוין אויף דער תליה. באַקום איך שטאַרק בושה פאַר די דאָזיקע לייט, אָבער איך פאַרשטיי אַלץ ניט, ווי קומט דער טעראָריסט איוואַנאָוו צו אַ מיניסטאָרן־זעסל. דערציילט מען מיר ווייטער, אַז פּאָפּאָוו, דער נאַטשאַלניק פון די בערגווערק, האָט אַזוי קונציק באַהאַלטן אַ פּוד שריפט פון די זשאַנדאַרמען, אַז אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען ניט געקאָנט אויסראָטן די רעוואָלוציאָנערע טיפּאָגראַפיע, וואָס האָט געאַרבעט צווישן טאַמסק און קיעוו. וואונדער איך זיך אויף די קאָנספּיראַטיווע פעאיקייטן פון פּאָפּאָוו'ן, און פרעג ווייטער: וואָס האָט דאָס פּאַר אַ שייכות צו די דאָנער קוילן־גרובן? ענטפערט מען מיר, אַז פּאָפּאָוו האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דער רעוואָלוציע, אַז צוויי מאָנאַט איז ער ניט אַרויס פון אַ קעלער, וואו ער האָט אַליין געזעצט רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס. עסן פלעגט מען אים ברענגען נאָר איין מאָל אַ טאָג בא נאַכט.

נעם איך אַראָפּ דאָס היטל פאַר פּאָפּאָוו'ן און פאַרשטיי אַלץ ניט, פאַרוואָס גיט מען אים ניט בעסער, פון דאַנקבאַרקייט, אַ רעגירונגספּענסיע, איידער אים צו באַשעפטיקן מיט אַן ענין, פון וואָס ער פאַרשטייט נעבעך גאָרניט.

איך בין אין דער לאַגע פון יענעם אורח אין אַ שטעטל, וואָס דערזעענדיק אַ גרויסע, גרויסע לויה האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן בא די תושבים: ווער איז דאָס דער בר־מנן, וועמען מען גיט אָפּ אַזאַ מורא'דיקן כבוד.

— מן הסתם דער רב פון שטעטל.

— ניין ר' קרוב.

— אַ דיין? — אויך ניט — אַ גרויסער למדן? — ניין, דער נפטר איז קיין גרויסער בר אור'ן ניט געווען. — אפשר אַ נאָנטער קרוב פון צדיק אין שטעטל? — חלילה! ער איז געווען אַ פשוט'ער קרעמער, און נאָך אַנ'אָרעמאַן דערצו. — טאָ פאַר וואָס אַזאַ כבוד; דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָך אויף די פיס? — דערפאַר ר' קרוב, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער בעל־יסורים.

אַלס מענטש האָב איך שטאַרק אָפּשיי פאַר אַ בעל־יסורים. איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז עס גייט מיר ניט איין דער ביסן, ווען איך זע נעבן מיר אַ מענטשן זיך דרייען פאַר ווייטאָג. איך בין אַ

ייד און געדענק גוט די מעשה פון א נחום-איש-גמזו, וואָס האָט זיך
ניט אונטערגעגעבן אַ בייזן שיקזאַל און האָט ניט אויפגעהערט צו זיין
אַ מענטש אויך אין די גרעסטע יסורים. און איך האָב די גרעסטע
אכטונג פאר די אַלע מערטירער די טויטע, ווי די לעבעדיקע וואָס האָבן
אויסגעשלאָגן אַ וועג דער רוסישער פרייהייט, איך בין גרייט צו מאַכן
די שענסטע לויה אַזוינע בעל־יסורים, אָבער איך געפין ניט פאר נויטיק,
אז מ'זאָל איבערגעבן די בעל־יסורים די דאָנער קוילן־גרובן. ווארום
חוץ ערליכקייט, איבערגעבנקייט די פאָלקס־אינטערעסן, פאָדערט זיך
נאָך עפּעס, כדי דער עסק אין די דאָנער קוילן־גרובן זאָל גיין אין
מלוכה־זין כשורה, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אָקטאָבער 1917.

די בייגעבאקענע מיליאנערן.

ניט נאָר מיניסטאָרן געוועזענע בעל־יסורים האָבן מיר איצט, נאָר
אויך אַ נייעם טיפּ פון מיליאָנערן, וואָס זיינען גרייט צו שיטן געלט
אויף איטליכע זאַך, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו דער עפנטליכקייט.

די נייע מיליאָנערן זיינען רייך געוואָרן איבער נאַכט, און אַזוי
ווי באַ נאַכט האָבן זיי נאָך אַ ביסל געשלאָפן — האָבן זיי נאָך
ניט די ריכטיקע השגה פון אמת'ע מיליאָנען. די קעשענעס די טיים־
טערס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט 1000־רובלדיקע פּאַפּירן. פאַרן קיין מאַנ־
טע־קאַרלאָ איז איצט אַ ביסל שווער, צוליב די דייטשע אונטער־ים־
שיפלעך, און דאָס ווייב איז זיי נאָך אויך ניט גאָר נמאס געוואָרן.
חוץ דעם איז בכלל היינט גרינגער צו „ערווערבן", ווי אויסצוגעבן. די
וויינקראָמען זיינען פאַרמאַכט, און די בלומען פון ניצא קומען אויך ניט
אָן רעגלמעסיק.

וואַרפן זיך אַ סך מיליאָנערן אויף צייטונגס־אויסגאַבן, אויף גאַזעטן,
וואָס ברייננגט זיי, ערשטנס, צונויף מיט אינטעליגענטע און אפילו באַ־
רימטע מענטשן, און וואָס העלפט זיי אַרויסצוגיין פון זייער מיליאָ־
נערישער טונקלקייט און אַריינגיין אין די ליכטיקע חדרים פון דער
עפנטליכקייט.

מאַנכסמאָל האָב איך אמת מיטלייד מיט די פאַר'צער'טע מי־

ליאָנערן, וואָס ס'שפּאַרט זיי אָפּ די קעשענעס פון די טייסטערס, און זיי האָבן ניט די מעגליכקייט זיך צו פאַרלייכטערן אַ ביסל. דאָס איז, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ מין געלט־עצירות. און מ'קאָן חלילה ניט באַהויפּטן, אַז דאָס איז אַ כראָנישע קראַנקייט, אָבער אַ צייט לאַנג איז דאָס פאָרט אַ קראַנקייט.

האָבן געלט און ניט האָבן פאַר זיך די ריכטיקע השגה איז אָפּט־מאָל אַ ביטערער ענין.

בא פּוילישע יידן דערציילט מען אזא מעשה:

דעם פּריצ'ס יידל מאָשקע האָט זיך אַמאָל אויסגערעדט אין דער הויך: „ווען איך זאָל האָבן הונדערט רובל, וואָלט איך געווען דער גליק־ליכסטער מענטש". האָט עס דער פּריץ דערהערט און ער האָט מאָשקן געמאַכט אזא פאָרשלאַג, — איך גיב דיר 100 רובל, אָבער מיט'ן תנאי, אַז דו זאָלסט עס פאַרצערן אין אַ וואָך צייט. טאָמער ניט — קריגסטו שמיץ. ווען יאָ, שיינק איך דיר נאָך אַ מאָל 100 רובל, און דו קאָנסט טאָן מיט זיי וואָס דו ווילסט.

לאַכט דאָס יידל — פּטר'ן אַ הונדערטער, אויך מיר אַ מעשה. אַז אין שטוב גייט מען באָרוועס און נאַקעט, אין קרעמל איז ער שוין שולדיק פון יום־טוב אָן און אַז עס איז גוט אויפ'ן הארצן, קאָן מען קויפן אַ מפטיר אויך.

שטימט ער איין אויף דעם פּריצ'ס תנאי, באַקומט דאָן אַ הונדערטער און לויפט מאַכן פון אים אַ תל.

אין קרעמל איז ער געווען אַ בעל־חוב אויף אַ גאַנצן דרייערל. דערנאָך, ווי ער האָט באַקליידט און באַנייט דאָס הויז־געזינד, האָט ער באַצאָלט דעם שניידער ניט קיין פולן צענערל. פאַר זיך אַליין האָט ער זיך פאַרגונען צו מאַכן „קעפּלעך" אויף די שיך. בקצור, דינסטיק האָט ער מיט שרעק דערזען, אַז ער האָט נאָך כמעט דעם גאַנצן הונדערטער. עסט ער שוין מיטוואָך קעלבערנע פליש, קויפט ער זיך אַ פלאַש יין צמוקים, — און עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ סך געלט. ס'קומט אָן דער דאָנערשטיק הייסט ער באַקן דעם ווייב בוימל־חלה און מאַכן אַ הוילן האָזינקעס־קוגל. אָבער פון געלט ווערט נאָך אַלץ ניט קיין תל. גייט ער זיך מישב זיין מיט'ן רב: וואָס טוט מען מיט'ן לעצטן 25־ער, וואָס ער קאָן בשום אופן ניט אויסגעבן, ווייל ער איז שוין פאַרזאָרגט אויף שבת פון כל טוב. פאַרקלערט זיך דער רב, זיפצט אָפּ אַ פּאָר מאָל, און גיט אים ענדליך אַן עצה, אַז דאָס ווייב זאָל דעם פּאַפּירענעם

פינף־און־צוואנציקער פארבאקן אין די שבת'דיקע חלה, און שבת וועט מען אים אויפעסן. קיין אנדער מיטל איז ניטאָ פטור צו ווערן פון הונדערטער.

די לאגע פון די נייגעבאקענע מיליאָנערן איז איצט כמעט די אייגענע, ווי ביים פוילישן פריץ'ס יידל. עס פעלט די השגה. און דערום ווארפט מען מיט געלט אויף אלע זייטן, ניט האָבנדיק קיין שום הנאה, ציטערנדיק שטענדיק, אז דער פריץ זאל ניט קומען בעטן א דין וחשבון.

איך קאָן ניט זאָגן, אז די שלעכטע לאגע פון די מיליאָנערן מאכט מיר א סך דאגות, מיר פארדריסט נאָר, וואָס צוליב די מאַשקעס קריגט זיך אָפּט א אפּלש בילד וועגן א סך אנגעלעגנהייטן פון אונזער געזעלשאפטליכן לעבן.

ווען מ'קוקט זיך איצט צו צו דעם מורא'דיקן וואקסן פון דער העברייאישער ליטעראטור, קאָן מען מיינען, אז יידן האָבן קיין אנדערע עסקים ניט, ווי צו שטילן זייער הונגער נאָך א העברייאישן וואָרט אויף העברייאישע ליטעראטור, אין פארגלייך מיט יידישע, ווערט איצט אויסגעגעבן מערערע הונדערט־טויזנטער רובל. עס דערשיינט א טאָגבלאַט, גרויס ווי די „נאָוואָיע ווערעמיא". עס דערשיינען זשורנאלן, פערטליאָר־ביכער, אלמאנאכן און א גאנצע זאמלונג פון איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראטור. עס באווייזן זיך היסטאָרישע זשורנאלן, וואָכנבלעטער, קינדער־ליטעראטור א. א. וו.

מ'קאָן מיינען, אז דאָס רוסישע יידנטום האָט פּראָסט יידיש פיינט באקומען, און קלערט נאָר, וואָס גיכער צו באפרידיקן דעם הונגער פון אונזער בוך־נאַציאָנאַל־שפּראַך. אין דער אמת'ן אָבער איז די לעבעדיקייט אויף דעם העברייאישן מארק ניט קיין נאטירליכע דערשיינונג, פונקט אזוי אומנאטירליך, ווי די מיליאָנערן אליין, וואָס האָבן נאָך פאר צוויי יאָרן ניט געהאַט מיט וואָס א וועקסל צו צאָלן.

אגב, עס איך זיך ווייניק אָפּ דאָס האַרץ, וואָס די העברייאישע ליטעראטור וואקסט, מיר ווילט זיך נאָר, אז די פארהעלטניש פון יידיש און העברייאיש זאל ניט ווערן געפעלשט. אז די נייע מיליאָנערן זאָלן אויסגעבן ניט מער אויף מפטיר, ווי אויף די „קעפּלעך" וואָס זיי לייגן אויף זייערע צעריסענע שטיוול.

דער נעבעכדיקער ניט־פארוועגנטער מיליאָנער רוקט זיך אָבער צו נענטער צו דער „שפה השרידה והיחידה" ווי צו דער אמאָליקער „שפחה". דאָס איז שוין דער כח פון די מיליאָנען, נאָך איידער מען קריגט פאר זיי די ריכטיקע השגה.

אָקטאָבער 1917.

די קדושים.

בא יידן האָט דאָס וואָרט „קדוש" אַ באַזונדערן זין. דאָס איז ניט דער הייליקער (דער באַגריף „הייליק", „הייליקייט" עקזיסטירט בכלל ניט אין דער יידישער שפּראַך), וואָס פאַרלירט זיין לעבן צוליב אַן־אידייע, אַן־אידעאַל. דאָס איז ניט דאָס, וואָס מען רופט בא די גוים דער מערטירער, נאָר דאָס איז דער פּאַרמענטשעטער, דער צעפּייניקטער ביז אין טויט אַריין. אַ קדוש רופט מען בא יידן אויך אַ מענטשן, וואָס איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אין אַ וואַלד דורך אַ באַנדע רוצחים. אַ קדוש איז אויך דער, וואָס טוט זיך אָן אַ מיתה משונה אין דעם קראַנקן צושטאַנד פון מרה־שחורה. אויטליכער, וואָס האָט דורכגעליטן אַן־אומנאַטירליכן טויט, הייסט בא יידן אַ קדוש. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעאַרבעט איר קדוש. אין דעם קדוש־באַגריף פון פאָלק זידט און קאָכט אַ ים פון רחמנות־געפילן. עס ליגט אין אים אַ גרויסע אַכטונג פאַר דעם, וואָס האָט געגאָסן דעם ביטערן בעכער פון צרות, יסורים, געברענטע ליידן און טויט־שרעק־פּיין. דאָס פאָלק גיט דעם קדוש דעם ערשטן אָרט אין גן־עדן, נאָך אַ שענערן זעסל, ווי די גרעס־טע צדיקים. יסורים, צרות, געברענטע ליידן זיינען דער לייטערונגס־אויוון, פון וואַנען דער ערגסטער מענטש גייט אַרויס מיט דעם גלאַנץ פון דער שכינה. פאַר זיין שטראַלנדיקן ליכט קאָן ניט באַשטיין אויך אַמאָל דער גרעסטער צדיק. מעג דער קדוש זיין אַ גראָבער, פּראָסטער בעל־עגלה, וואָס מען האָט אים געפונען מיט אַ צעפּלעטן שאַרבן ביים וועג פון אַ דאָרף, — ער איז שוין איצט אין דער העכסטער מדרגה; מעג דאָס זיין אַ גרויסער בעל־עבירה׳ניק, — דער אומנאַטירליכער טויט האָט אים שוין אָפּגערייניקט פון אַלע ערדישע זינד.

אין דעם תהו ובהו פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן שוין אַ סך, אַ סך מענטשן פאַרלוירן זייער האָב און גוטס און זייער לעבן. אָבער ביז גאָר ניט לאַנג האָט די רוסישע רעוואָלוציע נאָך אירע קדושים ניט געהאַט. עס האָט איר נאָך געפעלט די היסטאָרישע געשטאַלט פון קדוש, וואָס ווערט געפירט צום שייטערהויפן אונטער אַ האָגל פון קללות, חרמות, פון אַ טייוולאַנישן געלעכטער, נידערטרעכטיקע באַליידיקונגען און זלזולים. עס האָבן איר נאָך געפעלט די „עשרה הרוגים", וואָס מען האָט אונטער דער ווילדער פייפעריי פון אַ ברודיקן המון געפירט צום תלין.

איצט הייבן זיך שוין אָן צו באַווייזן די ערשטע קדושים, און וואָס אַ טאָג פאַרגרעסערט זיך זייער צאָל.

צי איז דער קאָמיסאַר לינדע, וועמען מען האָט אויפגעהייבן אויף די באַגנעטן פון אַ באַנדע צעבושעוועטע חיות־סאָלדאַטן, ניט געווען דער קדוש, ווי מען מאָלט אים אין די אַלטע היסטאָרישע כראָניקעס? צי זיינען די עטליכע צענדליק אָפיצירן, וואָס מען האָט צעבלוטיקטע און אויף טויט צעפייניקטע אַראָפּגעוואָרפן פון אַ פעלז אין פינישן ים־אויסגוס, ניט די קדושים, וועגן וועלכע מיר האָבן אַמאָל געלייענט מיט פאַרטרערטע אויגן אין די אַלטע, אַלטע ביכער? און צי איז דער גאַנג פון די קאָרנילאָווישע *) גענעראַלן, וועלכע מען האָט אַריבערגע־פירט פון בערדיטשעוו קיין ביכאָוו, ניט געווען דער דאָזיקער וועג פון אַלע אַמאָליקע קדושים?

ס'איז קיין נפקא מינה ניט, צי זיינען די גענעראַלן שולדיק, צי ניט. וויכטיק איז, אַז זייער וועג צום טויט איז דער וועג פון אַ קדוש, דער דאָזיקער וועג, וואָס רודערט אויף אַלע קוואַלן פון אַ טיפער, טי־פער רחמנות.

אַ מורא'דיקער המון פון גראָבע, שמוציקע געשטאַלטן זיינען גע־שטאַנען פאַר דעם אַרעסטאַנטן־הויז, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעפירט די גענעראַלן. מען האָט זיי ניט געלאָזט פירן צו דער באַן אין אַ וואָגן. „צו פוס זאָלן זיי גיין"! האָט געשריען די באַנדע, זיך רייסנדיק אויף די גאָרגלען, און באַלד איז מען באַפאַלן די גענעראַלן פון אַלע זייטן, שרייענדיק ווילד, אַז זיי באַהאַלטן אין די שינעלן רעוואָלווערן, ביקסן, אפשר אויך קוילנוואַרפער. קוים מיט צרות האָט זיך איינגעגעבן אָפּצו־האַלטן דעם המון, אַז זיי זאָלן ניט צערייסן די גענעראַלן אויף שטי־קער. מען האָט זיי געשטויסן מיט אַ כיון אין די רינשטאָקן, אין די בלאָטעס, און מען האָט לעבעדיק, פרייליך געפייפט און געשריען, ווען די פיס פון די גענעראַלן זיינען געוואָרן געשטרויכלט, און זייער קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ברוסט. אַלע ווײַלע זיינען געשטאַנען די גענעראַלן אין געפאַר צו דערליידן דעם שרעקליכסטן טויט, וואָס אַ מענטשנס פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן; און איטליכער טריט זייערער צו דער באַן איז געווען פול פון אימת מות, פון דעם חושך,

---

*) קאָרנילאָוו — דער אָנפירער פון אַ מיליטערישן אויפשטאַנד קעגן קע־רענסקי'ס רעגירונג.

וואָס וויקלט אַרום אַ באַוואוסטזיניקן קרבן, וואָס מען פירט צו דער שחיטה.

און דער ברודיקער המון, פאַר'שכור'ט פון בלוטיקע אינסטינקטן, האָט מיט אַ חיה'שן תענוג געטראָטן מיט די פיס זייער מענטשנס ווערדע, ביז מען האָט די גענעראַלן אַריינגעפּאַקט אין אַ סחורה־וואַגאָן. און אויך דענסטמאַל, ווען דער וואַגאָן האָט זיך שוין גענומען רירן, האָבן זיך דורך די ווילדע פּיפּערייען פון המון דורכגעריסן די שאָסן פון אַ ביקס, וואָס האָט געצילט אין די קעפּ פון די טויט־געפּייניקטע גענעראַלן.

ווען מיר לייענען פון באַגלויבטע עדות, וואָס פאַר אַ וועג פון פּיין און שמערצן עס זיינען דורכגעגאַנגען די נייסטע קרבנות פון דער רע־וואָלוציע פאַר דעם טויט זייערן, — זעען מיר בחוש די טויזנטער, טויזנ־טער געשטאַלטן, אויף וועמען עס איז געזאָגט געוואָרן באַ אונז, אַז זיי פאַרנעמען נאָך אַ נאָנטערן אָרט צו דעם זיו השכינה, ווי די גרעסטע צדיקים.

און גראָד גיבן אונז די דאָזיקע קדושים־געשטאַלטן ניט די מער־טירער פון אַן'אידייע, ניט די קעמפּער פאַר אַ בעסערער מענטשליכער צוקונפט, נאָר די, וואָס זיינען די שוואַכסטע פון די שוואַכע, די, וואָס דאָס רוב פון זיי זיינען אַזוי ווייט פון פּאָליטיק, רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע, ווי אַ קינד אין וויג.

מיר שטייען איצט פאַר'ן קאָרנילאָוו־פּראָצעס, פאַר דעם דאָזיקן פּראָצעס, וואו עס מישט זיך אוים פּראָוואָקאַציע מיט קאָנטר־רעוואָלוציע אַזוי שטאַרק, אַז קיין טייוול קאָן ניט דערגייין דעם ריכטיקן אמת. און, ווי אַ ייד, קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן, אַז נאָכדעם, וואָס די גענע־ראַלן האָבן זיך אָנגעליטן, איז נאָך מעגליך צו געפינען פאַר זיי אַזאַ שטראָף, וואָס זאָל זיין נאָך גרעסער, ווי זייער וועג פון בערדיטשעוו קיין ביכאָוו.

אָקטאָבער 1917.

דער נביא פון דלות.

מיר זיינען געקומען צו דער מדרגה פון יענעם ישיבה־בחור, וואָס גאָכדעם, ווי ער האָט געקויפט אַ פּערטל פּוטער, האָט ער געהאַט דערפון פיר נוצנס. ערשטנס, האָט ער געגעסן ברויט מיט פּוטער; צווייטנס, האָט ער מיט'ן רעשטל פּוטער אויסגעשמירט די שטיוול; דריטנס, האָט ער דורכגעלייענט די באַדרוקטע שמה, און וואָס מען האָט איינגעוויקלט דאָס ביסל פּוטער, און, פערטנס, האָט ער געהאַט אַנ'אָנגעגרייט אשר־יצר־פּאַפּירל.

היינט בייטאָג האָב איך זיך געכאַפּט באַ דער אייגענער ארבעט, וואָס דער ישיבה־בחור. און מיר דוכט זיך, אַז אַזוינע בחורים געפינען זיך איצט אין פּעטראָגראַד אַ סך מער, ווי אַמאָל קלויזניקעס אין ווילנע. מיר זיינען געוואָרן מורא'דיקע איינשפּאָרער, ממש, ווי אַ צעל־ניקערין אויף דער אַמאָליקער ווילנער גאַס. און ווען מען זעט נאָך ניט דאָ קיין מענטשן, וואָס זיצן אויף פּייערטעפּ, איז דאָס מחמת דעם, וואָס, ערשטנס, קאָסט אַ פּייערטאָפּ אַ שלל געלט, און האָלץ אויף קוילן איז אויך ניט אַזוי בנמצא.

עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט זיך דערציילן נסים און נפלאות פון די אַמאָליקע יאָרן, וואָס איז כמעט געווען אַ גן־עדן אויף דער ערד. שטעלט זיך פאָר: עס זיינען געוועזן צייטן, ווען איטליכס דינסטמיידל האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אַ זיידענע בלוזקע אויף שבת. און געגעסן האָט מען אַמאָל וואָס דיין האַרץ געלוסט. אין וואַרשע פלעגן די אָרעמע לייט, וואָס גייען פּרייטיק איבער די קראָמען, זיך באַקלאָגן אָפּט, אַז זיי האָבן נאָך ניט צוזאַמענגעמאַכט אפילו אויף 2 — 3 פונט פיש און אַ פונטל פלייש. און אין קאָוונע האָט זיך אַמאָל בת־שבע די בעטלערקע פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ, אַז די ציגעלעך צוקער, וואָס מען גיט איר פון די קלייטן, מאַכן אפילו ניט אויס קיין צען פונט אַ וואָך. מען וועט זיצן אַמאָל באַ דער קאַלטער הרובע און שמועסן וועגן די וואונדערליכע טעג, ווען מען פלעגט זיך וואַשן מיט זייף, מיט אמת'ע זייף און ניט, ווי היינט, מיט זאַמדיקע וואַסער. אַ זקן אַ געוועזענער קאַראַבעלניק, וועט דערציילן מיט גאווה, אַז חתן־וויייז איז ער געקומען אויף זעעניש צו דער כלה, צו זיין היינטיקער שפּרינצע, אין נייע סקריפּנדיקע שטיוול מיט אַ פּאָר נייע קאַלאָשן, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי אַ שוואַרצער שפּיגל.

און ווען דער שטאָט־מגיד וועט באַשרייבן בפּרוטרוט, ווי מען פלעגט אַמאָל באַ אַ סיום אין קלויז איטליכן געבן אַ גרויסע ווייסע בולקע און די גבאים פלעגן אַנברײינגען הויפנס שבת׳דיקע בוימל־חלות — וועלן די עלטערע אים קוקן אין מויל אַריין, און שפּייעכץ וועט זיך באַ־ווייזן צווישן זייערע קינבאַקן, און די יונגע קינדער וועלן פרעגן: וואָס איז דאָס אַזוינס בוימל־חלה? פורים־צייט וועט מען זיך דערמאָנען אָן די זיסע מענטשעלעך מיט די מאַנעלעך און נאָך אַזוינע אויסטערלישע זאַכן, וואָס יינגלעך פלעגן אָנקויפן אויף משלח־מנות, און פּסח וועט אַנ׳אַלטיטשקע באַבע אַרויסנעמען פון איר קעסטל אַ וועלישן נוס, ווייזן די אייניקלעך, מיט וואָס מען פלעגט זיך אַמאָל שפּילן באַ די פּאַרקאַנס פון די יידישע הויפן. באַגלויבטע מענטשן וועלן אייך מבטיח זיין, אַז סוכות־צייט פלעגט אַמאָל איטליכער בעל־הבית האָבן אַנ׳אתרוג און אַ לולב, און אַ גאַנץ ווינטער פלעגט מען אין טייל הייזער געפינען איינ־געמאַכטס פון געפּרעגלטע אתרוגים. דער חתן פלעגט דער כלה באַ דער חופּה אָנטאָן אַנ׳אמת׳ן גאָלדן פינגערל, און די וועש, וואָס מען פלעגט בייטן אַלע וואָך, פלעגן זיין ניט גרין, געל און גרוי, ווי היינט, נאָר קלאָר ווי שניי.

עס וועלן זיך באַווייזן אין 4־טן, צי אין 7־טן, צי אין 9־טן יאָר פון וועלט־קריג מענטשן, וואָס וועלן שוין אַמישנע אויספאַנטאַזירן אַלערליי ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זאַכן. למשל, אַז פּשוט׳ע מענטשן פלעגן אַלע טאָג פּוצן די שטיוול, אַז טייל שרייבער פלעגן בייטן אַלע טאָג אַ שטאָלפעדער אין הענטל און פלעגן נוצן אַזוינע מאָדנע טייערע ענגלישע פּאַפּירן צו זייערע מאַנוסקריפּטן, אַז יונגע מיידלעך פון אַלערליי שטאַנדן פלעגן אַריינפלעכטן אמת׳ע קאָלירטע זיידענע סטענגעס אין זייערע צעפּ, אַז עס זיינען געווען אַזוינע אויס־בריינגערס וואָס פלעגן צו יום־טובים באַגריסן זייערע עלטערן מיט אַ טעלעגראַם פון אַפילו צוואַנציק ווערטער, אַז מען פלעגט אפשר דריי מאָל אַ טאָג פאָרן מיט אַ איזוואָזטשיק א. אז. וו.

ניט אַלע וועלן זיין אַזוינע נאַרן, וואָס וועלן די דאָזיקע פאַנ־טאַזיאָרן גלויבן אויף׳ן וואָרט. אָבער הערן וועט מען די דאָזיקע ליגנער מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם הענוג, וואָרום איטליכער וועט אין ביינקשאַפט זיך וועלן דערמאָנען אָן די צייטן, ווען דער גן־עדן איז נאָך געווען אויף דער ערד, ווען דאָס גאָלדענע צייטאַלטער איז נאָך געווען אַזוי נאָענט.

דער לאַנגער, לאַנגער וועלט־קריג, וואָס וועט אַמאָל אין דער גע־

שיכטע זיך אָנרופן דער צוואַנציק־, דער דרייסיק־, דער הונדערט־יאָ־ריקער קריג, וועט מאַכן, פאַרשטייט זיך, פון אונזער גאַנצער קולטור אַ תל. מען וועט מן הסתם האָבן אַ פּנים פון אַ מענטשן פון דייטשלאַנד נאָכ'ן דרייסיק־יאָריקן קריג, ווען דאָס געזעץ האָט בפירוש דערלויבט צו נעמען עטליכע ווייבער אויף אַמאָל, כדי עס זאָלן זיך באַווייזן אין גיכן נייע יינגלעך, צוקונפטיקע סאָלדאַטן. אָבער איין אמונה וועט ניט אויסגעראָטן ווערן אין די מענטשליכע פאַרווילדעטע נשמות: דער גלויבן אין אַ גאָלדענעם צייטאַלטער. און דאָס דאָזיקע צייטאַלטער וועט מען שוין ניט אָפּרוקן צו אדם הראשונ'ס צייטן, נאָר צו די טעג פון 1913, ווען פונ'ם ווילנער שולהויף האָט זיך אלול־צייט געריסן דער קיהישער ברום פון אַ פרייעם שופר און נעבן די בתי־מדרשים האָט זיך שוין געהערט אַן אתרוגים־גערוך.

אָקטאָבער 1917.

א געזינדל זאַלבע פינפטע.

חוה די מאַמע, דבורה די טאָכטער, חנא דער זון, שבתי דאָס איי־ניקל און שפרינצע די דינסט — אַלע האַלטן אין איין ספּעקולירן. חוה ספּעקולירט מיט זאַקן, די טאָכטער מיט גאַלאַנטעריי, דער זון מיט מאַנופאַקטור, דאָס אייניקל מיט קאַלאָשן און די דינסט מיט קאַראַ־מעלקעס און באַרמאַנם קאַקאָאַ. אין די איינגע פּאָר חדרים, וואו די דאָזיקע בעזשענצעס האָבן צעלייגט זייער סחורה, איז געפּאַקט ווי אין אַ הערינגפאַס. נעבן די קיפּעס מאַנופאַקטור שטייט אַ קאַסטן מיט זאָקן, צענדליקער קעסטלעך מיט גאַלאַנטעריי, און דעם גערוך פון די גומי־קאַלאָשן זויגט איין דאָס קעסטל מיט קאַקאָאַ, וואָס שטייען אינאיינעם בא דער פּליטע. פון פרי ביז בא נאַכט איז אין שטוב אַ הו־האַ. סוחרים פון אַלערליי מינים לאָזן די טיר ניט צומאַכן אויף אַ רגע, און דער טעלעפאָן הערט ניט אויף צו קלינגען אויף אַ מינוט צייט. און קומט אָן די נאַכט, צעלייגט מען די סעניקעס און קישנס אויף די קאַסטנס סחורה און מען רוט אוים די ביינער אויף עטליכע צענדליק טוץ זאָקן, אָדער אויף אַ פּאָר שטיקלעך וואָלענע סחורה.

פרייטיק צו נאַכט אָבער ווערט שטיל בא חוה, דער מאַמען. עס באַווייזן זיך אויף די קיפּעס אַ פּאָר מעשענע לייכטער מיט די בענטש־ליכט, און פון אונטער דער פערענע ציט מען ארויס אַנ׳אַלטן קרבן־מנחה־סדור. דעמאָלט דוכט זיך אויס, אַז צו חוה׳ן אין שטוב, וואָס איז ווי דער טייך סמבטיון פאַרהאַגלט אַ גאַנצע וואָך מיט שטיינער, איז געקומען דער מלאך גבריאל אינאיינעם מיט די מלאכי־השרת.

דאָס דויערט אָבער נאָר ביז אויף מאָרגן נאָך דער ערשטער סעודה. באַלד פאַרגלוסט זיך דער גאַנצער געזינדל ווידער עפּעס צו טאָן אין עסק. און דעמאָלט הייבט זיך אָן אין געזינדל אַ שמועס ״ניט אום שבת געריערט״. „ניט אום שבת ריידנדיק״ הייבט אָן דער זון האַנדלען בא דער מאַמען די זאָקן; די טאָכטער קריגט אַ גוסט צו מאַנופאַקטור, און דאָס אייניקל מיט דער דינסט הייבן אָן מאַכן אַ חלוף צווישן קאַלאָשן און קאַראַמעלקעס. און דער האַנדל קומט פאַר ווי אַ גאַנצע וואָך, מיט אַלע סוחר׳ישע שטיקלעך: מען שווערט זיך בהן שלי, מען קריגט זיך, מען רייסט זיך און בענטשט זיך אָן מיט עטליכע קללות אויף דער קומענדיקער וואָך. און קומט אָן מוצאי־שבת, מאַכט מען גיך אַפּ הבדלה אויף אַ שוואַרץ לעבל ברויט, און מען לויפט צו די קעסטלעך, וואָס מען האָט צעביטן איינס ביים אַנדערן אויף אַנדערע סחורות. דאָס דאַרף געטון ווערן האַסטיק, וואָרום, ערשטנס, לויפט שוין בא שפּרינצען אויס די מילך אין טעפּל און, צווייטנס, הייבן שוין אָן צו שפּרייזן די יידן פון פּראָווינץ, וואָס זיינען געקומען קיין מאָסקווע כאַפּן מציאות.

ס׳טרעפט זיך אָבער, אַז מען הייבט אָן צו מאַכן אָבלאַוועס אין די הייזער. פון טאָג ביז אין דער טיפער נאַכט גייען ארום די ׳מיליציאָנערן מיט די קאָמיסאַרן איבער די הייזער זוכן ׳פאַרבאַהאַלטענע סחורה. און די מאַמע, דער זון, די טאָכטער, דאָס אייניקל און די דינסט לעבן אין הוילער אימה; ווערט שטיל דער עסק אויך אויף דער פּראָווינץ, ווייל מען לאָזט ניט שיקן קיין סחורה פון מאָסקווע, — און אין דער איינגער בעזשענסקער וואוינונג איז חשך ואפלה. שרייט די מאַמע צו דער טאָכטער: „נעם צו דיינע טראַנטעס פון מיר״, ענטפערט די טאָכטער: „דאַרפסט מורא האָבן מער פאַר דיין זונס מאַנופאַקטור ווי פאַר מיינע גאַלאַנטעריי״. „געוואַלט, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר?״, — שרייט דער זון, — „איך ליג אַזוי אויך שוין אין דער ערד, שיטן זיי מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדן!״. באַרעכנט דאָס אייניקל, צי קען מען אָנטאָן אויף איין פוס צוויי פּאָר קאַלאָשן. ער האָט

אלע גומערן, פון זיבן אָן. פאַסט כסדר שפּרינגען די קאַראַמעלקעס אין פאַרשיידענע פּעקלעך, און פאַרגעסט שוין עטליכע טעג צו קאָכן, ווי געהעריק דעם מיטאָג.

אזוי פאַרגייט א וואָך צייט, דערווייל קומט אָן ראש־השנה, און דאָס גאַנצע געזינדל לויפט אין א מנין אויסגיסן זייער ביטער האַרץ פאַר גאָט און אויסבעטן פאַר זיך א גוט יאָר.

וויינט חוה: „רבונו של עולם, לאָמיר פּטור ווערן פון די זאַכן, איך האַלט שוין דאָס ניט אויס". יאָמערט דער זון: „די מאַנופאַקטור ליגט בא מיר ווי א שטיין אויפן האַרצן. מאַך מיך ניט פאַר קיין אביון, גאָטעניו!" און אַז שפּרינצע גיסט טרערן ווי באָב טראַכט זי: „ווי ביטער עס איז צו האָבן זיסע קאַראַמעלקעס אָן סוחרים".

ווי ס'ווייזט אויס, איז גאָט טאַקע א באַרעמהערציקער, וואָרום נאָך ראש־השנה האָבן זיך באַוויזן קונדן פון דער פּראָווינץ, און צו סוכות איז שוין דאָס געזינדל געזעסן ביים יום־טוב־טיש און האָט פאַרדאַגה'ט געטראַכט מכח נייע סחורות. און די מאַמע חוה זאָגט מיט בטחון און אמונה:

„ס'איז נאָך פאַראַן א יידישער גאָט אויף דער וועלט, פאַראַן!"

ווי דערגייט מען דעם אמת?

„די בעסטע קריגס־צענזור איז גאָרניט קיין צענזור", — אזוי האָט מיר דערקלערט איינער פון די נייע קריגס־גענעראַלן, וועלכער איז געווען נאָך אין 1915 א פּאָרוטשיק און היינט פאַרנעמט ער א גרויסן פּאָסטן בא דעם שטאַב.

דער איצטיקער גענעראַל און דער אַמאָליקער פּאָרוטשיק איז גראָד ניט קיין נאַר. אין די יאָרן 6 — 1905 איז ער געווען א ביסל פאַרמישט אין דער רעוואָלוציע, און חוץ זיינע קריגס־קענטנישן האָט ער נאָך געהאַט די מעגליכקייט עטליכע יאָר צו שטודירן אין אויסלאַנד, וואו מען האָט זיך אויך באַשעפטיגט מיט פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע.

מיט א שמייכל אויף די ליפּן זאָג איך: בא אונז יידן איז פאַראַן א שפּריכוואָרט: דער בעסטער ליגן איז דער אמת. צי מיינט איר מיט אייער אפאָריזם דאָס איינענע?"

„איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען“, — האָט ער געענטפערט „איך מיין גראַד דעם היפך דערפון. צו וואָס איז בכלל דאָ אַ קריגס־צענזור? למען דער פיינט זאָל ניט צופעליקערווייז דערגיין אַזוינס, וואָס ער דאַרף ניט וויסן. עפנט איר אָבער אויף די טיר און טויער פאַר איט־ליכן פּלאַפּלער — וועט שוין דער שונא אין לעבן ניט דערגיין, וואו איז דאָ אַן אמת'ע ווערט און וואו אַ פּוסטע באַרימעריי. אַט נעמט, למשל, היינטיקע צייטונגס־באַריכטן פון אַלערליי קריגס־קאָרעספּאָנדענטן, און איר זעט ממילא, אַז קיין חריף קען דאָ ניט קלוג ווערן. אַלע די פאַלשע און אמת'ע עדות זיינען אַזוי ענליך איינער צום אַנדערן, אַז עס איז אוממעגליך קריגן אַ בילד פון די געשעענישן ערגעץ־וואו אויף די פראָנטן. די איצטיקע צענזור־פרייע פּרעסע אין רוסלאַנד פאַרפּלאָנטערט דעם דייטשן אַזוי, אַז ער וועט בשום אופן ניט קאָנען זיך קלאָר מאַכן דעם מאָ־ראַלישן צושטאַנד פון דער אַרמיי. די באַריכטן פון די פראָנטן גייען איצט פון פאַרשיידענע זייטן. דאָס, וואָס די קאָמיסאַרן פון דער דע־מאָקראַטיע דערציילן אייך, איז זעלטן־ווען דאָס אייגענע, וואָס עס זיי־נען מודיע די פאַרשטייער פון דער אויבערשטער קאָמאַנדע. און ווען איר נעמט נאָך די עדות פון אַ צענטראָ־פלאָט, פון אַן אַרבעטער־ראַט, פון אַ קאָמאַנדע־גענעראַל, פון אַן אַרמייסקן קאָמיטעט און פון אַ קריגס־קאָמיסאַר — ווערט איר אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז איר קאָנט שוין בשום אופן זיך ניט מאַכן קיין שום ריכטיק בילד“.

דער גענעראַל האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט ווייטער גע־נומען אויסגיסן זיין האַרץ.

„אַט נעמט למשל, די מעשה מיט'ן דורכרייס בא ריגע. אונזערע צײַ־טונגען האָבן ברייט און לאַנג דערציילט וועגן אַלץ, וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען. און, סוף כל סוף, זיינען געשטאַנען אַקעגן צוויי עדות: דער קאָמיסאַר וואָיטינסקי און די אויבערשטע קאָמאַנדע, וועלכע האָבן זיך איינע די אַנדערע אָפּגעלייקנט. וואָיטינסקי רייסט זיך אויף די ווענט און שרייט: די אַרמיי האָט העלדיש געקעמפט, און דער אַנדער עדות טענה'ט מיט עקשנות: גאַנצע פּאָלקן האָבן אַוועקגעוואָרפן די כלי־זין און זיך געלאָזן לויפן. היינט, זאָל דער פראַנצויז זיין אַ חכם און וויסן, וואָס עס טוט זיך בא זיינע וואָפן־חברים, ווען איטליכער אויטאָריטעטער עדות זאָגט פּונקט קאַפּויער פון דעם אַנדערן. אָדער נעמט דעם לעצטן נצחון פון די דייטשן אויף די באַלטישע אינזלען. פון איין זייט שרייבט מען מיט פרייד, אַז דער פלאָט איז געווען גאָר אַ צאַצקע, און האָט

מורא'היק געקעמפט, און פון דער אנדערער זייט קומט דער הויפּט־קאָמאַנדיר קערענסקי און זאָגט בפה מלא אין פאַר־פּאַרלאַמענט, אַז די באַריכטן פון דער הויפּט־קאָמאַנדע מאָלן אונז גאָר אַן אַנדער בילד פון דעם פאַרטיידיקונגס־ווילן פון דער אַרמיי אויף די אינזלען."

מיין גענעראַל האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, און אַרײַנגעצויגן טיף דעם רויך פון זײַן גראָבן פּאַפּיראָס.

"מיר האָבן איצט אין דער פּרעסע אַ גאַנצע מחנה פּלאַפּלער. און די אַלע פּלאַפּלער זײַנען אויטאָריטעטן. ניט די פאַרבינדעטע, ניט דער שונא ווייסן ניט, וועמען מען זאָל גיכער גלויבן. דערצו קומט נאָך צו דאָס, וואָס אַלע צענזור־פּרעסע־געריכטן זײַנען געפאַרבט מיט גיפטיקע פאַרבן פון פּאַרטייאישער פּאָליטיק. קיינער זאָגט ניט קיין ליגן, נאָר אַלע אויטאָריטעטן ליגן אַזוי טיף אין נעץ פון זייערע פּאַרטיי־אינטערעסן, אַז זיי זײַנען אַליין בלינד פאַר די טאַט־זאַכן, וואָס קומען פאָר פאַר זייערע אויגן.

קערענסקי שאַצט אָפּ דעם 18־טן יוני, ווען מען האָט גענומען אָנגרײַפן, פאַר דער בעסטער ראיה צו דער גרויסער קאַמפס־פעיִקייט פון די אַרמייען. ער האַלט דעם טאָג פאַר דעם רומרייכסטן אין דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע. דאַקעגן טענה'ט דער אַרבעטער־ראַט, אָן אַן'אונטערשייד פון פּאַרטייען, אַז דער 18־טער יוני איז געווען אַ פאַרברעכן פון דער צייטווײַליקער רעגירונג, אַז דער אָנגריף איז געווען אַ פאַלשע, ניט באַרעכנטע און פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון די, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די אַרמיי און וואָס האָבן זי ממילא געבראַכט צו דער איצטיקער שרעקליכער לאַגע".

— אין די פריערדיקע יאָרן איז מיר אויסגעקומען זיך אַ סך צו באַשעפטיקן מיט פילאָזאָפיע, — האָט ווײַטער גערעדט דער גענעראַל — און איך דערמאָן זיך די לעקציעס פון פּראָפ. צעלער, מכח דער גלייכווירדיקייט פון עדות אין געריכט און אין דער געשיכטע. עס איז אַ באַקאַנטע פּסיכאָלאָגישע טאַטזאַכע, אַז ווען צען מענטשן זעען איינס און דאָס זעלבע, וועלן ביים עדות־זאָגן זיך קוים געפינען צוויי, וואָס וועלן ריכטיק איבערגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן געזען. איר קאָנט דאָס אַלע טאָג אויספּרובירן. זאָל פּלוצלינג (לויט אַן'אָפּמאַך) זיך אויפרייסן די טיר פון אַ צימער, וואו עס געפינען זיך אַ סך מענטשן, און זאָל אַרײַן פּלוצים אַ מענטש, וואָס וועט עמיצן אָננעמען ביים קאָלנער און דערבײַ צעוואַרפן די חפצים, וואָס שטייען אויפ'ן שרײַב־טיש. עס וועט ווערן

א גערויש און א גערודער. דעם פרעמדן מענטשן וועט מען ארויסוואַרפן, און אַלע וועלן זיך ביסלעכווייז בארואיקן. אַט דעמאָלסט גייט צו איט־ליכן פון די צושויער, און בעט אים אָפּגעבן א באריכט וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, — און איר וועט זיך ניט קאָנען אָפּוואונדערן, ווי אַיטליכער עדות וועט דערציילן ניט דאָס, וואָס דער צווייטער. די קערנדלעך פון אמת וועלן צעשווימען אין פאַלשע פאַנטאַסטישע פאָר־שטעלונגען, וואָס נעמען זיך פון דעם פארשיידענעם נערוועזן צושטאַנד, אין וועלכן עס האָבן זיך איינגעפונען די פארשיידענע מענטשן, וואָס האָבן דורכגעלעבט אָקאָרשט אַנ'אָנפאַל פון א פרעמדן מענטשן.

און ווען די עדות בא קליינע געשעהענישן, וואו קיינער איז ניט פאַראינטערעסירט צו זאָגן א ליגן, איז אזוי שווער צו טרויען, טאָ ווי זאָל מען שוין טרויען די עדות פון מענטשן, וואָס זיינען, ערשטנס, פסיכאָלאָגיש, אליין פאַראינטערעסירט צו זען די זאכן אנדערש, צווייטנס, וואָס זיינען פארטיי־מענטשן, דריטנס, ניט קיין ספּעציאַליסטן, פירטנס, — מענטשן, קאָנען פּיזיש נאָר האָבן א קורצע ראיה, פינפטנס, וואָס זיינען אַליין אָפּטמאָל שולדיק אין די פאָרפאַלן, און ניט באַוואוסטזי־ניקערהייט זוכן זיי פון זיך אראָפּצונעמען די שולד און, זעקסטנס, מענטשן, וואָס האָבן אָקאָרשט דורכגעלעבט א לעבנס־געפאַר און א מורא'דיקע קאַטאַסטראָפע.

ווען איר נעמט דאָס אַלץ אין באַטראַכט, מוזט איר מודה זיין, אז די אזוי אָנגערופענע אויטאָריטעטן זיינען מייסטנס די ערגסטע עדות, און אז זייערע קערנדלעך אמת ווערן בטל בששים, ווי א גרויפּ אין א קענדל וואַסער.

דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט מוזן אויסזופּן טויזנטער אַזוינע קעסלען, ביז ער וועט זיך קריטיש קאָנען מאַכן א בילד פון דעם, וואָס איז באמת פאָרגעקומען אין די איצטיקע ווילדע פאַנטאַסטישע טעג. און דערום זאָג איך: די בעסטע קריגס־צענזור איז גאָר ניט קיין צענזור. וואָרום בעסער לאָזן ריידן צענדליקער פאַלשע עדות, איידער איינעם. בא דעם איינעם וועט איר גיכער קריטיש קאָנען אָפּטיילן דעם ליגן פון קערנדל אמת, איידער בא צענדליקער".

און אַלס ראיה צו זיין לעצטן געדאַנק האָט דער גענעראַל גענומען אנאַליזירן ווישנעווסקי'ס באריכט אין צענטראַ־פּלאַט, געדרוקט אין דער אָפיציעלער צייטונג פון ארבעטער־ראַט „איזוועסטיא" פון 11־טן אָק־טאָבער, וואָס עס האָט מיט אזא נחת אונטערגעכאַפּט די גאַנצע קאַ־

דעמישע פרעסע פון "רעטש" ביז דער קאָרנילאָווסקער צייטונג "אָבשטשייע דיעלאָ" פון בורצעוו'ן.

„לייענט מיט קאָפּ", — האָט געשמייכלט דער גענעראַל, — און איר וועט זיך באַלד איבערצייגן, אַז איר האָט דאָ פאַר זיך גיכער אַ קינעמאַטאָגראַפן־דראַמע, איידער אַ קלאָרן באַריכט פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

„שישקאָ שרייט אַ פּאַרוואונדעטער: ראַטעוועט זיך, ווער עס קאָן נים — קומט אום, ווי איך. און ער האָט זיך געשאָסן אין האַרצן. צי לעבט ער, צי נים — איז נים באַוואוסט... גענעראַל מאַרטינאָוו וויינט און וויל נים גיין אין פּלען... מען זאָגט, אַז ער האָט זיך דערשאָסן. דער מאַטראָס סאַוואָנאָרענקאָ אַ האַלב־טויטער זאָגט דעם קאָמיסאַר: „און פונדעסטוועגן האָב איך אָפּגעטאָן מיין פליכט". וואו נאָר אַ מאַטראָס, איז באַ ווישנעווסקי'ן אַ העלד. דאַקעגן די פּעכאָטנע סאָלדאַטן זיינען האָזן, „גייען מיט מוזיק אין פּלען אריין".

איך וויל, חלילה, נים באַהויפּטן, אַז ווישנעווסקי דערציילט אומישנע קינאָ־דראַמעס, נאָר איטליכער פּילט, אַז דאָס דערציילט אַ פּראָפעסאָר, אַ שטאַרק אינטעליגענטער מענטש, וואָס איז אָקאָרשט על פּי נס ניצל געוואָרן פון פּלען און שטייט פאַר אַ מחנה אָפּגעגע מיילער פון צענטראָ־פּלאָט, וואָס ווילן הערן שרעקליכע מעשיות און העלדישקייטן וועגן מאַטראָסן. ווישנעווסקי איז נים שולדיק, אודאי איז דאָ אויך אַ קווינט אמת אין זיינע מעשיות, אָבער בכלל איז זיין באַריכט נים מער ווערט פאַרן היסטאָריקער, ווי דער קאָשמאַרנער חלום פון אַ קראַנקן מח.

אַלס מיליטער־מענטש, ווייס איך, אַז די דאָזיקע מעשות לייענען מיר באַ יעדער מלחמה. איך ווייס אויך, אַז אַ מענטש מיט אַן אָפּגע־ריסענער האַנט, ווי סאַוואָנאָרענקאָ, קלערט זיך נים אויסצופּיינען פאַרן קאָמיסאַר, און אַז ס'רוב געפינט מען געזונט אין פּלען די, וואָס האָבן על פּי עדות זיך טעאַטראַליש געשאָסן אין האַרצן. נאָך עד היום ווייסן מיר נים, צי לעבט איוואַנאָוו, צי איז ער נים וואו עס איז באַ די דייטשן"

— „טאָ ווי דערגייט מען פאַרט דעם אמת?" — האָב איך זיך שוין נים איינגעהאַלטן צו פרעגן.

„דעם אמת פון היינטיקן טאָג וועלן מיר אַזוי גיך נים דערגיין", — האָט אומעטיק געענטפערט דער גענעראַל. „דאָס, וואָס קומט איצט פאָר, וועלן ערשט וויסן אונזערע קינדער און קינדס־קינדער. איך גלויב נים, אַז מיר האָבן פאַרלוירן אונזער גאַנצע ווער־קראַפט, איך גלויב אייך

ניט, אַז עס גלויבן דערין די דייטשן. דער קריג וועט אונז נאָך ווייזן אַפּט אַזוינע פּנים'ער, אויף וואָס מיר האָבן זיך גאָר ניט געריכט. און דערום האַלט איך אונזערע שאַנסן אויף פרידן גאָר ניט פאַר אַזוינע שלעכטע, ווי עס מאָלן אונז די קעגנער פון פרידן. אין דעם חושך פון די פאַר־פלאָנטערטע עדות־זאָגעריי ליגט ניט נור אונזער אומגליק, נאָר אויך אונזער גליק. די דייטשן, וואָס האָבן אַזוי טיף אַנאַליזירט די פאַלשקייט פון אַלערליי עדות־זאָגעריי, וועלן בשום אופן ניט בויען אויף דעם, וואָס עס פּלאַפּלען היינט אַלערליי צייטונגס־שרייבער און מאַטראָסן פון צענטראָ־פלאָט, און וועלן זיך רעכענען מער מיט זייער אייגענער שווערער לאַגע, ווי מיט די פּאַרטיי־ווערטלעך פון אַלערליי אומפּאַראַנטוואָרטליכע עדות, סיי בא דער קאָמאַנדע, ווי בא די דעמאָקראַטישע צענטראַליטעטן".

אָקטאָבער 1917.

א מאָנאָלאָג.

מיין רו־טאָג איז ניט שבת, ניט זונטיק, נאָר מאָנטיק. און הייבן הייבט ער זיך אָן פון זונטיק פאַרנאַכט, ווען עס באַווייזן זיך שוין ניט אויף די גאַסן די זונט־צייטונגען. אין די דאָזיקע 24 שעה הייבט זיך אָן מיין צעקנייטשטשטע נשמה זיך אויסצוגלייכן, און איך הייב אָן פילן עפּעס א תענוג־שבת. א גאַנצן מעת־לעת רוען זיך אָפּ מיין מח און מיין הארץ פון דעם וואָכעדיקן האַרמידער, מיט וועלכן די צייטונגען זיינען פול. שטעלט זיך פאָר דעם תענוג מיינעם, ווען א גאַנצן מעת־לעת הער איך ניט די גילדענע רייד פון פאָר־פּאַרלאַמענט, די געוואַלט־געשרייען פון שטאָט־גאָלאָווא, אַז אָט־אָט שטאַרבט פּעטערבורג אָדער מאָסקווע פאַר הונגער, און אַז אין דעם און דעם ראַיאָן האָט מען אויסגעקוילעט א גאַנצע פאַמיליע, אַז דעם און דעם קאָמיסאַר האָט מען צעבלוטיקט און צעבראָכן עטליכע ריפּן, אַז אין דער און דער בראַנזשע האָבן די אַר־בעטער און קאָנטאָריסטן געמאַכט א שטרייק, אַז אין העלסינגפאָרס קאָסט א רובל 20 קאָפּיקעס און אין פּערסיען 4 מיט א האַלבע, אַז אָדעס איז אַרומגערינגלט אין א נעץ פון פּאָגראָמשטשיקעס, אַז אין קיעוו בעט זיך שטאָט רחמים, אַז מען זאָל אַרויסשיקן קאָזאַקן קעגן די מחנות כוליגאַנעס, וואָס מאַכן אַלע טאָג אָבלאַוועס אין די דומעס און אין די געריכטן א. א. וו. א. א. וו.

ווי אַנ'אמת'ער ייד שבת, לייג איך מאַנטיק אַוועק אַלע מיינע דאגות אָן אַ זייט, עס מיר בהרחבה דאָס פאַרטריקנטע שוואַרצע ברויט, טונק די סקאָרינקעס אין אַ מאכל'דיקן טיי און קוק אַריין אין אַ ספר. איך פאַרגעס זיך בעת מעשה אָן די גאַנצע וועלט, טו זיך אויס אין גאַנצן פון דברים שבעלמא. עס אינטערעסירט מיך אַפילו ניט, צי וועלן די באָלשעוויקעס אַרויס אויף דער גאַס מיט וואָפן, צי וועלן זיי אַרויס באָרוועס און נאַקעט בלויז מיט דער פרידנס־פּאַלמע אין דער האַנט. מאָנטיק דערמאָן איך זיך, אַז אַ חוץ אַלעם בין איך עפּעס אַ ייד, וואָס האָט אַ קליין יינגל און דאַרף אים מחנך זיין לתורה, לעבודה ולמעשים טובים. אַ שאָד נור, וואָס מיין יינגל גייט מאָנטיק אין גימנאַזיע און פאַרשטייט מער ניט די אמת'ע יום־טוב'דיקע הנאָה, ווען מען זיצט צוזאַמען ביים טיש און זינגט זיך מיט גדולה די זמירות.

מאָנטיק פיל איך באַ זיך עפּעס אַ שטיקל נשמה יתירה, אַקוראַט ווי אַ שכור, וואָס האָט זיך איינמאָל אַ מעת לעת ניט איינגע'שכור'ט. אַ גאַנצע וואָך בין איך עפּעס ווי אַ פאַרדולטער. איך ציטער פאַר מיין לעבן, איך ציטער פאַר מיין יינגל, וואָס איז שוין אַזוי אויך אַ גענוגאָנגעשראָקענער. איך ציטער פאַר מיין דינסט, וואָס ניצט זיך מיט אַנ'איבעריקן ברויט־צעטל, און וואָס קען נאָך אָנרייצן אויף מיך די אַרבעטער־ראַטס־אָביעזשציקעס, וואָס זוכן כסדר באַ אָרעמע יידן פאַרבאַהאַלטענע עסנוואַרג (אַזוי שרייבט מען אין די צייטונגען). איך ציטער פאַר מיין דוואָרניק, פאַר מיין שווייצאַר, וואָס איז אפשר אַ פאַרבאַהאַלטענער באָלשעוויק, איך האָב מורא פאַר מיין שאָטן, ווען איך גיי דורך אַ טונקעלע גאַס. פון טאָג ביז באַ נאַכט זינגט אין מיר נור איין פזמון: לית דין ולית דיין.

און די גאַנצע אימה מיינע נעמט זיך ס'רוב דערפון, וואָס איך האָב פרימאָרגנס אַריינגעקערט אין זיך אַ גלעזל צייטונגס־משקה, וואָס איך האָב זיך שוין ניכטערערהייט פאַר'סמ'ט מיט אַ „רעטש“, אַ „ביר־זשאָווקע“, אָדער דאָס גל.

מאָנטיק אָבער שטיי איך אויף אַנ'אויסגעשלאָפענער. איך וויל זיך פאַר'סמ'ען — איז ניטאָ אָבער מיט וואָס. און דעמאָלט פיל איך באַלד, אַז אַ חוץ אַלץ אויף דער וועלט איז נאָך דאָ אַ השגחה פרטית, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און אַז אָן זיין ווילן פאַלט ניט אַפילו אַ האָר פון קאָפּ. עס באַווייזט זיך אין מיין האַרצן אַ שטראָם פון בטחון

און אמונה, און מיט א שמייכעלע אויף די ליפּן הייב איך אָן צו קלערן מכח דעם, אז אַלץ איז הבל, אז אפילו די צייטונגען זיינען הבל הבלים.

ווער איר דאָך פרעגן, ווער נויט אייך א גאַנצע וואָך זיך צו סמ'ען מיט צייטונגען? וועל איך דערויף ענטפערן גאָר פשוט. דער יצר הרע צו א צייטונג איז זייער גרויס, וואָרום אַלע טאָג האָפט מען צו דער־הערן ישועות און נחמות. און אז דו הייבסט שוין אָן צו לייענען, האָט די צייטונג אזא כח, אז דו קאָנסט זיך פון איר ניט אָפּרייסן.

די טעג בין איך געווען בא א דאָקטאָר. מיין מאָגן קאָן שוין ניט פּאַרטיק ווערן מיט דעם שוואַרצן אַלטן ברויט, מיט וואָס איך שפּייז זיך א גאַנצענעם טאָג. זאָגט ער מיר: דאָס איז ניט דער מאָגן, נאָר די נערוון אייערע. און אזוי ווי ער האָט רחמנות אויף מיין געלט, הייסט ער מיר ניט אריין אין אַפּטייק, נאָר אויפהערן א וואָך צייט צו לייענען צייטונגען. „ערשטנס, וועט איר איינשפּאָרן א רעצעפּט, וואָס היינט איז דאָס ניט בנמצא, און צווייטנס, וועלן ביי אייך בלייבן אין קעשענע 20 קאָפּקעס א טאָג".

מיינט איר, אז דער דאָקטאָר איז ניט גערעכט? אודאי איז ער גע־רעכט, נאָר וואו נעמט מען א כח ניט צו לייענען א בלאַט, אז אַלע טאָג האָף איך, אז אָט־אָט האָבן זיך די מלוכות געזעצט צום שלום־טיש.

אָבער מאָנטיק דאַרף איך שוין ניט האָבן קיין אייגענעם כח: לאַנג־לעבן זאָלן די אַרבעטער, וואָס האָבן איינגעפירט ביד רמה זייער זונטיק־רו. וואָרום נור צוליב זיי האָב איך איינמאָל אין וואָך אַנ'אמת'ן שבת־טאָג. נאָר אין פּעטערבורג איז מיין טאָג גראַד מאָנטיק, ניט שבת.

וועט איר דאָך פרעגן: און א יידישע צייטונג לייענט איר ניט? וועל איך דערויף ענטפערן גאָר פשוט: „זשאַרגאָן" לייען איך ניט, און דעם מאָסקווער „העם", וואָס קומט אָן פון פרייטיק מאָנטיק, וועל איך דאָך אויך ניט לייענען צוליב די נייס פון דאָנערשטיק.

אַנ'ענטפער זאסלאַווסקין.

אין לעצטן נומער "אַרבעטערשטימע" (נ' 44) איז אַרויס ד. זאס־לאַווסקי מיט זלזולים קעגן די יידישע „בורזשויען", קעגן די ציוניסטן, דערפאַר, וואָס זיי זיינען אומצופרידן דערפון, וואָס די ערשטע בענק פון דער רוסישער רעוואָלוציע פאַרנעמען יידן. אַנ'עקסטראַ־פּאַרציע זידלווערטער באַקומט דר. פּאַסמאַניק, וואָס האָט אין „יאַלטינסקי גאָלאָס" געפּרובט דערקלערן דעם עולם, אַז דאָס, וואָס אַ דאַן, ליבער, אַ קאַמענעוו, אַ טראָצקי, זיינען די פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז די דאָזיקע לייט זיינען אויך די פאַרטרעטער פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

ד. זאסלאַווסקי באַשיינקט די אומצופרידענע מיט'ן טיטל „פּחדנים". זיי האָבן מורא פאַר פּאָגראָמען, פאַר'ן אַנטיסעמיטיזם פון די מעסיקערע עלעמענטן. „נאָך מער מורא האָבן זיי אָבער פאַר דער רעוואָלוציע, נאָך מער פיינט האָבן זיי די יידישע דעמאָקראַטיע".

פאַר'ן בונדיסט זאסלאַווסקי קומט אויס, איז די מעשה קלאָר, ווי אַ ווייסער טישטוך. מען האָט מורא פאַר פּאָגראָמען, פאַר דער יידישער דעמאָקראַטיע און דערום איז מען קעגן, וואָס יידן רוקן זיך אויף די פאָדערשטע פּאָסטנס פון דער רעוואָלוציע.

פאַר מיר איז דאָס אָבער ניט אַזוי פּשוט. וואָרום, ערשטנס, פאַר וואָס האָט מען דאָס מורא גראָד פאַר די מעסיקערע עלעמענטן, בעת די ערשטע פידל אין לאַנד שפּילן די עקסטע און פיינסטע און איידלסטע דעמאָקראַטן? אדרבא, ווי אַ שוואַך הייפל, און ווי עכטע „בורזשוקעס", דאַרף מען דאָך גיין גראָד מיט די תקיפים, ניט מיט אַ פּשוט'ן ליבעראַל, וואָס האָט איצט קיין שום מאַכט ניט.

צווייטנס, פרעגט זיך, ווען די ציוניסטן זיינען אַזוינע פּחדנים, אַז פאַר וואָס האָבן זיי אין די בעסטע טעג פון דעם נצחון פון דער רוסישער פרייהייט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער פאָדערונג פון ארץ־ישראל, ווען

וועלכער מען האָט געקלונגען אין אַלע גלאָקן, אַז דאָס איז קאָנטר־רעוואָ־לוציע? אויב זיי זיינען אַזוינע פּחדנים, האָבן זיי זיך באַלד געדאַפט וואַר־פן אין די אָרעמס פון די, וואָס זאָגן אונז צו דעם טעלערל פון הימל, און ניט אַרויסרופן דעם חשד פון סעפּאַראַטיזם בא די קאַרנילאָווצעס, ווי בא די אינטערנאַציאָנאַליסטן־סאָציאַליסטן?

דריטנס, פאַרוואָס מיינט ה׳ זאַסלאַווסקי, אַז מיר האָבן פיינט די יידישע דעמאָקראַטיע? צי זיינען די קאַמענעווס, טראָצקיס, האָצס די פאַר־טרעטער פון דער י י ד י ש ע ר דעמאָקראַטיע אין די סאָוועטן? עס איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז ווייניקער פאַר אַלץ ווערן פאַרטראָטן פון זיי די נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. אדרבא, מיר זעען זיי כמעט שטענדיק אין דער אָפּאָזיציע, ווען עס האַנדלט זיך ערגעץ־וואו טיפער צו באַשיצן די אינטערעסן פון דער יידי־שער דעמאָקראַטיע.

פירטנס, פאַרוואָס קוקט ד. זאַסלאַווסקי מיט אַזא גרינגשעצונג אויף די, וואָס האָבן „פּחד“ ניט פאַר זיך, נאָר פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון א פאָלק, וואָס געפינט זיך כסדר אין אַזא אומזיכערער, אומנאָרמאַלער לאַגע? אפשר איז דאָס גראָד ניט פּחדנות, נאָר א פאַראַנטוואָרטונגס־יע־פיל קעגן א גרויסן קאָלעקטיוו, וואָס שטייט אין דער סכנה אַריינצופאַלן אין א חשד, אַז ער איז א נאָנטער מחותן מיט אַלערליי קאַמענעווס, טראָצקי׳ס, נאַכאַמקעס׳עם און א. וו?

הער זאַסלאַווסקי האָט זיך פאַרלייכטערט די אויפגאַבע, אָנשטאָט צו אַ נ אַ ל י ז י ר ן די היסטאָרישע טאַטזאַכע, וואָס כמעט דאָס גאַנצע נאַ־ציאָנאַל־דיינקנדיקע יידנטום באַציט זיך קריטיש צו דעם פאַקט, וואָס די ראשי המדברים פון דער איצטיקער רוסישער רעוואָלוציע זיינען גראָד יידן, האָט ער די פראַגע אַרונטערגעמאַכט מיט א פּוסטן ווערטל „פּחדנים“ און גיך געלויפן לערנען מיט די סאָוועטן בלק, זיך ברעכן פאַר זיי זיין קאָפּ. א נאַציאָנאַל־דיינקנדיקער מענטש בפרט פון א פאָלק, וואָס מאַכט נאָך די ערשטע שריט צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, קאָן בשום אופן ניט זיין א כלי־זמר אויף צוויי חתונות. פאַר מיר האָט די רוסישע רעוואָלו־ציע חוץ דעם גרויסן הומאַנעם ווערט, נאָך א הויפּט־ווערט, — מיין נאַ־ציאָנאַלע באַפרייונג, און ווען איך זע, אַז א ייד מיט זיין אַנאַציאָנאַלער נשמה שפּילט כסדר די ראָל פון א מין פאַרמיטלער ביים פּריץ (מעג דער פּריץ הייסן די רוסישע רעוואָלוציע), ווערט ניט גוט אויפן האַרצן.

איך פרעג אייך, ה׳ זאַסלאַווסקי, אַלס אַנ׳אַלטן בונדיסט, וואו קאָן מען אייך גיכער געפינען, צי אין „דען“, צי אין א יידישער צייטונג? צי בא

די סאָוועטן, צי בא דער יידישער דעמאָקראַטיע? און ניט נאָר אייך, אויך אַלע אייערע חברים, ווער זייט איר? צי ריינע אינטערנאַציאָנאַלע ס.־ד., צי א יידישע ס.־ד. פּאַרטיי, וואָס זוכט כסדר על־פּי המרקסיזם צו פאַר־טיפן די נאַציאָנאַל־סאָציאַל.דעמאָקראַטישע אינטערעסן פון אייער פאָלק?

און אויב ניט, טאָ וואָס וואונדערט איר זיך און זידלט זיך אזוי לייכט־זיניק, ווען מענטשן קוקן מיט אומצופרידנהייט דערויף, וואָס מען פאַרגוואַל־טיקט און פאַלסיפיצירט די מיינונג וועגן די יידישע מאַסן, צוליב איי־ניקע יידישע רעוואָלוציאָנערע נעזער?

ניין, ניט קיין פּחדנות איז עס, נאָר א ווייטאָג. די מיינונג פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרמיטלער ווערט אָנגענומען פאַר דער מיינונג פון דער גאַנצער נאַציע. איר קאָנט דאָך ניט לייקענען, אז מיר האָבן שוין אזא מזל, צו צאָלן שטענדיק חובות, וועלכע מיר האָבן קיינמאָל ניט געבאָרגט. אפילו מ. גאָרקי האָט געטיילט אַמאָל מיט אונז די אייגענע פּחדנות (אין זיין ארטיקל צו העסענ׳ען אין "נאָוואיא זשיזן). און מ. גאָרקי, ווי באַ־קאַנט, איז דאָך כמעט א באָלשעוויק, א מענטש, וואָס גייט נאָך א סך ווייטער אין זיינע פּריוואַטע-פאָדערונגען, ווי דער „בונד".

לסוף מוז איך נאָך באַמערקן ה׳ זאסלאַווסקי׳ן, אז דער פאַקט, וואָס כמעט אונזער גאַנצע יידישע אינטעליגענץ איז זיך צעלויפן צו די סאָוועטן און רעפּובליקאַנישע מיניסטערסטוועס, רופט ארויס אין אונז נאָך א גע־פיל. מען האָט געמאַכט די יידישע דעמאָקראַטישע גאַס נאָך אָרימער, ווי געוועז. ניט נאָר "פּחדנות", נאָר אויך א קנאה רעדט אין אונז, ווען מיר זעען, דאָס פיל טאַלענטירטע מענטשן פאַרלאָזן די פּאָליטיש־אָרעמע נאַ־ציע, אויף צו גיין אַרבעטן בא דער גבירישער, וואו עס איז פאַראַן מער רחבות און אזא ברייט פעלד פאַר אַלערליי אַמביציעס.

א מאָדנע אומה.

„אַ מאָדנע שפּראַך האָבן אייערע רוסן", — האָט זיך געוואונדערט אַמאָל פאַר מיר אַ דייטשער קויפמאַן, זיצנדיק מיט מיר אין איין וואַגאָן. — „אָט נעמט למשל דאָס וואָרט: זאבאר — האָט דאָס אַ סך טייטשן. זאבאָר איז אַ צוים; זאבאָר (סאָבאָר) איז אַ צערקווע; זאַפּאָר (סאַפּיאָר) איז אַ סאָלדאַט באַ די פעסטונגען און זאַפּאָר (זאַפּאָר) איז אַ האַרטער מאָגן".

היינט גייט לערנט זיך אויס אַזאַ ווילדן לשון!

האָב איך דאָך מן הסתם געלאַכט פון דעם דייטש און אים געפּרובט דערקלערן, אַז דער פעלער ליגט אין אים, ניט אין דער שפּראַך.

שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז נעכטן האָב איך געהאַט אַן ענליכן שמועס שוין ניט פון אַ דייטש, נאָר פון אַן אמת'ן רוסישן בירגער.

— „רבונו של עולם, האָט ער גע'טענה'ט — עפּעס אַ מאָדנע פאָלק די רוסן־ זיי זיינען ווי אמת'ע קינדער און מיינען, אַז ווען זיי בייטן די נעמען, בייט זיך ממילא שוין דער גאַנצער ענין; זיי מערקן ניט, אַז וואָס פאַרא נייעם פּאָליטישן אויפטו זיי זאָלן ניט מאַכן, איז דאָס כסדר די אייגענע חכמה, וואָס זיי האָבן שוין פריער אָפּגעטאָן. אָט האָבן מיר אַ ביישפּיל פון דער לעצטער צייט: צוערשט האָט מען צונויפגערופן דעלע־גאַטן און דאָס האָט געהייסן דער מאָסקווער צוזאַמענפאָר; דערנאָך איז זיך צונויפגעקומען דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן און היינט וועלן מיר האָבן דעם אַלרוסישן סאָבאָר. דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די ארב.ראַטן האָט געשאַפן דעם פאָרפאַרלאַמענט; דער סאָבאָר וועט מאַכן אַ פאָר־פאָלקס־פאַרלאַמענט; און ווען דעם פאָר־פאָלקס־פאַרלאַמענט וועט מען אויך אַזוי צעטרייבן, ווי דעם פאָר־פאַרלאַמענט, וועט מען מסתמא צונויפרופן אַן אַלרוסישן וועטשע, (אויפן סמך, וואָס פאַרצייטן איז געווען אַזאַ זאַך אין נאָווגאָראָד), און שפּעטער, אויפן גרונד פון אַלגעמיינע, געהיימע, דירעקטע, גלייכע, מאַנסבילשע און ווייבערשע וואַלן, אַן אַלרו־סישן פאָרקרוג (לויט'ן קאָזאַצקן טערמין). און ווען עס וועלן שוין אויס־

פעלן אַלע ווערטער פאַר דער שפּילעריי פון סאָבאָרן און וועטשעס, — וועט מען גיין באָרגן באַ די ענגלענדער אָדער פראַנצויזן נייע ווערטער דערצו".

איך מוז מודה ומתודה זיין, אַז איך האָב ניט אָן צו באַגרייפן די רוסישע פּאָליטיקער אונזערע, זיי דערמאָנען מיר מאַנכע ספּיריטיסטן, וואָס רוקן טישלעך מיט די אַרויפגעלייגטע הענט און מיינען אַרויסצורופן דורך דעם די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע, און רוקט זיך דער טיש בשום אופן ניט, בייט מען זיך מיט די ערטער און מען זיצט ווייטער מיט די אַרויפגעלייגטע הענט אין געהאַקטע וואונדן ביז עס באַווייזן זיך די גייסטער. די גייסטער זיינען אָבער ס'רוב גרויסע אידיאָטן, וואָס קאָנען גאָרניט דערציילן פון יענער וועלט, און וואָס קלאָגן זיך נאָר כסדר, אַז זייער נשמה בלאָנדזשעט אין אַן'אייביקן חשך, און זיי קאָנען בשום אופן ניט געפינען פאַר זיך קיין מנוחה.

וואָס האָט אויפגעטאָן דאָס טישלעך־רוקן פון מאָסקווער צוזאַמענ־פאָר? ער האָט אַרויסגערופן דעם גייסט פון קאָרנילאָוו'ן און קאַלעדינ'ען, ניט קיין גרעסערע חכמים, ווי די גייסטער פון די ספּיריטיסטן-טישלעך באַ די טעאָסאָפן.

וואָס האָט אויפגעטאָן דער אַלרוסישער לעצטער באָלשעוויסטישער ראַטן־צוזאַמענפאָר? ער האָט אַרויסגערופן די בייזע כת־ליצנים פון די באָלשעוויקעס, וואָס וואַרפן פאַר גלויביקע ספּיריטיסטן טינטערס און פּלע־קער־האָלץ אין די ווענט.

און וואָס וועט אויפטאָן דער סאָבאָר? ער וועט ווייטער אָנשיקן עפּעס אַ באַנדע יענע־וועלטיקע אידיאָטישע גייסטער, וואָס זייענדיק אַליין אין כף־הקלע, וועלן זיי מאַכן פון גאַנצן לאַנד אַן'אָפענעם דול־הויז.

זיך צוקוקנדיק צו דעם, וואָס קומט איצט פאָר פאַר מיינע אויגן, לאַך איך שוין ניט פון דייטש. עס איז טאַקע אַ מאָדנע אומה. וואָס זי זאָל ניט זאָגן: צי זאָבאָר, צי סאָבאָר, צי זאַפּאָר — עס קומט עפּעס אַלץ אַרויס דאָס אייגענע. דער עקסטער סאָציאַליסט רעדט מיט דער שפּראַך פון די גרעסטע פּאָגראָמשטשיקעס; די לאָזונגען פון די גרעסטע פרייהייטן פאַראייניקן זיך מיט די היימישע ווערטער: „בעי זשידקאַ קערענסקאָוואַ"; דאָס געשריי: „מיר ראַטעווען די וועלט פון גרויזאַמעם קאַפּיטאַליזם", פאַראייניקט זיך מיט דער גרעסטער אכזריות צו אַנ'אָרימעם ברודער אַ מיליציאָנער, וואָס שטייט ביים ווינקל פון אַ גאַס.

עס מישט זיך פּשוט אין קאָפּ: אי טויזנט ווערטער האָבן באַ דער אומה איין טייטש, אי איין וואָרט האָט באַ זיי טויזנט טייטשן: סאָציאַ-

ליזם, פּאַגראָמען, וועלטרעטער און תליונים — אַלץ האָט בײַ זיי אײַן טײַטש, און "צוזאַמענפּאַר", וואָס איז אַ חתונה אין אַ פּוסטקע פון אַנ'אַר־מיי מחותנים האָט בײַ זיי טויזנט נעמען: סאַבאַר, וועטשע, קרוג, א. א. וו.

און בײַ די איצטיקע גרויזאַמע טעג איז שוין בעסער פון אַלץ צו זיצן אַ פּאַראָומערטער בײַ זיך אין דערהיים און וואַרטן שווײַגנדיק אויף דעם צופעליקן גאַסט, וואָס וועט זיך אַרײַנרײַסן מיט אַמאָל אין דײַן הויז...

אָקטאָבער 1917.

עס רירט זיך נאָך אַ בליד.

אין די שרעקליכע פּעטערבורגער טעג*), ווען אַ מענשנס לעבן האָט שוין פאַרלוירן איטליכע ווערדע, האָב איך געזען אַזאַ בילד:

עס לויפט אַ מענטש צו אַ טראַמוואַי, וואָס האַלט שוין אין גיין. ער מאַכט אָבער אַ ניט־געניטן שפּרונג און קייקלט זיך אַראָפּ פון טראַמוואַי אין דער קויט פון גאַס. ער פאַלט מיט'ן קאָפּ אויפן ברוק. פון די הענט פליען אויף אַלע זײַטן די פּעקלעך, פון די פיס — די קאַלאָשן און זײַן קאַפּעלוש קייקלט זיך אויך אַרײַן אין די בלאָטע פון רינשטאָק. און באַלד לויפן צו צו אים פון אַלע זײַטן אַלערליי מענטשן. צווישן זיי אויך רויט־גוואַרדייער, מאַטראָסן און סאָלדאַטן. און די דאָזיקע סאָלדאַטן און מאַט־ראָסן, וואָס האָבן נאָך נעכטן מיט אַזאַ ווילדקייט געוואָרפן אין וואַסער אַנ'אומשולדיקער יונגער, הייבן אויף דעם געפאַלענעם, פרעגן האַרציק, צי ער האָט זיך ניט צעשלאָגן, און העלפן אים צונויפזוכן די צעפלויגענע פּעקלעך, טראָגן אים צו דעם קאַפּעלוש און די קאַלאָשן.

דאָס דאָזיקע בילד מאַכט אויף מיר אַ גרויסן אײַנדרוק. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי איז דאָס מעגליך, אַז דער נעכטיקער רוצח זאָל היינט אַרויסווײַזן אַזוינע גוטע מענטשליכע געפילן. איך פאַרשטיי בכלל ניט דעם אינגווייניקסטן געבוי פון מענטשליכן האַרץ, וואָס קאָן אין איין מעת־לעת פאַראייניקן אין זיך סיי אכזריות, און סיי גוטסקייט, סיי די רוצחישע אינסטינקטן פון אַ חיה און סיי דאָס ווייכע מיטגעפיל פון אַ ברודער צו אַ ברודער.

---

*) נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917.

אָדער זאָל מען אָננעמען, אַז דאָס מענטשליך האַרץ האָט זיך זיינע צענדליק קעמערלעך מיט פאַרשלאָסענע טירלעך? אין איין קעמערל וואוינט דער גוטער געפיל, אינם אַנדערן די שנאה, אין יענעם — דער צובונד צו אַ קינד, אין דעם די קנאה און די ווילדע געלוסטקייט צו פרעמדס... אין נייגטן קעמערל — די אַכזריות און די רוצח'ישע געפילן, און אין אַנדערן — די ליבע צו בלומען און צו אַ גרעזל.

עפנט זיך אַ טירל פון איין קעמערל — שפּרינגט אַרויס ווי אַ פּאַנ־טאַן אַ שטראָם פון ווילדע געפילן, און טוט אַ פּראַל אַ צווייט טירל — שפּרינגט אַרויס די ליבשאַפט צו אַ ברודער, צו אַ קינד, אַ שוואַך באַ־שעפעניש, צו אַ מענטשן בכלל.

דער הריי־יאַריקער קריג און דערנאָך די אומגעלומפּערטע רעוואָלוציע האָבן צערואינירט דעם רוסישן מענטשן. זיי האָבן אים אָפּגעריסן פון זיין היים, פון זיין אַרבעט און געוואוינליכע לעבנס־זיטן. זיי האָבן טאָג פאַר טאָג אינטערמינירט זיין נשמה, אָפּרייסנדיק אירע וואָרצלען פון דער היי־מישער ערד, איטליכער שאָס האָט צעקלאַפּט עפּעס אַ טירל פון אַ קעמערל אין האַרצן, וואו עס האָט באַהאַלטענערהייט געשלאָפן צי אַ גוטער צי אַ שלעכטער געפיל.

האָט אָבער דאָס מענטשליכע האַרץ נאָך אַזוי פיל קעמערלעך, אַז אויך דער קריג און די רעוואָלוציע האָבן ניט געקאָנט צעקלאַפּן אַלע זייערע טירלעך.

מען האָט דאָס מענטשליך האַרץ פאַרגליכן מיט אַ גרויסן קריגס־שיף, וואָס איז אויך געטיילט הינטער דעם אייזערנעם פּאַנצער אין צענדליקער קעמערלעך, איטליכעס מיט אַ פּאַנצער־טירל באַזונדער, און רייסט אויף אַ באָמבע איין טייל פון שיף, ווערט נאָך דער אַנדערער טייל ניט פאַר־טרונקען. וואָרום דאָס אָנגעפּאַנצערט קעמערל לאָזט נאָך דעם וואַסער ניט צו צו זיך.

דאָס איינענע איז אויך מיט'ן מאַטראָס און רויט־גוואַרדייער, וועלכער האָט שוין אַ צעשאָסן האַרץ, אָבער אין זיין האַרצן זיינען נאָך פאַראַן ערטער, וואוהין דער סם איז נאָך ניט אַריינגעדרונגען, וואָס איז נאָך ניט פאַרטרונקען געוואָרן פון די שנאה־ און נקמה־געפילן צו דעם בורזשוי און צו דעם, וואָס טראָגט נאָך גאַנצע קאַלאָשן אויף די פיס.

ובכן, קאָן מען דעם איצטיקן באָלשעוויק און צעווילדעוועטן סאָל־דאַט פאַרגלייכן מיט אַ צעשאָסן שיף, וואָס ליגט שוין כמעט דריי פערטל אַ פאַרטרונקענע אין זומפּ פון אַ טייך און האָט פּאַרט נאָך עטליכע קעמער־

לעך אין הארצן, וואָס דער דריי־יאָריקער קריג האָט נאָך ניט אנינאַנצן צעשאָסן. און דערום איז נאָך מעגליך צו באַגרייפן, ווי דער נעבעכיקער תלין קאָן נאָך ארויסווייזן זיין מיטלייד צו א מענטשן, וואָס איז אראָפּ־געפאלן פון א טראַמוויי.

עס רירט זיך נאָך א גליד אין דער צעשאָסענער נשמה פון סאָלדאַט. עס שלאָגט נאָך אַנ׳אַדער. אין דער צעריסענער נשמה איז נאָך פאראַן א פונק, וואָס איז נאָך ניט אויסגעלאָשן.

דער רויט־גוואַרדייער, וואָס האָט געהאָלפן דעם, וואָס איז אראָפּ־געפאַלן פון טראַמוויי, האָט ניט געשפּילט קיין קאָמעדיע פון רחמנות. ער האָט דאָס געמיינט באמת. אויך לונאַטשארסקי, דער בילדונגס־מיניסטער פון די באָלשעוויקעס שפּילט ניט קיין קאָמעדיע, ווען ער שרייט געוואַלט, וואָס מען האָט באָמבאַרדירט דעם קרעמל, דעם גרעסטן היסטאָרישן קונסט־דענקמאָל פון דער רוסישער נאַציע. אויך ער גייט אַרום מיט א צעשאָסן הארץ, וואָס קוקט מיט א קאַלטער אכזריות דערויף, וואָס עס טוט זיך אויף די גאַסן צוליב אים און זיינע פיינע חברים. אויך בא אים זיינען שוין אלע הארצנס־טירלעך מינירט. עס איז נאָך אָבער געבליבן בא אים איין טירל, יענס, וואָס באַשיצט זיין הארצנס־קעמערל פאַר קונסט און היסטאָרישע דענקמעלער. און ווי באַלד זיינע חברים האָבן אָנגעקלאַפּט אין דאָס דאָזיקע טירל — האָט ער געמאַכט א געוואַלט, און גענומען שרייען, אז ער קאָן מער ניט גיין מיט לעניניען און טראָצקי׳ן.

פאַר אונז, די זייטיקע, בא וועמען דאָס הארץ איז ניט אזוי צע־שאָסן, איז א ביסל קאָמיש און פּריקרע צו זען א לונאַטשארסקי אין דער ראָליע פון א קונסט־קדוש. פּונקט אזוי פּריקרע, ווען בא ניקאָלאַי׳ס צייטן פלעגן מיר זען א זשאַנדאַרם און א שפּיאָן וויינען. אָבער דאָס מענטשליכע הארץ איז אזוי געבויט, אז אויך א זשאַנדאַרם ווייגט אמאָל מיט אמת׳ע טרערן, און אויך א לונאַטשארסקי קאָן שוין ניט זען, ווען מען צעשטערט די גרעסטע היסטאָרישע ערינערונג פון רוסלאַנד.

עס רירט זיך נאָך א גליד, און כל זמן דאָס גאַנצע הארץ איז נאָך ניט צעשאָסן, כל זמן דאָס שיף איז נאָך ניט אינגאַנצן פארטרונקען — טאָר מען זיך ניט מיאש זיין. זאָל נאָר וואָס גיכער קומען א סוף פון וועלט־קריג! זאָלן מיר נאָך כאָטש אַרויס מיט עטליכע גאַנצע הארצנס־קעמער־לעך, וואָס זיינען נאָך ניט פארטרונקען געוואָרן פון דער מלחמה און ־ער רעוואָלוציאָנערער אנאַרכיע!

נאָוועמבער 1917.

ווי גוט עס איז צו זייך א ייד.

(אביסל פאנטאזיע, אביסל אמת).

זונטיק האבן זיך באוויזן איילן-לאנגע פלאקאטן, אז אין רוסלאנד איז צוגעקומען א נייע רעפובליק. דער ראיאן פון וואסיליעווער אינזל האט זיך דערקלערט פאר א רעפובליק, וואס נעמט אויף זיך „די גאנצע פולע קייט פון דער רעגירנדיקער מאכט". דעם פרעזידענט פון דער רעפובליק האט מען נאך ניט אויסגעוויילט, נאר מענטשן, וואס זיינען גוט באקאנט מיט דער פאליטיק פון דער נייער רעפובליק, האבן מיר געזאגט, אז די גרעסטע שאנסן אויף דער שטעלע האט דער דווארניק פונ'ם הויז, וואו איך וואוין איצט.

זעט איר, דאס האט שוין מיר פארדראסן. ווארום צו דער אנארכיע ארום בין איך שוין צוגעוואוינט. איך בין אפילו ניט נתפעל געווארן, וואס ניט לאנג גהאט מען א גאנצע נאכט געראבעוועט א וויין-קעלער אינ'ם הויז, וואו איך וואוין. איך האב זיך שוין אפילו ניט געשראקן, וואס נאכדעם, ווי מען האט זיך „פא ראסיסקי" אנגע'שכור'ט, האט מען אנגעהייבן צו שיסן אין דער לייננג און אין דער ברייט. איך האב נאר אויף א וו ילע פארשטאפט די אויערן מיט וואטע.

אבער צעשיידן זיך מיט'ן דווארניק, וואס טראגט מיר האלץ פאר די אייוונס, האט זיך מיר שטארק ניט געוואלט.

א מענטשליכע נשמה איז א מאדנע זאך. זייער אפט ארט אויך ניט די גרעסטע צרה. און דערביי קאן אונז א קליינקייט ארויסברייננגען פון די כלים. און ווי עס זאל ניט זיין קאמיש, מוז איך זיך מודה זיין, אז די מעשה פון מיין דווארניק, וואס דארף אינגיכן אזוי עולה לגדולה זיין, האט מיך שטארק צערודערט.

האב איך גענומען קלערן, ווי מאכט מען דעם דווארניק אוים פרעזידענט. און איך האב טאקע געהאט מזל. עס האט זיך איינגעגעבן אזא פיאן: צו פאראייניקן דעם ראיאן פון דער פעטראגראדער זייט מיט דעם וואסילעווער אינזל. מיין פלאן איז געווען אזוי פשוט. אז אין סמאלני*) האט

*) שטאב-קווארטיר פון דער ערשטער ראטן-רעגירונג. פאר דער רעוואלוציע איז אין דעם הויז געווען א דערציאונגס-אנשטאלט פון מיידלעך פון אריסטאקראטישע משפחות.

מען זיך פאַר אים באַלד אָנגעכאַפּט. אין דעם צימער פון דער „קלאַסנער־דאַמע“, וואו עס קעניגט לענין און טראָצקי, האָב איך געמאַכט אַזאַ פאָר־שלאָג: היות, ווי די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דאַרף זיין אינגאַנצן אַ באָלשע־וויסטישע, און היות, ווי די דערמאָנטע ראַיאָנען האָבן געגעבן אַ דערלפּט שטימען און די אַנדערע פּאַרטייען — אַ פּייג, — דערום שלאָג איך פאָר, אַז אַלע באָלשעוויסטישע ראַיאָנען פון פּעטערבורג זאָלן זיך דערקלערן פאַר רעפּובליקן, תיכף ומיד מאַכן אַ פעדעראַציע, און טאַקע שוין אייך אַנ'אָרט עפענען די ראַיאָנע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף מאַכן אַ סוף מיט'ן קריג, מיט די פּאָמעשטשיקעס, מיט די קאַדעטן, מיט די צייּ־טונגען, וואָס האָבן די העזה צו דרוקן אַנאָנסן. דערביי האָב איך נאָך מוסיף געווען, אַז פאַר אַ פּרעזידענט דאַרף מען אויסקלייבן אַזאַ מענטשן, וואָס טראָגט ניט קיין האַלדז פאַר די קוואַרטיראַנטן, ווייל דאָס קאָן אַבּאַל מאַכן אַ פּירוד־לבבות באַ די טרייע באָלשעוויסטישע איינוואוינער פון די דערמאָנטע ראַיאָנען.

מיין פאָרשלאָג האָט מען אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם. לענין האָט באַלד דערקענט נאָך מיין פּנים, אַז איך בין אַ ייד, און דאָס האָט געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג. וואָרום אין סמאָלני ווייסט מען שוין, אַז וואו נור אַ גוטער געדאַנק, אַ גוטער איינפאַל, שטאַמט עס דווקא פון אַ יידן. שוין דאָס, וואָס דער פאָרשלאָג נעמט זיך פון אַ יידנס מויל, איז גענוג געווען, אַז מען זאָל אים אָננעמען, ניט נאָר בכלל, נאָר אויך אין פּרט, וועגן דוואָרניקעס, וואָס טראָגן האַלדז פאַר קוואַרטיראַנטן.

און היינט זעט מען שוין טאַקע ניט די פּלאַקאַטן פון וואַסיליעווער אינזל רעפּובליק. תּמ'עוואַטע מענטשן מיינען, אַז עס איז שוין באַ אונז אוים רעפּובליק. אַ טעות. אין דער אמת'ן אַרבעט מען יעצט אין סמאָלני אוים מיין פּראָיעקט — און אין עטליכע טעג אַרום וועט איר שוין הערן פון עטליכע רעפּובליקן מיט אַמאָל, וואָס וועלן צונלייך אַרויסטרעטן אַלס פעדעראַציע.

אגב, מוז איך אייך דערציילן, אַז אין סמאָלני האָט מען מיך גאַנץ פיין אויפגענומען. איך האָב דאָרטן געטראָפן אַ סך באַקאַנטע. פון בערנער קאַפע בורנבערג, פון דער מיר'ער ישיבה, און פון די, וועגן וועלכע מען האָט נאָך אַ מאָל געבאַלבעט, אַז זיי זיינען מחותנים מיט... נאָר וועגן דעם אַנ'אַנדער מאָל.

נאָוועמבער 1917.

תרח׳ס אייניקל.

פון אלע פעטערס האָט מיין חבר נאָר געהאלטן פון רויטן פעטער. די שווארצע פעטערס, די קאַשטאַנאָווע און די געלע, די גרוי־בערדיקע האָט ער ניט אנערקענט פאר אייגענע מענטשן. ער פלעגט זאָגן: דער געלער איז אַ רמאי, דער גרוי-בערדיקער איז צבוע׳יאַק, דער שווארצער איז גלאַט אַ טפש, און דער קאַשטאַנאָווער איז גאָר אַן אַנדער בריאה, אַ יאַ־דערדיקער, אַ לעבעדיקער, ניט אַהין און ניט אַהער. דער רויטער איז אָבער אַ פייערדיקער. אפילו, ווען ער ניסט איז אַ מחיה אים צו הערן, און ווען ער גייט אַריין אין שטוב, איז ווי אַ פלאַם פייער אַריין צו אייך. און מיין חבר, זאָלט איר וויסן זיין, האָט בכלל ליב געהאַט פלאַמען. שוין פון קינד־ווייז אָן פלעגט ער ניט אויסלאָזן אַ „פּאָזשאַר" אין שטעטל, און בחור־ווייז איז ער שוין געוואָרן עפּעס אַ מין באַהעלפער בײַ אונזער שטאָט-בראַנדמייסטער, און מען פלעגט אים אָפט זען אין אַ מעשענעם היטל, הינטן אויף דעם לאַנגן „פּאָזשאַרנעם" וואָגן. שפּעטער איז מיין חבר געוואָרן אַ סטודענט, אַ סאָציאַליסט, אַ ס.־ר., אַ לינקער ס.־ר. און סוף כל סוף אַ קאָמיסאַר, און ער איז פאַרפאַלן געוואָרן פון מיינע אויגן.

די טעג קומט אַריין צו מיר אַ מענטש, האַלב אַ נאַקעטער, ציטערנדיק פון קעלט אין אַלע אברים און — איך דערקען אין אים מיין אַמאָליקן חבר. ערגעץ אין אַ געסל נעבן פאנטאנקע האָט מען אים זיך געהייסן אויסטאָן. און אַזוי ווי מיין וואוינונג איז געווען די נאָנטסטע, — איז ער געקומען צו מיר זיך אָנוואַרימען. האָב איך אָבער אַ טבע בײַ איטליכער קליינינקייט אויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער, און אויך איצט האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן אינגאַנצן...

מיין חבר אָבער, שוין אַ דערוואַרימטער, מיט אַ כאַלאַט אויף די פּלייצעס, האָט זיך ניט געפונען שטאַרק באַליידיקט. און זיצנדיק מיט מיר בײַ אַ גלאָז טיי, האָט ער מיר מיט אַ שטילן שמאָלץ דערקלערט, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס אָפּצולאַכן פון אים.

— ווען איך באַטראַכט דעם וועג פון מיין דורכגעגאַנגענעם לעבן, — האָט ער געזאָגט — בין איך, בײַ גאָט, ניט שטאַרק אומצופרידן מיט זיך. כסדר האָט מיך געצויגן צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ יוצא מן הכלל, און וואָס האָט אַ פּנים פון בראַנד-פייער. פון אַלע מיינע קרובים האָב איך שוין אַלס קינד ליב געהאַט נאָר מיין רויטן פעטער און ווי נאָר אַ פּאָר יאָלדן

פלענן זיך צעסקאנדאלעווען, פלעג איך שוין זיין אין מיטן. פון קיין זאך האָב איך ניט געהאַט אזא הנאה, ווי פון א שׂרפה אין שטעטל; און שפּע־טער, אז מען האָט אריבערגעפירט צו אונז א פּולווער־מאַגאַזין, פלעגט מיר זיך שטענדיק חלומ'ען, אז אָט־אָט וואַרפט עמיצער אריין א שוועבעלע אהין. אלס סטודענט אין מאָסקווע פלעג איך זיך באַטייליקן אין אלע כע־מישע אָבסטרוקציעס, און בא א לויה, וואו מען פלעגט ניט צולאָזן קיין רעדעס און קיין קרענץ, פלעג איך זיין דער„ וואָס פלעגט אין מיטן עולם א פלאַטער טאָן ביים קבר מיט א צונופגעוויקעלטער רויטער פאָן. אפילו אין פאַריז, אלס עמיגראַנט, פלעג איך געפינען פאַר זיך ארבעט. בעת מען פלעגט זינגען זינגען אויף א רוסישן באַל רעוואָלוציאָנערע לידער, פלעגט מיין קול שטענדיק פאַרטויבן די טרומייטן און די פּויקן פון אָרקעסטער. און מיין גראָבע דובינקע אין האַנד, אָנשטאָט שטעקן, פלעגט דערשרעקן אלע פאַריזשאַנקעס אין לוקסעמבורג־גאָרטן. איצט, אז איך האָב דערלעבט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, קאָן איך זאָגן, אז איך האָב דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון מיין רצון און מיינע אינסטינקטן. דו האָסט א טעות, חבר, ווען דו מעסט מיך מיט דעם מאָסשטאַב פון א פּאָליטיקער, אָדער פון א יידישן בחור, וואָס ארבעט אין דער רעוואָלוציע. אין דער אמת'ן בין איך א געצנדינער און מיין גאָט איז — דאָס פייער. איך בין ניט אברהם אָבינו'ס א קינד, נאָר תרח'ס א יורש פון די בבלים אין האמוראַ־בי'ס (אמרפל) צייטן, ווען אלע זיינען געווען זונען־געצן־דינער, און זייער גאָט איז געווען דער מורדך (מורדאַך). קינדווייז פלעג איך לויפן אויף שׂרפות און היינט בין איך א מחותּן אויף דער שׂרפה פון דער גרויסער רוסישער רעוואָליציע, אויף דעם גרויסן בראַנד, וואָס נעמט ארום די גאַנ־צע וועלט.

— דו מיינסט, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — איך עס זיך שטאַרק אָפּ דאָס האַרץ, וואָס מען האָט מיר אויסגעטאָן נעבן פּאַנטאַנקע? חלילה! ווער עס שפּילט זיך כסדר מיט פייער, מוז זיך אמאָל אָפּסמאַליענען, און לאַנג לעבן זאָלן אלערליי שׂרפות און פּולווער־פעסער.

מיין חבר דער געצנדינער האָט נאָך לאַנג געשמועסט מיט מיר, און בעת מעשׂה האָב איך מיך דערמאָנט, אָנ'אָנעקדאָט, מען דערציילט, ווי די יידן פון א פּוילישן שטעטל האָט זיך איינגעגעבן, אז דער פּריץ זאָל איינמאָל אָפּשמייסן דעם יידישן מוסר פון שטעטל. הערנדיק הינטערן פּריץ'ס הויף די געשרייען פון מוסר — פאַרובקעס האָבן „געשניטן" פון אים פּאַסן — האָבן די יידן מיט אומגעדולד געוואַרט ער וועט ארויס פון הויף מיט אנ'אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און באלד איז טאַקע דער געשמיסענער ארויס. אָבער אָנשטאָט צו האַלטן דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזן, האָט ער זיינע

יידעלעך באנגנגט שטארק געהייבן מיט די ווערטער: "סוף כל סוף האט מען פארט געשמיסן א יידן".

אזוי איז אויך מיין חבר: סוף כל סוף האט מען פארט עמיצן אויס־געטאן נאקעט, כאטש אים אליין...

נאוועמבער 1917.

די דעקלאראציע.

(פונ'ם טאג־בוך פון א ציוניסט.)

דער ערשטער טאג.

אין דער איינזאמקייט פון מיין פערזענליכן לעבן, אין דער גרויסער איינזאמקייט פון מיין יידישן לעבן, אין דער געוואלטיקער איינזאמקייט פון מיין נאציאנאלן לעבן, וואס זעט ניט קיין קלארע צוקונפט פאר זיך — האט זיך אריינגעריסן די בשורה פון דער ענגלישער דעקלאראציע.

דער איינדרוק איז געווען שטארק, צו שטארק, אז איך זאל זיך קאנען אין דער ערשטער מינוט אפגעבן א חשבון פון דעם אומפאראהאפטן גליק, וואס איז אריינגעפאלן אין מיין שוים.

אין מיינע אויערן האט געקלונגען דער הויפט־גלאק פון דער דעקלא־ראציע און אינאיינעם מיט אים — די ביי־גלעקלעך, וואו עס האבן זיך אויסגעמישט די נעמען נ. סאקאלאוו, ח. ווייצמאן, דער פויבסט, באראן ראטשילד, ב. גאלדבערג און אנדערע. אלע די שטילע, ביז איצט פארבא־האלטענע גלעקער, וואס האבן ניט אויפגעהערט אויסצוניצן די ערד, וואס דער וועלט־קריג האט אזוי גרויזאם צעראקערט.

20 יאר נאך דער ריי האבן מיר געווארפן זוימען, נאר די זוימען זיי־נען געפאלן אויף א הארטן באדן סיי בא אונז אין דער היים, סיי בא זיי, בא די רעגירנדע פעלקער. אין די 20 יאר האט זיך אפשר איינגעגעבן אפ־צעווייכן א ביסל די אייגענע פארשטיינערטע נאציאנאלע הערצער, — ווייט איז אבער נאך געווען דער טאג, ווען אויך בא די פעלקער־פירסטן פון איירא פא און אמעריקע זאל אנ'הייבן קלאפן אנ'אדער פאר אונזער פארשטיקטן טויזנט־יאריקן פארלאנג.

איז אבער געקומען דער וועלט־קריג, איז אבער געקומען דער יום־הדין אויף דער וועלט, ווען פעלקער און הויך־ און טיף־דיינקנדיקע מענטשן

באקומען נייע געדאנקען, א נייעם געווויסן, א נייע השגה פאר אלץ, וואס איז נאך ביז נעכטן געווען דער חלום פון אנ'איינזאמעם פאעט, און אט לינט פאר מיינע אויגן די דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג, וואס עס איז איצט דער מארך און דאס בלוט פון דעם וועלט־פאליטישן געדאנק.

איך לייען די דעקלאראציע איינמאל, צען מאל, הונדערט מאל. איך דרינג אריין אין איטליכן ווארט. אין מיטן פון מיין אונמיטלבארער פרייד שפארן זיך דורך מיינע אלטע יידישע געוואוינהייטן פון סקעפסיס, קליינ־מוטיקע ספקות און די קאלטבלוטיקייט פון א געפרובטן און אנ'אייביק געשטראפטן, וואס נעמט ניט אן אזוי פשוט דאס גליק, ווי קינדער פון דער זון.

„זיין מאיעסטעט דריקט אויס איר וואלוואלנדיקע באציאונג צו דעם, אז עס זאל געשאפן ווערן א נאציאנאלער צענטר אין פאלעסטינע פאר דעם יידישן פאלק".

צי נארט מיר ניט אפ מיין ראיה? צי פינטלט מיר ניט אין די אויגן? צי זעט באמת אט אזוי אויס דער פארלאנג, דער פאלקס־חלום פון צענדליקער דורות, ווען ער באקומט דעם געדיכטן גוף פון א ממשותדיקער זאך?

„א נאציאנאלער צענטר", — גאטעניו! — דאס איז דער הויפט־קארן פון אלע אונזערע ווינשן, אין דעם דאזיקן ווארט צעשמעלצן דאך אלע אונזערע פראגן, ווי צינבליי אין דעם פייער פון איין איינציקן לעבעדיקן טאג. עס קומט דאך איצט פאר בא אונז אזא שנוי, ווי מען וואלט דאס גאנצע יידישע פאלק, וואס האט א י י ב י ק ג ע ה א ל ט ן וו א ג מיט א שטאנג אין דער האנד, באלאנסירנדיק איבער א שמאלער פארפוילטער קלאדקע — פלוצים געגעבן א ביינקל אונטער די פיס.

ווי אומגעלומפערט נאריש זיינען געווען אלע אונזערע דרשות מכח דעם, אז דער ציוניזם האט די לעצטע צוואנציק יאר אויסגעגלייכט אונזער רוקן. צי הייסט דען דאס גלייך גיין, ווען מען באלאנסירט מיט א שטעקן און א שירם, ווי אנ'אייביקער קלאון איבער דעם שמאלן שטעגל פון א שטריק? צי איז דען דער ציוניזם געווען מער פאר אונז אין תוך אריין, ווי א פארפולקומענטער באלאנסיר־שטאנג?

צי קען בכלל עמיצער האבן אנ'אויסגעגלייכטן רוקן, ווען ער האט ניט קיין ברעט אונטער די פיס, ווען ער האט ניט קיין נאציאנאלן צענטר?

אבער פונ'ם טאג אן, ווען די ענגלישע דעקלאראציע וועט ווערן ביים פרידנס־טיש די דעקלאראציע פון אלע פעלקער, וועלן מיר א שליידער טאן פאר זיך דעם שטעקן פון קונצנמאכער. פון דעמאלט אן וועט שוין פארשווינדן דער נאמען ציוניזם, חבת ציון און ציוניסט, ווי עפעס אנ'אלטער מלבוש, וואס מען פארבאהאלט אים אין א מוזעאום, א זכר לדורות.

ברידער, צי קאָנט איר מיטפּילן די פרייד, ווען מיר ציוניסטן וועלן בפה מלא קאָנען זאָגן: מיר האָבן שוין גאָט צו דאַנקען איבערוואונדן דעם ציוניזם? מיר זיינען שוין ניט דער דור המדבר, וואָס בויט זיך אַ משכן פון האָלץ און ברעטער, וואָס וויקלט טאָג-טעגליך צונויף זיינע געצעלטן אויף צו גיין בלאָנדזשען ווייטער, אויף צו זוכן אַלע טאָג אַ נייעם ברונעם פאַר די דורשטיקע, ווייל דער אַלטער איז שוין געוואָרן אויסגעטריקנט, און אַ נס מן השמים, ווי דער מן און דער שלו, פאַר די הונגעריקע, ווייל מיר טרעטן אויף דעם הייסן זאמד פון אַנ׳אייביק אומפּרוכטבאַרן באָדן.

ווי בלאַס און צעשוואומען זעען אויס אין קלאָרן ליכט פון טאָג אַלע די ווערטלעך און פּאַרטיי-געשרייען מכח אַנ׳אחד-העמיזם, פּאָליטישן ציוניזם, העברעאיזם, יידישיזם און דאָס גל.? וואָס איז דאָס פאַר אַנ׳אָרימער באַגאַזש דער מרכז רוחני, ווען מיר טראָגן מיט זיך דעם ממשות׳דיקן לעבעדיקן נאַציאָנאַלן צענטר! ווי קליין און ווי נישטיק איז איצט פאַר אונז דער גאַנצער שפּראַך-קאַמף, וואָס ווערט געפירט אָן דעם הויפּט בעל-הבית — דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַטן-יידנטום. — ווען מיר זעען שוין פאַראויס, אַז אין פינף, צען יאָר אַרום וועט אים אַנטשיידן דער פאָלקספּאַרלאַמענט פון אַ יידישער רעפּובליק אין ירושלים? וואָס פאַר אַ גרינגשעציקן שמייכל עס רופן איצט בא אונז אַרויס די נעכטיקע פּאָליטישע מחלוקת׳ן בא דער פּאַרקאָנפערענץ פון דעם אַלרוסישן יידישן צוזאַמענפאָר מכח דעם, צי דאַרף מען אַריינגעמען אין פּראָגראַם פּאַלעסטינע עקסטראַ, אָדער די ארץ-ישראל פראַגע צונויפצוגיסן מיט די פראַגן פון די יידן אין מאַראָקאָ און פּערסיען און רומעניען!

אָט דאָס איז שוין דער כח פון טאָג, בא זיין קלאָרן שיין צעשווימען די סילועטן פון דער נאַכט, און דאָס וואָס האָט אַזוי מורא׳דיק געשראָקן, ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ גאָרניט.

דער לעבעדיקער צענטר.

„אַ נאַציאָנאַלער צענטר"... די וואָס זיינען ביז איצט געוועזן טויב און בלינד, וועלן ווערן מיט אַמאָל זעענדיק און צווישן די עולי-גולה וועלן מיר דערקענען אַזוינע באַגייסטערטע געשטאַלטן, וואָס האָבן נאָך נעכטן אונז גערודפ׳ט עד חרמה אין זייער בלינדן פאַנאַטיזם, אין זייער טויבערהאַרצנס-שטומקייט. מיר דאַרפן שוין ניט די טריבונע פון באַזעלער קאָנגרעסן און מינסקער צוזאַמענפאָרן, אַז אונזער רוף צו אַ יידישן נאַציאָ-

נאָלן לעבן זאָל געפינען דעם נויטיקן אָפּקלאַנג. מיר זיינען שוין ניט די שרייער אין דעם מדבר, מיר זיינען שוין אויך ניט דאָס הייפל מענטשן, וואָס האָבן נאָר נ ע נ ל ו י ב ט און געטייטלט כסדר מיט די פינגער: זעט, עס ברענט נאָך ערגיץ א ליכט, וואָס צייכנט אונז אָן א וועג. פאַר אונז, וואָס מיר לייגן אַוועק מיט שטאָלץ דעם אָפּגעלעבטן נאָמען „ציוניסט“ אין ארכיוו, אגיטירט איצט א ברייט זוניק לאַנד מיט א בלויעם אָפענעם הימל, א הר הלבנון און א כרמל און די הויכע צעדערן, אין וועמענס שאָטן עס האָט נאָך געשטילט אמאָל זיין פייערדיק האַרץ א ישעיהו און א נחמיהו.

די יידישע נאַציאָנאַלע פאָן, וואָס וועט הייגגען נאָר אין קורצן איבער אונזער קאָנסולסטווע אויף דעם ברייטן ערד־קוגל, וועט פלאַטערן פאַר אונזער נאַציאָנאַלער היים מיט א פיל שטאַרקערן כח, ווי אלע אונזערע וואָרט־ און שריפט־אַגיטאַציעס. אַלע די ווינאַווערשע, פאָלקיסטישע און בונדיסטישע גרופן און גרופעלעך וועלן באַלד באַקומען דעם ווערט, וואָס זיי פאַרדינען בא א פאָלק, וואָס האָט א קלאַפּטער אייגענע ערד אונטער די פיס, זיי וועלן האָבן ניט מער ווערט, ווי דער פאָמערעשער דיאַלעקט אין דייטשלאַנד, ווי דאָס בערנער כייבע־דייטש און דער איטאַליענישער געמישטער לשון בא נעאַפּאָל.

איך וויל ניט דערמיט זאָגן, אַז אַלע יידן וועלן אויסוואַנדערן באַלד פון די גלות־לענדער און אין זיי וועט נאָר בלייבן א שארית־ישראל, ווי ביז איצט איז דאָס געווען אין פאַלעסטינע. איך וויים, אַז דער ״תלמוד בבלי“ וועט נאָך לאַנג בלייבן לויט זיין פאַרשפּרייטונג און זיין אָנערקענונג גרעסער ווי דער קומענדיקער „תלמוד ירושלמי“. אָבער דאָס מוז מען אונטערשטרייכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז דאָס יידנטום, וואָס וועט מאַכן אַלס פאָלק זיין היסטאָריע, דאָס ה י ס ט אָ ר י ש ע יידנטום, וועט פון היינט אָן זיין, ניט אין מאָסקווע, ניט אין פעטערבורג, ניט אין בערלין, ניט אין ניו־יאָרק, נאָר דאָס יידנטום פון א ר ץ ־ י ש ר א ל. מיר וועלן נאָך ווייטער האָבן צענדליקער דיאַלעקטן, אָבער א שפּראַך, אַנ׳איינציקע פאָלקס־שפּראַך וועלן מיר האָבן נאָר אין פאַלעסטינע. און כאָטש ביז איצט האָבן בא אונז, דעם קונצנמאַכער־פאָלק מיט׳ן באַלאַנסיר־שטאָק אויפ׳ן שטריק, די דיאַלעקטן געשפּילט די גרעסטע ראָליע, אָבער איצט, נאָך דער אויסגעפירטער דעקלאַראַציע וועלן זיי שוין באַקומען דעם ווערט, וואָס זיי פאַרדינען.

אַלץ, וואָס שאַפט יידיש, אַלץ, וואָס וועט וועלן איצט היסטאָריש און פאָלקסטימליך שעפעריש ווירקן, וועט גיין קיין פאַלעסטינע. וועט

מוזן אהין גיין. דער שאפן־דראנג פון איטליכן מענטשן האָט זיינע גרע־נעצן, ווי אַלץ אין דער וועלט. מיר קאָנען ניט אין דער מאָדערנער געשיכטע קיין שאפונג אָן דעם נאַציאָנאַלן באָדן. אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך סיי אין פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, קונסט און אפילו טעכניק דעם שטעמפּל פון טאַלענט און גאונות, איז פארבונדן מיט דער השגה פון א שטרענג־געגלידערטן פאָלק מיט דעם נאָמען ענגלענדער, פראנצויז, דייטש, רוס א. א. רוס א. א. וו.

א לעבעדיקער נאַציאָנאַלער צענטער, ניט קיין „גייסטיקער צענטער" לויט אחד־העם, ניט קיין ישוב לויט אונזערע פילאַנטראָפּישע ציוניסטן, ניט קיין קאָלאָניאַל־פּאָליטישער צענטער לויט דעם פּאָליטישן ציוניזם, ניט קיין טויטער היסטאָריש־ראָמאַנטישער צענטער לויט דעם קולטורעלן ציוניזם, נאָר א צענטער אָן שום ביי־ווערטלעך, פשוט א צענטער, וואָס פאַרמאָגט איטליכער סערב, מאָנטאָנעגרער, איטליכס פעלקל, וואָס באַ־אַקערט זיין ערד און וואָס האָט ביז היינטיקן טאָג נאָר אַליין געהאַט דאָס רעכט צו זינגען די ווערטער פון דוד המלך: „הלך ילך בדמעה נושא משך הזרע, בא יבוא ברנה מושך אלומותיו — גיין וועט גיין מיט טרערן דער וואַרפער פון די זוימען, קומען וועט קומען מיט געזאנג דער באַלאַדענער מיט זיינע גאַרבן".

איך בין ניט קיין „ציוניסט" מער.

איך גיי דורך די האַלב-באַלויכטענע גאַסן, וואָס זעען אויס היינט אין די טעג פון די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג א סך לעבע־דיקער און מונטערער, ווי פאַר דעם 12 נאָוועמבער. איך מוז זיך מודה זיין, אז פון די 19 וואַל־צעטלעך, וואָס עס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן, האָב איך קיין איינציקן ניט אויסגעקליבן. איך בין זיך אפילו מתודה פאַר'ן ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פּעטראָגראַד, אז אויך דער באַפעל צו שטימען צוזאַמען מיט די פאָלקס־סאָציאַליסטן פאַר'ן צעטל נ' 1 האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין שום רושם. איצט מעג איך זיך אָפּן אַרויסזאָגן. וואָרום צייט עס איז געקומען אויף מיר די בשורה פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם נאָמען ציוניסט. דאָס הייסט ניט, אז איך שעם זיך מיט דעם נאָמען.

אדרבה, איך שטאַלציר מיט אים. בין איך דאָך געווען אויך איינער פון די, וואָס האָבן ווי-ניט-איז מיטגעמאַכט דעם קעניגליכן חלום פון א לעבעדיקן יידישן צענטער. נאָר איך פיל שוין, אז דאָס, וואָס עס ברייננגט מיר דער נאָנטער מאָרגן, קאָן שוין ניט ווערן אויסגעדריקט מיט דעם איינגן אומעטיקן פּאַרטיי-נאָמען „ציוניסט". ניין, איך בין ניט קיין ציוניסט, איך בין שוין א בירגער פון מיין לאַנד, וואָס שווימט שוין ניט אין די וואָלקענס, נאָר וואָס גלעט זיך ברייט און ווייך אין די שטראַלן פון א רייכער דרום־ מזרח־זון.

דען וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען באַ די פרידנס־פאַרהאַנדלונגען, — איך קאָן זיך שוין ניט פאָרשטעלן, אז עמיצער זאָל מיר ארויסרייסן פון די הענט די מתנה, וואָס איך האָב באַקומען פון גרויסן ענגלישן פאָלק. ווי קליינליך קלינגען איצט אין מיינע אויערן די סקעפּטישע ווערטער פון אַלע יידישע פּאַרטייען, גרופּן און גרופּעלעך, פון אַלע בטול־היש'ני־קעס, וואָס זאָגן מיר מיט אשמייבעלע: קוים איז דער בער נאָך ניט געפנגרט, טיילט מען זיך נאָך ניט מיט דער פעל. עס זיצן נאָך ניט די פירסטן פון די הארמאטן און קוילן־וואַרפער ביים גרינעם פרידנס־טיש.

איך וויל איצט זיך ניט פאָרשטעלן אַלערליי פּרטים פון דער קומענ־דיקער פרדנס־קאָנפערענץ־דעקלאַראַציע בנוגע צו א יידישער פּאַלעסטינע. נאָר איינס בין איך בטוח, אז דאָס, וואָס האָט געצייכנט די ענגלישע רע־גירונג, די פּאַרלאַמענטאַרישסטע רעגירונג אויף דער וועלט, וועט שוין בשום אופן ניט קאָנען אויסגעמעקט ווערן אויף דער קומענדיקער פרידנס־קאָנפערענץ. און דערום בין איך איצט מיטן גאַנצן הארצן דער נאָר, וואָס זעט זיך שוין אין שטורם פון רוסישן טעראָר, אין דעם טויט-שרעק, וואָס אָטעמט פון זיך די פעטערבורגער רויטע גווארדיע און דער הונגער־נויט פון מיליאָנען פרויען, קינדער און אַלטע לייט, אלס בירגער פון א לאַנד, פון אנ'אייגען לאַנד. איך ווייס, אז מיין גוף שטייט איצט אוים די גרעסטע סכנות, אז עס קאָן אפשר זיין, דאָס מיר פערזענליך וועט שוין מאָרגן־איבערמאָרגן ווערן אונמעגליך צו באטראַכטן אמאָל די ערד, וואָס וועט מיט דער צייט זיין אונזער ערד. און דאָך פיל איך זיך אין מיין דמיון שוין אַלס דער, וואָס האָט מיט די 19 וואַל-צעטלעך ניט קיין גרויסע מגע־ומשא.

איך גיי דורך די האַלב־טונקל־באַלויכטענע מונטערע גאסן, איך זע אויף וואָר מיין אייגענעם חלום, וואָס פאַר א ווערט האָט איצט פאַר מיר די רוסישע גרינדונגס-פאַרזאמלונג? א ריינעם אַלגעמיינעם מענטש־ליכן ווערט.

א גרויס באַגאַבט פאָלק וועט אַרויס פון געפאַר. די גייסטער פון אַנ׳אַקסאַקאָוו, כאָמיאַקאָוו, פון א פושקין, טורגעניעוו, א דאָסטאָיעווסקי, א טאָלסטאָי פלאַטערן איצט איבער די פּאַלאַצן פון פּיאָטר דעם גרויסן. זייער פאָלק שטייט אויס דעם שאַרפסטן קריזיס פון זיין קיום. עס ראַנגלט זיך מיט׳ן מלאך־המות אין די לעצטע קרעפטן, און אַנ׳אומענטש־ליכער קאַמף קומט פאָר אין די הימלען צווישן די אַראַלים, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן דעם רוסישן שר פון זיין אייגענעם הימל. דער קאַמף איז אַ גוואַלדיקער, ער קאָן באַגייסטערן אויך אַ מיטעלע פּאָעטישע נשמה צו אַ גרויסער טאַט. נאָר איך האָב ניט די נויטיקע באַגייסטערונג. וואָרום — זידלט זיך וויפיל איר ווילט, איר די ליבער־גאָץ־דאַנ׳ס *) — דאָס קעמפט ניט מיין פאָלק, נאָר אַ פרעמדס. איך פאַרבינד ניט מיט דער רעטונג פון רוסלאַנד מיין אייגענע.

איר אַלע, גרויסע קאָסמאָפּאָליטן און הומאַניסטן, מעגט שאָקלען אויף מיר מיטן קאָפּ, מיר האַלטן אפשר פאַר א ניט־נאָרמאַלן מענטשן, וואָס קאָן שטיין באַ דער זייט, ווען אַ גאַסטלאַנד לעבט דורך אַזאַ טראַ־געדיע, — איך שעם זיך פאָרט ניט צו זאָגן דעם אמת פון מיין האַרצן, וואָרום דעם האַרצנס אמת איז ריכטיקער און וואָרער, ווי דער צוקער־וואַ־סער־אמת פון האַלבע מענטשן, האַלבע רוסן און האַלבע הומאַניסטן, האַל־בע אַמעריקאַנער און האַלבע קאָסמאָפּאָליטן.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער תוך פון הרצל׳שן ציוניזם? אין דעם, וואָס ער האָט ניט געמאָלט קיין האַלבקייטן, דערין, וואָס ער האָט כסדר גע׳הזרט מיט׳ן גאַנצן האַרצן די ווערטער: אַ ל ץ אָ ד ע ר ג אָ ר נ י ט. אונז ציוניסטן האָבן ניט אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג די ווערטערזיר פון סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אונז צוגעזאָגט אַ גוט־באַצאָלטן יידישן אַר־בעטער, און קאַשע און שיסל איטליכן, וואָס דרייט מיט דער האַנט די מאַשין. אונז האָבן ניט צעמישט די געדאַנקען אַלערליי עמאַנסיפּאַציאָנס־טעאָריעס פון אַ פּראָפעסאָר קאָהען, ביז אַ ווינאַווערשער גרופּע. מיר האָבן שטענדיק געליינט איין־איינציקע קריאת־שמע: אָ ד ע ר אַ ל ץ אָ ד ע ר ג אָ ר נ י ט.

וואָס פאַר אַנ׳אינטערעס האָט געקענט פאַר מיר האָבן אַ רוסישער, דויטשער, אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער אין מיין צוקונפט־חלום? איך האָב געוואָלט האָבן אַ יידישן אַרבעטער אָן אַלערליי צונעמענישן. דאָס

*) צונעמעניש פון רעכטע סאָציאַליסטן, לויטן נאָמען פון דריי סאָציאַליסטן־פירער ־ ווידן.

דאָפּלטע פון אונזער קיום האָט אונז אָפּגעשטויסן, ווי אַ פאַרזעעניש מיט 12 פינגער אויף דער האַנט, ווי דאָס גמרא־קעלבל מיט צוויי קעפּ און אכט פיס.

צייט יידן זיינען געוואָרן אַ היסטאָריש פאָלק האָט אונז פאַרעקלט דאָס דאָפּלטע אין אונזער קיום. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין גלות האָט אונז אויסגעזען, ווי אַ הויקערדיק בריאה, וואָס ווערט נאָך עקלדיקער, ווען זי גלעט זיך מיט נחת איינער אליין דעם קעמל־הויקער.

גאַנצע מענטשן האָט דער ציוניזם געוואָלט באַשאַפן. און ער איז ניט איינגעגאַנגען אויף קיין קאָמפּראָמיסן, ווען נור דאָס בילד פון אַ גאַנצקייט איז ניט אַרויסגעשוואומען אין זיין פאָרשטעלונג.

איר אַלע, וואָס האָבן כסדר געלעבט צווישן די גרעניצן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געשפּירט אפילו אין חלומדעם נחת פון צו האָבן ערד אונ־טער די פיס — גייט אַרויס אַ רגע פון אייער באַגרענעצטער אומזיכערער וועלט און שטעלט זיך פאָר אויף אַ מינוט די שמחה פון אַ קאָלומבוס־מאַטראָס, וואָס האָט דערזען די האַלב־נעפּלדיקע ברעגעס פון ערד, פון אמת'ער ערד.

און דעמאָלט וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס גייענדיק אין די וואַל־טעג דורך די פּעטערבורגער גאַסן האָט מיך ניט געצויגן צו קיין וואַל־ביוראָ און צו קיין וואַל־קעסטל. און דערביי דאַרפט איר זיך ניט פאָר־שטעלן, אַז איך האָב זיך ניט באַטייליקט לחלוטין, לחלוטין גאָרניט אין די וואַלן. אַ טעות. אויך איך האָב דורכגעמאַכט דעם וואַל־פיבער. נאָר געמאָלט האָט זיך מיר אין מח אַנדערע וואַלן. די קומענדיקע וואַלן פון אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר, ווען דאָס „פּאַלעסטינאַפּראָגראַם“ וועט פאַרטונקלען אַלץ דאָס וואָכעדיקע, טאָג־טעגליכע און פּראַקטישע, וואָס וועט געוויס אויך אָפּגעטאָן ווערן, אָבער שוין ניט אין מינדעסטן ענליך צו דעם געפיל, מיט וואָס מען וועט באַטראַכטן די ענגלישע דע־קלאַראַציע.

און נאָך אַ בילד פון וואַלן האָט זיך געמאָלט אין מיין פאַר'חלומ'טן מח. די ערשטע וואַלן צו דעם ערשטן פּאַרלאַמענט אין דער יידישער רע־פּובליק אין ארץ־ישראל.

און דאָס דאָזיקע בעלד איז געווען אַזוי שיין, אַזוי שיין, דאָס איך האָב אמת מיטלייד מיט אַלע יידן מיט די דאָפּלטע צונגעמענישן, וואָס קאָנען זיך ניט פרייען מיט מיין חלום אין מיטן פון די רוסישע וואַל־טעג.

קאַליע געמאַכט דאָס שפּיל.

איטליכן טאָג זע איך איצט מענטשן, וואָס האָבן דעם פאַרלעגנעם אויסדרוק פון קאָרטן־שפּילער, בא וועמען מען האָט צעמישט די קאָרטן אין מיטן שפּיל. צווישן די דאָזיקע מענטשן וועט איר געפינען אַ סך קלוגע און פאַרנונפטיקע לייט, נאָר איצט האָט זייער פּנים אַזאַ נאַרישן אויסדרוק, און דאָס, וואָס זיי ריידן מכח דער דעקלאַראַציע, איז אַזוי קינדיש און נאַאיוו...

איינער פון די בעסטע קאַדעטן אונזערע איז שטאַרק אין כּעס אויף די ענגלענדער.

— „דאָס וואָס די ענגלענדער האָבן זיך איצט אַרויסגעזאָגט פאַר אַ יידישן צענטר — זאָגט ער, — האָט אונז יידן צוריקגעשטויסן אויף צוריק צו ניקאָלאַי דעם צווייטנס צייטן. איצט וועלן מיר אויף דאָס ניי מוזן אָנהייבן פירן אַ קאַמף פאַר אונזערע פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט אין רוסלאַנד. אויף טריט און שריט וועט מען אונז פרעגן: ווער זייט איר, צי פּאַלעסטינער בירגער, צי רוסישע? און כּל זמן מיר וועלן זיך עפנטליך ניט דערקלערן אַלס ר ו ס י ש ע בירגער, וועלן מיר ממילא זיין אין דעם מצב פון אויסלענדער, וואָס האָבן קיין רעכט ניט זיך צו מישן אָפיציעל אין די רעגירונגס־אָנגעלעגנהייטן. איך וועל ווערן באַטראַכט, ווי דער דייטש, אָדער דער ענגלענדער, וואָס האָט ניט קיין רעכט צו שיקן און צו וויילן זיינע פאַרטרעטער ניט אין מאַגיסטראַט, ניט אין פּאַרלאַמענט. מיר יידן וועלן פון איצט אָן שטיין אין אייביקן חשד פון אַ דאָפּלטער אונטערטאַנשאַפט, און די קלאַר־געוואָרענע לאַגע נאָך דער רעוואָלוציע וועט ווידער ווערן צעמישט. וואָרום נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע וועט זיך שרעקליך שטאַרקן דער געזעלשאַפטליכער אַנטיסעמיטיזם, און דער רוסישער נאַציאָנאַלער געדאַנק, און אַלץ צוזאַמען וועט מאַכן אונז ווידער שטאַרק פאַרדעכטיק, ווען ערגיץ אין מזרח וועלן מיר האָבן אַ יידישן צענטר מיט פולע נאַציאָנאַלע רעכט".

דאָס איז די אייביקע טענה פון די, וואָס רעכנען זיך שטענדיק מיט דער נאָנטסטער קעגנוואַרט און זעען ניט ווייטער פון דער נאָז. דער אייגענער יידישער קאַדעט, וואָס איז אין אַלגעמיינע רוסישע פראַגן ווייטזעענדיק און גרייט צו גיין אויף קרבנות, צוליב אַ בעסערער צוקונפט — ווערט מיט אַמאָל בלינד און טויב, גראָב־מאַטעריאַליסטיש און פּאָליטיש קליין־קעפּלדיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידן, וועגן זיין אייגענעם פאָלק.

דער אייגענער קאַדעט, וואָס האָט נאָך פאַר עטליכע מאָנאַטן גע־וואָלט ציען דעם קריג ביז צו אַ זיג, און אַליין געשטעלט זיין לעבן אין סכנה צוליב רוסלאַנד׳ס צוקונפט, — דער אייגענער קאַדעט ציטערט איצט ווי אַ בלאַט, דערפאַר, וואָס עס וועט אים מיט דער צייט קומען אויסצושטיין דעם חשד פון דאָפּעלטער אונטערטאַנקייט און וואָס ער וועט שטענדיק מוזן האָבן אַ הכשר אויף זיין רוסישן פּאַטריאָטיזם.

פאַרוואָס שטעלט ער דאָ ניט אַרויס דעם לאָזונג: קאַמף ביז צום זיג, קאַמף מיט אַלע באַשולדיגונגען קעגן זיינע ברידער, בײַ וועמען מען וויל צונעמען די רעכט פון דער מינדערהייט? פאַרוואָס קומט ער צום יידן מיט צווייערליי מאָסן, און זאָרגט זיך ניט פאַר די פּוילן און ליטווינער, וואָס פיל פון זיי וועלן אויך ניט וועלן פאַרלאָזן זייער רוסישע אונטערטאַנ־שאַפט, ווען ליטע און פּוילן וועלן ווערן מלוכות פאַר זיך?

ניין, איך גלויב ניט אין די אויפריכטיקייט פון די טענות פון מיין העכסט געערטען יידישן קאַדעט. בײַ אַ גענויער באַטראַכטונג, וועט ער אַליין איינזען, אַז זיי האָבן קיין שום ממשות ניט. עס רעדט אין אים דאָס געפיל פון אַ מענטשן, בײַ וועמען מען האָט מיט אַמאָל צוגענומען זיין שפּיל־צאַצקע, זיין שפּיל־פערדל און אים געגעבן מיט אַמאָל אַנ׳אמת׳ן לעבעדיקן „פּאָני“.

נאָך נאַיווער זיינען די טענות פון אַ „בן־חיים׳ן“, אין לעצטן נומער „פאָלקסבלאַט“, וועלכער וויל אַ שטאָך טאָן דעם יידן, וואָס פרייט זיך היינט מיט דער דעקלאַראַציע.

ערשטנס — שטעכט ער — זייט וויסן יידעלעך, אַז דער ענגלענדער גיט אייך ניט פּאַלעסטינע פון גרויס ליבשאַפט צו אייך, נאָר פון זיין אייגענער טובה וועגן. ניט מאהבת מרדכי, נאָר משנאת דייטשלאַנד, וואָס וויל אויך צונעמען פּאַלעסטינע אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט. און, צווייטנס, וועט איר יידעלעך זיין נור כלומרשט בעלי־הבתים. אין דער אמת׳ן וועלן בעלי־הבית׳עווען איבער אייך פרעמדע, ענגלענדער. דריטנס, זייט וויסן, נאַרישע ציוניסטן, אַז איר באַקומט ניט פּאַלעסטינע פון דער דעמאָקראַטיע, נאָר פון די אימפּעריאַליסטן און, פירטנס — ווי פּאַסט עס אָנצונעמען אַזאַ מתנה, בעת די רוסישע דעמאָקראַטיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן איטליכע אַנעקסיע פון פרעמדע לענדער?

בן־חיים האָט מן הסתם אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז למשל בולגאַ־ריען איז אויך ניט פריי געוואָרן צוליב דער ליבשאַפט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן צו בולגאַריען... און פונדעסטוועגן איז בולגאַריען אין משך פון 40 יאָר געוואָרן אַזוי זעלבשטענדיק, אַז אין איצטיקן וועלט־אייראָ־

פייאישן קריג האָט דאָס געקאָנט שפּילן אַזאַ גרויסע ראָליע. צווייטנס, — פאַרוואָס האָט ער אַזוי מורא וואָס דאָס קליינע יידישע פּאַלעסטינע וועט נאָך לאַנג מוזן זיך געפינען אונטער דער השפּעה פון גרעסערע מלוכות, וואָס האָבן אַ אינטערעס, אַז דער יידישער צענטר זאָל ווערן אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער און קולטורעלער צענטער? שוין איז בן־חיים אַזוי שטאָלץ אויף זיין יידישקייט אין גלות, אַז ער וויל דאָס דאָזיקע אָרימע צעשפּליטערטע יידישקייט, וואָס געפינט זיך אונטער טויזנטער השפּעות, — און גראָד ניט פון די בעסטע, — ניט פאַרבייטן אויף אַ קאָנצענטרירטער, שעפערישער יידישקייט אונטער דעם פריינדליכן שוץ פון אַ מעכטיקער, הויך־קולטורעלער רעגירונג? עס גלויבט זיך עפּעס ניט, אַז בן־חיים זאָל דאָס מיינען ערנסט.

און וואָס אָנבאַלאַנגט בן־חיים'ס שטאָך, אַז פּאַלעסטינע באַקומען מיר פון אימפּעריאַליזם און ניט פון דער דעמאָקראַטיע, — איז דאָס שוין, זאָלט איר מיר מוחל זיין, גאָר אינגאַנצן נאַריש. פון ווען אָן איז דאָס בן־חיים געוואָרן אַזאַ שונא פון אימפּעראַיליזם אין ענגלאַנד? אָדער מיינט ער טאַקע באמת, ווי דער סמאָלני אינסטיטוט, אַז ענגלאַנד איז אַ לאַנד, וואו דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז מער ניט, ווי די רוסישע דומע אין גאָרעמיקינ'ס צייטן? איר מעגט, בן־חיים, אַפילו זיין שטאַרק אונטערן איינפלוס פון דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע, אָבער מיינט ניט, אַז אייער ווערטל מכח „אימפּעריאַליזם" קאָן עמיצן פאַרטשעפּען חוץ אַ רעוואָלוציאָנערן ישיבה־בחור פון סמאָלני אינסטיטוט.

וואָס אָנבאַלאַנגט אַנעקסיע, וועט איר דאָך אַליין אויך ניט זיין קעגן דעם, בן חיים, וואָס פּוילן, ליטע, אַרמעניע און אַנדערע פעלקער וועלן באַקומען נאָכ'ן קריג די ממשלה אויף זייער היסטאָריש־נאַציאָנאַלן באָדן. מיר קענען אייך גוטע לייט! פאַר פּוילן, ליטווינער, אַרמענער וועט איר זיך ניט דערוועגן ריידן מכח אַנעקסיע פון טערקישע און רוסישע לענדער. גרויסע חסידים פון דער אַנעקסיע פאָרמעל ווערט איר נור דעמאָלט, ווען מען צעמישט אייערע פּעטע, אַלטע פאַרברודיקטע קאָרטן, ווען איר שפּילט זיך מיטן יידישן נאַציאָנאַלן גוף.

עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט די פאַרלעגנהייטס־טענות פון די בן חיים'ס, יידישע קאַדעטן און סאָציאַליסטן מגזע היהודים און מיטן יידישן גלות־פּויקער אין די טעג פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע צונויפקלייבן אין אַ באַזונדער אַלבאָם מיט'ן אויבער־טיטל: דער אָפּגרונד פון גלות־טפּשות".

און מיינט ניט, אַז דער דאָזיקער אַלבאָם וועט זיין דין־בייכיקער, ווי

דער ש׳ם פון האלמנה והאחים ראם אין ווילנע. נאך זיינען ניט אוועק קיין צוויי וואכן, צייט די ענגלישע דעקלאראציע איז אפיציעל ארויסגעזאגט געווארן, און שוין הערן מיר די נארישע פארלעגנהייטס־קולות פון א מחנה יונגע לייטלעך און אלטע גלות תלמידי־חכמים.

עס וועלן זיך נאך אראטאריש ארויסזאגן כלערליי גרופקעלעך. עס וועט נאך לאזן הערן זיין שטים ה׳ ליבערגאצדאן. עס וועלן נאך האלטן שיינע לייטישע דרשות די „גרויסע" יידיש־רוסישע פאליטיקער און פון קומענדיקן אלרוסישן יידישן צוזאמענפאר. עס וועלן זיך אויך אפשר ארויסזאגן בקול רם אונזערע רביים פון טאלנע, גער, טשערטקאוו און סאדאגורע.

דער אלבאם וועט וואקסן און וואקסן, נאר אויך דער גרעסטער און שווערסטער אלבאם פון מענטשליכער טפשות האט נאך ניט אפגעפירט א פאלק פון זיין גלייכן וועג, פון זיין פעסטן נאציאנאלן באפרייאונגסגאנג.

גלות׳דיק און קראנק.

נאכדעם ווי די פראנצויזישע רעוואלוציע האט צעשמעטערט די באסטיליע, און ארויסגעלאזן די געפאנגענע אויפן פרייען שיין, האט איינער אנ׳אלטער תפוס בשום אופן ניט געוואלט פארלאזן זיין געפענגניש־לאך. ער האט זיך ניט געקאנט צעשיידן מיט דעם שפין און מיט דעם שפינוועבס, וואס האט זיך גערעדלט אזוי צאצקענדיק אינ׳ם ווינקל פון זיין פינסטערן נאסן חדר. די באסטיליע איז אים געווען היימישער, ווי דאס קאכעדיקע לעבן אויף די פאריזער בולווארן. אלע זיינע אינסטינקטן זיינען שוין געווען אזוי טויט, אז עס האט אים שוין אין ערגיץ ניט געצויגן.

צי דערמאנען אונז ניט אלע די לייט, וואס שרייבן איצט וועגן דער דעקלאראציע אין זייערע פארטיי־ און אנטי־ציוניסטישע בלעטער, דעם געפאנגענעם אין דער באסטיליע? צי איז זיי ניט ליבער דער שפינוועבס פון זייער קליינציק פארטיי־שטיבל, ווי די מעגליכקייט ארויסצוגיין אויף דער ברייטער וועלט מיט א גלייכן רוקן און מיט אנ׳אפענעם קלארן בליק? צי לעבן זיי ניט איבער די אייגענע אנגסטן פון יענעם האלב־משוגע׳נעם געפאנגענעם, וואס האט פארעצויגן דאס פארטיק ארעם טעפל געקעכץ פון געפענגניש, איידער די טרחה אליין זיך צו מאכן א גוטן פרישן מיטאג?

אין „פאָלקסבלאַט" נומער 7 האָט דער פירער פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי י. עפּרויקין גענומען אויף זיך די אומדאַנקבאַרע אַרבעט צו מאַכן פון דער דעקלאַראַציע א תל. מיט א פאַלשן פּאַטאָס וויל ער זיינע לעזער איינריידן, אַז די ציוניסטן האָבן פאַרשוועכט די בעסטע געפילן פון יידישן פאָלק. וואָרום די גאולה פון יידישן פאָלק איז קיינמאָל ניט געווען קיין ממשות'דיקע זאַך. „דאָס יידישע פאָלק האָט קיינמאָל ניט געוואָלט האָבן קיין נאַציאָנאַלע היים".

"די גאולה איז געווען און געבליבן ביים יידישן פאָלק א האַרץ־באַגער, ארץ־ישראל — א לאַנד פון בייִנקעניש או זהאַרצנס־גלוסטיקייט. אָבער ניט יענעם לאַנד וואוהין מען רייסט זיך אַקטיוו, וואו מען וויל דאָס נאַטירליך לעבן פון פאָלק אויף א נאַטירליכן וועג איינאָרדנען. דאָס דאָזיקע צעשפּאַלטנקייט פון אונזער נשמה איז דאָס געזעץ פון אונזער גלות־לעבן, וואָס ביז איצט האָט זיך נאָך קיינעם ניט איינגעגעבן מבטל צו זיין". און דערום זיינען די ציוניסטן די מאוסע לייט מיט די גראָבע הענט, וואָס האָבן ניט קיין שום טאַקט־געפיל פאַר אונזערע הייליקסטע און אינטימסטע געפילן, וועלכע זיי מאַכן איצט וואָכעדיק. קאָן מען דעם פאָלק דאָס „זינדיקע ערד" ניט געבן, איז א פּ א ר ב ר ע ך (קורסיוו פון י. ע.) ווען מען רויבט בא אים "דאָס הייליקע לאַנד". קאָן מען אים די גאולה ניט געבן, זאָל מען בא אים ניט צועמען דעם חלום פון דער גאולה."

אויף א מענטשן, וואָס שטייט א ביסל ווייטער פון דעם געפענגניש־קעמערל פון אַלע יידישע פּאַרטיי־גרופּעלעך און גרייפּלעך, מאַכן די דאָזיקע ווערטער, — זאָל מיר מוחל זיין ה' עפּרויקין, — דעם איינדרוק פון א דרושה פון א מטורף. אין פּ ל א ט אָ נ י ש ע ר ליבע גלויבט ניט, ווי א מאָדערנער מענטש ה' עפּרויקין, אָבער אין א פּ ל א ט אָ ט אָ נ י ש ן חלום פון א פאָלק אין משך פון צענדליקער דורות גלויבט ער יאָ. ער שטייט אויפן שטאַנדפּונקט, א ווען א הונגעריקן מענטשן גיט מען א לאַרן ברויט, פאַרשוועכט מען בא אים זיינע „הייליקסטע און אינטימסטע געפילן". פון דער צעשפּאַלטנקייט פון זיין אייגענעם לעבן מאַכט ער א היסטאָרישן געזעץ, א גבול דאוריתא. פאַר א גאַנץ פאָלק; אויך פאַר די טויזנטער, טויזנטער און מיליאָנען ציוניסטן, פון א מאָזעס העם ביז דעם לעצטן פון אונז.

ליבער ה' עפּרויקין, צי מיינט איר באמת, אַז עמיצער וועט גלויבן אין דעם פּאַטאָס פון א צוואַנציק יאָר געפאַנגענעם, ווען ער וועט מיט'ן מויל ריידן פון „זיינע אינטימע און הייליקסטע געפילן" צו פרייהייט און מיט אַלע אברים וועט ער זיך ווערן קעגן איר? אַזאַ מין באַציאונג איז דאָך

א סימן פון קראַנקהייט, איז דאָך די ריינע משוגעת, אָדער... זייער אַפּט די פּאָליטישע שוואַרץ־קונצנמאַכעריי אום צו פאַרטומלען פאַר די וואַלן די מאַסן, אויף וועלכע מען וויל רייטן.

שיינע צייטן האָבן מיר דערלעבט, ווען די קעגנער פון ציוניזם הייבן אָן ריידן פון זייערע אינטימסטע און הייליקסטע געפילן צו ארץ ישראל. די אייגענע לייט, וואָס האָבן אַמאָל גערופן ארץ ישראל „דאָס גע'פּגר'טע לאַנד", זיינען מיט אַמאָל געוואָרן אַזוינע פאַרפרומטע יידן און שרייען „קאַראַאול", וואָס מען נעמט צו „זייער הייליק לאַנד", אויף צו מאַכן דערפון א אמת'ן יידישן צענטר מיט אמת'ע מלוכה־רעכט. דער פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי רעדט מיטן אייגענעם לשון פון אַלע אונזערע פאַרווילדעטע אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן מורא, אַז דער גערוך פון יידישע אַפּעלסינען־וועלדער זאָל ניט וואָכעדיק מאַכן די הייליקייט פון מערת־המכפּלה. דער חלוק איז נור דער, וואָס די מערת־המכפּלה פאַרנעמט פּאָרט בא אונזערע מיטלאַלטערליכע פרומאַקעס אַנ'אָרט אין האַרצן, אָבער בא די ה"ה עפראיקינס איז אפילו ניטאָ אין ארץ־ישראל קיין איינציקע זאַך, וואָס זאָל זיין ביי זיי טייער. און די דאָזיקע מענטשן ריידן פון זייער הייליק לאַנד!

וואָס מער איך לייען זיך אריין אין עפרויקינ'ס אַרטיקל, אַלץ מער פיל איך זיך אין דער קליניק בא א פּראָפעסאָר ברעפעל'ן אָדער אין א שטיבל, וואו מען גרייט זיך דורכצופירן מיט אַלערליי קונצן עטליכע בוררים פון א שוואַכע פּאַרטיי. רבונו של עולם, מיט וואָס שרעקט מען ניט דעם עולם! ערשטנס — מיט די אַראַבער. די יידישע פאָלקס־פּאַרטיי ברעכט זיך נעבעך דעם קאָפּ פאַר די אַראַבער. אויב שוין יאָ עמיצן אוועקגעבן ארץ־ישראל, טאָ איז דאָך שוין פיל אָרנטליכער און נע־רעכטער אוועקצוגעבן די אַראַבער, — דערקלערט ה' עפרויקין.

אייגנטליך האָט דאָך עפרויקין, פאַר ווען ארץ־ישראל איז אַזוי הייליק, ק ײ נ ע ם ניט געדאַרפט אוועקגעבן פּאַלעסטינע, אפילו ניט די אַראַבער. למשל, די קריסטן, פאַר וועמען עס זיינען טייער די הייליקע ערטער, ווילן ניט, אַז עמיצער זאָל זיין אויף זיי א בעל־הבית. ה' עפ־רויקין שרייבט אָבער: „גיט מען ארץ־ישראל אויטאָנאָמיע אָדער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אַזוי מוז דאָס אָנקומען דעם פאָלק, וואָס זיצט אויף זיין ערד, דאָס הייסט ווידעראַמאָל די אַראַבער".

נאָר פרעגט ניט קיין קשיות, זוכט ניט קיין לאָגיק בא מענטשן מיט א גלות־פּסיכאָלאָגיע און פון א פּאַרטיי־קלייזל־פּאָליטיק.

צווייטנס, איז אונז מתרה ה׳ עפרויקין, אַז די מעשה מיט דער דע־ קלאַראַציע זאָל זיך ניט אויסלאָזן, ווי די מעשה מיט שבתי־צבי, וואָס האָט סוף כל סוף בלויז פאַרפירט די אָפּגענאַרטע צו שמד. בקצור, ער רעדט מיטן לשון פון אַלע אונזערע פינסטערע פרומאַקעס, וואָס מישן צונויף אַ וויכטיקן וועלט־קריג מיט בלק בן פעור, וואָס האָט אַרויסגע־ שיקט קעגן יידן, אַנשטאָט דעם באַוואָפנטן חיל, בלעם׳ן מיט עטליכע קללות; וואָס מאַכן ניט קיין חלוק צווישן אַ מיסטישן פאָלקס־צושטאַנד פאַר 300 יאָר און דעם היינטיקן, וואָס אַרבעט מיט די נייסטע מיטלען פון בילדונג, טעכניק, וויסנשאַפט און עפנטליכער מיינונג. ער רעדט די ריכטיקע דעמאַגאָגישע שפּראַך פון אַלע פּאָליטיקער, וואָס ווילן ניט די מאַסן אויפקלערן, נאָר באַשיינפערליך מאַכן נאַרישער און תמ׳עוואַטער.

דריטנס, איז ער זיכער, אַז די גאַנצע דעקלאַראַציע איז ניט מער, ווי אַן׳אויסגעבלאָזן איי. וועט איר דאָך פרעגן פאַרוואָס? פשוט דערפאַר, וואָס די פאָלקס־פּאַרטיי רעכנט נאָך צו באַקומען אַ פּאָר איבעריקע שטימען פאַר איינע פון די קומעדיקע וואַל־אינסטיטוציעס, וואָס די באַל־ שעוויקעס טוען לייטזעליק צעטרייבן.

פאַרגעסט ניט, אַז ארץ־ישראל איז פאַר ה׳ עפרויקין „דאָס הייליקע לאַנד“, דאָס לאַנד, וואָס לעבט נור אין זיינע „אינטימע געפילן“, און דערום איז דאָס פאַר ה׳ עפרויקין געווען באַקוועם ביז׳ן היינטיקן טאָג אַ קאַנטיטע נעגליזשאַבל. דאָס „הייליקע לאַנד“ האָט אים אין קיין זאַך ניט געשטערט. ער איז געווען דער „מלך פון קאַרטן, וואָס האָט ניט קיין לאַנד“ און דערום האָט ער געקאָנט פריי פירן זיין אַגיטאַציע פאַר זיין פּאַרטייעלע, אויף צו־להכעיס דעם ציוניזם. און מיט אַמאָל נאַט אייך די ענגלישע דעקלאַראַציע, און גראָד פאַר די וואַלן, און דער „מלך פון די קאַרטן אָן אַ לאַנד“ איז געוואָרן מיט אַמאָל על אפו ועל חזמתו אַ קינד פון אַן׳אייגן שטיק ערד. און דער דאָפּלט־געפאַנגענער, דער גלות־קנעכט און דער געפאַנגענער אין נעץ פון אַ פּאַרטיי־פּאָליטיק, האָט זיך צעיאָמערט אויפן קול: איר טאַקטלאָזע ציוניסטן! איר האָט פאַר־ שוועכט מיינע הייליקסטע געפילן, איר זייט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן מיר. פון אַ קאַרטן מלך האָט איר געמאַכט פון מיר אַ לעבעדיקן מענטשן, אַ מענטשן, וואָס טרעט אויף אייגענער ערד. ניין, איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

זאָל דער לעזער ניט מיינען, אַז דער פּאָלעמישער גייסט האָט גע־ פירט מיט מיין פעדער, און איך האָב זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף אַן׳אַרטיקל פון אַ פּאַרטיי־פירער, וואָס וועט אודאי ניט הייבן זיין כבוד

סיי בּאַ זיך אין דער פּאַרטיי, ווי ביים יידישן לעזער. איך האָב זיך מיט אַ כּיוון אָפּגעשטעלט אויפ׳ן אַרטיקל, כּדי צו ווייזן, ווי קראַנק איז די פּסיכאָלאָגיע פון אַ היינטיקן יידישן אינטעליגענט, ווען מען פירט אים אַרויס פון דער פינסטער אויף דער ליכטיקער וועלט.

אין פלוג גענומען, האָט דאָך אַ נאָרמאַל פילנדיקער מענטש, באַ־קומענדיק אַ מתנה, ווען ווענן וועלכער ער האָט יאָרן־לאַנג גע׳חלומ׳ט — די ערשטע זאַך, אונמיטלבאַר, געדאַפט כאַטש זיך אַ פריי טאָן, כאָטש אַ שמייכל געבן. זאָל קומען דערנאָך די פאַרנונפט און אים אָנהייבן עגבערן, אַז די מתנה איז נאָך ניט קיין מתנה א. א. וו. אָבער דער ער־שטער געפיל דאַרף דאָך זיין אַן׳אמת׳ע האַרציקע פרייד.

זעען מיר אָבער עפּעס וואונדערליכעס. אָנשטאָט אונמיטלבאַר צו דערפילן דאָס גליק פון דער מתנה, צעיאָמערט זיך דער יידישער אינ־טעליגענט, וואָס מען מאַכט אים מיט דער מתנה קאַליע זיינע אָרימע געשעפטלעך, און וואָס מען קריוודעוועט דעם אַראַבער, פון וועמען ער האָט קיין שום קלאָרע השגה ניט.

צי באַווייזט דאָס ניט, אַז דער דאָזיקער טיפּ פון אַ יידן איז גייס־טיק קראַנק, איז ניט נאָרמאַל אין זיינע געפילן?

אויך ער פילט, אַז ער איז ניט אינגאַנצן באַ זיך, און דערום זוכט ער אַלערליי פּלפּוליסטיק צו געפינען אַ תּירוץ פאַר זיין טויט האַרץ, וואָס האָט אַפילו ניט דאָס ערשטע אונמיטלבאַרע געפיל צו די געשעע־נישן פון לעבן. און ער הייבט זיך אָן איינצורייידן, אַז דאָס אייביקע געזעץ פון יידן איז צו ח ל מ׳ע ן פ ו ן א ל א נ ד, א ו ן ע ס ד ו ק א נ י ט צ ו וו ע ל ן.

און באַ אַזאַ מין ניט נאָרמאַלן פילן וויל מען נאָך עמיצן איינרייידן, אַז מען האָט פאַרשוועכט זייערע הייליקייטן, אַז מען האָט אָנגערירט זייערע אינטימסטע געפילן.

צי האָט דען אַ טויט האַרץ בכלל וואָסער ס׳איז געפילן?

אויב דער יידישער צענטר אין א״י וועט אונז אַזוי גיך ניט געבן די רעזולטאַטן, וואָס ער דאַרף און קאָן אונז געבן, וועלן מיר דאָס האָבן צו פאַרדאַנקען דער קראַנקער נשמה פון אונזער אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַרלוירן די נאַטירליכע חושים, דאָס געפיל פאַר הייס און קאַלט, פאַר גוט און שלעכט.

דעליקאטע פינגער.

צווישן די פארשידענע טיפן פון דער יידישער אינטעליגענץ, פאר וועמען די ענגלישע דעקלאראציע איז געווארען א הארבע סוגיא, געפינען מיר א טיפ, וואס איך וואלט אים אנרופן דער מפונק, דער מענטש מיט די דעליקאטע פינגער, דער איידעם, דער זיידן יונגערמאנטשיק, וואס וועט גיכער אניאגן אנ׳אומער אויף ווייב, שווער און שוויגער, איידער ער וועט זיך אפזאגן פון זיינע קלענסטע נארישע רגילות׳ן.

אט דער דעליקאטער ייד קאן אויף קיין פאל ניט מושוה ווערן מיט זיך, וואס די דעקלאראציע איז ניט על פי הדעמאקראטיע, כלומרשט. ס׳טייטש, — זיפצט ער, — לויט איטליבע דעמאקראטישע רגילות׳ן קומט דאך ארץ־ישראל דעם אראבער און ניט דעם יידן. טא ווי טוט דאס ענגלאנד מיט דער איינשטימונג פון אמעריקע און פראנקרייך אפ אזא זאך און גיט ארץ־ישראל אוועק יידן, וואס זיינען דאך צווישן די אראבער די מינדערהייט?

דאס, וואס די אראבער האבן קיין טענות ניט צו ענגלאנד — שטערט ניט דעם מפונק, דעם דעמאקראט. ווארום ער איז דאך מחויב צו קלערן על פי הדעמאקראטיע ניט נאר פאר׳ן אראבער, נאר אויך פאר׳ן בושמען און פאר די ווילדע שבטים אין ניופוינדלאנד, וואס האבן ערשט ניט לאנג דערגאנגען, ווי צו מאכן פייער.

דער דאזיקער טיפ איז א דעליקאטער מענטש און ער רירט זיך צו צו איטליכער זאך מיט די שפיץ פינגער, — מעג דאס זיין א שטיין, א האלץ, א שטיק בלעך, אדער א שבת׳דיקער קוגל.

דער דאזיקער יידישער אינטעליגענט האט ניט קיין שום אייגענע אינטערעסן. ער האט ניט קיין פאלק, קיין היים, קיין הייליקייטן. פון דער גאנצער מענטשליכער געשיכטע האט ער נור דורכגעלייענט איין קאפיטל וועגן די רעכט און די ממשלה פון דער דעמאקראטיע, און אויב ער איז א סאציאל־דעמאקראט, שמעלצט זיך פאר אים צונויף די דעמאקראטישע ממשלה אין דער גרויס פון עטליכע מיליאן פאבריק־ארבעטער. און קומט מען צוגיין צו אים און מען שיינקט עפעס אים אליין, — באקוקט ער עס צוערשט אונטער זיין דעמאקראטישן מיקראסקאפ: צי האט ער א רעכט אנצונעמען די מתנה, אדער ניט.

אזא מין איינדרוק מאכט אויף מיר י. לעווין אין דער אמעריקאנישער סאציאליסטישער "צוקונפט" מיט זיין ארטיקל וועגן דער דעקלאראציע.

ער שרייבט ווערטליך:

„בא זיי, בא די פּראָלעטאַרישע פּאַלעסטיניסטן, מעג מען פאָדערן זיי זאָלן זיך אַליין קלאָר מאַכן: איז בא זיי דער ווילן צו האָבן פּאַלעס־טינא שטאַרקער פאַר אַלע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן? און טאָמער וועט אויסקומען אָפּצונעמען אַלע פּאָליטישע רעכט בא די אַראַבער (וואו, אין אַראַביען?), צי באַיקאָטירן די אַראַבער, ניט דערלאָזן זיי צו אַרבעטן בא יידן (וואו , אין דעם אַראַבישן קאַליפאַט?) ניט דערלויבן זיי מער צו קויפן באָדן אין פּאַלעסטינע; טאָמער וועט אויסקומען צו קאָנפיסקירן דעם באָדן, ווען עס וועט אויספעלן פאַר יידישע קאָלאָניסטן (ס'אַרא ווייַ־טער קוק אויף 50 יאָר פאָראויס.. איר שפּילט זיך מיט א יידישן דע־מאָקראַט!) אָדער אינגאַנצן אַרויסטרייבן די אַראַבער, אויב יידן וועט דאָ ווערן איינג (רבונו של עולם, ווי שלעכט עס האַלט שוין מיט די אַראַ־בער!) — און טאָמער וועט דאָס אַלץ אויסקומען צו טאָן, כדי יידן זאָלן ווערן א מערהייט אין פּאַלעסטינע און באַהערשן דאָס לאַנד — זיינען זיי גרייט אויף דעם?

און וועט זיך אַרויסווייזן, אַז קיין אַנדער וועג, ווי דער וועג פון אונטערדריקונג און הערשונג איז אין פּאַלעסטינע ניטאָ — דאַרף מען זיך אָננעמען מיט מוט, — און אָפּזאָגן זיך פון דעם לאַנד פון די אבות (ווי טויט ס'קלינגט דאָס וואָרט "אבות" אין י. לעווינ'ס מויל), וואָס איז געוואָרן א לאַנד פון אַנדערע, אַראַבישע טאַטעס, ניט געקוקט אויפן ווייטאָק אין האַרצן".

מילא, דעם ווייטאָק אין לעווינ'ס האַרצן בין איך אים מוחל. על פי דעמאָקראַטיע טאָרן קיין שום ווייטאָקן ניט זיין, ווען עס האַנדלט זיך מקיימצו זיין מצוות דעמאָקראַטיע בנוגע צו קינדער אין די וויגן און צו א חרש שוטה וקטן.

וואָס וועט אָבער זיין על פּי הדעמאָקראַטיע, ווען די „פּראָלעטאַרישע פּאַלעסטיניסטן" וועלן זיך ניט וועלן אָפּזאָגן פון לאַנד פון זייערע אָבות? צי וועלן זיי ווערן דורכדעם אויס פּראָלעטאַריער, צי וועלן זיי אינגאַנצן פאַרלירן זייער חן אין לעווינ'ס אויגן, און צי וועט מען זיי אינגאַנצן אויסמעקן פון די גאָלדענע דעמאָקראַטישע ביכער?

צי וועט מיט זיי ה' לעווין זיך אַזוי שטריינג באַגיין, ווי מיט די פראַנצויזישע, דייטשע און ענגלישע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן אַזוי ניט דעמאָקראַטיש פאַרטיידיקט זייער ערד פון די שונאים? אָדער צי וועט ער זיין צו זיי נאָך שטריינגער? וואָרום דאָס איז דאָך שוין א כלל גדול, אַז דאָס, וואָס עס מעג די אייראָפּייאישע דעמאָקראַטיע, דאָס טאָר

ניט די יידישע. „א ייד איז ניט קיין גוי", זאָגט ר' אַלטער אין שלום-עליכם'ס "מזל-טוב" — "א ייד ווערט קיינמאָל ניט שכור". מעגסטו דעם יידן געבן א גאַנצע מלוכה, ער וועט חלילה, ניט אַראָפּ פון גלייכן דע־מאָקראַטישן וועג, ווי עס טוען אָפּ די געזונטע פּראָלעטאַרישע גוים פון דער גאַנצער געבילדעטער וועלט.

אמעריקע, ענגלאַנד, די דעמאָקראַטישסטע לענדער פון דער וועלט גיבן דעם יידן פּאַלעסטינע. איז אָבער ה' לעווין נאָך א גרעסערער מקפּיד פון א דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט, און אין זיין גמרא־קעפּל מאָלט זיך א שרעקליך בילד פון די עולות, וואָס א פּראָלעטאַרישער ציוניסט וועט מוזן אָפּטאָן, ווען ער וועט האָבן דעם חשק צו זיין א קינד פון זיין היס־טאָריש איינן לאַנד.

נאָך איידער ווען־וואָס, נאָך איידער דאָס פּאַרוויסטעטע לאַנד — וואָס דורך די ערגעבענע פּראָלעטאַרישע הענט קען דאָס ווערן א פּרוכט־באַרער רייך־פּראָדוקטיווער באָדן, — נאָך איידער עס איז געקומען דאָס ערשטע הייפל בויער און שעפער פון אונזער פּאַרלאָזן ערד, האָט ער שוין רחמנות מיט'ן אראַבער, וועמען קיינער טשעפּעט ניט, און וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר דעם אומפּראָדוקטיווסטן טייל אינ'ם לאַנד.

פּאַלעסטינע קאָן אין משך פון 25—40 יאָר, בא די היינטיקע טעכ־נישע און פינאַנציעלע מיטלען דערנערן ניט ווייניקער ווי 4 מיליאָן מענטשן, א כ ט מאָל אזוי פיל, וויפיל עס געפינט זיך דאָרט אראַבער. דאָס הייסט, אז ביז צו דער צייט, ווען מען וועט שוין מוזן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון א יידישער איבער־באַפעלקערונג, ניט צום נוצן פון פרעמדע — וועט נאָך ניט איין וואַסער איבערפליסן. און פונדעסטוועגן רוט שוין ניט דאָס דעליקאַטע געוויסן פון ה' לעווינ'ען און ער נעמט זיך שוין אָן באַצייטנס די קריוודע פון אראַבער, וואָס פילט זיך דערוויי־ל בשום אופן ניט געקריוודעט.

פאַר ה' לעווין, דעם בוך־דעמאָקראַט, וועלכער האָט קיין שום באַ־ציאונג ניט צו דעם שעפערישן פּראָצעס אין דער וועלט־קולטור, איז וויכ־טיקער דער אראַבער, וואָס קאָן אפשר אמאָל געקריוודעט ווערן, איז וויכטיקער א נישטיקער פּרט, איידער די געוואַלטיקע קולטור־אַרבעט, וואָס מאַכט פון א וויסט לאַנד אַנ'אָרט וואו מענטשן בויען, שאַפן אין פרייהייט, אין אייביקן קאַמף מיט די נאַטור־קרעפטן, צום גליק פון א גאַנצער נאַציע, צום גליק פון זיין אייגענער נאַציע.

ה' לעווין, בא וועמען, די סוגיא פון דעמאָקראַטיע איז אזוי טויט,

ווי די סוגיא פון תגרי-לוד אין גמרא, — פארשטייט ניט די געזונטע גע־פילן פון אַנ'עכטער דעמאָקראַטיע.

קיין „פראָלעטארישער פּאַלעסטינער" וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ארבעט, וואו עס שטייט אים פאַר מיט דער אייגענער קראַפט צו מאכן פון אַ מדבר אַ בליענדיקן גאָרטן. דער פּאַ־לעסטינער שעצט צו הויך זיין קראַפט אין זיין שעפערישער ארבעט, אַז ער זאָל האלטן פאַר אַ בעל־הבית אויף אַ היסטאָריש לאַנד דעם צופעליקן אראַבער, וואָס וואַנדערט אַלס נאָמאַד הינטערן ירדן און צעאַקערט ניט דעם באָדן, וואו עס פּאַשען זיך זיינע שעפּסן. פאַר אים איז דער בעל־הבית פון לאַנד דער, וואָס שיינקט אים זיין גאַנצע קראַפט, וואָס מאַכט עס אונטערטעניק צו מענטשליכע און אַלגעמיין־קולטורעלע צוועקן.

ה' לעווינ'ס דעליקאַטע נשמה הייבט ניט אָן צו באַנרייפן, אַז צו־ליב הויכע אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע און מענטשליכע צילן דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קליינקייטן. אַז צוליב דעם, וואָס וועט אונז אפשר אַמאָל אויסקומען צו זיין אין קאָנפליקט מיטן אראַבער, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז מיר מוזן זיך שוין אָפּזאָגן פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן ציל, וואָס קאָן אונז אָרעמע, נור מאכן רייכער, וואָס קאָן פון אונז נע־ונע'דני־קעס נאָך מאַכן אַ געזונט שעפעריש פאָלק פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט.

איז אָבער ה' לעווין זייער דעליקאַט. ער קלייבט פאַר זיך אויס דעם ערגערן טייל. איידער צו לעבן אַמאָל אין קריוודע מיט'ן אראַבער — בע־סער גאָרניט טאָן, בעסער ליגן אַ געשמידטער אין קייטן אין געפענגניש, בעסער לייענען אַלערליי ביכער און ביכלעך מכח אַ דעמאָקראַטיע און שרייבן צו די דאָזיקע ביכער אַנ'אייגענעם באור.

וואָרום אין תוך גענומען, וואָס טוען דען אונזערע אַלע דעמאָקראַטן, וואָס היינט זיינען זיי אין וואַרשע, מאָרגן אין ניו־יאָרק און איבער־מאָרגן אין טראַנסוואַל? זיי ברעכן זיך דעם קאָפּ פאַר'ן אראַבער, פאַר'ן בושמען, פאַר'ן נעגער אין קאָנגאָ און ריידן ווי געלערנטע לייט וועגן זאַכן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט דערלעבט, וועגן פארבן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען. זיי זיינען יענע משרתים אויף פרעמדע חתונות, וואָס גרייטן די טישן מיט די שענסטע וויינען, נאָר צו טרינקען דעם ווייןהאָבן זיי זיך ניט דערוועגט און ווייסן אפילו ניט דעם טעם דערפון.

און דעריבער שפּילט טאַקע אונזער יידישע אינטעליגענץ, וואָס לערנט הלכות דעמאָקראַטיע דער גאַנצער וועלט, אַזאַ קלאָגעדיקע ראָליע: די ראָליע פונם משרת בא פרעמדע טישן.

ה' לעווין וויל זיך איצט קונה־שם זיין בא די אראבער. זאָל אים גאָט העלפן. ער איז דאָך אזא דעליקאטער מענטש, איך קאָן אים פאַר־זיכערן, אז די עכטע יידישע דעמאָקראַטיע — ניט די דעמאָקראַטן פון די ביכער, — וועט זיך ניט אָ פּ ז אָ ג ן פון א גרויסער נאַציאָנאַלער טאַט צוליב דעם, וואָס אין הונדערט יאָר ארום, וועט אפשר אויסקומען צו האָבן קאָנפליקט מיט'ן בעדואין און אראבער.

נאָוועמבער 1917.

נאסטאלגיע.

עס איז שוין לאַנג באַמערקט געוואָרן, אז פעלקער, וואָס וואוינען אין א בארגיק לאַנד, קענען ניט לאַנג אויסהאַלטן אין די פלאַכע לענדער. א טיפע, נאָגנדיקע בענקשאַפט נעמט ארום זייער געמיט; זיי ווערן שוואַך און נערוון־קראַנק. און עס ציט זיי אהיים, ווי מיט צוואַנגען. נאָס־טאַלגיע רופט מען דאָס אָן, און דאָקטוירים ראַטן אזעלכע פאַציענטן וואָס גיכער צו פאַרפּאַקן די טשעמאָדאַנען און פאָרן אהיים צו די שפּיציקע הויכע בערג, אין וועלכע עס רעש'ן אזוי די וואַסער־פאַלן און וואו עס רייסן זיך אדורך די פעלזן אַלערליי קוואַלן און קוועלכלעך.

אגב, די דאָזיקע נאָסטאַלגיע איז ניט בלויז די קראַנקהייט פון שווייצער, טיראָלער און קאַווקאַזער, ווען ער לעבט אין פלאַכן רוסלאַנד אָדער אין די אַמעריקאַנישע שטאַטן. דאָס אייגענע נאָגנדיקע געפיל אין א שוואַ־כערער פאָרם פילט אויך דער רוס, אָדער דער דייטש, ווען עס קומט אים אוים צו זיין אָפּגעריסן א לענגערע צייט פון זיין געבורטסאָרט, פון זיין היימישן קלימאַט.

אָבער חוץ דער דאָזיקער נאָסטאַלגיע איז נאָך פאַראַן א גייסטיקע נאָסטאַלגיע: די בענקשאפט נאָך א העכערן, בארגיקערן לעבן, נאָך אזא אַטמאָספערע, וואו עס לעבט און עס רוישט און וואו דאָס מענטשליכע דיינקען און די געפילן ברעכן זיך דורך מיט עקשנות נייע וועגן, נייע טונעלן.

די דאָזיקע נאָסטאלגיע האָט פונקט קאפויער שוין ניט איין מענטשן אָפּגעריסן פון זיין היימאַטליכן באָדן. זי איז געווען ניט די קלענסטע סבה

צוליב וואָס סיי דער רוס, ווי אויך דער מזרח־ייד רייסט זיך אַזוי קיין איי־ראָפּאַ.. די צוציאונקס־קראַפט פון אייראָפּאַ אויף דעם מזרח־מענטשן איז אַזאַ גװאַלטיקע, אַז מען קאָן זי אָפט פאַרגלייכן מיט׳ן הארצקלע-מעניש פון אַ טיראָלער, וואָס בענקט כסדר נאָך זיינע בערג.

אייראָפּאַ, אַלס שטענדיקער מאַגנעט, שפּילט אַ גװאַלטיקע ראָלע אין לעבן פון איטליכן הויך־באַגאַבטן רוסישן מענטשן. מ ע ר ב ־מ ע נ ־ט ש ע ן האָט מען גערופן די מייסטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ, זייט עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ גייסטיק לעבן אין רוסלאַנד. און אויך די סלאַ־וויאַנאָפילן, ווי למשל, דאָסטאָיעווסקי, האָבן זייער גאַנץ לעבן ניט געקאָנט פועלן בא זיך צו דערשטיקן די נאָסטאַלגיע צו אייראָפּאַ. זייער גאַנץ כעס צו אייראָפּאַ האָט זיך אָפט גענומען דערפון, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט לויז ווערן פון דעם אייראָפּאַ־כשוף.

נאָך אַ גרעסערע ראָלע האָט אייראָפּאַ געשפּילט בא דער יידישער נייער אינטעליגענץ. די אַלטע משכילים האָבן זיך גערופן "בערלינער" און עס איז כמעט ניטאָ בא יידן פון די פריער־יאָרן קיין איין באַדייטנדער מענטש, וואָס האָט ניט געשטילט זיין דורשט איינצוזויגן אין אייראָפּאַ גופא דעם גייסט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און קולטור. פאַר אונז איז אייראָפּאַ געווען דאָס באַרגיקע לאַנד, וואו מיר האָבן זיך אויסגערוט פון דער נודנער פלאַכקייט אַרום. וואָרום די רוסישע פלאַכקייט איז געווען פאַר אונז אַ דאָפּלטע. סיי קלימאַטיש, סיי גייסטיק איז דאָס געווען צו פלאַך פאַר מענטשן פון אַ גזע, וואָס האָבן געלעבט בא אַ לבנון און חרמון און אין גלות גערדאַפּעט זיך אויף די שפּיציקע בערג פון אַ תוספות, מה"רם און אַ מהרשאה.

ניט אומזיסט פלעגט מען באַטיטלען בא אונז אַן׳עלוי אַ גאון מיט די ווערטער „עוקר הרים". דער דאָזיקער באַרג־קלעטערער האָט קיין מאָל קיין באַרג ניט געזען, נאָר ער איז געוואָרן געבוירן מיט אַ גייסט צו קלעטערן אויף הויכע באַרג-שפּיצן.

און די פלאַכקייט פון דעם רוסישן באָדן אין פשט, רמז, דרוש און סוד האָט געדריקט אויף אונזער ברוסט, ווי אַ פלאַטשיקער שטיין, וואָס דערלאָזט ניט אויפצואָטעמען אויף אַ רגע. און דערום פלעגט אַזוי ציען ווי מיט צוואַנגען קיין אייראָפּאַ.

איצט אָבער, ווען די גרעניצן זיינען פאַרשלאָסן און די פּאָסט-פאַרבינ־דונגען האָבן זיך כמעט איבערגעריסן אויף 4 יאָר צייט, וועלן שוין קיין צוואַנגען אונז ניט אָפּרייסן פון דער גװאַלטיקער פלאַכקייט, וואָס דריקט אויף אונזער ברוסט. און די נאָסטאַלגיע אונזערע וואַקסט פון טאָג צו

טאָג. וואָרום אויך די אייראָפּייאישע רעוואָלוציאָנערע אידייען, וואָס ווערן איצט דורכגעפירט אין רוסלאנד, זיינען געוואָרן אזוי פלאַך, ווי דאָס לאנאַ אלגין, אז זיי זאָלן קאָנען אויסהיילן אינזער נאָסטאלגיע. פון אייראָפּייאישן ווייַן האָט מען געמאַכט א שיטערן נודנעם געטראנק, פון א אידייע, — בלויז א שאָטן.

און קראנק פון דער נאָסטאלגיע חלומ'ען מיר פון די צייטן, ווען מיר וועלן שוין קאָנען פארפּאַקן די טשעמאָדאנען און כאָטש דערזען מיט'ן זייט אויג די שפּיצן פון דעם דאָרטיקן אייראָפּא.

דעצעמבער 1917.

איך דער פינסטער.

דער פוילישער צענטראל־קאָמיטעט אין רוסלאנד האָט שטריינג פאר־זאָגט די פוילן זיך ניט צו מישן אין די אינוויינינקסטע אָנגעלעגענהייטן פון א פרעמדער מדינה.

די ענגלישע און די פראנצויזישע געזאנדשאַפטן ווערן באוואכט פון פוילישע סאָלדאטן.

די דאָזיקע ידיעות זיינען געווען געדרוקט כמעט אין דעם אייגענעם טאָג, ווען אין די צייטונגען האָבן מיר געליינט א טעלעגראַם, אז ענג־לאנד האָט אָפיציעל זיך ערקלערט פאר א יידישער פאלעסטינע.

זיצנדיק צווישן 5—6 דעם זייגער אין אָוונט אין דער פינסטער און זיך מאַכנדיק א דין וחשבון פון דעם דורכגעלעבטן טאָג אונטער דער שיי־נער השגחה פון לענינ'ען און טראָצקי'ן — האָט דאָס דאָזיקע בינטל נייס שטארק צערייצט מיינע נערוון.

מיט וואָס פאר א קנאה האָב איך געטראַכט וועגן די פוילן, וואָס זיינען שוין אריין מיט אלע אברים אין זייער אומאָפּהייננגיקן נאציאָנאלן קיום...

און ווי גיך זיי האָבן דאָס פארשטאַנען מסביר צו זיין די אָפיציעלע פארטרעטער פון די רעגירונגען, אז זייערע אינטערעסן מישן זיך שוין ניט צונויף מיט די אינטערעסן פונ'ם לאנד, וואו זיי זיינען נאָך פאר א פּאָר יאָר געווען די טרייע אונטערטאַנען כלומר'שט...

ווי ווייט איז דאָס דער מרחק צווישן אונז און יידן אין א פוילן!

עס וועלן נאָך טויזנטער וואַסערן איבערפּליסן ביז די געזאַנדשאַפטן וועלן אַנטרויען זייער זיכערקייט יידישע סאָלדאַטן פון טרומפּעלדאָר׳ס אָדער זשאַבאָטינסקי׳ס לעגיאָנען...

א יידישע פּאַלעסטינע! דער טויזנט - יעריקער חלום איז געוואָרן צו וואָר. די לעצטע צוואַנציק יאָר, צייט הערצל׳ס משיח-געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אויף דער באַזעלער טריבונע, זיינען ניט אַוועק לאַבוד. יאָר פאַר יאָר איז געלייגט געוואָרן אַ ציגל צום בנין, וואָס ווערט פאַרענדיקט. מיר, די צווייפלהאַפּטיקע, די וואָס זיינען אָפט געזעסן אין אומעט, ניט גלויבנדיק אין אונזערע כחות, האָבן ניט אומזיסט פאַרלעבט אונזערע יאָרן. פון אַלע אונזערע בענקשאַפטן, פון אַלע אונזערע, ניט גאַנץ-זיכערע שטרעבונגען איז באַשאַפן געוואָרן אַ׳עפּעס, וואָס איז, אין צייט פון וועלט-קריג געוואָרן געניג מעבטיק, אַז דער וואָג-שאָל פון אונזער היס-טאָרישן מזל זאָל זיך אַ קער טון צו אַ ליכטיקער צוקונפט.

און ווען מיר וואָלטן ניט איטליכער פאַר זיך געווען אַ צעבראָכן כלי, וואָלטן מיר דאָך אין טאָג פון דער אָפיציעלער שפּראַך וועגן אַ יידישער פּאַלעסטינע געדאַרפט אַרויסגיין מיט פויקן און טאַנצן אויף די גאַסן!

עס איז קיין תירוץ ניט וואָס פּעטראָגראַד, וואָס גאַנץ רוסלאַנד לעבט דורך די שווערסטע קאָנוואולסיעס פון דער רעוואָלוציע! זיינען דאָך די פּוילן אין פּעטראָגראַד אויך די עדות פון דעם, וואָס קומט פאַר אין סמאָלנעם אינסטיטוט, און פונדעסטוועגן האָט דער טומל אַרום ניט געקאָנט פאַרטויבן זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און צילן. אין די טעג פון אַרומיקן טעראָר האַלטן זיי רואיק וואַך בא די געזאַנד-שאַפטן, שטייען פעסט אויף זייערע פיס און ווייסן, אַז קיין לעניניסקער דעקרעט וועט זיי ניט מאַכן וואַקלדיק אין זייער שטאַנדפּונקט, בנוגע צו די אינוויינינקסטע אָנגעלעגנהייטן פון אַ פרעמדער מדינה.

מיר אָבער ליגן בראשנו ורובנו אין דעם פּלאָנטער, וואָס שטיקט דאָס גאַנצע לאַנד. אונזערע דאַן, ליבער, גאָץ, טראָצקיס, קאַמענעווס, זאַלקינדס, יאָפע, זעליקמאַנס, האָבן אפילו ניט באַמערקט, אַז ענגלאַנד רעדט פון אַ יידישן לאַנד. אונזערע „אָרט“, „יקא“ א. אַ. וו. האָבן זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט דערויף, און אויך אונזערע יאָרנלאַנגע קעמפּער פאַר פּאַלעסטינע אַלס יידיש לאַנד, האָבן ניט געפינען פאַר נויטיק צו באַווייזן כאָטש אַף איין אָונט, אַז די ידיעה פון ענגלאַנד איז פאַר זיי טויזנט מאָל וויכטיקער, ווי די שלום-מאַכעריי פון די פּאַרטייען מיט׳ן סמאָלני, ווי די רעזאָלוציע פון דעם אייזנבאַנער-פאַרבאַנד א. אַ. וו. א. אַ. וו.

איך ווייס, מען וועט מיר ענטפערן, אז פאַר דער שמחה מוז מען מאַכן איצט אַ „נדחה". אין די פויקן און טאַצן וועלן מיר קלאַפּן דעמאָלט, ווען עס וועט ווערן רואיקער אין רוסלאַנד. אַ שוואַכער ענטפער: ווען דאָס האַרץ בלוט פאַר פרייד, מאַכט מען ניט קיין נדחה'ס. אמת'ע פרייד שפּאַרט אַרויס פון האַרצן ניט פרעגנדיק דעם שולחן ערוך, צי מעג מען לאַכן פאַר גליק צי ניט.

צווישן 5—6 דעם זייגער אין אָוונט, בעת עס איז פינסטער אין דיין חדר, זעסטו אָפּט מיט אַ באַזונדער קלאָרקייט, ווי ווייט מיר זיינען נאָך דערפון צו זיין אַנ'אמת פאָלק מיט אמת'ע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, מיט אַנ'אומיטלבאַרן געפיל צו אונזערע צרות, ווי צו אונזערע גליקן.

אָ, ווי בין איך מקנא איצט דעם פוילן בײַ דער וואך פון פרעמדע געזאַנדטאַפּטן.

1918 – 1919

לכבוד ניי־יאר.

I

ניגון און ווערטער.

זיצט זיך אַ מענטש אין אַ טונקעלן חדר און טערעלייקעט אונטער דער נאָז אַ ניגונדל; אַ ניגונדל, וואָס איז באַקאַנט איטליכן חדר־ייִנגל; אַזוינס, וואָס איז שוין פאַרוואָכנדיקט געוואָרן, ווי אַן־איטאַליענישע אַריע אין׳ם גרעפּס־אַקאָמפּאַנימענט פון אַן׳אַלטער שאַרמאַנקע.

און דאָך כאַפּט דאָס ניגונדל אָן ביים האַרצן.

וואָס איז אַזוינס געשען פאַרוואָס איז דאָס מטושטשע ניגונדל געוואָרן איצט אַזוי געשמאַק? צי האָט די טונקלקייט פון חדר דעם צוגע־געבן מיט אַ מאָל אַזאַ נייעם חן? אָדער צי בין איך אַליין אין אַזאַ נשמה־צושטאַנד, אַז אָפּגעמעקטע אותיות באַקומען פאַר מיר פאַרב, אַז טויטע מעלאָדיעס שטייען אויף תחית המתים?

פרעגט מען דאָך אַ קשיא:
טראַ—לאַי—לאַי־-לאַי—לאַי—לאַי.
טראַ—לאַי—לאַי—לאַי—לאַי—גאַי,
לאַי—לאַי—לאַי?
ענטפערט מען אַ תירוץ:
טראַ—לאַי—לאַי—לאַי—לאַי, א. ז׳ וו.
הערט דאָך אָבער ווידער אַ קשיא:
טראַ—לאַי א. א. ז. וו.

איך זיץ אין צווייטן צימער, וואָס איז אויך אַזוי טונקל, ווי דאָס ערשטע, און מיין חוש השמיעה זויגט די אַלטע בית־מדרש׳דיקע מע־לאָדיע מיט אַ קריינקליכער גלוסטיקייט.

בעל־מחשבות אין פעטערבורג אין יאָר 1918.

צייכנונג פון מארק שאגאל.

די גאַנצע וועלט איז געוואָרן פאַר מיר אַ האַרבע קלאָץ־קשיא. איך
זאָמל צונויף דאָס גאַנצע פּעקל פון מיינע קענטענישן, פון מיינע איבער־
לעבענישן, פון מיינע יוגנט־חלומות — פון אַלץ, וואָס האָט געמאַכט
אַמאָל אַזוי פול און פוסט, אַזוי ליכטיק און פאַרוואָלקנט מיינע פאַר־
לעבטע יאָרן, און זוך אין זיי דעם תירוץ. קלינגט שוין פון צווייטן חדר
דער צווייטער זאַץ פון ניגונדל: האַרט דאָך אָבער ווידער אַ קשיא, טראַי־
לאַי—לאַי—לאַי א. ז. וו.

דאָס הייזעריק קרעכצנדיק טאַרעלייקען צערודערט מיין גאַנצע
נשמה. איך פיל זיך ווי אַ בינטל וואָס ווערט אַלע ווײַלע צעפאַלן אין
איינצעלנע פעדעם, איך האָב שוין עפּעס קיין צובונד ניט צו גאָט, ניט
צו דער וועלט, ניט צו זיך, איך וואַקל אַרום אין טונקעלן שטח ווי אַ צע־
ריסן שפינוועבס און פון אַלע לעכער און ווינקלעך בלאָזט אויף מיר
אַ מאָוימדיקע רעטעניש־געשטאַלט. וואָרום איך פיל זיך סיי גאַנץ סיי
צעפאַלן, סיי פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער שורה גערדאַנקען,
מיט אַ גאַנצן טייך פון געפילן, מיט'ן ים פון אינסטינקטן, וואָס זיינען
מיינע, דער וועלטס און גאָטס. איך פיל מיין צוזאַמענהאַנג מיט אַלץ אין
דער וועלט און צוגלייך פיל איך מיין פאַר'יתום'טקייט, מיין פאַראייִנזאַמ־
קייט, מיין אָפּגעשיידנהייט פון דער וועלט.

און מיט אַמאָל ווערט עפּעס ווידער רואיק אין מיר. מיין שכן האָט
פאַרענטפערט מיט זיין טאַרעלייקען אַלע קשיות. ער האָט שוין אפילו פאַר־
אויסגעזען אַ נייע קשיא, און די אויך פאַרענטפערט. זיין שטים איז
אַריבער פון מינאָר' אויף מאַזשאָר. ער גלעקלט שוין מונטער: און טאָ־
מער וועט איר פרעגן — טראַי—לאַי—לאַי—, ענטפערט מען טראַי־
לאַי—לאַי, א. ז. וו.

די בין־השמשות'דיקע לופט איז עפּעס קלערער געוואָרן, עפּעס אַ
לויטערקייט צעגיסט זיך אין מיין געמיט. די פעדים פון מיין איך האָבן
זיך ווידער אויפגעשטעלט ווי די גאַרבן, און בויגן זיך פאַר עפּעס אַ געט־
ליכער גאַנצקייט, וואו אַלץ איז אויף אַנ'אָרט, האַרמאָניש, וואו עס איז
ניטאָ דער ווילדער ברום פון לייב און דער לעצטער פּישטש פון זיין
קרבן.

דאָס געדויערט אָבער ניט לאַנג, וואָרום מיין שכן איז ווידער אַריינ־
געקראָכן אין דער בלאָטע פון אַ מורא'דיקער קשיא, און זיין קול ברומט
שוין זיין טראַי—לאַי—לאַי מיט אַ אומעטיקן מינאָרנעם טאָן.

ווען וועט זיך ענדיקן דער דאָזיקער צושטאַנד מיינער, אין ניגון גע־
קייט? ווער איז ער, דער שכן, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעזונגען מיט אַזאַ

התמדה אין דער פינסטער, וואו איז דער אנהייב, וואו איז דער סוף פון דעם ליד? צי זינגט דאס א מענטש, צי איז דאס ניט שוין די נאכט־שירה פון דער גאנצער וועלט, וואס איז ניט קיין לויב, ניט קיין גנאי, נאר איין־איינציקע קשיא? צי טערעלייקעט ניט אזוי די גאנצע בריאה, ווען עס ווערט פארלאשן דער לעצטער שטראל אויף דער ערד? קוק זיך איין אויפן גרעזל, וואס לאזט אראפפאלן זיין שפיציק קעפל; אויף דעם בלעטער־בוים, וואס לאזט אזוי אומעטיק אראפ זיינע צווייגן, אויף דאס היטל וואס ציט זיך צונויף אין זיין ברעטער־הייזל, אויף דעם פארשפארטן קעלבל, וואס קוקט אזוי תמעוואטע דורכן שפאלט פון זיין שטאל.

צי לעבט ניט די קשיא אויף די לעפן פון איטליכן שלאפעדיקן? צי לייענען מיר ניט די דאזיקע קשיא אויף דער מאסקע פון א בר־מינן? אויף דעם פונאנדערגעווארפענעם קאפ פון א טויטער נבלה אין מיטן פעלד?

פליצים האט א בליאסק געטאן אין מיין צימער, אין דער אייגענער רגע איז איבערגעריסן געווארן דאס ליד פון מיין שכן. א ציטער איז אדורך מיין לייב. עפעס האט ווידער צונויפגעקליבן דעם צעפאלענע נערוון־בינטל אין מיר. אבער דאס זיינען ניט געווען די גארבן, וואס האבן זיך געבוקט פאר עפעס א געטלעכער גאנצקייט...

דאס צימער האט באקומען זיין עלעקטרע אויף עטליכע שעה.

II

ווערטער אן א ניגון.

איטליכס ווארט איז א רמז. די מוטערשפראך איז פול מיט אלערליי פארשטעלונגען און בייפארשטעלונגען, וואס רינגלען ארום דעם פשוטן זאץ, ווי די בייטענער פון הויפט־קאמערטאן. רעדט אבער עמיצער אויף א פרעמדער שפראך, פארשווינדן די נאטירליכע הארמאנישע בייטענער, אדער קלינגען מיט אזוינע, וואס זיינען א גרילץ פארן אויער און א מוראדיקע דיסהארמאניע. הערט זיך צו צו די רוסישע אינטעליגענטישע שמועסן פון אונזערע געבילדעטע יידן, און איר וועט בא־

גרייפן, ווי אזוי דאָס מענטשליכע וואָרט, וואָס איז אויך אַ שירה צו נאָט, קאָן געמאָלט זיין אָן אַ ניגון, סיאַניזאַציע, פּראָלעטאַריזאַציע, סינ־טעזאַציע, מענשעוויסטסקי, באָלשעוויזם, ציממערוואַלדסקי, עסדעס און אַ. וו. — צי האָמערט ניט אין אייער מח ווי אַ פּויק אָן אַ ריטם?

עס זיצן איצט אין מיין צימער עטליכע יידן, יידן מיט דיפּלאָמען, יידן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין בתי־מדרשים, אוניווערסיטעטן און אין אַלערליי פּאָליטישע קליינעקלעך. איטליכער פון זיי האָט זיך זיין קוק אויף דער וועלט, זיין ספּעציעלן טעם. פאַרוואָס צווישן די הונדערטער טויזנטער זיינס־גלייכן קאָן ער ניט געפינען אַ פּאַסיקע פּאָר פאַר זיך. מען האַקט רוסיש, מען דעבאַטירט, מען קוקט דעם צווייטן אין די אויגן, נאָר מיט איין געדאַנק: ווען וועט ער שוין פאַרטיק ווערן, אַז אי ך זאָל שוין קאָנען ריידן. עס שטראָמען די ווערטער פון די מיילער, פאַרבייגייענדיק איי־נער אָן דעם צווייטן, עס ציען זיך ליניעס און אויבערפלאַכן, וואָס טרעפן זיך ניט צונויף, וואָס שניידן זיך קיינמאָל ניט אפילו אין דעם גרויסן מרחק.

איך גיי אומישנע אַרויס אין קאָרידאָר און וויל כאַפּן מיט'ן אויער די גאַנצע מ ו ז י ק, וואָס טראָגט זיך פון אַהינטער מיין צימער — און דערפיל דעם מיאוס'ן טעם פון ווערטער אָן אַ ניגון.

וואָס פאַרבינדט דעם מענטשן מיט אַ צווייטן? דער ניגון. דו האָסט זיך ניט באַפריינדעט מיט דיין איצטיקן חבר, מחמת זיינע גרויסע פּיי־איקייטן און קענטענישן, נאָר מחמת זיין פּערזענליכן ניגון. דו ביסט ניט קיין איבערגעגעבענער זון פון דיין אַלטער נאַרישער מאַמע, מחמת אירע מעלות, נאָר מחמת דער האַרמאָניע פון די ניגונים, וואָס טראָגן זיך פון דיר צו איר און פון איר צו דיר. דו האָסט זיך ניט פאַרליבט אין דיין שיין און וואָיל ווייב מחמת איר שיינקייט און קלוגשאַפט, נאָר מחמת דער מעלאָדיע, וואָס טראָגט זיך אַזוי זאַנפט און מילד צו דיין האַרצן. און ווען דו פילסט ניט קיין צובונד צו דער איצטיקער אינטעליגענטי־שער יוגנט, וואָס אַרבעט אויף אַלע כלים אין הלכות סיאַניזאַציע, פּראָ־לעטאַריזאַציע אויף אַלערליי לשונות, איז דאָס דערפאַר, ווייל דו פילסט ניט קיין ניגון אין זיי.

דער ווייזער רוקט זיך שוין אויף 12. באַלד הייבט זיך אָן אַ ניי יאָר. וואָלט איך איצט געוועזן אַליין באַ מיר — וואָלט אפשר זיך צעגאָסן אין מיר עפּעס אַ שטילע מעלאָדיע, און איך וואָלט אויף אַ רגע געלעבט אין טעות, אַז דאָס זינגט ניט נאָר מיין האַרץ, נאָר טויזנטער, טויזנטער מיינס גלייכן. איצט אָבער, ווען אין מיין צימער האָט זיך אַריינגעריסן

א חברה יידן, וואָס קאָנען אַזוי קונציק אַראָפּרייסן פון וואָרט זיין זינגענדיקע מעלאָדיע, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס קומענדיקע יאָר וועט זיין א יאָר אָן א ניגון.

עמיצער האָט צעשפּאָלטן דעם דעקל פון א פידל, און דער טויבער שפּילער הערט ניט די נרילצנדיקע טענער פון זיין סמיטשיק. דער גאַנצער מענטשנפולער חדר, וואָס האָט אויסגעטאָן די ווערטער פון זייער נאַטירלעכער מעלאָדיע, שיינט מיר צו זיין א מין דול־הויז, וואו צווישן די ביינקלעך שאַרט זיך דער טויט, ווי א נאַסע, גרויע צעפּלאָסענע חיה רעה.

דער זייגער האָט אָפּגעקלאַפּט זיינע 12 קלעפּ. אויף א רגע איז שטיל געוואָרן אין חדר. די טרוקענע ביינערדיקע ווערטער זיינען פאַרשטומט געוואָרן ביים מעטאַלישן מעלאָדישן קלאַנג פון א פּירקאַנטיק קעסטל. די "אציעס" און "איזמען" זיינען געבליבן הייגגען אין דער לופט, ווי אויסגעריסענע אברים פון טויטע אינזעקטן...

פּלוצים האָט איבערגעריסן דעם שמועס פון זייגער א גרילץ פון א פרעמדער וועלט, „ס נאָווים גאָדאָם", און אויך די ווערטער זיינען געוועזן אָן א שום ניגון.

יאַנוואַר 1918.

ווען דאָס קינד דייבקט.

דער קינדערשער מח זעט נאָר צוויי קרעפטן אומעטום. דאָס יונג קעפּל קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אין דער ממשות׳דיקער וועלט זיינען פאַראַן ניט צוויי קרעפטן, נאָר טויזנטער, א פּלאָנטער פון אלערליי קרעפטן, וואָס דאַרפן דאָ ווערן געבעדניקט און דאָרטן ווערן אַרויסגעלאָזן אין דער גאַנצער לעבעדיקייט זייערער.

פון יוני אָן ביז׳ן היינטיקן טאָג הערט מען נאָר איינס: די סיבה פון אלע צרות איז דער באָלשעוויק, דער באָלשעוויק איז דער שעיר לעזאזל, וואָס טוט אָפּ אלערליי שמאַדס־שטיק. ווען ניט דער באָק, וואָלט אין רוסלאַנד אלץ געגאַנגען גלאַט, ווי אויף פּוטער. איז אָבער געקומען דער באָלשעוויק און האָט אלץ קאַליע געמאַכט.

און פון אָקטאָבער אָן הערן מיר איין געשריי, אַז ראַטעוועט קאָן אונז נאָר איין איינציקער בעל־הבית: ד י ג ר י נ ד ו נ ג ס ־ פ א ר ז א מ ־

לונג. ער וועט קומען דער בעל־הבית פון דער רוסישער ערד (די באַ־ליבטעסטע פראַזע פון אַלע רוסישע צייטונגען פון די רעכטע ביז די לינ־קע), וועט מאַכן אַ טאָלק און וועט אונז געבען אַלץ, וואָס דאָס האַרץ נאָר גלוסט.

די סיבה פון אַלע צרות איז אין איין שעיר לעזאזל און די אויסלייזונג פון אַלע צרות איז דער איין־איינציקער משיח. דער פּאָליטישער מח פון איצטיקן רוסישן כּלל־טוער וויגט זיך צווישן אַ באָק און משיח׳ן. ער איז ענליך צו די אַלטע פּערזער, וואָס האָבן געטיילט די וועלט אין צוויי פּשוט׳ע קרעפטן, אין אַנ׳אַרמוזד און אהריאַמאַן, אין אַ גאָט פון ליכט און אין אַ גאָט פון דער פינסטערניש. איז מנצח אַרמוזד — וואַקסן בולקעס אויף די בוימער; איז מנצח אהריאַמאַן — גיט מען אויף די ברויט־קאַרטן אַרויס ניט מער, ווי אַ פערטל פונט אַ טאָג.

אַט די דאָזיקע איינגע השגה, וואָס טרייסלט פון זיך אָפּ, ווי צו תשליך ראש־השנה, אַלע אייגענע זינד און וואַרפט זיי אַרויף אויף איין איינציקן באָק, אַט דער גלויבן אין אַ משיח, וואָס קען על פּי נס איבער־קערן אַלע וועלט־געזעצן און מאַכן פלייצן טייכן מיט וויין, אַז מען זאָל שווין ניט דאַרפן אין די ווינטערדיקע פרעסט ברעכן מיט אײַזערנע שטאַנגען די פּעטערבורגער בראָנפּען ־ קעלערס, אַט די דאָזיקע פּאָליטיש־קינדערשע השגות ברייגנען אום די רוסישע מדינה פון דער וועלט.

אודאי איז דער באָלשעוויק שולדיק אין טויזנטער אומגליקן, אָבער על כּל פּנים ניט ער אַליין. ווען מען זאָל צונויפלייגן די חטאים פון דער ערשטער צייטווייליקער רעגירונג, פון די ערשטע אַרבעטער־ראַטן ביז צו דער דיקטאַטור פון לענינען אויף איין וואָגשאָל, און די עבירות פון די באָלשעוויקעס אויף אַ צווייטן — ווייס איך נאָך ניט, , וועלכע וואָג־שאָל וועט איבערוועגן.

אוודאי איז אַ גרינדונגס ־ פאַרזאַמלונג אין אונזער איצטיקן מצב זייער אַ וויכטיקע פאָלקס ־ אינסטיטוציע. אודאי קען זי ווערן דער בעל־הבית, וואָס נעמט די גאַנצע פירונג אין די הענט. אָבער ווען איז דאָס געמאָלט — ווען דער בעל־הבית שטייט אַזוי פעסט אויף די פיס, אַז קיין זייטיק ווינטל קאָן אים ניט אַוועקבלאָזן.

וואָס קאָן אויפטאָן אפילו דער אמת׳ער משיח, ווען ער איז געשמידט אין קייטן? וואָס וועט קאָנען פועל׳ן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווען זי וועט זיין אין געפאַנגענשאַפט בא דעם צוזאַמענפּאַר פון די ראַטן אין סמאָלני?

פון וואַנען נעמט זיך דאָס בא אונזערע פּאָליטיקער, אַז דער נייער בעל־הבית וועט זיין זעלבשטענדיקער, ווי דער אַלטער בעל־הבית אין סמאָלני? און צי קאָן מען בכלל ריידן אין רוסלאַנד פון א בעל־הבית איצט, ווען דאָס וואָרט „בעל־הבית", באַדייט כמעט איצט דאָס אייגענע, ווי בורזשוא, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער א. ד. גל.

פון וואַנען נעמט זיך בא זיי די קינדישע אמונה, אַז סמאָלני, וואָס האָט בכח צו פירן א קאַמף קעגן א העלפט רוסלאַנד אין דער געשטאַלט פון אוקראַינע, וועט פחד באַקומען פאַר עטליכע הונדערט אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן, וואָס פאַרמאָגן אפילו ניט קיין איינציקן קוילנוואַרפער אין זייער בעל־הבית׳ישקייט?

און טאַקע אין דער לעצטער געשטעלטער פראַגע ליגט דער שווער־פּונקט .פון אַלע פראַגן אינאיינעם גענומען.

אין וואָס באַשטייט דער כח פון א גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? אפשר דערין, וואָס דאָס איז אַזא מין עגיפּטישער טאַבו (א חיה, וואָס מען טאָר ניט טשעפּן, וואָס מען טאָר ניט מקריב זיין און מען מוז דאָס פאַרגעטערן)„ אָן וועלכן מען טאָר זיך ניט אָנרירן?

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז פון מאַרקס׳ן, פּלעכאַנאָוו׳ן ביז לע־נינ׳ען קוקן ניט די סאָציאַליסטן אויף א גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווי אויף א הייליקער חיה, וואָס מען טאָר ניט מקריב זיין פאַר׳ן גאָט פון דער רעוואָלוציע. פּלעכאַנאָוו און לענין מעגן האָבן פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן, נאָר דערין זיינען זיי ביידע מסכים, אַז א גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג איז אַנ׳עבד בנעני בא די רעוואָלוציאָנערע מאַסן. ווי באַלד נאָר זי טוט ניט זייער ווילן, מוז מען זי צעטרייבן, ווי א קנעכט, וואָס טוט ניט דעם ווילן פון פאָלק. און אַזוי ווי די השגה וועגן רעוואָלוציאָנערע מאַסן איז בא לענינ׳ען און פּלעכאַנאָוו׳ן זייער פאַרשידן, — וועט אויס־קומען איין טאָג לענינ׳ען צו זיין דער בעזים פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג, און אַנ׳אַנדערס מאָל פּלעכאַנאָוו׳ן אָפּטאָן די דאָזיקע קער־מלאכה. עס הייננגט נאָר אָפּ פון דעם, אויף וועמענס צד עס וועלן זיין די באַיאָנעטן, קוילן־וואַרפער און אַרטילעריע.

אויך איצט, ווען מען רעדט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווי וועגן דעם „בעל־הבית" א. א. וו. ווייסן די סאָציאַליסטן, וואָס קענען קלאָר־אויסווענינק זייער רעוואָלוציאָנערן שולחן־ערוך, אַז דער בעל־הבית האָט ניט קיין שום ממשות, כל זמן ער האָט פאַר זיך ניט די אַרמיי און די אַלע צעשטערונגס־מכשירים פון דער אַרמיי. און ווען עס נעפינט זיך אַזוינע, וואָס נעמען די ווערטער מכח דעם "בעל־הבית" ערנסט, באַווייזט

דאָס ערשטנס, אַז דער שוואַכער איז שטענדיק נוטה צו פאַרגעסן די הארבע אמת'ן, וואָס ער האָט אַליין שוואַרץ אויף ווייס געדרוקט אין זיינע רעוואָלוציאָנערע בראָשורן. און צווייטנס, אַז ווען מען ליגט אין דער בלאָטע באַקומט מען דעם קינדערשן פּאָליטישן שכל, וואָס האָט נאָר צוויי השגות: די השגה פון איין־איינציקן זינד־באָק און פון איין־איינציקן משיח"ן.

יאַנוואַר 1918.

דער שניידער און דער זייגערמאכער.

בא אונז אין די יידישע שטעט און שטעטלעך טיילן זיך די שניי־דער אין צוויי סאָרטן: אין אזוינע וואָס מאכן צו־שמאָל דעם בגד, און אזוינע וואָס מאכן אים צו־ברייט.

קומט אזא שניידער מיט די אָפּגעבראַכטע מלבושים אויף יום־טוב, — ווערט דעם חתן־בחור פינסטער אין די אויגן: אָדער ער שפּאַרט ארויס פון די נעט, אָדער די קאַפּאָטקע הייגנט אויף אים, ווי א זאק.

דאָס אייגנע איז מיט די זייגערמאַכער: איין מין זייגערמאַכער בע־סערט אזוי אוים דעם זייגער, אַז ער לויפט איין עטליכע מינוט יעדע שעה. און איז דאָס א וואַנט־זייגער, — וועט ער אייך אָפּקלינגען כסדר א מארש פון 13־15־17, ביז די וואָג וועט ניט אראָפּפאַלן אויף דער ערד, אָדער ער וועט בכלל פארשטומט ווערן אויף אייביקע צייטן.

עס איז געווען א צייט, ווען איך האָב אָן שנאה ניט געקאָנט אָנקוקן ניט אונזערע שניידער, ניט אונזערע זייגערמאכער. און אזוי ווי מיין שטעטל איז ניט ווייט געווען פון דייטשן גרעניץ, פלעג איך זיך פאר יום־טוב שטענדיק אריבערכאַפּן מיט א פעקל, און באַשטעלן מיין בגד בעסער בא דעם ביר־טרינקער און קאַלבאַסניק, איידער בא ר' שמואל, דעם גרעסטן מענסקן שניידער פון אונזער שטאָט. דאָס אייגנע פלעג איך טון מיט מיין זייגער: איידער אים געבן מלאכה'נען ר' פינען דעם אלטן בלייכינקן יידן, וואָס איז א ממונה אויפן שטאָט־זייגער — פלעג איך אים שוין אָנפארטרויען דעם דייטשן מילער, וואָס האָט געוואוינט בא יענער זייט גרעניץ. אקעגן וואָס דערצייל איך דאָס? אקעגן דעם, וואָס אלס פאָלק זיינען מיר נאָר פאַרטאַטשעס.

צייט דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן מיר באקומען די מעגליכקייט צו פארריכטן דעם צעבראָכענעם מעכאניזם פון אונזער קהל'שער מאַ־שינע; זיינען מיר בכח זיך צו שאַפן נייע אָרגאַניזאציעס, זיך אָנצוטון אין נייע סאָציאַלע בגדים. און פונדעסטוועגן איז אונזער געזעלשאַפטליכער מעכאַניזם נאָך אַלץ א פאַלש־גייענדיקער, און מיר האָבן נאָך אַלץ ניט געשלאָסן דעם בגד, וואָס פאַסט פאר אונז.

אין פעטראָגראַד און אין פיל אַנדערע ערטער באַקלאָגט מען זיך אויף דער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער מאַסע, סיי צו די קהלה־וואַלן, סיי צו די קומענדיקע וואַלן אין אַלגעמיינעם רוסלענדישן־יידישן צוזאַמענפאָר.

דער גרעסטער טייל פון די פאָלקס־מאַסן איז פאַרנומען מיט וואָס איר ווילט: מען ספּעקולירט און לערנט בלק מיטן אַרבעטער־ און סאָל־דאַטן־ראַט, מען פאָרט קיין בריסק מאַכן שלום מיטן דייטש, מען האַנדלט איין בשתיקה א פאָר פוד מעל און צוקער, מען רייסט זיך פאַר די נעזער אין די ראַדעס, אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך מכח דעם, צי מעג אַ ייד האָבן זיינע אייגענע אינטערעסן, צי ניט. קורץ און גוט, מען אַרבעט אויף אַלע כלים, נאָר מיט דער יידישער געזעלשאַפטליכער מאַשין באַ־גייט מען זיך ווי א פאָרטאַטש, בדרך אגב. נאָכמער, מען באַמערקט, אַז א טייל פון אונזערע פּאַרטיי־קלייזלעך שרעקן זיך א ביסל פאַר א קו־מענדיקער יידישער קהלה און פאַרן אַליידישן צוזאַמענפאָר. עס כאַפּט זיי אָן דער אייגענער שרעק, וואָס די באָלשעוויקעס, ווען עס האָבן זיך געענדיקט די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

און וואָס וועט זיין, טראַכט זיך דער "בונד", — וואָס איז איצט א פּאַרטיי מיט מער גענעראַלן אַלס סאָלדאַטן — ווען די ציוניסטן, און אַנדערע וועלן האָבן די מערהייט? צי וועלן מיר האָבן אויך אַזא כח ווי די באָלשעוויקעס, אַרויסצוגעבן א דעקרעט אָפּצורופן אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק די אויסגעווײלטע?

און ווען די קהלות וועלן זיין ניט נאָכן וואונש פון אונזערע סאָציאַ־ליסטן, צי וועלן מיר זיי אויך קאָנען צעטרייבן, ווי אונזערע חברים די רוסישע באָלשעוויקעס?

ווידער זיינען דאָ אַנדערע, וואָס זיינענדיק פאַרשכור'ט פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע, האָבן זיי פאַרלוירן די השגה פון דער וויכטיקייט פון די קהלה־וואַלן. וואָס קאָן שוין אונז אינטערעסירן א קהלה ערגיץ־וואו אין גלות, ווען מען גיט אונז אוועק פּאַלעסטינע? וואָס קאָן אונז שוין צוזאָגן א יידישער צוזאַמענפאָר, ווען די אַלוועלטליכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז איצט די הויפּט־מאַכט אונזערע? אויך די דאָזיקע וואָס זעען די זאַכן אָדער צו־ברייט, אָדער צו־שמאָל, זיינען פאַרטאַטשעס. אויך זיי האָבן ניט די ריכטיקע השגה פאַר דעם נאָנטן וואָס שטייט אונז פאָר דער אבסענטעאיזם, וואָס באַמערקט זיך איצט אויף דער יידישער גאַס, איז דער בעסטער באַווייז ווי אומפאַרבאַרייט מיר זיינען נאָך, אום ריכטיק אויסצונוצן אפילו די מתנה פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע.

בלויז דאָס פאָלק, וואָס האָט אַ ריכטיקן חוש פאַר דאָס טאָג־טעג־ליכע, קאָן בויען פאַר דער אייביקייט.

די מוסולמענער, ליטווינער, לעטן — אַלע, אַלע זיינען שוין אָרגאַניזירט, נאָר מיר יידן האָבן נאָך ניט אָנגעשטעלט די מאַשין, וועלכע איז אַזוי נויטיק פאַר דער קומענדיקער גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבעט, וואָס שטייט פאַר אונזער טיר.

יאַנוואַר 1918.

פּראָטעקציע.

איך בין אַ ייד, וואָס האָט כל ימיו געלעבט פון פּראָטעקציע. מיין זון איז אַריין אין אַ קאַזיאָנער גימנאַזיע דורך פּראָטעקציע. איך האָב באַקומען אַ בריף צו אַ גוטער פריינדין פון דעמאָלטדיקן רוסישן מיניסטער. מיין טאָכטער האָט צוליב פּראָטעקציע באַקומען די פּראַוועס צו עפענען נאָך אין סערגיי׳ס *) צייטן אַ צאָן־דאָקטאָר־קאַבינעט אין מאָסקווע. און ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן דער קריג, האָב איך על פּי פּראָטעקציע אַריינגעשאַפן מיינע זין אין אַלערליי ״סאָיוזן״, **). איינער איז אָנגעקומען אפילו אַלס אַ שאָפער. אמת, דעם אויטאָמאָביל האָט ער אַליין געמוזט קויפן.

קורץ און גוט — אָן פּראָטעקציע וואָלט שוין פון מיר און מיינע קינדער לאַנג געוואָרן אַש און בלאָטע.

אין די ערשטע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע האָב איך זיך אויך ניט געהאַט צו באַקלאָגן. איך האָב געהאַט אַ יד אפילו צו קערענסקי׳ן. מיין טאָכטער האָט מאָל אים פּלאָמבירט אַ צאָן. ווער רעדט שוין, אַז טערעשטשענקאָ איז מיר געווען נאָנט באַקאַנט. האָב איך דאָך נעהאַנדלט אין קיעוו מיט צוקער.

וועט איר דאָך פרעגן, וואָס דאַרף מען אין אַ צייט פון רעוואָלוציע פּראָטעקציע, און נאָך באַ אַזאַ רעוואָלוציע, ווי אין רוסלאַנד, וואו מען קאַרגט ניט מיט פרייהייטן? וועל איך דערויף ענטפערן, אַז ערשטנס האָב איך געדאַרפט שטעלן מיין ייִנגסטן זון צום פּריזיוו, וואָס איז גראָד

*) סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דעם צאַר׳ס ברודער, געוועזענער שטאַט־שעף פון מאָסקווע.

**) געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער אַרמיי. זייערע מיטאַרבעטער זיינען געווען באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

אויסגעוואקסן צו דער צייט, ווען מיליוקאָוו און קערענסקי האָבן געפירט א קריג ביז צו א פאָלקאָמענעם זיג איבער די דייטשן. און צווייטנס איז געווען א מעשה מיט סחורה... הכלל, — פּראָטעקציע קומט אלע מאָל צו־נוץ, אפילו בא אלע פריהייטן....

דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפן, און האָט פון מיר די פּראָטעקציעס ניט אָפּגענומען. כמעט ביז נאָיאבר מאָנאט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן נאָך ניט צעטריבן די שטאָט־דומעס.

איצט אָבער איז ביטער. צו די נייע בעלי־בתים אין סמאָלני האָב איך קיין שום פּראָטעקציע ניט. און גראָד איצט קומט מיר אוים צו האָבן אלע טאָג עסקים מיט דער נאַטשאַלסטווע. ניט חלילה וחס צוליב מיר, — איך פיר שוין ב״ה ניט קיין געשעפטן, מיין פאמיליע איז אין פינלאַנד און מיין געלט האַלט איך אויך ניט אין די רוסישע ביינק.

נאָר עס פארגייט ניט א טאָג, ווען מען זאָל ניט דארפן עמיצן פון מיינע באקאנטע לייז מאכן פון טורמע. און איר ווייסט דאָך, אז מיט פדיון שבויים האָב איך זיך שטארק מתעסק געווען נאָך ביים אלטן רעזשים אין וויטעבסק. בפרט נאָך, אז עס זיצן מיינע פּלימעניקעס און נאָנטע קרובים... שטעלט זיך פאָר: איינער זיצט דערפאר, וואָס ער האָט גראָב אָפּגעזאָגט א סאָלדאט, ווען יענער האָט אים אָנגעבאָטן א פלעשל בראנפן וואָלוול צו קויפן, און א צווייטער דערפאר, וואָס ער איז א ״סאבאטאזשניק״. ער איז געווען א מאכער אין דומע בא די שפּייז־פארטיילונג. מילא, עס איז ניטאָ וואָס צו ריידן. מען דארף ניט קיין סך, צו פארפאלן ווערן מיט א מאָל אין טורמע.

האָב איך אָבער גראָד איצט ניט קיין שום פּראָטעקציע. וואָרום מכח פּראָטעקציע בין איך געוואוינט צו האָבן צו טאָן נאָר מיט גויים: דער אייבערשטער זאָל אייך אויסהיטן צו האָבן צו טאָן מיט יידן. און אין סמאָלנע זיצן לויטער יידן.

צי האָט איר אפשר ניט קיין פּראָטעקציע צו א גוי אין סמאָלנע?

איך האָב געהערט אפילו, אז אייער פּלימעניק איז איצט א מיניסטער דאָרטן. נאָר, איר מוזט מיר שוין מוחל זיין. פון א יידישער פּראָטעקציע האַלט איך עפּעס ניט.

יאַנוואַר 1918.

בלוט וואָס הערט ניט אויף צו זידן.

נאָך דער ערשטער דומע איז דאָס געוועזן דאָס בלוט פון הערצנשטיין און יאָלאָס. נאָך ביז היינטיקן טאָג בלעזלט און קאָכט דאָס בלוט פון די צוויי וואָס זיינען געפאַלן אַלס א קרבן פון אַלטן, דורך און דורך צעפוילטן רעזשים. היינט איז דאָס — דאָס בלוט פון שינגאַריאָוו'ן און קאָקאָשקינען *), וועלכע זיינען געוואָרן די אומשולדיקע קרבנות פון דעם דורך און דורך צעפוילטן רוסישן רעוואָלוציאָנערן רעזשים.

דאָס דאָזיקע אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט וועט נאָך שטאַרקער און מורא'דיקער זידן, ווי דאָס בלוט פון הערצנשטיין און יאָלאָס.

דער טויט פון שינגאַראָוו און קאָקאָשקין וועט שטענדיק אונז דערציילן פון א פאָלק, בא וועמען דער המון איז געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית און צו וועמען עס איז אַריבער דער גאַנצער צאַרישער מוטווילן מיט אַלע זיינע ווילדע קאַפריזן און שפּרינגערייען און נאָך עפּעס דערצו. וואָס פאַר א באַדייטונג קאָן האָבן בא אזא המון דער נאָמען פון א שינגאַריאָוו'ן? וואָס ווייסט ער פון אים, פון די קאַמף־יאָרן זיינע און זיינע מאָראַלישע כחות, וועלכע ער האָט מיט אזא ברייטן האַרץ פאַרשאָנקען זיינע אָרעמע דערשלאָגענע און פאַרגרעבטע ברידער?

וואָס באַדייט פאַר אים קאָקאָשקין, וועלכער איז זייט 12 יאָרן געוועזן דער קעמפער און דער שומר פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע? ער האָט פאַר אים נאָך א קלענערע באַדייטונג, ווי פאַרן אַלטן רעזשים אַנאויסדערווויילטער אין דומע, וואָס איז אַרוים אין דער וועלט מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען.

שינגאַריאָוו'ס און קאָקאָשקינ'ס טויט עפענען פאַר איטליכן פילנדן און דיינקענדעם מענטשן דעם גאַנצן פינסטערן אָפּגרונד, וואָס ליגט צווישן המון און דער אינטעליגענץ; דער אָפּגרונד פון וועלכן מיר אַלע קאָנען אין א שיינעם פרימאָרגן פאַרשלונגען ווערן אַלע מיט אמאָל.

דער טעמפּער גרויזאמער מאָרד, וואָס דער קאַראַול האָט אויסגעפירט אין שפּיטאָל איבער קראַנקע מענטשן, האָט אָנגעוואָרפן אַנ'אימה ניט נאָר אויף מיר און אייך, נאָר אויך אויף די באָלשעוויקעס. זיי האָבן מיטאמאָל באַשיינפּערליך דערזען דעם שרעקליכן מלאך־המות, וואָס איז בלינד און טעמפּ, וואָס מאַכט ניט קיין חילוק צווישן אָ קאַפּעלוש און אָ קאַפּעלוש און וואָס אלס א פולקאָמענער בעל־הבית פון לאַנד, קאָן מאָרגן דאָס אייגענע טאָן מיט סטעקלאָוו'ן און טראָצקי'ן, וואָס ער האָט געטאָן מיט

*) פירער פון קאַדעטן־פּאַרטיי, דער'הרג'עט דורך מאַטראָסן קראַנקערהייט אין שפּיטאָל, וואוהין מ'האָט זיי אַריבערגעפירט פון טורמע.

שינגאריאָוו׳ן. וואָרום דער דאָזיקער מלאך־המות וויל ניט וויסן ניט פון קיין טריבונאל, ניט פון קיין משפּט. ער רעכנט זיך אפילו ניט מיט דעם ווילן פון די לעבנים און טראָצקים. ער גייט זיך זיין גלייכן וועג, ניט וועלנדיק זיך אָנשטרענגען א רגע, ניט וועלנדיק אפילו כאָטש לפּנים זיך פאַרענטפערן, רעכטפערטיקן. ער ווייסט אפילו ניט דעם זין פון אזוינע נאַרישע ווערטער, ווי רעכטפערטיקונג. די גאנצע וועלט האָט זיך פאר אים געטיילט אין בורזשויעס, אין מענטשן, וואָס גיבן אים אַלע טאָג א ווייסע חלה אין סמאָלנע, געטיילט אין סאַבאָטאַזשניקעס וואָס גייען אין קאָפּעלושן, און אין גרויע שינעלן, וואָס קייען און זופן מיט א פולן מויל סמאָלנע ברויט און קאַשע. און אין איין טאָג, ווען סמאָלני וועט אים אויפהערן צו פארזאָרגן די פּוסטע טעג זיינע מיט ברויט און קאַשע, וועט ער אזוי נעמען אויך טראָצקען, לעניגען אויפן באַיאָנעט ווי היינט שינגאַריאָוו׳ן.

די באָלשעוויקעס האָבן מיט שרעק קלאָר דערזען דאָס, וואָס זיי האָבן שוין פריער טעאָרעטיש געוואוסט, אז כל זמן זיי שטערן ניט דעם המון אין זיינע אינסטינקטן, האָבן זיי בלומרשט א פּנים פון פירער, נאָר ווי באלד זיי ווילן אים צווינגען צו טאָן זייער ווילן, וועט מען מיט זיי אָפּשלאָגן כפּרות מיט דער אייגענער טעמפּקייט, ווי מיט א שינגאַריאָוו׳ן און קאָקאָשקינען. און אין סמאָלני איז דער טרויער, כאָטש צוליב גאנץ אנדערע סבות, ניט מינדער שטאַרק, ווי בא דעם גאנצן אינטעליגענטן רוסלאנד.

זייער לאַגע איז נאָך ערגער, ווי די לאַגע פון די מאכטמענטשן ביים אַלטן רעזשים. אין די צייטן פון אַלטן רעזשים פלעגט נאָך פּאַסירן, אז צו דער לויה פון א פּאָליטישן ערליכן קעגנער פלעגט קומען אמאָל א סטישינסקי, א שטיורמער**) ד. גל. זיי, די סמאָלנע־לייט, טאָרן זיך אפילו דערצו ניט דערוועגן. דער המון, זייער בעל־הבית, האַלט זיי נאָך פעסטער אין זייערע ברודיקע הענט, ווי דאָס מוטווילן פון דער אַלטער צאַרישער רעגירונג. די סמאָלנע־לייט, מוזן נאָך מאכן א פרייליכע מינע צום ביטערן שפּיל און צושמייכלען דער אידיאָטישער מאַסע וואָס הייבט בשום אופן ניט אָן צו פארשטיין דעם חילוק צווישן א מת און א מת, צווישן א בורזשוי א יונקער, וואָס מען האָט אים דערטרונקען אין מאָיקע, און צווישן א שינגאַריאָוו׳ן, וועלכער איז דאָך אויך א בורזשוי. און קאָקאָשקינ׳ס און שינגאַריאָוו׳ס בלוט וועט ניט אויפהערן צו זידן און קאָכן, ווי אמאָל דאָס בלוט פון א זכריהו הנביא. וואָרום זייער טויט איז צוגלייך א טויט־קלאַפּ דער בעסטער פיינסטער אינטעליגענץ פונם אָרעמעם לאנד, און זייער

**) צאַרישע מיניסטאָרן.

נשמה וועט ניט געפינען קיין תקון, כל זמן דאָס זידיקע בלוט וועט ניט איינגעשטילט ווערן מיט דעם אַש פון אַ רעזשים, זועמענס קיום ווערט גע־בויט אויף די טעמפּע בלוטדורשטיקע און פּרעסנדיקע אינסטינקטן פון אַ ברודיקן המון.

יאַנוואַר 1918.

די בעלי־תשובות.

צייט די באָלשעוויקעס געוועלטיקן ביד רמה — האָבן כמעט אַלע אונזערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָנגעהייבן ריידן מיט דעם לשון וואָס אַמאָל די "בורזשויען" להבדיל.

און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע איז גאָר ניט געווען אַזאַ נאַר אַמאָל.

מיט אַ חדשים זעקס צוריק, ווען עמיצער פון די מיליוקאָווס, מאַנר־אילאָווס *) אָדער ענליכע פלעגן פּרובן באַווייזן דעם עולם, אַז גיכער קען מען דורכפירן אַ סאָציאַליסטישע מלוכה אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד אָדער אַמעריקע, איידער אין רוסלאַנד, — פלעגן די לינקע לאַכן פון זיי אין די הויפנס און זיי אָנרופן מיט זייער כשר'ן נאָמען "בורזשויעס".

ווען, למשל, די פּראָפעסאָרן און קענער פון דער אַגראַר־פראַגע פלעגן באַווייזן, אַז די אָרעמקייט פון רוסישן פּויער נעמט זיך הויפּטזעכליך פון זיין קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, און אַז אַ פּשוט'ע ערד־צעטיילונג צווישן די פּויערים וועט דערום נאָך רוסלאַנד ניט מאַכן גליקליכער, — האָט מען געטייטלט מיט די פינגער אויף זיי און געשריען: אָט אַזוי ריידן נור פאַרמאַסקירטע פּאָמעשטשיקעס, וואָס ווילן ניט אָוועקגעבן זייערע גיטער דעם פאָלק.

ווען קענער פון דער רוסישער און אינטערנאַציאָנאַלער פינאַנץ־לאַגע האָבן שפּאָטיש גערעדט פון די לייט, וועלכע ווילן מאַכן אַ סדר אין דער רוסישער געלד־אָרעמקייט, זיך ניט רעכנענדיק מיט די אויסלענדישע קאַ־פּיטאַלן — האָט מען זיך געוויצלט איבער זיי און זיי פריילעך מבטל גע־מאַכט כעפרא דארעא.

מען האָט זיי אויסגעמישט מיט דער בלאָטע, ווען זיי האָבן פאָר־אויסגעזאָגט, אַז די בעל־הבת'ישקייט פון די ראַטן און ראַטלעך וועלן נאָך מאַכן דאָס אומגליקליך לאַנד צוואַנציק מאָל אומגליקליכער. מען האָט זיי געסטראַשעט מיט די פּויסטן דערפאַר, וואָס זיי יאָגן אָן אַ פּאַניק אויפן רוסישן בירגער א. א. וו. א. א. וו.

---

*) פירער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי.

שטעלט זיך אָבער ארויס, אז די נארישע בורזשויעס, וואָס האָבן, פארשטייט זיך, נאָר פארטיידיקט זייערע אייגענע קלאסן־אינטערעסן, זיי־נען גאָרניט געווען אזוי בלינד. און מיר דערלעבן איצט דעם נחת, ווען די לינקע פארטייען חזר'ן איבער אויף זייער זשארגאָן די אייגענע טענות, מיט וועלכע עס זיינען אמאָל פול געווען א "רוסקיא וועדאָמאָסטי" און א "רעטש".**)

לייענט מיט קאָפּ א "דיען" אפילו אמאָל א "נאָוואיא זשיזן" ***) און איר וועט זיך וואונדערן, וואָס פאר א בעלי־חשבונות עס זיינען גע־וואָרן איצט אונזערע אמאָליקע כעסנים און פארברענטע קעגנער.

איין פארטיי שרייבט: (איך געדיינק שוין ניט די ראשי תיבות פון איר), אז נאָר א לאַנד מיט דער העכסטער קולטור קאָן זיך דערלויבן דעם קאָמפּאָרט פון א פראקטיש־פולקאָמענעם סאָציאליזם.

א צווייטע אנדעקט אמעריקע, אז די רוסישע רעוואָלוציע איז גע־ווען א פּויעריש־קליינבירגערליכע, און משוגעים זיינען די, וואָס ווילן זי פארוואנדלען אין א ריין פּראָלעטאריש־סאָציאליסטישער.

די דריטע פאָדערט איצט עוואָלוציע, ד. ה., לאנגזאמע, רואיקע ווייַ־טערדיקע אנטוויקלונג פון די באקומענע פּאָליטישע פרייהייטן, און חלילה ניט קיין ווייטערדיקע פאנאטישע פארטיפונג פון דער רעוואָלוציע, אז זי זאָל זיך פארוואנדלען אין א סאָציאליסטישע; מיר זיינען נאָך ניט ראוי דערצו.

א פירטע, דערקלערט דעם עולם, אז די מאסן זיינען נאָך צו־טעמפּ און צו ווייניק אנטוויקלט, אז זיי זאָלן קאָנען זיין די פרייע מושלים. ניט די אינטעליגענץ פון פאָלק רעגירט איצט, נאָר א צעבונטעוועטער המון.

א פינפטע קלאָגט און יאָמערט, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען נאָך ערגער פאר ניקאָלאַי דעם צווייטן און וואָס זיי טרייבן דאָס לאַנד אין די אָרעמס פון א בירגער־קריג.

קורץ און גוט — מען חזר'ט איבער די אלטע רייד, פון די, וועלכע מען האָט אמאָל אויסגעלאכט און אויסגעשפּאָט. מען איז געוואָרן אמת'ע בעלי־תשובות, וואָס שעמען זיך ניט פאר דער גאנצער וועלט מודה צו זיין, אז זיי האָבן א ביטערן טעות געהאט.

איבער די רוסישע לייַעבער־צייטונגען, וואָס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט מאמרים איבערן קאָפּ, שוועבט דער גייסט פון א בעל־תשובה, אָדער

**) בירגערליך־דעמאָקראַטישע צייטונגען.

***) סאָציאַליסטישע צייטונגען. „נאָוואיא זשיזן" — אָרגאַן פון די לינקע ס. ד. אינטערנאַציאָנאַליסטן.

אפשר, די חרטה פון א מושל בכפה ווען מען האָט אריינגעשפּארט אין א תפיסה־לאָך.

ערנסט גערעדט, האָב איך קנאַפּ צוטרויען צו א בעל־תשובה, וואָס איז געוואָרן אזוי ניכטער מיט אמאָל, ווען מען האָט אים געמאכט פון א האר א קנעכט.

נאָר ס'איז קיין נפקא מינא ניט איצט, פון וועלכע מאָטיוון עס פליייצט בא די ס.־ד., רעכטע ס.־ר., אינטערנאציאָנאַליסטן ס־ד א. א.וו. דער שטראָם פון תשובה. "הלא אותי עזבו ואת תורתי לא הפרו, מעגן זיי מיך, כביכול, אינגאנצן פארלאָזן, נאָר מיין געבאָט זאָלן זיי אָפּ־היטן". מעגן זיי אונז ווייטער רופן בורזשויען און זידלען מיט כל הזלזולים, נאָר זאָלן זיי איבערחזר'ן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין ארויסגעזאָגט מיט א מאָנאט זעקס צוריק, ווען דאָס יאָגעניש נאָך מאכט האָט פארשכור'ט די קעפּ, סיי פון די "וויסנשאפטליכע" סאָציאַליסטן, סיי בכלל פון דעם דעמאגאָגישן עולם אין די סאָציאַליסטישע חדרים.

יאַנוואַר 1918.

דער אנארכיסט.

I

צוזאמען מיט דער לעצטער פּארטיע עמיגראנטן פון אמעריקע איז ער געקומען קיין רוסלאנד. דאָרטן אין ניו־יאָרק איז ער געווען דער פּרעז־זידענט פון אנ'אנארכיסטישער חברה, וואָס האָט אין יידישן קווארטאל יאָר־יערליך געמאכט א פעטן סיום נאָך דער מסכתא קראָפּאָטקין, פון וועלכער מען פלעגט אלע וואָך לייענען א קאפּיטל. דאָס יידישע ניו־יאָרק האָט אים געקענט פאר א שטארקן רעדנער; און עס איז געווען א תענוג צו הערן, ווי ער פלעגט קונציק, וויציק און בייסנדיק פּאָלעמיזירן מיט אנ'אב. קאהן, א דר' מילער, א דר' זשיטלאָווסקי'ן און אנדערע.

ס'רוב טעג פון זיין לעבן אין ניו־יאָרק פלעגט ער צוברייינגען אין שלום'ס קאפע, וואו ער איז געווען א מין מלאך המות פאר אלע שלעכטע פּאָעטן, שרייבער און דראמאטיקער, וואָס האָבן זיך גערדאפּעט מיט די נעגל אויפן לייטער פון דער יידיש־אמעריקאנישער פּאָפּולאַריטעט.

איידער ער איז געקומען קיין אמעריקע איז ער דורך אלע שבעה מדורים פון סאָציאַליסטישן גיהינום. אנגעהייבן האָט ער אפילו פונם ציוניזם, נאָר דאָס איז ניט געווען קיין פשוט'ער פּאָליטישער, נאָר א סאָ־ציאַליסטישער. צוערשט איז ער געווען אנ'ס.־ס. דערנאָך איז ער געוואָרן א פּועלי־ציון. שפּעטער האָט ער זיך ארונטערגעוואָרפן אין די אָרעמס

פון "בונד", אָבער אויך דער "בונד" האָט אים ניט געקאָנט צובינדן צו זיך, איז ער אוועק צום ריינעם כשר'ן סאָציאַליזם פון אַלע געוואוינליכע ס. ד. סוף כל סוף האָט ער זיך אויך אין די אַלגעמיינע ס.־ד. מיאש געווען און געוואָרן אַנ'אַנאַרכיסט. נאָך איידער ער איז געוואָרן אַנ'אַנאַרכיסט, האָט ער נאָך באַוויזן אָפּצוזיצן אַ פּאָר יאָר אין אַ רוסיש געפענגניש, און אוועקצופאָרן אין אַמעריקע מיט אַ גוף, וואָס איז ניט מסוגל צו קיין פיזישער אַרבעט.

ער איז, חלילה, ניט געווען קיין גאַסן־אַנאַרכיסט. ער האָט געהאַלטן מיט קראָפּאָטקינ'ען, אַז דאָס געפיל פון קלאַסן־האַס איז אַ מדה מגונה, אַז אַלע מענטשן זיינען ברידער, און ווען מען זאָל זיי לאָזן אינגאַנצן פריי, וועלן זיי זיך אַליין איינאָרדנען אויפן בעסטן אופן. וואָרום בטבע ווילן זיך די מענטשן באַהעפטן איינער צום אַנדערן און האָבן פיינט אַלץ, וואָס צעשיידט זיי. זיין כח איז ניט געלייגן דערין, וואָס ער האָט געסטראַשעט מיט טייוולס־מאַשינען און אויפריים־באָמבעס, נאָר וואָס ער האָט אויף אַלע פאַרזאַמלונגען מיט אַ גרויסער רעדנער־קראַפט געפּרובט באַוויזן, אַז די סאָציאַליסטישע פירער פאַראייניקן ניט די מענטשן, נאָר צעשיידן זיי נאָך מער. און דעמאָלט פלעגט פון זיין מויל זיך שיטן שוועבל און פעך אויף די גרעסטע אויטאָריטעטן, וואָס זיינען זיך אַליין כלומר'שט סותר און וואָס שטרעבן אַליין צו באַשאַפן פאַר דער וועלט אַ נייע טיראַניע.

אַ מאָגערער, אַ קליינינקער, מיט אַנ'אויסגעבויגענער פּלייצע, נאָך פון חדר אָן, מיט אַ גרויסן שאַרבן, פון וועלכן עס פלעגן אויף די מיטינגן פלאַקערן ווי קוילן אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט אַ צעקנייטשטן פּנים און אַ פּאָר טיפע פאַלבן בא דעם ברייטן פאַרביטערטן מויל — פלעגט ער מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אויסגעמייקענע ניט אויסגעגרינטע יידישע עמיגראַנטן, וואָס אַרבעטן אין די שוויץ־וואַרשטאַטן. עס איז געשטאַנען פאַר זיי אַזאַ ניט קלאַסירטער אויסגעמענטשעטער ייד, ווי זיי אַליין, און עס האָט זיך קיינער ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער נביא פון קומענדיקע אַנאַרכיסטישע גליקן וועט אַמאָל האָבן אויך אַ בייכל, ווי מאַנכע באַקאַנטע סאָציאַליסטן־פירער.

II

אין תוך גענומען איז דער דאָזיקער אַנאַרכיסט געווען אַ נע־ונד'ניק, וואָס קאָן ניט לאַנג איינזיצן אויף אַנ'אָרט. אַ נע־ונד'ניק סיי גייסטיק ווי פיזיש. אַקוראַט ווי ס'האָט זיך אים ניט איינגעגעבן זיך באַזעצן לאַנג

אין איין שטאָט, — האָט ער זיך אויך ניט געקאָנט לאַנג באַזעצן אין איין סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. עס האָט אים געוואָרפן פון איין פּאַרטיי צו דער אַנדערער, ווי אין קדחת, ווייל זיין נשמה איז געווען אַנ׳עמיגראַנטן־נשמה, וואָס פילט נאָר חיות אין זיך, ווען זי פאַרלאָזט איין ברעג און האַלט אין שווימען צו אַ נייעם, וואָס נעפּלט זיך פון דער ווייטן.

דער אַנאַרכיזם איז געווען פאַר אים אַ גייסטיקער ים־הגדול, וואָס מען זעט שוין בכלל קיין ברעג ניט, וואו מען קאָן שווימען און שווימען, ביז עס ענדיקן זיך די יאָרן און צוזאַמען מיט זיי הייבט זיך אָן די לייענסטע נסיעה אויף יענער וועלט. זיין כעס אויף די ניט־אַנאַרכיסטישע פּאַרטיי־פירער האָט זיך גענומען דערפון, וואָס יענע האָבן זיך געשטעלט באַשטימ־טע צילן, זיך געמאַכט אַ גרעניץ, און געפּרובט איינריידן דעם עולם, אַז דער קץ איז ניט ווייט, אַז אָט אָט קענען מיר אים דערגרייכן און צוזאַמען מיט אים דערלעבן ביז צו משיח׳ס צייטן. מיין אַנאַרכיסט האָט פיינט געהאַט אַלערליי קצים. פאַר אים איז געווען אַ מענטש, וואָס שטעלט זיך באַטש אין געדאַנקען אָפּ, אַ מין טויטער גוף. נאָר דאָס, וואָס עס איז אין שטענדיקער באַוועגונג, נאָר דער, וואָס האָט פיינט דעם שענסטן גרי־נעם ברעג, נאָר דערפאַר ווייל דאָס איז אַ שטענדיקער ברעג און ניט קיין וואַנדערנדע אינזל, — נאָר אַזוינס האָט פאַר אים געהאַט אַ ממשות.

ווי אַנ׳אמת׳ע יידישע עמיגראַנטן־נשמה, וואָס האָט קיינמאָל קיין גוטס ניט געזען, האָט מיט פריווילעגיעס פון אים ניט געשפּריצט. דאָס איז געווען אַ פאַרבייזטער מענטש, מיט נערוועזע באַוועגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַלערליי מיאוס׳ע תנועות פון אַ קליינ־שטעטלשן בחור מיט די וואָוויל־יינגלשע העויות פון אַנ׳אַמעריקאַנער באַי.

ווי זיין אומרואיקע נשמה, איז אויך זיין גוף געווען אין אַ שטענדי־קער צערודערטקייט. און ווען ער איז געזעסן ביי אייך אין צימער — האָט זיך מאַנכמאָל אויסגעדוכט, אַז אַ ניט אויסגעהאַלטענער אומרו פון אַ זייגער איז אַרויס פון קעסטל און לויפט אַרום הין און הער, ניט אויס־געגליכן און ווילד. אָט זיצט ער דאָ, אָט בייט ער דעם שטול. אָט שטייט ער אין אַ פּאָזע פון כעס און עקל און טייטלט עמיצן אַ שונא מיטן מאָ־גערן ציטערדיקן פינגער. אָט לויפט ער איבערן חדר, אָט האַקט ער זיך אָפּ אין מיטן און דריקט זיך צו פעסט צום וואַרימען אויוון, אָט דער־מאָנט ער זיך אָן זיין ניט־אויסגעטרונקענעם גלאָז טיי און כאַפּט אַ גרויסן זופּ, און פאַרטראַכט זיך מיט אַמאָל, צי זאָל ער דעם זופּ אַרונטער־שלינגען. געקומען איז ער צו אייך אויף אַ רגע און זיצן זיצט ער בא אייך דריי שעה ביזן לעצטן טראַמוויי. און גייט ער אַוועק פון אייך — שרומפּט ער זיך מיט איינמאָל פאַר אייך צענויף אין איין גוף־קנייטש, און עס

דוכט זיך אייך אויס, אז עס גייט אוועק פון אייך אַן אָרימער פאַר׳יתומ־
טער מענטש אין דער פינסטערער קאַלטער נאַכט אַריין.

III

מען זאָגט אין פּוילן, אַז אַ שיין מיידל באַשטייט פון אַ הוט, אַ טאַ־
ליע, אַ פּאָר הענטשקעס און אַ פּאָר שיכלעך. מיין אַנאַרכיסט איז באַ־
שטאַנען פון אַ גרויסן צעשויבערטן קאָפּ, פון אַ נערוועזן קערפּערל און
אַ פּאָר האַמעטנע פּיס, וואָס האָבן האַסטיק באַוועגט דעם דאַזיקן קדחת־
דיקן גופ׳ל. און זיין נשמה, וואָס האָט זיך שטענדיק געוואָרפן צווישן האַס,
עקל, לאַנגערווייליע, פאַרבייזטער התפעלות און אַן׳אומבאַוואוסטזיניקן
חשק צו האַרמאָניע, רואיקייט און צו דער שיינקייט פון אַ אידיליע, —
האָט זיך געקלאַפּט אין זיין קערפּער, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל אין זיין
האַרטן שטייג. און פאַרוואונדעט איז ער געוואָרן ניט אין איין אָרט, נאָר
אין צענדליקער. דער טיפסטער אמת פון זיין נשמה איז געווען דער וו י־
ד ע ר ש פּ ר ו ך, און דערום איז ער קיינמאָל ניט געווען פאַר מיר אַזוי
נאַטירליך און אַזוי וואַרהאַפטיק, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געקומען אָפּגעז־
זעגענען זיך מיט מיר. ער האָט זיך געקליבן נאָכדעם, ווי ער האָט אַ חודש
צייט צוגעבראַכט אין גיהינום פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווידער אוועק־
צופאָרן קיין אַמעריקע, און איז נעקומען נעמען אָפּשייד פון מיר.
— רוסלאַנד איז מיר נמאס געוואָרן, — האָט ער מיט האַרץ און
כעס מיר דערציילט, — די חברה אין סמאָלני און אַרום סמאָלני האָט
צעשטערט דעם שענסטן דמיון פון מיינע לעצטע יאָרן. זיי האָבן צוגע־
נומען פון מיר דאָס שטילע, אידילישע, גאָטספאַרכטיקע און קינדיש־
סבלנות׳דיקע רוסלאַנד. זיי האָבן מיר צעשטערט אַ גרינעם גאָרטן אינם
מדבר פון אונזער ציוויליזאַציע. פאַרברענט מעגן זיי ווערן אַלע די טרוקענע
לולבים — רעוואָלוציאָנערן מיט אַ שמאַטקעלע אָנשטאָט הערצער.
און מיין אַנאַרכיסט האָט זיך גענומען זידלען מיט דער גאַנצער רעדנער־
קראַפט פון אַן׳אַמעריקאַנישן באַרימטן פאָלקס־רעדנער.
איך האָב אים איבערגעהאַקט און פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן:
״— שוין זשע, פאַר אייך דעם אַנאַרכיסט ,וואָס האָט אַזוי ליב אַ
קבוץ מענטשן אָן אַ האַר, אָן אַ שום פּאָליציע און אָן אַ שטאַט, שוין זשע
איז דאָס איצטיקע רוסלאַנד ניט אינטערעסאַנטער, ווי ניו־יאָרק? ווערט
דאָך איצט אייער חלום אַ וואָרהאַפטיקע זאַך. לעבט איר דאָך איצט אין
אַ לאַנד, וואו עס זיינען פאַרשוואונדן אַלע ברענן, און וואו מיליאָנען
מענטשן זיינען ווי די וואַסער־טראָפּנס אין אַ ים, וואָס זיינען פריי אין
אַלע זייערע באַוועגונגען?״.

מיין אנארכיסט האָט ניט ליב, ווען מען ווינקט אָן, אז ער איז דער פירער פון די אמעריקאנער יידישע אנארכיסטן. די אייביקע "איפכא מסתברא־נשמה" פראָטעסטירט אויך דאקעגן, וואָס מען וויל אים איינפאסן אין וואָס עס איז פאר א פּאָליטישן רעמל. און פארן אָפּשייד־נעמען, רייבט ער גוט אָן די צורה.

— "וואָס דרייט איר מיר דעם קאָפּ מיטן אנארכיזם? אויב איך בין דאָס יאָ, איז נאָר צוליב דעם, וואָס איך האלט, אז דער ייד איז שוין 4000 יאָר אלט און פאר אים איז די אנארכיע דער בעסטער סדר. ער איז שוין אזוי אלט, אז נאָר דער טומל קאָן אים אויפוועקן פון זיין דרעמל. פאר אים איז די אנארכיע־בהלה ווי פארן פיש דאָס וואסער. די יבשה איז שוין אנ'אויסגעזויגענע פאר אים. פונקט קאפויר ווי ישעיהו זאָג איך: איך בין ניט קיין נביא פאר די פעלקער, נאָר פארן יידן, פאר מיין פאָלק. רוס־לאנד דאקעגן איז דאָס פאָלק פון יבשה, עס איז ווי דער בוים, וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעריסן מיט זיינע וואָרצלען פון טשערנאָזיאָם, און פאר רוסלאנד איז די אנארכיע דאָס אייגענע, וואָס פאר א פיש אייערע שיינע גרינע לאָנקעס".

ארייננגייענדיק אין באגייסטערונג, האָט מיין אנארכיסט א געשריי געטאָן:

— "א שיינער, שלאנקער געדיכטער וואלד איז ארויסגעבראָכן מיט די וואָרצלען פון דער ערד און האָט גענומען אָן א סדר, ווי א שכור, זיך וואקלען איבער א מורא'דיקן שטח. דער אידילישער הייליקער גאָטספּאָרכ־טיקער ברומענדיקער וואלד גייט בוימענווייז איבער די גאסן ווי א שכור'ע פרויענצימער".

IV

דער אנארכיסט האָט גענומען אנ'אויפגערעגטער שפּרייזן איבערן צימער:

— "פאָרנדיק איבער דער וועלט, האָב איך זיך געגוג אָנגעזען פעל־קער און קולטורן. אומעטום האָט געברענט אין מיר א פייער פון צאָרן, וואָס די דאָזיקע פעלקער זיינען אזוי שטאָלץ אויף זייער קולטור. עפּעס א קלייניקייט! זייערע איזוואָשטשיקעס זיצן אויף די קאָזלעס און לייענען צייטונגען! צי קען מען גאָר פארגלייכן אנ'ענגלענדער, א דייטשן, אנ'אמע־ריקאנער מיט דעם פארגרעבטן רוסישן פויער, וואָס קאָן אפילו קיין אלף־בית ניט! און איך האָב פאראכט אלע די דאָזיקע פעלקער, וואָס פרייען זיך מיט זייער סדר, און האָבן ניט קיין פונק, וואָס זאָל דערווארימען

א מענטשליך הארץ. דער מענטש איז אין זייערע אויגן געווארן צו זיין אנ׳עבד בא דער נאטור, אין שוויים פון זיין אנגעזיכט צו דאביוועטן זיך א שטיקל ברויט. זייער גרעסטער אידעאל איז אויפצושטיין פרימארגנס ניט לעבודת הבורא, נאר צו ארבעטן פאר זיך, פאר זייער מאגן, פאר דער ארעמער שטילקייט און רואיקייט פון אנ׳אוונט בא א פולער שיסל געקעכטס. אין אייראפא שעצט מען ניט דעם מענטשן בכלל, נאר דעם אומניד אין מענטשן. דארטן איז א גוטער סטאליאר א גרעסערער לייט און געניסט מער אכטונג, ווי א מענטש, וואס גראבט זיך אין זיין געוויסן און וואס דארף אמאל נאך א גאטס־ווארט און וואס פארלאזט דעריבער אפט די מלאכה זיינע. אין אייראפא גייען דאך ארום לעבעדיקע מאשינען! און קומט צום פאבריקאנט אנ׳ארבעטער אנבאטן זיינע קרעפטן, באקוקט מען אים דאך, ווי א פערד, באטראכט מען דאך זיינע מוסקולן און מ׳פרעגט זיך שטארק נאך, צי ער איז נאך צאפלדיק יונג. ווי קוקט מען אויף א מענטשן אין בערלין, פאריז, ניו־יארק? ווי אויף א כלי פון פראדוקטיווע קרעפטן, ווי אויף א גוט אנגעשמירטן ראד. ביזטו נאך יונג, האסטו נאך אין זיך פעטס, שמעקט פון דיר מיט דזענעכץ, — איז דיר גוט און וואויל, ווען ניט, — מעגסטו גיין צו אלדי שווארץ יאר, ווארפט מען דיך ארויס פון דער חברה לעבעדיקע מענטשן, און מעגסט שטארבן אונטערן בריק, וואו עס פארן אזוי קנאקנדיק די קארעטעס און די אויטאמאבילן.

אין אייראפא איז געווארן דער ענין ארבעט עפעס א מין רעליגיע. עס לעבן דארט אפ גאנצע דורות, וואס האבן קיינמאל ניט געוואוסט פון קיין אנדער אמונה. און זיי דינען דעם דאזיקן אפגאט מיר מער התלהבות, ווי א פרומער ייד פארצייטן. אכט שעה אין טאג, ניט קיין דריימאליקע שמונה־עשרה דאווענען זיי פאר גאט, וואס איז ממונה אויף דער ארבעט. און אז דער ארבעטער דערלעבט די טעג, ווען זיינע מוסקולן זיינען שוין שלאף און זיינע ארבעטס־כחות הייבן אן זיך אויסצולאזן, קוקט ער אויף זיך מיט רחמנות און מיט געריננגשעצונג, און וואונדערט זיך ניט א רגע, וואס די געזעלשאפט קוקט אויך אויף אים מיט דערזעלבער געריננגשעצונג.

אין די פרומע דורות אין מיטלאלטער און נאך היינט אין רוסלאנד, קוקט מען אויף א קראנקן, שוואכן, נעשטראפטן, אויף א מענטשן, בא וועמען עס האט זיך איבערגעדרייט דאס שרייפל אין קאפ, ווי אויף א גאטס מענטשן. פראנץ פון אסיזי, וואס איז ארומגעגאנגען איבער איטאליען מיט א לויב צו גאט א נאקעטער, א הונגעריקער, א פארשטויבטער פון די נאכטלעגערס אין די פעלזן און מיט צעבלוטיקטע בלויזע פיס פון שטענדיקן טרעטן אויף שפיציקע שטיינער, — האט דאס פאלק גערופן ״גאטס משוגע׳נער״, און האט אים געליבט און פארגעטערט. זיין ביישפיל האט גע־

ווירקט אויף די פרישע ריינע הערצער. און אין טאָג פון זיין טויט האָט ער שוין געהאַט טוינטער תלמידים און נאָכפאָלגער.

ארבעטן ווי אַנ'אייזל און גענים די לעבליך־זיסע תענוגים פון א נראָבן חומר'שן לעבן, — דאָס איז איצט דער זין פון גאַנץ אייראָפּא. דער מנעטש קומט אויף דער וועלט מיט א פּאַרטיקן פּראָגראַם: ארבעטן און גענים. פּאַרצייטן פלעגט מען זאָגן: דאַוון און ארבעט, און היינט זאָגט מען: ארבעט און גענים.

כּל זמן דער טאָג האָט זיך אָנגעהייבן פון דאַוונען, האָט מען נאָך דעם מענטשן אין זיין סדר ניט געקאָנט פאַראַכטן. דער טאָג האָט זיך אָנגעהייבן מיט א לויבגעזאַנג צום בורא און ניט צום גוטן סטאָליאַר, אָדער שניידער. איצט אָבער, ווען איטליכער זאָגט אויף זיך מיט גאוה: וואָס פאַר א מזיק איך בין ארייַנצוקלאַפּן א טשוואָק אין וואַנט, — ווערט נמאס די גאַנצע חברה, וואָס האָט זיך כּלומרשט אזוי באַקוועם צעשפּרייט אויף דער גאַנצער געבילדעטער ערד".

דער אַנאַרכיסט האָט נעשפּרייזט איבערן חדר א שטאַרק צעפּלאָכ־טענער און זיין קליין גופ'ל, פון וועלכן עס האָט ניט געשמעקט ניט קיין פּעטם און ניט קיין דזעגעכץ, האָט פּראָטעסטירט מיט אַלע אברים אַנט־קעגן דער עולה פון א צייט, וואָס שעצט אזוי הויך דעם פיזישן כּח, די מוסקולן, די פלינקייט פון א יונגן קערפּער.

V

ער האָט זיך מיט א מאָל א וואָרף געטאָן אין א שטול און האָט האַס־טיק גענומען זופּן פון זיין קאַלטן האַלב אויסגעטרונקענעם גלאָז טיי.

"מען רופט מיך אַנאַרכיסט — איז אַנ'איראָניש ליידנדיקער שמייכל אריבער ווי א שאָטן איבער זיין צעקנייטשטן פּנים, — איך בין אפשר מער חסיד ווי אַנאַרכיסט, אפשר א נאָנטערער תלמיד פון טאָלסטאָיען, ווי פון קראָפּאָטקינען". און ווערנדיק פּלוצים אין כּעס, האָט ער זיך אָפּגערופן: "וואָס פאַר א מדה מגונה דאָס איז צו וועלן אַלץ, וואָס לעבט, באַוועגט זיך, האָפּערט און דראָשט, פּעסט איינצוזעמלען אין אַנ'אייזן רעמל. אַנאַרכיסט, אַנאַרכיסט; — האָט ער זיך מיאוס פאַרקרימט.

"צווישן די פאַרשיידענע חסידישע תורות וועט איר געפינען די ווער־טער, אז דעם רבונו של עולם זאָל מען ניט דינען מתוך עצבות נור מתוך שמחה. א מענטש דאַרף ניט און טאָר ניט בלויז ארבעטן, ער דאַרף שאַפן בסדר. און נור דער, וואָס האָט שטענדיק אין זיך די דאָזיקע געטליכע פרייד, איז א שעפער אין אַלץ, צו וואָס ער נעמט זיך.

גייט אָבער אריין אין אַ היינטיקער גוט אָנגעשטעלטער פאבריק, און וואָס זעט איר דאָרט? בלייבע פּנים׳ער, וואָס קוקן ערנסט און פארעקשנ׳ט אויפן ראָד, אויף דער מאשין, אויפן שטיקל מאטעריאל, וואָס זיי נעמען אין די הענט, און אַלע ווײַלע ווארפט זיך אַ ביינקענדיק אויגל צום נרויען פאבריק־זייגער, וואָס שלעפּט זיינע ווייזערס מיט אזא נודנער פאמעליכ־קייט. גייט אריין אין די קאָנטאָרן, ביינק און גרויסע געשעפטן און איר זעט כמעט דאָס אייגענע. דאָרט זיינען אפילו די פּנים׳ער שוין ניט אזוי בלייך. איר זעט אפילו דאָרט אמאָל זעלבסטצופרידענע מענטשן מיט זאַ־טע בייכלעך, אָבער דאָס נעמט זיך ניט פון דער שמחה צו דער ארבעט, נאָר ארום פּלעמלט אין זיינע אויגן די האָפנונג אויף די באנאכטיקע תאוה.

איך האָב פיינט די גאנצע אייראָפּייאישע קולטור, וואָס איז לפנים אַ גרינער גאָרטן און איז איצט אַ מדבר, וואו דו טרעפסט ניט קיין מענטשן. וואָס איז פאַר דעם אויבערפלעכליכן בליק אַ שיינער לעבעדיקער בנין און אין דער אֶמת׳ן צונויפגעשטעלט פון טויטע פיין־געפוצטע ציגל. איך רייד מיט טאָלסטאָיען! אַ כפרה צו דער גאנצער קולטור, וואָס האָט אויס־געראָטן דעם מענטשן. מיינעטוועגן מעגן ניט זיין קיין באנען און קיין טע־לעגראפן און אַלע די נויטיקייטן, מיט וואָס איר פראלט זיך אזוי, נאָר דער מענטש זאָל מיר זיין! איך שיינק אייך אַלע די געקווייטלטע פלי־טערלעך, מיט וואָס איר באפּוצט זיך אייער הויל אויסגעבלאָזן הארץ, נאָר עס זאָל מעגליך זיין אַ פארצייטיקער נביא, אַ מיטלאַלטערליכער קדוש, אַ הייליקער פראנציסק און ד. גל. מיט וואָס שרעקט איר מיך? אז די וועלט וועט אונטערגיין אָן דער היינטיקער קולטור, ווען אזוי פיל מיליאָנען מיילער רייסן זיך צו די טעפּ פון מצרים? מעג זי אונטערגיין. איך וועל איר אַ טרער ניט שיינקען״.

און דער חסיד־טאָלסטאָוועץ האָט רוגזה׳דיק אַ גרויסן שפּיי געטאָן.

VI

״דאָס איינציקע לאנד, וואָס פאַר אייך, דעם קולטור־מענטשן, שיינט זי אַ מדבר צו זיין, איז פאַר מיר געווען רוסלאנד״, — איז דער אנארכיסט מיט אַ מאָל אריבער אין אַ שטילן הארציקן טאָן, און אויף זיין צע־קנייטשטער צעמאַטערטער צורה האָט זיך באוויזן עפּעס אַ מילדער שיין. — ״נאָך מיינע לאנגע נסיעות אין בערלין, ווין, לאָנדאָן און ניו־יאָרק, האָב איך זיך אויסגעהיילט פון דער קינדישער יידישער חולאת, וואָס קומט מיט אירע רעוואָלוציאָנערע פּלענער, ניט מאכנדיק קיין חלוק צווישן אַ פאָלק, וואָס לעבט צווישן פאבריק־קוימנס, אָדער צווישן פּאַלמען. אַ ייד אַנ׳עס־דעק וועט אייך פריידיקן דעם מארקסיזם אין אינדיען, ווי אין

אויטששעפּל, בא די מאָארים, ווי בא די עסקימאָסן. איך פיל שוין, ווי ניט אָנגעפּאסט זיינען געווען אמאָל מיינע רעוואָלוציאָנערע דרשות אין רוסלאַנד. אין אמעריקע האָב איך אינגאנצן דערקענט דעם אמת׳ן ליבן פּנים פון דעם גרויסן לאַנד, וואו ער וואקסן די דוכאָבאָרן, די מאָלאָקאַנעס, די כליסטעס, ניי־איזראעל או ד. גל. פון אנדערן ברעג איז פאַר מיר רוס־לאַנד געווען דער באָדן, וואו עס בליען די רעליגיעזע סעקטעס, וואו עס וואַנדלט אין פילע געשטאַלטן דער אייביק יונגער ישו הנוצרי, וואו עס בלאָנדזשענען אין די מדבריות און סטעפּעס די אַלטע נביאים אין גרויע סערמיאַגעס און לאַפּצעס. רוסלאנד איז פאַר מיר געווען דאָרט די פרישע חיות׳דיקע צייט פון דער מענטשהייט, ווען זי איז געווען געניאַליש אין איטליכן בויג אירן, ווען זי האָט ניט, ווי איצט אייראָפּא, כסדר געבעסערט דעם אַלטן פייל, אים פּארוואַנדלענדיק אין א הײנטיקן דײטשן קאַנאָן, נאָר וואָס האָט דעם פּ י י ל א ל י י ן ב א ש א פ ן. רוסלאַנד׳ס אָרעמקייט איז מיר געווען אזוי ליבליך, ווי די באָרוועסע פיסלעך פון א קינד. וואָס אָרט מיך זיין אָרעמקייט, ווען ער האָט אזא ווארעמען פרישן גוף, אזא חיות׳דיקע שעפערישע נשמה. וואָס קימערט מיך זיין אומוויסנדיקייט, ווען פון זיין גאנצן אונמיטלבארן וועזן שפּראָצט מיט יוגנט־קראפט און מיט דעם זשעני פון א קינדישער נשמה...

דער אנארכיסט האָט זיך מיט א מאָל אליין איבערגעהאקט און איז האסטיק אויפגעשטאנען. ער האָט א קוק געטאָן אויף מיר פּלוצים מיט כעס און, זיך גיך צוזעגנדיק מיט מיר, האָט ער מיט א בייסנדיקער צונג מיר א זאָג געטאָן:

״נאָר וואָס פארשטייט איר, צעקראָכענע יידישע אינטעליגענטן, פון אזעלכע זאכן! פאר אייך איז דער טאָפּ סאָציאַליסטישע לינזן טייערער, ווי אַלץ אויף דער וועלט. דער רוסישער פּויער אין פּידזשאק פון אַנ׳ענגלישן פארמער! כאַ־כאַ־כאַ...

און מיט אזא גרילצנדיקן שד׳ישן געלעכטער איז דער אנארכיסט האסטיק אוועק פון מיר.

יאנוואר 1918.

הונגער.

מיר לעבן ווי אין א באלאגערטער שטאָט. פון ערגיץ קומט ניט ניט קיין ברויט, ניט קיין קארטאָפל און ניט קיין שום עסנווארג, וואָס זאָלן קאָנען שטילן אונזער וואכנדיקן הונגער. מיט שרעק אין די אויגן קוקן די מוטערס אויף זייערע קינדער, וואָס מאָנען כסדר עסן און וואָס ווערן מאָגערער און בלייכער פון טאָג צו טאָג. צפון־רוסלאנד געפינט זיך אין דעם מצב, ווען מען האָט אָפּגעשניטן פון אים אלע לעבנס־קוואלן און נאָר געעפנט פאר אים איין שמאָל טירל, פון וואנען עס קומען אָן אלערליי באציקן און מיקראָבן. באצילן און מיקראָבן נויטיקן זיך ניט אָבער אין באָנען און שיפן, האָבן קיין אָפּשיי ניט פאר אלערליי פעסטונגען און בינעזישע מויערן. איטליכם ווינטל ברייננט זיי מחנות־ווייז, און גראָד אין די שטעט, וואו דער עולם הונגערט. געשמאק לאָזן זיי זיך אראָפּ מיט א באזונדערן תענוג, ווי אלטע תושבים. אזוינע שטעט מיט פארהונגערטע אויסגעמאָגערטע פּנים׳ער אויף די גאסן זיינען פאר זיי די פעטסטע פּאשע. ווען באצילן וואָלטן געקאָנטריידן און שרייבן, וואָלטן זיי זייערע לעזער איצט אָנגעזאָגט די בשורה, איי היי־יאָר וועט זיין בא זיי אַ גרוים גערעטעניש. און אין דער אמת׳ן האָבן מיר שוין אין פּעטראָגראַד דעם פלעקטיפוס, אָדער דעם קריגס־הונגער־טיפוס, די שיינע קראנקהייט, וואָס איז בא מאנכע עפּידעמיעס נאָך א גרעסערער פּלאָג ווי די כאָלערע. עס קומען פאָר עפּידעמיעס פון פלעק־טיפוס און עס שטארבן פון דער קראנקהייט 20 פּראָצענט. א סך געפערליכער נאָך זיינען זיי פאר 50־יעריקע און אלטע לייט.

חוץ פלעק־טיפוס האָבן מיר שוין דעם ריקפאל־טיפוס, וואָס איז אפילו א סך ווייניקער געפערליך אָבער וואָס איז אויך א פּועל יוצא פונם הונגער.

דער ריקפאל־טיפוס איז אויך אַזא מין קריינק, וואָס באפאלט גראָד די געזעלשאפטס־קלאסן, וואָס געפינען זיך אין די ערגסטע באדינגונגען, און וואָס לעבן הויפּטזעכליך צ י ג י י נ ע ר י ש. ס׳רוב קראנקע זיינען אָרעמע־לייט, דאָרפס־ארבעטער, וואָס טרייבן זיך ארום פון שטאָט צו שטאָט, און בא היינטיקע צייטן — בעזשענצעס. און ווען מען באדיינקט, אז איצט, אין פירטן יאָר פון קריג לעבן מיליאָנען מענטשן אַ צ י ג י י נ ע ר י ש לעבן, — איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאר אַ שיין גערעטעניש עס וועלן האָבן די מיקראָסקאָפּישע ווערימלעך (שפּיראָכעטן) פונם ריקפאל־טיפוס.

דער הונגער איז ניט נאָר דער קוואַל פון אַלערליי טיפן, ער גיט צו פירשקייט און שטאַרקט איטליכן באַציל אויך בא אַנדערע קראַנקהייטן. אַ פאַרהונגערטער אָרגאַניזם טראָגט אַריבער אַ געוואוינליכע לונגען־קראַנקהייט, אַ שוואַכע אינפּולענציע אַ סך שווערער, ווי אַ נאָרמאַלער קערפּער. פאַר הונגערנדיקע קינדער איז דאָס געוואוינליכע מאָזלען בא היינטיקע צייטן איינע פון די שווערסטע קראַנקייטן. אפילו די נישטיקע האַלז־אַנטצינדונגען באַקומען גאָר אַן אַנדער טעם, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט אַ קראַנקן, וואָס האָט שוין געזונטערהייט געלעבט אויפן חשבון פון זיין אייגן פעטס.

און ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די לעצטע יאָרן האָט יעדער מיטעלער מענטש געלעבט מיט אַ דאָפּלטן אימפּעט, — ד. ה., אַז זיין אָרגאַניזם האָט געפאָדערט דערום אַ דאָפּלטן הייץ־מאַטעריאַל, אַ סך מער שפּייז, — איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי דאָפּלט פאַרהונגערט מיר זיינען, ווי גוט צעאַקערט איז דאָס פעלד, אויף וועלכער עס וואַקסן, ווי הייוון, אַלערליי שעדליכע גראָז און קרייטעכצער, וואו עס פּרוכפּערן זיך אַלערליי באַצילן און מיקראָבן. שוין במעט אַ יאָר צייט, ווי עס שטעלט זיך אָפּ בא אונז איין פאַבריק נאָך דער צווייטער, ווייל עס פעלט הייץ־מאַטעריאַל, ווען ס׳גייען אָפּטמאָל ניט צוליב דעם די טראַמוויייען, עס ברענט ניט די עלעקטרע און עס אַרבעט ניט דער טעלעפאָן. דער מענטשליכער אָרגאַניזם איז אויך ניט מער ווי אַ מאַשין, כטאָש אַ טויזנט־מאָל קונציקערע. און אויך זי שטעלט אָפּ צייטנווייז דעם גאַנג פון מאַנכע רעדלעך, ווען מ׳הייצט און מ׳שמירט עס ניט, ווי געהעריק איז.

און ווי אַ טייוולאָניש געלעכטער קלינגען די רעדעס פון אַ לענינ׳ען און די העלדן פון די ראַטן, ווען זיי פּראַלן זיך מיט זייער מורא׳דיקער פּאָליטיק. אַ לאַנד, וואָס הונגערט, פאַרלירט דעם אַפּעטיט צו אַלערליי רעוואָלוציעס און סאָציאַלע רעפאָרמען. לענינ׳ס בעלי־הבת׳ישקייט איז ניט מער ווי די פּראַלעריי פון אַ שומר אויף אַ בית־עולם, וואָס איז אַ בעל־הבית אויף טויזנטער שטומע מצבות.

אָנב דאַרף מען ניט פאַרגעסן אַז אין אַ לאַנד, וואָס הונגערט, איז אויך דער בית־עלמין־שומר ניט גאַראַנטירט, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט ער ניט אויסציען זיינע פיס בא אַ באַקאַנטער נאָנטער מצבה.

יאַנוואַר 1918.

אויף שרייען דיינעך מיר בריות.

I

אין משך פון די דריי קריגס־יאָרן קומט אונז, זשורנאַליסטן, אויס צו לייענען אַלערליי צייטונגען, אין אַלערליי שפּראַכן. און איינס מוז מען מודה זיין, אז קיין צייטונג אין דער וועלט, אפילו די אמעריקאַנישע, האָט ניט אזא גרילצנדיקע געמבע, ווי אונזערע רוסישע צייטונגען. דער רוסישער צייטונגס־שרייבער, און גראָד פון די פּאָפּולערסטע ביים המון, ווי למשל, א נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ, א פּעטראָוו, א באַיאַן און אנד. שטעלן אָן כסדר זייער קול אויף דער העכסטער אָקטאַווע. בא קיין אומה ולשון וואָלט איר ניט געפונען אזוינע קרעפטיקע, פּויקנדיקע און אויער־גרילצנדיקע פראַזן, ווי בא אַ רוסישן צייטונגס־שרייבער.

אין דער צייט פון הורא־פּאַטריאָטיזמוס האָט מען געקאָנט פאַר־טויבט ווערן פון א באַיאַנ׳ס אָדער דאַנטשענקאָ׳ס א מאמר אין "רוסקאָיע סלאָוואָ". נאָך ווייניק וואָס מען האָט געשריבן אויף דייטשן, וואָס אין דער קאָרט שטייט, מען האָט נאָך נעמאַכט פון אים חוכא ואטלולא, מען האָט אים ארויסגעשטעקט א צונג, געוויזן פייגן און אלע רגע אים מכבד געווען מיט א דריי־גאָרנדיקן צייטונגס־קולאַק. און ווען אינם לאַנד האָבן זיך באַוויזן שפּעטער מחנות׳ווייז די ספּעקולאַנטן, וואָס האָבן שווער גע־מאַכט דאָס לעבן פון א באַיאַנ׳ען, א דאַנטשענקאָ׳ן, — האָט מען געקעמפט קעגן דער ספּעקולאַציע מיט דעם אייגענעם דריי־גאָרנדיקן קולאַק, ווי קעגן די דייטשן. אין די צייטן פון קערענסקי׳ן הייבן זיך אָן באַווייזן נייע צייטונגס־שרייבער, וואָס האָבן זיך ברייט צעלייגט אין די זעסלען פון אַלערליי סאָציאַליסטישע בלעטער און האָבן באַוויזן דעם אייגענעם קונץ, וואָס אַמאָל קעגן די היימישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. א רוסישע צייטונג, סיי א בורזשואזע, צי א סאָציאַליסטישע, האָט תמיד איר פּוב־ליציסטיק, וואָס רעדט מיטן לעזער מיט א פּנים פון א גזלן, וואָס קומט צו אים אנ׳אָנגעלאָדענער מיט כעס, עקל, שנאה און עטליכע טוץ קללות, מיט אויגן, וואָס זיינען פאַרגאָסן מיט בלוט, און מיט א קול, וואָס האקט דיר אין מח, ווי א פּלאָקן.

אויף א זייטיקן באָאָבאַכטער, וואָס פלעגט אריבער פון א פראַנצויזיש בלאַט, א דייטשעם אדער אנ׳ענגלישעם צו א רוסישן פּאַפּיר־לייעך, פלעגט דאָס מאַכן אנ׳איינדרוק, אקוראט ווי דו וואָלסט פאַרלאָזן אקאַרשט

א רואיקן ארבעט־קאבינעט און ארייַנפאַלן אין א חדר פון כת־ליצנים. ווי רואיק און זאכליך און ערנסט עס ווערן באהאנדלט אלערליי פראגן אין אנ׳אייראפּייאיש בלאט, אזוי רואיק, אז מען פילט כמעט ניט קיין קראפט הינטער דער געזעלשאפטליכער מיינונג. דאקעגן, מיט וואָס פאר א קאזאצקער בייזערנקייט, אין א באפעל־האבערישן טאָן עס קלינגען די ווערטער פון א רוסישן פּאָפּולערן צייטונגס־פּובליציסט. וואָס פאר א קרעפּ־טיקע ווערטער ער געברויכט, ווי מורא׳איק איז זיין שופר, אין וועלכן ער בלאָזט! ניט נור די ווענט אין יריחו ציטערן פון דאָזיקן שופר־טאָן, די גאנצע וועלט הייבט אָן צו סקריפּען אין די זאווייעסעס. די דייטשן האָבן אויסגעטראכט א 40־דיומאָוון הארמאט. דערפאר האָט ״רוסקאָיע סלאָ־וואָ״ א באַיאָן, וואָס דונערט נאָך מורא׳דיקער פאר א קרופּאָווסקן ״טשעמאָדאן״.

און די דאָזיקע הויכע אַקטאַוועו האָט ניט פארלאָזן דעם רוסישן צייַ־טונגס־שרייבער אין די ערגסטע, שווערסטע צייטן אין משך פון קריג. מעג רוסלאנד האָבן א מפּלה נאָך א מפּלה, מעג עס האלטן בא גאָר ניט קיין שיינעם שלום, מעגן זיך געפינען די עטליכע הונדערט טויזנט אינטעלי־גענטע קרעפטן פון לאנד אין א מצב, ווען זיי האקן אייז און פארקויפן אויף די גאסן גאזעטן, — אויף דעם טאָן פון רוסישן פּאָפּולערן שרייבער פארן המון האָט דאָס קיין ווירקונג ניט. כל זמן ער האָט איינגעהאנדלט א פוד מעל און עטליכע פונט צוקער, ד. ה. כל זמן ער פילט זיך אויבן־אָן. נעכטן האָט מען געלייענט אין די סאָוועטישע כשר׳ע בלעטער למשל, אזא פראזע: זאָל זיך דייטשלאנד דערוועגן ניט צו מאכן איצט מיט אונז שלום, וועלן מיר שוין וויסן, וואָס צו טאָן. ניט אין ברעסט, נאָר אין בערלין וועלן מיר שוין שטעלן די שלום־באדינגונגען.

דאקעגן, ווען דער צייטונגס־שרייבער שטעלט אָן זיין פידל אויף צו זאָגן מוסר די סאָוועטן, נעמט ער אויך דעם אייגענעם הויכן טאָן, נאָר א ביסל אומגעקערט. דאָס הייסט, — ער בלאָזט פונאנדער זיינע געפילן צו דער העכסטער מדרגה, ווי א שמיד זיין בלאָזאק. למשל, נעגאָרעוו (א געשמד׳ט יידל), שרייבט אין ״וועטש. טשאס״ אייערנעכטן: ״ווארפט מיר מיטן פּנים צו דער ערד, זאָלן טרעטן אויף מיר 100 רויט־גווארדייער, נאָר ראטעוועט רוסלאנד! איך גיב אייך ארוים תיכף ומיד א וועקסל, א קוויטאנציע, וואָס איר ווילט, אז איך וועל מיין לעבן לאנג בלייבן שטום, ווי א פיש, ניט שרייבן מער קיין וואָרט, — נאָר ראטעוועט רוסלאנד!״ און דער דאָזיקער נעגאָרעוו, פארדרויכערנדיק א פּאַפּיראָס, נאָך דעם פּאַמ־פּעשקעס־הייסן, פּויקנדיק און מורא׳דיק ־ געשמאקלאָזן מאמר, ווייסט שוין, אז ער האָט געטאָן דאָס, וואָס א פּאָפּולערער רוסישער צייטונגס־שרייבער דארף טאָן.

II

אלס א ייד, וואָס אפילו "שמע ישראל" שרייט ער ניט אויפן קול און "ברוך שם כבוד מלכותו" זאָגט ער שוין גאָר "בלחש", מאכט אויף מיר די רוסישע שרייענדיקע פּובליציסטיק ניט קיין אָנגענעמען איינדרוק. און אז מען לייענט זיך אָן א טאָג מיט א טוץ רוסישע בלעטער, דוכט זיך אמאָל אוים, אז דו ביזט אריינגעפאלן אין א שפּיטאָל פאר זויג־קינדער. פון אלע זייטן הערסטו נור גרילצענדע קולות, קעצעשע, הייזעריקע, פאר־מאטערטע און סאָפּענדיקע. לעאָניד אנדרייעוו שרייט "קאראאול" אין "רוסקאַיא וואָליא", מ. גאָרקי אין "נאָוו. זשיזן", נעגאָרעוו, ב. מירסקי אין "טשאס", קליוואנסקי אין "דיען" און טשערנאָוו'ס חבריה אין "דיעלאָ נאראָדאַ". לויטער מען געוואלדעוועט, מען פּאָכט מיט די פויסטן, מען צעשמירט גיפט און מען צעבלאָזט לכבוד די לעזער די דינע איידעלע "געפילעכצן" פון זייערע געזעלשאפטליכע הערצער. איז מען אויפ'ן פערד — פּאָכט מען מיט די "פּוראזשקעס" און די גאנצע וועלט איז צו קליין. ליגט מען מיטן קאָפּ צו דר'ערד — דאָ הערט זיך אזא יאָמער, אזא ברומען, מיוקען און א הונגעריק מערעקן, אז כאָטש נעם און דערטרינק זיך אין א פּאמוניצע אָדער גיב ארויס א קוויטאנציע, אז דו וועסט "שטו־מען ווי א פיש", לויט נעגראָוו'ס קלאסישע ווערטער.

מיר דוכט זיך, אז דאָס, וואָס רוסלאנד'ס פּאָפּולערע צייטונגס־פּובליציסטן זיינען אזוינע שרייענדיקע, נעמט זיך הויפּטזעכליך פון איין טעם: פון אנ'אינעווייניקסטער טויבקייט. ס'איז איטליכן באקאנט, אַז א טויבער שרייט עפּטער בא די געוואוינליכטסטע צופאלן פון לעבן, ווי א הערנדיקער. ערשטנס, קאָן ער ניט קאָנטראָלירן זיין אייגענע שטים און, צווייטנס, ניט הערנדיק אלע זיינע ווערטער, מיינט ער, אז וואָס הע־כער ער וועט שרייען, אלץ בעסער וועט ער ווערן פארשטענדליך פארן 2־טן. דאָס אייגנע איז מיט א באַיאַנ'ען, נעגראָוו'ן און אויך אפילו מיט א ל. אנדרייעוו'ן. זייער געשריי איז דעריבער אזוי מאוימ'דיק, ווייל זיי האָבן נאָך אליין ניט דערהערט די אייגענע ווערטער, ווייל זיי האָבן נאָך א ל יי ן ניט דערפילט די קראפט פון א וואָרט בכלל. אין זייער געשריי ליגט כמעט דער ווּאונש זיך אליין א ביסל צו צערודערן, זיך אליין א ביסל כאָטש א רגע צו א י ב ע ר צ יי ג ן אין די ווערטער, וואָס זיי שיטן ארוים.

אמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף א פארזאמלונג אינאיינעם מיט י. ל. פּרץ ז"ל, וואו איינער א רעדנער האָט גערעדט מיט פייער און פלאַם, מאכנדיק גזלנות'דיק מיט די פויסטן און שרייענדיק פארן עולם

ניט מיט זיין קול. און פרץ האָט שמייכלענדיק מיר אריינגערוימט אין אויער: ס'אַרא התלהבות! דאָס פּרובט ער זיך איבערצייגן.

דאָס אייגענע קען מען זאָגן פון די רוסישע בעלי קולות אין די צייטונגען. מען באַקומט פון זייערע ניט־מענטשליכע געשמאַקלאָזע קולות א געפיל, אַז דער שרייבער ווינדעוועט זיך עפּיס אַרויף אויף א הויכקייט, צו וועלכער ער אליין איז גאָר בטבע ניט מסוגל.

III

מען דערציילט, אַז די גאַנצע אויפן רוימישן קאַפּיטאָל האָבן אַמאָל געראַטעוועט רוים פון אַן'אונטערגאַנג. דערביי דערציילט אָבער ניט די לעגענדע, אַז די רוימער האָבן אויך דערביי געשריען, ווי די גענז. די רוימער, ווי די היינטיקע ענגלענדער, אַנ'ערך, זיינען ניט געווען קיין באַריידעוודיקע. קוקט זיך איין אויף אַנ'אַנטיקער סטאַטוע פון א רוימער, און איר וועט באַלד זען לויט זיין פּנים, אַז ער האָט געהאַלטן פון כּלל פון אונזערע חכמים "מלה בסלע ושתיקא בתרי". ד. ה. א וואָרט איז א טאַלער, א שווייג איז צוויי.

אויך איצט, ווען דאָס לאַנד שטייט פאַר זייער א ניט בכבוד'יקן שלום, און אפילו ניט פאַר קיין שלום, נאָר פאַר אַנ'אָקופּאַציע, וועלן שוין גיכער ראַטעווען רוסלאַנד פון א בייזער צוקונפט גענז, ווי מענטשן, וואָס שרייען ווי די גענז. נאָך ערגער איז אָבער, אַז מען צעשרייט זיך ווי א זויגקינד, וואָרום א זויג־קינד איז לייכט צו באַפרידיקן. עס קלעקט אים נור צו געבן דאָס אָרעמע וואָלוועלע זויג־פּעלשעלע אין מויל, אַז דאָס קינד זאָל ווערן איינגעשטילט.

די רוסישע פּרעסע אָבער האָט זיך פון איר שרעק־מאָדע ניט אָפּגעזאָגט, און געוואַלדעוועט אומעטום לויט דעם אָרט נאָך, וואָס זי פאַרנעמט ביים סמאָלני. איז זי נענטער צו סמאָלני, — שרעקט זי מיט קולות די דייטשן, אַז די פרידנס־באַדינגונגען וועלן מיר שטעלן אין בערלין. איז זי נענטער צום פּרעסע־טריבונאַל, ווי צום סמאָלני, — גרילצט זי אויף אַלע ביי־קול'כלעך: נאַט אייך א וועקסל, אַז איך וועל מער ניט שרייבן קיין מאמרים, נאָר ראַטעוועט מיר רוסלאַנד.

מען דערציילט, אַז נאָך גאָר ניט לאַנג פלעגן די כינעזער אַרוים קעגן שונא ניט מיט ביקסן, נאָר מיט פּאַפּירענע פאָנען, פון וועלכע עס האָבן געגלאָצט מורא'דיקע געצן־נעמעלעכצן. דאָס אייגענע זעען מיר איצט אין די רוסישע צייטונגען מכל המינים, וואָס ווילן מיט א גענזישן געשריי ראַטעווען דעם קאַפּיטאָל.

ווארום, זאגט וואס איר ווילט, מיר האבן ניט קיין ברויט, קיין האָ־בער, קיין סאָלדאטן און קיין אָפיצירן, אָבער אין הלכות שרייען זיינען מיר גרויסע בריות. און ליגנער זיינען די, וואס זאָגן, הקול קול יעקב, והידים ידי עשו: עשו׳ן איז שוין אויך מער ניט געבליבן ווי דער קול.

מערץ 1918.

פערספעקטיוון.

דער גביר מאכט זיין קורצן באלאנס איין מאָל א מאָנאט, און דעם גענויעם — איין מאָל א יאָר. דער אָרעמער סוחר מאכט זיין באלאנס יעדע נאכט, ווען ער קומט א היים א מידער, אנ׳אויסגעמאטערטער.

מיר יידן אין רוסלאנד זיינען געגליכן צום אָרעמעם סוחר׳ל, וואס איז געצוואונגען צו מאכן אלע אָוונט זיין באלאנס.

נאָך איז די מלחמה ניט גענדיקט, ווייט איז נאָך דער טאָג, ווען אלע מלוכות אינאיינעם וועלן זיצן ביים פרידנס־טיש; אָבער עס זעען זיך שוין ארויס די פערספעקטיוון פון דעם יידישן גורל און מען מעג שוין מאכן דעם באלאנס.

אין די לעצטע פאָר מאָנאטן איז רומעניע ווידער געקומען צו זיך. מען וועט אָפּשניידן פון איר איין דרום־מערב־פּאָלע, — דאָברודזשע, — אָבער מען וועט צולאָטעווען צו איר א צווייטע, — פון צפון־מזרח־זייט — בעסאראביע. די דאָזיקע מלוכה, וואס איז געווען א קללה פאר יידן, כל זמן זי האָט געוועלטיקט איבער די אָרעמע פויערים, באקומט א נייע פאָר־ציע יידן. בעסאראביע, וואו עס האָט זיך אין די לעצטע צענדליקער יאָרן אָנגעהייבן צו אנטוויקלען א געזונטער יידישער טיפּ, א קאָלאָניסט, א טאַ־באַק־פלאנצער, א וויינגאָרטנבויער א. א. וו., וועט ארייננפאלן אין די הענט פון די רומענישע אכזריות׳דיקע אומוויסנדיקע באיארן, וואס וועלן מאכן א תל פון דעם אלטן איינגעזעסענעם יידישן כלל, און צעשטיקן דעם יונגן דור, וואס וואָלט נאָך ברייטער געקאָנט אויספרייטן זיינע פליגלען. שטארק זיך סומך זיין אויף דעם, אז דייטשלאנד וועט מאכן א טאָלק צווישן דער רומענישער רעאקציאָנערער רעגירונג און די יידן — איז ניטאָ וואס. כל זמן די מערדערישע באציאונג פון רומעניע צו זיינע יידן וועט

ניט א קיצל טאָן די דייטשע אינטערעסן, וועט דייטשלאַנד ניט פאַרלירן קיין רגע, אום זיך אַנצונעמען פאַר די געשטראָפטע יידישע רומענער.

א סך ערגער ווערט אויך דער פּאָליטישער מצב פון יידישן כלל אין אוקראַינע. אוקראַינע איז דאָס לאַנד, וואו דער יידנהאַס איז אַ טראַדיציע. ס׳איז דאָס לאַנד פון יידישע פּאָגראָמען פון כמעלניצקי׳ס און גאָנטע׳ס צייטן אָן. אוקראַינע, וואָס איז איצט אייגנטליך גאַנץ מערב־רוסלאַנד, איז שטענדיק געווען דאָס אָרט, וואו עס האָט געברענט דער באָדן אונטער א יידנס פיס. אין די אכציקער יאָרן האָבן זיך אָנגעהייבן די פּאָגראָמען אין מערב־רוסלאַנד, און נאָך ביז היינטיקן טאָג איז מערב־רוסלאַנד דער בריה, וואָס מאַכט חרוב יידישע קראָמען און האַקט אמאָל אריין א טשוואָק אין א יידישן שארבן.

דאָס, וואָס אין אוקראַינע איז פאַראַן א ראַדע און אפילו אזא מין פירה׳לע ווי יידישע פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע, עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט ניטאָ, איז נאָך קיין ראיה ניט, אז דער אַלטער מנהג פון פּאָגראָמען וועט שוין גאָר בטל ווערן. אין צפון־רוסלאַנד איז מען מיט דער פרייהייט אוועק נאָך ווייטער ווי אין דער אוקראַינע, מיר זייַנען א קאָמוניסטישע מדינה, מיר זיינען די, וועמען דער סאָציאַליזם איז שוין אויך צו־קנאָפּ; און פונדעסטוועגן קאָנט איר ניט וויסן, אויב מ׳וועט אייך מאָרגן ניט אריינוואַרפן אין א טייך א לעבעדיקן מיט אַנ׳אָנגעבונדענעם ציגל אָן די פיס. ראַדעס, פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע א. ד. גל. פאַרפליכטן רוסישע לייט צו קיין זאַך ניט. דאָס איז חלילה וחס ניט קיין וועקסל פון א סוחר, — און די אַלטע מנהגים בלייבן ווי געווען.

אין פּוילן, וואו פּאָגראָמען אויף יידן מאַכט מען געוואוינליך ניט — זיינען די צוקונפטיקע פּערספּעקטיוון פון יידישן כלל אויך ניט מינדער שלעכט. אויך פּוילן איז דאָס לאַנד פון דער טראַדיציאָנעלער שנאה צום יידן. די שנאה איז נאָך א שטאַרקערע אפשר ווי אין אוקראַינע. צו דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון יידנהאַס קומט נאָך צו די סבה, וואָס נעמט זיך אין די לעצטע דורות פון ריין עקאָנאָמישע קוועלן. פּוילן, וואָס וויל אַליין זיך שאַפן א קרעפטיקע אייגענע נאַציאָנאַלע שטאַטישע באַפעלקערונג, — טרעפט אויף טריט און שריט אָן דעם יידן, וועלכער הינדערט אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. פּוילן מוז קעמפן צוליב געוויסע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס מיט א 15־פּראָצענטיקער פרעמדער מאַסע, וואָס וויל זיך בשום אופן ניט אסימילירן. און אזוי ווי פּוילן ווערט איצט א זעלבשטענדיקע מדינה, וואָס קאָן שוין איצט אויסנוצן אַלע כלי־זין אין קאַמף מיט ״אַנ׳ אינווייניקסטן שונא״; און אזוי ווי איטליכער אינווייניק־פרייער שטאַט איז ניט מקפיד אויף די גרויזאַמע מיטלען, מיט וועלכע ער קעמפט, —

קאָן מען גוט פאַראויסזען, וואָס פאר א פאָרמען עס וועט אָננעמען דער קאמף צווישן פוילן און זיין יידישער באפעלקערונג.

אויך גרויסרוסלאנד גרייט ניט צו פאר אירע יידן קיין ממתקים. עס איז פאר איטליכן קלאָר, אז נאָכדעם, ווי גרויסרוסלאנד וועט ארוים פון איר קראנקנבעט, וועט עס ווערן א שטריינג־נאציאָנאלע מדינה. וואָס שטאר־קער עס וועט ווערן אין רוסלאנד דער ווילן ארויסצוגיין פון געזעלשאפט־ליכן פאראליטש, אלץ מעכטיקער וועט זיך רירן אין א רוסיש הארץ דאָס ריין־נאציאָנאלע געפיל. עס וועט ניט זיין דאָס הוילע צונויפזאמלען פון די קינצליך אָפגעריסענע קאנטן, נאָר א באוואוסטזיניקע נאציאָנאלע צו־זאמענשמעלצונג פון געזעלשאפטסטיילן, בא וועמען עס קלאפּט אנ'איינ־ציקער נאציאָנאלער אָדער. די אנטוויקלונג פון צוקינפטיקן רוסלאנד וועט גיין אונטער דער פאָן פון א גרויסן נאציאָנאלן שמערץ אין נאָך א גרעסערן נאציאָנאלן ווילן. און דאָס איז דאָך שוין אנ'אלטער היסטאָרישער כלל, וואָס קרעפטיקער עס קלאפּט דער נאציאָנאלער אָדער בא אנ'אויטאָנאָמעם פאָלק, אלץ נישטיקער ווערט די ראָליע פונם יידן ביים דאָזיקן פאָלק. שוין ניט גערעדט דערפון, וואָס דאָס קומענדיקע געזונט־געוואָרענע גרויסרוס־לאנד וועט בשום אופן ניט קאָנען מוחל זיין דעם יידן, וואָס האָט געשפּילט אזא שרעקליכע ראָליע אין דעם טאָג, ווען מען האָט געטיילט רוסלאנד שטיקערווייז. עס וועט ניט העלפן די לאָגיק און די חכמות פון די גע־לערטע און די פילאָזאָפן. דאָס נאציאָנאל געוואָרענע פאָלק וועט קיינ־מאָל ניט פארגעסן יענע, וואָס האָבן זיך אויפן פארלאנג פון דער צעבונ־טעוועטער רוסישער מאסע באגאנגען מיט רוסלאנד, ווי מיט א פוד צי־בעלקעס אויפן מארק.

חוץ אלע די דאָזיקע פערספּעקטיוון קומט צו נאָך א זאך, און אפשר די הויפט־זאך.

דייטשלאנד קאָן ווערן דער מושל אויף א לאנגע צייט איבער גאנץ מזרח־אייראָפּא. די נאציע, וואָס וויל באקומען די העגעמאָניע איבער דער וועלט, באהאנדלט פעלקער ווי א מיטל ניט ווי א זעלבסטצוועק. און אויך די יידן וועלן האָבן פאר איר נאָר אויף אזוי פיל א ווערט, אויף וויפיל זיי קאָנען דינען איר אלס מיטל. צוליב דעם, וואָס די דייטשע מלוכה וועט האָבן די אויבער־מאכט איבער מזרח־אייראָפּא, וועט זי אפשר ניט דערלאָזן, אז מען זאָל מאכן פון יידן א תל, אָבער זי וועט פארטיידיקן אויף אזוי פיל דעם יידן, אויף וויפיל עס לוינט אים אויסצונוצן אלס א מיטל פאר זיך. דערפון איז געדרונגען, אז דייטשלאנד וועט ניט צולאָזן קיין קערפּערליכע און עקאָנאָמישע באגרענצונגען פאר יידן. אָבער עס וועט ניט האָבן קיין אינטערעס אים צו שטיצן ריין געזעלשאפטליך־פּאָליטיש אין די לענדער, וואו מען האָט אים פיינט מיט א נאטירליכער שנאה.

אדרבה, דייטשלאַנד וועט זאָגאַר נוצליך זיין צו האַלטן דעם יידן אין די פּראָטעזשירטע לענדער אין אַזא מצב, וואָס זאָל אים ניט שטאַרקער צובינדן צום נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן לעבן, ווי צו די עקאָנאָמישע צילן פון גרויס־דייטשלאַנד; ממילא וועט דער ייד זיין אין אַזא לאַגע, וואָס וועט אים אויסשטעלן אַלס דער וואָס פירט שטענדיק א ניט נאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן לעבנסוואַנדל, וואָס איז שטענדיק אין חשד, אַז א קליינער פּראָפיטל איז אים וויכטיקער, ווי אַלע אידעאַלן און הויכע שטרעבונגען פון געקרויינטע נאַציאָנאַליטעטן און אמת׳ע פּאַטריאָטן.

פון די אַלע באַמערקונגען דאַרף מען אָבער ניט קומען צום באַשלוס, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן וועט זיך ענדערן צום שלעכטן, נאָכדעם ווי מזרח־אייראָפּא, צעשטיקלט אין א סך מדינות, וועט אָנהייבן לעבן ווידער בשלום. מען קאָן זאָגאַר אָננעמען, אַז א ריי סבות וועלן געבן דעם יידישן כּלל נאָכן קריג א פולע און א ברייטע פּרנסה. אָבער די קוואַלן פון דער פּרנסה וועלן אין תוך אונז ניט מאַכן גייסטיק, געזעלשאַפטליך ־ דיפערענצירטער, נאָר אפשר פּונקט קאַפּויר.

עס איז אויך ניט וויכטיק, וואָס אפשר וועט מען אונז געבן אין פּוילן און אוקראַאינע אַלערליי אויטאָנאָמע רעכטן. פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע, א פאַרבאַנד פון שטאָטישע קהלות, (פון דאָרפישע איז ניטאָ וואָס צו ריידן, וואָרום ערד וועט מען דעם יידן ניט געבן, בעת די פּויערשאַפט פאַרענטפערט איר היסטאָרישע ערד־פראַגע), א. ד. גל. האָבן קיין ממשות ניט, ווען זיי האָבן ניט קיין וויכטיקן געזעלשאַפטליך ־ פּאָליטישן אינהאַלט. ס׳זיינען דאָ אפילו מלוכות, וואָס ניט האָבנדיק קיין געזעלשאַפטליך־פּאָליטישן אינהאַלט, האָבן זיי א קלענערן ווערט, ווי א קליינע שטאָט אין דייטשלאַנד. אָט נעמט, למשל, מאָנטאַנעגראַ. און דערום, ווי פּאַראַדאָקסאַל עס קלינגט ניט אויפן ערשטן בליק, מוזן מיר זאָגן, אַז נאָך די גרויסע וועלט־איבערקערענישן זיינען אונזערע פּערספּעקטיוון זייער ניט קיין גוטע, דאָס יידנטום אין רוסלאַנד אַלס געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע מאַכט האָט א שטויס באַקומען צוריק צו דער אַלטער קאָמי־וואַיאַזשאַרסטווא.

באַקומענדיק אָבער א שטויס צוריק אין מזרח־אייראָפּא, האָט דאָס וועלט־יידנטום באַקומען צוליבן וועלט־קריג א געוואַלדיקן רוק פּאָראויס צוליב דער ענגלישער דעקלאַראַציע.

II

דאָס וועלט־יידנטום האָט אַדאַנק דעם קריג דערהערט דעם ערשטן שופר־בלאָז, וואָס רופט אים אַרויסצוגעבן פון זיך א פאָלק מיט א געזונטן געזעלשאַפטליך־פּאָליטישן אינהאַלט.

הגם דער קריג איז נאָך נישט געענדיקט און עס איז נאָך אין פינס־טערניש איינגעהילט די באַציאונג פון די צענטראַלע מלוכות צו דער ענגלישער דעקלאַראַציע, פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט זיין קיין גרויסער נביא, בכדי פאָראויסצוזען די געוואַלדיקע רעזולטאַטן פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע, וועלכע שטיצט זיך אויף דער צושטימונג פון פראַנקרייך און אַמעריקע.

ווי דער קריג זאָל זיך ניט ענדיקן נאָך דעם בריסקער שלום, איז ניט מעגליך, אַז ענגלאַנד זאָל זיך דאַרפן ביים פרידנס־טיש אָפּזאָגן פון אירע נצחונות אין סיריען, פּאַלעסטינע און מעסאָפּאָטאַמיע און פון אירע סטראַטעגישע און עקאָנאָמישע גרעניץ־לענדער. מיר קאָנען ניט פאָראויסזען די פּרטים, ווי עס וועט קאָנסאָלידירט ווערן א נייע מלוכה'לע, א יידישע. אָבער דער שכל הישר איז מחיב, אַז די ענגלישע דעקלאַראַציע וועט ניט בלייבן קיין שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס וועלן ניט שטיין די חתימות פון די וועלט־מלוכות.

ווי אַמאָל פאַר מער אַלס צוויי טויזנט יאָר, איז אויך איצט פּאַלעסטינע געוואָרן דאָס שטיקל ערד, וואָס מוז ווערן נייטראַליזירט, אויף וועלכער עס מוז איצט זיצן און בעל־הבית'עווען א קולטורעל פאָלק, וואָס זאָל קאָנען צופּאַסן די צילן פון די אייראָפּייאישע וועלט־מלוכות מיט זיינע אייגענע אינטערעסן. ניט אויס מענטשנפריינדליכקייט און רחמנות וויל מען אונז איצט איינפּלאַנצן אויף אונזער היסטאָרישן באָדן, נאָר ווייל מיר, אין פאַרגלייך מיט די אַראַבער, גיבן קולטורעל ווי ענגלאַנד, אַזוי אויך די אַנדערע מלוכות א גרעסערע גאַראַנטיע, אַז מיר וועלן קאָנען פאַרנעמען אין דעם אייראָפּייאישן דיפּלאָמאַטישן קאָנצערט דעם געווינשטן, כאָטש באַשיידענעם פּלאַץ.

און ווען דאָס וועלט־יידנטום נעמט צו מיט אַזא צופרידנהייט דאָס, וואָס מען באָט אים אָן, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז עס איז טויזנט מאָל בעסער צו זיין א קליינע זעלבסטשטענדיקע מלוכה'לע, איידער צו שפּילן א ראָליע אין הונדערטער פרעמדע געשטאַלטן בא די דיפּלאָמאַטישע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן פון אַלערליי לענדער.

מזרח־יידן, מערב־יידן, וועלט־יידנטום — מיט וואָס פאַר א חנ'עוו־דיקע גרימאַסע מען פּלעגט דאָס לאַכן פון די ציוניסטן, בא וועמען דאָס וועלט־יידנטום האָט פאַרנומען א ברייטערן אָרט, ווי די יידן פון וויטעבסק, מינסק און פּעטראָגראַד... "כלל־ישראל'ניקעס" פּלעגט מען זיי רופן און איטליך בונדיסטיש אָדער "פאַראייניגט" יינגל פּלעגט, אָפּלאַכנדיק פון כלל־ישראל'ניק, אין זיין טעמפּקייט מיינען, אַז ער האָט דערמיט אַרויסבאַוויזן זיין גרויסע חכמה און זיין טיפן בליק אויף דער יידישער צוקונפט.

עס האָט געקלעקט, אַז אַ מענטש פון עפּעס אַ פּאַרטיי זאָל וואַרפן אויף אַ מיטינג די דאָזיקע באַמבע, אַז דער זאָל זאָל פּאַטשן "בראַוואָ" און אַלע מיידלעך און יינגלעך זאָלן מיינען, אַז דער וועלט־יידנטום־געדאַנק איז אַ פרחה שבחרפה. אָבער ביים סוף קריג זעען שוין אַפילו די בלינדע, אַז היס־טאָרישע פאָלקס־שעפערישע אידייען זיינען נאָר די וואָס שטעלן אַוועק אין צענטר דאָס וועלט־יידנטום און ניט די יידן פון ליטע, פּוילן און ווען מען וועט געבן וואוינרעכט, אויך די יידן פון רוסלאַנד.

די צעבראָקלטקייט פון די מיליאָנען יידן אין רוסלאַנד, וואָס ווילן אין אַ קורצן משך פון 25 יאָר שוין איינער דעם אַנדערן ניט פאַרשטיין אַזוי, ווי היינט אַ רוסישער ייד אַ דייטשן, — וועט נאָך טויזנט מאָל מער אַניטירן פאַרן געדאַנק, וואָס אייניקט דאָס וועלט־יידנטום, ווי די אַמאָ־ליקע באַזעלער און אַנדערע קאָנגרעסן. דאָס קומענדיקע בילד פון אַ יידנ־טום, וואָס וועט האָבן זיינע פּוילישע, ליטווישע, אוקראַאינישע, פינישע און עסטישע פּאַטריאָטן, וועט נאָך מער אָפּשטויסן דעם געזונטן פאָלקס־אינס־טינקט, ווי ביז אהער.

ווען איך שטעל זיך פאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַ קאָוונער יידן, וואָס וועט ריידן פיין ליטוויש און וועט זינגען מיט התלהבות די ליטווישע פאָלקס־לידער מכח די "רוטן", וואָס וואַקסן ביים ניעמאַן און צירן מיט אַ קראַנץ ליטווישע יונגע כלות — ווערט מיר ניט גוט, ווי נאָך אַ פאַרציע לעבערטראָן.

און דאָס אייגענע, וואָס אין ליטע, וועט זיין אין אוקראַאינע, וואו היינט שוין, זאָגט מען, ריידן מאַנכע יידן אין די ראַדעס בעסער אויף אוק־ראַאיניש, ווי פּעטליורא און ווינישעווסקא. אין עסטלאַנד וועט זיך געפינען אין גיכן מן הסתם אַ יידישער פּראָפעסאָר וואָס וועט אָפּזיצן שבעה נקיים אויף צו באַשאַפן אַ גוטע עסטישע גראַמאַטיק. און אין פינלאַנד וועלן שוין יידישע קינדערלעך עלוים (און וואָס פאַר אַ קינד איז ניט בא יידן אַ'עלוי?), ניט קענען פּושקינ'ען אויף אויסוויינינק נאָר די פינישע העלדנ־לידער און רונעבערג'ס קאַלעוואַלע. גלייכצייטיק וועלן די דאָזיקע איבער־געטאָנענע ליטווינער, עסטן און פינען זיין גרויסע שפּראַכנקענער. וואָרום אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר מוז זיך דאָך קענען מיט אַלעמען צונויפריידן. און איך זע שוין אין מיין דמיון אַ יידן בא אַ קומענדיקן פסח'דיקן סדר־טיש, מיט זיין יינגל, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט די קשיות, און וואָס וועט פרעגן "מה נשתנה" צעערשט אויפ'ן הגדה־לשון .און דערנאָך מיט אַ ריין־ליט־ווישער איבערזעצונג, — און דער טאַטע וועט זיך שמעלצן פאַר נחת.

די געוואַלדיקע סטילאָזיקייט און צעבראָכנקייט פון אַ יידישער נשמה וועט נאָכן קריג אין גלות ווערן בולט'ער, מיאוס'ער. ווען די יידן אין

אמעריקע פארגלייכט מען שוין היינט מיט זעמדלעך אויף א פרעמדן ברעג, טאָ וואָס פאר א פנים וועלן שוין האָבן אין גיכן אונזערע פינישע, און עסטישע יידן פון משה רבינו׳ס גלויבן און פון א צופעליקן אָרטס־פאטריאָטיזם? און דאָס איז קיין ספק ניט, אז די שפעערישע קרעפטן פון פאָלק וועלן מיט אלע מיטלען זוכן דעם איין־איינציקן אייניקנדיקן געדאנק, וואָס מאכט אייך פון די פארוואָרפענע זעמדלעך טיילן פון א פאָלק. און דער דאָזיקער פאָליטישער געדאנק וועט זיין: פארשטארקן אונזערע עקאָנאָמישע געזעלשאפטליכע פאָזיציעס אין פאלעסטינע. דאָס יידישע לאנד וועט שוין זיין די זאך ניט פון איין פארטיי, נאָר די ליבע פון איטליכן יידן, וואו נאָר ער וועט ניט זיין פארוואָגלט. דאָס אקטועלסטע פון וועלט־יידנטום וועט זיין דאָס אינטערעס צום קליינעם פאס ערד, וואָס ליגט צווישן ירדן און מיטללענדישן ים. אלץ, וואָס איז נאָך דאָ אין וועלט־יידנ־טום שפעערישעס, וועט זיין געווענדט אהין צו מזרח. איטליכער, וואָס וועט אפילו גראָב פילן זיין צערינסנקייט צווישן זיין יידנטום און אָרטיקן פאט־ריאָטיזם, וועט נעפינען א לינדערונג פאר זיך נור אין ארץ ישראל. און אין א פיל גרעסערן מאסשטאב וועט ווערן צו וואָר אחד־העם׳ס חלום, „פון דעם קליינעם ליכט, וואָס שיינט פון מזרח אויף יידן און וואָס באַ־טויבט דאָס גאנצע יידנטום. סיי דער יידישער קאפיטאל, סיי די פאָעטישע געפילן פון א ראָמאנטישער וועלט־אנשויאונג, ווי דער ערגייץ און דער פראקטישער זין פון א וואכנדיקער יוגנט — אלע, אלע וועלן וואַרפן זייע־רע בליקן אויף דעם באָדן, וואו עס ווערט באשאפן דאָס נייע היסטאָרישע יידנטום.

דער שטעקן, מיט וועלכן גאָט האָט געשטראָפט די וועלט, דער גרוי־זאמער וועלט־קריג האָט אנטפלעקט פאר אונז צווייפאכע פערספעקטיוון. און וואָס טרויעריקער עס זעען אויס פאר אונז די פערספעקטיוון אין מזרח־אייראָפא, אלץ גלענצענדער שיינט פאר אונז דאָס ליכט פון אונזער אלטן מזרח, צו וועלכן דאָס פרומע יידנטום קערט צו אירע בליקן דריי מאָל א טאָג. פון היינט אָן וועט שוין ניט נאָר דער ייד אין קלויז, נאָר איטליכער ייד, וואָס האָט א פונק אין זיך, ווענדן זיינע בליקן, צום אלטן מזרח, וואו עס הייבט זיך אָן דער געבורטסטאָג פון היסטאָרישן וועלט־יידנטום.

מערץ 1918.

ערב פסח.

— "דער אויבערשטער האָט אין די לעצטע הונדערט יאָר געביטן זיין פּאָליטיק, — האָט מיט א שפּאָטישן געלעכטער געזאָגט מיין חבר, יונה דער ליטעראַט. — פאַרצייטן, למשל, האָבן זיך יידן געריסן מיט אלע כחות אין מדבר אריין פון מצרים, און פּרעה האָט זיי בשום אופן ניט געוואָלט ארויסלאָזן. היינט איז דאָס פּונקט קאַפּויר. א צענדליק פּרעה'ס גיבן אונז פּיין אָנצוהערן, אז מען וויל פון אונז פּטור ווערן, — און מיר זוכן דוקא מיט אלע כחות צו פאַרפעסטיקן אונזערע פּאָזיציעס אין מצרים.

טאָ וואָס טוט דער כביכול? שיקט ער ניט אָן די עשרה מכות אויף די פאַרעקשנ'טע פּרעה'ס, נאָר אויף ישראל'ס קינדערלעך. ווערן זיי פאַר־בלוטיקט אין אלערליי פּרעמדע מלחמות; קומען אויף זיי אלע צפרדעים, וואָס מאַכן אויף זיי פּאָגראָמען און פּאָגראָמלעך; ווערן זיי אליין מגולגל אין די אויגן פון די פרעמדע קולטורעלע פעלקער אין פּאַראַזיטן, אין א מין כנים, שיקט ער אָן אויף זיי, דער רבונו של עולם, אלערליי משומדים, רע־נעגאַטן, אנ'ערוב, רחמנא לצלן, און דער פּעסט אין דער געשטאַלט פון דער אסימילאַציע און זעלבסט-בטול. באַקומען זיי א מיאוסן פּנים פון אַקטיאָרן, וואָס גרימירן זיך אין אלערליי געשטאַלטן, האָגלט אויף זיי דער אַנטיסעמיטיזם אין אלערליי פּאַרלאַמענטן און מאַגיסטראַטן; ווערן זיי פאַראָרעמט אין מאַנכע לענדער פון די ביוראָקראַטישע הייִשעריקן, וואָס נעמען פון זיי אָפּט צו די גאַנצע רוחים; ווערט זי פינסטער אין די אויגן, ווען זיי פּרובן אריינדרינגען אין דער נאָענטער צוקונפט זייערער; ווערן פאַרפאַלן אין א פּרעמדן תהום די בכורים זייערע, די שעפער פון דער אומה, די גרויסע פּערזענליכקייטן. קורץ און גוט, — כביכול פאַרביטערט דאָס לעבן פון איטליכן יידן, וואָס האָט נאָך א פונק מענטשליכקייט אין האַרצן או טרייבט אים, ווי מיט שטעקנס, פון'ם אָרט, וואו ער פּרובט זיך באַפעסטיקן".

מיין חבר'ס פּלפּול הייבט מיר אָן צו געפעלן און איך פרעג אים: שוין זשע איז דער כביכול אזוי ניט אָריגינעל, אז א חוץ די עשרה מכות קאָן ער שוין ניט אויסקלייבן אנדערע פורעניות'ן?

— ״אי, דו האָסט שוין נאָר פאַרגעסן די הגדה, ליבער פריינד, — האָט מיר יונה געענטפערט — צי ווייסט ניט, אַז איטליכע מכה איז געווען אַ דאָפּלטע, אַ צענפאַכע? גאָט׳ס מכה האָט אין זיך אַלערליי טעמים, ווי דער מן, להבדיל, אין מדבר. אָט נעם, למשל, די מכה פון דער עמיגראַציע, מיט די יידישע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיקער, וואָס מאַנכע פון זיי זיינען געווען פאַר דער צעשפּרייטונג און מאַנכע פאַר דער קאָנצענטראַציע. אין פלוג גענומען איז דאָס געגליכן צו דער ערשטער מכה. עס איז שוין גענוג חשך אויפן הארצן, ווען מען לאָזט זיך אויף אַ שיף אין אַ פינסטערער צו־קונפט, וואו עס וואַרטן אויף דיר אַלערליי שלעק און קללות. קומען נאָך פאַר־שידענע אייגענע לייט און טראָגן אַריין אין דעם דאָזיקן חושך דעם פּלאָנטער פון צעשפּרייטונג און קאָנצענטראַציע״.

— ״הייסט דאָס, אַז איצט, נאָך דער ענגלישער דעקלאַראַציע, וועט זיך אין אומגעקערטן אופן איבערחזר׳ן דאָס, וואָס איז נעווען מיט די יידן אין מצרים? אייראָפּע וועט מיט אַלע מיטלען זען, אַז יידן זאָלן וואָס־גיכער גיין קיין ארץ־ישראל און יידן וועלן אויסטריקענען ימים, נאָר אבי צו קומען צוריק אין מצרים?״

— ״און דו צווייפלסט נאָך? — האָט ער איראָניש מיר איבערגע־האקט די רייד — צי ווייסטו ניט, אַז עס געפינען זיך איצט בא אונז פּאַרטייען ״פּאַראייניקטע״, בונדיסטן, פאָלקס־פּאַרטייען, וואָס צאַצקענען זיך מיט אַלערליי פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיעס און מיינען, אַז ערשט איצט הייבט זיך אָן אַ לעבן פאַר ליטווישע, עסטישע, פינישע און אַנדערע יידן? געדיינק מיין וואָרט; כביכול וועט נאָך מוזן אונז באַשערן אַ נייע פּאָר מכות, כדי מיר זאָלן אויפהערן צו זיין עקשנים, וואָרום נאָך עד היום זיינען מיר אַנ׳עם קשה עורף און מיר דאַרפן כסדר פילן אויף זיך אַ גראָבן שטעקן״.

אפּריל 1918.

א יום־טוב אויף צו להכעיס.

(מכח דעם 1־טן מאי).

דער אינטערנאציאָנאַל האָט געוואָלט נאָכטאָן די גרינדער פון רע־ליגיאָנען, א משה רבינו, די פּאָטערס פון די קירכן, מחמד׳ן און זיינע תלמידים, וואָס האָבן באַשטימט פאַרן פאָלק יום־טובים אין געוויסע טעג. האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אויך פאַרוואַנדלט איין טאָג אין יאָר אין א יום־טוב, און ער האָט באַפוילן: דעם ערשטן פון חודש מאי, ווען די גאַנצע נאַטור הייבט אָן צו שפּראָצן און בליען, ווען איטליכס גרעזל שטעקט ארויס זיין שפּיצל און זוינט, ווי אַנ׳עופ׳לע מיט אַלע פּאַרן זון און לופט, — זאָלסטו, ארבעטער סאָציאַליסט, מאַכן פאַר דיין טאָג, ווען דו ביזט ארויס מעבדות לחירות, און רופן זאָל מען אים דער יום־טוב פון פּראָ־לעטאַריאַט. דער ערשטער מאי איז געוואָרן א מצות עשה פון דער נייער סאָציאַליסטישער רעליגיע, דער איין־איינציקער שבת־טאָג אין די 365 טעג פון א גאַנץ יאָר. מאַרקס תורה האָט אין דער קייט פון אַלערליי טראַדיצי־אָנעלע יום־טובים אריינגעקוועטשט מיט געוואַלט א ניי רינגעלע. און אזוי ווי די נייע רעליגיע האָט געלייקנט אין אַלע צודאָטן פון די אַנדערע אַלטע רעליגיעס, האָט זי ניט געהייסן גיין אירע מאמינים אין די קירכן מתפּלל זיין און רויכערן די הייזער מיט שמעקנדיקע קרייטעכצער און גע־ווירצן, נאָר זיי באַפוילן ערשטנס, צו מאַכן פון ערשטן מאי א שבת־טאָג, ווען עס רוען די פאַבריקן, און די וואַרשטאַטן; און צווייטנס, א טאָג פון מיטינגען און גאַסן־פּראָצעסיעס מיט רויטע הייסע ווערטער אין די מיילער פון די בעל־דרשנ׳ס אגיטאַטאָרן, מיט רויטע פלאַטערדיקע פאָנען, וואָס זעען אויס פון דערווייטנס, ווי די פייערדיקע צונגען פון א גרויסן בראַנד אין די הענט פון די מאַסן־דעמאָנסטראַנטן.

איז אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל נאָך א יונגע אמונה, און דערום האָט ער נאָך ניט די געניטקייט פון די אַלטע רעליגיעס, וועלכע האָבן קלי־גער פאַרשטאַנען צו פאַרפעסטיקן זייערע נייע יום־טובים. ווען דאָס אַלטע יידנטום האָט געוואָלט פאַרפעסטיקן ביים האַלב - געצנדינערישן יידישן פאָלק די נייע יום־טובים, וואָס דאַרפן איינפלאַנצן דעם ריינעם באַגריף פון אחדות הבורא, האָט עס פאַר די נייע יום־טובים ניט גענומען אבי וואָס פאַר א וואָכנדיקן טאָג, נאָר אזא טאָג, ווען דאָס פאָלק איז שוין פון איי־ביק אָן געוואוינט געווען צו פייערן מיט אַלערליי הלולים. דער פּסח, דער

סוכות ווי דער שבועות, פאלן צונויף מיט נאטירליכע יום־טובים, וואָס האָבן שוין לאנג עקזיסטירט נאָך בא די אלטע כנענים, ווען זיי האָבן געפייערט זייערע פעלדער — יום־טובים. די אלטע יום־טובים וואָס זיינען שוין פון אייביק אָן געווען פארבונדן און פארוואקסן מיט דעם ערדקולט, מיט דער זון, מיט דעם זייען, פלאנצן, שניידן און שייער־טראָגן, זיינען געבליבן אויף זייער אלטן אָרט. נאָר אין דעם חג האביב האָט מען אריינגעלייגט דעם זין פון יציאת מצרים. אין די טעג פון דעם ערשטן געריטעניש, אין שבועות — דעם זין פון מתן תורה, אין סוכות, די צייט, ווען עס ווערן צייטיק די טרויבן און עס הייבט זיך אָן די פרייליכע צוזאמענקונפט פון די דאָרפישע פאָרלעך אין די וויינגערטנערביים שניידן די וויינטרויבן־פרענזלעך, דעם חג האסיף — דען זין: אין ביידלעך זייט איר גזעסן, וואנדערנדיק דורכ'ן מדבר.

דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט'ן קריסטנטום, ווען עס האָט געוואָלט איינפלאנצן זיינע נייע באגריפן אינ'ם פאָלק, וואָס האָט געלעבט מיט די מנהגים פון דער אלטער געצנדינערייַ. זייערע יום־טובים זיינען סוף כל סוף געפאלן אויף די אייגענע טעג, וועלכע דאָס פאָלק איז שוין געוואוינט געווען צו פארברייינגען אין די געצן־טעמפלען און די גאסן יום־טוב'דיק און פרייליך. נאָר זיי האָבן זיך געמיט מיט אלע כחות אריינצוניסן אין די אלטע יום־טובים אנ'אנדער אינהאלט, דעם אינהאלט פון א קריסטליכן געדאנק און פון א קריסטליכן חשבון הנפש. דער אינטערנאַציאָנאַל אָבער, זייענדיק דורך און דורך רעוואָלוציאָנער, האָט אויך אין דער הינזיכט געשטרעבט צו בלייבן ריין רעוואָלוציאָנער. ער רעכנט זיך ניט מיט די פאקטן פון דער היסטאָריע בא דער באגרינדונג פון נייע רעליגיעס. ער איז ווי די ערשטע פאנאטישע קריסטן, וואָס האָבן בשום אופן ניט געוואָלט מאכן קיין שום פשרות מיט די הערשנדע מנהגים און פאָלקסגעברויכער, און ער שניידט זיך אוים א יום־טוב אין א מיטן טאָג פון יאָר. וואָס האָט ניט די מינדעסטע שייכות מיט אָנגענומענעם רו־טאָג ביים פאָלק.

דעם אינטערנאַציאָנאַל, דעם גרינדער פון א נייער מאסנרעליגיע איז נאָך ניט גענוג די יום־טוב־שטימונג אליין, די כאראקטעריסטישע שטימונג, ווען א מענטש, אראָפּווארפנדיק פון זיך דעם יאָך פון דער וואָכעדיקייט, איז אמאָל מסוגל זיך צו פארטיפן אין העכערע געדאנקען און באקומען אויף א ווײַלע א נשמה יתירה. ער וויל נאָך מיט דעם נייעם יום־טוב ארויסטרעטן קעגן די, וואָס קאָנען מיט אים דעם יום־טוב ניט מיטמאכן. דער ערשטער מאי איז א יום־טוב אויף צו להכעיס דער בורזשואזיע און דערום נעמט מיט א כיון דער אינטערנאַציאָנאַל אזא טאָג אין יאָר פאר זיין שבת, וואָס האָט לויט די אלטע אור־אלטע פאָלקס־טרא־

דיציעם קיין שום וואָרצלען ניט אין לעבן. אָבער א יום־טוב אויף צו להכעיס איז עפּעס אזוינס וואָס בינדט זיך ניט צוזאמען, ווי א מין שעטנז, ווי קאַלט און הייס אינאיינעם, ווי א ווייכער פּאָטעל מיט א טשוואָק אינמיטן געזעס. וואָרום דער ערשטער תנאי פון אַן׳אמת׳ן יום־טוב איז די רואיקע הארמאָנישע שטימונג, ווען די אינסטינקטן פון האַס, כעס, נקמה, פארביטערטקייט און קנאה טרעטן אָפּ אָן א זייט, שלאָפן אויף א ווײַלע איין, און אויף זייער אָרט טרעט אריין ברייט און פריי אין פּאַלאַץ פון אונזער ״איך״ דער ריינער געדאנק. רואיק, מילד, גוט און קלוג גיט מען זיך אָפּ דאן א חשבון הנפש פון אונזער אייגענער לויטער־קייט, ווי פון דער לויטערקייט פון אונזער געזעלשאפטליכן לעבן. וואָלט דער אינטערנאציאָנאל ניט אויסגעקריצט אויף זיינע לוחות צוערשט די תורה פון קלאסנהאס און קלאסנקאמף, — וואָלט אים בשום אופן ניט איינ־געפאלן צו זיין אויך רעוואָלוציאָנער בנוגע דעם יום־טוב., אין וועלכן ער וויל ארײַנלייגן א נייעם פּראָלעטארישן תוך.

דער אינטערנאציאָנאל, וואָס איז געבויט אויף דעם היסטאָרישן מאטעריאליזם, איז א צו געטרייער קענער פון דער געשיכטע, אום צו וויסן, אז איטליכער נייער יום־טוב איז נור מעגליך ווען ער טשעפּעט זיך צו צו אַן׳אלטן פאָלקס־יום־טוב־טאָג. נאָר אזוי ווי דער אינטערנא־ציאָנאל וויל אויך אין די רואיקסטע טעג ניט לויז לאָזן דעם פּראָלעטאריאט פון דעם ערשטן ״דבור״ — קלאסנהאס און קלאסנקאמף, — דערום איז ער געצוואונגען אין פּראָלעטארישן יום־טוב ארײַנצובלאָזן א געפיל און א שטימונג, וואָס איז מער האס און קאמף, ווי א רואיקער חשבון־הנפש פון זיך און פון דער געזעלשאפט. און טאַקע דורך דעם ווידערשפּרוך צווישן א יום־טוב־שטימונג און דעם ניט־יום־טוב׳דיקן ערשטן ״אני מאמין״ האָט דער ערשטער מאי קיין מזל ברכה ניט. דאָס יום־טוב׳דיקע אין אים שלע־פערט איין דעם האס־ און קאמף־געפיל, און דער בייזער פּנים פון האס און קאמף, וואָס רייסט זיך אריין אלע ווײַלע אין יום־טוב שוואַכט אָפּ דעם הויך פון דער נשמה יתירה אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען עס רוען די פאבריקן און די ווארשטאטן.

ווען איך וואָלט געהאַט א שטים אין אינטערנאציאָנאל וואָלט איך פאָרגעשלאָגן, אז מען זאָל דעם ערשטן מאי ניט אָנרופן מיטן פאלשן הויכן טיטל ״דער יום־טוב פון פּראָלעטאריאט״, נאָר דער ״מאנעוור - טאָג פון אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטארישן חיל״. דענסטמאָל וואָלט שוין ניט געווען קיין סתירה צווישן דעם, וואָס עס שטייען די ווארשטאטן און פאבריקן ווי די גולמ׳ס, און וואָס איבער די פּעטערבורגער, מאָסקווער, בערלינער, לאָנדאָנער, פּאריזער און ניו־יאָרקער גאסן פלאטערן די רויטע פאָנען. דען

אין תוך אריין ווייזט דער ערשטער מאי ניט דעם באפרייטן ארבעטער, נאָר דעם קעמפנדיקן פאר באפרייאונג. ניט דעם זיגער, וואָס דאנקט גאָט און זיין קראפט פאר דעם ערפאָלגרייך־דורכגעטרעטענעם וועג, נאָר דעם גע־בונדענעם, וואָס רייסט מיט קרעפטיקע מוסקולן די קייטן פון זיין לייב און גייסט. ניט די איצטיקע פויסט, נאָר דעם ווילן צו דער מאכט. מיט איטליכן יאָר פארגרעסערט זיך די צאָל ארבעטער אין דער וועלט, וואָס קומען צו די מאנעוורען. אויך איצט נאָך קאָנען זיי ניט קומען אויף די מאנעוורען אומעטום מיט'ן קלונג פון דער פאבריק־גלאָק. אין מאנכע ער־טער זיינען די ארבעטער געצוואונגען ערשט נאָך זייער ארבעטסטאָג ארויסצוגיין אויף די גאסן און פול צו־מאכן מיטינגס־זאלן. אָבער מיט איטליכן יאָר ווערן זייערע מאנעוור־באטאליאָנען אלץ גרעסער און גרע־סער. א מאנעוור איז אָבער ניט קיין שלאכט, און אויך די קלינגסטע מא־נעווערעס מיט פוסטע קאנאָנען און ניט געלאָדענע ביקסן זיינען נאָך ניט קיין ראיה, וואָס פאר א פנים עס וועט האָבן אנ'אמת'ע מלחמה, ווער וועט פון איר ארוים מיט א נצחון.

ערשט דענסטמאָל, ווען דער פראָלעטאריאט אין אלע זיינע אפשטור־פונגען פון ארבעטער ביז צום אינטעליגענטן פראָלעטאריאט וועט ווירקליך דערגרייכן די הויכקייט צו ווערן דער איינציקער מושל אויף אלע זיינע פראָדוקטיווע קרעפטן, — ערשט דענסטמאָל וועט דער מאנעוור פון געפּענ־טעטע און געזעלשאפטליך צוריקגעשטויסענע ווערן אנ'אמת'ער יום־טוב. נאָר דענסטמאָל וועט דער טאָג ניט אויספאלן אויף 1 מאי, נאָר אויף אזא רו־טאָג, וואָס האָט שוין זיינע טויזנט־יאָריקע וואָרצלען אין לעבן פון פאָלק. דער אינטערנאציאָנאל אליין וועט דעמאָלסט גיין דעם וועג פון אלע גרויסע רעליגיאָנס־באגרינדער, וואָס האָבן צוגעפּאסט זייער נייעם גייסטיקן אינהאלט צו די אלטע יום־טובים.

וואָרום דער באפרייטער פראָלעטאריאט וועט אליין ניט וועלן מאכן צו נישט א טאָג פון זיין רייכער פּראָדוקטיוויטעט, צוליב א פשוט'ן קאפּ־ריז. ער וועט אליין זיין דער בעל־הבית אויף די פרוכטן פון זיין ארבעט און ער וועט גלייכער מאכן א נדחה פאר זיין יום־טוב, למען די געזעלשאפט זאָל ניט ליידן פון זיין שבת אין א מיטן וואָך. עס וועט אויך ארויספאלן פון דעם דאָזיקן יום־טוב דער גיפט פון האס און קאמף. עס וועט צעגיין אין דער לופט ווי רויך די צו להכעיס־שטימונג, וואָס פארטשאדעט היינט דעם פראָלעטאריער יום־טוב און עס וועט שוין ניט זיין קיין חילוק, צי דער יום־טוב וועט זיין דער ערשטער מאי, צי דער ערשטער זונטיק פון מאי.

ביז דענסטמאָל אָבער איז דער ערשטער מאי פאר קיינעם ניט קיין

יום־טוב. ער איז עפּעס א מין טומטום, וואו עס מישן זיך אויס אלערליי קעגנזועצליכע סמנים. עס שטייען די פאבריקן, אָבער קיינעם איז ניט פריי־ליך. מען רעדט פון קאמף און זיג און קיינער האָט ניט געזיגט און קיינער האָט אפילו ניט געקעמפט. מען האָט נור די פאָנען־טרעגער ארויסגעשיקט אויף דער גאס, באגלייט פון אנ׳אָרעמער מוזיק־קאפּעליע. און אויך דאָ אין גרויס־רוסלאנד, וואו עס האָבן כלומרשט געזיגט די ארבעטער, איז דאָס בלויז א נצחון אויף אַ בית־עולם, וואו דער זיגער ווארט נאָר אויף א לע־בעדיקן, וואָס זאָל אים ווידער פארשקלאפן, ער זאָל ניט אויסגיין פשוט פון הונגער. גראָד דאָ זעט מען, אז דער זיג פון פּראָלעטאַריאט איז נאָר דענסטמאָל מעגליך, ווען ער וועט אליין שוין זיין אויף דער מדרגה אי־בערצונעמען די גאנצע שעפערישע ארבעט פון פארשייטן מאוסן בורזשואַ.

די וויסנשאפטליכע פּראָגנאָזע פּראָגנאָזירונג ווייזט אונז, אז דער פּראָלעטא־רישער יום־טוב וועט פּאָרט אמאָל קומען, וועט מוזן קומען. צי ער וועט קומען לויט די וויזיאָנען (חזיונות) פון א מאַרקס, אָדער לויט די וויזיאָ־נען פון אנ׳אנדער נביא פון סאָציאליזם, איז לחלוטין ניט וויכטיק. אָבער קומען מוז ער. די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאפט מוזן אין זייער ווייטערער אנטוויקלונג קומען צו אזא הויך ווען דער גאנצער כלל וועט באקומען א סאָציאליסטישן פנים און א סאָציאליסטישן תוך, און דעמאָלט וועט דער יום־טוב פון דער באפרייאונג פון די ארבעטנדע קלאסן זיין איינער פון די גרעסטע און רייכסטע יום־טובים אין דער מענטשליכער קולטור. וואָרום אנ׳אמת׳ער יום־טוב איז היסטאָריש שטענ־דיק דער סך־הכל פון א נצחון, אָבער ניט דער וועג צו א נצחון.

און דער פּראָלעטארישער יום־טוב וועט אויך ניט זיין קיין אויסנאם אין דער הינזיכט.

מאַי 1918.

תקון־שבועות.

און מיין חבר יונה דער ליטעראט האָט אזוי אָנגעהייבן:

„אין שיינעם מאָנאט מאי, ווען אלע קנאָספּן שפּראָצן", — אין וואונדערליכן מאנאט מאי, ווען אלץ אין דער נאטור זויגט מיט טויזנטער מיילעכלעך אין דער לופט, אין די גליקליכע ערב־שבועות־טעג, ווען אונ־זערע זיידעס אין די שטעטלעך גרייטן זיך צו תקון און די חדר־יינגלעך לאָזן זייער פּאפּירענעם פלאָט אויף די רינשטאָקן, — אָט אין די דאָזיקע ליבע סודות׳דיקע טעג ווארטן מיר מיט שרעק און מיט אנגסטן אויף די אָקופּאציע פון א פּעטראָגראד אָדער א מאָסקווע.

די וועלט בכלל און די גרויס־רוסישע בפרט איז ארויס פון די כלים;

זי וויל משנה מעשה בראשית זיין, זי מאכט פון די שיינע מאי־טעג א כמארע, און ווען די אויפגעוואכטע בוימלעך שטייען, ווי יונגע כלות, אנט־קעגן א לויטערן פרישן הימל, שיט זי אונז זאמד אין די אויגן און פאר־פינסטערט אונז די זון, פאר׳סמ׳ט אונז דעם באלזאם פון דער פרילינגס־לופט".

— "וואָס האָסטו זיך אזוי צע׳דבר׳ט?" — האָב איך מיט פארדרוס אָפּגעשטעלט מיין חבר. — "קיין שום לעניג׳ס דעקרעט קען ניט אויס־מעקן א פרילינג, און דער בלוטיקער וועלט־קריג קאָן ניט איינשטילן דעם פרילינגס־רוישן אין דער נאטור. גיי צו דיין זיידן און זאָג מיט אים תיקון. איך אָבער גיי צו די קינדער לאָזן מיין פאפירענעם פלאָט איבער די רינשטאָקן".

— "א טעות, ברודער" — האָט יונה ביטער זיך צעשמייכלט, — "תיקון זאָגן איצט די ראטן, ניט די זיידעס אונזערע. אונזערע זיידעס האָבן שוין אפילו קיין תיקון שבועות ניט אין זייערע נייע ערטער, וואו זיי האָבן זיך אין צרות פארזעצט פון יאנושקעוויטש׳ס *) גאָלדענע צייטן אָן. און דאָס ווייסטו דאָך מן הסתם, אז אלץ אין דער וועלט קען מען וויסן אויסווייניק, נאָר ניט א תקון־שבועות, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון צעפליקטע, צעריסענע און שוואך צוזאמענגענייטע פרקים. א תקון שבועות איז כמעט דאָס אייגענע, וואָס א פורים׳דיקער קדוש, וועלכער הייבט זיך אָן מיט א "יום השישי" און ענדיקט זיך מיט אנ"עלינו לשבח" און מיט א בייז צעטרעטענעם שפיי אויף דער פאָדלאָגע. אויך די ראטן האָבן זיך גענומען פאר אזא פורים׳דיקן קדוש, פאר אזא תקון שבועות, וואָס הייבט זיך אָן פונ׳ם עקסטן מארקסיזם מיט די ווערטער "יום השישי ויכולו", ד. ה. זעקסטער טאָג פון קאפיטאליזם און די בורזשואזיע איז צו ענדע, און עס הייבט זיך שוין אָן דער אייביקער שבת פון די הענט אין מאזאליעס און די אָרעמס, וועם דרייען דעם מאשינען־ראָד. און דער קדוש איז געגאנגען בארג־ארויף, בארג־אראָפּ, אריין אין הוילן און אין לעכער, ארוים מיט א פויקערייַ ווידער אין דער הויך, און אריינגעגאנגען מיט א מאָל אין א זודיקן גהינום פון א ברעסטער בלאָטע, וואו צעריסענע פסוקים און פסוקים׳לעך קלעפּן זיך צענויף, רייסן זיך אָפּ, פליען ארום ווי די גלידער פון אינזעקטן, חיות, מענטשן אין דער פאנטאסטישער וועלט פון עמפּעדאקלעסן, דעם גריכישן פילאָזאָף".

יונה׳ס איינפאל איז מיר געפעלן און איך פרעג אים:

— "אויב תקון זאָגן איצט די ראטן און אונזערע זיידעס וועלן אין

*) לייטער פון גענעראל־שטאָב, וואָס האָט אין 1915 יאָר אַרויסגעשיקט אַלע יידן פון קאָוונער און קורלענדער גובערניעס.

דער שבועות־נאכט זיצן אָן א שטאָך ארבעט, טאָ וואָס וועלן זיי פאָרט טאָן?

— "זיי וועלן ארויס בא נאכט א זייגער צוועלף אויף דרויסן און קוקן, ווי דער הימל שפאלט זיך, ווי אליהו הנביא באווייזט זיך אין צעפלאצטן הימל און וועלן אָנשטעלן זייערע הערצער אויף די טיפסטע וואונשן פון זייער נשמה".

האָט יונה זיך געחכמ׳עט. און פארטראכטערהייט האָט ער ווייטער געפאנטאזירט:

"ווי וואויל איז צו זיין א זיידע, און ווי ביטער איז צו זיין אנ׳אייניקל. אין דער צייט, ווען די רעגירונג פארנעמט זיך מיט א שכור׳ן קדוש און א תקון־שבועות, און דער הימל וואָלט זיך באמת געשפּאָלטן, און אין זיין שפאלט וואָלט זיך באוויזן אנ׳אליהו הנביא און מיר געזאָגט: ווינש זיך, וואָס דו פארלאנגסט, עס וועט אלץ מקוים ווערן, — גלויב מיר, איך וואָלט ניט געוואוסט וואָס זיך צו ווינשן. ווי קען מען אין דער היינטיקער וויסנשאפטליכער צייט, ווען מען דערטרינקט א מענטשן ניט אנדערש, ווי לויט דעם "וויסנשאפטליכן" סאָציאליזם, זיך עפּעס ווינשן, וואָס איז אזוי ניט וויסנשאפטליך, ווי א נס מן השמים? די דארוויניסטישע טעאָריע פון אנ׳אייביקן קאמף פארן קיום צווישן די קלאסן, די ביאָלאָגישע — פון אנ׳אייביקן און׳ברחמנות׳דיקן קאמף צווישן די לעבנסקעמערלעך פון אָרגאניזם, האָט פון אונז צוגענומען אפילו דעם נארישן פארלאנג צו ווינשן זאכן, וואָס גייען ארויס פון דעם וויסנשאפטליכן גדר. די היינטיקע "וויסנשאפטליכקייט" האָט צוגענומען בא אונז די אמאָליקע תרי"ג מצוות און האָט אונז געגעבן א נייעם שולחן־ערוך מיט נייע מצוות. און ווען עס זאָל צו אונז היינט קומען א אליהו הנביא, וועלן מיר אים איידל בעטן זיך צו באקאָנען מיט די טייערע ספרים פון א דארווין און א העגעל,, א מארקס און א ענגעלס, פון א הערטוויג און א ווייסמאן א. ד. גל., כדי ער זאָל ניט פארשעמען אנ׳איינאָפּייאישן מח מיט זיין עם־הארצות. מיר וואָלטן אים זאָגן: ר׳ אליהו, קרוין! ווער אנעקסטערן, ווער א סטודענט און דערביי טרעט אריין אין ערגעץ א יידישער סאָציאליסטישער פּארטיי. מעגסט אויך ווערן א מיטגליד פון א יידישן לערער־קרייזל, אָדער א משולח אין אנ׳"אָרט" אָדער "יעקאָפּאָ" און דעמאָלט וועסטו זיך שוין ניט פארנעמען מיט אזוינע פאלשע דמיונות צו וועלן און קאָנען געבן דעם מענטשן אלץ, וואָס ער ווינשט זיך אין זיינע נארישע, ניט וויסנשאפטליכע חלומות".

"יונה", האָב איך איבערגעהאקט מיין חבר, — מיר דאכט זיך, אז דו זאָגסט שוין אליין תקון־שבועות. אָנגעהייבן האָסטו פון פריילינג און אוועק ביזטו שוין פון די ראטן צו אליהו הנביא און צו "יעקאָפּאָ".

יונה האָט זיך שטיל פונאנדערגעלאכט.

— "געדעכט, ברודער, מיר זאָגן איצט אלע תיקון־שבועות. דער פיר־יאָריקער קריג האָט אונז צעברעקלט און צעשטיקלט, און אלע אונזערע געדאנקען זיינען איצט ניט מער, ווי א פורים'דיקער קדוש, ווי א תקון־שבועות, נאָר אָן א שום פריילעכקייט, אָן א שום יום־טוב־שטימונג".

"טאָ לאָמיר שוין כאָטש פון תקון ניט ארויסוואַרפן היינעס פסוק פון "שיינעם מאי, ווען אלע קנאָספּן שפּראָצן", האָב איך געזאָגט.

יונה האָט מיר געדעכט געגעבן און מיר זיינען ביידע אוועק צום באל־טישן וואקזאל באקומען אין שיינעם מאָנאט מאי א ביסל טוואָראָג אויף צו באשיינען דעם שבועות, דעם טאָג, ווען מען האָט אונז געגעבן א גאנצע תורה, ניט קיין תקון־שבועות און ניט קיין שכור'ן קדוש.

מאַי 1918.

איך די זומערדיקע טעג.

אין די זומערדיקע טעג, ווען אפילו אנ'אלטע גרושה דערמאָנט זיך אָן די יאָרן פון מוידוויז, ווען אפילו דער מתמיד, דער קלויזניק גייט ארוים שעפּן פרישע לופט ביים ברעג פון טייך, ווען אפילו די לייט פון א מושב זקנים ווארעמען זיך ביים טויער פון זייער הויז, — אין אזעלכע טעג בין איך ארוים פון מיין באהעלטעניש, וואו איך האָב אָפּגעפינסטערט גאנצע זיבן מאָנאטן, צייט לענין איז געוואָרן א מושל.

האָט שוין די זון אזא טבע, אז אויך דער גרעסטער מרה שחורה'ניק ווערט אויף א ווײַלע אוים עקשן און הייבט אָן שלום צו מאַכן מיט דער וועלט. און ניט ווילנדיק האָב איך געמוזט מודה זיין, אז אין פּעטערבורג איז פאָרגעקומען א גרויסער שנוי צום בעסערן. עס איז אויסגעוואַקסן דער אנגרא־האנדל, עס האָט מורא'דיק אויפגעבליט די מעבל־אינדוסטריע; אויך אין הלכות־אכילה איז פאָרגעקומען א גרויסע פאַרענדערונג, און דער פאַרקער צו־פוס, אויף וועגן און אויף באן איז שוין אויך ניט לא־עליכם.

עס זיינען אויסגעוואָקסן, ווי די שוועמלעך, די קאָמיסיאָנס־קאָנ־טאָרן, וואָס באָטן אייך אָן אָן שום אָרדערס אלטע בגדים, אויסגעטרע־טענע שטיוול, שטיקלעך קאַרט און ציץ און נאָך אזוינע גוטיקייטן, דו שפּרייזט ניט אוועק קיין צען טריט, אז פון עמיץ א פענסטער זאָל זיך ניט א וואָרף טאָן אויף דיר, ווי היישעריקן, תרפ"ט מודעות מכח אלע־דינג, וואָס דו באדאַרפסט פאַר זיך, פאַר דיינע קינדער און אפילו פאַר דיינע קינדס־קינדער. וואָרום אָן די קאָמיסיאָנס־קאָנטאָרן באקומסטו א

טאָוועלע שאָקאָלאַד, א פּאָר קאַמאַשן און אויך א זילבערנעם בעכער פון מלך סאַבעסקעס צייטן. און אַלץ אָן אַנ׳אָרדער, און אַלץ פאַר א הוילע פּשוט׳ע קערענקע, וואָס מען וועט אייך אפילו מניה וביה אָפּבייטן אויף קליינגעלט.

עס איז אויך אויסגעוואַקסן דער אַגראָ־האַנדל מיט צוקער, קיכלעך און נאָך אַזוינע זיסע זאַכן. פריער, למשל, פלעגט מען אויף די טישן בא די גאַס־עקן פּאַרקויפן נאָר 2—3 קיכלעך, העכסטנס 5 ציגעלעך צו־קער אויף א מאָל. און היינט באַט מען שוין די סחורה אָן 2 — 3 מאָל אַזוי פיל. איך האָב אליין געזען, ווי עפּעס א שיקסע האָט פּאַרקויפט איי־נעם א קראַסנאָאַרמייעץ נאַנצע צוואַנציק ציגעלעך צוקער אויף א מאָל.

אויך די מעבל־אינדוסטריע איז שטאַרק איצט. אמת, דער אָנבאָט איז גרעסער ווי די פּאָדערונג. אָבער געניטע סוחרים זאָגן, אַז ווינטער־צייט, ווען עס וועט ניט זיין מיט וואָס צו הייצן, וועט דאָס ווערן פּונקט קאַפּויר. עס וועט ניט סטייען קיין מעבל פאַר אַלע אויוונס אין דער גע־בענשטער שטאָט.

וואָס אָנבאַלאַנגט עסנוואַרג, — געפינסטו אויף אַלע גאַסן סוחרים פון געמיזע־קאָטלעטן און גלאַט אַזוינע געשמאַקע זאַכן, וואָס זיינען אויס־געבאַקן פון ציגענע באָבקעס מיט א ביסעלע היי און שטרוי. און כדי דער רעגן זאָל די דאָזיקע אכילות ניט באַנעצן, האָט מען אַנטדעקט אַזוינע האַרטע לעקעכלעך, וואָס קיין צאָן קען זיי ניט נעמען, סיידן — א לע־נינ׳שער דעקרעט.

אויך דער מענטשן־פאַרקער איז שטאַרק געשטיגן. עס איז ניטאָ א טאָג, וואָס א מחנה לייט זאָלן זיך ניט לאָזן אין די אַרומיקע דערפער, ניט צוליב, חלילה, דאַטשעס, נאָר צוליב אַנדערע וויכטיקע זאַכן. און דאָס וואָס עס פעלט די „בייט־צייכנס" איז גאָר קיין מניעה ניט, וואָרום מען בייט היינט א כאַלאַווע אויף א פונט טיי, א טעשל נאָדלען אויף א גלאָז שמאַנט, און א לעקציע פון לערער אויף א גלאָז טיי מיט פיר שטיקלעך צוקער.

מענטשן, וואָס זיינען מומחים אויף נביאות, זיינען מיר נאָך מבטיח, אַז אין משך פון זומער וועט אויפבליען שטאַרק א נייע פאַבריקאַציע, פאַרשטייט זיך, א האַנט־פאַבריקאַציע.

אַלס טרייער ייד האָב איך באַלד א קלער געטאָן וועגן אונזערע ברידער, וואָס דאַרפן ווערן אויך אריינגעצויגן אין דער נייער פאַברי־קאַציע. נאָר מן הסתם וויים שוין דערפון דער „אָרט".

בכלל, אין די זומערדיקע טעג, ווען אויפן האַרצן ווערט א ביסל פריי־ליכער, איז אויך פרייליכער געוואָרן אויף די פּעטערבורגער גאַסן.

יוני 1918.

אונזערע שרייב־יידעלעך.

I

סיי די געשמד'טע, ווי די ניט גע'שמד'טע שרייב־יידעלעך, וואָס באַ־פעלן איצט דעם מאַרק פון אַלערליי אָוונט־צייטונגען, זיינען כמעט די איינ־ציקע פאַטריאָטן אין דער צעשטיקלטער רוסישער מדינה. זיי פאַרבריען אייך מיט דעם זודיקן פאַטריאָטישן טאָן; מיט טרערן אויף די אויגן זאָגן זיי מוסר דעם רוסישן פאָלק; מיט גרילצנדיקע יללות שטייען זיי ביים קבר, וועלכן דער בריסקער שלום האָט אויסגעגראָבן. איך האָב שוין אַמאָל דערציילט דעם לעזער, ווי מורא'דיק נעגארעוו האָט אַמאָל זיך צעשריען אין זיין בלאַט "וועטשערני טשאַס".

ער האָט געיאָמערט: טרעט מיר מיט די פיס, מאַכט פון מיר אַ פּאָמ־פּושקע, נאָר רוסלאַנד זאָל מען ראַטעווען! איך טו זיך אַ נדר, קיין מאָל מער ניט צו שרייבן אַ וואָרט אין די צייטונגען, — אַבי רוסלאַנד זאָל מיר זיין!" *).

די לעצטע צייטן צייכנט זיך דערמיט אויס טאַן־באַגאַראַז אין דער "מאַלוואַ", וואָס ווייזט זיך אַרויס כמעט אַלע טאָג פאַר אַ צען מאָל שטאַר־קערן פאַטריאָט, ווי דער גרויסער רוסישער שרייבער קופּרין. נאָר אַזוי ווי אַ שרייב־יידעלע מישט ניט בלויז איבער ירמיה'ס איכה, נאָר מאַכט אויך נאָך די טרייסט־רייד פון די אַמאָליקע נביאים — דערום האָבן מיר אויך אַזוינע פאַטריאָטן, וואָס טוען שטאַרק טרייסטן דעם רוסן. זיי טרייסטן דעם עולם, וואָס גלויבט ניט, אַז אין רוסלאַנד וועט מען שוין אַמאָל קאָנען עסן אַ שטיקל ברויט, ניט זייענדיק צוגעבונדן צו אַ ראַיאָן־קעמערל, אָן אַ ברויט־קאַרטע אין דער האַנט.

צו דער שיינער צאָל פון די טרייסטער איז די טעג צוגעקומען ד. אייזמאַן, וואָס האָט זיך אַזאַ נאָמען געמאַכט מיט זיינע מיטלמעסיקע מעשות אין רוסיש פון יידישן לעבן.

פון דער דאָזיקער נחמה טראָגט זיך אַזאַ שיינער ריח, אַז איך האַלט

---

*) ז. אַרטיקל „אויף שרייען זיינען מיר בריות“.

פאר נויטיק אים ארויסצושטעלן פאר א מוסטער פאר אנדערע שרייב־יידעלעך, וועמען עס איז נאָך ניט איינגעפאלן צו פאראייניקן א נחמה־ליד מיט אנ׳אָדעסער יידישן אנעקדאָט אין א מיניאטור־טעאטער.

״רוסלאנד וועט ניט פארשווינדן, גיסט באלזאם ד. אייזמאן, — ניט די מדינה, ניט דאָס פאָלק וועט ניט אוועק פון דער וועלט. מיט א נייעם גלאַנץ, מיט א נייעם ליכט וועט זיך צעפלאקערן דער רוסישער שטערן. אויב מיינע באאָבאכטונגען זיינען ריכטיק, איז באזונדערס שטארק די דאָזיקע אמונה בא יידן. וואָרום די טעג האָט מיר געזאָגט אנ׳אלטער ייד פון אָדעס: — וואָס? רוסלאנד וועט ניט זיין? נארישע נארישקייטן. דאָס איינענע, ווען מען וועט מיר זאָגן, אז די נעווא וועט ניט זיין.... איך בין מיך א שניידער. היינט גייט מען ניט קיין הויזן, ניט קיין קאמזאלן, ניט קיין סורדוטן... קיין ארבעט ניטאָ, און א משפחה האָט מען... און עסן דארף מען. איז — מיט הערינג, האנדל איך מיט הערינג.... און דאָס, וואָס טוט זיך אין רוסלאנד, געפעלט מיר שטארק ניט...

צי קלער איך דען אנדערש? און עס ווייטאָגט אין מיר דאָס הארץ, און איך קאָן שוין ניט לייענען קיין צייטונגען. ווען איך לייען, אז אין א רעדע האָט דער עסטרייכער געזאָגט, אז ער איז ער און ניט דער רוס, זאָג איך: אי דו נאַר, דו נאַר, צי ביזטו שוין זיכער, אז אין אָדעס וועט ניט זיין קיין פּאָגראָם... נאָר דאָס הארץ טוט מיר וויי, אז בא אונז אין רוסלאנד זאָל קאָמאנדעווען דער עסטרייכער!.... איך וויל זיך ניט אָפּטיילן פון רוסלאנד — איך וויל ניט!... איך האָב באקומען רעכט, איך בין מיר דערווייל צופרידן... און איצט וויל איך, אז ס׳זאָל ווייטער זיין קאמזאָלן און הויזן... איצט וויל איך בלויז, אז אין רוסלאנד זאָל זיין טוך, פּאָדים, קנעפּלעך, אז איך און מיינע קינדער זאָלן ווייטער קאָנען נייען קאמזאָלן. און איך האָף, אז קנעפּלעך וועט רוסלאנד האָבן... אי, סארא פּעלצן מען וועט נאָך נייען! דערווייל אָבער איז שלעכט, עס ווילט זיך גאָר ניט לייענען קיין צייטונגען. נאָר איך בין בטוח, אז אלץ וועט אויפלעבן, אלצדינג! און אויב ניט איך, וועט מיין זון נייען גוטע פּעלצן, און אויב ניט ער, וועט מיין אייניקל יאָסינקע דאָס טאָן, אָט וועט איר זען!״.

און אייזמאן ענדיקט זיין אָדעסער אויסגעטראכטן אנעקדאָט מיט דעם קאָמישן רוסיש פונם יידישן שניידער (וואָס מאכט אזוי לאכנדיק א רוסן, ווי אנ׳ארמענישער אַנעקדאָט) מיט די געצאצקעטע ווערטער: ״דער אלטער שניידער רעדט מכח קנעפּלעך און פּעלצן. נאָר צי זוכט ער ניט מיט זיין גלויבנדיקער נשמה אָט דעם קומענדיקן שטערן פון א וואונדערליכער שיינקייט און א גרויסן גלאַנץ?.... (זע ״וועט. מאָלוואַ״ פון 17 יוני).

די לאנגע ציטאַטע ווייזט דעם לעזער, ווי א שרייב־יידעלע טרייסט

דעם רוסן. צוערשט איז ער אים משמח מיט דער רוסישער צעקאַליעטשער שפּראַך פון א יידן, און דערנאָך גיט ער אים א שטיל אָנצוהערעניש, אַז פּאָגראָמען דאַרף מען ניט מאַכן און סוף כל סוף טרייסט ער אים דערמיט, אַז זיין יאַשקע, ניט קוקנדיק אויף טראָצקי׳ן און זינאָוויעוו׳ן, איז געבליבן דער אַלטער יאַשקע, וואָס וועט ווייטער פאַר אים נייען פּעלצן און קאַמזוילן. וואָרום טראָצקי און זינאָוויעוו זיינען דאָך מער ניט ווי אויסנאַמען. אָבער לויט אייזמאַנ׳ס טיפּע באַאָבאַכטונגען איז דאָך דער שניידער מיט דעם קאָמישן רוסישן לשון דאָס גאַנצע י י ד נ ט ו ם, דאָס יידנטום, וואָס האָט שוין די ר ע כ ט ב א ק ו מ ע ן, און האָט איצט קיין אַנדער בקשה ניט, ווי רואיק ווייטער צו נייען הויזן און זיין א משרת באַ דעם גוטן, ליבן, דעם ליבעראַלן מעכטיקן רוסישן פרייען פאָלק.

II

די שרייב־יידעלעך מיט׳ן אינסטינקט פון משרתים־נפשות געפינען בלומרשט שטענדיק אַזאַ יידן, ווי עס מאָלט זיך אין קאָפּ פון אַנ׳אומ־אַנטוויקלטן רוסן. וואָרום דעם אומגליקליכן רוס איז א סך גלייכער, אַז סיי דער אַרמענער, ווי דער ליטווין און דער ייד זאָלן בלייבן, ווי געוועזן, מיט דעם קנעכטישן שמייכל אויף די ליפּן, מיט דער אידיאָטישער שפּראַך אויף דער צונג, מיט די אונטערטעניקסטע ליבע צו אים, ווי צו דעם בעל־הבית אויף אַלע קוואַלן פון רייכקייט, קולטור און פּריוויגיביקייט אין די 50 גובערניעס. פון זייערע אָדעסער אויסגעטראַכטע יידעלעך מאַכן זיי אומישנע דעם אַלגעמיינעם טיפּ פון א יידיש־אידיאָטישער נשמה, וואָס שטרעבט בלויז צו נייען כסדר פאַרן גוטן גוי פּעלצן און וואָס הייסט אויף דער ליגנערישער שפּראַך פון א ש ר י י ב־י י ד ע ל ע ״ד י פ ע ס ט ע א מ ו נ ה א י ן א ר ו ס י ש ן ש ט ע ר ן״.

זיי באַשפּייען אַליין די יידישע מאַסע, דעם געזונטן מענטשן־פאַר־שטאַנד פון אייגן פאָלק, וואָס האָט אודאי א סך העכערע אידעאַלן, ווי צו נייען הויזן, אַבי נאָר צו געבן א טרייסט דעם גוטן גוי (פון וועמען ער איז שטאַרק אָפּהייִנגיק), אַז ער איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט פון פריינט און טרייע איבערגעגעבענע קנעכט.

זייער טרייסט איז שטענדיק געבויט אויף די טיפסטע אינסטינקטן פון א אַנטוויקלטער מאַסע, וואָס האָט הנאה צו זען אַנ׳אַנדער פאָלק נעבן אים נאָך לעכערליכער, ווי ער אַליין, נאָך קנעכטישער פאַר זיך. די דאָזיקע שרייב־יידעלעך מערקן אָפּט אין זייערע תמימות ניט, אַז זיי אַרבעטן אויף צו פאַרנאַרישן דעם רוסישן לעזער, וועלכן זיי מיינען צו הייבן אין גייסט ווי אין געמיט.

III

זאָלן מאנכע באטראכטן מיינע פאָלגנדיקע ווערטער אלס גוזמא, נאָר איך קאָן זיך ניט איינהאלטן צו זאָגן, אז צענדליקער פּאָגראָם־אר־טיקלען פון א מענשיקאָוו׳ן, א ראָזאנאָוו׳ן א. ד. גל. מאכן אויף מיר ניט אזא עקלדיקן איינדרוק, ווי די פרומע רוסיש־טרייע ארטיקלען פון די שרייב־יידן א לא אייזמאן עט קאָמפּ. איך האלט זיי פאר א סך שעדליכער, ווי די פארביסענע ארטיקלען פון אנ׳אנטיסעמיטן. ווארום פון די לעצטע קריגט מען דעם איינדרוק, אז דער ייד איז פאָרט א קראפט, א קראפט וועלכע מען דארף צעשמעטערן, אויסראָטן, אָבער פאָרט א קראפט. און ניט קוקנדיק אויף די רשעות פון א מענשיקאָוו׳ן, בילדעט זיך ביים לעזער א געוויסע אכטונג צו א פאָלק, וואָס איז סוף כל סוף א קראפט. די שרייב־יידעלעך, מאכנדיק שטענדיק פון יידן אנ׳אדעסער אנעקדאָט מיט א צעקאלעטשעטער קנעכטישער שפּראך, געוואוינען ביס־לעכווייז איין דעם לעזער צו באטראכטן דאָס יידישע פאָלק, ווי עפּעס א שוואכע, קאָמישע שאדלאָזע בריה׳לע, וועלכע מען קען מיט א שמיי־כעלע באגנעדיקן, וועלכע ס׳איז אָבער אויך ניט קיין עבירה צעטרעטן ווי א באבעלע. די שרייב־יידעלעך געוואוינען שטענדיק אָפּ דעם רוסן פונ׳ם געדאנק, אז דאָס יידישע פאָלק איז א קראפט מיט וועלכער — צי ווילסט, צי ניט — דו מוזט זיך רעכענען. זיי זיינען ניט אזוי שטארק אין טעמפּעראמענט, ווי די מענשיקאָוו׳ס, — ווארום א קנעכטישע פּסי־כאָלאָגיע טאָר דאס ניט האָבן, — אָבער די גיפט, וואָס גיסט זיך פון טויזנטער שרייב־יידעלעכ׳ס פעדערן (אויף איין אנטיסעמיט געפינט איר 100 שרייב־יידעלעך) האָט א פיל־שטארקערע ווירקונג. און די ווירקונג ווערט נאָך שטארקער, ווייל קיינער כמעט ווערט זיך ניט קענען איר אין דער רוסישער פּרעסע, ווי קעגן דעם אָפענעם, געוואלטיקן אנטיסעמיטישן גיפט.

אז אָך און וויי איז צו רוסלאנד, אז שרייב־יידעלעך לערנען אים פּאטריאָטיזם און זיינען זיינע טרייסטער.

יוני 1918.

איך די ווייסע נעכט.

אין די פּעטערבורגער ווייסע נעכט, ווען עס נעמט אים קיין שלאָף נים, האָט ער זיך איינמאָל שטארק פארבייַנקט א היים. זיך פארביינקט נאָך זיין ליטוויש שטעטל ,מיטן מארק אין צענטר, מיט דעם בית־מדרש אין דעם זייטיקן געסל, מיטן בית־עולם הינטערן בריק פון שטאָט, וואו עס שפּרייטן זיך אוים אויף וויאָרסטן די לייננ די פעלדער און די לאָנ־קעס און וואו עס חלומ׳ט אויפן האָריזאָנט א שיטער וועלדל.

אין די עטליכע יאָרן פון זיין וואלגערן זיך דאָ, האָט ער ערשט היינט דערפילט זיין טיפע בייַנקשאַפט נאָך אנ׳אָרט, וואָס ער האָט קיינמאָל נים געשעצט, ווענן וועלכן ער פלעגט ריידן מיט א חוזק׳ל אויף די ליפּן, און וואָס איז שוין אים אין די יינגלשע יאָרן אָפּטמאָלם נמאס געוואָרן.

כל זמן די קריגס יאָרן זיינען אוועק פאר אים אין איין ראטעוועו זיך פון פריזיוו צוזאמען מיט דעם שטארקן חשק נים צו פארלירן די גוטע מסחר־צייט און וואָס גיכער נתעשר צו ווערן, — איז דאָס שטעטל עפּעס אים ארוים פון זינען, ווי א נארישער חלום. און אויך דערנסטמאָל, ווען די צייטונגען האָבן אָנגעהייבן פארשפּרייטן קלאנגען וועגן א ליטווישער מלוכה, האָט ער אָן זיין שטעטל פארגעסן, ווי אָן פאר יאָריקן שניי. א רוסישן פּאטריאָטיזם האָט ער נאָך געקענט באנעמען, אָבער א ליט־ווישן האָט ער זיך בשום אופן נים געקאָנט פאָרשטעלן. און ווען ער האָט געהערט, אז ליטווינער, בעלא־רוסן און פּוילן טיילן זיך איין שטאטס־כבודים און ווילן אלע אינאייינעם נעמען די ממשלה פון אמאָליקן גע־וועלטיקער — איז דאָס אים נים צוגעשטאנען ביז צום קנעפּל.

אלס ליטווישער ייד האָט אים אמאָל געצויגן צו רוסלאנד, א מאָל צו פּרייסן. אלס יונגער בחור האָט ער אָנגעהייבן פון חומש מיט מענ־דעלסאָנ׳ס באור. פון מענדעלסאָנ׳ען האָט ער זיך אויסגעלערנט לייע־נען צוערשט טייטש. און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אנ׳עקסטערן, האָט ער געשלונגען פּיסארעוו׳ן און דאָבראָליובאָוו׳ן, און שטארק גע־האלטן פון די רוסישע גרויסע ראָמאנען־שרייבער. ליטוויש קאָן ער נים א וואָרט. און אפילו פּויליש איז אים נים מינדער פרעמד, ווי באָלגאריש. ווער רעדט שוין דערפון, אז ביז אין ווילנע האָט נים אָנגעהייבן ארוים־גיין עפּעס א שמאטקעלע אויף בעלאָרוסיש, האָט ער אפילו נים געוואוסט, אז דער מין איז אויך א מענטשישע שפּראך. און די גאנצע מעשה מכח א נייע קעניגרייך ליטווע האָט דערום אויסגעוויזן בא אים, ווי א צייטונגס־באָלבעריי, וועגן וועלכער עס לוינט נים צו טראכטן א רגע.

אין 4־טן קריגסיאָר האָט אָבער פּאַסירט אַזוינס, ווען די ווילדעסטע בבא־מעשות ווערן צו וואָר. אונטער לעניני'ס ממשלה, ווען פאַרן פּריזיוו האָט ער שוין ניט נעהאַט וואָס מורא צו האָבן און ווען עס האָבן אים גענומען אַרומרינגלען גאָר נייע אַנגסטן, — (מען האָט אים צוויי מאָל "רעקווייזירט" אין קאַפּע פּעקאַר, מען האָט אים גלאַט אַמאָל אויסגעטאָן נאַקעט, און געהונגערט האָט ער אויך), — האָט ער זיך ווידער דער־מאָנט, אַז אַ חוץ פּעטערבורג האָט ער נאָך אַן'אַנדער געבורטס־אָרט: זיין ליטוויש שטעטל. און אין געוויסע אָוונטן, ווען די פּעטערבורגער קאָמונע פּלעגט אים אָנשרעקן מיט נייע דעקרעטן, פּלעגט ער שוין אַמאָל אַ טראַכט טאָן וועגן זיין שטעטל גאָר מיט אַן'אַנדער געפיל, ווי ביז אַהער.

אמת, ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיין שטעטל וועט אַריבער צו דער פרייער ממשלה פון ליטע, אַז ער וועט שוין מוזן האָבן שטענדיק צו טאָן מיט אַזוינע בעלי־הבתים, ווי דער בעלאָרוס און דער ליטווין אַז ער וועט ווערן ווי אַ ייד, אַ פּאָליטישע מאַכט און וועט זיין געצוואונגען צו פאַרבייטן זיין סמאַרגאַנער רוסישע שפּראַך אויף פּראָסט מאַמע־לשון, בויען גיכער אַ יידישע, אַ העברייאישע שול, ווי אַ רוסיש גימנאַזיום. אָבער דאָס אינטערעס צו שטעטל איז דאָך געוואָרן בא אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

און איינמאָל אין אַ רואיקער שעה האָט ער זיך שוין אַליין אָנגע־הייבן וואונדערן אויף זיך. נאָך פּאַר אַ יאָרן, בעת קערענסקי האָט אַראָפּ־גענומען פון אים די פּראַוואָזשיטעלסטוואָ־קייטן, האָט ער מיט התפעלות געזאָגט זיינעם אַ חבר, אַז לעבן זאָל מען נאָר אין פּעטערבורג און אַז ער קלערט שוין ניט אַ רגע צו פאָרן צוריק אַ היים. און היינט האָט ער נאָר איין געדאַנקען, זיך אַרויסצורייסן פון פאַרכשוף'טן גרויס־רוסישן רינג, וואָס גיט אים מיט איין האַנט די גרעסטע מענטשן־רעכט און מיט דער אַנדערער שטיקט ער אים צו דעם גאָרגל, וואָס האָט לײדער אַלע סמנים פון אַ בורזשוי און אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער.

און אין איינע פון די פּעטערבורגער ווייסע נעכט, — ווען פון דער גאַנצער וועלט ווערט אַ וואונדערליכער חלום און אַ נאַרישע בבא־מעשה, און עס דוכט זיך אויס, אַז אַ בלאַסער טאָג האָט פאַרוויסט, ווי מיט מילך, די טונקעלע נאַכט, — האָט ער מיט איינמאָל דערפילט אַ בייגק־שאַפט נאָך זיין ליטוויש שטעטל, אַ בייגקשאַפט, ווי אַן'אינווייניקסטע נאָגנדיקע קרייגק, אַ בייגקשאַפט — שאַרף, ווי אַ שפּיציקער ווייטאָג.

גייענדיק מאָרגן צום ליטווישן קאָמיסאַריאַט באַקומען די זכיות אויף צו פאָרן אַ היים, האָט ער זיך געפּרובט פאָרשטעלן דעם פּנים פון זיין שטעטל, וואָס ער האָט פאַרלאָזן שוין באַלד פיר יאָר. צי וועט

ער געפינען נאָך עמיצן פון אַלטע פריינט? צי וועט ער שוין אהין ניט אָנקו־מען, ווי א פרעמדער מענטש אין א פרעמדער מדינה? צי וועט אים כאָטש עפּעס באגעגענען מיט אזא בייענקשאפט נאָך אים, ווי ער נאָכן שטעטל?

און וואָס מער ער האָט זיך געגראָבן אין די דאָזיקע שווערע געדאנקען, איז אַלץ שטארקער און שטארקער געוואקסן זיין בייענקשאפט. אָט אזוי — האָט ער געטראכט — פלעגט אמאָל, מן הסתם, מיין מאמע פאָרן צו די קבר אבות אין איר פּויליש שטעטל, — פון דער ליטע, וואו זי האָט אָפּגעלעבט 50 יאָר.

צוקומענדיק צום ליטווישן קאָמיסאריאט, האָט ער דערזען אויף דער טיר א מודעה, אז ביז דעם 10־טן יולי גיט מען ניט ארויס קיין ארויספאָר־צעטלען אין ליטע. און מיט א קלאָפּנדיק הארץ האָט ער עט־ליכע מאָל דורכגעלייענט דעם צעטל, וואָס האָט איצט אזוי אָן רחמנות צוגעמאכט אים די טיר אונטער דער נאָז.

און ווידער האָבן זיך געצויגן די פּעטערבורגער נעכט, ווען אויך בא אים אין הארצן האָט א בלאסער טאָג — די ווייכע צארטע בייענקשאפט נאָך זיין שטעטל, — פארוויסט ווי מיט מילך, זיין טונקעלן מרה־שחורה־דיקן געמיט...

יוני 1918.

עס איז אונז גוט.

עס איז אונז גוט, מיר זיינען ווידער דערהייבן געוואָרן, מיר זיי־נען ווידער געוואָרן א ביישפּיל פאר די גויים.

נאָך מיט עטליכע יאָר צוריק האָט מען געמיט זיך אויף אַלע אופנים ארויסצודריקן בא דער רוסישער דעמאָקראטיע א טרער אין די אויגן פאר יידן. היינט אָבער זיינען מיר שוין אין דער בחינה, ווען א רוסי־שער דעמאָקראט פארגלייכט זיין שלעכט לעבן מיט דער אמאָליקער לאגע פון יידן אין רוסלאנד. כמעט איטליכן טאָג קאָנט איר לייענען א קלאָג מאמר אין א רוסישער צייטונג, אז דער רוסישער אינטעליגענט איז איצט אין דער אייגענער לאגע, וואָס אמאָל א ייד, ווען די רעגירונג פלעגט פאר אים טאָג־טעגליך אויסטראכטן א נייע באגרענצונג. און צייט עס זיינען איינגעפירט געוואָרן די פיר קאטעגאָריעס: 1) פּוסטע לאָקשן אין זאַלץ־וואסער, 2) פּוסטע לאָקשן אָן זאַלץ־וואסער. 3) געזאַלצענע וואסער אָן לאָקשן און, 4) וואסער אָן לאָקשן און אָן זאַלץ, — איז די צוגלייכעניש

פון איצטיקע רוסישע, וואָס ווערן געטיילט אין קאַטעגאָריעס, צום אמאָ־ליקן יידן, וואָס איז אויך געווען א בירגער פון צווייטער, דריטער קאַ־טעגאָריע, געוואָרן א שטענדיקע פראַזע אין דער רוסישער פרעסע.

אמאָל איז די רוסישע פרעסע געווען צו אונז גלייכגילטיק, אָדער זי האָט זיך באַצויגן צו אונז אַנטיסעמיטיש, אָדער זי האָט אונז מיט דער הילף פון יידישע פעדערן גענומען אין שוץ. אָבער קיינמאָל האָט זי זיך ניט אַרונטערגעלאָזט מיט אונז אויף איין שטאַפּל. קיינעם פון די רו־סישע שרייבער איז אָבער ניט איינגעפאַלן אמאָל זיך אליין צו פאַרגלייכן אין דער לאַגע מיט יידן, וואָס זיינען געווען בבחינת ציגיינער.

איז אָבער געקומען די באָלשעוויסטישע רעגירונג, און דער גרויס־רוס, וואָס איז געוואוינט צו זיין דער איינציקער אומפאַראַנטוואָרטליכער בעל־הבית אין לאַנד, האָט זיך מיט אמאָל אַרומגעזען, אַז עס איז ניט גוט צו האָבן איבער זיך א בעל־הבית, וואָס טיילט איין די בירגער אין קאַטעגאָריעס. און דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט אָן יידן, אָן דעם יידן, וואָס ער האָט אליין אמאָל (ניט קוקנדיק אויף זיין ליבעראַליזם), באַטראַכט, ווי א גאַסט אין זיין לאַנד, ווי א בירגער פון צווייטער, דרי־טער קאַטעגאָריע.

דאָס זאָגן אָבער בטבע איבערפלעכליכע שרייבער, וואָס האָבן ניט ליב אפילו זיך צו פאַרטיפן אין אַנ׳אייגענעם געדאַנק. זיי מערקן ניט, אַז ס׳איז נאָך פרי זיך צו פאַרגלייכן מיט דעם אמת געקרייציקטן ד. ה. מיט דעם יידן, וועמען מען האָט אָנגעטאָן די גרויזאַמסטע ליידן דורות־לאַנג. ער האָט אַזוי פיל געהאַט אויסצושטיין אונטער דעם קאַנטשיק פון דער רוסישער רעגירונג און געזעלשאַפט. עס קלעקט נאָך דורכצו־לייענען דעם קורצן ודוי פון א יידישן סאָלדאַט, וואָס איז געשטאָרבן פון א שווערער פאַרוואונדונג אין א רוסישן לאַזאַרעט. (ז. התקופה ש. דוב־נאָוו, די ביאָגראַפיע פון א יידישן סאָלדאַט), בכדי צו זען ווי לייכטזי־ניק עס איז צו פאַרגלייכן דעם גורל פון רוסישן אינטעליגענט מיט דעם ביטערן מזל פון א יידן.

איילט זיך ניט, ליבע רוסישע דעמאָקראַטן, ברענגט ניט אַרויס אַזוי לייכט פון אייער מויל דעם נאָמען ייד! פאַרשוועכט ניט די ליידן פון א פאָלק, אין וועלכע איר זייט אויך ניט געווען אומבאַטייליקט, צוליב דעם, וואָס איר באַקומט היינט פּוסטע לאָקשן אָן געזאַלצענע וואַסער. די היינטיקע רדיפות אויף אייך איז א קינדערשפּיל קעגן דעם, וואָס דער ייד האָט אויסגעליטן, וואָס ער ליידט נאָך עד היום און וואָס ער וועט נאָך האָבן אויסצושטיין.

ווי נידעריק איר זאָלט זיך ניט שטעלן, וואָס פאַר א רחמנות־פּנים איר זאָלט ניט מאַכן, — אייער נאָנטע צוקונפט איז פאָרט א בעסערע,

ווי אונזערע. אַנשטאָט זיך צו פאַרגלייכן מיטן יידן פון אמאָל (אפשר א שטיקל אַנצוהערעניש, אגב, אויף טראָצקי׳ס פאָלק פון היינט?), זעט בעסער, אז איר זאָלט ווייטער ניט זיין די שטומע גלייכגילטיקע עדות פון יידישע פאָגראָמען, וואָס ווערן טאָן באַקרוינען אייער באַפרייאונג פון די באָלשעוויקעס. פאַרגרעסערט ניט אייער מאָמענטן־פיין צום מאסשטאב פון אמאָליקן יידישן גיהנום אין די גרעניצן פון אייער היים געליבט לאַנד. און אויב איר דערמאָנט שוין יאָ דעם נאָמען ייד, טאָ לערנט זיך בעסער פון אים די מדה צו קאָנען ליידן און שווייגן, צו זיין בכח אויך אין די ערגסטע פארהעלטנישן ניט צו פאַלן בא זיך און צו לעבן מיט בטחון, אז דער מאָרגן וועט זיין בעסער, ווי היינט. ריידנדיק וועגן אייגענעם שלעכטן מזל, טראַכט נאָר וועגן זיך און פאַרשוועכט ניט מיט הינקעדיקע משלים א פיל גרויזאַמערע און שמערצליכערע פיין פון א פאָלק מיט א צוויי־טויזנט־יעריקן חורבן. וואָס באַדייט אין פאַרגלייך צו אים דער גרעסטער חורבן פון רוסלאַנד?

יולי 1918.

צום ערשטן געבורטס־טאָג פון „טאַגעבלאַט“

I

״אויב קיינער זאָגט דיר ניט גוט יום־טוב, זאָג זיך אליין גוט יום־טוב״, — דאָס האָב איך נאָך בירושה פון מיינעם א פעטער, וואָס איז אפילו געווען תמיד א מתנגד, פונדעסטוועגן האָט זיין פנים שטענדיק געלויכטן פון אַנ׳אינוויינינקסטער פרייליכקייט. וואָרום מיין פעטער האָט געשטאַמט פון א פוילישער גובערניע בא דער פּרייסישער גרעניץ, וואו יידן האָבן געהאַט פרנסה סיי פון טרפה׳נע סחורות, סיי אויך פון כשר׳ע.

אקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אקעגן דעם, וואָס דעם 7־טן מאי איז געוואָרן א קיילעכדיק יאָר, צייט עס האָט אָנגעהייבן ארויסצוגיין דער ״פעטראָגראַדער טאָגבלאַט״ אָן שום הפסקות, חוץ שבתים און יום־טובים און חוץ די עטליכע טעג, ווען די נייע קאָמוניסטישע רעגירונג האָט ארעסטירט דעם רעדאַקטאָר, צוגעמאַכט די צייטונג און געצוואונגען משנה השם צו זיין דעם ״פעטראָגראַדער טאָגבלאַט״ אויף ״אונזער טאָגבלאַט״.

איך וויים ניט גענוי, צי האָט די רעדאַקציע באַקומען צום געבורטס־טאָג א סך בריוו און גליק־וואונשן פון אירע לעזער, פון אירע פריינט און מקורבים. און אויב ניט, איז נאָך אויך ניט קיין ראיה, אז די גליק־

וואונשן זיינען ערגיץ ניט פארלעגערט געוואָרן אינאיינעם מיט א וואגאָן מעל און ציבעלעס. בא היינטיקע צייטן, ווען שטעט און לענדער ריידן זיך צוזאמען מיטן וואונק ראדיאָס, וואָס ווערן נאָך איבערגעכאַפּט אָפּטמאָל פון ווייס־גוואַרדייער און גלאט ימח־שמו׳ניקעס, וועט מיך לחלוטין ניט וואונדערן, וואָס אונזער רעדאקציאָנס־קאָלעגיום האָט פארבראַכט דעם 7־טן מאי אָן א פּאַפּירענעם טרונק בראָנפן. נאָר איך צווייפל ניט א רגע, אז מן כל אתר ואתר, אז פון אלע יידישע שטעט און שטעטלעך, סיי נאָך ניט קיין אָקופּירטע, ווי די אקאָרסט אָקופּירטע, האָבן זיך געריסן צום "טאָגבלאט" גרוסן און גליקוואונשן, נאָר זיי זיינען נעבעך געבליבן היינ־גען אין דער לופט, ווי מאנכע תפילות, וואָס א פרייסישער הארמאט שלאָגט אָפּ פון די הימלס־טויערן.

ווי איר זעט, האָב איך גע ירשה׳ט א ביסל די אינוויינעוויקסטע פרייליכ־קייט פון מיין פעטער ז״ל, וואָס זאָגט זיך מיט הרחבה "גוט יום־טוב", ווען קומענדיק א היים, גייט אים ניט אקעגן ניט קיין אשת־חיל, ניט קיין חדר־בחור׳ל אין נייע יום־טוב׳דיקע שטיוועלעך, אויך ניט קיין כלה־מיידל אין איר שבת׳דיקן פארטוכל. און איך בין זיכער, אז א סך פון די מיט־גלידער אין דער רעדאקציע האָבן דעם 7־טן מאי געהאט די אייגענע כונות, וואָס איך, און די דאָזיקע פרייליכע כונות זיינען אויך ניט דונקעלער גע־וואָרן, ווען צום געבורטס־טאָג פון "טאָגבלאט" האָט די קאָמוניסטיש־אָר־גאניזירטע שיקסע, ווי געוואוינליך, צעשטעלט אויף די רעדאקציאָנס־טישן די גלעזל טיי אָן א רמז אויף א שטיקעלע צוקער.

וואָרום אין תוך גענומען — וואָס איז צוקער? דאָך מער ניט, ווי א יצר־הרע. א געבורטס־טאָג אָבער פון א גייסטיקן קינד, וואָס האָט אין די אומגליקליכע קריגס־יאָרן ניט אויסגעצויגן די פיסלעך, איז א סך א זיסערער ביסן פאר אנ׳איידעלן געמיט, ווי מאַנעלעך און פירעשקעס.

דעם "טאָגבלאט" קאָן מען להבדיל פארגלייכן מיטן מוטיקן בעלגיען, וואָס איז אים נאָך געבליבן א קליינער פּאָס אייגנס, א שמאָלער שטח׳ל ערד, אנ׳אייגן ווינקל.

באלד נאָכן פעווראל, ווען פון יידישן מויל האָט מען אראָפּגענומען דעם שלאָס*), האָבן א סך ערנסטע מענטשן און כלל־טוער געוואָלט צע־רייסן די יאָרן־לאנגע שטילקייט פון יידישן וואָרט מיט א צייטונג, א וואָכנ־בלאט, א זשורנאל א. ד. גל. אין דעם הויז, וואו עס דרוקט זיך היינט דער "טאָגבלאט" האָט געדאַרפט ארויסגיין אונטער דער פירונג פון דער ניי־געגרינדעטער פאָלקספּארטיי א גרויסע יידישע צייטונג. אויך אנדערע פּארטייען האָבן זיך געלייגט אין דער ליינג און אין דער ברייט צו פאר־שפּרייטן זייער געדאנק אין א פרייער יידישער פרעסע. קיינער אָבער חוץ

*) פאַרבאָט פון פעריאָדישער יידישער פרעסע ביז דער רעוואָלוציע.

דעם "טאָגבלאַט" האָט ניט געהאַט דאָס גליק און די זכיה צו דערפירן זיין אונטערנעמונג ביז צו א רונדן קיילעכדיקן יאָר. איך וויל אין געבורטס־טאָג פון אונזער "טאָגבלאַט" זיך ניט ארייןלאָזן אין טיפע חקירות וועגן די סבות, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט דאָס וואָכנבלאַט "דאָס פאָלקסבלאַט" א. א. וו. מיט דער סיבה פון הוילן געלדמאַנגל קאָן מען דאָס ניט ערקלערן. וואָרום מיר לעבן אין א צייט, ווען געלד איז מער ניט ווי אַן'אויסגעטראַכטע זאַך, ווען איטליכער זעקל־פירער קאָן מער אוועקלייגן קערענקעס אויפן טיש, ווי א מאָל א גאַנצע כנופיה פון יידישע ארויסגעבער און צייטונגס־אקציאָנערן, ווען א מענטש, וואָס האָט נאַפט־גרובן אין באַקו, האָט אָפּט־מאָל מער שאָדן, ווי די רוחים פון א חברה פויערים, וואָס טרייבן ספּירט פון קאָרן. ניט אינם געלד ליגט די הויפּט־סיבה, ווי אין דעם פּעסטן הסכם צו גיין איבער שטיינער און דערנער, נאָר מיינס אויספירן. און אויפן "טאָגבלאַט" קאָן מען בפה מלא זאָגן: אלס בלאַט, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער שופר פון אומאָפּהייננגיקן ציוניסטישן געדאַנקען, איז עס גע־גאַנגען איבער דערנער און גריבער, האָט עס זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע מניעות, און ניט געפאַלן בא זיך, ווען פאַרלירנדיק איין פאָסט־טראַקט נאָך א צווייטן האָט עס געמוזט זיך פאַרשמעלערן און זיך שטאַרק באַגרעניצן.

II

פאַרלאַנגט ניט ,אז מענטשן, וואָס גייען איבער דערנער און גריבער זאָלן אריין צו אייך אין שטוב מיט אזא פרייער מינע ווי די, וואָס קומען צו אייך אין קאַרעטעס צו פאָרן. פאַרלאַנגט ניט, אז דאָס אייניעריקע קינד זאָל שוין האָבן די מעלות פון א חתן־בחור'ל. אויך דער "טאָג־בלאַט" איז נאָך ניט לויט דעם וואונש פון דעם רעדאַקציאָנס־קאָ־לעגיום דאָס, וואָס ער קאָן און וועט זיין. נאָר ס'איז א באַזונדער געפיל, אַנ'אמת'ער נחת־רוח, ווען מען באַטראַכט דעם אָפּגעלויפענעם יאָר אין דער אָפּשפּיגלונג פון דעם "טאָגבלאַט". לויט זיינע גרע־ניצן לאָזט ער איבער פאַר די קומענדיקע דורות א גרויסע פּאַנאָראַמע פון דעם יידישן לעבן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם זינדיקן באָדן פון דעם ערשטן רוסישן רעוואָלוציאָנס־יאָר. ניט קוקנדיק דע־רויף, וואָס די צענטראַלע טענדענץ פונם בלאַט איז געווען דער דע־מאָקראַטישער ציוניזם, איז עס ניט אריין אין איינגן שטעגל פון א פּאַרטיי, האָט עס זיך געגוי צוגעהערט צו די קולות און גערוישן פון אַלערליי זייטן, האָט עס זיך געמיט צו זיין דער ערליכער באַריכטגעבער פון אַלץ וואָס קומט פאָר אין זיין יידישן שטח, ווי אין אַלגעמיינעם רוסישן לעבן.

א יאָר "טאָגבלאַט" ווייזט אָן שום באָורים, ווי הויך עס האָט זיך

געוואָרפן דאָס שיף פון כלל'ישן רוסישן און יידישן לעבן אין משך פון די 12 חדשים, וואָס פאר א גליקליכע מינוטן און וואָס פאר אנ'אנגסטן און טרויער מיר האָבן אין זיי דורכגעלעבט. ווי א ליכטיקער שטערן שטייט כמעט אין מיטן די ענגלישע דעקלאראציע, א באגרענצטע מיט כמארעס און וואָלקנס פון פאָרנט און מיט די אייגענע האלב־צעריסענע וואָלקנס פון הינטן. ליכט און שאָטנס מישן זיך אין אים אזוי ווילד, אזוי אויס־טערליש, אז די מעשה מכח שייקע פייפער, וואָס האָט געהאט דעם כח מיט איין אויג צו לאכן און מיטן אנדערן צו גיסן טרערן, ברייִנגט שוין קיי־נעם ניט אריין אין התפעלות.

איך בעט, אז מען זאָל מיך ריכטיק פארשטיין. איך קום דאָ ניט אויסצורעכענען די מעלות פון יעריקן קינד. דאָס וואָלט געווען קעגן דער עניוות פון א יידישן שרייבער, קעגן דעם גוטן געשמאַק, ווען איך, אלס רעדאקציאָנס־מיטגליד, לויב מיין אייגענע סחורה, און אויך קעגן דעם קומענדיקן היסטאָריקער, בא וועמען איך האָב די העזה אָפּצונעמען זיין שטאָך ארבעט.

איך האָב פּשוט אלס מענטש, אלס ייד הנאה דערפון, וואָס אין דעם גרויסן, בלוטיקן מורא'דיקן יאָר, האָט ניט געפעלט מיין שטים אין כאָר פון די פעלקער. און ניט נאָר די שטים בכלל, נאָר די שטים, וואָס רעדט פון טאָג צו טאָג, וואָס רעכנט זיך מיט איטליכער פארגאנגענער שעה, וואָס פארשרייבט רעגלמעסיק די מינוטן פון זיין פארפלאָנטערטן לעבן. אין דעם זין, און נאָר אין דעם זין פריי איך זיך, וואָס איך האָב פאר זיך א גאנצן פולן יאָרגאנג פון צייטונגס־בלעטער, וואו יידישע שרייבער און ליטעראטן האָבן אויסגעדריקט, (קיין נפקא מינה ניט צי פולקאָמען, צי ניט) זייער וואָרט אויך אין די תנאים, ווען ס'האָט זיי געוואָרפן מיט א לע־בעדיקן גוף מכף הקלע, ווי א זינדיקן אין גיהנום.

און דערום שעם איך זיך ניט, כאָטש איך בין אליין אויך א שטיקל מחותן, צו לויבן דאָס בלאט, וואָס האָט זוכה געווען איינמאָל פאר אלעמאָל פארשריבן צו ווערן אין די וויכטיקע מאטעריאלן פון דעם קומענדיקן היסטאָריקער, פארצייכנט צו ווערן פולקאָמענער, ווי די אנדערע בלעטער, וואָס האָבן ליידער געמוזט פאלן אויף דעם שווערן דערנער־וועג, אויף וועלכן עס שפּרייזט איצט א יידישע ליטערארישע אונטערנעמונג.

איצט פארשטייט שוין מיין לעזער, פארוואָס איך זאָג זיך אליין "גוט־יום־טוב", ווען איך הער דאָס ניט פון א צווייטן, און פארוואָס בין איך אזוי בטוח, אז עמיצער א ניט דערהערטער און א ניט דערזעענער האָט אויך באגריסט דעם 7־טן מאי דעם "טאָגבלאט" מיט דעם אייגענעם האר־ציקן גרוס.

מאַי 1918.

אָריענטאַציע.

אָריענטאַציע איז א מין פּאָלקאַ־מאַזורקע, דאָס טענצלט א פאָלק אויף די פּאַרקעט־זאַלן פון דער דיפּלאָמאַטיע. דאָס בויגט דעם רוקן, פּאַכט מיט די פראַק־פּאָלבן, מאַכט אַנ׳ערנסטן אָנשטעל אויף א רגע און שמייכלט חנ׳עוודיק פריינדליך א פּאָלק, וואָס האָט אַלץ פארלוירן. דאָס איז אַנ׳אָרעמער ריקוד׳ל פון א שוואַכן אָרגאַניזם, וואָס האָפּט טענצלענדיק עפּעס צו געניסן פון דער אַלגעמיינער אייראָפּייאישער חתונה. שטאַרק אויסגעצייכנט האָט זיך אין דעם טאַנץ דאָס פּוילישע פאָלק. די דאָזיקע מאַזורקע האָבן זיי געטאַנצט פאַר קורצן 10 יאָר כסדר אין דער דומע, דערנאָך אין די קריגס־יאָרן צווישן רוסלאַנד און די צענטראַלע מאַכטן. אויך איצט האָט דער טאַנץ נאָך ניט אויפגעהערט, כאָטש צוליב דעם אַלגעמיינעם חורבן האָט דאָס טענצל באַקומען א פּאָר נייע פיגורן, ווען צו דעם ריינעם כאַראַקטער פון דער מאַזורקע מישן זיך אריין די שפּרינגערייען פון א וואַנגערקע.

אין די לעצטע יאָרן זיינען אָבער צוגעשטאַנען צום טאַנץ נייע פעלקער. ס׳איז שוין אוועק די צייט, ווען אין רוסלאַנד פלעגט מען וועגן פּויקן ריידן מיט א גרימאַסע, ווי וועגן א פאָלק, וואָס ווייסט ניט מער ווי אָריענטאַציע, און האָט ניט קיין פעסטע פּאָליטיק. היינט אָריענטירן זיך שוין כמעט אַלע פעלקער. אפילו מיר יידן, איך מיין ציוניסטן, די איינציקע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זיינען געווען א צייט לאַנג נייטראַל, האָבן אויך פארלאָרן די נייטראַליטעט נאָך דער ענגלישער דעקלאַראַציע, און זשאַבאָטינסקי׳ס גייסט, וואָס האָט שוין אין אָנפאַנג אָן געוואָלט טאַנצן א פּוילישע מאַזורקע, און וואָס איז באַלד פארשטומט געוואָרן, — האָט זיך ווידער באוויזן אין דער געשטאַלט פון אַנ׳אָפּיציר אין א יידישן פאָלק.

עס אָריענטירן זיך די קאַווקאַזער פעלקער, עס אָריענטירן זיך די ליטווינער, די ווייסרוסן, ווי די אוקראַינער, אויך פינלאַנד איז שוין קראַנק אויף דער אָריענטירונגס־קריינק.

קורץ און גוט — אַלע שוואַכע פעלקער טאַנצן איצט א מאַזורקע, כאָטש דער דאָזיקער שיינער טאַנץ האָט א פּנים פון הייליקן פייטס־טאַנץ און דערמאָנט אונז די מיטלאַלטערליכע צייטן אין אייראָפּאַ, ווען די גאַסן זיינען פול געווען פון מענטשן, וואָס האָבן געטאַנצט און געדרייט זיך אין קאָנוואולסיעס.

אָריענטאַציע! מיליאָנען מענטשן, גאַנצע פעלקער האָבן פארלוירן דעם וועג זייערן אין דעם ארומיקן חשך, בלינד פאַרן מאָרגן מיט ציטער־

דיקע פינגער טאפּן זיי אין אַלע זייטן און זוכן אַנ'אָנהאַלט פאַר זייערע געשטרויכלטע פיס. אין די טויט־אנגסטן כאַפּט מען זיך אפילו פאַר א חלוף, אבי נאָר צו האָבן עפּעס ממשות'דיקעס אין די הענט. אין בעסאַראַביע כאַפּט מען זיך אָן פאַר דעם רומענישן פאָלק, פאַרגעסנדיק זיינע חטאים. ארמעניען שיקט זיינע שלוחים צום טערקישן סולטאַן, וואָס האָבן טייכנווייז געגאָסן זיין בלוט. גרוזיען טאַנצט אוועק פון רוסלאַנד אין די פאַרוועלקטע אָרעמס פון די אָטאָמאַנען. און מיר יידן לויפן אין אוקראַינע, צו דעם לאַנד פון כמעלניצקי, ווייל עמיצער האָט עפּעס צוגעזאָגט א פאַנטאַסטישע מתנה, א פערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע מיט דער באַגלייטונג פון פּאָגראָמען און גלאַט היידאַמאַקישע שחיטות.

אָריענטאַציע... עס וועט קומען א מאָל א צייט, ווען דאָס דאָזיקע וואָרט וועט מיט איין בליי־שטראַל באַלויכטן דעם עקלונג־צושטאַנד פון די שוואַכע פעלקער סוף 4־טן יאָר פון קריג. עס וועט אין זיך תופס זיין אַלץ, אַלץ וואָס אַנ'אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו האָט בלוטיק אויסגעליטן. עס וועט א מאָל מיט דעם איינציקן וואָרט אויפגעדעקט ווערן א פּאַנאָראַמע, וואו מיליאָנען מענטשן, צעבלוטיקטע און צעווייטאָגטע טאַנצן אין קאָנוואולסיעס מיט פאַרמאַכטע אויגן א פּאָלקע־מאַזורקע, וואָס איז שוין מער ענליך צו דעם משונע'נעם הייליקן ,פייטס־טאַנץ.

יולי 1918.

עס שמעקט מיט ברויט.

דריי טעג האָט ער ניט געפילט דעם טעם פון ברויט. און ער האָט אויך ניט געהאַט די מיטל צו קויפן א פונט ברויט, וואָס מען באַט אָן פון אונטער דער פּאָלע. א האַלב הונגעריקער גייט ער שוין אַרום פון לאַנג אָן, אָבער צייט ער האָט אויך דאָס שטיקל ברויט אָנגעוואָרן, האַלט ער זיך שוין קוים אויף די פיס.

און צו אַלע מעלות איז דאָס גראָד אַזא מענטש, וואָס ציט זיין חיונה פון דער פאַנטאַזיע. ער איז א מאַלער, א יידישער מאַלער און נאָך צו אַלע שלעק א לאַנדשאַפטסמאַלער.

ווען איר גייט אריין צו אים אין חדר, א מין אַטעליע אויף 6־טן שטאָק, קאָנט איר זיך ניט אָפּוואונדערן פון זיין שטאַרקן קאָלאָריסטישן חוש. און גאָט ווייסט, וואו ער כאַפּט די ליידנשאַפטליכע זאַטע פאַרבן, מיט וועלכע

ער באשיינט די ווינקלען "נאטור", וואָס ער כאפט אויף מיטן אויג אין דעם גרויען פעטראָגראד.

פאר אים איז פעטראָגראד ניט די גייסטערהאפטע פארנעפּלטע וועלט, וואו אלץ האָט אזא מאָדנעם שדים׳שן און קראנקן פנים. ער מאָלט שמעג־דיק די שעה׳ן פון מאָרגנאויפגאנג, ווען אויך פון א פעטראָגראדער גאס שמעקט מיטן ריח פון א ריינער, פרישער קינדערשער נשמה. אָדער ער נעמט די זונענאונטערגאנגען אין קלאָרע שיינע טעג, ווען דער האָריזאָנט צעזינגט זיך אזוי יונג, אזוי ליידנשאפטליך און אזוי בחור׳דיק שטארק מיט אלע זיינע פארבן, פארן אויסלעשן זיך. דער דאָזיקער יידישער מאלער איז אנ׳אנגעלויפענער פון דרום־רוסלאנד. און אויך אין פעטראָגראד געפינט זיין אויג פאסעקלעך און שטרייפעלעך, וואָס דערציילן אים פון ווארעמע לענדער מיט א שפע אויף די פעלדער, מיט א שטארק קלאפנדיקן הארצן אין דער ברוסט.

און דערום זיינען אין די האלב־הונגעריקע טעג געווען זיינע באַ־נאכטיקע חלומות פול מיט אלערליי פארבן און ער האָט זיך אין זיי גע־פלאָנטערט — א שפע און אנ׳אָרעמקייט, אוצרות און פינסטערע תהומען, פול געדעקטע טישן, אויף וועלכע עס קריכן ארום קעלער־מייז און אלערליי עקדעשן. אָבער אין די לעצטע דריי טעג, ווען קיין ברויט איז שוין אויך ניט געווען, האָבן שוין זיינע חלומות באקומען אזא ווילדן כאראקטער, אז אלע ווײַלע פלעגט ער זיך אויפכאפּן פון שלאָף, ווי עמיצער וואָלט אים געשטיקט ביים גאָרגל.

און איינמאָל, ווען ער איז ארייננעגאנגען, נאָך א טאָג אומזיסטער אר־בעטס־פּיין אין אטעליע צו א באקאנטן אין א רעדאקציע, האָט מען אים אָנגעבאָטן צו קויפן דערוייל אויף באָרג דריי פונט ברויט, פאר 12 רובל א פונט. און דער מאלער האָט זיך צוגענומען דאָס ברויט, און זיך געלאָזן פאָרן א היים.

צי האָט דער הונגער פאר די לעצטע דריי טעג אזוי צערודערט זיינע נערוון, צי איז בכלל געווען דאָ שולדיק זיין אלטע פאנטאזיע, וואָס צע־שפּילט זיך אמאָל אויפן דרום׳דיקן אופן, נאָר דעם גאנצן וועג, זיצנדיק אין טראמוואי, האָט ער געציטערט, אז דער שמעקעדיקער גערוך פון זיין ברויט־פעקל זאָל אים דאָ ניט ארייינברייגען אין אנ׳אומגליק.

אין טראמוואי איז ער ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט שטארק צוגעדריקט צו זיך אנ׳איינגעוויקלט שטיק ברויט אין א צייטונגס־פּאפיר. א גוטע נאָז און נאָך א האלב ־ פארהונגערטע דערצו האָט באלד געכאפּט דעם ריח פון ברויט צווישן די טויזנטער שיינע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין אויר פון אָנגעשטאָפּטן טראמוואי. און דער דאָזיקער ריח האָט זיך געטראָגן ניט נור פון מאלער אליין. דער מאלער איז אָבער גע־

ווען זיכער, אז נור ער אליין מאכט פול די לופט מיטן זויערן אפעטיטליכן גערוך פון קאָרענעם ברויט און ער האָט זיך געפילט אין הילצערנעם קעסטל, וואו עם האָבן געקוקט אויף אים אלערליי אויסגעהונגערטע בלאסע פּנים׳ער, ווי א פארברעכער, וואָס טראָגט אונטערן מאנטל די גזלה פון די באגזל׳טע. און ווען אין א ווײַלע ארום האָט זיך גענומען שטופּן צווישן די מענטשן אין טראמוואי אנ׳אינוואליד, וואָס האָט אויסגעשטרעקט די האנט נאָך א נדבה אויף ברויט, — איז אריבער א קאלטער שוויים איבער אים, און עס איז געווען א רגע, ווען אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פונם ברויט, וואָס ער האָט צוגענומען אויך פון דאָזיקן אינוואליד.

דער מאלער איז שטארק בייז געוואָרן אויף זיך, וואָס ער האָט ניט איינגעפּאקט דאָס ברויט אין 2 — 3 צייטונגסבלעטער. זאָל זיך ניט שפּאָרן אזוי עזות׳דיק דער גערוך פון פריש־געבאקענעם ברויט! זאָל ער ניט ארויסרופן צו זיך אזא ביטערע ווילדע קנאה פון בלייכע מאמעס, וואָס פירן מיט זיך נאָך בלייכערע ראכיטישע פארהונגערטע קינדער! און ווען אין טראמוואי האָט זיך, ווי געוואוינליך, אָנגעהייבן פירן א שמועס וועגן די "זשידעס", וואָס האָבן אלץ פארכאפּט, — איז ער שוין געווען א רגע זיכער, אז באלד וועט מען מיט אים זיך אָפּרעכענען, ווי מיט אנ׳אמת׳ן זשיד, וואָס האָט נאָך די העזה אין אזא צייט צו רייצן די נעזער מיט פריש־געבאקענעם ברויט. זיין פאנטאזיע האָט זיך אזוי ווייטער אלץ מער צע־רייצט, און ער האָט שוין געזען אין זיין דמיון די בלוט־אָנגעקוואָלענע פּנים׳ער פון די, וואָס נעמען זיך אָפּצוריכטן אויף אים, דעם פארהונגערטן מאלער, א זעלבסטגעריכט מיט אלע די שיינע צודאטן דערצו. א ביטער געלעכטערל האָט אויסגעקרימט זיינע ליפּן, און ווי א פייל פון בויגן איז דורך אין זיין מח א פּלאן צו א קאָלאָריסטיש פאנטאסטיש בילד. א מחנה שמוציקע פארוואָרלאָזטע איינגעדארטע הינט באפאלן אין א טראָפּישער לאנדשאפט א קראנקן טיגער, און דערנאָך, ווען זיי פארמוטשענען אים שוין ביז טויט, קריכט ארויס פון דאָזיקן טיגרס מויל א נשמה־רויך אין דער געשטאלט פון אזא אָרעמעם פארוואָרלאָזטן הונט ווי זיינע רוצחים.

דעם מאלער איז געוואָרן מיאוס די מוט, און ער האָט שוין ניט געקאָנט איינזיצן צווישן די ארומיקע פארשוינען, וואָס האָבן, דוכט זיך, אים נאָכ־געשמעקט איטליכע באוועגונג. ער איז אראָפּגעשפּרונגען מיט עטליכע סטאנציעס פריער, נאָך איידער דער טראמוואי איז צו צו זיין גאס.

האסטיק האָט ער גענומען שפּרייזן דורך די גאסן, פארשטעקנדיק דאָס ברויט־פּעקל אונטערן גומי־מאנטל, וואָס האָט א סך שטארקער גע־שמעקט, ווי זיין ברויטל.

און ווען ער איז שוין געווען בא זיך אויף דעם זעקסטן שטאָק, האָט ער נאָך אלץ געפילט, ווי נאָנט ער איז געווען פון אנ׳אומגליק, שלעפנ־

ריק צוזאמען מיט זיין ערעמקייט און זיין יידישער נאָז, נאָך דעם גע־
שמאַקן טעם פון פרישגעבאַקענעם ברויט.

אויגוסט 1918.

א דיספוט פון גאָט־זוכער.

אין דער צפונ'דיקער קאָמונע איז שוין אלץ אין דער שענסטער אָרד־
נונג. נאָכדעם ווי מען האָט זיך זאט אָנגעגעסן, זיך אויסגעשלאָפן נאָך מי־
טאָג, און זיך נאָך דערקוויקט דאָס הארץ פארן אוועקגיין מיט א פּאָר
זיסע גלאָז טיי, — איז מען אוועק אין גרויסן זאל זיך צוהערן צום וכוח
צווישן דעם אלטן גוטן רוסישן דעמאָקראט פאָסע און דעם גרויסן פילאָ־
זאָף פון די באָלשעוויקעס לונאטשארסקי.

זיי ווייסן, ליבער לעזער, אז כאָטש פאָסע איז אנ'איינגעמארינירטער
רוסישער דעמאָקראט און לונאטשארסקי אונזער בילדונגס־מיניסטער,
וואָס רודפ'ט עד חרמה די אלטע רוסישע אויסלייגעכץ, — לענינם א שני
בשני, פונדעסטוועגן איז זיי טייערער פאר אלץ די פראגע
וועגן רעליגיע. ווארום, סיי פאָסע, סיי לונאטשארסקי זיינען — ווי אלע
עכטע אמת'ע גרויסע רוסישע לייט — גאָטזוכער.

אין דעם דאָזיקן געבענשטן לאנד, וואָס טראָגט נאָך אויף זיך דעם
נאָמען רוסישע מדינה, זאָלסטו ווייסן מיין לעזער, איז איטליכער רוס, פון
א פּויער ביז א מיניסטער אויף אויסלייגעכץ, א גאָטזוכער.

גאַנץ רוסלאנד זוכט גאָט, און לויט דעם קענער פון דער רוסישער
נשמה דאָסטאָיעווסקין לעבן אין איטליכן רוסישן מענטשן אלעמאָל צוויי
מעגליכקייטן: אָדער ער נעמט א האק און צעשפאַלט אימיצן דעם מוח, אָדער
ער פארט גאר אוועק אין אפּאָן, (צו זיין פּראוואָסלאַוונעם כותל המערבי) אין
תפילות און התבודדות צו פארמאָדלינען זיינע זינד. די גאָטזוכעריי איז
אזוי שטארק פארשפרייט בא דער דאָזיקער אומה, אז דער רבונו של עולם
געפינט שוין נעבעך ניט קיין שום באהעלטעניש פאר זיך אין דער רו־
סישער מדינה. און חוזק־מאכער זאָגן שוין לאנג, אז דערום איז אין רוס־
לאנד ניט אלץ ווי עס געהער צו זיין, ווייל גאָט ב"ה האָט שוין לאנג
פארלאָזן אנ'אומה, וואָס האלט נאָר אין איין זוכן און אקערן. עס איז גע־
ווען אמאָל א צייט, ווען דער מענטש האָט זיך באהאלטן פאר גאָט. דער־
מאָנט זיך נור די מעשה מיט אדם'ען. דאָ אין רוסלאנד איז פונקט קאפויער.

פּאַניע זוכט אים אומעטום, און גאָט באַהאַלט זיך צווישן די בוימער, און ענטפערט אים ניט אויף זיין אַר־אַ־אַר־אַ־ביינקעניש.

אַנ׳אמת׳ער רום האָט בכלל ליב דיספּוטן, אָבער מער ווי אַלץ האָט ער ליב אַ וכוח וועגן מעשה בראשית. און דערום איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער וכוח צווישן לונאַטשאַרסקי׳ן און פּאַסע׳ן, די פּאָר גרויסע מיס־טיקער, גאָטזוכער מיט די ברייטע נאַציאָנאַלע נעזער פון אַלטע בעלי־עברה׳ניקעס, האָבן צוגעצויגן צו זיך אַנ׳עולם, וואָס האָט ניט אַזוי גאָט אין הארצן, ווי די זוכנדיקע ביינקשאַפט צו אים, — און דער זאַל איז געווען כמעט געפּאַקט. פאַרוואָס ער איז ניט געווען געפּאַקט אויף דער־שטיקט צו ווערן, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אַ גרויסער טייל רוסישע לייט זוכן מן הסתם גאָט ערגעץ אַנדערשוואו.

דאַרפסטו אָבער וויסן, ליבער לעזער, אַז די גאָטזוכער צעשיידן זיך אין צוויי קלאַסן — אין ריינע ״באָגאָאיסקאַטעלי״ און ״באָגאָבאָרצי״, און דער דיספּוט איז געגאַנגען צווישן די דאָזיקעביידע סאָרטן גאָטזוכער. פּאַסע, וואָס איז נאָך, אגב, באַ היינטיקע צייטן שטאַרק אין חשד אויף סאַבאָטאַזש און קאָנטער־רעוואָלוציע, איז פאַרזיכטיק געווען אַ ריינער ״באָ־גאָאיסקאַטעל״. לונאַטשאַרסקי, דאַקעגן, האָט שטאַרק קאָקעטירט מיט די גאָט־קעמפּעריי. מען קען דינען גאָט אויך, ווען מען שמירט די רעדער פון אַ וואָגן, האָט ר׳ ליב בערדיטשעווער געזאָגט. מען קאָן זוכן גאָט אויך דער־מאָלט, ווען מען האַלט מיט אים מלחמה אויפן באָלשעוויסטישן שטייגער, האָט געזאָגט לונאַטשאַרסקי.

ליידער האָט דער וכוח ניט געהאַט דעם הייסן פרייעם כאַראַקטער, מיט וואָס עס צייכנען זיך אויס אַזוינע וכוחים אין אַנ׳אַנדער צייט, ווען די שטאָט ווערט ניט צעטיילט אין פיר קאַטעגאָריעס, בנוגע צו וואָבלעס. און דער גאַנצער בעל־דרשן איז געווען לונאַטשאַרסקי, הינטער וועמען עס זיינען נאָך געשטאַנען אַ גאַנצע אַרמיי לעטישע שיסער, וואָס האָבן פון אַלעם דעם גאָר ניט פאַרשטאַנען, נאָר וואָס זיינען אַלע ווילע גרייט גע־ווען משמעות אַריינצופירן אין זאַל קוילנוואַרפער קעגן די ריינע גאָטזוכער, וואָס האַלטן קנאַפּ פון ״באָגאָבאָרצעס״.

דער סוף איז געווען, אַז פּאַסע איז אַ אומצופרידענער אוועק אַ היים זוכן גאָט אונטערן בעט, און לונאַטשאַרסקי איז פריילעך אוועק אין זיין מיניסטעריום באַקעמפן גאָט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעגרייט סקאָרפּיאָ־נען און עקדעסן פאַר די גאָטזוכער, וואָס דערוועגן זיך צו שרייבן דעם נאָ־מען ״באָג״ מיט אַ ״טווערדי זנאַק״.

און בעת די ביידע גרויסע מיסטיקער, גאָטזוכער זיינען שוין געזעסן אין דערהיים באַ זייערע שרייב־טישן, האָט מען נאָך באַ די ברעגעס פון נעווא

געהערט לאנג באנאכט אנ׳א־אר־קענען פון פארשיידענע מענטשן, און מען האָט ניט געקענט וויסן געזוי: צי זוכט מען דאָס גאָט, אָדער צי טרינקט מען עמיצן אין דער נעווא.

אויגוסט 1918.

דער יון און דער ארעמאן.

דער יון און דער אָרעמאן זיינען די הויפּט־ארמיי, איבער וועלכע עס געוועלטיקט איצט לענין עט קאָמפּ. און וועלכע הערן ניט אויף צו פירן בלוטיקע מלחמות מיט אלעמען אין דער וועלט, וואָס ווילן ניט ליגן אונטער די שטיוול־פּאָדקעוועס פונם שיינעם אָרעמאן און העלדישן יון.

צו די אלטע געזעלשאפטס־קלאסן זיינען צוגעקומען צוויי נייע קלאסן. מארקס מעג זיך דריימאָל איבערקערן אין קבר, וואָס מיט זיין גראָבן שכל האָט ער ניט פאָראויסגעזען די צוויי שפּאָגל־נייע געזעלשאפטליכע כחות. און דערום שעם איך זיך ניט אויסצוזאָגן, אז מיין שכל איז ניט איידעלער פאר מארקס׳נס ז״ל.

וואָס איז דאָס פאר א קלאס יונים? כמעט דאָס אייגענע, וואָס מחותנים אויף א חתונה; איך וויים, אז דער נעבעטיקער יון איז געווען אנ׳ארבעטער אמאָל, א פויער, א שטאָטיקער מענטש, א משרת, א בורזשוי, א באאמטער, א מיטעלער בעל־הבית. שוין־זשע איז ער געוואָרן אנ׳אנדער מענטש, ווי נור ער האָט אָנגעטאָן אויף זיך דעם שינעל און עסט קאשע אין די שטאָטיקע קאזארמעס? שוין־זשע איז מיט אים פּאָרנעקומען א איבערקערעניש, אז ער מוז עקסטרא אריין אלס א באזונדערע גרופּע אין מלוכה־ראט פון דער רוסישער רעוואָלוציע?

די סמיכת־הפרשה פון ארבעטער־ראט און סאָלדאטן־ראט איז פונקט דאָס אייגענע, ווי אנ׳ארבעטער־ראט און א מחותנים־ראט, ווי א ראט פון פויערים און א ראט פון מענטשן, וואָס זיינען אמאָל געווען שאפערס בא מחותנים און כלות.

דאָס אייגענע איז מיטן אָרעמאן. אנ׳אָרעמאן בין איך; און מן הסתם א טייל פון מיינע לעזער; אנ׳אָרעמאן איז געווען ספינאָזא, אנ׳אָרעמאן איז אפויער, וואָס האָט ניט קיין צוויי דעסיאטין ערד פאר זיך, אנ׳אָרעמאן איז א ייד, וואָס איז א שמש, א בדחן, א יידישער שרייבער, א לא יוצלח, א מעקלער און א ספּעקולאנט, וואָס האָט געהאנדלט פּאראיאָרן מיט בראָם.

אנ׳אָרעמאן איז אנ׳ארבעטער איצט, וואָס האָט ניט פיינט א טרונק, אז ניט וואָלט ער שענער געלעבט פאר מיר; אנ׳אָרעמאן איז מיליוקאָוו,

וואָס האָט כל ימיו זיך באַשעפטיקט מיט פּאָליטיק און אַגיטאַציאָנס־נביאות, אַנ׳אָרעמאַן איז סוף כל סוף היינט איטליכער מיליאָנער, וואָס האָט נאָך ניט פאַרלוירן דעם גוסט פון אַ שטיקל וויים־ברויט, אַ פונט צי־קער און אַ טראָפּעלע מילך צו דער קאָרענער קאַווע.

טאָ פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַז די דאָזיקע אביונים מוזן בילדן אַ באַזונדערע גרופּע ביים מלוכה־טיש פון לענין און טראָצקי?

איז דער תּרוץ אָבער, אַז אין אַ צייט פון אַ רוסישער רעוואָלוציע פרעגט מען קיין קשיות ניט; עס וואָס מען דערלאַנגט דיר, זידל נאָר ניט די באָלשעוויקעס אליין, האָב אויך טענות צו אַלע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, וואָס האָבן אַריינגענומען דעם מחותּן אין קאָן, און געמאַכט פון אים אַ באַזונדערע מלוכה־גרופּע.

זיי זיינען ניט געווען קליגער, ווען זיי האָבן געגרינדעט דעם אַ.־ר. און ס.־ר., ווי לענין און טראָצקי, ווען ער האָט נאָך אַריינגענומען אין קאָן די אָרעמע לייט, אַלס אַ באַזונדערע גרופּע. סיי די ערשטע, ווי די צווייטע איז זיך סומך אויף אַ ביקס, און פאַרגעסנדיק די ווערטער פון פּרק ״על דאטפּט אטפוך וסוף מטופיך יטופון״, אָדער פונם עוואַנגעליע ״ווער עס ניצט אַ שווערד, קומט אַליין אום פון שווערד״, — האָבן זיי אויסגעטראַכט אַזאַ מין קאָמבינאַציע, ווי די פאַראייניגונג פון טיפּישע געזעלשאַפטליכע קלאַסן מיט מחותּנים פון חתונות און מיט אָפּשפּרעכער פון עין־הרע׳ס, מיט פעלדמעסטער, לויה־טרעגער און חופּה־שטאַנגען־פירער.

מאַרקס איז אָבער פּאַרט געווען אַ חכם, און זיין תּלמיד, דער קראַנ־קער פּלעכאַנאָוו האָט טיף אין האַרצן פּאַרט איצט די מאָראַלישע באַפריי־דיקונג פון אַנ׳עכטן סאָציאַליסט פון אייראָפּייאישן שטייגער, וואָס זעט ווי ל י ב ע ר ג א ָ צ ד א ן, לענין, טראָצקי און די גאַנצע אוטאָפּיסטישע שטאָטס־אומוויסנדע קאָמפּאַניע ליידט אימת מות פון די מחותּנים, וואָס פאַרקויפן איצט זייערע שטיוול אויף די מאַרקן, און וואָס האַנדלען צווישן איין שאָס אויף אַ בירגער און אַ צווייטן שאָס אויף אַ סאָציאַליסט מיט לאַפּערמ׳ס פּאַפּיראָסן.

די רוסישע רעוואָלוציע איז שוין געקומען באַ אונז אין צפון, ניט ווייט פון סמאָלנעם אינסטיטוט, צו אַזאַ מדרגה, אַז מען קאָן נאָר האָבן איין הנאה; די הנאה צו וויסן, אַז איך ווער געהרג׳עט ניט צוליב אייגענע חטאים, נאָר צוליב די חטאים פון אַנדערע.

סיי־ווי־סיי ליגן מיר דאָך אין דער׳ערד.

טאָ איז דאָך שוין גלייכער צו ליגן אין געהאַקטע וואונדן מיט די אידייען פון מאַרקס׳ס ״קאַפּיטאַל״, איידער מיט די אידייען פון אַ חברה ״גענאָסן״ אין קאַפּע בובנבערג אין דער געבענשטער שטאָט בערן.

נאָוועמבער 1918.

צו דער סדרה פאגראמען.

I

פריער איז געווען דער דיריזשאָר פון דער טייוולאָנישער פּאָגראָם־מוזיק גרויס־רוסלאַנד. איצט אָבער, ווען רוסלאַנד איז זיך שטיקערווייז צעפאַלן אין 101 רעפּובליקן, האָט זיך יעדע מדינה'לע איר פּאָגראָם־קאַפּעל־מייסטער און איר פּאָגראָם־קאַפּעלע. דעם שענסטן קאַפּעלמייסטער האָט דערוויילְ אוקראַינע, דאָס געבענשטע לאַנד, וואָס האָט זיך זיינע מאַמע־לישעס, זיינע גריצקעס און אויך אַנ'אייגענעם פּאָעט טאַראַס שעווטשענקאָ.

מיר לייענען אַלע טאָג ווענן פּאָגראָמען און פּאָגראָמלעך. אַלע ווײַלע באַקענען מיר זיך מיט אַנ'עקל און אַ ביטערער פּאַראַכטונג מכּה די גרויסע טאַטן פון די אָנהייבנער פון די סאָציאַליסטישע ראַדעס און סאָוועטן אויפן גוף פון אַנ'אָרימען יידל, אַנ'אומבאַשיצט יידיש מיידל און דאָס גל. — און מיר האָבן אפילו ניט די נחמה פון אַמאָל, ווען מיר פלעגן שיקן מע־מאָראַנדומס צו דער לייטזעליקער איירָאָפּאַ און צו דער פרייער אַמעריקע, און געהאָפט צו זען אַ נקמה כּאָטש דערין, וואָס אַ ראָטשילד וועט קיין אָנטייל ניט נעמען אין אַ צאַרישער הלוואה'לע. איצט איז רוסלאַנד אָפּ־געשניטן פון דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון דער איירָאָפּייאישער קולטור, עס האָפט שוין סיי ווי סיי ניט אויף הלוואות פון דרויסן. און אַלע אונזערע פּראָטעסטן, וואָס האָבן אויף אַ ווײַלע אונז אַמאָל געגעבן אַ האָפנונג, האָבן איצט קיין שום ממשות ניט.

עס האָט אויך קיין ממשות ניט, וואָס מיר וועלן קלאַפּן אין די טירן פון די העכסט־סאָציאַליסטישע ראַטן. ווען זיי וואָלטן אפילו געוואָלט איינ־שטילן אַ יידישן פּאָגראָם — זיינען זיי דאָס אויך ניט בכח צו טאָן. און די יידן און יידעלעך, וואָס זיצן אין די קאָמיסאַריאַטן, זיינען אַליין ניט זיכער, אַז היינט־מאָרגן זאָל מען מיט זיי ניט אָפּשלאָגן כּפּרות, ווי מיט אַ גימנאַזיסט אין קיעוו און אַ יידן אין גלוכאָוו. אויב די פּאָגראָמען האָבן פאַר זיי יאָ אַ שטיקל אינטערעס, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס די פּאָגראָם־

כוואַליע קאָן זיי אויך פריער אָדער שפּעטער דערניין ביז צום האַלז. נאָר דער פּחד פאַר דער צעבושעוועטער מאַסע, וואָס פילט זיך פריי פון אַלע קייטן, צווינגט זיי אַמאָל צו ווערן באַ זיך ניט זיכער, און אַרויסצוטרעטן אַמאָל מיט אַ חריפות'דיקן פּלפּול קעגן אַ יידיש פּאָגראָם. נאָר אַזוי ווי די "סטעפּקעס" און "וואַניושעס" האָבן פיינט זיך צו גראָבן אין די פּלפּולדיקע פּראָטעסטן פון אַ יידישן קאָמיסאַר, דעריבער האָבן אויך די פּראָטעסטן דעם ווערט פון אַ בלאַט פּאַפּיר, וואו סטעפּקע וויקלט איין אַ געגנב'עטן פונט צוקער.

מען מוז זיך קלאָר מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז קעגן דער איצטיקער פּאָגראָם־כוואַליע שטייען מיר בלויז און נאַקעט, ווי מען האָט אונז געבוירן. עס איז ניטאָ אַפילו די קלענסטע אילוזיע. עס איז ניטאָ וואָס צו האָפן אויף אונזערע ראַדע־מיניסטאָרן אַדוני זילבערפאַרב, אָדער אַדוני בערטאָלדי־לאַצקי, עס איז אַפילו ניטאָ וואָס צו האָפן אויף אונזער קריגס־מיניסטער דער באַפעלהאָבער איבער אַלע כלי־זיין פון רוסלאַנד — טראָצקין. פּוסט איז אויך די האָפנונג אויף די דייטשן, וואָס גייען אריין אין די איינגענומענע שטעט אינאיינעם מיט אוקראַינער. זיי האָבן גרעסערע דאגות, ווי זיך אַריינצולאָזן אין אַ קאָנפליקט מיט דעם "זיגרייכן אוקראַינע" צוליב אַ צעבראָכן יידיש הויז, צוליב אַ צעבראָכענעם יידישן שאַרבן, עס איז אויך קנאַפּ וואָס צו האָפן אויף די מאָגערע קו, די יידישע זעלבסטשוץ, באַ וועמען מען נעמט נאָך צו פאַר אַ פּאָגראָם די פאָר פאַרראַסטעטע רעוואָלווערן און ביקסן.

II

איטליכס מאָל, ווען עס הייבט זיך אָן אַ פּאָגראָם־כוואַליע, מאַכן מיר יידן, אַ פּנים, ווי דאָס וואָלט אונז געקומען פון העלער הויט. אויך איצט שרייען מיר און געוואַלדעווען גלאַט אין דער לופט אריין, אַקוראַט ווי מיר וואָלטן ניט געוואוסט אַ פריער, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע מוז קומען. אפשר איז די תם'עוואַטע אַרט, ווי מיר זיינען מקבל די בשורות פון אַ פּאָגראָם, אַ נאַטירליכע זאַך. בשעת מען גייט צום צאָן־דאָקטאָר זיך אַרויסרייסן אַ צאָן, ווייסט מען גאַנץ גוט, אַז עס וועט טאָן שטאַרק וויי, און מען זעצט זיך אריין אין פאָטעל מיטן פעסטן הסכם צו דערטראָגן דעם שמערץ, ווי אַ מאַנסביל. באַרירט אָבער דעם צאָן דאָס זילבערבלישצענדיק צווייַנגל, רייסט זיך אַרויס באַ אונז אַ ניט־מענטשליכער קול. דער גאַנצער קערפּ'זר טרייסלט זיך, ווי אין אַ ווילדן שטורם. דאָס אייגענע איצט, ווען דיין יידישן גוף האָט אַרומגענומען די פּאָגראָם־כוואַליע, וועלכע מיר האָבן שוין פאָראויסגעזען אין דעם גאַנצן קריג. מיר האָבן געוואוסט, אַז ווי דער קריג

זאָל זיך ניט פאַרלויפן, — דער פּאָגראָם מוז קומען. ער וועט קומען פונם זיג, ווי פון דער מפּלה, ער וועט קומען בײַ דער מאָביליזאַציע און בײַ דער דעמאָביליזאַציע, ער וועט קומען אין טאָג ווען די רעוואָלוציע וועט זיגן, ווי דעמאָלס, ווען קאָרנילאָוו וועט קומען צערייטן אויף זײַן פערד מיט קאַזאַצקע נאַגאַיקעס; ער וועט קומען פון די אָטשערעדן בײַ די קראָמען, ווי בײַ דער צעטיילונג פון די שפּע אויף די פעלדער; ער וועט קומען אין שטאָט, אין דאָרף, אין די הויפּט־שטעט און אויף די דאַטשעס. מיט דעם געדאַנקען פון קומענדיקן פּאָגראָם האָט מען זיך אײַנגעלעבט, ווי מיט אַן־אַלטער כראָנישער קרענק, ווי מיט אַ מכּה פון וועלכער מען וועט קיין־מאָל ניט פּטור ווערן. ווען די ערשטע רעוואָלוציאָנס־טעג זײַנען פאַרבײַ אָן ייִדישע געשפּאָלטענע שאַרבנס, האָט מען זיך געוואונדערט, ווי אויף די פאַראָרדנונג פון אַ געטליכן געזעץ. ווען די גרענעץ־שטעט פון די פּראָנטן מינסק, דווינסק און אַנדערע זײַנען אָפּגעקומען אָן פּאָגראָמען בײַ דער דע־מאָביליזאַציע, האָט מען געזען דערין השגחת הבורא. אַ גליק האָט זיי געטראָפן: דער דײַטש איז געקומען פריער. ווען הײַנטיקער פּסח איז פאַר־בײַ אָן אַנ׳עלילת־דם און אַ פּאָגראָמטשיקל, האָט מען נאָר דאָס צו פאַר־דאַנקען די מהומה אין רוסלאַנד, וואו קיין זאַך איז ניט נאָרמאַל. דאָס וואָס דער אָטשערעדנער פּאָגראָם איז ניט געקומען, דערקלערט זיך פונקט אַזוי, ווי עס קומען ניט אָן אין פּעטערבורג די וואַגאָנעס מעל, וואָס פאָרן אַ חדש צײַט פון סאַראַטאָוו קיין מאָסקווע. אויב עס פלעגט זיך יאָ באַווײַזן אַ מיינונג, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע וועט ניט קומען, האָט זיך דאָס גע־נומען פון דער שוואַכער האָפנונג, אַז ווען אַלץ גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, וועט אפשר אויך בנוגע צו אַ ייִדישן פּאָגראָם זײַן ניט אַזוי, ווי עס פּאָ־דערט זיך געוויינליך. סוף כּל סוף איז בײַ אַלעמען געווען אַ פעסטע אי־בערצייגונג, אַז פון אַ פּאָגראָם וועלן מיר זיך ניט אויסקויפן. און פונדעסט־וועגן, בשעת די פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך אָנגעהייבן, שטייען מיר מיט פאַרביטערטע פאַרקלעמטע הערצער און שרײַען מיט אַ קול, ווי דאָס דאָ־זיקע אומגליק וואָלט אונז צום ערשטן מאָל פּאַסירט, צו וועלכן מיר וואָלטן געקאָנט זיך צוגרייטן און קעגן וועלכן מיר וואָלטן זיך געקאָנט ווערן.

ס׳איז שוין צײַט, די העכסטע צײַט, אַז אַ ייִד אין רוסלאַנד זאָל זיך קלאָר מאַכן אײנמאָל פאַר אַלעמאָל דעם פאָלגענדעם געדאַנק: צי איז ניט גלײַכער, אָפּצושאָקלען דעם רוסישן שטויב פון די פיס, אַבי ניט לעבן אײביק אין אימת־מות פאַר פּעריאָדישע פּאָגראָמען. אָדער צי נעמט ער אויף זיך און זײַנע קינדער באהבה די מכּה פון פּאָגראָמען, אַבי נאָר מיט־צולעבן דאָס לעבן פון די סלאַווישע אומות, וואָס קרענקען איצט און וועלן נאָך דורות לאַנג דורכקרענקען זייער קולטור, זייערע פרײַהייטן און זיי־ערע גערעכטיקייט־געפילן?

פאַר מיר, אַלס איינעם פון די, וואָס לעבן דורך זייער חלום פון אַ פולקומענער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, איז די איצטיקע פּאָגראָם־כוואַליע ווי די קומענדיקע נאָר אַ באַשטעטיקונג, אַז ניט נאָר מיר זיינען פרעמד צום סלאַווישן גייסט, נאָר אויך אונז איז ער פרעמד. דער מיטעלער ייד מיינט, אַז ער פאַרשטייט און קען דאָס לאַנד, וואו ער האָט פּרנסה, צי אַ סוחר׳ישע צי אַ אינטעליגענטישע. אפשר קען ער זיין מאַרק, אָבער ער קען ניט זיין אינווייניקסטן מהות. אויב עס איז אונז נאָך מעגליך געווען זיך אַ ביסל צו אַסימילירן מיט די גערמאַנישע פעלקער, — איז דאָס לחלוטין אונמעגליך מיט די סלאַווישע, באַ וועמען דער אינטעלעקט שפּילט אַזאַ קליינע ראָליע. אַ מח־פאָלק וועט זיך בשום אופן ניט קענען צעמישן מיט אַ פאָלק, וואָס איז הוילער בלינדער; אַ פאָלק, וואָס האָט אין די ערגסטע באַדינגונגען פון זיין לעבן שטענדיק געשטרעבט אויף אַרומצובויען זיך, וועט קיינמאָל ניט קענען גיין מיט אַ פאָלק, באַ וועמען די גאַנצע ענערגיע דריקט זיך אויס אין צעשטערונג. אַלע אונזערע בלוטיקע קרבנות, וואָס מיר לייגן אויפן מזבח פון רוסלאַנד׳ס אַנטוויקלונג, זיינען קרבנות, וואָס וועלן פון קיין גאָט ניט ווערן אָנגענומען, ווייל דאָס אָפּפערבלוט פאַרדאַמפּט אין אַ גרויער פּראָסטיקער סביבה. און נאַריש זיינען די היינטיקע, וואָס ווילן ווי אַמאָל דערקלערן די פּאָגראָם־כוואַליע מיט דעם איבערפלעכליכן טעם, אַז דאָס גראָמעוועט סטעפּקע און ניט דאָס טרויִמישע פאָלק. אַמאָל האָט מען אין אַלץ באַשולדיקט די צאַרישע פּאָליטיק, חלילה ניט דאָס רוסישע פאָלק, דעם רוסישן ליבעראַלן, וואָס האָט ניט מיטגעהאָלפן ראַבירן. איצט, נאָכן פּיריאָריקן קריג ווייסן מיר שוין, וואָס עס איז אַזוינס דער סלאַווישער חומר אינאיינעם מיט די השגות ״ליבעראַל״ און ״פאָלק״. און קיינער וועט שוין ניט האַלטן פאַר אַ חכמה די אַמאָליקע בטלנות׳דיקע רייד, אַז ווען מען טוט אָפּ אַלערליי רשעות אויף אייגענע און פרעמדע, איז אין דעם דאָס פאָלק ניט שולדיק.

אין דער איצטיקער, ווי אין דער פריערדיקער פּאָגראָם־כוואַליע איז ניט ווייניק שולדיק דער ס.־ר., ס.־ד., ווי דער קאַדעט. אַלע אינאיינעם שטאַמען פון איין אומה, וואָס דערלאָזט דערצו, אַז אַ לאַנד זאָל זיך צעשפּילן מיט פרעמדע לעבנס, ווי מיט פּילקעס. ווען דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך אויף אַ ווייַלע דערפילט פריי אָן אַ שטעקן אויף זיך, האָט עס דאָך דורך אַ פּשוט׳ן צעשטערונגס־דראַנג זיך אַליין צעשמעטערט אין טויזנטער שטיק! טאָלסטאָי, וואָס האָט געשריבן זיין נאָכוואָרט צו דער קרייצער סאָנאַטאַ, שטייט ניט ווייט אָפּ טעאָרעטיש פון זיין פאָלק, ווען ער צעשטערט די גאַנצע קולטור נאָך דעריבער, וואָס די קולטור הייסט אַרבעטן, אַרבעטן מיט ליבע, אַרבעטן מיטן מח און האַרצן.

און וואָס איז דער זין פון די לאַנגע רייד? אַז די איצטיקע פּאָגראָם־

כוואליע איז געווען פאר אונז שוין פון לאנג אָן א צרה, וואָס מוז קומען; אז קיין הילף קען איר ניטאָ, דאָרט, וואו עס וועט אייביק בא אלע אומשטענדן ברענען אונטער אונזערע יידישע פיס דער גיהנום פון א סלאַווישן צעשטערונגס־גייסט.

דער בעסטער ענטפער אויף די פּאָגראָם־כוואליע דאַרף איצט זיין די פלאַמענדיקע באגייסטערונג פון דער פּאַלעסטינע־וואָך, וואָס שמידט אונזער נאַציאָנאַלע צוקונפט.

אפּריל 1918.

איך דער פּאָגראָם־כוואליע.

איצט איז שוין געקומען די צייט, ווען מען דאַרף איבערשאַצן אלע אונזערע שאַצונגען, איבערעוואַדירן דעם "שקר־מוסכם", מיט וועלכן מיר האָבן זיך געשפּייזט אין משך פון צענדליקער יאָרן. מיר זיינען געווען אי־בערציינגט, אז יידישע שאַרבנס ווערן צעשמעטערט בלויז צוליב דער רע־גירונג, מיר האָבן געגלויבט, אז דאָס רוסישע פּאָלק איז אליין בטבע א גוטמוטיקע און א גוטהאַרציקע, נאָר די שלעכטע איספּראַווניקעס און די בלוטדורשטיקע זשאַנדאַרמען קערן איבער צו בייז די ווייכהאַרציקע נאַ־טור פון דער סלאַווישער אומה. נאָר צי ווען מיר אויך איצט ניט זיין בכח זיך אָפּצוזאָגן פון אָנגענומענעם שקר?", — אזוי שרייבט ב. מירסקי אין "רוסקאיא וואָליא", און מיר, וואָס האָבן שוין געטענה'ט די אייגענע ווערטער פאר צוואַנציק יאָרן, קאָנען טרויעריק צושאָקלען מיטן קאָפּ און באַדויערן פון גאנצן הארצן, וואָס דער נייער אמת קומט אזוי שפּעט אין די קעפּ פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

שוין פאר צוועלף יאָרן, בא דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן מיר געשריבן: "די רוסישע פרייהייט גייט איבער די שאַרבנס פון די יידן. איטליכער טריט, וואָס עס מאַכט דער וואַכנדיקער ריז אויפן וועג צו פרייהייט, טרעט איבער די לייבער פון דער אומגליקליכער יידי־שער מאַסע".

און גראָד די, פאר וועמען דער יידישער נאַציאָנאַלער געדאנק איז ניט געווען קיין הוילע פראַזע, וואונדערן זיך קנאַפּ, וואָס רוסלאַנד האָט ווידער איצט פאַרכאַפּט א פּאָגראָם־כוואליע, וואָס לויט א מיניסטרם וואָרט, שטייגט זי אריבער אפילו די כוואליע פונם 20־טן אָקטיאָבער 1905.

מיר וואונדערן זיך ניט, וואָס רוסלאַנד קריינקט אוים איר פרייהייט

מיט אונזערע נערוון און בלוט. מיר האָבן שוין דאָס געוואוסט דעמאָלט, ווען מיר האָבן ארויפגעשטעלט אויף אונזער פאָן די באקאנטע ציוניסטישע פאָרמול; און דאָך ליידן מיר ניט ווייניקער פאַר די, וואָס, אויפכאַפּנדיק זיך פון א דעמאָקראַטיש־אסימילאַטאָרישן חלום, האָבן זיי מיט אַמאָל דערזען די קלאָרע בלוטיקע ווירקליכקייט.

צוואַנציק יאָר נאָכאנאַנד וועקן מיר דעם דאָזיקן בעל־חלומות, און נאָך עד־היום האָט זיך אונז ניט איינגעגעבן אוועקצושטעלן אים אויף די פיס א וואַכעדיקן.

באלד, ווי דאָס רוסישע פאָלק איז ארויס פון קנעכטשאַפט צו פריי־הייט, האָבן זיך די דאָזיקע בעל־חלומות א וואָרף געטאָן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע, און ניט געוואָלט וויסן, אז זיי, אלס יידן, דאַרפן קודם כל קלערן וועגן זיך, וועגן דעם, ווי צו אָרגאַניזירן אַן'אייגענעם זעלבסטשוץ. נאָר אין די ציוניסטישע קרייזן פון דער יוגנט, ווי בא די "צעירי־ציון" און "החבר" פלעגט איר אָנטרעפן מענטשן, וואָס האָבן ערנסט גענומען פאַרבאַרייטן זיך צו א זעלבסטשוץ; און לויפנדיק הינטער די רויטע פאָנען, האָבן זיי ניט פאַרגעסן זיך צו פאַרזאָרגן מיט א רעוואָל־ווער, אויף צו קאָנען אָפּהיטן זייערע ברידער און שוועסטער פון דעם פאָג־ראָממשטשיק, ווארום דאָס האָבן אלע געוואוסט, אז די אחד־העם'שע "שתי רשויות", אז דער קיום פון די צוויי נשמות בא דער רוסישער מאסע וועט אויך בלייבן א טאָג נאָך דער רעוואָלוציע, אויך א יאָר נאָך דער רעוואָלוציע.

דער גרויסער קופּערניקוס, וואָס האָט איבערגעקערט אלע אונזערע השגות וועגן א געשטערנטן הימל, און האָט אפילו אָפּגעלייקנט די מעשה מיט "שמש בגבעון דם", האָט ניט אויפגעהערט צו זיין דער גוטער קאַ־טויליק, וואָס בוקט זיך פאַר די הייליקע בילדער.

דער רוסישער פּויער, וואָס וועט אפשר אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג דורכפירן דעם "טשערני פערעדעל", וועט אפשר אויף אייביק צונע־מען פון דער ערד די איינענטומס־רעכט — וועט נאָך א צייט לאַנג וועלן מאַכן א פּאָגראָממטשיק אויף די יידעלעך, וואָס וואוינען מיט אים אין דער נאָענטער שכנות.

ס'איז א טעות, א גראָבער טעות צו מיינען, אז די גרויסע דעמאָקראַ־טישע דעראָבערונגען, וואָס עס מאַכט די רוסישע מאסע, האָבן שוין אויס־געמעקט בא איר די פינסטערע פלעקן פון איר נשמה, האָבן זי שוין אויס־געלייטערט אזוי ווייט, אז זי זאָל באגרייפן דאָס וואָרט "פרייהייט" אין דעם פיינסטן זין.

עס וועלן נאָך דורות אוועק, ביז דאָס אויפגעלעבטע רוסלאַנד וועט טיף דורכלעבן הלל'ס ווערטער: "טו ניט דעם אנדערן דאָס, וואָס דו וואָלסט זיך אליין ניט אָנגעטאָן".

דאָס בלוט פון די נייע קדושים רופן און שרייען: וואָס עס זאָל ניט געשען אין רוסלאַנד, פאַרגעסט ניט אַ רגע, יידישע רעוואָלוציאָנערן, אַז אייער פאָלקס־אָרגאַניזם לעבט דורך איצט אַ גרויסע פּיזישע סכנה, און פאַרגעסט ניט אונטער דער רויטער פלאַם פון די רעוואָלוציאָנס־פאָנען זיך צו שיצן און זיך צוגרייטן אַנ׳אָרט, וואו פרעמדע פרייהייטן זאָלן ניט ווערן אויסגעקריינקט אויף אייער גוף!

און לייענענדיק מירסקי׳ס אַרטיקל וועגן "שקר מוסכם", האָב איך מיט פאַרדרוס און עקל געטראַכט וועגן די פון אונז, וואָס ווערן געטריבן אין לאַגער פון אַ נאַציאָנאַל־יידישן געדאַנק בלויז צוליב דער פאַרבלוטיקטער נאַגייקע פון צעבושעוועטן פאָגראָמשטשיק. פון די 80־ער יאָרן ביז היינטיקן טאָג איז נור דער פאָגראָם בכח אַרויסצורייסן אַ טייל פון אונזער אינטעליגענץ פון דעם רעוואָלוציאָנערן־דעמאָקראַטישן חלום, וואָס פאַרדעקט די געשטאַלט פון דער יידישער אומה.

די קדיש־מיידלעך.

אין די זומערדיקע טעג פון שנת תרע״ט האָט שוין קיינער גאָר ניט געקלערט מכח בעדער, דאַטשעס און נאָך אַזעלכע גוטיקייטן, צו וואָס אַ מענטש פון אַ גאַנץ יאָר האָט תמיד אַזאַ זינדיקן חשק געהאַט. מיר זיינען שוין צופרידן געווען, ווען מען האָט אַן אונז אינגאַנצן פאַרגעסן און ניט געסטראַשעט אַלע ווייל, אַז מען וועט אין אונזער שלאָפצימער אַריינזעצן אַ איבעריקן פרעמדן פאַרשוין. דאָס לעבן איז שוין אַזוי צוגעשטיקט געוואָרן, אַז ס׳איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. וואָרום כסדר אָטעמען אין דער אַטמאָספערע פון אוקראַינער באַנדעס, כסדר איינזויגן די פעכשוועבלדיקע פאַרע פון די טיטיוניקעס, איז כמעט ניט ווייט דערפון, ווי לעבעדיק באַגראָבן צו זיין.

און מיר זיינען שוין טאַקע געזעסן אין אונזערע חדרים, ווי ניט דערשאָטענע באַגראָבענע, און ווען עמיצער איז אַריין צו אונז פון דער גאַס און האָט זיך צוגעזעצט צו אונז אַ פאַראומערטער שמועסן, איז דאָס געווען אַנ׳ערך ווי אַנ׳איבערקלאַפּן זיך פון אַ מת צו אַ מת דורך די דינע ווענטלעך פון צוויי אוהל׳ן. מיט טעמפּע געפילן קלאַפּן זיך איבער די מתים וועגן די אויסטערלישע רציחות וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַזאַ און אַזאַ גאַס, אָדער אויף די סטאַנציעס פון אַ באַן אָדער אויף אַ שאָסיי פון איין דאָרף אין דעם צווייטן.

אונזערע נערוון זיינען שוין געוואָרן טעמפּ ווי צענעצטע שטריקלעך, וואָרום "דער רבונו של עולם וויל ניט, אז דער מענטש זאָל דוקא שטאַרבן, די תשובה זיינע איז פאַר אים א סך א פעטערער ביסן". און דערום האָט גאָט אזוי באשאפן דעם מענטשן, אז ער קאָן נאָר פילן פּיין און שמערץ ביז צו א געוויסער מדרגה, און ווערן שוין די נערוון אָנגעצויגן ווי א סטרונע, אזש ביז צום פּלאַצן, ווערט ערגעץ וואו ליין א שרייפל אין מענטשנס פּידל־האַרץ — און די סטרונע פאַלט צענויף ווי א צענעצט שנירל.

און אין די זומער־טעג פון שנת תרע"ט האָט זיך שוין אויך באַ מיין אמאָליקן חבר, דעם פאַרברענטן אגיטאַטאָר און פּאָליטיקער פאַר א בעסערע יידישע צוקונפט, אָפּגעלאָזן די סטרונע. עס איז שוין אוועק די צייט, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די שיינע ניים מכח יידן אין דרום־רוסלאַנד מיט אויגן פון א גזלן. ער האָט שוין ניט געקלאַפּט מיט די פויסטן באַ דער בשורה, אז פּעטליורע האָט געהאַט א נאַפּאָלעאָניש'ן נצחון. ער האָט שוין ניט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן, ווען מען האָט אים דערציילט דעם סוף פון צענדליקער יידישע זעלבסטשוצלייט אונטער דער פאַן פון "פּועלי ציון" אין טעטערעווקע און אנדערע. ער איז שוין כמעט ווי פאַרגליווערט געוואָרן. וואָרום פּלאָנטערנדיק כסדר מיט זיין נשמה צווישן פאַרמוטשעטע גופים און דעם מלאך־המות אין דער געשטאַלט פון פּאַטרי־אָטן, די בויער פון זייער אווטאָנאָמיע מיט איבערגעקערטע דאשעקעס אויף אונטן, האָט ער שוין פאַרלוירן דעם גאַנצן חשק צום לעבן. קוקנדיק אויפן הימל, פלעגט זיך אים אמאָל אָפּדוכטן, אז על פּי דרך הטבע דאַרף די טעג פאַלן א געזאַלצענער רויטער רעגן פון די וואָלקנס, וואָס זיינען אפשר בלויז די פאַרע פון מענטשליכע טרערן און בלוט. און די האָפער־דיקייט, די ברייט בעל־הבית'שע צופרידנקייט פון דניעפּר איז אים געווען א גרויל, וואָרום אלע שעה פלעגט דער דניעפּר שטיפנדיק ארויסוואַרפן אויף זיינע וויספּעס און ברעגעס א מענטשליכן קערפּער, אויף וועמען דער סימן ייד איז געווען געחת'מעט מיט טויזנטער ענוים, וואָס־דער גוף איז אויסגע־שטאַנען, איידער דער דניעפּר האָט אים אריינגענומען אין זיינע אָרעמס.

און מיין חבר איז פאַרגליווערט געוואָרן. די גלעזערנע אויגן זיינע האָבן שוין גאָר ניט אָפּגעשפּיגלט — און צו דער צאָל פון אונזערע קרבנות איז דוכט זיך צוגעקומען נאָך איינער.

אָבער איינמאָל באַנאַכט, ווען מיר, די מתים, האָבן זיך איבערגע־קלאַפּט איבער די אוהל'ן, איז פּלוצים אריין צו מיר דער חבר מיינער, און אויף זיין פּנים האָט זיך געשאָטנט דער קאַמף צווישן א טיפער מעלאַנכאָליע און דעם פּרוב ווידער אָנצוהייבן א לעבן. בלייך, א פאַרוויינטער, מיט א לעבנסשטראַל אין די אויגן, מיט א האָפנונגס־שמייכעלע אויף די ליפּן,

האָט ער אונז דערציילט, אז ער קומט איצט פון דער שול, וואו די קדיש־זאָגער זיינען לויטער מיידלעך.

און ווען מיר האָבן זיך פארוואונדערט ארומגעקוקט, האָט ער אונז מודיע געווען מיט א קול, וואו עס האָבן זיך געראנגלט טרערן, מוט, פרייד, אז פון היינט אָן איז ער געוואָרן אינאיינעם מיט די קדיש־מיידלעך דער אומזיסטער פרייוויליקער מאנסבילשער קדיש, דער קדיש פאר אלע קר־בנות, וואָס מען האָט געפּרובט אויסמעקן ניט נאָר פון לעבנס־בוך, נאָך אויך פון דעם מענטשליכן געדעכטניש.

״דעם הארצנס־קלאַפּ, וואָס איך האָב באקומען פון די קדיש־מיידלעך האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין הינער־פּלעט. זיי האָבן דערוועקט אין מיר א קוואַל פון רחמנות צו דער יידישער פיין, אינאיינעם מיט א האָפנונג, אז מען וועט אונז בשום אופן ניט אויסמעקן... איך האָב דערהערט די דינע קול׳כעלעך, די שטימעלעך פון די צערטליכסטע פון די צארטע, די מייד־לעך מיט די צעפּעלעך, מיט זייערע ווייכע קול׳כעלעך, וואָס זיינען טאָפּלט ניט זיכער און ניט באהאָלפן ווען זיי זאָגן דעם ״יתגדל״, האָבן פאר מיר באלויכטן מיט אמאָל די לאַגע אונזערע מיט א וואונדערליכער קלאָרקייט. ניין! מיר לאָזן זיך ניט אויסמעקן! מיר זיינען אלע איצט אין דעם חרוב־דיקן דרום־קאַנט אזא מין קדיש־מיידל. שוואַך און אומזיכער מיט טאפּנ־דיקע טריט, ניט האָבנדיק די געניטקייט און אָנגעפּאסטקייט פון אונזערע דערהרג׳עטע עלטערן, ניט האָבנדיק דעם שוץ פון דעם מ א נ ס ב י ל ש ן אין אונז (וואָרום מיר זיינען דאָך אלע מאוים׳דיק דערשלאָגן און הילפלאָז ווי די קינדער) פּרובן מיר פון דאָס ניי אָנצוהייבן בויען אין מיטן א שטיקל גרונט פאר דעם קומענדיקן טאָג. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר האָבן אזוי פיל פארלוירן, ווילן מיר ניט דערלאָזן אויסמעקן אונזער זכר פון גאָטס־ערד, וואו מיר האָבן אזוי פיל קברים פון צעפּייניקטע טאטעס, נאָך גוועמען מיידלעך זאָגן קדיש. דער ״יתגדל״ אין די מיילכעלעך פון די קדיש־מיידלעך האָט אריינגעלויכטן אין מיין הארץ א בינטל שלום־געפילן מיט גאָט, מיט מענטשן און מיט זיך. עס ווערט ניט פארשטיקט דער שאפנ־דיקער לעבנס־קוואַל אויך דערנסטמאָל, ווען מיר ליגן אונטער חורבות. און אונזער גאנצער וועג איז מיט בלוט באפארבט. דאָס לעבן איז פאָרט שטאַר־קער פארן טויט. דער ״יתגדל״ פון מיידלשע קול׳כעלעך פארכאפּט טיפער דאָס מענטשליכע יידישע הארץ, ווי דער ווייי־געשריי פון בלוטיקן טאָג. פון היינט אָן ווער איך אנ׳אומזיסטער קדיש־זאָגער אינאיינעם מיט די קדיש־מיידלעך. איך בין בטוח אז אין דעם ״יתגדל״־כאָר וועל איך זיך אליין באפרייען, ווי טויזנטער אנדערע מיינס גלייכן, וואָס האָבן א ווילע פאר־געסן די גרויסקייט פון גאָט און ווי שטארק איז דאָס לעבן״.

מיין חבר האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר אָבער, ווי די מתים וואָס קלאַפּן זיך איבער די אוהל־ווענטלעך, האָבן קאַלט א טראַכט געטאָן:

„נעבעך, שוין גאָר א משוגע׳נער״.

סעפּטעמבער 1918.

א מוכיח בא די גוים.

און ווידער אמאָל האָב זיך באַגעגנט מיט יונה דעם ליטעראַט. נאָכ־דעם ווי איך האָב אים ניט געזען א יאָר, ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון פּעטראָגראַד זיך אַריבערצוכאַפּן צו זשאַבאָטינסקי׳ס לעגיאָנען.

דאָס האָט פּאַסירט אין די טעג, ווען די שטאָט האָט ווידער אויפגע־שטעלט די ניי־אַלטע פאָן, און אין די יובל־געשרייען פון די זומערדיק־יום־טובדיק־אויסגעפּוצטע געשטאַלטן זיינען דערשטיקט געוואָרן די זיפצן און אַכצן פון טויזנטער יידן, וועלכע האָבן מיט צעשראָקענע אויגן געקוקט, צי זעט זיך ניט ערגיץ וואו דער שאָטן פון מלאך־המות.

יונה איז געגאַנגען מיט אנ׳אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווען איך האָב אים פּלוצלונג א נעם געטאָן ביים אַקסל פון הינטן, — האָט ער זיך מורא׳־דיק א טרייסל געגעבן.

שטיל און אומעטיק האָבן מיר געשפּרייזט דורך די גאַסן, ביז די טיר פון יונה׳ס חדר האָט זיך הינטער אונז צוגעמאַכט, ערשט דענסטמאָל האָט זיך פריי צעגאָסן יונה׳ס קוואַל רייד.

— „גוואַלד, ווי דערטראָגט מען דאָס! — האָט ער גענומען שטעלן ברייטע טריט איבערן צימער, — צי זיינען מיר הונדערט טויזנט צוזאַמען, צי זיינען מיר אין שטעטל בא טויזנט איינוואוינער צוויי דריי משפחות נאָר — דער טויט־שרעק ווערט דערפון ניט קלענער. אין דער גרויסער שטאָט כפּל׳ט זיך אונזער שרעק צוליב דעם, וואָס מיר זיינען אזא סך, אזא סך... און דאָרטן, וואו מיר זיינען איין גרויפּ אין טעלער זופּ, כפּל׳ט זיך אונזער פּחד צוליב אונזער איינזאַמקייט, די איינזאַמקייט פון א קיעלע, וואָס מוז כסדר זיין אויף דער וואך פון טויזנטער אָפענע און באַהאַלטענע שונאים״...

— "מיר רופן זיך אָן היסטאָריש פאָלק", — לאַכט מיט אַ חוזק'ל יונה — "מאַלע וואָס מיר רופן זיך אַזוי. אין דער אמת'ן זיינען מיר דאָס וואַכנדיקסטע און וואַלוולסטע פאָלק צווישן אַלע פעלקער; אַ פאָלק, וואָס מוז נאָך אָנהייבן זיין היסטאָריע, בכדי אַרויסצוגיין פון זיין אייביקן טויט־שרעק־עגול...

מיט וואָס מיר צאַצקען זיך אַזוי: היסטאָריש פאָלק, כע־כע־כע. זיי וויסן, ליבער פריינט, אַז בא די אומות העולם זיינען די ווערטער היסטאָריע און אַרכעאָלאָגיע כמעט דאָס אייגענע. דאָס, וואָס מיר זיינען נאָך ניט קיין פאַרגליווערטע היסטאָריע, איז נאָך וויניק אַז מען זאָל אונז שעצן און שאַנעווען. מיר דאַרפן נאָך זיין אַ שטיק זעלטנקייט, אַן'אַנטיקל, אַ שטיק אַרכעאָלאָגיע, בכדי זיך צו דערמאָנען, אַז מיר זיינען אַ שטיק היסטאָריע.

ווען פון אַלע יידן אויף דער וועלט וואָלט קיין זכר ניט געבליבן, חוץ עטליכע פאַרלעך, וואָס לעבן ערגיץ אין אַן'עק, וואָלט מען דאָך די גאַנצע וועלט אויסגעראָטן, אַבי אַ קוק צו טאָן אויף די עטליכע יידישע פאַרלעך. די געלערנטע, די פּראָפעסאָרן, די עטנאָגראַפן, היסטאָריקער, פילאָלאָגן וואָלטן יאָרן אָפּגעגעבן פון זייער לעבן, אַבי זיי צו דערקענען, דערפאָרשן, צו דערגיין זייער מהות, זייער נשמה, אַבי צו כאַפּן איטליכע העויה, איט־ליכע תנועה זייערע. אַמעריקאַנער און ענגלענדער, וואָס האָבן אַ טבע זו־מער־צייט אויסצוטרעטן מיט אַמעריקאַניש־ענגלישע אָפּצאַסן אַלע שיינע ערטער פון אייראָפּע, וואָלטן געמאַכט אַן'אומוועג פון טויזנטער ווי־אָרסט, אַבי צו ווייזן זייערע טעכטער די ממשות'דיקע שטויבלעך פון אַמאָליקן בארג דעם "בייבל פּיפּל". און צווישן די שיינע אַלבאָמען, וואָס באַפּוצן אַ בעל־הבית'ישן אויפנאַם־צימער טיש, אין וועלכן עס שלאָפן אין פּודיקע איינבונד־טאָוולען די אַלפּן פון דער שווייץ און דער ניאַגאַרע־וואַסערפאַל פון אַמעריקע, וואָלט אויך ניט געפעלט דער אַלבאָם מיט די צייכנונגען אויף די טאָוולען פון אַ ליליען, ליסיצקי (די געלערנטע וואָלטן שוין געכאַפּט דעם שניט פון אַלט־יידישן אָרנאַמענט!). וואו עס וואָלטן זיך געטוּבלט אין גראַווירן, צייכנונגען, פאָטאָגראַפיעס, פאַסטעלן די עטליכע יידישע פאַרלעך. און ווי ליב וואָלט מען זיי געהאַט, נאָכגעקוקט איטליכן טריט זייערן. און ווען עמיצער פון זיי וואָלט זיך אַמאָל פאַרקילט, חלילה, וואָלט מען מן הסתם געקלאַפּט ווענן דעם טעלעגראַמעס אין אַלע צייטונגען.

קורץ און גוט, מיר וואָלטן געווען אַ שטענדיקער ליבלינג אין דער וועלט־קולטור, וואָס האָט אַ מורא'דיקע ליבשאַפט צו היסטאָריע, פון וועל־כער עס שמעקט שוין מיטן שטויב פון אַרכעאָלאָגיע"...

און יונה דער ליטעראַט האָט זיך ניט פריילעך פאַרטראַכט.

אויך איך בין אַריין מיט לייב און זעל אין יונה'ס שטימונג, און

ביים אוועקגיין בין איך שוין גאָר ניט נתפּעל געוואָרן, ווען יונה האָט מיר געגעבן אַ טשיקאַווע ברכה אויפן וועג צו ווערן אַ שטיק פאַרקאַלכעוועטע אַרכעאָלאָגיע, כאָטש אַ מומיע באַ די גוים.

סעפּטעמבער 1918.

צוויי ניגונים.

וואו נעמט מען די אמונה פון יענעם אָרעמעם יידל אינם פּאָגראָמירטן שטעטל, וואָס האָט זיך רואיק אוועקגעזעצט באַ דער גמרא, בשעת אין די שכנות׳דיקע הייזער האָבן שוין געטראַסקעט די שויבן, און מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אין טויט־שרעק פון איין ווינקל אין דעם צווייטן? אויך באַ אים האָט מען שוין געצאַפּלט צווישן טויט און לעבן אין די קעלערס, אונטער די טישן און די שלאָפבייַנק. ער האָט אָבער דערביי אָנגעטאָן די שטאָלענע בריל, פאַררוקט די יאַרמאַלקע און מיט אַן׳אומעטיק קול גענומען לערנען אַ בלאַט גמרא פון דער ״מסכתא אבלים״.

וואו נעמט מען די גאַנצקייט פון די, וואָס אויך דער טויט קאָן זיי ניט צעברעכן? אַזאַ קיילעכדיקע גאַנצקייט, וואָס שיידט אָפּ, ווי הימל פון דער ערד, פון אַלץ וואָס טוט זיך אָפּ ניט אין זייער וועלט; מעג די פרעמדע וועלט אפילו פאַכן איבער זיי מיטן שווערד, אָדער הייבן אויף זיי דעם האַק, וואָס פאַלמעסט זייַ לעבעדיקערהייט...

צוויי ניגונים האָבן זיך געבאָמבלט אין דעם געשריי און אין דעם ווילדן שטורעם: פון מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך מיט דער נשמה, און פון ווילדע חיות, וואָס שפּילן זיך מיט נשמות, ווי מיט פּילקעס. נאָר אַ פיינער אויער האָט געקאָנט כאַפּן די דאָזיקע נגונים. נאָר דער אויער פון דעם קאָמענדיקן היסטאָריקער וועט קאָנען קלאָר אונטערשיידן צווישן דעם שטילן אומעטיקן גמרא־ניגון פון דיין און דעם ״יאַבלאַטשקאַ״־מאָטיוו פון די פּאָגראָמשטשיקעס.

אויך דער דאָזיקער נגון האָט זיך אַריינגעריסן אויסגעלאָסן, ווילד און אומעטיק אין דעם גרילצנדיקן האַרמידער פון צעהאַקטע שויבן, צעבראָכענע מעבלען אינאיינעם מיטן ווילדן ברום פון חיות׳שע גאָרגלען.

״ווי די שכינה אין שוואַרצן איינגעהילט״ קומט צום רבונו של עולם אַ טרויעריקער נגון פון דיינ׳ס מויל אין דער אייגענער צייט ווען עס הערט זיך נאָר אַן׳אַנדער מאָטיוו, אַן׳אויסגעפּונענער מאָטיוו: ״עפּעלע, עפּעלע

וואוהין קייקלסטו זיך? קומסט צו די דייטשן קערסטו זיך שוין מער ניט אום".

די צוויי נגונים קומען אלץ נענטער און נענטער צענויף. אַט פייפט שוין דער עפּעלע־נגון איבערן גוף פון דיין, וואָס האָט נאָר בא דער יציאת נשמה אויפגעהערט צו זינגען די טרויער־ליד וועגן דער שכינה אין שווארצן, און דער דין האָט ניט דערהערט דעם "עפּעלע־נגון" ווי דער פּאָגראָמשטשיק דעם דינ"ס. נאָר אין דער לופט האָבן זיך ביידע ניגונים אָנגעטראָפן און ביידע אינאייינעם האָבן געפּלאָטערט אהין, וואו עס זיצט שוין די אמת'ע גאנצקייט כביכול אליין. כביכול זעט אָבער אפשר גאָר אין די ביידע ניגונים ניט צוויי גאנצע קייל־עכדיקע וועלטן, נאָר די האלבקייט פונם פרייעם דיין, וואָס האָט נאָר א הימל, און ווייסט ניט פון א ערד, און די ווילדקייט פון אנ'אומה, וואָס קאָן נאָר דעם ריח פון דער ערד, ווייס אָבער ניט, אז א חוץ דער ערד איז נאָך א הימל פאראן.

צוויי ניגונים באַמבלען זיך אין מיין אויער איינער מכח דער שכינה אין שווארצן איינגעהילט, און דער צווייטער מכח אנ'עפּעלע, וואָס קייקלט זיך צו פרעמדע און וועט קיינמאָל זיך שוין מער ניט אומקערן. און ווי שוער, ווי בלייערן־שווער עס ווערט אויף דיין הארצן, ווען זיי קלינגען אינאייינעם און קענען זיך בשום אופן ניט צענויפמישן...

סעפּטעמבער 1919.

פּאָגראָם־ביכער.

(א. טשעריקאָווער: אנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקריינע. ערשטער באנד).

אין בערלין פונקציאָנירט שוין באלד צוויי יאָר א געזעלשאפטליכער קרייז, וואו עס גייען אריין אלע פּארטייען, פון די ציוניסטן ביז צום פּיפּלס רעליעף, וואָס גרייט צו לויט א גרויסן מאטעריאל, וואָס מען האָט פון רוסלאנד מיט גרויסע יסורים ארויסגעראטעוועט, די געשיכטע פון דער פּאָגראָם־באוועגונג אין אוקראַינע. פון די זיבן בענדער, וואָס דארפן אין דעם משך פון דעם יאָר ארויס — איז נאָך גרוים מי און מאטעריש ארויס דער ערשטער באנד. פאר די, וואָס שטייען נאָנט צו דעם קרייז, איז די ער־שיינונג פון ערשטן באנד א גרויסער טרייסט. איצט וויסן מיר שוין, אז נאָך א סך גלגולים, איז מען שוין דעם בארג אריבערגעקראָכן, און די צייט, וואָס וועט פארגיין, פון ערשטן ביזן זיבעטן באנד, וועט אפשר קיין יאָר

נים געדרוירן. דאָס רוב פון די פאַרשפּראָכענע בענדער זיינען שוין פאַרטיק צום דרוק, און נאָכן דערשיינען פון ערשטן בוך וועלן אויך די מאַטעריעלע מניעות ווערן אַ סך קלענער.

א. טשעריקאָווער, וואָס האָט כּמעט איינגאַנצן אָרגאַניזירט דעם געזעלשאַפטליכן קרייז, זיך אַ סך באַטייליקט אין זאַמלען און אַרויספירן דעם מאַטעריאַל פון די געליטענע ערטער, סיי אין אָרגאַניזירן דעם בערלינער "מזרח־היסטאָרישן אַרכיוו", אונטער וועמענס נאָמען עס ווערט איצט דאָס באַאַרבעטע מאַטעריאַל אַרויסגעגעבן, — האָט פאַר דער לעצטער בלוטיקר יידישער געשיכטע אַזוי פיל אויפגעטאָן, אַז מען מעג אים ווינשן די שענסטע עפנטליכע דאַנקבאַרקייט. מיר שטייט אָפשר ניט אָן צו ריידן וועגן א. טשעריקאָווער׳ס בוך, ווייל מיין נאָמען שטייט צווישן די נעמען פון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע, וועלכע האָט נאָך דאָס בוך געלייענט אין מאַנוסקריפּט. אָבער דאָך מוז איך אים באַגלייטן אויף זיין וועג צום לעזער און פאָרשער פון דער ניי־מאָדערנער כמעלניצקי׳ס צייט אין אוקראַינע.

עס האַנדלט זיך ניט איצט, צי איז דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אויסגעשעפּט געוואָרן (דאָס אויסשעפּן פונם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין "מזרח־היסטאָרישן אַרכיוו", איז אַ זאַך לדורות). עס רעדט זיך איצט נאָר וועגן דעם, צי איז ה׳ טשעריקאָווער געלונגען צו געבן דער אכזריות׳דיקער צייט אַ קולטורעל־פּאָליטישע באַלייכטונג, וואָס זאָל אונז מאַכן באַגרייפליך די סבּות פון די צרות, וואָס דאָס יידנטום איז אויסגעשטאַנען אין אוקראַינע.

און דאָס איז ה׳ טשעריקאָווער׳ן געלונגען. — פון 17־טן יאָר אָן גייט אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען. ניט אַלע פּאָגראָם־כוואַליעס זיינען גלייך גרויס; אָנפאַנגס פאַרגיסן זיי נור קליינע געגנטן, שלינגען איין נור אַ קליינע צאָל געליטענע, — מיט דער צייט אָבער ווערן זיי אַלץ עפּטער און ברייטער, און סוף 19־טן יאָר, פאַרכאַפּן זיי גאַנץ אוקראַינע פון דער מזרח־גרענעץ ביז צום שוואַרצן ים. אין צענטער פון אוקראַינע זיינען דאָ ערטער און שטעט, וואו די פּאָגראָמען געדויערן מאַנכעס מאָל 4 — 6 וואָכן נאָך דער ריי. עס זיינען דאָ שטעטלעך, וואָס ווערן אין משך פון אַ יאָר צייט 6 — 7 מאָל פּאָגראָמירט. עס זיינען דאָ אויך אַזוינע אָאַזיסן, וואָס אַרום בורשעוועט די בלוטיקע כוואַליע, און זיי בלייבן ניט באַרירט אַ געוויסע צייט. אַזוינע אָאַזיסן בלייבן ניט אייביק גרין. אין אַ שיינעם פרימאָרגן כאַפּט מען זיך אויף אַזוינע אינזלען — און אין אַ טאָג צייט פאַרגיסט מען זיי מיט בלוט פון קינדער, אַלטע לייט, מוטערס און כלה׳ס. למשל, פּאַסטאָוו, דער אורשפּרונגס־אָרט פון בייליס־בלבול. ביז צו ענדע 1919 האָט פּאַסטאָוו ניט געליטן. מען איז שוין געווען אַזוי בטוח, אַז גאָט האָט אויסדערוויילט פּאַסטאָוו פאַר זיין שטאָט, אַז עס זיינען שוין אַרומגעגאַנגען לע־

געגדן איבער דעם פארשייטן וואונדער. פאסטאָווער בית־עולם פאַרמאָגט א קבר פון א גרויסן צדיק, און אָט דער גרויסער צדיק היט אָפּ די שטאָט פון אלערליי פּאָגראָמען. אין צדיק׳ס קבר האָט אויך געגלויבט די דאָרטיקע פויערשע באפעלקערונג, און יידן האָבן געשלאָפן רואיק די נעכט. קומט אָבער אָן א חיל פון דעניקין, — אין איין טאָג קוילעט מען אוים אנ׳ערך אכציק יידן, פארוואונדעט מען א פּאָר הונדערט און מען צינדט אונטער די שטאָט פון אלע זייטן. מיר איז נאָך אויסגעקומען צו זען די ערשטע פאר־וואונדעטע, וואָס מען האָט געבראכט אין קיעוו, און וואו די מאכט האָט זיי א נאכט זיך געלאָזן וואלגערן אויפן וואקזאל, ביז מען האָט געגעבן אנ׳ערלויבניש זיי אָפּצופירן אין האספיטאל.

דר. לאנדער, מיין פריינד און אן איבערגעגעבענער פירער פון יידישן רויטן קרייץ, האָט נאָך פאספּעיעט צו מאכן א פילם פון 180 מעטער די לייבג, אין דער צייט, ווען די צעוואונדעטע און צעממית׳טע זיינען געזעסן אין גאָרטן פון האָספּיטאל, וואַרטנדיק אויף אנ׳אָפּעראציע. ווער ווייסט? אפשר איז אין זייערע בליקן געשטאנען פארגליווערט די קשיא: צי איז טאקע אמת, אז דער זכות פון צדיק׳ס קבר היט אָפּ א יידישע שטאָט? צי איז בכלל די מעשה ניט קיין אויסגעטראכטע, ווי דאָס גאנצע לעבן, וואָס האלט שטענדיק אין איין צוזאָגן און נעמט כסדר צו אלץ, מיט וואָס מיר האלטן זיך?

דער לעזער מיינט, אז איך בין אוועק אָן א זייט. א טעות. די מעשה־פאסטאָוו ווייזט, אז די פּאָגראָמען זיינען געגאנגען איבער אוקראינע, ווי א נאטור־קראפט לויט אירע אייגענע געזעצן. דער קרבן וועט פון איר ניט אנטלויפן. עס איז ניט געווען קיין איין מיטל ווי זיך ארויסצוראייסן פון פּאָגראָם־רינג.

די פּאָגראָם־צייט קען מען אָבער דאָך צונויפבינדן אויפן פּאָדים פון דער פּאָליטישער געשיכטע אין רוסלאנד, — אָנהייב פון דער רעוואָ־לוציע, און אין אוקראינע — ווען זי האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון רוס־לאנד, צו קערענסקי׳ס צייטן. די ערשטע פּאָגראָמען זיינען צייטיק פאר־בונדן מיט דעם אנארכישן צעלויפן זיך פון פראָנט, בעת די רוסישע אר־מייען זיינען אוועק צו פוס מאסנווייז א היים, געראבירט די שטעטלעך, וואו זיי זיינען דורכגעגאנגען און געבושעוועט ווי ווילדע אָפּגעלאָזענע הינט פון דער קייט. באלד דערויף קומען די ערגערע פּאָגראָמען, ווען עס ביל־דעט זיך אנ׳אוקראינער ספּעציעלע ארמיי. אונטערדעסן וואקסט אויף אנ׳־אוקראינישער שטאָט מיט אנ׳אייגענעם חיל, וואָס לאָזט ניט צו קיין יידן אין די פּאָלקן, און וואָס מער עס ווערן פארפלאָנטערט די באציאונגען פון דעם נייעם שטאָט מיט די פיינדליכע כחות ארום, — די באָלשעוויקעס, די דייטשן, וואָס קומען העלפן און ארויסראבירן דעם אוקראינישן פויער

— פארפּלאָנטערן זיך אַלץ מער די באַציאונגען צווישן דער מאַכט און די יידישע פירער, פארשטאַרקט זיך אַלץ מער די שנאה פון אוקראַינער צום יידן. די יידישע פירער זיינען געווען מיניסטאָרן אָן א פּאָלק. עס איז ניט געווען קיין נשמה־צוזאמענהאנג צווישן פּשוט'ן יידן און זיינע פאַר־טייאישע אני־מאמינ'ס. זיי זיינען דארום געווען פּאָליטיש ניט פאָראוים־זעענדיק. זיי זיינען בכלל געווען בלינד. זיי האָבן ניט געהאט ניט די אייגע־נע מאַכט, — ווייל דער ייד איז בכלל געשטאַנען ביים זייט פון אוקראַינישן פּלאָנטער, — זיי האָבן אויך ניט געקאָנט באַקומען שטיצע פון דער רע־גירונגס־מאַכט, ווייל די רעגירונג האָט זיי ניט געגלויבט און אויך געפילט, אז מיטן יידן קען מען זיך גיכער שפּילן, געבן צוזאָגן, איידער אָפּטאָן מיט אים א געמיינזאַמע זאַך.

דער לעזער וועט קלאָר זען פון א. טשעריקאָווער'ס בוך, ווי איזאָלירט איז געשטאַנען די יידישע מאַסע אין אוקראַינישן פּלאָנטער. פאַר די צע־פּלאַקערטע לייִדנשאַפטן איז דער ייד געווען ניט קיין מענטש מיט בלוט און פלייש, נאָר דער באַגריף פון "סחורה". זיין קרעמל מיט די סחורות איז געווען דער ברען־פּונקט וואָס האָט געצויגן אַלע מאַכטן, וואָס זיינען געטראָטן מיט זייערע שטיוול איבער אוקראַינע. שפּייז, קליידונג, אמוניציע, געלט, קערענקעס און פּעטליוראָווקעס וועט איר נאָר געפינען ביים יידן. און אז מען קאָן ניט דערגיין פּשוט צו זיין באַהעלטעניש, — שטעקט מען אים אריין א מעסער אין בויך אָדער מען פּלעט אים דעם מח. די יידישע געזעלשאַפטליכקייט האָט מער ניט געקאָנט אויפטאָן, ווי שרייבן פּראָטעסטן און זיך משתדל זיין, אז מען זאָל אריינעמען א ניט־דערהרג'עטן אין א האָספּיטאַל אריין. איבער גאַנץ אוקראַינע זיינען געגאַנגען אַלע ווילע פאַר־שיידענע לאָזונגען, וועלכע האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער צייט און וועלכע זיינען געווען גאָר ניט אינגאַנצן פאַלש. אין קריג און סוף קריג זיינען יידן בא די גרענעצן געווען די שפּיאָנען. און כאָטש דאָס איז געווען פאַלש, פונדעסטוועגן זיינען זייערע באַציאונגען צום רוסישן קעגנער געווען ניט שלעכט. וואָרום א הענדלער, א סוחר קען פּאַרט ניט מאַכן א חלוק צווישן א קונד און א קונד. דערנאָך זיינען די יידן געווען די, וואָס האַלטן מיט די דייטשן. זיי האָבן חלילה וחס, ניט געהאַלטן מיט די דייטשן, נאָר אין זייער אימת מות, ווען דאָס פרייע קאָזאַקנטום האָט געווילדעוועט, — האָבן זיי באמת זיך געוואָרפן צו די דייטשן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען די מאַכט אין אוקראַינע און וועלכע האָבן געזוכט צו מאַכן א שטיקל אָרדנונג אין לאַנד. שפּעטער האָט מען זיי גערופן "באָלשעוויקעס", און אויך דאָס איז פאַלש און ניט ריכטיק. א ייד א קרעמער האָט פיינט א באָלשעוויק תכלית שנאה. אָבער נאָך מער האָט ער פיינט דעם אוקראַינער, וואָס שחט אים, ווי אנ'אָקס. פאַר יעדן איז דער באָלשעוויק פּאָרט געווען א ברעקל שאנס.

און קיינעם פון זיי האָט ער ניט ליב געהאַט, און אַלעמען פון זיי האָט ער פאַרשאָלטן, און פאַר אַלעמען פון זיי האָט ער זיך געבויגן, ווייל שטאַרבן ווי א הונט וויל קיינער ניט.

א. טשעריקאָווער'ס בוך איז פאַר אַנ'אויפמערקזאַמען לעזער א שרעקליך בוך. אין ערגיץ קען זיך דער ייד ניט אָפּגעבן אזוי פיל דין וחשבון איבער זיך, ווי אריינגדרינגענדיק אין די פאַקטן, וואָס דערציילן זיך. מיר זעען בחוש, וואָס פאַר אַנ'אומגליק דאָס איז, ווען א קאָלעקטיוו, וואָס איז דורך און דורך ניט פּאָליטיש, וואָס איז דורך און דורך ניט מיליטאַריסטיש, ווען אזא פאָלק ווערט ממילא אריינגעצויגן אין א בלוטיקן פּאָליטישן קאַמף. וואָס איז שולדיק דאָס מילבן־בערגל, ווען סאָלדאַטן, דורכגייענדיק א פעלד, צעטרעטן עס? צו קענען מילבן אַנטייל נעמען אין א מענטשליכן קאַמף און שיקן זייערע פּאָלקן צום חיל, אבי נאָר אכטונג צו געבן, אז סאָלדאַטסקע שטיוול זאָלן ניט צעוואַרפן מילבן־בערגלעך?

לייענענדיק א. טשעריקאָווער'ס בוך, ווירקט ניט אזוי מאוים'דיק די נאַקעטע דאָקומענטירטע פאַקטן, ווי די פילאָזאָפיע פון די פאַקטן. עס דוכט זיך דיר, אז עמיצער האַלט פאַר דיר א שפּיגל און ווייזט דיר דיין גאַנצע שוואַכקייט, דיין גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט, דיין גאַנצן מזל, וואָס נויט דיר, ווי אין מדרש שטייט, צי זיין שטענדיק דאָס שטיקל וואָלציינ, וואָס געפינט זיך צווישן צוויי שערן.

אָבער אויך דער צווייטער האַלבער טייל פון באַנד, וואו עס קומען אריין דערציילונגען פון געליטענע, איז אַנ'אוצר פאַר דעם, וואָס אינטערעסירט זיך מער מיט דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, ווי מיט א כלל'שער פּאָליטיק. פון דאָרטן קען יעדער לערנען ווי גרויס איז אונזער הארץ אויפצונעמען יסורים, ווי גרויס איז דער קוואַל, וואָס רייסט זיך צום לעבן.

שוין דער ערשטער באַנד באַרייכערט אונז, — ווי רייך וועלן מיר זיין, ווען מיר וועלן באַקומען אַלע צוזאַמען, און הויפּטזעכליך דעם זיבעטן, וואו עס רעדט זיך וועגן דער יידישער העלדישער זעלבסטשוץ...

יוני 1923.

1921

עס גייען די עשאַלאָנען.

I

פון מאָסקווע, פּעטערבורג, פּסקאָוו, וויטעבסק, אוקראַינע גייען די עשאַלאָנען. עס פאַרלאָזן רוסלאַנד די ליטווינער, עסטלאַנדער און די לעטלענדער. מענטשן וואָס האָבן יאָרן־לאַנג אויסגעקוקט די אויגן אויף די מינוט ווען מען וועט לאָזן פאָרן אַ היים, שטייען איצט אין די טויזנטער באַ די גובערנסקע עוואַקואַציאָנס־אַנשטאַלטן אויף צו קריגן די נויטיקע דערלויבניש־פּאַפּירן, וואָס וועלן זיי אַרויספּעקלען פון דער ראַטן־מלוכה. פון 1920 אָן, ווי נור די ראַטן־מאַכט האָט שלום געשלאָסן צוערשט מיט עסטלאַנד, דערנאָך מיט ליטע און שפּעטער מיט לעטלאַנד, הייבט זיך אָן די רעגלמעסיקע עוואַקואַציע פון די, וואָס האָבן אין 14 — 15־טן יאָר געמוזט צוליב קריגס־סבות פאַרלאָזן זייערע היימישע ערטער.

טויזנטער מענטשן אין גרויע פאַרלאַטעטע און צעריסענע בגדים און אַלערליי משונה׳דיקע קאַפּעלושן און היטלעך שטייען וואָכן און מאָנאַטן אָפּ אין די עוואַקואַציאָנס־פּונקטן מיט אַלטע צעריסענע פאַרשמאָלצענע פּאַפּירלעך אין די ברודיקע הענט מיט די זכיות פון די אַמאָליקע יאָרן. און אַזוי ווי פון די שטעט און שטעטלעך טרייבט מען צענויף אין די גובערניעם די צעשפּרייטע און צעזייטע ליטווינער, עסטן און לעטלענדער, זיינען דאָ באַ איטליכן עוואַקואַציאָנס־פּונקט היימען פאַר דעם דאָזיקן צונויפגעזאַמעלטן מענטשן־שטויב, וואו מען האַלט זיי אין באַראַקן אַזוי לאַנג, ביז דער עשאַלאָן וועט זיין שוין ראוי זיך אַריינצוזעצן אין סחורה־וואַגאָנעם, וואָס וועלן זיי אָפּפירן ביז צו דער גרענעץ.

עס איז שווער אין קורצע ווערטער איבערצוגעבן די ליידן פון דעם דאָזיקן מענטשן־שטויב, וואָס זיצט אָפּ וואָכן און מאָנאַטן אין די באַראַקן באַ אַ פונט ברויט און אַ שיסל וואַרעמע פּוסטן יויך אַ טאָג. נאָך שווערער איז קורץ און קלאָר צו געבן אַ פאָרשטעלונג פון מענטשן, וואָס זיינען צוליב די שלעכטע באַדינגונגען פיזיש געוואָרן בנוגע צו אַלערליי איבערטראַגענישן כמעט ווי חיות. אַ קודלעוואַטער הונט, הונגעריק און שמו־

ציק מיט אנ׳אקאַרסט אפּגעקוועטשטע עק און א הינטערשט פּיסל שלעפּט זיך איבער דער גאַס, און ערטערווייז שפּרינגט ער נאָך אונטער אויף זיינע דריי גאַנצע פּיסלעך אין איין איילעניש. אָט אזוי זיינען די אַלטע לייט וואָס שלעפּן קוים די פיס אין זייערע וואַליקעס; אָט אזוי זיינען די געלע אויסגעדאַרטע מאַמעס, וואָס האַלטן צווישן צענדליקער שמאַטעס נאָך א שמאַטקעלע, אַנ׳עופה׳לע, וואָס גראָבט זיך איין אין זייערע דאַרע ברוסטן. אזוינע מאַמעס זויגן זייערע קינדער ביז צוויי יאָר.

און איך בין געווען איינער פון די, וואָס איז געקומען א היים מיט אנ׳עשאַלאָן און כאָטש איך האָב אויסגעמיידט די אַלע עטאַפּן וואָס פירן ביז צו א וואַגאָן און אנ׳עשאַלאָן, פונדעסטוועגן האָב איך זיך גענוג אָנגע־ליטן און אָנגעזען, אז איך זאָל שוין קענען באַטראַכטן די ליידן פון די נאָרמאַלע עשאַלאָן־פאָרער פאַר געוואַלטיק גרויסע, פאַר איבער־מענטשלי־כע. אזוי ליידן נאָר חיות אין די וועלדער, און איך האָב בפועל ממש געזען, אז די חיה אין מענטשן איז נאָך גענוג גרויס; עס איז נאָך א גליק פאַר אונז, וואָס די חיה אין אונז איז נאָך אפילו א ברעקל ניט אָפּגעשטאָרבן.

ווער קלערט אין אזוינע צייטן, ווען א מענטש איז אונטערן ראָד, פון דעם וואָס מען רופט ציוויליזאַציע, קולטור? דאָס זיינען באָבע מעשות פון אַמאָל. מען פרייט זיך, וואָס מיר זיינען ווי די טויזנטער ווילדע ברואים אין די וועלדער און מדבריות, וואו קיין טמיוול נעמט זיי ניט, וואָס לעקן מיטן צונג אויף זייער איינענער וואונד און טראָגן זיך האַסטיק ווי די סטיכיע אויף פול צו מאַכן דעם מאָגן, אָדער געפינט א לאָך, א פעלזנהויל וואו מען זאָל קאָנען אָפּאָטעמען א ווײַלע.

II

ניט אַלע עשאַלאָנען נעניסן די אייגענע פריינדשאַפט פון דער ראַטן־מלוכה. אזוי ווי עסטלאַנד איז געווען די ערשטע קאַרטאָפל־מלוכה׳לע וואָס האָט שלום געמאַכט מיט לענינ׳ען — געניסן זיי אזוינע פאַרלייכ־טערונגען, מיט וועלכע די אַנדערע קענען זיך ניט פאַרגלייכן.

די עסטן, למשל, קענען אַרויספירן פון רוסלאַנד א היים אַלץ וואָס זיי האָבן, מען גיט זיי ספּעציעלע באַגאַזש־וואַגאָנען, חוץ די אין וועלכע זיי פאָרן א היים.

די ליטווינער, וועלכע זיינען געווען די צווייטע, וואָס האָבן שלום געמאַכט, באַקומען נאָר דאָס רעכט אַרויסצופירן ביז אַכט פוד, און יעדער פאַמיליען־גליד נאָך 5 דערצו. ערגער ווי צו אַלעמען איז די באַצי־אונג צו די לעטלענדער. און וואָס פאַר א מזל עס וועלן האָבן די פּוילישע,

ווען עס וועלן זיך ענדיקן די שלום־אונטערהאנדלונגען אין ריגע, קען מען נאָך ניט פאראויסזען. מעגליך, אז נאָך אזוינע לאַנגע שלום־אונטער־האנדלונגען וועלן זיי זיך גוט באוואָרענען. די עסטן זיינען נאָך דעריבער אין א בעסערער לאגע, ווייל זייערע עשאלאָנען, וואָס גייען ס׳רוב פון פעטערבורגער גובערניע, האָבן ניט ווייט און לאנג צו פאָרן.

און דערפאר, וואָס איטליכער פון די דערמאָנטע נאציאָנאליטעטן האָט ניט די גלייכע רעכט — קומען איצט פאָר אין רוסלאנד וואונדערליכע זאכן. ווען למשל דער מאן איז א לאטיש און דאָס ווייב א עסטאָנקע — גט מען זיך אָפּ אויף א ווײַלע, דאָס ווייב קריגט דאן די מעגליכקייט אלץ ארויסצופירן, און דער מאן פאָרט א היים קיין ריגע, וואו ער באגעגענט זיך דערנאָך מיטן ווייב און האָט נאָך אמאָל חתונה מיט איר. דאָס אייגענע קומט פאָר מיט די ליטווינער. נאָך מער, עסטן צו וועמען מען האָט גרוים צוטרויען, גיט מען איבער לפקדון די זאכן (למשל פון א גביר־טיקן רוסן), כדי זיי אמאָל אָפּצוקריגן אין עסטלאנד. ווען מען וועט זיך קאָנען, ווי עס איז א נאקעטער ארויסגנב׳ענען.

און דערום איז די לאגע פון די עסטלענדער אזוינע, אז מען דאַרף שוין זיין א אידיאָט, אום ניט צו קומען א היים א נגיד. צי וועט דער עסט־לענדער פארנוצן פאר זיך דעם פקדון, צי וועט ער נעמען א גוטן פרייז פאר דער קאָמיסיע, צי וועט ער אָפּקויפן ביליק זאכן בא הונגעריקע פאר־צווייפלטע עכטע ראטן־אונטערטאנער (און פיאנעס, בילדער, טעפּיכער א. א. וו. קען מען אין רוסלאנד קויפן שפּאָט־ביליק), צי וועט ער גלאט צו־לקח׳ענען וואָס ליגט בא אים אין וואוינונג מעבל און זאכן פון די וואָס זיי־נען אין 18־טן יאָר אנטלאָפן קיין אויסלאנד. — וואָס ער זאָל ניט טאָן, קומט ער א היים ווי די יידן פון מצרים, בשעת זיי האָבן דאָרט מיטגע־נומען דאָס גאנצע גאָלד און זילבער. זיין איצט א עסטלענדער אין רוס־לאנד איז זייער א גוטע זאך, און ווען דאָס וואָלט געווען א אמונה — ניט א נאציאָנאליטעט, וואָלטן מיר געהאט איצט א נייעם מין משומדים. איב־ריגנס, — ווערן אנ׳עסטלענדער איז שווער, נאָר אינגאנצן אונמעגליך איז דאָס אויך ניט. עס פארשטייט זיך, אז אזא זכות קאָנען נאָר האָבן גע־ציילטע מענטשן און ניט צדיקים, נאָר ספּעקולאַנטן, וואָס האָבן זיך שוין געניט אָנגעשטאָפּט מיט אלערליי וואליוטעס.

III

עס פאָרן די עשאלאָנען, און כל זמן מען האָט זיך ניט ארײַנגעריסן אין א סחורה־וואגאָן פון א עשאלאָן, איז דאָס בקריעת ים־סוף. אָבער האלט מען שוין ביים אָנלאָדן וואנאָנעס, פילט מען זיך ניט ערגער ווי די יידעלעך

וואָס האָבן פאַרלאָזן גשן. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מער ווי 8 פּוד קען א ליטווישער נים פירן, לאָדט מען אָן 10 — 20 — 60 און אפילו 100 פּוד, וואָרום נאָך די עשרה מכות וואָס ראַטן־רוסלאַנד איז איבערגעשטאַנען, איז נאָך געבליבן און זיך צעוואַקסן די אַלטע אייביקע מכה פון כאַבאַר. עס נעמען שוחד די באַנאַרבעטער און די וואָס שטעלן צונויף די צוגן; און דער רויטער קאָמענדאַנט פון צוג, און דער לאָקאָמאָטיוו־פירער, און דער הייצער, איטליכער וואָס דרייט זיך אַרום אויף די סטאַנציעס און האָט עפּעס א שייכות צו א פּייף פון א קוימען. עס נעמען די צאָלבאַאַמטע בא דער גרענעץ און די רויטע לייט. וואָס בדק'ענען אייך די טשעמאָדאַנען און די קעשענעס. דאָס נעמעכץ איז אַזוי ברייט, אַז די עשאַלאָן־לייט האָבן כסדר דעם כח צו פאַרקירצן די וואַרטענישן אויף די סטאַנציעס, און דער סאָוועטישער רובל איז דער בעסטער שטויסער, א סך בעסער פון נייסטן אַמעריקאַנער לאָקאָמאָטיוו.

און עס פאָרן די עשאַלאָנען ווי א באַנדע פּיראַטן, וואָס פירן אַוועק זייער רויב. זיי שלעפּן איצט אַרוים פון רוסלאַנד ביזן לעצטן שטול, ביזן לעצטן בעט. אין מיין עשאַלאָן זיינען מיר געזעסן אַזש אויף ווייכע זעסלען, וואָס מען פירט כלומרשט מיט צוליב די קראַנקע אין וואַגאָן.

טיי האָבן מיר געטרונקען פון ניקעלע טשייניקעס, און געבערשטעלט האָבן מיר זיך מיט בערשטלעך אַוואו הינטער די אָפּגעשרויפטע רוקנס האָט מען פאַרבאַהאַלטן בריליאַנטן און פּערלען.

וואונדערט זיך ניט וואָס די מידע פאַרחיה'טע מענטשן אין לאַטעס און קאַלדרעס האָבן מיט זיך אַזוינע זאַכן.

אין רוסלאַנד איז איצט די באַקי־פאַרב — אויסערליכע אָרעמקייט און ברודיקייט. ווי פאַרשאָלטענע פּרינצן אין אַראַבישע מעשׂות גייען זיי אַרום אין די עוואַקואַציאָנס־פּונקטן, ווי פאַרהונגערטע צעפּאַטלטע הינט. קומען זיי אָבער אַריין אין די עשאַלאָנען און ווי נאָר זיי פאָרן אַריבער דעם גרענעץ, — ווערט פונם הונט א געוועזענער בורזשוי, א בורזשוי מיט אַלע קליפּעלעך. עס באַווייזט זיך אַפילו די גאָלדענע געלע קייט אויף דעם נעבעך איינגעמאַטערטן בייכל.

עס פאָרן די עשאַלאָנען און ציען אַרוים פון ראַטן־רוסלאַנד דאָס לעצטע, וואָס איז נאָך ניט צעבראָכן און חרוב געוואָרן, חברה עשאַלאָן־לייט פירן אַפילו אַרוים אַלטע ערמיטאַזש־בילדער און ווערק פון באַקאַנטע מאַלער, ניט מורא האָבנדיק, אַז מען וועט דאָס בא זיי צונעמען.

וועט איר פרעגן, ווי אַזוי? גאַנץ פּשוט. למשל, אין מיין זיין אין פּעטערבורג האָט מען איינגעהאַנדלט אַנ'עכטן רעמבראַנט (מן הסתם געגנב'עט ערגעץ בא א גרוים־פירשט אין א פּאַלאַץ) פאַר 17 מיליאָן ראַטןגעלד (א ערך 800 דאָלאַר) און דורכגעפירט מיט א עשאַלאָן־פּאַסאַזשיר

האָט מען דאָס אזוי: דעם רעמבראנדט האָט א קינסטלער באצויגן מיט לאַק, אויפן לאַק האָט ער אויסגעמאָלט דעם פּאָרטרעט פון פאסאזשיר, און אלס א אייגענער פּאָרטרעט איז דאָס בילד פריי דורכגעלאָזן געוואָרן צוערשט פון דער קריגסצענזור, (אויף ביכער, קונסט־ווערק), און שפּעטער פון דעם גרענעץ־באאמטן. ווי מען האָט מיר דערציילט, געפינען זיך א מאסע קינסטלער אין מאָסקווע־פּעטערבורג וואָס מאכן פאר גרויס געלט די דאָזיקע ארבעט, וואָרום אין אויסלאנד נעמט זיך דער לאַק מיטן פּאָרטרעט אראָפּ ווי א פיין הייטל און דער אָריגינאל שיינט ארויס, ווי קיינמאָל ניט געשמירט און גערירט.

די מעשה מיטן רעמבראנדט קען זיין א סימוואָל פאר א גרויסן טייל עשאלאָן־פּאָרער, וואָס פארלירן אויף דעם גרענעץ זייער געמאכטן פּנים און באקומען ווידער זייער אלטן־אלטן אָנבליק.

איך שטרייך אונטער די לעצטע ווערטער ווייל דערין ליגט א כונה און זייער א אינטערעסאנטע, מכח וואָס איך רעכן נאָך ספּעציעל צו שרייבן

בקצור — עס פאָרן די עשאלאָנען, און די צעשטערונג פון רוסלאנד גייט ווייטער איר וועג. איצט העלפן שוין צעשלעפּן רוסלאנד לייט פון די נייע מלוכות; איצט פארענדיקן די ארבעט די, וואָס גייען קעניגן איבער די וועלט־הויפּטשטעט רעוועל, קאָוונע, ריגע.

ראטן־רוסלאנד, וואָס האָט טעמפּ געמאכט צוויי דריי יאָרן דאָס געפיל פאר אייגנטום, קען זיך ניט באקלאָגן אויף אירע תלמידים. די עסטלענדער אליין ארבעטן מיט אזוינע לאנגע פינגער, אז זיי זיינען בכח ארויסצופירן פון באַוועגליכן אייגנס כמעט א האלב פּעטערבורג. אויך די ליטווינער און די לאטישן זיינען ניט קיין ערגערע תלמידים געווען מיט אונזערע יידעלעך בתוכם. זיי זיינען נעבעך ניט שולדיק וואָס זיי זיינען ניט אזוינע יחסנים ווי די עסטן. אָבער אויך זיי קאָנען נאָך ארויסשלעפּן. דער גרויסער בער האָט פריער אליין צעשטערט מיט די לאַפּעס זיינע שייערן מיט די תבואות. איצט קומען די מילבן און צעשלעפּן ביסלעכווייז די לעצטע קערנער.

עס פאָרן די ערשטע צענדליק עשאלאָנען, עס הייבט זיך נאָר אָן די מילבנארבעט, אָבער באלד וועלן די צענעליקער וואקסן אין צאָל. און ווען עס וועלן נאָך זיך אָנהייבן עוואקואירן די הונדערטער טויזנטער פּוילן מיט אמת׳ע און פאלשע פּאפּירן, דאמאָלסט וועט מען צעטראָגן רוסלאנד׳ס באוועגליכע אייגנסן, ווי דער ווינט די טרוקענע בלעטער.

עס זיינען שוין אוועק א פּאָר וואָכן ווי איך האָב פארלאָזן דעם עשאלאָן און זיך דערוויילט באזעצט אין קאָוונע. אָבער נאָך עד היום זע איך שארף דאָס בילד פון די פּאָרנדיקע עשאלאָנען, וואָס בילדן איינע פון די וויכטיקע עפּיזאָדן פון דעם גרויסן רוסישן חורבן, אפשר איינע פון די

אינטערעסאנטסטע קאפיטלען סיי אין סאָציאַלן ווי אין עקאָנאָמישן זין פאַר דער אנטוויקלונג און אַפּוויקלונג פון דער גרויסער רוסישער מהומה.

פעוראל 1922.

די נייע גבירים.

ווער זיינען זיי? פון וואנען נעמען זיי זיך? וואָס טוען זיי? און וואָס איז צו דערהאָפן פון זיי? דאָס זיינען געווען די פראגן, וואָס איך האָב זיך געשטעלט, ווען איך בין נעקומען אין מיין נייער היים, אינם היים, וואָס איך האָב געלאָזן א רוסיש־דייטשמערישע און געפונען א יידיש־ליטווישע מיט א העברייאישן גימנאזיום מיט א יידישער פאָלקס־שול, מיט א לעגאליזירטער קהלה און א נאציאָנאל־ראט, וואָס דאַרף ווערן אין גיכן דער קאָפּ פון אלע ליטווישע קהלות.

ווער אייך דאָך הארן די קשיה, וואָס פאר א שייכות האָב איך צו די גבירים, צו די אלטע, ווי צו די נייע? איז דער תירוץ פשוט. — וואָרום ווער קאָן נאָך זיין מער צופרידן פונם איבערקערעניש אין ליטע, ווי די גבירים? ווער האָט נאָך אזוי געגארט צו אלע די גוטיקייטן פון א יידישער קהלה ביז צו א יידישער לעגאליזירטער פארוואלטונג, ווי אונזערע גבירים?

ווער האָט פול געמאכט דעם קאָוונער צוזאמענפאָר אין 1909 מיט ווי־נאווערן אָן דער שפיץ, ווען ניט אונזערע גבירים און שיינע בעלי־הבתים? קורץ, — ווער האָט נאָך אזוי געשטיצט די ווינאווערשע גרופּע מיט זיין בלאט "וואָסכאָד" ווי זיי? און איך בין ארוים אין גאס קוקן אין די צופרידע־נע פנים'ער פון די דאָזיקע גבירים, וועלכע האָבן "זייער מוזינקע אויס־געגעבן".

און אז איך האָב אָנשטאָט צופרידענע האָפערדיקע בעלי־בתים דער־זען גאָר א נייעם טיפּ מיליאָנער, אזוינעם, וואָס קוועטשט זיך מיט זיין משפחה אין עטליכע צימערן און אין א קראָם, וואָס איז פול אָנגעפּאקט מיט סחורה, אז מען מוז שוין א טייל קאסטנס האלטן אין שלאָפצימער; און אז איך בין דערגאנגען, אז די נייע גבירים זינגען תמיד דאָס לידל פון אָרעמקייט, נויט, און מיען זיך מיט אלע כחות, חלילה, ניט געבן א צעבראָכענעם מארק אויף א יידישן אנשטאלט, אָדער אויפן אויפבוי פון ליטע, — האָב איך אָנגעהייבן צו פרעגן דאָס, מיט וואָס עס הייבט זיך אָן מיין ארטיקל.

לאנג פרעגן אָבער האָב איך ניט געדאַרפֿט, וואָרום איך האָב זיי באַלד דערקענט — די בעסערע מלבושים און דער זאַטערער פּנים זייערער האָבן א ביסל פּאַרטונקלט מיין בליק. אָבער באַלד האָב איך דערקענט אין זיי מיינע אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט אין דער ראַטן־מלוכה, אָפּטמאָל דערפילט דעם טעם פון דער טשרעזוויטשאַיקע, און אייביק געציטערט און געפּלאָנטערט, אַז מען זאָל ניט מאַכן אויף זיי א אָבלאַווע בא דער נאַכט.

אין די 7 יאָר פונם קריג איז געשאַפן געוואָרן א נייע סאָציאַלע באַשעפעניש, וואָס איז ווי אַן׳אויסגעסקראָבעטער פון מולטער טייג, ניט קיין שבת׳דיקע חלה און ניט קיין וואָכנדיקע בולקע, כאָטש דאָס איז ווייס און אויסגעקנעטן און האָט א פּנים פון א געוואוינליכער קידקע. דער דאָזיקער טיפּ איז אויסגעוואַקסן אין א סביבה, וואו ער האָט געמוזט פאַרשוועכן אַלע זיינע אַמאָליקע סאָציאַלע און אפילו מאָראַלישע געפילן. אין דער גאַנצער צייט איז ער געווען וואָס איר ווילט: א ספּעקולאַנט, א בעזשענעץ, א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער בא די סאָוועטסקע, צוגלייך א פּאַדריאַדטשיק זייערער און א ״ספּעץ״, א בערזנהאַז, א קרוב למלכות פון א מלוכה, בא וועמען די קאָמיסאַרן זיינען היינט אויפן פערד און מאָרגן א קרבן פון טשעקאַ. און, אַז דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן, און ער איז פון א פּאָגראָם און פלעק־טיפוס ניצול געוואָרן באַצייטנס, אין די הויזנבענדער פאַרנייט די שמאָלינקע דאָלאַר־פּאַפּירן, — קומט ער א היים א גביר, מיט א פוסט אויסגעכשר׳טער נשמה, וואָס האָט פאַר קיין כלל׳שע געזעלשאַפטליכע זאַך קיין שום חוש ניט.

און אויך דער נייער גביר, וואָס איז שוין אין דער היים פון 18־טן יאָר, האָט געלעבט אין א סביבה פון שמוכל, א טייטש, א סאַמאָוואַר און א הפקר־מיידל, א. א. וו., אויך ער האָט פאַרלוירן אַלע חושים פאַר א נאָרמאַלן סאָציאַלן לעבן, אויך ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע זיינע פליכטן און לעבט אין אַן׳אייביקן הו־האַ, ער איז געגליכן צו א מענטשן, וואָס האָט זיך כסדר געראַטעוועט אויף א שווימענדיקן ברעט, און האָט נאָך ניט באַקומען דאָס געפיל פון גלייכוואָגיקייט, ווען ער שטייט שוין מיטביידע פיס אויף דער יבשה.

דער נייער גביר איז א דעקלאַסירטער טיפּ ווי אַמאָל דער לומפּנ־פּראָלעטאַריאַט. ער לעבט שפּל׳דיקער פון זיין אַמאָליקן קלאַסנבאַוואוסטזיין. אפילו ריין אויסערליך באַקומט ער ניט דעם פּנים פון אַמאָל. ער לעבט אָרעם און האָט אפילו ניט די ברייטקייט זיין געלט אויסצונוצן. אוועק די צייט פון אַמאָל, ווען דער גביר האָט זיך געקענט פרייען: איך גיב ארבעט 100־טער מענטשן ארום מיינע ברייזער, מילן און פאַבריקן.

ער האָט מורא אפילו צו האלטן א פּריקאזשציק און שמוכלט ווייטער, ער מיט זיין משפּחה, פאַרדעקנדיק די רוחים זיינע מיט די אָרעמע פּשטית פון זיין לעבן. און אויב ס'איז נאָך פאַרבליבן בא אים א לעצטער פונק פון געזעלשאפטליכע פליכטן — האָט דאָס אויסגעבלאָזן אין אים דער אמעריקאנישער פעטער, וואָס שיט מיט ברייטע הענט און אָן א שום פּראָגראם די דאָלארס פאר די בידנע קרובים.

וואָס איז שוין צו דערהאָפן פון אזוינע? צי וועט דען דער דאָזיקער, אויסגעסקראָבענער פון מולטער האָבן א באגריף פון אזוינע זאכן, ווי דער אויפבוי פון א שכנ'ישן פאָלק מיט וועלכן מען קען און מען מוז לעבן אין א געמיינשאפטליכער הארמאָניע? צי וועט ער גאָר פארשטיין, אז עס איז איצט די צייט אומבייטן זיין צעקאַליעטשעטן רוסיש אויף א אייגענע שפּראך? צי עס וועט גאָר באנעמען זיין מוח, אז בויענדיק די ערשטע יידישע אויטאָנאָמיע־אנשטאלטן אין אזא פּאָליטיש גליקליכער שעה בייט ער די צוקונפט פון זיינע קינדער און העלפט דערמיט מיט דעם אלגעמיינעם וועלט־יידנטום? ווייניק וואָס צו האָפן דערויף. ער וועט כסדר ווייטער אויסמיידן איטליכן חוב, וואָס דארף גיין ביז צו דער קעשענע. ער וועט ווייטער לעבן, מיט דער האָפנונג, אז דער פעטער פון אמעריקע וועט געבן, און ער וועט ביים בייטן כאפּן א איבריקן קערבל. ער וועט ווייטער טראָגן די מאסקע פון בת־שבע די בעטלערקע, וואָס לייגט אירע טויזנטער אין דער טאָרבע פון הקדש־לייט. און ווען דער נאציאָנאל־ראט וועט זיך קריגן מיט די אָרטאָדאָקסן און די לינקע מיט ביידע צוזאמען, — וועט ער שטיין אין מיטן, מאכן אלערליי חקירה'לעך און טאָן דערביי אין זיינע עסקים'לעך. ער וועט הנאה האָבן, וואָס צוליב די דאָזיקע רייסערייען האָט מען אין אים פארגעסן, און ער קען פריי און פראנק לעבן ווי א מילב אין א פארלאָזן הויז.

אָט אזוי זע איך דעם נייעם גביר אין מיין אלט־נייער היים. ניטאָ וואָס צו האָפן אויף אים, סיידן אז די נייע לעגאליזירטע אויטאָנאָמיע, יידישע ווי ליטווישע אנשטאלטן זאָלן אים ווייזן דעם שטעקן.

דאָס וואָס די זיבן יאָר האָבן אויסגעקלאפּט פון אים, וועט מוזן ווידער אריינגעקלאפּט ווערן. און אזא שטעקן וועט קומען נאָר דאמאָלסט, ווען די צוואנגרעכט פון די קהלות וועלן אָנהייבן צו ווירקן אויף דעם נייעם גביר, ווי א רעאלע קראפט.

און דאמאָלסט וועלן זיי אויך מוזן באקומען א פּנים; וואָרום איט־ליך געזעלשאפטס־קלאס באקומט ערשט דאמאָלסט פארב, ווען ער ווערט צי מיט גוטן, צי מיט געוואלט, אריינגעצויגן אין א סאָציאלן פּראָצעס. און דער טיפּ פון נייעם גביר ווערט פארשוואונדן ווי רויך אין דער נייער

סביבה פון אָנגעזועטיקטן סאָציאַלן קאַמף פאַר דעם אויפבוי פון ליטווישן יידנטום, וואָס קען פאַקטיש זיך דערשלאָגן צו א ברייטער קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

פעווראַל 1922.

עמיגראַנטן.

I

איך רייד דאָ ניט פון עמיגראַנטן, וועלכע ליגן אָפּ וואָכן לאַנג אויפן "טרערן-אינזל"; אויך ניט פון די וואָס פאָרן קיין אמעריקע צו די שוויצ-וואַרשטאַטן און זיינען מקבל באהבה די יסורים פון א "גרינשנאָבל"; אויך ניט פון די טאַטעס און מאַמעס, וואָס פאָרן מיט כשר'ע גאָפּל-מעסער אויף קינדערס שיפס-קאַרטן.

אַלע די דאָזיקע עמיגראַנטן-נשמות זיינען צו באַקאַנט, אז מען זאָל וועגן זיי שרייבן. איך האָב דאָ אין זינען גאָר א נייעם טיפּ עמיגראַנטן, פון וועלכע איר, מיינע ליבע לעזער, האָט נאָך ניט קיין קלאָרע השגה דערוויילע. די דאָזיקע עמיגראַנטן זיינען נאָך דערווייל אויפן קאָנטינענט. און ביז זיי וועלן זיך דערשלאָגן צו אַנ'אַמעריקאַנער וויזע וועלן נאָך פאַר-ביי היבשע עטליכע יאָרן. די דאָזיקע עמיגראַנטן האָבן בכלל ניט ליב קיין לענדער מיט א צו הויכער וואַליוטע, און אויב אין זייער בוזעמקעשענע האָט זיך פאַרוואַלגערט א דאָלאַר צי אַנ'ענגלישער פונט, קענט איר בטוח זיין, אַז זיי וועלן דאָס אָפּהיטן ווי א קמעה'לע, וואָס מען טראָגט אויפן האַרצן. איר קאָנט זיי געפינען הויפּטסווייז אין ליטע, לעטלאַנד, אין דער טשעכאָסלאָוואַקיע, אין ווין, אין בערלין, און אויך אין פּאַריז, וואו די וואַליוטע-לופט פאַריאָגט זיי אָפּט צוריק צו א לעטישן רובל און צו א פוילישן מאַרק.

דאָס זיינען די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פונם געבענשטן "רוס-לאַנד, איבערלאָזנדיק דאָרטן הייזער, ברייזער, פאַבריקן און מילן, שיינע מעבל, פּערסישע טעפּיכער, בילדער און סטאַטועס. יאָרן לאַנג האָבן זיי דאָרט געפוילט אין פאַרשיידענע קאָמיסאַריאַטן, געהונגערט, געשמאַיעט אַרום פאַבריקן, וואו די אַרבעטער האָבן צולקח'ענט די מאַשינען שטיקער-ווייז: געמאַכט פאַרשיידענע שמד-שטיק, אבי צו ברייגנען א היים א זעקל מעל אָדער א געזאַלצענעם הערינג; געפאַלן אויף פאַרשיידענע המצאה'לעך, אבי נור צו קריגן לעדער, אָפּצאַסן און שנירלעך אויף א

פֿאַר שיך צו מאַכן, געביטן פֿון פֿראָסטע זעק געמאַכטע גאַרניטורן אויף קנאָבל און פּעטרישקע, אָדער אויף א רערל סאַכאַרין.

לפֿנים האָבן די דאָזיקע לייט אין הונגערלאַנד געפֿילט, ווי א נעפּגר'ט פֿערד אויף דער זון. דאָס איז אָבער נאָר געווען לפֿנים. אין דער אמת'ן אָבער האָט זיך בא די דאָזיקע פֿאַרשווינען אָנגעזאַמלט א מאַסע ענערגיע, וואָס קיינער האָט דאָס ניט אויסגענוצט. יונגע, מיטליאַריקע מענטשן האָבן חדשים, חדשים לאַנג ניט געקענט אָנווענדן זייערע אמת'ע קרעפֿטן, זייערע טאַלאַנטן און פֿייאיקייטן. זיי זיינען געווען, ווי אין א סאַנאַטאָריום, וואו מען היילט די פּאַציענטן מיט א לאַנגער שטרייַנגער הונגער־קור. די פֿעטע בייכלעך זיינען איינגעגאַנגען, עס איז בכלל אַראָפּ דאָס פֿעטע פֿון אלע אברים; עס איז אויך אַראָפּ דער חלב, וואָס פֿלעגט אין פֿרידנסצייטן פֿאַרציען די נערוון און דעם מארך, און אין די רמ"ח אברים און אין די שס"ה גידים איז עפּעס פֿרייער, לופֿטיקער געוואָרן. נאָך דער שטרייַנגער קור איז דער געפֿייניקטער אַרויס מיט א פֿרישערן קאָפּ, מיט א לעבעדיקערן האַרץ, ווי פֿריער.

אמת, עס איז געווען א צייט ווען לענין — (אונטער מאַקסים נאָר־קי'ס איניציאַטיווע איז געווען דער באַרימטער מיטינג, וואָס האָט גע־דאַרפֿט צונויפֿפֿירן די אינטעליגענץ מיט די "גדולים", שלום מאַכן צווישן ביידן, זיי צונויפֿפּאָרן צו א כשר'ן זיווג) — האָט זיך איבערגעבעטן מיט דער אינטעליגענץ, ווען איטליכער אין רוסלאַנד, וואָס האָט ניט קיין לאָך אין קאָפּ פֿלעגט מעגן קומען מיט אלערליי פּראָיעקטן און פּלענער, נעמען פֿאַר די באַראַטונגס־זיצונגען געלט, מאַכן קאָמיסיעס מיט דעם רעכט צו באַקומען עס־קאַרטלעך, אויסקלייבן מיט גרויסע גאַזשן א פּרעזידענט, א סעקרעטאַר און א באַהעלפֿער... אין דער דאָזיקער צייט, (ענדע 1918 — אָנפֿאַנג 1919), האָט א ביסל געדרוישט אין די מוחות; גוטע קעפּ האָבן אלע טאָג פֿאַרצערט ענערגיע אויף אויסצוטראַכטן נייע פּראָיעקטן און מיתה־משונה'דיקע פּלענער. דאַמאָלסט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַרויסצוואַרפֿן פֿון דער קונסט לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי, ראַפֿאַעלן, טי־ציאַנען און נאָך אזוינע קאַליקעס, און איינצופֿירן די פּראָלעטאַרישע קונסט, וואָס אין תוך אריין איז דאָס די בלויזע געניטקייט פֿון א האַנט און א האַמער, וואָס קלאַפּט, ווי א מאַדים טשוואָקעס אין א וואַנט. דאַמאָלסט זיינען געגרינדעט געוואָרן די פּראָלעטקולטן, וואו א פֿאַרצאָגט מיידל פֿלעגט אָפּקלאַפּן אויף די קלאַווישן דאָס סטענקאַ־ראַזין־ליד. דאַמאָלסט האָט מען פֿון שיפֿן געמאַכט שיינע צאָנשטאָקלעך און פֿון קייזערליכע בעטן א גוטן קלאַפּטער טרוקענע דעמבאָווע האָלץ; הילצערנע הייזער האָט מען צעטראָגן אויף הייצמאַטעריאַל, וואָרום אויף זייערע פּלעצער האָבן גע־דאַרפֿט אויסוואַקסן די באַרימטע אַמעריקאַנער וואָלקנקראַצער; מיט די

בלעטער פון א דארווין־בוך האָט מען פארשטאָפּט די לעכער פון די גלאָז־
שויבן אין די פענסטער, און די לעדערנע טאָוולען פון די אלטע נארישע
ביכער האָט מען פארנוצט אויף פּאנטאָפלעך פאר אנ׳אקארסט חתונה־
געהאטע יונגע פּראָלעטארקע. עס איז געווען די צייט, ווען מען האָט געבויט
פּראָיעקטן צו עלעקטריפיצירן גאנץ רוסלאנד אין א משך צייט צווישן
חנוכה און פּורים; טובערקולאָז האָט מען געהיילט מיט סיבירער מאָך,
כאָלערע — מיט יום־כּפּור־טראָפּנס און אלערליי באקטעריען האָט מען
פארשפּויגן מיט ״סעמעטשקעס״, וואָס קליין ביז גרויס האָבן געקנאקט אור־
מעטום, סיי אויף די גרויסע צוזאמענפאָרן, סיי אין טראמוואי, סיי אין
דער היים, וואו ווענט און פּאָלאָפּ האָבן געוויינט פון קעלט און נעץ. בקצור,
עס איז געווען די צייט, ווען דאָס לפּנים געפּגר׳ט פערד האָט ארויסגעוויזן
כחות. אָבער דאָס האָט ניט לאנג געדויערט. מיט סעמעטשקעס־שפּייעכץ
האָט מען די באקטעריעס ניט דערטרונקען, דאָס צעמענט צו דער עלעקטרי־
פיקאציע האָט זיך ניט געלאָזט אויסטראכטן, און אמאָניום־כלאָראטום פאר
די יום־כּפּור־טראָפּנס איז אויך באלד פארשוואונדן פון די מערק. און די
אויפגעלעבטע אינטעליגענץ האָט ווידער אָנגעהייבן שפּאָרן אירע כוחות
פאר דער צוקונפטיקער עמיגראציע. נאָר איין זכר איז געבליבן פון דער
דאָזיקער צייט: די אמונה אין פּראָיעקטן, די לייכטקייט איטליכן מנחם־
מענדעלשן געדאנקען צו פארוואנדלען אין א פּלאן; די האָפעדיקייט, אז
פּראָיעקטן, אפילו נארישע, קענען צו עפּעס ברייננען, כאָטש צו אנ׳אומ־
זיסטער עסער־קארטל. די רוסיש־יידישע בירגערליכע אינטעליגענץ האָט
אין דער דאָזיקער צייט פארגעסן דעם שפּרוכל פונם דייטשן ״אז פּראָ־
יעקטן זיינען נאָך וועלוועלער פאר יאגדעס״, און אין איר האלב־געפּגר׳טן
לעבן איז געבליבן זיצן דער געדאנק, אז פּראָיעקטן זיינען ניט קיין ערגערע
סחורה ווי פּוילישע מארקן און סאָוועטסקע מיליארדן. מען האָט זיך שוין
ניט געריסן פון רוסלאנד סתם אזוי. מען איז געפאָרן קיין אייראָפּא א־ן
זעקענע קאפּאָטעס אויף צעריסענע אונטערוועש, אָבער אין קאָפּ האָט מען
געפירט א באגאזש פון גאָלדענע פּראָיעקטן, וואָס מען וועט אויספּאקן
אין אייראָפּא, וואו עס איז נאָך פאראן צעמענט, מאָך און יום־כּפּור־
טראָפּנס. און די עמיגראנטן, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן דורך רוסלאנדס
גרענעצן, זיינען געקומען מיט צוויי זאכן: 1) מיט א ניט־אויסגענוצטער
ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנגעשפּייכלערט אין משך פון עטליכע יאָר, און
2) מיט באגליקנדיקע פּראָיעקטן, וואָס דארפן זיי אליין געבן א פּאָזיציע,
ווי אויך רייך מאכן די לענדער, וואו זיי לעבן דערווייל אין מעבלירטע
צימערן און פּאנסיאָנען.

אין ליטע, לעטלאנד, טשעכאָ־סלאָוואקיע, אין ווין, בערלין געפינען
זיך איצט די דאָזיקע אימיגראנטן אין די הונדערטער טויזנטער און כמעט

פון אלעמען טראָגט זיך אנ׳אומגעהויערער אימפּעט. איטליכער קומט אין די קליינע קאַנט־לענדער, ווי אויך אין די גרויסע אנ׳אָנגעלאָדעוועטער. און אזוי ווי די אקאָרסט באַפרייטע לענדער זיינען נאָך אנ׳אומבאַקאַנטע פעלד, וואו די היימישע אינטעליגענץ האָט נאָך ניט אויפגעשפּראָצט, מיינען די עמיגראַנטן, אַז גאָט אליין האָט זיי געהייסן מאַכן דרוקערייען, צייטונגען, עפענען ביינק, טראַנספּאָרט־קאַנטאָרן, בויען שיפן אויף זיי. זיי קומען עפּעס אָן, ווי גאָט׳ס שלוחים, וואָס די השגחה אליין האָט זיי געשיקט, בכדי טרוקן צו מאַכן די זומפּן און צו באַוואַלדעוון די וויסטענישן. דאָס זיינען ניט דער סאָרט אימיגראַנטן, וואָס אייראָפּא פלעגט פאַרן קריג אַרויסוואַרפן אין אמעריקע. דאָס זיינען ניט די פּראָסטע אומקוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס קומען גראָבן ערד און אויסאַקערן מיט די ניט געלערנטע פינגער עטליכע דאָלאַר א וואָך. מיינע עמיגראַנטן זיינען די אַריסטאָקראַטיע פון דעם שבט נע־ונד׳ניקעס, וועלכע ברענגען מיט זיך א קעסטל לעבעדיקע פאַרשפּאַרטע ענערגיע, א מח, וואָס הערט ניט אויף אויסצוברען פּראָיעקטן און א האַרץ, וואָס גלויבט אין די ממשות׳דיקייט פון א קאָפּ־פּראָעקט. דאָס זיינען לעבעדיקע באָמבעס מיט מענטשליכע עמיגראַנטסקע פּנים׳ער, וואָס קייקלען זיך פון לאַנד צו לאַנד, פון איין קרוינשטאָט אין דער אַנדערער, וואָס טוען אָפּט. פּלאַצן מיט א מורא׳דיקן קנאַל, צעוואַרפנדיק בינטלעך שטראַלן־ענערגיע איבער די קעפּ פון פאַרפּויערטן ליטווינער, האַלב־שטאָטישן לעטן, געפּאַלענעם דייטשן און דעם נעהייבענעם באַ זיך טעמפּעוואַטן טשעכאָ־סלאָוואַקן. ניט איטליכע באָמבע פּלאַצט מיט א קנאַל. דאָס רוב פון זיי פּלאַצט מיט א קויל פון א בת־יענה, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך ניט קיין גוטן ריח. אָבער עס קלעקט שוין די עטליכע גוטע קנאַל־באָמבעס, אַז דער פּנים פון די אָנגעפּאָרענע פרעמדע נפשות זאָל זיך אַריינקריצן אין אויסערוויינִיקסטן לעבן פון א קאָוונע, ריגע, רעוועל און אפילו אויך פון א בערלין. דער פאַרבנאָפּ־שלאָג פון זיי ברענגט אַריין אין די פרעמדע קולטורן א נייעם ניואַנס, א נייעם נאָך ניט געוועזענעם שטריך.

II

די באמבע פלאצט.

וויבאלד דער עמיגראנט האָט זיך אָפּגערוט פון זיין ביטערער נסיעה, אויסגעפּאַקט די ביסל אָנגעבראַכטע בעבעכעס, אויסגעגראַבּן די פּאָר בריליאַנטן אָדער דאָס שטיקל פּלאַטין פון פּעל־קראַגן — הייבט ער אָן צו שפּרייזן איבער דער שטאָט, וואו דער מזל האָט אים פאַרוואָרפן, מיט אַן־אויג פון א פאָרשער, ממש מיטן שאַרפן בליק פון א מנקר. זיינע ניט פאַרבראַוכטע כחות צעלויפן זיך אין אלע זייטן. עפּעס ווי פון זיך אליין ווייסט ער שוין וועלכע מיניסטאָרן עס זיצן בא דער מלוכה־מאשין, ווער עס זיינען די הויפּט־סעקרעטאַרן זיינע און צו וועלכער משפּחה עס געהערט דער ייד, וואָס איז א כל וכל אין ארבעטס־מיניסטעריום, אָדער אין בילדונגס־מיניסטעריום. אים אינטערעסירן אלע מינסטערסטוועס, און כאָטש בטבע איז ער ניט קיין מיליטאַריסט, אָבער אויך דער קריגס־מיניסטער איז פאַר אים ניט קיין זייטיקער ענין.

און באלד דערזעט ער טויזנטער זאכן אויף אַמאָל. דאָס בילדונגס־מיניסטעריום עפּנט שולן אָן לערן־ביכער, אָן אַן׳אייגענער דרוקעריי, אָן דעם גאַנצן אפּאַראַט, וואָס איז אַזוי נויטיק. דעם קריגס־מיניסטעריום פעלן לאַזאַרעטן, וואַטע, יאָד, דאָקטוירים און פעלדשערס. דער סאָלדאַט אונטערן ביקס האָט ניט קיין וואַטאָווע הויזן און זיין שינעל איז אויך ניט קיין לייטישער. דאָס, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזן, איז שוין אויך ניטאָ, און אייביק קען מען דאָך ניט האָפן אויף אַזוינע גליקן,ווי אַן׳אונטערגאַנג פון א דייטשער אימפּעריע. ער זעט, אז די שטאָט איז א העלפּט א פאַרברענטע, און אז דאָס שטיקעניש אין איר צוליב וואוינונגס־מאַנגל איז אַזוי גרויס, אז מען וואוינט זאַלבעצענט אין א שטיבל, ניט האָבנדיק קיין שטיל ווינקל זיך א ווילע אָפּצורוען פון אייביקן הארמידער.

און בשעת מעשה באשמעקט ער מיט דער נאָז נאָך די גאַנצע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער נייער מדינה, וואָס עס איז עפּעס אַזוי פּלוצים באַפרייט געוואָרן אָן מי און מאַטערניש, אָן רעוואָלוציע און קריג, אקוראַט ווי א הינדל פון איי ארויס, און אין זיין מח הייבן זיך אָן צו באווייזן פּראָיעקטן. זיי קומען אָן צענדליקער אויף א מאָל, זיי מאַרשירן פּאָלקנווייז מיט איין־איינציקן טראַט־ריטם, זיי באַפעלקערן זיין אָפּגעפרישטן מח, אָפּגעפרישט נאָך א לאַנגן שלאָף אין ראַטן־רוסלאַנד, ווי סעזאָן־צייט אין א קור־אָרט, זיי טאַנצן ארום אין זיין מח א ברייטן קאַראַהאָד.

מען דאַרף פּראָיעקטירן א מלוכה־דרוקעריי (פּראָיעקט 1); מען דאַרף גרינדן א בוי־קאָאָפּעראַטיוו (פּראָיעקט 2); מען דאַרף גרינדן קורסן פאַר ליטוויש, לעטיש א. אז. וו. מען דאַרף עפענען א מלוכה־אוניווערזיטעט, א קריגס־אַקאַדעמיע, א טעאַטער, אַנ׳אָפּיצערן־קלוב, א לאַמבאַרד א. אז. וו. היינט ווי שטייט עס בנוגע צום האַנדל און פאַבריקאַציע? אין ענגלאַנד, אַמעריקע איז פאַראַן אַלץ. און דאָ? אַפילו זעלצער־וואַסער קענען זיי ניט מאַכן, ווער רעדט שוין פון שוך־וואַקס? אמת, דייטשלאַנד פאַרפּלייצט מיט סחורות פון כל המינים, עס אַרבעט ווי א פאַר׳משפּט׳ער פאַר גאַר דער וועלט. אָבער האָלץ, פלאַקס, נאַרונגס־מיטלען האָבן מיר. די מלוכה מוז מען שטיצן, וואָרום זי מוז דאָך פירן א נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פּאָליטיק. איי, דער פויער שפּייט אויף אַלערליי מלוכות און דערמאָנט אַפילו צו גוטן ניקאָלאַי דעם צווייטן? אויך מיר א דאגה. די היסטאָריע ווייזט, אַז מיטן פויער ווערט מען שטענדיק פאַרטיק. ווען נאָר די שטאָט האָט אים פאַרזאָרגט מיט פאַבריקאַטן, וואָס ער דאַרף.

קורץ און גוט — עס איז א ווייכער אָרט, וואו איטליכן פּראָיעקט קען מען איינפלאַנצן אויף לאַנגע יאָרן. זאָל נאָר ניט פאַלן דער מוט, זאָלן נאָר די ביינער אויסהאַלטן. און איז נאָך דער אָנגעזעהענער א פּאַכמאַן, — פּראָיעקטירט דער דאָקטאָר א פּאַסטער־אינסטיטוט, דער אַדוואָקאַט א יורידישן פאַקולטעט, דער מוזיקער א קאָנסערוואַטאָריום און דער קינסט־לער א מוזעאום, א ייד — א העברייאישע אַרבעט־שול, דער יידישיסט א וואַלד־שול און דער רוסיפיצירטער ייד א רוסיש גימנאַזיום, עס קאָן אויך זיין א קאָמערץ־שול. איטליכער קומט מיט זיין פּראָיעקט, און איט־ליכער גלויבט באמונה שלמה, אַז ער דאַרף נור זיין ענערגיע אָנווענדן פאַר דעם פּראָיעקט, — און די זאַך איז געמאַכט. אַזאַ טשיקאַווע כאַ־ראַקטעריזירונג איז צו באַמערקן אין אַלע די דאָזיקע עמיגראַנטן; אַזאַ גע־וואַלטיקער אָפּטימיזם, אַזאַ בטחון וואָס אונזערע אבות אבותינו האָבן אויך ניט געהאַט צו אָפּט.

נאָר אַזוי ווי זומער אין די טריקענישן אַרבעטן ניט די וואַסער־מילן, אַזוי ווי דער בעסטער אָפּגעטשעפּעטער לאָקאָמאָטיוו, וואָס פייפט מ־ט פאַרע פון קוימען, האָט נאָך קיינמאָל ניט געטריבן קיין וואַגאָנעס — אַזוי איז אויך מיט די פּראָיעקטן פון די עמיגראַנטן וואָס קענען אַלץ אין דער וועלט, נאָר ווייסן איין זאַך ניט: **די הויך פון דער אַלגעמיי־נער קולטור**, סיי בא דעם באַפרייטן פאָלק, ווי אויך בא די פירער פון פאָלק. זיי זעען פאַר זיך ערשט דאָ א גוט לאַנד, און באַגרייפן ניט, אַז דאָס איז דאָס רב אַנ׳אָפּגעשטאַנען פאָלק, וואָס האָט כל ימיו ניט אַרויס־געשטעקט קיין נאָז פון אונטער דער סאָכע און כמעט נאָך קיין זאַך ניט געשאַפן פאַר זיך אַליין.

די אַנגעפּאַרענע עמיגראַנטן זיינען ווי דער גולם פון רבי לייב פון פּראַג. עמיצער האָט אין זיי אַנגעזאַמלט ענערגיע, ערגעץ וואו ליגן אין קאָפּ באַפעלן און פּאַרטיקע פּלענער, נאָר דעם תוך פון אַלץ זעט ער ניט. אָבער דער גולם פון רבי לייב לויפט אַרום אויף א שאָסיי מיט פּאָכענדיקע אָרעמס, ער קיילט און ביילט אויף אַלע זייטן, ווי א פאַר'שכור'טער שפּאַ־ ניער דורך די גאַסן.

דער עמיגראַנט מיט די פּראָיעקטן קומט אויך צו די פּאָרשטייער פון דער ראַטן־לאַנד, וואָס האַנדלט כסדר אין אויסלאַנד איין פון אַן'עלעקטרישן לעמפּל ביז א טעשל קאָרטן. נאָר איידער די באָמבע פּלאַצט, דרייט זי זיך אַרום אין א מילדן טאַנץ אַרום איטליכן אָרט וואו עס איז נאָר דאָ א שילד פון א באַנק, פון א מיניסטעריום, אַן'אויסלענדישע פאַרטרעטונג א. אז. וו. — און א שטאָט ווי ריגע אָדער קאָוונע הייבט אָן צוליב די עמיגראַנטן גיין כאָדאָראָם, ווי אין א שבעים מלוכות. עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז דער גאַנצער טומל, וואָס עס מאַכן אָן די עמיגראַנטן, רופט אַרויס אַן'אַנטיסעמיטיזם, וואָרום דער גוי'אישער מנחם מענדל ווערט דאָך בטל בששים און די גאַס באַפאַרבט מיט זיין פּנים דער אמת'ער יידישער מנחם מענדל, ווי עס האָט אים גאוניש באַשריבן אונזער שלום עליכם ע"ה. אָבער דער עמיגראַנט, וואָס איז געקומען פון לענינ'ס מדינה, האָט ניט קיין פּחד פאַר אַנטיסעמיטיזם, ער שפּייט דערויף. מער ווי אַרויסשיקן אָדער אַריינזעצן אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער קען מען דאָך ניט טאָן — און צו אַזוינע זאַכן איז ער שוין מער צוגעוואוינט ווי א ייד צו אשרי.

דער עמיגראַנט פאַרשטייט ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם נעמט זיך הויפּטזעכליך דערפון, וואָס דער ייד פאַרמאַטערט די שטילע, רואיקע פּויערשע מחות מיט צופיל אידייען, אַז ער דערצאָרנט דעם ליטווינער און לעטן דערמיט, וואָס ער האַלט פאַר זיין קליינער דאַרער מלוכה צוויי שפּיגלען. איינעם פון א גרויסער אייראָפּייאישער קולטור און א צווייטן, — וואָס ווייזט אים אַלע ווילע זיין אייגענעם פאַרשלאָפענעם אָפּגעשטאַ־ נענעם פּנים מיט די פּעדערן אין צעשויבערטן קאָפּ נאָך א דרעמל. דער־ גראָבט ער זיך און דערזעט אין עמיגראַנט עפּעס א ניט־געבעטענעם אורח, וואָס פּייניקט זיינע אָרעמענס מיניסטערס געווויסן, וואָס פאַרברייטערט מיט אַן'אָפּעראַציאָנס־מעסער זיינע פּערספּעקטיוון און לייגט אויף אים אַרויף התחיבות'ן, וועלכע זיין קוים דערוואַכט פּעלקל איז ניט בכח צו נע־ מען אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס.

אָבער ווען עס פּלאַצן א סך באָמבעס מיט אַמאָל, צעגראָבן זיי אָפּט אַזוי שטאַרק די בתולה־ערד, אַז עס עפנען זיך אַמאָל אויך קוואַלן פון אונ־ טער איר. א נייע וואַנדערונג פון אידייען רייסט אויף דעם באָדן; ווי הייי־ שעריקן מאַכן זיי טונקל דעם בליק צוליב דער צו גרויסער ליכטיקייט זייערער.

און אויב די היישעריקן עסן ניט אויף דעם קאָרן אויף די פעלדער, פאַר־צערן זיי די טעמפּעוואַטע פוילע רעיונות פון די פירער, וואָס האָבן גע־בויט זייער מלוכה מיט דער ציגעווער פעטער פוילקייט און לאַנגווייליקייט, מיט דער פירונג פון אַ פויער בא דער סאָכע.

בקצור, די באַמבע פּלאַצט. מיינע עמיגראַנטן זיצן ניט אַ רגע ליידיק. שוין אין דער ערשטער וואָך פון זייער אָנקומען זיינען זיי שוין אומעטום דאָ, און אַזוי ווי פּראָיעקטן זיינען גאָלד, און פּאַפּיר־געלד — בלאָטע, קענט איר זיי זען אומעטום, אין קאַ־פעס, רעסטאָראַנען, אויף צדקה־אַוונטן און אויף די זיצונגען פון די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונגען, אין אַלערליי סיימען, נאַציאָנאַל־ראַטן און קהלות־צוזאַמענפאָרן. אין דעם רואיק לויפנדיקן גאַנג פון די לענדלעך טראָגן זיי אריין עפּעס אַ נייעם פּאַמפּאַדיקל, אנ׳אומרו, וואָס לויפט הין און צוריק און האָט ניט קיין געדולד אויסצואוואַרטן צו 60 סעקונדן פון אַ מינוט. די געשילדערטע עמיגראַנטן צערודערן מיט זייערע פּלענער און פּראָיעקטן שטילע מדינה׳לעך, און נויטן ניט ווילנדיק אַ ליטווישן, לעטישן מיניסטר זיך צו פאַרטראַכטן אַ רגע, די אָקאָרשט אויפגעבליטע ראַנד־שטאַטן — צו באַקומען אויף אַ רגע די אַמביציעס און די פּאַרשטעלונגען פון ברייטערע פירונגען און פּאָליטישע פּערספּעקטיוון. די געפּלאַצטע עמיגראַנטן־באָמבע פאַרבלענדט אויף אַ רגע מיט אירע שטראַלן, פאַרדרייט און פאַרמאַטערט אויף אַ וואָך צייט קאָנסערוואַטיווע מחות און דערנאָך רופט זי ממילא אַרויס עפּעס אַ שנאה, אַ ניט ניחא׳קייט צו די אָנגעפאָרענע געסט, (ס׳רוב יידן), וואָס טרייבן עפּעס צו גיך די בלוטן און די אַפּעטיטן. נאָר ניט דער־מיט אַליין פאַרנעמען זיך די עמיגראַנטן.

די גאַנצע מאָראַל, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון רוסלאַנד, וועגע־טירט נאָך ווייטער איבער די גרענעצן. עס ווערט גיך, גיך באַשאַפן אַ וועג איבער די גרענעצן וואָס פירט אינם הונגער־לאַנד, עס הייבט זיך אָן אַ שמוגלעריי פון ביידע זייטן, מען פאָרט אהין און צוריק אונטער פאַרשי־דענע מאַסקעס. וואַלוול קויפן וואַליוטע, בריליאַנטן, פּעלצוואַרג, קונסט־געגנשטאַנדן און זיי אויסבייטן אין די לענדער און לענדלעך פון איי־ראָפּאַ פאַר מעל, פּוטער, אייער, קאָנסערוון און צוקער, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אויף די גאַסן. מען ווערט אויף אַ ווײַלע דיפּלאָמאַטישע קוריערן, ליטווישע, לעטישע בירגער, וואָס קומען ווי ספּעציאַליסטן אַרויספירן פון רוסלאַנד אַרכיוון, ביבליאָטעקן, מעבל און אַנדערע נויטיקייטן, וואָס מען האָט ביים אוועקפאָרן געלאָזן אויף גאָט׳ס באַראָט. מען ווערט מיטגלידער פון ליטווישן,לעטישן רויטן קרייץ, וואָס קומט ראַטעווען און קאָרמען לאַנדסלייט, וועלכע הונגערן אין די געפענגנישן און לאַזאַרעטן. מען ווערט גלאַט קאָמיסיאָנערן. און דאַרום איז דער נייער טיפּ עמיגראַנט, ניט קוקנ־

דיק אויף אלגעמיינע פעלער, אויף זיין גאנצן מנחם־מענדל־גייסט א שאור בעסה, א הייוון־שוועמל אין מאסיוון לאנגזאמען טייג פון די ראנד־שטאטן און פעלקער. ראטן־רוסלאנד האט ארויסגעלאזן אנ'אַנגעלאַדעוועטע באַמ־בע, וואָס האָט יאָרן געשלאָפן, און קוים די באַמבע פלאצט — ציטערן די מחות בא אלע די מיניסטאָרן, וואָס דרייען איצט לאנגזאם דעם ראָד פון דער ניט געעלטער און ניט געשמירטער מלוכה־מאשין, אָקאָרסט פון איי ארויס.

אין די ווייטערדיקע קאפיטלען וועלן מיר זיך נאָך באקענען מיט דער "רויטער פאטשיילע", מיט דער "אמבולאנטער ביוראָקראַטיע", מיט דער "מאיר בעל הנס־טרייסל־פושקע" ווי אויך מיט אנדערע דערשיינונגען פון דער צרה "עמיגראנטן".

פעווראַל 1922.

דאס אמבולאנטע פאטערלאנד.

א שאָד, וואָס היינען איז ניט באשערט געווען צו לעבן מתושלח'ס יאָרן. ער וואָלט נאָך אונז ביז היינטיקן טאָג מהנה געווען מיט זיינע טיפע ווערטלעך, וואָס ער פלעגט איינוויקלען אין א ממזר'ישן חוזק'ל... אָט דער דאָזיקער היינע האָט אמאָל געזאָגט, אז "די ביבל איז דעם יידנ'ס אמ־בולאַנטעס פּאָטערלאנד". גייענדיק מיטן חנ"כ'ל אונטערן אָרעם, דוכט זיך אים אויס, אז ער פירט מיט זיך דעם לבנון, דעם כרמל, דעם ירדן, דעם רויזנטאָל, די ווארעמע וואסערן פון טבריה, אינאיינעם מיט דעם פּאַנאָגראַף, וואו עס רעדט דער קול פון א ישעיהו'ן, ירמיהו'ן און א יחזקאל'ן. ס'איז א גרויסע קללה זיך צו שלעפּן מיטן פעקל הינטער די אָנטרייבער פון א נבוזראדן. אָבער עס איז ניט קיין קליינע נחמה, ווען דאָס פּאָטערלאַנד, פון וואנעט מען האָט דיך פארטריבן צוליב דיינע זינד, גייט דיר נאָך, ווי א פירפיסיקע חיה און ווארפט זיינע שאָטנס אויף אַלע טועכצן פון דיין גלות־מארש. און די עמיגראנטן, וואָס רוסלאנד האָט איצט אויסגעשפּיגן, טראָגן מיט מיט זיך זייער פּאָטערלאנד, אויך זיי האָבן מיט זיך א ניט געשריבן נאָטיץ־ביכל, וואו עס זיינען פארצייכנט אלע פּארטייען און פּארטיי־שאטירונגען, אלע זייערע חברות און חברה'לעך א שטיקל פּושקין, דאָסטאָיעווסקי, א ליטעראַרישע געזעלשאפט, א גרויס־אינדוסטריעלער רוסישער פאראיין, א חברה צער־בעלי חיים, א יעקאָפּאָ, אָזע, אָרט, אנ'עמיגראנטן־געזעלשאפט, אנ'אוקראינער יידישער הילפס־פארבאנד אינאיינעם מיט א חברה דרום־רוסישע צוקער־פאבריקאנטן און ריגער האָלץ־טראנספּאָרטירער. ווען מען קוקט זיך צו נענטער, דוכט זיך

דיר אויס, אז די הונדערטער־טויזנטער עמיגראַנטן, צעזייטע און צע־שפּרייטע איבער אייראָפּייאישע לענדער, זעען אויס ווי אַ מחנה צעשלאָגענע אָפּטרעטנדיקע פּאָלקן, וועלכע פירן מיט זיך די קאָנטאָרסקע ביכער פון דער דיוויזיע־קאַסע און פון די אַמוניציע־שפּייכלערס. איטליכער פון די עמיגראַנטן האָט עפּעס איבערגעלאָזן אַ ממשות׳דיקע זאַך אין רוסלאַנד, און כאָטש ער פאַרבייסט זיין אָרעמעם מיטאָג מיט אַ שטיקל ניט דערקייט ברויט, נאָר קיין אָ ר ע מ אַ ן איז ער ניט. אין רוסלאַנד וואַרטן אויף אים הייזער, ברייזער, מילן, פאַבריקן, שאַפן מיט ביכער אין צימערן מיט קרסטאַלענע הייננ־לייכטער.

האַלטנדיק דאָס אמבולאַנטע פאָטערלאַנד אין די הענט, איז לייכט צו גלויבן אין די דריי הונדערט און צען וועלטן, וואָס גאָט האָט אָנגעגרייט פאַר זיינע פאַרטריבענע שעפּסעלעך. דער עמיגראַנט אין אייראָפּאַ איז נ י ט ק י י ן ג ע ב ו י ר ע נ ע ר אָ ר ע מ אַ ן, און ווען ער זעט אַמאָל אין בערלין, קאָוונע אַ סאָוועטסקן קאָמיסאַר שפּאַצירן אין אַ גוטן פוטער, איז ער אים ניט מקנא, וואָרום אין ערשטן מאָמענט טוט ער אַ קלער: "צי איז דאָס ניט מיין פוטער, וואָס איך וועל נאָך אַמאָל צוריק באַקומען?" חוץ דעם וואָס די עמיגראַנטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אָנגעשפּייכלערטע ענערגיע, אַנ׳אמונה אין פּראָיעקטן, האָבן זיי אויך דעם מוט און די ברייטע פרייע מינע פון אַ נעכטיקן גביר, וואָס האָט זיך נאָך פון זיינע מאַיאָנט־קעס ניט מיאש געווען.

מיין עמיגראַנט איז אַ ציכטיקער, לכל הפחות האָט ער אין זיך אַ באַ־זעסנקייט און ברייטע זשעסטן, מיט וואָס רוסלאַנד שטעמפּלט אָפּ אַזוי אָפּט זיינע קינדער — און דאָס אמבולאַנטע פאָטערלאַנד פאַרשפּרייט זיך אין דער לייננ און אין דער ברייט.

ווילט איר אַ חברה דעניקינצעס, אָדער אַ ווראַנגעלשן שטאַב, אָדער אַ דרום־רוסישן פּריוווּיליקן פּלאַט, אָדער אַ רוסיש הויז פאַר קונסט, אָדער אַ מאָסקווער טעאַטער־סטודיע, — טאָ שפּאַנט איבער בערלין, פּאַריז, לאָנ־דאָן און איר וועט דאָס געפינען. ווילט איר ווידער אַ שטיקל קולעביאַקאַ, ראַכאַט־לאַקום, כאַלוואַ און אַ חזיר׳ל אין כריין — טאָ גייט אין רעסטאָ־ראַן "דער בער", און איר וועט דאָס באַקומען. עס פעלן אויך ניט די יידישע רעסטאָראַנען, וואו איר באַקומט בעבלעך מיט קליסקעלעך, אַ גע־פילטע העלזל און אַ הינערשן פּופּיק. עס פעלן אויך ניט חברות, וואָס פאַר־פעסטיקן די פּראַוואָסלאַוויע, און די קלייזלעך וואו מען לייענט צוויי מאָל אַ וואָך אַ שיעור.

מיט די עמיגראַנטן האָט זיך אַ הייב געטאָן דאָס גאַנצע גייסטיקע רוסלאַנד, סיי דאָס רעאַקציאָנערע, ווי דאָס פּראָגרעסיווע, סיי דאָס קאָ־מערציעלע, ווי דאָס שכור׳ע, סיי דאָס גרויסע בעל־הבת׳יש־יידישע, ווי דאָס

שטודירנדיקע יידישע יונגווארג. און ווען אין דעם דאָזיקן אמבולאנטן רוסלאנד זעט איר עפּטער אַנ׳אַראָפּגעלאָזענע יידישע נאָז, ווי די גראָבע קארטאָפּל־נאָז פון א רוסן — נעמט זיך עס דערפון, וואָס דער ייד איז אַלע מאָל געווען דער האסטיקערער, דער גיעכרער, ווי דער רוס.

האָט דאָך שוין דער ייד נאָך פאר טויזנטער יאָרן זיך אויסגעלערנט טראָגן אויף די פּלייצעס דאָס אמבולאנטע פאָטערלאנד, נאָך איידער ער איז אריין אין כנען. דערמאָנט זיך אָן דעם משכן אין מדבר, און עס וועט אייך באלד קלאָר ווערן, אז דאָס אמבולאנטע פאָטערלאנד, ווערט מן הסתם מיט מער אימפּעט געטראָגן פון יידישן עמיגראנט, ווי פון עכט־רוסישן. אין גלות ווערט אלץ אומגעביטן. פאר זיך האָבן מיר נאָר דעם קול קול יעקב און ידים האָט עשו; פאר אנדערע אָבער, ווען מענטש שפּראַך מיר טוען ריידן, האָבן מיר סיי דעם קול, סיי די ידים.

דאָס אמבולאנטע פאָטערלאנד גייט דורך, ווי א באזונדערס באַפּארבטער שטראָם אינם ים פון איראָפּייאישן לעבן און ווארפט זיך אין די אויגן אויך פאר די זייטיקסטע שבעזייטיקסטע. דער רוסישער עמיגראנט האָט פארענדערט דאָס בילד פון א דייטשן טעאטער, אָדער א קאָנצערט־זאל דורך די שיינע טואלעטן פון זייערע ווייבער, דורך דעם באזונדערן געשמאַק זיך צו קליידן און זיך צו באוועגן. ער טראָגט אויך אריין א מאָדערנעם ניואנס אויף די בעלער און אין די טאנץ־זאלן. ער טרינקט טיי אָנשטאָט קאווע, קאָניאק און "וואָדקא" אָנשטאָט באָק־ביר. ער פארנעמט צוליב זיינע עסקים די באקאנטסטע פארזאמלונגס־לאָקאלן, און צווישן די אנאָנסן, צו וועלכע דאָס אויג איז שוין צונעוואוינט, קומען אָפּט אָן אזוינע, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען, למשל, ווי רוסישע פּאַפּיראָסן־קראָמען, רוסישע קאפעס און רעסטאָראנען, רוסישע הילפס־געזעלשאפטן, רוסישע לערער און רוסישע געשוואוירענע איברזעצער.

און אזוי ווי דאָס אמבולאנטע פאָטערלאנד איז אין גלות נאָך ניט לאנג, האָט עס נאָך א רגע ניט פארלוירן די האָפנונג אין איין שיינעם פרימאָרגן איינצופּאקן די זאכן און גיך א פאָר טאָן צוריק א היים, וואו עס זיינען נאָך ניט צעפאלן די ווענט פון זיין הויז ערגעץ וואו אין א העק. און דארום זעען דאָ די עמיגראנטן ניט אויס אזוי דערשלאָגן. זיי האָבן בערך דעם אייגענעם פּנים פון א דניאל און חנניה, וואָס האָבן נאָך ניט פארגעסן זייער פּריצישע יוגנט, און פלעגן עסןביים טיש פון קעניג. צייטנווייז פילן זיך די עמיגראנטן, ווי געסט, וואָס קומען ווייזן וואָס זיי קענען, א ביסל זיך פארבינדן גייסטיק מיט איראָפּא, פארקניפּן א פריינדשאפטליכן בונד מיט די גליקליכע לענדער, און פאָרן צופרידן א היים, וואו עס וועט זיך שוין אָנהייבן די אמת׳ע ארבעט. און אָפטמאָל געלינגט דאָס אזוי שטארק, אז מע הייבט זיי אָן א ביסל מקנא צו זיין.

למשל, דאָ אין בערלין האָט איינער א קאַגאַן, (א באַוואוסטער ארויס־געבער אין פעטערבורג) ארויסגעלאָזן א קינסטלערישן זשורנאַל ,,זשאַר־פּטיצא", וואָס האָט ממש פארבלענדט די אויגן אלע קונסט־ארויסגעבער אין דייטשלאַנד. צו אַזעלכע ריינע קינסטלערישע רעפּראָדוקציעס האָבן נאָך עד היום ניט דערגרייכט די דייטשע קונסט־זשורנאַלן. אָדער דאָס שפּיל פון דעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער, וואָס האָט פארכאַפּט די בעסטע קונסט־קענער... איצט לייגט נאָך צו צו אלע שטריכן, מיט וואָס עס צייכנט זיך אוים דער עמיגראַנט, די פארב פון אומעט, טרויער און בייטקעניש נאָך דעם לאַנד, נאָך דער ערד פון וואַנען מ'האָט אים פארטריבן, און עס איז לייכט צו באַגרייפן וואָס פאר א נייע דערשיינונג אין די אייראָפּיי־אישע לענדער איז דער נע־ונד'ניק פון דעם טיפּ, פון וועלכן מיר ריידן איצט.

עס איז לייכט צו טראָגן א קינד אויף די הענט, עס איז א פריילעכס צו טראָגן אין די אָרעמס א יונג, שיין, צאַרט מיידל, — עס איז אָבער שווער צו טראָגן א קראַנקע מאַמע אויף די פּלייצעס, און עס איז שווער, ביטער־שווער זיך ארומצושלעפּן איבער די לענדער מיט אַן'אמבולאַנטן פאָטערלאַנד.

מיר האָבן שוין פארגעסן דעם ווייטאָג פון אונזערע אבות אבותינו, ווען זיי האָבן גיך ארויסגעכאַפּט פון דער שרפה דעם תנ"ך און געלאָזן זיך מיט אים לויפן איבער גאָר דער וועלט, ווי מיט א סימוואָליזירטער יידישער היימישקייט.

די אַמעריקאַנער יידן געדיינקען נאָך עד היום דאָס יידישע קליינ־שטעטל, וואָס מיר האָבן אַמאָל אין דער יוגנט פארלאָזן. נאָך עד היום קלינגט אין זייער הארץ די שטילע מוזיק פון א שטעטלשער יוגנט מיט אַן'איינגעפאַלענעם בית־המדרש און א לבנה־באַשיינטן מארק, וואו עס דרייט זיך איינזאַם אליין ארום דער שטאָט־באָק מיטן קאַלטענעוואַטן בערדל.

בא די עמיגראַנטן איז אָבער נאָך דער ווייטאָג פרישער און גרעסער. עס קלינגען נאָך אין זייערע אויערן די גלאָקן פון די 40 מאָל פערציק צערקווען פון מאָסקווע, זיי געדיינקען נאָך די וואָלגע, דעם דניעפּער אין די נעווא, זיי הערן נאָך די באַסאָווע שטימען פון די דיאַדקעס, און ווי א פאָלק פון סטעפּעס און ברייט צעוואָרפענע דערפער — פילן זיי די יונגקייט פון דער שטאָט־קולטור, שטויסט זיי אָפּ די שטיק־לופט פון די אייראָפּייאישע פאַבריק־קוימענס. אויך די רוסיש־יידישע בעל־הבת'ישע עמיגראַנטן זיינען שוין צו פארשטאָכן פון רוסישן גייסט, פון דער רוסישער רחבות, פון דער רוסישער משוגעת, דער אומגלייכוואַגיקייט און פריצישער

צעדריבלטקייט, און זיי ביינקען שטארק נאָך דעם לאַנד, מיט וועלכן זיי זיינען אזוי צוזאמענגעפלאָכטן.

בשעת די יידן האָבן גענומען פירן אויף זייערע פּליצעס זייער פּאָטערלאַנד, איז דאָס נאָך געווען צו דערהאַלטן פאר די פרעמדע ארום. איז דאָך דאָס יידנטום געווען א קליין הייפעלע אין פארגלייך צו די הונדערטער פעלקער, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אין דער דאמאָליקער געשיכטליכער עפּאָכע. א חוץ דעם זיינען די דאמאָליקע פעלקער אליין נאָך ניט געווען קיין אלט־איינגעזעסענע מיט קלאָרע קולטורעלע ליניען. אָבער ווען א רוסישע אימפּעריע, מער ווי א האַלב אייראָפּא, הייבט אָן צו גיין ווי א חיה אויף פיר פיס — קען דאָס אויך א בלינדער זען, ווערט א ביסל קאַלעמוטנע אויפן הארצן אויך אַנ׳ענגלענדער, וואָס ווערט געוואוינליך פון קיין זאַך ניט נתפּעל. דארום קוקט מען דאָ אין אייראָפּא גאָר ניט גלייכגילטיק אויף די געסט פון מזרח־אייראָפּא, וואָס טראָגן עפּעס אריין זייערן א נוסח, וואָס ניט דער דייטש און ניט דער פראנצויז קענען דאָס ניט בשום אופן פארדייען. מיינע עמיגראַנטן פאַלן עפּעס אראָפּ אויף די קעפּ פון אייראָפּא ניט מיט א מ ע ט ע אָ ר ש ט י י ן, וואָס צעביילט אמאָל עמיצנס א מח, נאָר ווי א גאנצער ה י מ ל ס־ק ע ר פּ ע ר, וואָס צעטרייסלט אין קולטורעלן זין די זיילן פון אייראָפּייאישע מנהגים, לעבנספירונגען און זיטן.

און טאקע אין דעם ליגט, פאר דער צוקונפט, דער שכל און די באַדייטונג פון דער היינטיקער אָסט־אייראָפּייאישער עמיגראציע אין די קאַנטלענדער, דייטשלאַנד, עסטרייך א. אז. וו. ללאָיד דזשאָרדזש איז איצט צו שטארק פארנומען א קלער צו טאָן וועגן דעם, — אָבער עס וועט קומען א צייט, ווען אייראָפּא וועט אָנהייבן טיילן אומזיסטע בילעטן די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, אבי נאָר פּטור צו ווערן פון זיי. מען וועט פריינדליך שאָקלען די הענט פון די, וואָס טראָגן זייער היים אויף די פּליצעס, ווייל מען לאָזט זיי ניט צו צו דער היימישער ערד. עס וועט קומען א טאָג, ווען נאָך א גענוער קאָנפערענץ וועט צונויפקומען א צווייטע, ווען מען וועט עפענען די טויערן אין רוסלאַנד פאר מיליאָנען מענטשן, וואָס שלעפּן אויף די פּליצעס אַנ׳אמבולאַנטן פּאָטערלאַנד. זאָל זיך נאָר ניט ארייננמישן פּואנקארע, וואָרום ער האָט שוין ניט איינמאָל קאַלע געמאכט דאָס געקעכץ פון א דיפּלאָמאטישן טעפּל.

פּעווראל 1922.

קינדער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון פאָטערס טיש.

I

איך מיין דעם יונגן דור, וואָס ריכט איצט אָפּ גלות צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס און טאַטעס אין גאָר דער וועלט, וואו איר גייט און שטייט — צי אין בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, ווין — אומעטום זעט איר די רויזנ־קנאָספּן, די פּרחי־שושנים פון דער אַמאָליקער רוסישער יידישער יחסנות־דיקער גבירישער וועלט, וואָס טרייבן זיך אַרום איבער די גאַסן, וואָס ווערן בטל בששים צווישן דייטשן, פראַנצויזן אין פרעמדע שולן, וואָס לעבן אין איינגעשאַפּט און אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען אינאיינעם מיט טאַטע־מאַמען אין די פּאַנסיאָנען, מעבלירטע צימערן, בא פרעמדע בעל־הבית'עס, אונטער פרעמדע שפּראַכן, בא פרעמדע מנהגים. עס פאַרגעסט דאָס האַרץ, ווען דו זעסט אַרומלויפן יידישע יינגלעך, וואָס ריידן צווישן זיך רוסיש, וואָס חלום'ען נאָך עד היום פון די גוטע שיינע צייטן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, און וואָס לערנען איצט איבער אויף אַנ'אַנדער שפּראַך די למודים, וואָס זיי קענען שוין אויף רוסיש אויסנווייניק. אַלע די דאָזיקע בר־מצוה בחורים'לעך האָבן ניט האַלט די דייטשן, זיינען עפּעס צוגעבונדן צו דעם אופן לעבן און די פאַראָנדקעס אין רוסלאַנד. און כאָטש אין ראַטנ־רוסלאַנד האָבן זיי זיך אויך גענוג אָנגעהונגערט, פונדעסטוועגן האָבן זיי עפּעס א מאָדנעם צובונד צום לאַנד, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט זייערע ער־שטע קינדעריאָרן, און ווילן זיך פון איר ניט שיידן.

מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אין לעניג'ס מלוכה האָט מען שטענדיק געזאָרגט פאַר די קינדער, און אויך דעמאָלט, ווען פאַר אונז, די גרויסע, איז שוין גאָר ניט געווען אין די קראָמען און אויף די מאַרקן, — איז נאָך עפּעס געווען אין די אַרבעטס־שולן פאַר די קינדער.

ווי אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז א יינגעלע פלעגט ברענגען דער מאַמען פון שול אַנ'עפּל, א ווייסע קוכל, אָדער א הערינג, וואָס אין פּעטערבורג איז דאָס שוין ניט געווען בנמצא. דאָס קינד, וואָס קומט פון ראַטנרוס־לאַנד איז ס'רוב גאָר ניט פאַרביטערט קעגן די קאָמוניסטן, וואָרום עס האָט פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק וואָס געליטן. און איר זאָלט זיך ניט וואונדערן, וואָס אין בערלין, ווין, פּאַריז גייען אַרום איצט א סך קינדער, וואָס בייַנ־קען נאָך רוסלאַנד, בייַנקען נאָך דער פרייהייט, (פאַר קינדער הפקרות),

וואָס זי האָט זיי אָרומגענומען אין מאָסקווע, פּעטערבורג, ווי א וואַרעמע פּרישינקע לופט. און מיט אַנ׳אומחן באַציען זיי זיך צו א שילער, א געטהע, צו א ראַסין און א קאָרנעל, — זיי וואָס קענען שוין כמעט אויסנווייניק א האַלבן פּושקינ׳ען, א שטיק לערמאָנטאָוו׳ן און לייענען מיט גרויס חשק א טורגעניעוון.

II

שוין צו דער צייט ווען איך האָב געלערנט אין אויסלאַנד — האָט מען זיך מתרעם געווען דערויף, וואָס יידישע קינדער מוזן צוליב די רוסישע פּראָצענטן אין די שולן ווערן פאַרוואָגלט אין פרעמדע לענדער, ווערן אָפּגעוואוינט פון די ערטער, וואו מען וועט שפּעטער מוזן לעבן און אַרבעטן. דער דאָזיקער גלות איז אָבער גאָר ניט צו פאַרגלייכן מיטן היינטיקן גלות פון אונזער יוגנט! פלעגן מיר דאָך אויף קאַניקול (בין הזמנים) פאָרן א היים, פלעגן מיר דאָך ניט זיין שוין אינגאַנצן אָפּגעריסן פונם לאַנד, וואו מען וועט מוזן אָפּלעבן אמאָל די זיבעציק יאָר! און אויך פון דער יידישער סביבה, פון די יידישע מאַסן פלעגן מיר ניט זיין אינגאַנצן אָפּגעריסן! איצט אָבער איז דאָס טויזנט מאָל ערגער. ניטאָ קיין בין הזמנים פאַרן גלות, ניטאָ קיין מעגליכקייט זיך כאָטש לפּנים אויסצומישן צווישן די יידישע גרויסע מאַסן. די גרויסע יידישע מאַסן זיינען פאַרבליבן, ווי א הונט אויף דער קייט, צוגעבונדן צום הונגערלאַנד.

אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, אין א ווילנע, קישענעוו לעבן גאַנצע הויפנס פון יידישע אַרבעטער, בעלי מלאכות און פאָלקסמענטשן, מיט וועלכע מען קען אומעגליך קומען אין וואָס עס איז פאַר א מגע ומשא, מיט וועמען מען זאָל זיך קענען אויסמישן כאָטש איינמאָל אין א יאָר בא א גרויסן פאָלקס־אומגליק, אָדער בא עפּעס א יידישן יום־טוב. עס וואַקסט די איצטיקע יוגנט אויף אין מעבלירטע צימערן, *אין שולן, וואָס זיי האָבן ניט ליב, אין א קולטור, צו וועלכער* זיי קענען זיך ניט צובינדן. און דאָס וואַקסט אַזוי כסדר אָפּגעריסן פון דעם אייגענעם פאָלק, אפילו אָפּגעריסן פון דער געוואוינליכער בעל־הבת׳ישקייט אין וואָס עס האָבן זיך געהאָדעוועט די פריערדיקע יוגנט. וואָרום אויך דער פּנים פון טאַטע־און־מאַמע איז גאָר אַנ׳אַנדערער, א מטושטשער, ווען זיי זיינען פאַרוואָגלט פון זייער היים, און ווען מען מוז זיך אויף דער עלטער אָנהייבן צוגעוואוינען צו א שפּראַך, וועלכע מען פלעגט נאָר באַנוצן איינמאָל א יאָר אין די דייטשע בעדער, זיך צוגעוואוינען צו אַזוינע לעבנס־מנהגים, וועלכע מען האָט מיט דער ברייטקייט פון א רוסישן אונטערטאַן כל ימיו אויסגעשעפּט. און עס וואַקסט די איצטיקע יידישע יוגנט פון די אינטעליגענ־

טערע משפחות, ווי קראַפּעווע אויפן פעלד. קיינער באַגיסט זיי ניט, און קיינער זאָרגט ניט פאַר זיי. אַלץ אַרום זיי איז אין אַנ'אַטמאָספערע פון גלות, פון אָפּגעריסנקייט. דער טאַטע האָט ניט דעם מוט זיי מדריך צו זיין, און די קינדער זעען ניט אין די טאַטעס די מענטשן, וואָס האָבן אויפגעבויט און בויען, נאָר דעם אייביקן בעזשענעץ (פּליט), וואָס אַנט־לויפט פאַר זיין אייגענעם שאָטן.

III

איך האָב פריער געזאָגט, אַז די היינטיקע יוגנט, וואָס ריכט אָפּ גלות אין פרעמדע לענדער, וואַקסט אויס אין קולטורן, וואָס זיי האָבן ניט ליב. ניטאָ די צייט פון אַמאָל, ווען מ י ר זיינען נאָך געווען די יידישע יוגנט, און ווען מיר פלעגן קומען לערנען אין די פרעמדע לענדער, אין דער שווייץ, אין דייטשלאַנד, מיט אַ גרויסער אַכטונג צו דער מאָראַלישער קולטור פונם פאָלק, צו וועמען מיר זיינען געגאַנגען באַקומען שכל און וויסנשאַפט. די היינטיקע יוגנט קומט איצט אין לענדער, פאַר וועלכע זי האָט ניט קיין שום בושה. סיי דייטשלאַנד, פראַנקרייך, סיי ענגלאַנד און פּוילן שטייען פאַרן פראָסטן יוגנט־בליק מיט אַזוינע צעפּאַטלטע האָר, מיט אַזאַ ברודיקן פּנים; אויף זייערע שטיוול זיינען אַזוי פיל פלעקן פון פאַרטריקנטע בלוט, זייערע פויסטן זיינען נאָך אַזוי שטאַרק פאַרקראַמפּט, און אין זייערע פּנימ'ער איז נאָך אַזוי שטאַרק בולט דער פאַר'צער'טער, פאַרערגערטער בליק, — אַז אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין. דייטשלאַנד זינגט שוין ניט אויף אַלע גאַסן זיין לידל: "דייטשלאַנד איבער אַלעס". דאָס איז אַ געפאַלענער, אַ יורד, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ, קרימט דעם רוקן און שמייכלט כסדר מיט אַ זיס־זויערן שמייכעלע.

אויך פראַנקרייך, וואָס האָט זיך געפּראַלט אַמאָל מיט איר קלאָרן גייסט, און בנוגע צו פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט האָט עס זיך נאָר געהאַלטן שני־בשלישי פון חובות־הלבבות אליין, — אויך פראַנקרייך שטשירעט די ציין און האַלט דעם פאַרבלוטיקטן שטיוול אויף דער ברוסט פון באַזיגטן דייטשן.

ווין, כמעט גאַנץ עסטרייך, זעט אויס ווי אַנ'אויסגעלאַסענע נקבה, וואָס האָט אָפּגעהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, קומט איצט אַ היים אַ פאַרברודיק־טע, אַ שכור'ע אין פאַרפּאַטשקעטע זיידענע קליידער, אין אויסגעשמירטע ווייסע שיך. די יוגנט האָט אַ שטאַרקן אינסטינקט פאַר דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון די פעלקער, וואו זי לעבט איצט. און עס באַגייסטערן זי ניט די קולטורן פון לענדער, וואָס האָבן אַזוי שיין אויסגעפירט אין די לעצטע

אכט יאָר. בריות חרוב צו מאכן אין עטליכע יאָר דאָס וואָס מען האָט אָנ־געהאָרעוועט אין גאנצע הונדערט יאָר — טאָ צו וואָס זאָל מען זיך בוקן און נייגן צו זיי?

לעניִן מאכט חרוב רוסישע שטעט און צעיאָגט ווי שפּרייעלעך טאטע־מאמע, קינדערלעך, און עופ׳עלעך איבער גאָר דער וועלט, — און אייראָפּא טוט דאָס אייגענע מיט איר אייגן גוטס און האָב, וואָס זי האָט אָפּגע־שפּאָרט צענדליקער יאָרן, ווי דער גרעסטער קארגער בא גאָגאָל׳ן אָדער בא מאָליער׳ן. און אויב אלע זיינען שוין גלייך, אויב אלע טויגן אויף כפּרות, טאָ איז שוין בעסער די רוסישע הפקרות, וואו קינדער באקומען א פרייעם ארייננאנג אין די טעאטערס און צו שאליאפּינ׳ס קאָנצערטן, איידער אין בערלין, וואו מען טאָר אפילו פאר 14 יאָר ניט אריין אין א קינעמאטאָגראף.

און דאָס, וואָס די היינטיקע יוגנט וואקסט אויף אין גלות אָן א שום אכטונג צו וואָס עס איז פאר א מענטשליכער אייראָפּייאישער קולטיר, — איז אפשר נאָך א גרעסערע מכה, ווי די מיאוסע אויסערליכקייטן פון א גלות אין מעבלירטע צימערן און פּאנסיאָנען.

IV

„אונטער משה׳לעס וויגעלע, שטייט א ווייסע ציגעלע, דער טאטע וועט פאָרן האנדלען, ראָזינקעס מיט מאנדלען, משה׳לעס בעסטע סחורה — וועט זיין די הייליקע תורה״. — אָט אזוי פלעגן אמאָל זינגען די פאר־צייטיקע מאמעס בא די בעטלעך פון די משה׳לעך. דאָס זיינען געווען אונזערע באָבעס. די מאמעס אונזערע האָבן שוין פארביטן די הייליקע תורה מיט דאָקטאָריע און אדוואָקאטורע. די איצטיקע מאמעס אָבער ווייסן שוין אליין ניט מיט וואָס זאָלן זיי די קינדער פארזינגען אין שלאָף. דער טאטע האנדלט שוין ניט מיט ראָזינקעס און מאנדלען. ער איז אין גלות בא די פעלקער, וואו ער פלעגט אמאָל פאָרן אין די בעדער געלט אויסגעבן. איצט שמוכלט ער און דרייט זיך ארום דער בערזע. וואָליוטע איז אויך א גע־שעפט. די מאמע וואוינט ניט בא זיך, האָט שוין ניט קיין אייגענע בעל־הבת׳ישקייט און דאָס קינד שלאָפט שוין ניט אין וויגל, נאָר אויף א קאנאפּע הינטער צוגעשטעלטע שטולן. ניטאָ קיין הייליקע תורה, ניטאָ אויך קיין דאָקטאָריע און אדוואָקאטור, עס איז נאָר דאָ שמוכלעריי און וואליוטע. אין אירע שלאָפלאָזע נעכט חלומ׳ט זיך איר די שטאָט, וואָס די מלחמה האָט שוין חרוב געמאכט, און וואו עס געפינט זיך שוין ניט קיין איין אייג־ציקער היימישער שטיין. און ווען ניט א בערלינער קינעמאטאָגראף, וואָלט

מען געקענט אומקומען פון נורנעקייט. שלעפערט זי דאָס קינד איין מיט א מעלאָדיע אָן ווערטער: אא־אא־אא, — און דער מאַן טוט שוין אָן אין צווייטן צימער דעם מאַנטל צו גיין אינאיינעם מיטן ווייב אויף א נייעם טשאַרלי טשאַפּלין. — מען זאָגט, אז ער שטאַמט פון יידן, טראַכט דער טאַטע, און עס וואָלט גאָר ניט שאַדן, ווען מיין משה'לע אויף דער קאַנאַפּע זאָל אויך אויסוואַקסן אַמאָל א טשאַפּלין.

ווען דער טאַטע ווערט פאַרטריבן פון פאָטערס טיש — איז דאָס גאָך צו דערטראָגן. האָט דאָך דער בעל־עבירה'ניק שוין עפּעס געהאַט פונם לעבן, אָבער ווען א יונגנט ווערט פאַרטריבן פון פאָטערס טיש, איז דאָס א ביטע־רער צער, א צער אויף וואָס די שכינה אליין מעג קלאָגן אין די פינסטערע נעכט.

נאָוועמבער 1922.

רוסלאנד, סאוועט־רוסלאנד און מיר.

I

אין לאנד פון די איכטיאזוירען.

אודאי איז דאָ אין ניו־יאָרק א מוזעאום, וואו ס'זיינען אויסגעשטעלט סקעלעטן פון פאר־מבול'דיקע באשעפענישן, ווי למשל, די איכטיאזוירן, פלעאזנוירן, מאמאָנטן, ארכי־פטעקריסן א. א. וו. וויל מען אָבער זען ניט די סקעלעטן פון די שיינע פאר־מבול'דיקע ברואים, נאָר די לעבעדיקע שבלעבעדיקע, זאָלט איר פאָרן קיין רוסלאנד; זאָלט איר זיך טובל'ען עטליכע יאָר אין דער גייסטיקער אטמאָספער, וואו עס האָט געשוואומען נאָך גאָר ניט לאנג א דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, און וואו עס שפרייזט איצט ארום מיט מיילנטריט אנדריי בעלי, דער צווייטער רוסישער מאָמאָנט, נאָך דאָסטאָיעווסקי'ן. ניט געקוקט דערויף, וואָס רוסלאנד האָט לפנים אויסגעזען ווי עפעס אזוינס, וואָס שניידט זיך אויף אייראָפּייאיש־קייט, וואָס האָט געהאט אפילו א האנדלס־קאָנטראקט מיט אמעריקע, פינ־דעסטוועגן האָט עס ניט אויפגעהערט אויף א רגע צו זיין דאָס פאר־מבול־לאנד, וואו באשעפענישן אויף 100 איילן די ליינג זיינען געקראָכן איבער טאָלן און זומפּן, טונדרעס און טאיגעס, איבער וועלדער און סטעפּעס. פאָרן טיפערן בליק איז שטענדיק, אויך אין די סאמע רואיקסטע צייטן, רוסלאנד געווען דאָס וואונדערלאנד, וואו עס האָבן שוין ניט עקזיסטירט די אייראָ־פּייאישע און אמעריקאנישע מאסשטאבן, וואו אלץ האָט אָנגענומען אזא כאראקטער און אזוינע פאָרמען, וואָס אנ'אמעריקאנישער מח האָט עס ניט געקענט באנעמען, אָדער וואָלט פאלש באנומען.

דער איכטיאזויר, וואָס איז פּופציק איילן די ליינג, שפּאנט גיך ווי דער שנעלסטער קוריער; אין דער אמת'ן איז ער אָבער פוילער אין זיין גאנג, ווי די קלענסטע מוראשקע. א מאמאָנט צעטרעט מיט זיין לאפּע א בער, ווי א פראָש, דערביי איז ער א האָר ניט אין כעס, און זיין גראָבע לאפּע פילט אפילו ניט די נאסקייט פון בערס פארגאָסענע בלוט. דער

ארבי־פּטעריקס (האלב־פיש, האלב־פויגל, און לאַנג ווי א טעלעגראַפן־קלאָץ), פליט א פארברענטער צום הימל, און פארגראָבט זיך אין טיפן שלאַם פון ים, אָבער ער איז ניט קיין פּאָעט און ניט קיין יוסטער בעל־הבית, וואָס פּאַפּט אָפּ זיין ביסל יאָרן אין א וויכן פּאָטעל. אויך דער פאר־מבול־וואַלפיש מיטן לאַנגן האלז פון א זשיראַף און דעם קעפל פון אנ־אינדיק איז ניט אזוי נאריש ווי אנ׳אינדיק, עסט ניט קיין גראָז און האָט ניט קיין שום השגה, וואָס פאר א מורא׳דיקע קראפט עס ליגט אין זיין וואַלפיש־קערפּער. בעת ער פארשלינגט אייך מיט די ביינער און קישקעס, האָט ער אזוינע מילדע אויגן, אז די טייבעלעך, באַזונגען פון פּאָעטן, מעגן אים מקנא זיין פון גאנצן הארצן.

רוסלאַנד איז ניט קיין לאַנד פון קאָנטראַסטן, ווי מאַנכע אויבערפלעכ־ליכע באַאָבאַכטער מיינען. עס איז דאָס לאַנד פון גאָר אנ׳אַנדער מין גייס־טיקער און קערפּערליכער אָרגאַניזאַציע, וואו אינדיק און וואַלפיש אין איין קערפּער איז אזוי נאַטירליך, ווי בא אונז א שיינער פרויען־קערפּער מיט א דינער טאַליע און א קליינעם פוס.

אין דער פאר־מבול׳דיקער וועלט האָט דער רבונו של עולם געהאַט אנ׳אַנדער פּלאַן. ער האָט אין זיינע באַשעפענישן אריינגעבלאָזן א טויזנט־יאָריקן לעבן און צונויפגעשטעלט האָט ער זיי אויף אזא אופן, אז אין איין קערפּער האָבן זיך געשפּיגלט טויזנטער פאָרמען, אז אין איין באַ־שעפעניש האָבן געלעבט טויזנטער נשמות פון פיש ביז פויגל. ווער עס גלויבט מיר ניט, זאָל זיך דערמאָנען אָן די אַלטע מדרשים, זאָל זיך אי־בערחזר׳ן די מעשה וועגן אדם הראשונ׳ען, בעת די שלאַנג איז נאָך געגאַנ־גען אויף אַלע פיר און גערעדט א צערטליכע שפּראַך, ניט ערגער פון א היינטיקן שיינעם בחור, וואָס פּרובט פארפירן א חוה׳לע. און אויב די אַלטע ביכער זיינען פאַר אים קנאַפּ — טאָ זאָל ער זיך באַקענען גענויער מיטן מאָדערנסטן פילאָזאָף, אנרי בערגסאָן, אויך א ייד, און ער וועט מיר מוזן מודה זיין, אז איך טו חלילה ניט פאַנטאַזירן.

אין דעם פאר־מבול־לאַנד איז קיינמאָל ניט צוגעגאַנגען, ווי בא אייך אין אייראָפּע, אַמעריקע. קיין באַנען זיינען נאָך ניט געווען, מיליאָנען באַ־שעפענישן האָבן געשפּאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד פון איין עק ביזן אנדערן, און נאָך גאַר ניט לאַנג פלעגן זיי אָפּליגן חדשים, אַמאָל יאָרן לאַנג אין די פּערעסעלענטשעסקע פּונקטן (איבערוואַנדערונגס־פּונקטן), ביז זיי האָבן באַ־קומען זייער מקום מנוחה בא די גרענעצן פון כינע, אָדער אַפגאַניסטאַן. און שפּעטער, אז עס זיינען שוין געקומען די באַנען, פלעגט פאָרן אין זיי געוואוינליך דער אייראָפּייאישער מענטש. די רוסישע פארמבול׳דיקע מענטשן פלעגן גיין צו פוס. קוקט זיך צו ווי א רוסישער פויער גייט, ווי ער איז מנצח בערג און זומפּן מיט זיינע שטרויענע לאַפּצעס, און איר וועט

פארשטיין, ווי אזוי ער איז מסוגל אריבערצויאָגן מיט זיין לייכטן, כמעט חיה'שן גאַנג איטליכן לאַקאָמאָטיוו, וואָס רוט זיך אַלע ווײַלע אויס בײַ א פינסטערער באַן־סטאַנציע.

רוסלאַנד איז תמיד געווען דאָס לאַנד, וואו עס האָט געשווייבלט און געגריבלט פון מיליאָנען באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך באַוועגט כמעט ווי אָן א ציל. "בראַדיאַטשאַיא רוס", דאָס וואַנדערנדע רוסלאַנד, האָט מען אָנגערופן די דאָזיקע דערשיינונג, און איינע פון די שענסטע זייטן בײַ טשעכאָוו'ן שילדערט אין טרויעריקע פאַרבן דאָס "בלאָנדזשענדע רוסלאַנד", וואָס נעכטיקט אויף אַלע אכסניות, וואָס וואַלגערט זיך אויף אַלע וועגן, וואָס באַלאַגערט ווי בינען וויאָרסטן ארום די באַרימטע הייליקע ערטער, וואָס פאַלט אין שכרות און חלשות אין אַלע רינשטאָקן, אין אַלע פעלד־ און וואַלד־גראָבנס.

אין דער צייט, ווען מען האָט גערעדט וועגן רוסלאַנד אַלס דאָס ניט באַוועגליכסטע לאַנד אין אייראָפּע, איז דאָס געווען אין א שטענדיקער שטאַרקער באַוועגונג, ווי די וועלן פון וואָלגע, ווי די ווינטן איבערן ים. און אזוי ווי די באַוועגונג האָט ניט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער אייראָפּע, זי איז ניט דורך די סטאַטיסטיק פון די באַן־בילעטן — האָבן זי די אייראָפּייער ניט דערזען. אינם פאַר־מבול־לאַנד באַוועגט מען זיך ניט נאָך די געזעצן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נאָר ווי די בלעטער אויף די ביימער, וועלכע זיינען א מינוט ניט רואיק, און וואָס בלייבן כסדר אויף איין אָרט.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דער קראַפט און דער אכזריות'דיקייט פון די דאָזיקע ברואים. ווי אמת'ע פאַר־מבול'דיקע, עסן זיי גראָז און זיי־נען זייער פרידליך געזאָנען. ווי א הונדערט־איילן־איכטיאָזויר איז עס פויל אין די באַוועגונגען און פילט ניט אפילו, ווען מען שניידט אים אָפּ א האַלבן, מחילה. אָבער מיט אמאָל גיט ער זיך א קער, פאַרקרימט דעם חוטם זיינעם, און הרג'עט אויס מיט איין פּאַך עטליכע פּאָלקן דייטשע סאָלדאַטן. און ווען ער גייט צופעליק דורך א גאָרטן, וואו עס זיצן אונזערע מענטשן, צעברעכט ער מיט זיינע שווערע לאַפּעס א טוץ שטולן און צע־טרעט ניט ווילנדיקערהייט עטליכע צענדליק פרויען און קינדער. אָט אזוי האַלט ער אָפּ — ווי ניט לאַנג אין וועלט־קריג — עטליכע ניט־געריכטע נצחונות; אָט אזוי מאַכט ער עטליכע פּאָגראָמען אין די שטעט און שטעט־לעך, וואו עס טראָגט זיך דורך זיין שווערער פאַר־מבול'דיקער קערפּער. רוסלאַנד האָט א נצחון, אָדער פאַרגיסט טייכן אומשולדיק בלוט ניט לויט אייער אייראָפּייאישן מאַסשטאַב, נאָר לויט דעם מאַסשטאַב פון א מאַ־מאָנט, וואָס צעברעכט מיט זיין שווערן גאַנג יונגע ביימלעך און ביימער.

עס וואָלט זיין א גרויסער טעות, ווען מען וואָלט רוסלאַנד באַאור־

טײלן לויט ציטאטן, און אויף דעם דאָזיקן סמך מאַכן אַ סך הכל פֿון זײַן געװיסן, זײַן מאָראַל. װי געזאָגט, דאָס װאָס בײַם אײראָפּײער איז קלאָר, — דער בונד צװישן טאָטן און געװיסן, — איז אין דער פֿאַר־מבול־װעלט גאָר ניט אַזױ קלאָר. אױב דער קאָפּ פֿון אַן אינדיק קען האָבן אַ קער־פּער פֿון אַ װאָלפֿיש, טאָ װאָס איז זיך צו װאונדערן, װאָס אין זײַן גוף קאָנען װאױנען צוזאַמען אַ רוצח און אַ גאָט־זוכער? דאָסטאָיעװסקי, דער מאַמאָנט אין דער ליטעראַטור, זאָגט אין אַן אָרט װעגן אַ רוסישער נשמה פֿאָלגענדעס: ״אַ רוס, װען ער פֿאַרקלערט זיך, קען מען קײנמאָל ניט װיסן, מיט װאָס דאָס װעט זיך ענדיקן. אָדער ער װעט נעמען אַ האַק און עמיצן צעשפּאַלטן דעם שאַרבן, אָדער ער װעט זיך אָנטאָן קײטן אױפֿן נאַקעטן לײַב און אַ גראָבן מאַנטל אױף די פּלײצעס, און װעט גײן גלות אָפּריכטן צו די הײליקע ערטער אין אָפּאָן אָדער קיעװ״.

רוסלאַנד׳ס נשמה איז די פֿײַנסטע. אין ערגעץ װעט איר ניט גע־פֿינען אַזױנע מיסטיש־רעליגיעזע באַשעפֿענישן, װי אין רוסלאַנד. פֿון אַ גראַף טאָלסטאָי ביז אַ פּראָסטן פּױער אין ערגעץ אַ סיבירער העק, װאַרפֿן זיך דורך גאָט־זוכערישע געשטאַלטן פֿון אַ געװאַלדיקער הױך. אַזאַ דערשײַנונג װי די דוכאָבאָרישע, װען טױזנטער האָבן אױסגעװאַנדערט פֿון דער הײם אין אַמעריקע, זעט מען ניט אַלע װײַלע אױף די בלעטער פֿון דער מענטש־ליכער קולטור־געשיכטע. אין ערגעץ װעט איר ניט הערן אַזױ הױך דעם געשרײ פֿון געװיסן, װי אין דעם פֿאַר־מבול׳דיקן לאַנד. פֿון דעם באַשע־פֿעניש פֿױגל־פֿיש, פֿון 20 אײלן די לײנג, שפּאַרט אַרױס אַמאָל אַזאַ טי־פֿער חרטה־געזאַנג, אַזאַ בלוטיקער װײטאָג, װאָס פֿאַרנעמט אױך אַמאָל דאָס האַרץ פֿון זײַן נעכטיקן קרבן.

אין אַן אוקראַינער שטעטל באַ אַ װילדן פּאָגראָם — דערצײלט מען — איז צוגעפֿאַלן אַ ײדישע פֿרױ צו אַ האַידאַמאַק, האָט גענומען קושן זײַנע הענט, זײַנע פֿאַרבלוטיקטע שטיװל און געיאָמערט פֿאַר איר אײ־גענעם און איר קינדס לעבן. ״ברודערל״, האָט זי זיך געװאָלגערט צו זײַנע פֿיס — ״האָב רחמנות!״ און דער הײדאַמאַק האָט פֿאַרבײזט און פֿאַרבי־טערט געענטפֿערט: איך בין ניט דײַן ברודערל, איך בין אַ הונט, נאָך ערגער פֿון אַ הונט, רײד ניט מיט מיר װי מיט אַ מענטשן״ — אַ שפּײ געטאָן, גע־װאָרפֿן צו דער פֿרױס פֿיס זײַן רעװאָלװער און איז אַרױס. אפֿשר איז ער אַװעק דערנאָך אין קיעװ צו דער פּעטשערער הײליקער לאַװרע, װאו ער װעט שװײַן ביז זײַנע גרױע האָר פֿאַרמאָלן דעם חטא פֿון אַ מערדער? און אפֿשר װעט ער נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט נעמען ברעכן די שאַרבנס פֿון פֿרױען און קינדער. װער װײס? איז ער דאָך אַ פֿאַר־במול׳־באַשעפֿעניש, װאו עס זײַנען צוזאַמענגעװאַקסן אינדיק און װאָלפֿיש, פֿױגל און פֿיש, אײנאײנעם מיט די דאָזיקע פֿיר נשמות.

II.

אין לאנד פון שרצים און רמשים

אין פאריקן קאפיטל האב איך געבעטן דעם לעזער זיך צו באקענען מיט די פאר־מבול'דיקע מוזיי־סקעלעטן. איצט בעט איך אים אריינצוקוקן אין דער אפטיילונג, וואו עס געפינען זיך אין גלעזערנע מיט ספירט אנגעפילטע פלעשלעך אלערליי שרצים'לעך און רמשים'לעך פון אנ'אמעבא, ביז אנ'אייעלע פון אנ'איינטאגיקער פליג. דארט וועט איר זיך גיך באקענען מיט די בראשית־באשעפענישן, וואס האבן פול געמאכט די ערד אין דער פאר־מבול־צייט, בעת דער קרוין פון דער שאפונג איז, ווי דער מענטש הייסט, אמאל געווען דער איכטיאזויר, דער מאסטאדאנט און דער שור־הבר, און איטליכער פון זיי האט געדארפט א פעלד־פאשע צו איין איינציקן גאפלפרישטיק.

אין דער פאר־מבול'דיקער וועלט דרייט זיך אויף איין שור־הבר, אויף איין מאסטאדאנט מיליארדן שרצים און רמשים. נעבן איין איינציקן פויגל־פיש־פארזעעניש מיט צוויי און מער נשמות, קריכן און פויזן ארום מיליע־מיליאסן לעבנסטראפנס, וואס האבן דוכט זיך בכלל קיין נשמה ניט.

בא פראסטע רוסישע יידן גייט ארום א ווערטל, אז די גוים האבן אנשטאט א נשמה צוויי גראשענע חלב'נע ליכטלעך אין מוח, און שטאמען שטאמט עס דערפון וואס דער מוח בא זיי איז שוין אזוי טעמפ, אז קיין קויל קען אים שוין ניט העלפן.

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האט מען געקענט משוגע ווערן דערפון. פאלקאווניקעס און גענעראלן מיט העכערער בילדונג האבן פשוט אן שום ספקות, געגלויבט אז די דייטשן נעמען מיט אויף זייערע צעפעלינס א ייד אין א קאפאטע און פאות, כדי ער זאל זיי אנטדעקן אלע סודות פון די פעסטונגען אין פוילן און אין גאליציע.

איך האב געקענט א באקאנטן קאדעט, א רוס, וואס איז שפעטער געווארן וויצע־מיניסטער בא קערענסקי'ן, וועלכער האט ניט געצווייפלט א רגע, אז אלע יידן זיינען דייטשע שפיאנען. אין דער דאזיקער טעמפער מוח איז נאך געווען אמאל יארן־לאנג א פראקוראר אין פוילן, ליטע און ווייס־רוסלאנד, וואו ער האט געגוג צייט געהאט זיך נענטער צו באקענען מיטן יידן. מאקלאקאוו, דער לידער פון די קאדעטן, האט איינמאל אויף א זיצונג אין קעגנווארט פון א דריטן לידער, א יידן, דעם באקאנטן ווינאווער, זיך קלאר ארויסגעזאגט, אז יידן קען מען ניט טרויען. זיי זיינען פולקאר־

מען גערעכט, וואָס זיי האָבן צוליב די אייביקע רדיפות פּיינט רוסלאַנד און פאַרנעמען זיך מיט א ריינעם געוויסן מיט שפּיאָנאַזש. און, ווען ווינאַווער האָט דערויף אים גענטפערט: „חבר מאַקלאַקאָוו, איר קויפט מיט אייערע ווערטער א פּאַטענט אויף פּאַדלאָסט", — האָט דאָס אויף מאַקלאַקאָוו'ן ניט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. וואָרום א רוס, ווייך אין כאַראַקטער ווי א שרצ'ל, קען היינט ריידן אזוי, און מאָרגן אזוי. פאַר זיינע ווערטער פילט ער קיין שום פאַראַנטוואָרט ניט, און ווייסט ניט, וואָס שטייט מען אזוי צו צו אים, ווען מען כאַפּט אים בא א שמוציקן וואָרט א. ד. גל.

די דאָזיקע שרצים און רמשים מאַכן פול דאָס גאַנצע רוסלאַנד. איטליכן באַזונדער קען מען צעקוועטשן צווישן די פינגער, און ער וועט אפילו א פּיפּס ניט טאָן, אָבער אַלע אינאיינעם איז דאָס אזא נאַסע, גרויע, סקליזקע וואַנט, וואו ניט איין אייראָפּייער האָט שוין געקראָגן צוליב איר כראָנישע רהומאַטעם.

ווי באַקאַנט האָט צוערשט דער אויבערשטער באַפּעלקערט זיין פאַרמבול'דיקע וועלט חוץ מיט עטליכע לויתן'ס און שור־הבר'ס מיט א סך אזוינע באַשעפענישן, וואָס באַשטייען אינגאַנצן פון צוויי הייטלעך; פון אַנאויבערשטער הויט און א מאָגנקישקע (צעלענטעראַטן). דאָס אייגענע זעט מען כסדר אין רוסלאַנד, וואו דער מענטש איז נאָר אַנ'אויבערשטע הויט און א מאָגן, וואָס גיסט אין זיך עמערס בראַנפן, און שטאָפּט אין זיך אריין גאַנצע הורבעס בלינצעס. ווער עס האָט ניט געזען אמאָל א רוסישע מאַסלעניצע קען זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר א קישקע עס האָט דער דאָזיקער שרץ. אגב, קען מען קריגן א שטיקל ידיעה וועגן דעם פון דער רוסישער שיינער ליטעראַטור, פון א גאָגאָל'ן ביז א טשעכאָוו'ן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן א גרויסן אָרט דער אכילה פון א רוסישן מענטשן. אין רוסלאַנד עסט מען ממש, ווי בהמות, וואָס קנאַקן כסדר מיט די קינבאַקן. און באַקאַנט איז דאָס וואָרט פון פאַרשטאַרבענעם באַרימטן פּראָפעסאָר לייד'ען אין בערלין, בא וועמען א שיין שטיקל רוסלאַנד פלעגט זיך פאָרן קורירן, אז „גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך איבערגעפרעסן".

פּראָפ. לײדען, ווי אַלע אייראָפּייער מיט זייערע מאַסשטאַבן, האָט א מיאוס'ן טעות געהאַט. רוסלאַנד האָט זיך ניט איבערגעפרעסן, ווי עס פרעסט זיך ניט איבער א קו, וואָס איז אייביק מעלה־גרה.

דאָס פאַר־מבול'דיקע לאַנד איז נאָך אין דעם צושטאַנד, ווען אויף עטליכע משונה'דיקע בריות פּרובפערן און מערן זיך מיליאָנען באַשעפענישן, וואָס לעבן נאָר מיט די איינדרוקן פון א הויט, בא וועמען עס אַרבעט נאָר דער רוקנמאַרך, און דער מח־מאַרך איז נאָך טעמפּ און פאַרשלאָפן. דאָס איז דאָס אומהיסטאָרישסטע פאָלק פון דער וועלט, עס האָט ניט קיין זכרון, ווי די אייראָפּייאישע פעלקער, און ווען איר רוקט זיך אָפּ

עטליכע טריט ווייט פון א פעטערבורגער נעווסקי פּראָספּעקט, אָדער פון א מאָסקווער מיאסניצקע גאס, וואו דייטשן, פראנצויזן און אמעריקאנער האָבן זיך צעשפּרייט מיט זייערע שילדן, פאלט איר אריין אין א וועלט, וואָס דערמאָנט אייך אָן די פינסטערסטע צייטן פון אייראָפּא, ווען זי איז נאָך ניט ארויס פון איר פאר־מבול־צושטאנד.

לייענט די רוסישע גרויסע שריפטשטעלער, ווי, למשל, א טשעכאָוו, אָדער סאלטיקאָוו, און איר זעט פאר זיך א וועלט פון ברואים, בא וועמען עס טרייסלען זיך נאָר די רוקן־מארך־נערוון, און וואָס שטעלן זיך פאָר אייער בליק, ווי באשעפענישן מיט הענט, פיס, גראָבע, שווערע לייבער, נאָר אָן א קאָפּ.

אייראָפּא, אמעריקע, ווען זי האָט געהאט עסקים מיט רוסלאנד, האָט מסדר געהאט צו טאָן ניט מיט דעם קאָפּלאָזן לאנד. אויף די דאָזיקע הייטלעך און מאָגן־קישקעס האָבן זיי געקוקט, ווי אויף א נאטור־זאך גאָן א ווילן, אָן דעם כח זיך צו קענען ווערן, ווי אויף א קאָלאָניע אין טיף אפריקע, וואו אמעריקאנישער ווילן און ענערגיע וועט אויסגראָבן פון דראָטן אוצרות. זייערע עסקים האָבן זיי געפירט צווישן זיך; אפשר האָט זיי אמאָל נאָך אונטערגעהאָלפן א יידישער קאָפּ און א יידישער ווילן, וואָס האָט זיך, ווי א ייד כסדר, געפּלאָנטערט צווישן שרץ און דעם אייראָפּייער און זיך צוגעפּאסט צו יענעמס קישקע און צו דעמס ענערגיע און אונטער־נעמונגס־גייסט. פארבונדן מיטן דינעם פעדעמל פון א בורזשואזיע, האָט זיך דער אייראָפּייער געלאָזט שפּרייזן פון א מאָסקווע ביז אוראל, סיביר, קאווקאז, און אזוי ווייטער. און אזוי ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין רוסלאנד די בורזשואזיע פאר פּונקט אזא קראפט, ווי די אייראָפּייאישע, האָט ער זיך געהאלטן אָן דעם דאָזיקן דינעם פעדעמל ווי אָן א שיפּשטריק, און פארפלייצט דאָס לאנד מיט זיינע קאפּיטאלן און אונטערנעמונגס־גייסט. ער האָט געמאָסטן אלע מאָל נאָך זיין קאָפּ מאסשטאב. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז אינם לאנד, וואו דער רוקן־מארך איז דער געזעצגעבער, דער מוח איז טעמפּ און עס איז ניטאָ קיין שום חשק צו ארבעט, קיין שום געזעץ פאר דעם אנארכיסטישן ווילן, ווי אין דער גאנצער בעלי־חיים־וועלט פון קישקע־באשעפענישן, איז אלץ מעג־ליך. עס איז אפילו מעגליך אויפצוועסן מיט קולעביאקע דעם דינעם פע־דעמל, וואָס פארבינדט רוסלאנד מיט אייראָפּא, — און ער איז נתפעל געוואָרן, וואָס דער איכטיאזויר לעניין איז אזא אכזר, און וואָס מיליאָנען שרצים נעמען דאָס ניט אזוי שטארק צום הארצן און צעטראָגן הפקר'דיק די קאפּיטאלן און די ציגל, וואָס אייראָפּא האָט דאָרט מיט אזא מי אריינ־געלייגט אינאיינעם מיט דער שוואכער רוסישער בורזשואזיע.

מיט וואָס פאר א ביינקשאפט די ליבעראלע אייראָפּא און אמעריקע

האָט געוואָרט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע! ווי האָבן זיי מיטגעפּילט אַלע די רוסישע ליבעראַלן, רעוואָלוציאָנערן, וואָס שאָקלען דעם טראָן פון די רוסישע ראָמאַנאָווס! מען האָט שוין גע'חלום'ט פון דער שיינער צייט, ווען פאַר אייראָפּא וועלן זיך עפענען אַלע אוצרות פון די אוראַלער, אַלטאַיער בערג, פון די קאַווקאַזער נאַפט־גרובן און די רוסישע זאַלץ־הוילן. מען האָט שוין מיט שפּייעכץ אויף די ליפּן געקלערט וועגן די גרויסע אַקציאָנער־געזעלשאַפטן, וואָס וועלן באַדעקן מיטן אויסלענדישן קאַפּיטאַל גאַנץ רוסלאַנד! און מיט אַמאָל באַקומט די רוסישע רעוואָלוציע אַזאַ פּנים, אַז עס וועלן צענדליקער יאָרן אַוועק, איידער עס וועלן כאָטש מקוים ווערן אַ טויזנטסטל חלק, פון אַלע די דאָזיקע חלומות.

אין אייראָפּא האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד לויט זייער פּסיכאָלאָגיע, און האָבן אַ ביטערן טעות געהאַט! זיי האָבן געמיינט, אַז ווי באַלד מען בייט אַ געזעץ אין רוסלאַנד, בייט זיך שוין אום דאָס לעבן, ווי למשל אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישן לאַנד, און האָבן ניט באַגריפן, אַז רוסלאַנד איז אַזאַ לאַנד, וואו אום איינצופירן שולצוואַנג, דאַרף מען חוץ געזעץ נאָך אויסקוילענען אַ 10 מיליאָן מענטשן. די דאָזיקע בריאה איז שוין אַזוי באַשאַפן, אַז אַנדערש קאָן דאָס שוין ניט זיין. פּעטער דער ערשטער האָט, כדי צו עפענען אַ פענסטער אין אייראָפּא, געמוזט שערן בערד און קאַפּאָטעס, לענין, וואָס עפנט איצט דעם צווייטן פענסטער, מוז אויסשיסן און אויסקוילענען אַ 10־טל רוסלאַנד און דערביי אויסהונגערן 150 מיליאָן מענטשן, אַז רוסלאַנד זאָל ווערן אַמאָל אַ פאָלק מיט אַ מח, אַ פויערש־דעמאָקראַטישעס לאַנד, מיט אַ קליין־בורזשואַזער אונטערלאַגע. די עטליכע הונדערט מאַסטאָדאָנטן, וואָס רעגירן איצט איבער רוסלאַנד, ווילן איצט אַ ביסל צעטרייסלען דעם טעמפּן פאַרשלאָפענעם מח פון לאַנד וואָס האָט ביז איצט געלעבט נאָר מיט דער קישקע ביז איצט האָט דאָס געטאָן נאָר איין מאַסטאַדאָנט, די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט נאָר געזאָרגט, פאַר אַ קליינע טייל פון שרצים און רמשים. איצט זיינען געקומען הונדערטער מאַסטאָדאָנטן און פּרובן דאָס טאָן פאַר אַלע שרצים און רמשים. מיר דאָ האָבן אַלע מאָל געוואוסט, אַז נאָך די ראָמאַנאָווס מוז קומען נאָך אַ ווילדערע קראַפט. מיר האָבן אָפט איבערגעחזר'ט די מעשה מיט רחבעם'ען, שלמה המלך'ס זון, ווען מען איז אים געקומען פרעגן זיין רעגירונגס־פּראָגראַם: "דער טאַטע האָט געפּאַסעוועט מיט ר י ט ע ר און איך וועל אייך פּאַסעווען מיט שפּיציקע ריטער".

III

נח'ס תבה.

ניט נאָר איירָאָפּא און אמעריקע לעבט אין טעות בנוגע צו רוסלאַנד, נאָר אויך אין רוסלאנד גופא לעבן שוין הונדערט יאָר אין טעות די נח'לעך, וואָס מיינען אז רוסלאנד'ס צוקונפט איז דער שאבלאָן פון דער איירָאָפּייאישער קולטור. אָט די דאָזיקע נח'לעך ווערן אָנגערופן אינם לאנד — "זאפּאדניקי". צום ערשטן מאָל זיינען זיי ארוים אין דער עפנטליכקייט נאָך דעם טויט פון אלעקסאנדר דעם ערשטן, אין דעצעמבער 1825, ווען זיי האָבן געוואָלט איינפירן בלומרשט א קאָנסטיטוציע, גע־פּרואווט מאכן א מיליטער־בונט, געהאט א גיבע מפּלה, ווייל די סאָלדאטן האָבן ניט פארשטאנען פאר וועלכן באַרין זיי שלאָגן זיך, צו פאר דער בארינע קאָנסטיטוציע, אָדער פארן בארין קאָנסטאַנטין. זיי זיינען ארײַן אין דער געשיכטע מיטן נאָמען דעקאבריסטן, און זיינען דערנאָך באשריבן און באזונגען געוואָרן פון די שפּעטערדיקע זאפּאדניקעס כסדר גאנצע 100 יאָר. די נח'לעך, צום אונטערשייד פון די סלאוויאנאָפילן, האָבן קיינמאָל ניט געשפּירט די אמת'ע נשמה פון זייער פאָטערלאנד. זי האָט זיך זיי געמאָלט שטענדיק לויט דעם בילד נאָך, וואָס מען געפינט בא איירָאָפּיי־אישע דיינקער און פילאָזאָפן, ווען זיי ריידן וועגן זייערע אייגענע צו־שטאנדן און פעלקער. בעת די סלאוויאנאָפילן, מורא האָבנדיק, אז עס זאָל ניט קאליע ווערן די רוסישע נשמה, ווען זי וועט פארבייטן די וואָליקעס אויף לאקירטע שיך, האָבן געוואָלט איינמארינירן רוסלאנד, קאָנסערווירן דאָס אין ספּירט — האָבן די זאפּאדניקעס וועגן דער נשמה ניט געקלערט, וואָרום עס זיינען פאראן נאָר צוויי נשמות בא פעלקער — א פּארלאמענ־טארישע אָדער א דעספּאָטישע. פאריאָגט מען דעם דעספּאָט און מען מאכט א פּארלאמענט, בייט זיך די נשמה ביים פאָלק און ווערט פּונקט אזוינע ווי ביים פראנצויז, דייטש, אמעריקאנער א. א. וו. אָט די דאָזיקע נח'לעך האָבן געהאט איטליכער זיין בוך און זיין גאון, לויט וועמענס עצות זיי האָבן איבערגעבויט דאָס רוסישע לעבן. אמאָל זיינען דאָס געווען די פראנ־צויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, אמאָל די סאָציאליסטן ־ אוטאָפּיסטן, היינט, מארקס און ענגעלס. און אזוי ווי איטליכער נח דארף האָבן א תיבה, וואו ער שליסט זיך אָפּ פון דער גאנצער וועלט — האָט זיך יעדער געבויט זיין קאסטן לויט דעם פּלאן פון א פּרודאָן, א סען־סימאָן, א מארקס, אָ

קאַוטסקי. און די נח׳לעך האָבן זיך געלעבט ווי גאָט אין פראַנקרייך, געשוואומען אין די קעסטעלעך איבער אַ וועלט, וואָס איז פאַרפלייצט געוואָרן איבער אַ מבול, און האָבן מיט קלוגינקע האָפערדיקע אויגעלעך געקוקט דורך פענסטערל, וואַרטנדיק אויף די טייבעלעך, וואָס דאַרפן אַמאָל ברענגען גרינס אין שנעבעלע. גאָגאָל האָט גערופן די נח׳לעך מיט דעם כלל־נאָמען מאַנילאָוו, און האָט באַשריבן דעם דאָזיקן מאַנילאָוו אין די "טויטע נשמות" מיט אַזוינע פאַרבן, אַז אַן׳אייראָפּייער ווערט ניט גוט צו קוקן אויף אים. נאָר די נח׳לעך האָבן זיך כלל ניט געפונען באַליידיקט, וואָרום נאָך עד היום לעבט מאַנילאָוו אין טעות, אַז דאָס מיינט מען ניט אים. זייער אָפט קען מען זען אין רוסלאַנד, ווי די נח׳לעך, איטליכער אין זיין תיבה׳לע, רופט אָן די פירונג פון צווייטן "מאַנילאָוושצינאַ" און האָט שטאַרק הנאה, וואָס ניט אים האָט גאָגאָל געמיינט.

אין אַ דאָפּלטן טעות האָבן געלעבט די דאָזיקע לייט. ערשטנס, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי זיינען די אמת׳ע אייראָפּייער, וואָס ברענגען רוסלאַנד אַ ישועה, און צווייטנס, — אַז זיי זיינען עפּעס אויסנאַמס־מענטשן וואָס זיינען געקנאָטן פון אַן׳אַנדער טייג ווי די איבעריקע לייט אין רוסלאַנד, וואָס האַלטן זיך בא די אַלט־היסטאָרישע מנהגים. און עס זיינען געווען צייטן ווען די נח׳לעך, ד. ה. די רוסישע אינטעליגענץ, האָבן באַקומען אַ געוויסע השפּעה אויפן רוסישן טראָן, ווען אויף אים איז גראָדע געזעסן אַ נח׳ל פון דער משפּחה ראָמאַנאָוו. נאָר אַזוי ווי די נח׳לעך אין די קעסטעלעך זיינען געווען אַ סך, און איינער מיט דעם אַנדערן האָבן זיי זיך שטענדיק אַרומגעריסן, איז זייער השפּעה ניט געווען קיין גרויסע. ווי נאָר אויף ראָמאַנאָוו׳ס טראָן האָט זיך ווידער באַזעצט אַ פאַר־מבול׳דיקע באַשעפעניש, ווי למשל, אַלעקסאַנדר דער דריטער מיט זיין בעל־יועץ דעם היפּאָפּאָטאַם פּאָבעדאָנאָסצעוו׳ן — האָט מען זיי ווידער פאַריאָגט אין זייערע קעסטעלעך פון פּימסנהאָליץ, באַשמירט אַרום מיט דזשעגעכץ און סמאָלע.

אָי, די רוסישע אינטעליגענץ! ס׳איז פון דער ערשטער רעוואָלוציע אַ מאָדע זיי צו שמייסן מיט אייזערנע ריטער. מען מאַכט פון זיי חוכא ואטלולא און מען שמירט אויס זייערע בטלן׳ישע פּנים׳לעך מיט געלכלעך פון שמעקעדיקע אייער אויסגעמישט מיט סאַזשע. און דעם גרעסטן חלק אין דער דאָזיקער שיינער אַרבעט האָבן טאַקע די אינטעליגענטן אליין, וואָס שרייבן אַלערליי שיינע און קלוגע פּרושים צו אייראָפּייאישע ספרים און ספרים׳לעך, און בטל׳ען אויס צו די קעפּ פון זייערע חברים די נח׳לעך אַלדע בייזע חלומות, ווי למשל סטרובע, בערדיאַעוו, דער ניט־געשמד׳טער גערשענזאָן און דער גע׳שמד׳טער... (פאַרגעסן זיין בשר׳ן נאָמען). בין איך אָבער אַ מענטש, וואָס האַלט זיך ניט שטריינג אָן דער מאָדע, און וויל ניט

באשמירן די רוסישע אינטעליגענץ מיט אייער־געלכלעך, אויסגעמישט אין סאזשע. צי קען גאר א יידישער שרייבער, וואס איז א קינד פון א פאלק בטלנים, זיין אזוי אש להבה אויף דעם בטלן קערענסקי, מיליוקאוו, אדער פעטער סטרובע! טוט זיי איבער אין אנדערע קליידער, און איר וועט זיי קוים אונטערשיידן פון די עשרה בטלנים אין ווילנער שול, וואס זאגן אלע טאג מוסר אויף א ריינעם לומד'ישן שטייגער ללאיד דזשארדזש'ן און גיבן פריינטליכע עצות דעם פרעזידענט הארדינג.

די רוסישע אינטעליגענץ איז פונקט אזא פאר־מבול'דיקע בריאה, ווי די איכטיאזוירן און די שרצים, נאר מיט דעם חלוק, וואס זי איז א ביסל דרעסירטער. זי איז א פליי וואס מען קען איינשפאנען אין א קארעטע, א בערעלע וואס טאנצט א קארמאניאל; זי איז א פאפוגיי, וואס שרייט "שמע ישראל", אנ'אראנג־אוטאנג, וואס טראגט א פראק איבערן עק, און האלט א שטעקל אין דער לאפע.

מען דערציילט א מעשה, אז אין א קליין יידיש שטעטל האט א מאלפע אמאל מקבל שבת געווען. פונדעסטוועגן, אז דער חזן פון שטעטל איז געשטארבן, איז מען ניט געגאנגען זוכן צווישן די מאלפעס א נייעם חזן. דאס אייגענע איז מיט דער רוסישער אינטעליגענץ — זי איז מקבל שבת אין אלע שטעטלעך, זי רעדט וועגן וואס איר ווילט, וועגן רעוואלוציע, קאנסטיטוציע, צער בעלי־חיים, עלעקטראפיקאציע און מאסלאבאינעס, אבער זוכן זוכט מען נאך עד היום ניט פאר דער מענטשליכער קולטור קיין שליח צבור בא די בערן, וואס טאנצן א קאזאצקע און א קארמאניאל.

איך האב אויבן געזאגט, אז א רוסישער אינטעליגענט און א ווילנער פרוש, א בטלן, האבן לפנים נאך א סך געמיינשאפטליכעס.ביידע לעבן ניט אין א ממשות'דיקער וועלט. ביידע טיילט עפעס אפ פון דעם, וואס מען רופט אייראפייאישע קולטור. ביידע האלטן זיך פאר קלוגינקע און ביידע זיינען האפערדיק און שטארק אפטימיסטיש. ביידע מיינען אז בא זיי אין די הענט ליגט דער שליסל צו אלע פארבארגענע אוצרות. אבער נאר לפנים, ווארום דעם יידישן בטלן שיידט אפ פון דער אייראפייאישער אנ'אייגענע קולטור, אנ'אלטע בינעזישע וואנט, הינטער וועלכע עס געפינען זיך כמעט אלע מזרח־קולטורן, פון דער בבל'שער אן. דעם רוסישן אינטעליגענט שיידט אפ דאס, וואס ער האט נאך קיין קולטור כמעט ניט געשאפן, קיין קולטור נאך ניט דערלעבט, און זיין גאנצעס וועזן איז ווייטער פון דרעסור ניט דערגאנגען. דער פאפוגיי, וואס שרייט "שמע ישראל", איז ניט קיין מאנאטעאיסט. און אויב פויגל האבן א רעליגיע פארשטייט דער פאפוגיי אונטער דעם "שמע ישראל" עפעס גאר אנדערש. למשל דאס, אז גאט־אדלער האט רחמנות אויף אים און ער רעגנט אויף

אים פון הימל מיט זומערפויגעלעך און ווערעמלעך. דאָס אייגענע איז מיט דער אייראָפּייאיש־דרעסירטער אינטעליגענץ: איין בורא וויס, וואָס זי טראַכט און ווי זי שטעלט זיך פאַר די געדאַנקען און די אינסטיטוטן פון די אייראָפּייער, אין וועלכע מען האָט זי איינגעקרעמפּעוועט.

דאָסטאָיעווסקי זאָגט אין זיין ווערק "שדים": ווען עס פאַלט אריין אין א רוסישן קאָפּ א געדאַנק, מאַכט ער ניט פרייער, לייכטער, הייבט ער אים ניט אויף, נאָר ער דריקט אויף אים ווי א מילשטיין און מאַכט פון אים א פּאַמפּעשקע. דער דרעסירטער בער טאַנצט ניט פאַר גרויס פריידע די קאַרמאַניאָלע, נור מיט צעשראָקענע אויגן, מיט דער אייביקער מורא פאַר דעם בייטש, וואָס געפינט זיך אין דער האַנט פון בערנטרייבער. פאַר דער רוסישער אינטעליגענץ איז אייראָפּאַ דער בערנטרייבער מיטן בייטש אין דער האַנט, און מען האָט מער מורא פאַר אייראָפּאַ'ס מיינונג, ווי מען פאַרשטייט זי. דאָס גרעסטע גליק דערשפּירט דער רוסישער אינטעליגענט ווען ער איז זוכה צו באַקומען א גלעט פון אייראָפּאַ; אַט אַזוי גליקליך פילט זיך מן הסתם דער בער, ווען זיין אַנטרייבער, נאָך א גוטן בער־טאַנץ, איז אים מכבד מיט אַנ'אַפּעלסין דירעקט אין דער געמבע אריין.

און די רוסישע אינטעליגענץ, ווי א דרעסירטע פון דעם אייראָפּעאישן בערנטרייבער מיטן בייטש אין דער האַנט, האָט ניט קיין אייגענעם ווילן, איז בכלל ווילנסשוואַך, איז דורך און דורך בטלניש, און פאַרמאָגט ניט דעם כח צו שאַפן פון זיך עפּעס אַנ'אייגנס. האָט דאָך אייראָפּאַ דורכגעצויגן צוויי גרויסע אייזערנע רינגען דורך אירע נאָזלעכער. האָט דאָך דער אייראָפּייאישער געדאַנק געדריקט אויף איר ווי א מילשטיין. האָט זי דאָך פאַרלוירן די אינסטינקטן פון א פאָלק, וואָס לעבט נאָך אויף א פאַרמבול'דיקן שטייגער!

IV

טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און אנדריי ביעלי.

די נעמען פון די ערשטע צוויי זיינען איטליכן ליטעראַריש־געבילדעטן באַקאַנט; דער דריטער נאָמען וועט מן הסתם אין א יאָר צוואַנציק אַרום זיין ניט ווייניקער באַקאַנט אין אייראָפּאַ און אַמעריקע, ווי היינט טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי. אַלע דריי זיינען די איבטיאַזווירן פון גייסטיקן רוסלאַנד. בא קיינעם מישן זיך ניט צענויף אַזוי פיל מענטשליכע גאונות פון פאַרשיידענער קוואַליטעט, פון אַלערליי מינים, ווי בא זיי. וואו געפינט איר אין דער וועלט אַזא מין באַשעפעניש, ווי א טאָלסטאָי, וואו

עס פאַראייניקט זיך צוגלייך די העכסטע פאָרם פון קונסט און די טיפסטע רעליגיאָזיטעט פון א קריסטליכן בודהא? אָדער אזא ווילדע מגושם׳דיקע מורא׳דיקע גנעיאלע חיה, ווי א דאָסטאָיעווסקי, אין וועמען עס ליגן פילערליי נשמות, פון דעם פיינסטן פסיכאָלאָג, טיפסטן רעליגיעזן דיינקער, דעם צאַפּלדיקסטן פובליציסט, דעם וואונדערבארן וואָרט־קינסטלער, ביז דעם אינדישן גייסט פון א טיפן רחמנות צו אלערליי באשעפענישן און דעם גרויזאמעם ברום פון א פארביטערטער חיה, וואָס צעטרעט אכזריות׳דיק מיט זיינע קלעצערדיקע פיס אלערליי צארטע נשמות, איטליכס בלימל, וואָס שפּראָצט אויף אמאָל אין א יונג האַרץ?

איטליכער פון זיי האָט מיט זיינע געדאנקען, מיט זיין וואונדערליכן נשמות מיש־מאש געדריקט אויף דאָס גייסטיקע רוסלאנד, ווי א גוליווער צווישן ליליפּוטן. מיט זייערע גראָב־ביינערדיקע ווערק, — דאָס ביסל אָפּגע־צאַפּטע בלוט פון א פאר־מבול׳דיקן מאסטאָדאָנט, — האָבן זיי צע־מישט די רעיונות פון דורות רוסישע לעזער, און זי ממילא צוגעגרייט צו א בטול פון דער מערב־אייראָפּייאישער קולטור, מיט וועלכער מען האָט, אגב, סיי ווי סיי זיך קנאפּ גענוצט. עס איז נים וויכטיק אונטער וועלכע לאָזונגען עס זיינען ארוים די דורות מיט זייער בטול היש. וויכטיק איז, וואָס ארוים זיינען זיי אויף דער וועלט מיט די געדאנקען פון א טאָלסטאָי, וואָס האָט מיט זיין "ווער זיך נים קעגן שלעכטס" לאָגישערהייט געמוזט קומען דערצו אָפּצונעמען די ווערדע פון אלץ אין דער וועלט, מיט וואָס עס לעבט אייראָפּא און דער אייראָפּייאישער מענטש. האָט זיך דאָך טאָלסטאָי ניט אָפּגעשראָקן צו זאָגן אין נאָכוואָרט צו זיין ראָמאן "תחית המתים", אז עס איז פיל מער כדאי די מענטשהייט זאָל אינגאנצן אונטערגיין, איי־דער זיך אָפּצוגעבן אזא זינד, ווי צו לעבן מיט א פרוי און צו קינדלען מיט איר! האָט ער דאָך ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן כסדר, אז אויב די מערב־קולטור קאָן נור דערגרייכן אירע צילן דורך עקספּלואטאציע, גע־וואלט, צוואנג און דורך אלע די דאָזיקע זינדיקע גיינג, אין וואָס עס טובל׳ט זיך פּאריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק און די מאלפּע פּעטערבורג — איז ער איר מוחל במחילה גמורה איר וויסנשאפט, טעכנישע דערגרייכונגען, און אפילו די פּארהעלטנישמעסיקע רייכקייט און היגיענישקייט אירע, מיט וועלכע זי פאַרזאָרגט אלע קלאסן פון דער באפעלקערונג. א נאקעטער, א באָרוועסער, מיט די סימנים פון שמוץ און קראנקהייט אויף די גלידער, נור מיט א ריינער האַרץ, וואָס האָט אין לעבן א פליג ניט אָנגערירט אויף דער וואנט, איז אים טייערער, ווי צענדליקער עדיסאָנס, וואָס פאַרזאָרגן א זינדיקע וועלט מיט אלערליי גנעיאלע המצאות. אין דעם "ווער זיך ניט קעגן שלעכטס" האָט געקלונגען די אלטע מעטאָדע פון א בודהא, וואָס האָט גערופן צו נירוואנא. מיט די דאָזיקע ווערטער האָט עקשנות׳דיק גע־

רופן א פאר־מבול׳דיקע חיה, אויסגעפוצט מיט צענדליקער נשמות, אויפן קול: וועלט! דו וועלט מיט דיין מערב־אייראָפּייאישער קולטור! איך וויל דיך ניט קענען און ניט וויסן, און אויך א צעטראָטענער פון דיר, וועל איך ניט אויפהערן מיט דעם לעצטן אָטעם פון מיין מאסטאָדאָנטן־חוטם צו שרייען: איך דארף דיך ניט, איך האָב מיט דיר קיין מגע ומשא ניט, איך וועל ניט זיין דיין משרת, און מעגסטו צוזאמען מיט מיר פארשווינדן, אלס תהו ובהו, אין דער אייביקייט!

האָבנדיק א פּסיכאָלאָגיע פון אַנ׳אדם הראשון, האָט ער קיינמאָל ניט באנומען די מורא׳דיקע פּאָעזיע פון קאמף און ארבעט. דאָס לעבן דארף זיין א שפּיל אין א גן־עדן, ניט ווייט פון גאָט׳ס פארטוך. און די גרעסטע קללה איז די, ווען א בים טועגדיק אין עץ הדעת, מוז מען ארוים א נאקעטער מיט א פייגנבלאַט ארום די לענדן פון א פיר מאָל באשטראָפטן גאָרטן אין א וויסטעניש, און אין שוויים און נויט עסן דאָס שטיקל טרוקענע ברויט. ניין, ל. טאָלסטאָי האָט קיינמאָל ניט באנומען די פּאָעזיע און דעם שאַפונגס־געדאנקען פון קראפט, קאמף און ארבעט, און וואָלט וועיטמאַן איז אים אזוי פרעמד, ווי אַנ׳אדם הראשון דאָס נצחון־ליד פון א דבורה הנביאה, אָדער די מעשה פון פאסטוכל דוד, וואָס האָט זיך פארמאָסטן אנטקעגן גלית הפלשתי.

אויב טאָלסטאָי האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך די ציוויליזירטע אייראָפּייאישע וועלט, די היינטיקע קולטור, ניט טשעפּנדיק גאָט אליין, האָט דאָסטאָיעווסקי נאָך געווירקט א סך שרעקליכער אויף דעם עולם שרצים ורמשים, וואָס האָבן געזויגן זיינע גאונ׳ישע ביכער ווי א קונציק פארקאָכטן גיפט־געטראנק. מאָלנדיק די ליידן פון א מענטשליכן קערפער און גייסט אין אלערליי שאטירונגען, פון די גרעסטע ביז די פיינסטע, איז ער סוף כל סוף דערגאנגען דערצו צו זאָגן דעם רבונו של עולם: איך בין דיר מוחל א וועלט, וואָס איז געבויט מיט אזא פּלאַן. איך בויג זיך און קני זיך פאר דיר, איך וויים, אז דיין קראפט האָט ניט קיין סוף, ווי דו אליין, אָבער דיין וועלט, וואָס איז פול פון די געוואלטיקסטע סתירות, וואָס ווערט געבויט פון פיין און ליידן אָן א סוף, וואו דיין חכמה איז אכזריות, און דיין לייטזעליקייט איז דער שמייכל פון א סאדיסט, וואָס האָט הנאה פון צאפּלדיקע קרבנות — אָט די דאָזיקע וועלט בין איך דיר מוחל און זאָג זיך אָפּ פון איר.

זאָגט מען זיך אָפּ פון א וועלט, ווייל די ארכיטעקטור געפעלט ניט — קען מען דאָך שוין ניט האָבן קיין שום אחריות׳ן פאר אלצדינג, וואָס קומט פאָר אין דער דאָזיקער פארפושעגטער וועלט! און דעם פּועל־יוצא האָט דער שרײַ פריער פאר אליץ געמוזט מאכן. וואָרום דער געוואלטיקער קאמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם צווייטן אדם׳ן, דער קאמף צווישן

דער פּודיקער חיה־נשמה און דעם תרח׳ן, באַ וועמען עס איז שוין גע־וואַקסן די אמונה אין דער געשטאַלט פון אַן׳אַברהם — אַט דעם קאַמף האָבן דערפילט נור ווייניקע, אויך אַזוינע פאַר־מבול׳דיקע באַשעפענישן, ווי דאָסטאָיעווסקי אַליין. חברה שרצים און רמשים האָבן עס אינסטינקטיוו דערפילט דעם געוואַלטיקן פּראָטעסט קעגן אַ וועלט, וואָס שאַפט לויטער אַ מיש־מאַש פון נשמות אין אַ קערפּער, וואָס לעבט אַ רגע און גיט ניט די מנוחה פון אַ באַשעפעניש, וואָס איז פון איין שטיק, פון איין נשמה, גאַנץ באַ זיך, גאַנץ מיט דער וועלט, גאַנץ מיט גאָט.

דאָסטאָיעווסקי איז דער גייסט, וואָס שוועבט איבער אַ פאַר־מבול׳־דיקע וועלט, בעת מענטש, וואַלפיש, אינדיק און זשיראַף זיינען פּאַראַיי־ניקט אונטער איין הויט, בעת די פּאַראייניקונג פון די פאַרשיידענע נשמות, מיט וואָס די יונגע מענטשהייט איז געבוירן געוואָרן, איז נאָך ניט פאַר־געקומען, ווען קאַמף און אַרבעט האָבן נאָך ניט געשאַפן די אינעווייניקסטע מעגליכע האַרמאָניע, ווען איטליכע פון די פּאַראייניקטע נשמות האָט זיך געריסן צו איר איינציקן אָנגעוויזענעם וועג, ווען די אַנטקעגנגעזעצטע נשמות־ריכטונגען האָבן נאָך ניט באַקומען די ליניע, וואָס איז דער כּלל־הכּל פון אַלע, די רעזולטאַנטע. דאָסטאָיעווסקי איז דער גרעסטער פּאָעט פון דעם היינטיקן רוסלאַנד. שווער איז אים צו באַנעמען אַן׳אייראָפּייער, חוץ אייניקע אויסנאַמען, ווי ניטשע, למשל. אין נח׳ס עפּאָכע וואָלט ער אודאי געווען אַ סך פאַרשטענדליכער, כאָטש נח וואָלט אים אודאי ניט אַריינגעלאָזן אין תבה. ניט איין פּאָרל שרצים און רמשים וואָלטן זיך פאַר־סם׳ט אין דאָסטאָיעווסקי׳ס גיפט. וועט איר דאָך פרעגן, ווי קען דאָס גאָר אַ שרץ פאַרשטייען אַ מאַסטאָדאָנט? איז דער תירוץ: אין דער מבול־וועלט איז דער חלוק צווישן אַ שרץ און אַ מאַסטאָדאָנט בנוגע צו דער סביבה ניט אַזוי גרויס, און אַן׳איינפאַלוס אין דער אייגענער סביבה איז אַלע מאָל מעגליך.

אויב טאָלסטאָי איז דער אַנאַרכיסט בנוגע צו דער אייראָפּייאישער קולטור, און דאָסטאָיעווסקי דער שטן מקטרג פון רבונו של עולם, וואָס שיקט צו אַלדי שוואַרץ יאָר גאָט׳ס געביי, די ערדישע פּלאַנעטע — דאַמאָלס איז אַנדריי ביעלי, דער מאָלער, קינסטלער, דער פּאָעט פון די שרצים, און רמשים, וואָס פּויזן אין זיין געליבטן פּאָטערלאַנד איבער אַלע שטעט, שטעטלעך און דערפער. אַזוי ווי אַ. ביעלי איז דאָ נאָך ווייניק באַקאַנט, איז אונמעגליך צו ריידן וועגן אים אַזוי קורץ, ווי וועגן די פאָרגאַנגענע. אויך לאַנג וועגן אים ריידן איז ניטאָ דער אָרט. דערום מוז איך זיך באַגנו־גענען מיט עטליכע שטריכן וועגן אים. אַנדריי ביעלי האָט געוויזן, אַז ער האָט איינגעזויגן אין זיך אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אמת׳ער רו־סישער קולטור (און זי איז, ווי איר ווייסט, גאָר־גאָר אַ באַזונדערע!) דער־

ביי האָט ער מיט זיין גענױאַלן חוש געכאַפּט דאָס שענסטע און פיינסטע, וואָס געפינט זיך אין דער אייראָפּייאישער. ס'איז קיין זאַך ניט פרעמד אים — ער איז אַ פּאָעט, אַ גרויסער ראָמאַניסט, אַ פילאָזאָף, אַ וואונ־דערליכער פּראָזאאיקער, אַ מיסטיקער אין גייסט פון דייטשן שטיינער. ער האָט געענדיקט עטליכע פאַקולטעטן און האָט געשריבן דאָס געלערנט־סטע בוך מכּח פערד־טעכניק. ווי איר זעט, האָבן מיר ווידער אַזאַ פאַר־מבול'דיקע פיגור, וואָס ציט זיך איבער דער ליטעראַרישער וועלט צענד־ליקער איילן די לײַנג. דער הויפּט־קוואַל איז אָבער פון זיינע לעבנס־ווערק "ד אָ ס ר ו ס י ש ע ס ע ק ט א נ ט נ ט ו ם". און לייענט איר זיין "פּע־טערבורג", זיין "די זילבערנע טויב" א. אז. וו., דערזעט איר מיט אַמאָל די רוסישע וועלט, וואו עס בילדן זיך כּסדר די סעקטן, בילדן זיך, פאַלן פאַנאַנדער, קלעפּן זיך שטיקלעכווייז ווידער צענויף, און באַדעקן די רוסישע ערד מיט אַזאַ מאַטעריע, ווי שליים, פוכט און גרינע שוועמלעך באַדעקן אַ וואַנט, אַ בוים, אַ קלאָץ פון אַ גאַניק. די סעקטאַנסטווע באַ ביעלי'ן זעט אויס ווי די באַוועגונגען פון די קאָלאָניעס־אַמעבן (אַזאַ שליים־באַ־שעפעניש וואָס באַשטייט נאָר פון אַ פּראָטאָפּלאַזמע און אַ קערן), ווען זיי גיסן זיך צענויף, רייסן זיך שטיקערווייז אָפּ און פליסן זיך ווידער צונויף אין אַ נייעם געשטאַלט. דאָס רוסישע סעקטאַנטום אונטער דעם קינסטלע־רישן פּענזל פון ביעלי וואַקסט אַזוי געוואַלטיק, דרינגט אַריין אַזוי טיף און פול אין דער גאַנצער רוסישער קולטור, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין פּרייער אָרט, חוץ איר.

האָט טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי אונז געגעבן דאָס לעבן פון די איבטיאַזוירן אין רוסלאַנד, ד. ה., די העכסטע גייסטיקע קרעמפּן פון דער רוסישער קולטור, — האָט אונז אַנדריי ביעלי געוויזן דאָס גייסטיקע באַ די מיליאַרדן שרצים און רמשים, וואָס פּויזן איבער אַ דריי־פערטל אייראָפּאַ, און וואָס זיינען אויך ניט די אייגענע שרצים און רמשים, וואָס אין איי־ראָפּאַ. ווייל דער שרץ אין רוסלאַנד איז נאָך אויך אַזוי ניט געענדיקט, ווי דער מאַסטאָדאָנט. אויך דער שרץ אין רוסלאַנד לעבט דורך כּאָטש אין אַ סך אַ ווינציקערן טייל כּמעט דאָס אייגענע, וואָס דער מאַסטאָדאָנט אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע.

זאָל מיר מוחל זיין מיין לעזער, וואָס איך דריי אים אַ קאָפּ מיט רוסישע ליטעראַטור און ליטעראַטן. אָן דער קאָפּ־דרייעניש איז שווער צו כאַפּן כּאָטש אַנ'ערך דאָס, וואָס קומט פאָר איצט אין גוסס'דיקן סאָוועטן־רוסלאַנד.

V

פריי ווי אין מדבר.

חוץ עטליכע אויסנאמען, עכטע אלטע רעוואָלוציאָנערן פון דער אינ־טעליגענץ און פון א טייל יידישע ארבעטער, איז די יידישע מאסע גע־שטאַנען ביים זייט פון דעם רוסישן מבול. דאָס איז געווען פאר איר א מין גזרה, א וועלט־בהלה, עפעס אזוינס, וואָס מוז באלד פאראיבערגיין. אין אוקראינע האָט זי געווארט אויף דעניקינ׳ען, ווי אויף משיח׳ן; אנדערשוואו אויף קאָלטשאַק׳ן אָדער אויף די פוילן. אין פארשיידענע באַקי־שינעלן האָט זי געלעבט איר אלט לעבן, און נאָך אין 20־טן יאָר האָב איך, דורכ־פאָרנדיק וויטעבסק, באקומען פון אנ׳אלטן פרומען גביר אנ׳איינלא־דונג אויף א סיום, וואו עס איז געווען בשתיקה דער רב, דער דיין און א פּאָר מנינים ישיבה־לייט. נאָך עד היום באקומט דער באוואוסטער מאָסקווער ראבינער מאזע זיינע מיליאָנען א חודש, און אויך דער פעטער־בורגער דר. אייזנשטאַט באקומט פינקטליך געצאָלט אויף צו לעבן. עס ארבעטן בשתיקה אלע פרומע קהלות, און אין נאָוואָזיבקאָוו, וואו עס שטייט די צוועלפטע רויטע ארמיי, און וואו יידן האָבן ארום איר פּרנסה, קענט איר אלע טאָג זען רויטע ארמייצעם מיטן ראטנשטערן אויפן היטל ארויס־גיין פון בית המדרש מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם און א ביקס הינטערן פּלייצע.

אין רוסלאנד איז ניט פאראן קיין מלוכה־אנטיסעמיטיזם, וואָרום עס לוינט פאר זיי ניט צו געבן אין א פאָרם פון יידנפרעסעריי אנ׳אונטערלאגע פאר קאָנטר־רעוואָלוציע. דער ייד פילט זיך דאָרטן פריי, ווי אין א מדבר, און ווי אין א מדבר האָט ער דאָס רעכט צו הונגערן, שטארבן פון כאָלערע און פלעק־טיפוס, זיין א שני־למלך און א תליון, פונקט אזוי ווי א ניט־גע׳מל׳טער און א געצנדינער. נאָר דעם יידן וועט איר ניט געפינען ניט צווישן די מאטראָזן — די לייב־גוואַרדיע פון דער ראטן־מאכט — ניט צווישן די, וואָס שלאָגן זיך אויג אין אויג מיט באנדעס, פעטליורעס, קאָל־טשאַקס און וורַאנגעלס. ר׳ יעקב איז דאָרט אויך א יושב אוהל, און האָט ליב צו זיצן אין הינטער־פראָנט אין א פּאלאטקע, און זיין בעסער אין פּאָ־ליטקאָם און אין אגיטקאָם, ווי דאָרטן וואו מען שטארבט אָן ודוי.

ווי א זייטיקע אומה שטייט דער ייד אוים א סך צרות, סיי צייטן, ווען ער מעג גומל בענטשן פאר די נסים, וואָס גאָט טוט מיט אים. די

קענגערישע ארמייען, וואָס צעטרעטן פאַרזייטע פעלדער, צעטרעטן אויך אויף טריט און שריט די זייטיקע אומה, וואָס לעבט אין די שטעטלעך ווי א הויפן מוראשקעס, און טוט כסדר איר אלטע ארבעט. פאר די באנדעס דורכגייענדע ארמייען, א י ז ד ע ר י י ד א ס י מ ב אָ ל פ ו ן ס ח ו ר ה. נעמט ער צו בא אים די סחורה, און, אגב, פּלעט ער אים דעם מח, אָדער, איילנ־דיק זיך, שלעפּט ער אראָפּ צוזאמען מיטן שטיוול א שטיק הויט און פלייש פון פוס.

דער ייד, ווי א זייטיקער, ווייס קיינמאָל ניט, אויף וואָס צו קלאָגן, און אויף וואָס זיך צו פרייען. קומט א נייע מאכט, למשל, אין קיעוו — פרייט ער זיך א פּאָר טעג, ביז מען הייבט שוין אָן צו מאכן קאזאצקע פּאָגראָמען און מען קוילעט שטיל אוים א פּאָר הונדערט יידן. און דאמאָלס, הייבט ער אָן בעטן, אז די באָלשעוויקעס זאָלן קומען. אמת, מען קען ניט האנדלען דאמאָלס, אָבער מען קען דאָך פריי און פראנק גיין איבער די גאסן. קומען די באָלשעוויקעס — און מען הייבט אָן כאפּן אויף די גאסן יונגע יידן און אלטע בערזנהאָזן אויף קרעשטשאטיק. — בעט ער בא גאָט, אז עס זאָלן כאָטש קומען די פּוילן, אָדער פּעטליורא, וואָס וויל שוין כלומרשט זיין גוט־פריינט מיט יידן. קומען די פּוילן, — שניידט מען די בערד, דערצו שמייסט מען אין דעם לייב אריין, און פון פרנסה איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן, דערמאָנט מען ווידער צו גוטן די גדולים, בא וועמען מען באקומט אמאָל כאָטש א שטעלע, א קארטע אויף ברויט און זאלץ. און אזוי פּיבערט דער ייד און ווארפט זיך פון איין קישן אויף דעם אנדערן, שטייענדיק כסדר ביים זייט פון די געשעענישן.

און דער ייד, ווי א פליסיקע מוראשקע, פארריכט כסדר דעם בערגל, וואָס א פוס האָט צעטראָטן. קויפט, קלייבט ווייטער זאפּאסן, און נאָך א צוויי חדשים מנוחה, ווען די באנדעס זיינען זיך צעלאָפן אויף א ווייל, איז ער ווידער א סימבאָל פון אלערליי אָנגעטראָגענע סחורות, און אלערליי וואַליוטעס — קערענסקי־געלט, פּעטליורעס, דומקעס, צארסקע און פּוילישע מארקן, וועלכע ער פארגראָבט אויף אזוי לאנג, ביז עמיצנס אנ׳אטאמאן פון א באנדע וועט אים ניט הייסן ווידער אויסגראבן, אונטערן שאָטן פון א געלאָדענעם ביקס.

אָט אזוי לעבט זיך דער ייד, האָפערדיק, אָפּטימיסטיש, מיט דעם פעסטן גלויבן, אז משוגעת איז א קריינק און קען ניט אייביק געדויערן. אָט אזוי לעבט ער, קריינקט ער, שטארבט ער, און ווערט נאָך פארן טויט גייסטיק און מאָראליש פארגרעבט און גלייכגילטיק צו אייגענע און ארו־מיקע צרות.

נאָר דאָס, וואָס דער ייד טרעט אין מבול ביים זייט פון ברעג, האָט אויך א גרויסע מעלה פאר זיין קיום. זיין אין הינטערפראָנט איז שטענדיק

א סך זיכערער, ווי צו זיין אין סאמע געדיכטן. און דארום איז דער ייד בא אלע צרות און פּאָגראָמען — אין אוקראַינע, למשל, — ניט דער ערך ווייניקער פיזיש פארטיליקט געוואָרן, ווי דער אוקראַינישער פויער, וואָס זיצט בא א שיסל, און שלעפּט אריבער פון שטאָט אין דאָרף, אָנהייבנדיק פון זילבערנע לעפל, ביז א פּיאַנע. און וואָלט דער ייד ניט געווען א זיי־טיקער, וואָלט ער אזוי ניט געקלאָגט אויף די אלטע קרבנות. איז ער אָבער א זייטיקער, און, ריידנדיק מיטן פּאָעט ביאליק'ס ווערטער: — "פרעגט אים בחרם פאר וואָס ער לעבט, און פאר וואָס ער איז געשטאָרבן".

דער ייד גייט אוים טיילווייז, אגב, צום גליק, א סך ווייניקער, ווי מען האָט דאָס געקענט מיינען — ניט ווי א קערפּער, וואָס קעמפט קעגן די כוואַליעס, נאָר ווי א קרבן, וואָס פאלט אזוי נאטירליך ווי א שעפּס אויפן מזבח פון א רעוואָלוציע, וואָס מאכט חרוב שטעט, דערפער און אפילו פויגל־נעסטן אין די דערפער.

א זייטיקער מענטש זעט גאנץ אָפט אזוינע וועגן און שפּעלטלעך, וואו זיך צו באהאלטן פון גאָט'ס צאָרן. און דער ייד, וואָס שטרעבט כסדר צו די גרענעצן, וואו עס הערט אויף ווילנווייז צו קעניגן דער באָלשעוויק און עס הייבט זיך אָן די מאכט פון א המן הרשע, געפינט אָפט מיטלען און וועגן צו מאכן אליין א "ויברח", און נאָך צו העלפן אנדערע. דערווייל פארדינט ער שטארק אין דער וואַליוטע, ווייל פּוילישע מארקן זיינען אויך א סחורה קעגן סאָוועטישע שמות.

דער ייד אין סאָוועט־רוסלאנד איז א טעמע פאר זיך, און איך בא־נוגן זיך היינט מיט עטליכע הויפּט־שטריכן, וואָס פאר חברה ליטעראַטן און פאר טיפערע לעזער וועט דאָס דערווייל זיין גענוג.

יוני — אָקטאָבער 1921.

אין דער היים

(פון טאג-בוך).

איך דער היים.

מען זאָל קיין מאָל ניט פאַרלאָזן די היים אויף א צו לאַנגע צייט. וואָרום עס קען מיט אייך פּאַסירן די מעשה מיט חוני המעגל, וואָס איז אַנגעשלאָפן זיבעציק יאָר אונטער א בוים, און, ווען ער האָט זיך אויסגעשלאָפן, האָט ער שוין זיינע אייגענע אייניקלעך ניט דערקענט.

דו גייסט דורך די גאַסן פון דיין קינדהייט ווי א פרעמדער, דו זעסט פּנים׳ער און הערסט שטימען, וואָס דוכטן זיך דיר אוים אזוי באַקאַנט און אזוי פרעמד. אַלץ ארום שלאָגט דיר אין הארצן, רופט אָבער קיין אָפּקלאַנג ניט אָפּ, אָדער וועקט בא דיר אזוינע טענער, וואָס זיינען דיר סיי נאָנט, סיי ווייט, סיי טייוול, סיי מענטש, סיי לעבן, סיי טויט.

דו קוקסט זיך טיפער איין אין געשטאַלטן, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין דיין זכרון מיט אַלע סימנים פון יוגנט און יונגער פרישקייט, און זעסט גיכער א קאַריקאַטור פון א מענטשן, ווי א ליב בילד.

די צייט, וואָס דו ביסט געווען ווייט פון דער היים, האָט עפּעס באַצויגן די מענטשן, די ערינערונגען פון דער קינדהייט מיט א שפּינוועבס, צעבראָכן די ליניעס, פאַרצויגן די לעבעדיקע אויגן און פאַרטונקלט דעם גלאַנץ פון אמאָליקער יוגנט.

ווען איך גיי דורך די גאַסן איצט, דוכט מיר, איך זע מיינע קאָוונער, ווי מען וואָלט זיי אין ניעמאַן ארונטערגעלאָזן, און איך קוק אויף זיי דורך א וואַסערוואַנט, אָט אזוי קרום זיינען די ליניעס, אזוי פאַרלויפן איז דאָס אמאָליקע פרישע בילד, וואָס אין זכרון איז דאָס געשטאַנען קלאָר און לויכטנדיק.

און ווען איך שטיי אקעגן די אַלעקסאָטער בערג, ניט ווייט פון גאַי, און האָב הנאה פון דעם שיינעם סוף־ווינטער־פּייזאַזש, וואָס האָט באַצויבערט שוין ניט איין קאָוונער נשמה, טראַכט איך בא זיך: אויך איך בין אַנ׳אַנדערער געוואָרן פאַר מיינע לאַנדסלייט, אויך אויף מיר קוקן זיי ווי דורך א וואַסער־וואַנט, אויך מיין געזיכט איז א פאַרלויפענע פאַר זיי און זעט אוים ווי א קאַריקאַטור אויף דעם פריערדיקן יונגנמאַן, וואָס האָט שפּאַצירט אמאָל ביים ניעמאַן א האָפערדיקער און א פאַרטראַכטער.

די, וואָס קומען אין אַ היים נאָך אַ לאַנגן וואָגלען איבער דער וועלט, פילן ממש בחוש, וואָס הייסט עלטער ווערן. און גערעכט זיינען טאַקע געווען אונזערע זיידעס אמאָל, וואָס האָבן זיך און די קינדער אייביק גע־האַלטן ניט ווייט פון זייער בית־המדרש׳ל. אָט די דאָזיקע האָבן ניט גע־קענט דעם טעם פון עלטער, ווייניקסטנס ניט אזוי פרי ווי מיר.

איך טראַכט, וואו נעמט מען די צאַרטע פרויען־נשמה, ווי למשל די לעגענדאַרישע פאַרזעסענע כלה, וואָס האָט אייביק געוואַרט אויף איר פאַר־וואָגלטן באַשערטן? בלויז אזא נשמה באַהאַלט אויך אין צענדליקער יאָרן אַרום אין איר האַרצנס גערעכניש דעם איינעם ניט פאַרלויפענעם פנים פון איר אַמאָליקן יונגנט־געליבטן... די פאַרזעסענע כלה איז אָבער נאָר אַ מעשה, און איר האָט זיך געעלטערט מיט אַלעמען צוגלייך, איר האָט דער־פילט אליין דעם טעם פון אַלטקייט און אַלץ אַרום איז פאַר אייך צו פרי באַצויגן געוואָרן מיט דעם שפּינוועבס פון אַלטקייט.

און דערום, — רייסט זיך ניט אויף אַ צו לאַנגע צייט פון אייער היים, פון אייער גערטל, וואו עס האָבן אָנגעהייבן בליען אייער קינדהייטס־ און יוגנט־בלומען.

פעווראַל 1921.

צווישען צוויי וועלטן.

איך בין געקומען פונם לאַנד, וואָס איז כמעט אַ גן־עדן, וואָרום מען גייט נאַקעט און באָרועס, און קיין עפּל עסט מען ניט. די חוה׳ס ווייסן נאָך ניט פון שלעכטס און בייז, מען ווייס ניט פון חופה וקדושין, און פון דרשה־געשאַנק ווייס מען אויך ניט. און פונקט, ווי אַמאָל אדם הראשון, גיט מען אַלץ אויף דער וועלט נעמען. למשל, גלאַווקאַטאַפּ, צענטראַסבאַרק, קאַמ־אינטערן און יעוואַבשעסטקאַם.

און אַריינגעפאַלן בין איך אין אַנ׳אָרט, וואו עס לעבן כסדר די אַרויס־געטריבענע פון גן־עדן, די אומגליקליכע אדמ׳לעך, וואָס שלעפּן זיך אַרום מיט זייער הויזגעזינט פון אַכסניה צו אַכסניה, און וואָס טוען זיך אָן אַ כח, אַז די פייגנבלעטער זאָלן זיין געניייט לויט דעם לעצטן מאָדעזשורנאַל.

איז טאַקע זייער ניט גוט. וואָרום דאָ איז שוין געווען די מעשה מיטן טורם פון בבל. צעמישט זיינען די שפּראַכן, צעמישט זיינען די געדאַנקען,

און אלע טאָג ברייַנגען די צייַטונגען ראַדיאָס, וואו עס ווערן כסדר צע־מישט אלע יוצרות.

איז מען דאָך אָבער מער ניט ווי א בשר ודם! ציטערט מען און פלאַ־טערט מען, און מען האָט מורא פאר דער מעשה סדום, און מען זוכט כסדר די צען צדיקים, וואָס זאָלן ראַטעווען די שטאָט פון שוועבל און פעך.

אודאי איז שוועבל־פעך א וויכטיקע סחורה, און מען קען דערבײַ א סך פאַרדינען, אז נאָט גיט. אָבער ווערן באַגראָבן אונטער שוועבל און פעך איז ניט קיין אָנגענעמע זאַך.

זוכט מען, ווי מען זאָגט הײַנט, זיך צו אָרגאַניזירן, ד. ה. ארויסגע־פינען די שטאַרקע מענטשן, די צדיקים, וואָס ווילן נעמען די לייצעס אין די הענט און מאכן פון דער סדום־שטאָט א ירושלים דליטא. איז די מעשה ניט אזוי אייַנפאַך. איין צדיק האָט מען שוין געפונען, אָבער קיין מנין צדיקים זייַנען דערווייַלע ניטאָ. מאכט מען זיך ניט ווויסנדיק און כ׳ען טיילט אוים אויף אלע זייטן כבודים, מאכט מען פון שטומע באַשעפעניש־ן למד־וואָווניקעס און שטעלט זיי אוועק אָן דער שפּיץ פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. זייַנען אָבער די למד־וואָווניקעס זייער באַשיידענע לייט און זאָגן: מיר זייַנען גרייט זיך ארומצוגאַרטלען מיט א שטריק און האַקן אין וואַלד האָלץ, מיר ווילן אָבער ניט נעמען קיין שום פאַראַנטוואָרט פאַר דער שטאָט סדום מיט זייערע לייט. הערט מען זיי, ווי דעם קאָטער, און מען מאכט זיי פאַר פּרעזידענטן און גרויסע לייט.

און עס הייבן זיך אָן די אסיפות. קומען די מענטשן מיט די צע מישטע שפּראַכן און ריידן, און ריידן, און ריידן... הלואי וואָלטן זיי שוין שטום געוואָרן! ״טענה׳ן די גאָטספאַרכטיקע, אז כל זמן יידישע ווייבלעך וועלן גיין מיט זייערע אָפענע צעפּ, מוז אויף סדום קומען גאָטס שטראָף. שרייען די יונגע לייטלעך, אז כל זמן די יונגע ווייבלעך וועלן ניט זינגען דעם זמרל פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלן אלע אונזערע קינדער אויס־וואַקסן מיט א ריפּקוכן. הייבן אָן די אַלגעמיינע ציוניסטן צו דונערן אין דער ספרדישער אויסשפּראַך ״עוד לא אבדה״ און די אסיפות ענדיקן זיך דערמיט, אז מען זאָל צונויפרופן א צווייטע אסיפה.

הייב איך אָן נאָך אזוינע אסיפות צו בענקען נאָכן גן־עדן, פון וואַנען איך בין געקומען. אַ גאָטעניו, ווי שטיל איז דאָרטן געווען! מען איז גע־לעגן ווי אין א קאַסטן, ווי אדם הראשון אין שלאָף, בשעת מען האָט פון אים פאַסן געשניטן. מען האָט געלעבט ווי די פויגעלעך, וואָס האָבן ניט געפלאַנצט, ניט געזייט און געזויגן חיות פון די האָבער־קערנער, וואָס א זעקלניק האָט צופעליק פאַרשאָטן. ניט קיין אסיפות, ניט קיין צעמישטע שפּראַך, ניט קיין ברכה, ניט קיין קדוש. נאָר איין לענין האָט געקינינגט אויף דער וועלט, ווי, להבדיל, גאָט ברוך הוא אין די וואָלקנס.

איז אָבער די שטאָט סדום אזא סם, אז עס ווערט שווער צו שיידן זיך פון אירע בייגל און בולקעס, פון פאלקאווסקי׳ס שלאָפשיך און מאר־קוסעס נענזנש. שאָקלט זיך דיין נשמה צווישן צוויי וועלטן און פארגייט פון א ביינקעניש אָן א נאָמען און אָן א וואָרצל.

איז אָבער גאָט א טאטע, קען ער דאָך ניט צוזען דעם צער פון א יידן, מאכט ער א פורים און הייסט אונז יידעלעך פרייליך זיין און זינגען לעבע־דיק און האָפערדיק א "שושנת יעקב".

און דאָס איז דאָך שוין ידוע, אז אין חזניש איז ניטאָ קיין פּאַרטייען, א "שושנת יעקב" זינגט מען סיי אין ראטן־רוסלאנד, סיי אין דער שטאָט סדום.

ווארט איך שוין אויפן פורים מיט אומגעדולד און פארזאָרג זיך שוין באצייטנס מיט מאָן און א גראגער.

און ווער עס פילט מיר מיט, זאָל דאָס אייגענע טאָן און געפינען זיין טרייסט נאָך פאר פרשת "נחמו".

מערץ 1921.

לעבן זאל די פּראָווינץ.

אין דער פּראָווינץ איז א מחיה צו לעבן. מען איז ניט, חלילה, ווי א זעמדל ביים ברעג טייך. — יעדער בא זיך און ארום זיך איז א גאנצער "יא טעבע דאם" — שפּילט עמיצער פון די פּראָווינץ־מענטשן פידל, מעג אפילו יאשע חייפעץ די כפרה פאר אים זיין; פּויקט א פריילין איבער די קלאַווישן, קענט איר שוין זיכער זיין, אז דאָס וואקסט א טערעזע קארענאַ; דער קעלמער מגיד איז א חדר־ייִנגל אין פארגלייך צום שטאָט מגיד אין דער פּראָווינץ. און די רעדנער סיי בא די רעכטע, סיי בא די לינקע, האלטן זיך גרעסער פאר א זשאבאָטינסקי׳ן און א טראָצקי׳ן. איר געפינט דאָ פּאָליטיקער וואָס מאכן חוזק פון די בלומרשטע אנטאנטע־דיפּלאָמאטן, וואָס קומען ניט נעמען בא זיי קיין לעקציע אין חכמת הפּאָליטיקע; און ווען א רעוואָלוציאָנער שברעוואָלוציאָנערן ווארפט ארויס א פּראָקלאמאַ־ציע לכבוד אנ׳אלגעמיינעם בורזשויסקן יום־טוב, איז ער בטוח, אז סאָוועט־רוסלאנד וועט אים דאָס אזוי גיך ניט נאָכמאכן.

אין דער פּראָווינץ זיצט זיך איטליכער ווי א יאדרע אין נוס. ער איז אזוי גאנץ בא זיך; אז ער זעט שוין ניט קיין צווייטע נאָגצקייט ארום זיך.

און עס איז טאַקע קיין צווייטע גאַנצקייט ניטאָ. וואָרום דער רבונו של עולם האָט דער פּראָווינץ געגעבן פון אַלצדינג נאָר איין אייינציקן עקזעמפּליאַר, די סך'ן עקזעמפּליאַרן האָט ער צעוואָרפן איבער די גרויסע שטעט. פאַר דער פּראָווינץ האָט ער נאָר איבערגעלאָזן צו איין מוסטער פון איטליכן מין. — איין בונדיסט, איין ציוניסט, איין פאַרשוין צווישן ווייבער, איין בעזדעטניק, איין הפקר־מיידל, איין פּאָעט, איין כלל־טוער א. א. ווייטער...

חוץ קרעמער, מיט וואָס דער אויבערשטער האָט די פּראָווינץ א ביסל ברייטער פאַרזאָרגט, — האָט ער איר מזכה געווען מיט לויטער אייינציקע מוסטערן.

ער האָט זי אַרויסגעלאָזן פון זיין שעפער־האַנט, ווי א אַמאָליקער לאָדזער פאַבריקאַנט פלעגט אַרויסלאָזן זיין קאָמי־וואָיאַזשער, — מיטן טשעמאָדאַן פון לויטער מוסטערן. אין דער פּראָווינץ פילט זיך יעדער ווי א מוסטער־אַרטיקל, פריי פון איטליכער קאָנקורענץ, פריי פון וואָס עס איז פאַר צוגלייבעניש.

און אויך די סך'ן קרעמער ליידן ניט פון קיין צו גרויסע עניות — וואָרום ווי לאַנג איז מען א קרעמער? פון 9 אינדערפרי ביז 9 באַנאַכט. און דערנאָך ווערט מען א מוסטער־אַרטיקל צוגלייך מיט אַלעמען.

מאַכט זיך אַמאָל אַז די טוכענע, ציצענע און זיידענע פּראָבע־מוסטערן דאַרפן זיך צוזאַמענייען אין איין קאָלדרע. ווערט דאָס תיכף מיד געמאַכט. קיין וואַרעמע קאָלדרע קומט דערפון ניט אַרויס, אָבער א שיינעם באַפּוצונגס טעפּיך באַקומט איר פּאַרט.

דער איין־אייינציקער מיט דער קורצער ראיה, דער איין־אייינציקער מיט דער ווייטער ראיה, דער מאַן מיט די זעקס פינגער, דער הינקעדיקער, וואָס האָט די קורצסטע לינקע פוס, דער שאַרפער מח, דער שענסטער הדרת־פנים, דער גרעסטער בעל־יסורים, דער גרעסטער בעל־זכרון, ווי דער, וואָס איז אויסגעווען אַלע בעדער אין דער וועלט, — אַלע, אַלע פּאַראייניקן זיך אין איין טעפּיך און לויכטן פאַר דער וועלט אין אַלע רעגנבויגנדיקע פאַרבן. א באַהאַנגענע מיט א טעפּיך לויכט זי פאַר דער גאַנצער וועלט, און די וועלט, וואָס האָט זיך אירע אייגענע זאָרגן, איז מקנא דער פּראָווינץ, וואָס האָט אַזא שפע, וואָס פאַרמאָגט אַלץ וואָס עס האָט נאָר א נאָמען.

איז טאַקע א מחיה צו לעבן אין דער פּראָווינץ! מאַכט זיך אָבער אַמאָל א מעשה שטן, אַז די פּראָווינץ ווערט איבער נאַכט א מלוכה־שטאַט, מען פאַרלאַנגט גאָר מיט אַמאָל ניט קיין טעפּיכער, צוזאַמענגענייט פון מוסטערן, נאָר א פשוט'ע בלויע וואַטאָווע קאָלדרע, — און אין דער פּראָווינץ הייבט זיך אָן א גרויסער פּלאָנטער.

— געוואַלט, — שרייט די מלוכה־שטאַט, — גיט אונז צוויי לייט

מיט ווייטע ראיה'ס, צוויי שארפע מוחות, צוויי בעלי יסורים פון צרות אנגעלערנטע!

ענטפערט די שטאט: — מיר זיינען נאר לויטער מוסטערן, און האבן פון אלץ נאר איין פראבקע.

שרייט ווידער די מלוכה־שטאט: איך בין שוין ניט די פראווינץ, פון א פראבקעלע־טוך קען איך זיך קיין היטל ניט מאכן! —

זאגט די פראווינץ: — אין א "תיפלה" שטייט מען אן א היטל, און א ייד איז יוצא ווען ער דעקט צו די קאפ מיט די הענט. און מיר האבן ר' חיימען, וואס האט די גרעסטע האנט אין דער פראווינץ.

און עס ווערט א גרויסער פלאנטער. — ביידע זיינען גערעכט, ווארום לויט א פראנצוויזישן מאמר חז"ל קען אויך די שענסטע מיידל ניט געבן מער, ווי דאס וואס זי האט.

און די פראווינץ - לייט הערן ניט אויף צו טענה'ן; לעבן זאל די פראווינץ, און דוקא די פראווינץ!

פעווראל 1921.

א שטאט וואס האט א פנים.

ניט אלע שטעט האבן א פנים. אדרבה, ס'רוב פון זיי האבן בכלל קיין פנים ניט. זיי מאכן אויפן דורכפארנדיקן קיין שום איינדרוק ניט, און ווי באלד מען איז אפגעפארן פון איר א פאר סטאנציעס, פארגעסט מען שוין לגמרי סיי אן דער שטאט, ווי אן די מענטשן אין דער שטאט. די דאזיקע שטעט זיינען אנ'ערך ווי דער נאמען איטשע מאיר אין א פוילישן מקום. אין איטליכן בית־המדרש געפינט איר מנינים איטשע־מאיר'ס, און דער שמש, וואס רופט זיי אויף, יוערט אפטמאל אזוי מיאוס און מיאוס איבער צוחזר'ן כסדר אלץ איין נאמען, אז ער חלומ'ט שוין אין די זומערדיקע נעכט, ווי גוט עס וואלט געווען אויפצורופן אמאל לתורה, למשל, אנ' אלעקסאנדר מוקדון, אדער א מירעלע פון דוד בערגעלסאנ'ס ראמאן א. ד. גל.

א שטאט אן א פנים דערמאנט דעם קאוונער טויב־שטומען בעטלער "פישקע בעזנאס", וואס איז שוין, אגב, געקומען פון ראטן־רוסלאנד און פירט ווייטער זיינע אמאליקע עסקים צווישן אונזער בני - רחמנים.

א שטאט אן א פנים איז געווען אמאל אויך קאוונע. אן א פנים האט זי גאט צו דאנקען אפגעלעבט, לויט די אלטע פנקס'ן, שיינע עטליכע הונ-

דערט יאָרן. זי האָט געהאַט דעם מזל פון די בידנע קינדער פון גרויסע טאַטעס, וואָס קומען קיינמאָל צו זיך ניט, וואָס קענען קיינמאָל ניט בײַ־שטיין קעגן דעם טאַטעס גדלות. פון איין זייט האָט צוגעפּלאַטשט איר פּנים ווילנע, ירושלים דליטא, מיט איר ווילנער גאון, אירע גרויסע משכי־לים, תקיפ׳ע עסקנים און פּרנסים. פון דער אַנדערער זייט איז זי געווען צו נאָנט צו מענדעלסאָנ׳ס חדר, צו די בערלינטשיקעס, צו גינשפּריג און מעמל, וואָס האָט איר בשום אופן ניט דערלאָזן צו אַנטוויקלען אַנ׳אייגענעם פּנים.

אין דעם נאַטור שטייט אָבער קיין זאַך ניט אויף איין אָרט. איז קיין וואונדער נים, וואָס שטעט פון א "פּישקע בעזנאָסע" באַקומען מיט אַמאָל אַ פּנים, און נאָך וואָס פאַר א פּנים!

אין דער צייט פון דער אייראָפּייאישער מלחמה, וואָס האָט זיך, דוכט זיך, נאָך אַלץ ניט געענדיקט, זײַנען חרוב געוואָרן אַ סך שטעט און שטעט־לעך. עס זײַנען אויך אויסגעשטאָרבן די גרויסע טאַטעס, וואָס לאָזן ניט אויסוואַקסן די יונגע קינדער. למשל, ווילנע האָט אויפגעהערט צו קוועטשן דעם יידישן עולם אין קאָוונע. אויך גינשפּריג איז געוואָרן ניט דער ערך ווייט פון אַ קאָוונער יידן, וואָס האָט ניט קיין פינף טויזנט מאַרק קויציע אויף אַ דײַטשער וויזע. צוגלייך איז קאָוונע, אַלץ צוליב ווילנע, וואָס זשעליגאָווסקי קיניגט אויף איר, געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון אַ מלוכה. און זי האָט אַ יידישן מיניסטער, אַ יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, אַ צענדליקער קאַנצעלאַריעס און אַ טויזנטער ביוראָקראַטן מיט לעדערנע פּאָרטפּעלן אונטערן אָרעם. אין איטליכן ווינקל קענט איר זען פּאָנעס פון אַלערליי אויסלענדישע מיסיעס, און איבער די גאַסן שפּרייזן שטאָלץ און גרויס־אַרטיק אַלערליי מונדירן. און קאָוונע האָט באַקומען אַ פּנים, און נאָך וואָס פאַר אַ פּנים.

עס זײַנען דאָ שטעט, וואָס זייער פּנים ווערט אינגאַנצן באַפאַרבט פון דעם אינסטיטוט, וואָהין עס לויפן זיך צונויף אַלערליי מענטשן. למשל, אין די קליינע דײַטשע אוניווערזיטעט־שטעט, אין היידעלבערג, גיסען, מאַרבורג, א. א. וו. האָט אַלץ אַ פּנים פון אַ סטודענטן אָדער אַ פּראָפעסאָר, ווייטער, אין אַנדערע, ווי למשל, אין וואַשינגטאָן, קריגט אַלץ דעם אויס־זען פון אַ הויכן ביוראָקראַטן, וואָרום דאָרטן איז דער אָרט, וואו עס גע־פינט זיך "דאָס ווייסע הויז", דאָס אַמעריקאַנישע פּרעזידענטן-געסל.

קאָוונע האָט אַ פּנים פון אַנ׳אָרט, וואו עס קומען זיך צונויף אַלערליי אויסלענדישע מחותנים, למשל, ווי אַמאָל דער חתונה־זאַל אין לאַנד־וואָראָווע.

אויף טריט און שריט זעט איר אַלערליי געסט, וואָס קומען אַליין, אָדער וואָס זײַנען פאַרבעטן און וואָס קלאַפּן שטאָלץ און יום־טוב׳דיק

מיט זייערע שפּאָרן אויף די קאָוונער טראָטואַרן... אויך די יידישע געסט פון אַמעריקע, ווי דער "דזשאָינט", "היאַס", "רעליעף" זיינען אַזוי ווי מחותנים, וואָס זיינען געקומען צו אַ חתונה, און וואָס ברענגען מיט אין די טשעמאָדאַנען אַ שיינעם דרשה־געשאַנק. ובכן, האָט קאָוונע, שונאים אויף צופּוקעניש, שוין גאָט צו דאַנקען אַ פּנים.

און אַזוי ווי קאָוונע איז איצט אַ חתונה־זאַל, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז געסט קומען ניט האַלטן דרשות און האָבן ניט קיין עסקים מיט דעם עולם, וואָס שטייט בא די פענסטער.

לויט דעם היינטיקן פּרצוף פון קאָוונע קען דאָ זיך ניט אַנטוויקלען דאָס וואָס מען רופט "קאָקעטעריי מיט דער עפנטליכקייט". אַלע, אַלע, פון די העכסטע ביז די קלענסטע, פילן זיך עפּעס אָפּגעריסן פון דער גאַס, דורך וועלכע זיי פאָרן אַלע ווײַלע דורך אויף אַוטאָמאָבילן אָדער קאַרע־טעס מיט גומענע רעדער.

אויף איטליכם פּנים ליגט עפּעס אויסגענאָסן אַ סוד, וואָס ווינקט מיט די ברעמען: היינט בין איך דאָ און מאָרגן דאָרטן, היינט אַ גאַסט, און מאָרגן אין דער היים — אַ ביבל־קריטיקער, אַ צאָן־דאָקטער, אַ ביזנעס־מאַן, אַ מאַן פון אַ מרשעת און אַ פּאַטער פון ניט חתונה־געהאַטע טעכטער א. א. וו.

יאָ, קאָוונע האָט באַקומען אַ פּנים, אַ ביסל ענליך צו אַ וואַשינגטאָן אין די ווינדעלעך. מיט דער עפנטליכקייט רעדט מען ניט אין וואַשינגטאָן, נאָר אין ניו־יאָרק.

שוין צייט צו באַקומען וואָס גיבער ווילנע, יאָ, שוין צייט...

מערץ 1921.

סדרה קרח.

אַמאָל איז געווען אַ פּעכאָטנער מגיד, וואָס האָט נעבעך נאָר געקאָנט איין דרשה אויף סדרה קרח. קומט ער אָבער אין אַ שטעטל בא אַן אַנדער סדרה, למשל, ויקהל, מאַכט ער דעם אָנשטעל, שוין שטייענדיק אויף דער בימה מיטן טלית איינגעוויקלט, אַז די שמעק־טאַבאַק־פּושקע איז בא אים פאַרפאַלן געוואָרן פון די הענט, צעבייזערט ער זיך מיט די ווערטער "אין דר'ערד איז זי אַריין פּונקט ווי קרח", און דערקלערט דעם עולם, — "היות ווי מיר האָבן שוין דאָ דערמאָנט קרח'ן, וועל איך אייך זאָגן אַ דרשה אויף סדרה קרח.

דער דאָזיקער מגיד, זאָגט מען, האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן, און צו א צווייטער דרשה האָט ער ניט געדארפט אָנקומען.

איז דער דאָזיקער פּעסבאָטנער מגיד, וואָס פלעגט שפּרייזן אין בלאָטעס צו פוס פון איין ק״ק צו דער צווייטער, שוין איצטער א שוכן עפר, און איך וויל, חלילה, קיין שלעכטס אויף אים ניט ריידן.

מאכט זיך אָבער, אז עס איז אויף מיר אזא קריינק ארויף, א מין האלוציניאציע, ווי די געלערנטע גויים זאָגן, אז איך טרעף אויף איטליכן טריט דעם דאָזיקן פּעסבאָטנעם מגיד. אייגנטליך, ניט אים אליין, ווי זיין בידנעם מזל. אומעטום זע איך מענטשן, וואָס קאָנען ניט מער אויסנווייניק ווי איין פרשה, און דווקא מכח דער סדרה קרח, און די דאָזיקע לייט זיינען אויך אזוינע פּעסבאָטנע מגידים, נאָר היינטיקע. זיי דרשנ׳ען אין די חברות, אויף מיטינגען, זיי פאָרן ארום איבער די ק״ק׳ן און לויטער זיי האלטן איין איינציקע דרשה מכח קרח און זיין שיינער כנופיה.

מאַכט זיך אמאָל, מען קומט זיך צונויף נייען תכריכים פאר אָרעמע לייט, — שפּרינגט שוין ארויף אזא מגיד, בא וועמען עס פאלט כסדר אראָפּ די שמעק־טאבאק־פּושקע, און דו אוספּייעסט ניט א הוסט צו טאָן, ווי ער זיננט שוין א דרשה וועגן דער סדרה קרח.

בין איך די טעג געווען אויף אנ׳אסיפה, וואו מען האָט געטראכט זאמלען ליטווישע לעגענדעס, מעשיות, אנטיקן, בילדער א. ד. גל. און שוין נאָך די ערשטע שמועסן איז ארויף דער פּעסבאָטנער מגיד און זיך צערעדט וועגן דער סדרה קרח. וואו איך גיי און שטיי, וואו נאָר עס געפינען זיך א מנין יידן, — אומעטום דערזע איך דעם פּעסבאָטנעם מגיד, וואָס קלאַפּט אָפּ ווי א מזמור, זיין דרשה אויף סדרה קרח.

דאָקטוירים, צו וועלכע איך בין זיך געגאנגען קורירן, האָבן מיר אפילו געטרייסט: בא היינטיקע ציימן איז גאָר קיין וואונדער, וואָס די סדרה גייט ניט ארויס פון בעל־דרשנ׳ס מויל. וויים דאָך די גאנצע וועלט, אז קרח און זיין סוויטע האָבן געוואָלט מאכן א באָלשעוויסטישע איבערקערעניש קעגן משה רבינו׳ס אימפּעריאליזם! און דער היינטיקער מגיד איז שוין ניט קיין מגיד, נאָר א מענטש פון די לינקע פּארטייען, על־כן איז די סדרה — די מאָדערנסטע, און מען דארף שוין אפילו קיין שמעק־טאבאק־פּושקע ניט האָבן, צו מאכן עפּעס א אָנשטעל.

מיינט איר, אז דאָס מאכט מיר לייכטער? פּונקט קאַפּויער. אין מיין קראנקער פאנטאזיע וואקסט אויך דער דאָקטאָר אוים אין א מענטשן, וואָס דרשנ׳ט, ווי דער פּעסבאָטנער מגיד.

און די סדרה קרח איז מיר אזוי נמאס געוואָרן, אז איך גיי שוין ניט ארוים פון שטוב; אָבער אין דער היים האָב איך אויך קיין רו ניט, וואָרום צוליב דער איינגשאפּט, אין וועלכער מען וואוינט איצט, איז מען

ניט זיכער, אז נעבן דיין בעטל זאָל ניט ליגן א פּעבאַטנער מגיד, וואָס ווייס נאָר איין איינציקע דרשה וועגן דער סדרה קרח.

ווייס איך, אז קאָווגע ווארט אויף א נערוון־דאָקטער, וואָס דאַרף די טעג קומען פון ווילקי, — האָף איך, אז ער זאָל מיר נעבן עפּעס א מיטל זיך צו באפרייען פון מיין קריינק, אפשר וועט ער מיר פאררייזן, (היפּ־נאָטיזירן רופן דאָס די געלערנטע גויים), אז איך זאָל טויב ווערן אויף עטליכע חדשים, ד. ה., ניט הערן די רייד פון קרח־מגיד. נאָר זען זיינע טאַטן, קוקן מיט א מענטשן־פריינדליכן פּנים — און אזא בין איך, — ווי ער נעמט די קאָפּעקעס פון דער קערה, אָדער — ווי די הייגטיקע מגידים זאָגן, — ווי ער פארפעסטיקט זיינע פּאָליטישע פּאָזיציעס אין די ק״ק׳ן פון ליטע און זאמוט.

אַי, זאָל שוין גיכער קומען דער דאָקטער פון ווילקי!!

מערץ 1921.

די אייביקע מחותנים.

(א ברוך־הבא די אַנגעפאָרענע ליטעראַטן).

אין קאָוונע זיינען אין דער לעצטער צייט אָנגעפאָרן א סך מענטשן, איינענע און פרעמדע, נאָנטע און ווייטע, יונגע און אלטע. די קאָוונער קהלה האָט ווידער אמאָל געדריקט די האנט פון אונזערע אלטישקע מיט וועמען עס איז פארבונדן א שטיק קאָוונער קהל׳ש לעבן.

דער אלטער און ברייט פּאָפּולערער איסער בער וואָלף קיניגט וויי־טער אין סלאָבאָדקע, ר׳ דוד שערעשעווסקי, דער באליבטער און פּאָ־פּולערער זקן אין שטאָט, קאָמאנדעוועט ווייטער אין בית־היתומים; עס האָבן זיך אומגעקערט א היים די גרויסע קאָוונער אשת־חיל׳ס, די באַרימטע חכמות — חיה שרה זאלקעס און גיטל די זייפערקע. דער עלטסטער דאָק־טאָר אין שטאָט מייעראָוויטש באגעגנט ווידער מיט א גוט ווארם הארץ און מיט גזלנ׳ישע ברעמען זיינע פּאציענטן אין בקור־חולים. עס זיינען שוין דאָ כמעט אלע אמאָליקע שטאָטישע דאמען, וואָס האָבן געקאָמאנ־דעוועט אמאָל בא אונז לטובת אלערליי צדקה־חברות, פון דער אלטער מאדאם סאָלאָווייטשיק אָן ביז צו דער לעצטער פון די דאמעלעך, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער געזעלשאפט פאר בארמהערציקע ערשט

קורץ פאר דער מלחמה. בא דעם אלטן ליוקסעמבערגן קענט איר קויפן א טאָוועלע שאָקאָלאַד, און ווען איר דאַרפט א גוטן הילצערנעם מולטער, געפינט איר מאיר קאַנ׳ען אויפן מאַרק. דער מאַרק איז אייך שוין ניט פרעמד און וואו איר גייט און וואו איר שטייט דערזעט איר ווידער אַנ־אַלטן באַקאַנטן, מיט וועמען איר האָט זיך צעשיידט אין א בהימה־וואַגאָן בא ווילנע מיט טרערן און יאוש אין די בליקן און וועמען איר דערזעט איצט א רואיקן, א זאַטן, בא זיין אמאָליקער קראָם, בא זיין אמאָליקן טאָמבאַנק.

צוזאַמען מיט די אייגענע זיינען אָנגעקומען פרעמדע, ווייטע מענטשן וואָס גייען איבער די קאָוונער גאַסן נאָר מיט איין געדאַנק אין מח: ווי דערלעבט מען שוין צו קריגן די וויזע. פון לאַנגווײלע און זאַטע עסנס ווערן זיי מיט איטליכן טאָג פולער און בייכיקער. אין זייער האַרצן לעבט דער אומעט פון א מענטשן, וואָס איז שטיין געבליבן אין א מיטן וועג, און זיי ווייסן נעבעך ניט, אז דאָס איז א השגחה פון גאָט ברוך הוא, וואָס מאַכט זיי אין ליטע פעטער, בכדי זיי זאָלן קענען פאַרטראָגן דעם הונגער אין דייטשלאַנד, אין דער צווייטער הונגער־מלוכה נאָך דער ראַטן־מלוכה.

צווישן די אַלע אָנגעפאָרענע אייגענע און פרעמדע דרייען זיך אויך אַרום א הייפל מענטשן, וואָס זיינען אין ערגעץ ניט אין דער היים און וואָס ווערן אָפט אין דער פרעמד, אויף א רגע היימישער, ווי אַמאָל אַנ־אַלטער איינגעזעסענער. איך מיין דעם דאָזיקן מין מענטשן, וואָס די וועלט רופט זיי אָן ליטעראַטן, פּאָעטן, קריטיקער, פּובליציסטן א. א. וו., האָט פאַר זיי פון דער ווייטן א ביסל אָפּשיי, נאָר בכלל האָט זי מיט זיי קנאַפּע עסקים, און דערמאָנט זיך נאָר אָן זיי דערנסטמאָל, ווען איינער פון זייערע יונגע קלערט אויך צו ווערן א שרייבער, ליטעראַט, קינסטלער, וועלט־צי־גיינער, און דאָס גל. דאַמאָלסט ווערט זי אש להבה און שיט מיט זלזולים. אָט די דאָזיקע לייט, וועמענס נעמען עס חזר׳ן זיך אַלע ווײלע איבער אין די צייטונגען, אויף די אַפּישן, וועמען עס קען א וועלט און אין דער אמת׳ן קען זיי קיינער ניט, — אָט די לייט דרייען זיך אַרום איבער די קאָוונער גאַסן מיט אַזוינע אויגן און מיט אַזא נאָז, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסנישטערן די גאַנצע שטאָט. אָט די דאָזיקע פרעמדע מענטשן שיפּן זיך אויף שיפלעך און קענען זיך ניט זאַט אָנקוקן אויף א ליטווישן פּייזאַזש, זינגען לויב־לידער דעם ניעמאַן, און זוכן די שריים פון אַנ׳אַלטן שרייבער, וואָס האָט אַמאָל געלעבט און געחלום׳ט אין א סלאָבאָדקע. איר קענט זיי געפינען שטיין בא אַלטע מצבות, אויף די בית־עלמינ׳ס, איר געפינט זיי אין דער אַלייע פון מיצקעוויטש׳ן, בא א פּויערש־הייזל, אָדער אויף דעם באַנק פון דעם 200 יאָריקן דעמב, ביים שטיבל פון א גרויסן פּוילישן פּאָעט. איר זעט זיי אין אַזוינע לעכער, וואו אויך די אָפּטיילונג פון די פּליטים ביים נאַציאָנאַל־ראַט שמעקט ניט אַריין. איר געפינט זיי בא די חורבות פון אַל־

טע בתי־מדרשים און היסטאָרישע דיינקמאָלן, איר זעט זיי אין די סלאָבאָדקער ישיבות, בא די מוסר'ניקעס, וואו ר' נאָטע הירש דרשנ'ט מיט גרויס נחת פאר זיינע תלמידים און פאר זיין באָרד. קורץ און נוט, וואו נאָר איר ווילט, קענט איר די דאָזיקע גרופּע זען. וואָרום זי איז באשיינקט פון מזל מיט מאָדנע סימפּאטיעס. זי גייט גראד אהין, פון וואנען א קאָוונער לויפט ווי פון א רויך. זי קוקט גראד אויף אזוינע זאכן, וואָס קיין אָנשטענדיקן קרעמער קען דאָס ניט אינטערעסירן. און אירע אנטיפּאטיעס זיינען אויך ניט מענטשיש. זיי האָבן פיינט טאבלערס שאָקאָלאד, און שמאָקעווען זיך אָפּט מיט וואלפּ'ס ביר און אפילו מיט א פלעשל מאָנאָפּאָלקע. מיאוסע מיידלעך זאָגן זיי, אז עס לעבט אין זיי א געטליכע שיינקייט, וואָס דאָס קען נאָר דערזען א קינסטלערס אויג, און די קאָוונער יפה־פיות לאכן זיי אויס, ווייל זייערע געשטאלטן דערמאָנען ניט אָן די שטאָלצע מזרח־טעכטער, נאָר אָן די געמישן פון ווייס־רוסישן און ליטווישן טיפּ. ניט זייענדיק קיין קאָוונער, ברעכן זיי די קעפּ אויף דער יידיש־ליטווישער אויטאָנאָמיע, און, וואו עס ווערט נאָר באשאפן א געזעלשאפטליכער פּלאָנטער, האלטן זיי פאר זייער חוב זיך עזות'דיק אריינצומישן און צו מאכן א טאָלק. זיי פילן זיך פארבונדן מיט דער גאנצער וועלט און דערום האלטן זיי זיך פאר גרויסע גבורים און מיינען, אז זיי האָבן גענוג איבערפליסיקע כחות אומעטום צו זיין א מחותן, און אומעטום צו העלפן שטופּן דעם ראָד.

אָט דאָס דאָזיקע הייפל ליטעראטן, בא אלע זייערע חסרונות, (קען שוין זיין א גרעסערער חסרון בא יידן ווי ניט צו האָבן קיין אָפענעם געשעפט?) טראָגן אריין אין קאָוונע מער לעבן אָפטמאָל ווי א פּאָלקסשפּאציר אין שטאָט־גאָרטן. פּערקאָווסקי'ס קאפע און די יידישע "קעפּיקלעס" לייזן א סך געלט כאָטש בא מאנכע פון זיי איז דער בעסטער מאכל הערינג מיט אייער־קיכלעך אָדער אינגבערלעך מיט מארינאדן. עפּעס ווי פון זיך אליין הייבט אָן צו ברויזן אין אלע היגע קולטור־אנשטאלטן, און די, וואָס האָבן ביז אהער געשלאָפן, כאפּן זיך אויף ווי פון א ביס. דאָס האָט א ציטער געטאָן דער געוויסן. עס ווערן געבויט נייע אידייען, פּראָעקטן, א נייע ביינקעניש נאָך א שענערן, טיפערן לעבן, און פון די ווינקעלעך קריכן ארויס די יונגע לייט, ווי די פּרייסלעך, גרייט צו העלפן, גרייט עפּעס צו טאָן אונטער דער פירונג פון בעסערע, טיפערע.

אז עס באווייזט זיך א קאץ אין שטוב, פארשווינדן באלד די מייז און די ראצן. אָבער אז עס באווייזט זיך אין א מענטשליכער געזעלשאפט א פירער, א מדריך, א וועגווייזער, — קריכן ארויס צום ליכט אלע די דאָזיקע, וואָס האָבן געלעבט אין טונקלקייט, ווייל זיי האָבן ניט געזען דעם וועג צום ליכט.

דאָס הייפל ליטעראטן, וואָס דרייען זיך איצט איבער די קאָוונער גאסן,

פרישן אַפּ ניט ווילנדיקערהייט דאָס גייסטיקע לעבן אין קאָוונע. וואָרום איר דארפט וויסן זיין, אז אמת'ע ליטעראטן זיינען ווי א קאפעליע איי־ביקע מחותנים וואָס פּאָרן ארום פון שטאָט צו שטאָט און וואו נאָר זיי קומען ווערט שוין ממילא א חתונה... זיי האָבן א שייכות צו אַלץ, וואָס הייסט גייסטיקייט, נשמה, ליבשאפט, זיי טוען זיך גיך באַפריינדן מיט אַלץ, וואָס איז לעבעדיק, און קלייבן צענויף אָפּט דעם גאנצן דרשה־געַ־שאנק, וואָס איז נויטיק צו אַן'אַנשטענדיקער חתונה. איז אָבער פאראַן דרשה־געשאַנק, — ווערט שוין ממילא זיין א חתונה.

איך האָב זיי אָנגערופן אייביקע מחותנים. דאָס הייסט אָבער ניט, אז זיי ווילן נאָר טיילן דרשה־געשאנק, זיי ווילן אויך אז מען זאָל זיי אויפ־נעמען ניט ווי פרעמדע, נאָר ווי מחותנים, אז אומעטום זאָל מען זיי באגע־גענען מיט כלי־זמר, וואָס זאָלן אויפשפילן "וגם לכבוד".

ווערט איר דאָך פרעגן: ווי פּאסט דאָס פאר אזוינע טייערע מוחות צו פארלאנגען אזוינע נארישקייטן? איז דער תירוץ: א מענטש קען דאָך ניט באשטיין פון לויטער מעלות, האָבן חברה ליטעראטן א פעלער: זיי קענען זיך אָפּט ניט באגיין אָן "וגם לכבוד". זיי זאָגן, אז דער גאנצער פוסטער טאראראם פון די "וגם לכבוד'ס" בריינגט זיי אָפּט צו רוח הקודש, פאר־לייכטערט זיי דעם וועג פון צו זיין אייביקע מחותנים אין פרעמדע שטעט.

סוף כל סוף זיינען ליטעראטאָרן גאָר ניט קיין סוחרים. די מוזיק פון א "וגם לכבוד" איז שטענדיק וועלוועלער ווי דער דרשה־געשאנק פון א מחותן.

אפריל 1921.

די קצבישע קלויז.

ווען אלע הייזער, וואָס בויען זיך איצט אָפּ, וואָלטן געהאט מיילער, וואָלט נעוועז ניט אויסצוהאלטן.

איטליכע חורבה'לע, וואָס באקומט איצט א נייעם שינדל־דאך און א פּאָר נייע פענסטער, וואָלט אונז פארדולט דעם קאָפּ מיט אלערליי מע־שות... מיט מעשות פון דער צייט, ווען יידן האָבן זיך אָנגעהייבן בויען פון פישמארק אָן — אזש ביז פאיארקאַווס מויער, מעשות פון משיג־גבול זיין, מעשות וועגן שמאָלע פענסטערלעך, וואָס האָבן ארויסגעשיינט איבער ר' איציק וועלוול'ס נחלה, מעשות פון א צענדליק יורשים, וואָס קענען זיך ניט צעטיילן, פירן מחלוקות עטליכע דורות און צום אלטן מנין יורשים קומען צו נאָך עטליכע מנינים, מעשות וועגן גירוש־קאָוונע בעת די הייזלעך

זיינען געוואָרן פינסטערע אלמנות, מעשות פון דייטשן, וואָס האָבן צע־נומען די הייזער און פון איטליכער קליאמקע געגאָסן א קויל, מעשות פון מלוכות און מלוכה׳לעך, וואָס האָבן זיך פארקוקט אויף די שיינע קאָוונער מעבל און געשלעפט און געשלעפט א ברעט נאָך א ברעט פון דער פאַד־לאָגע, מעשות פון שרפות, ווען א יידענע איז געלויפן איבער די גאַסן און צוגעקוועטשט צום הארצן א פערנע, זוכנדיק א קראנקע מאמע, וואָס האָט זיך ניט ארויסגעראטעוועט, און עס איז געוואָרן פון איר א גל של עצמית, — א. א. וו. א. א. וו.

זיינען אָבער די אויפגעבויטע חורבות בטבע שטיל, און אפילו, ווען מען קלאַפּט אין זיי א האלב־ארשינענעם טשוואק, זיינען זיי שטום ווי די פיש.

אָבער עס זיינען פאַרט דאָ אזוינע חורבות, וואָס באקומען אמאָל לשון, א וואונדערליכן לשון, עפּעס אזוינס, וואָס כאַפּן נאָר אמאָל פרויען אין אלטע לייט. צו זיי געהערן ס׳רוב אזוינע בנינים, וואו עס איז ניטאָ קיין וואשטיש, נאָר א כיור, ניטאָ קיין בעטן און שלאָפביינק, נאָר די שמאָ־לע ברעטער, אויף וואָס עס זיצט אָפּ א פרוש 20 יאָר פונם יונגן לעבן זיי־נעם, עס זיינען ניטאָ קיין שפיגלען, נאָר אנ׳עמוד מעבב הקריאה, וואו אמאָל רייסט די טירלעך א פארצאָגטע, פארקלאָגטע מוטער, וואו אמאָל פארקוקט זיך א יונגער אָרעם־בחור, וועלנדיק באנעמען די וואָרצלען פון דער תורה.

אזוינע חורבות הערן ניט אויף צו ריידן אויך דאמאָלסט, ווען צווישן זייערע צעבראָכענע אויוונס לויפן ארום קעץ און הינט, ווען דער גאנצער מיסט פון די ארומיקע יידישע הייזער האָט זיך אָפּגעלאָדעוועט אין דעם אמאָליקן מקום־קדוש בערגלעך־ווייז. ווען דו גייסט פארביי אין די פאַר־נאכטיקע אָוונטן פאר אזוינע בנינים־סקעלעטן, הערסטו עפּעס שטימען, וואָס ריידן און ריידן, טוען דערמאָנען און דערמאָנען, און אָפטמאָל אויך שטארק מאָנען.

אין קאָוונע גייען איצט ארום בכבוד׳יקע לייט, מיט פנים׳ער פון קלויז־גבאים, מיט ברייטע לאָפּעטדיקע און שיטערע גרויע בערד, מיט מיוחס־שב׳דיקע טריט און באוועגונגען, מיט א פאר׳דאגה׳טער מינע, — און זוכן אויף אלטע בעלי־הבתים, די קינדער פון די אלטע, וואָס האָבן אמאָל גע־האט א שיכות צו א חורבה פון א געוועזענעם מקום־קדוש, זיי קלאַפּן מיט דער פושקע און קלייבן ציגל צו ציגל אויף אויפצובויען א שול, א קצבישע קלויז. אויך צו מיר זיינען זיי געקומען, צו מיר, וואָס איז שוין יאָרן — יאָרן לאנג ניט געווען אין א בית־המדרש, און בא וועמען עס זיינען נאָר געבליבן די קינדער־ערינערונגען וועגן א מקום־קדוש.

און די קצבישע קלויז האָט מיר מיט אמאָל אָנגעהייבן צו דערציילן

מעשות און מעשות אָן א שיעור. איך האָב דערזען מיט אמאָל לייבע פּאַק, וואָס פלעגט כל ימיו זאָגן ודוי מיט פראָסטע וויבער פאַר דער לעצטער מינוט זייערע, עס האָט זיך דערהערט מיט אמאָל דער אַלטער אומעטיקער און עקשנות'דיקער קול פון אברהם קעז, וואָס א גאַנץ לעבן אין פּריטיק־צו־נאַכטן איז ער געלאָפן איבער דער שטאָט און געהייסן די קרעמער צו־מאַכן די קראָמען צו ליכט־בענטשן.

ס'האָט א שיין געטאָן אין מיין זכרון די קופּער־רויטע באָרד פון לאַנגן, ברייטן ירוחם דעם שליפער, וואָס פלעגט ביים קלויז אַנידערשטעלן זיין שליפשטיין מיטן ראָד און זיך אוועקזעצן מיט גרויס כונה בלעטערן אין א זוהר, וואָס ער האָט נעבעך כל ימיו געוואָלט כאָטש פאַרשטיין די פּירוש־המילות. דער אויסגעדרייטער וועגדזשעגאָלער ייד, — א געשטאַלט פון מ. שאגאַל, וואָס פלעגט האַנדלען מיט לייפּציגער צעטלעך, און וואָס איז געווען אַנ'אַבאָנענט אויף קאָוונער בלאַטע אויף א גאַנץ יאָר, איז פלוצים אריין אין מיינע מחשבות. אויך ר' שלום דער פרוש, דער פריילעכער חסידישער למדן, וואָס האָט קנאַקנדיק געטאַנצט אין די פּאָר יידישע פריילעכע טעג, און וואָס האָט געהייסן דעם אַלטן דר. פיינבערג תשובה טאָן, אויב ער וויל האָבן עולם הבא, חוץ עולם הזה, — אויך ער איז מיר אריין אין די געדאַנקען, ווען ס'זיינען געזעסן בא מיר די גבאים פון קצבישן קלויז. איך האָב דערזען מיט אמאָל די פּאָר גבירים אין מזרח־וואַנט, איינעם א שטילן און א שווייגנדיקן, און דעם צווייטן — א פריילעכן, א באַ־ריידעוודיקן און א מעורב בין הבריות, און איך האָב זיך דערמאָנט וואָס פאַר א פּאָליטיקע עס איז געגאַנגען אין קלויז, ווען ר' יצחק אלחנן, דער קרוין פון קאָוונע, האָט געדאַרפט איינמאָל א יאָר, צום שבת פון חנוכת הבית, קומען דאַווענען אין דער קצבישער קלויז; וואָרום ס'איז שטענדיק געשטאַנען די הויך פּאָליטישע פראַגע, בא וועלכער זייט פון ארון־קדוש, וואָס האָט צעטיילט די מזרח־וואַנט, וועט שטיין מרא דאתרא, דער שטאָלץ פון ליטע — צי נעבן שווייגנדיקן, צי נעבן באַריידעוודיקן.

און צווישן אַלע די דאָזיקע געשטאַלטן וואַרפן זיך דורך צוויי פּנימער: דאָס פּנים פון פריילעכן בייביקן שיע'לע דעם מגיד, און יקותיאל דעם אויבער־שמש, וואָס איז געווען הויך, לאַנג־ביינערדיק און געהאַט א פעך־שוואַרצע באָרד, ממש ווי פון א מעשה־בוך. אָט דער שיעלע האָט כל ימיו פאַרבראַכט אין זיין יאַטקעווער נאָס, וואו די קצבישע קלויז איז געשטאַ־נען, און אפילו שמחת־תורה, ווען ער פלעגט זיך צעהוליען מיט א פּאַמעלע איבערן געסל, איז ער אויך עס קיינמאָל ניט אריבער. וואָרום דאָס געסל איז געווען דער תחום פון יידישקייט. סוף געסל זיינען שוין געווען די גלחישע קראָמען און דער גאָראָדאָוואָי ביים טראָטואַר.

אַלע די דאָזיקע געשטאַלטן זיינען אויפגעשוואומען אין מיין זכרון,

ווען ס׳זיינען געזעסן בא מיר די גבאים פון מיין פּאָטערס אמאָליקער קלויז, און דערזעענדיק די דאָזיקע שוין פּארוויסטע געשטאַלטן, האָב איך גע־טראכט: מען קען קוקן אויף א יידיש קלויז פון וועלכן שטאנדפּונקט מ׳וויל, פון תרבות׳יסטישן אָדער ארבעטהיימיסטישן, אָבער דאָס מוז מען מודה זיין: שטענדיק איז זי געווען אנ׳אָרט, א מקום מקלט פאר גרויסארטיקע כאראקטערן, פאר גרויסע פּליכטמענטשן, פאר מורא׳דיקע אָריגינאלן, פאר עכטע בולטע פאָלקס־פּערזענליכקייטן. נאָך עד היום האָט אונזער גאנצע פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע לעבן ניט באשאפן אזא סאזשעלקע, וואו ס׳קענען זיך אויסהאָדעווען ביז צום לעצטן הערעלע שטארקע פאָלקסטימ־ליכע פּערזענליכקייטן. זיינען אמאָל געווען די ערי־מקלט דער אָרט פון מענטשן, וואָס האָבן געזינדיקט בשוגג, — איז נאָך היינט דער בית־המדרש דער ערי־מקלט פון אלע די וואונדערבארע עקזעמפּליארן, וואָס ס׳ווארפט ארוים דאָס עכטע יידישע פאָלקס־לעבן. דאָרטן געפינט איר אויך די יידי־שע ארבעטער־פּערזענליכקייט שטארקער אויסגעדריקט אמאָל, ווי אין די קרייזלעך, וואו מ׳איז זיך מפלפל איבער מארקסן אָן א ארון קודש און אָן בעלעמער. ד. ה., אָן דער טויזנטיעריקער וואונדערליכער קולטור פון א הויך־גייסטיקן און שטארקן אָרעמעם פאָלק.

און דארום ריידן פאר פּאָעטן און אלטע לייט אזוי הויך אמאָל די חורבות פון א קצבישן קלויז, ווי פון אנדערע דאָסגלייכן.

אפּריל 1921.

געשפּרעכן מכּח ליטע.

I

איידער מיר גייען אריבער צו אונזער טעמע, שאדט ניט זיך צו דער־מאָנען אָן אונזער אַלטער מאַמען, יוכבד, וואָס פון איר געבענשטער טראַכט זיינען אַמאָל ארויס אַ פּאָלק פון 60 טויזנט בוינגנשיסער און רייטערלייט. ביז איצט איז אונזער גאַנצער געדאַנקען געלייגן אין די מעשות פון קפיצת הדרך: היינט דאָ און מאָרגן דאָרטן. איצט אָבער, ווען מיר לעבן אין אַ צייט, ווען עס שטייען אויף צו אַ נייעם לעבן קליינע פעלקער, ווען די ערד ווערט צעטיילט שטיקלעך־ווייז צו ליטווינער, לעטן, גרוזינער, אַר־מענער, טשעכאָ־סלאָוואַקן א. א. וו. — איז שוין אַ צייט אַ קלער צו טאָן וועגן דעם, אַז ס'איז שוין ניטאָ כּמעט קיין אָרט פאַר קפיצת־הדרך, אַז איטליכער שפּרונג אונזערער פירט אונז צו צו אַ נייער נאַציע, און דווקא צו אַ קליינער, וואו אויסמישן קען מען זיך שוין ניט, און לעבן מוז מען מיט זיי אינאיינעם, ביז מתושלח'ס יאָרן, עד כּל הדורות. דער איינציקער שפּרונג, וואָס איז נאָר מעגליך, איז אין ארץ־ישראל. אָבער ארץ־ישראל קאָן דאָך ניט ארייננעמען דעם 15־מיליאָניקן כּלל־ישראל. הלואי, וואָלט זי כאָטש אין 50 יאָר ארום געקאָנט האָבן דאָרטן אַ דריטל דערפון. און אויב די מעשה דערפון איז אַזוי, מוז מען זיך אָפּזאָגן פון דעם אַלטן מנהג אונזערן זיך נאָר צו אינטערעסירן מיט די גרויסע נאַציעס און זייערע גרויסע קולטורן. מען מוז אויך מיט מער אינטערעס און מיט מער כּוונה צוגיין צו דער קליינער נאַציע, שטודירן פרישע יונגע קולטורן מיט זייערע וואָרצלען פון די קליינע פעלקער, מיט וועמען דער מזל האָט אונז פאַרבונדן אויף אַ לאַנגן, לאַנגן צוזאַמענלעבן.

ניט נאָר יוכבד איז געבענשט געוואָרן מיט אַזאַ געטליכער טראַכט. אויך די ליטווינער האָבן שוין אונז די לעצטע יאָרן באַשיינפּערליך באַוויזן, אַז גאָט האָט מיט זיי געטאָן דעם אייגענעם נס, ווי אַמאָל מיט אונז פאַר דריי טויזנט יאָר. אין די לעצטע 15 יאָר, צייט דער ערשטער רוסישער רע־וואָלוציע, איז די אָרעמע, קליינע, דערשטיקטע פויערשע ליטע אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן, דאָס זי האָט שוין געהאַט דעם מוט זיך פאַר דריי־יאָרן צו דערקלערן פאַר אַן'אומאָפּהייננגיקע נאַציע, און ניט דעם מוט, נאָר אויך דעם כּח צו־באַווייזן בּפועל ממש, אַז זי וויל און קען זיין אומאָפּהייננגיק. ווער וואָלט דאָס גאָר געגלויבט פאַר עטליכע יאָר, אַז די ליטווישע שטעט, וואָס זיינען אינגאַנצן געווען אונטער דער השפּעה פון דער רוסישער קול־

טור, וועלן מיט א מאָל באַקומען א אייגענע נאַטירליכע פאַרב? אַז מיט איין פעדערשמיר וועט ליטע פאַרמעקן די רוסישע שפּראַך פון אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן, ווי פון איר געזעלשאַפטליכן לעבן, און דאָס אָנטאָן אין די קלאַנגען און די טענער פון איר אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך, פון דער שפּראַך, וואָס האָט נאָר געלעבט צווישן די אָרעמסטע און דערדריקטסטע פון פאָלק ביים פּויער און פעלד־אַרבעטער? ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז ליטע וועט אַזוי גיך קאָנען אַרויסגעבן פון זיך אַלע נויטיקע אַדמיניסטראַטיווע קרעפטן פון א מיניסטער־פּרעזידענט, ביז דער לעצטער מאַשיניסטקע אין א ריין־ליטווינישירטער קאַנצעלאַריע? אַז געבוירענע ליטווינער וועלן שפּילן און זינגען ליטווישע אָפּערעס? אַז אין אַזא קליינעם אָרט, ווי קאָווגע, וועלן אַרויס 4 ליטווישע טעגליכע צייטונגען, מערערע וואָכנבלעטער און מאָנאַט־זשורנאַלן?

מען דאַרף שוין זיין א בלינדער, אום ניט צו זען, אַז קאָווגע, למשל, האָט באַקומען גאָר אינגאַנצן אַנ׳אַנדער פּנים, אַז די שטאָט, וואו אין געוואוינליכע טעג האָט מען א ליטווינער אין די אויגן ניט אָנגעזען, איז מיט אַמאָל אינגאַנצן פאַרפּלייצט געוואָרן פון מענישע און פּרויענט־פּן, וועלכע זיינען אַזוי ניי פאַר אונז און אַזוי נאַציאָנאַל־ליטוויש אין דעם גאַנצן מהות זייערן. ליטע איז אַרויס פון אירע שטעטלעך און דערפער, זי איז ווי דער ניעמאַן פרילינגס־צייט ברייט אַרויס פון אירע ברעגעס, און האָט אין איין פרימאָרגן איינגענומען די שטעט, געבנדיק זיי איר קאָלאָריט, איר לעבנסשטייגער און איר יונגע קולטור. אָט אַזוי פאַרוואַנדלט זיך אין די פרילינגס־טעג די נעכטיקע גרויע ערד אין א נרינעם טעפּיך, מיט אַלערליי געלינקע און ווייסינקע קווייטלעך אויף אים. אויך ליטע שיינט היינט פאַר אונזערע בליקן ווי א יונגער פרילינגס־טעפּיך, פון וועלכן עס שטופּן זיך מיט א שטאַרקן לעבנס־כח אַלערליי גראָזן, גרעזעלעך, בלומעלעך און צאַרטינקע שפּראָצעלעך.

מיר, די ליטווישע יידן מיט אונזער רוסיפיצירטער, אָדער פאַרדייטשמערישטער אינטעליגענץ, מיט אונזערע פרייליגס און פרויען, וואָס האָבן א גרעסערע באַקאַנטשאַפט מיט די הויפּט־שטעט פון אייראָפּאַ, ווי מיט א ליטווישן דאָרף, מיט אונזערע יונגע און אַלטע לייט, וואָס זיינען אויסגעוועזן אַלערליי מרחקים, און קומען נאָר א היים אָנגעמאַטערטע און מידע זוכן א שאָטן אין דער שטילער ליטע, — מיר שטייען איצט פאַר דער געבורט פון א נייער נאַציע, און באַנעמען ליידער ניט דעם דאָזיקן וואונדער. מיר האַלטן זיך נאָך בא דעם אַלטן נאַנג מיט בטול צו ריידן פון יונגע נאַציעס, וואָס האָבן נאָך ניט א בערלינער מוזעאום, א פּעטערבורגער ערמיטאַזש און א לאָנדאָנער וועסט־מינסטער פּאַלאַץ. און ס׳איז שוין צייט זיך צו זאָגן: גענוג שוין צו זיין נאָר דער מבין אויף פרעמדע אַלטע קולטורן

אפשר איז שוין צייט צו געניסן די גרינע יוגנט, די ברוויזעלעך פון א בלי־ענדיקער נאציע, די פרישע לופט פון א יונגן פאָלקס־פרילינג? אפשר איז מער כדי מיטצומאכן דעם יום־טוב פון א יונג פאָלק, וואָס איז ארויס מעבדות לחרות, איידער צו קלאָגן און וויינען אויף די חורבות פון שיינעם בערלין, וואו מ׳קען אפילו פאר געלט קיין צימער אין א האָטעל ניט באקומען?

אָדער אנדערש געזעגט, — דער ליטווישער ייד און זיין אינטעליגענץ דארפן זיך מער פארנעמען מיט ליטע, דער ייד דארף טיפער זיך צוקוקן צום נייעם און פרייעם פאָלק, מיט וועלכן ער וועט יאָרן און יאָרן פירן די בעלי־הבת׳ישקייט, אין אלע ווינקעלעך פון זיין וויטערן היסטאָרישן וועג. בכדי צו באקומען די ריכטיקע באציאונג צו אים, דארף ער אָנווענדן זיינע אלטע לערנמעטאָדן, וואָס ער האָט אָנגעווענדעט אמאָל צו גרויסע פעלקער. ער דארף לערנען זיין שפּראך, זיך באקענען מיט די אלטע גייסטיקע וואָרצלען פון זיין הייגטיקער גייסטיקער קולטור. ער דארף ערנסט זיך צו־קוקן צו דער ליטעראטור, צו דער קונסט זיינער, וואָס האָט שוין פאר־וואונדערט איירָאָפּא מיט אזא אָריגינעלן קינסטלער ווי טשורלאָניס. ער דארף זיך צוהערן צו די ליטווישע דאינאָס, צו די ליטווישע בארימטע פאָלקס־לידער, וואָס דריקן אויס די נשמה פונם ליטווישן מאסן־מענטשן, ער דארף זיך פארטיפן אין זיין אלטער און נאָנטער געשיכטע, וואָס אנט־פּלעקט דעם פאָלקס־כאראקטער און דעם פאָלקס־שיקזאל אין זיינע הויפּט־סמנים. ער מוז זוכן אויך בארירונגס־פּונקטן מיט דעם הייגטיקן לעבנדיקן ליטווינער, וואָס לעבט דורך איצט געוויס א גרויסע נשמה־דערהייבונג, וואָס האָט אודאי איצט א גרעסערע נשמה־יתירה ווי דער ליטווישער ייד, וואָס קומט איצט א אויסגעדאַרטער פון ראטן־רוסלאנד. און אלץ מוז ווערן געטאָן ניט נאָר צוליב דעם, ווייל מען מוז דעם מענטשן קענען, מיט וועמען מען פירט א בשותפות׳דיקן לעבן, נאָר אויך צוליב זיך אליין, צוליב דער ריין־גייסטיקער הנאה אָנטייל צו נעמען אין דעם וואוקס און אין דער בליאונג פון א יונגער נאציע. נאָר אויף אזא אופן קענען זיך מיט דער צייט באקומען די בארירונגס־פּונקטן, וואָס זיינען אזוי נויטיק פאר פעל־קער, וועמען די געשיכטע האָט צוזאמענגעפּאָרט אינאיינעם.

און די דאָזיקע בארירונגס־פּונקטן קענען אונז ברענגען צו אזוינע וואונדערליכע רעזולטאטן, וואָס וועלן אויך אונז, אלס ליטווישע יידן, שטארק באַרייכערן סיי גייסטיק, ווי קולטורעל. מיר, די קינדער פון אנ׳־אלט פאָלק האָבן שוין אָפטמאָל א סך נויטיקע זאכן פארגעסן. ווי אנ׳אלטע באָבע פארגעסט אמאָל די ווייעגישן פון איר אמאָליקן קינפעט. מיר האָבן שוין פארגעסן דעם ברען און דעם פלאקער פון א יוגנט־אימפּעט, מיר זיינען צעגעסן געוואָרן פון א סקעפּטיציזם, וואָס קען נאָך אמאָל געהיילט

ווערן אין די שטראַלן פון אַ וואַרעמער, בליענדיקער פּרילינגס־נאַציע, און ס'איז איבעריק צו זאָגן, ווי נויטיק דאָס איז אונז איצט, — איצט ווען מיר מאַכן צוגלייך די גרויסע אָנשטרענגונג, אויף אַריבערצוטראָגן אַ טייל פון דעם ירושלים דליטא אין אַ זיכערערן אָרט ווי אין ווילנע, ווען מיר שטרעבן דערצו, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן אינגיכן פאַר אונז דאָס, וואָס ליטע פאַרן ליטווישן פאָלק.

II

ווען אַן'אַלט פאָלק באַגעגנט זיך מיט אַ יונגער נאַציע, פילט ער זיך, ניט ווילנדיקערהייט, פאַר אַ שטיקל יחסן. און טויזנט מאָל מער פילט דאָס דער ייד, וואָס האָט שוין אַרייַנגעזויגן אין זיך אַזוי פיל קולטורן, אַרייַנ־טראָגנדיק נאָך דערביי שטענדיק עפּעס אַנ'אייגענעם פּערל, אַנ'אייגענעם פינקלדיקן בריליאַנט. דאָס יחוס־געפיל האָט זיך ביים יידן אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעזעצט אין זיין האַרצן, אַז ער ווערט שוין אָפט שטאַרק בלינד פאַר יונגע קולטורן, פאַר אַ שפּראָצנדיקער נאַציע.

וואָס קען אונז שוין געבן דער ליטווינער מיט זיינע דאַינאָס, אַז מיר האָבן שוין די טויזנטיאָריקע שירים פון אַ מרים ביז שלמה המלך? וואָס פאַר אַ נייס קען אונז שוין דערציילן אַ ליטווישער טיפזיניקער מח, אַז מיר האָבן שוין אַ פילאָן, אַ מאַימאָנידעס, אַ שפּינאָזאַ ביז אַ היינטיקן בערגסאָן?

צי קען מען פאַרגלייכן דעם אויסגעשאַרפטן, דעם אויסגעשפּיצטן מח פון אַ יידן, מיט די קעפּ פון דער ליטווישער, לעטישער, עסטישער אינטעלי־גענץ? מיר זיינען גייסטיק אַזוי רייך, אַז עס וועקט שוין קיין חשק ניט זיך צו באַקענען מיט דער פּשטות פון אַ פאָלק, וואָס הייבט אָקאָרשט אָן צו דיינקען. און אויב מיר ווילן שוין עפּעס יאָ געניסן, וועלן מיר שוין גלייַ־כער גיין צו די דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, צו די אמת'ע יורשים פון דער אַלטער גריכיש־רוימישער קולטור, וואָס מעגן זיך אויך גרויסן מיט איר אַלטן טויזנט־יאָריקן אָפּשטאַם.

און דער יידישער אינטעליגענט, אורטיילנדיק אויף אַזאַ אופן, באַ־מערקט ניט דערווייל, ווי עס וואַקסן אויס אַרום אים פעלקער און קול־טורן און באַרייכערן די וועלט־אַטמאָספער מיט אַ נייעם אַראָמאַט, אָפטמאָל מיט אַ נייעם פרישן הויך. און ער שטייט ביים זייט מיט אַ בטול־שמיי־כעלע אויף די ליפּן, ניט מערקנדיק אָפט, ווי די נייע שפּראָצנדיקע קול־טור־נאַציעס גייען פאַר אים פאַרביי אָן אַ שום אַכטונג, אָן אַ פיצל געפיל, אַז זיי טרעטן אָפּ די הינער־אויגן פון אַנ'אַלטן יחסן.

בכלל איז יחסנות אַ מיאוסע מדה, און ברייַנגט אָפט צו אַ סך טרויַ־עריקע רעזולטאַטן. דער יחסן שעצט צו שטאַרק די פאַרגאַנגענהייט, כדי

מיט קלאָרע בליקן צו באַנעמען די קעגנוואַרט. דער יחסן לאָזט זיך בכלל זייער שווער אָרגאַניזירן, און צען יחסנים זײַנען נאָך ניט קיין מנין, וואָרום איטליכער דאַוונט זיך אין זײַן אײגן ווינקל. דער ייִד, וואָס טײַטלט כסדר אויף די רעכט פון זײַן פאַרגאַנגענהייט, וואָס וויל כסדר אַז בײַ יעדער דעמאָקראַטישער אָפּשטימונג זאָלן נאָך אַרײַנגײן די שטימען פון זײַנע געשטאָרבענע אבות, באַמערקט אָפּט ניט, אַז עס פעלט אים די צאָל פון די לעבעדיקע. אָן לעבעדיקע שטימען אָבער האָט מען נאָך קײנמאָל קיין מערהייט ניט געהאַט, מען מעג אפילו זײַן דער קיידאַנער יחסן אַליין.

די היגע ייִדן טענה'ן כסדר, אַז די ליטווינער האָבן קנאַפּער אינטעליגענץ, און מײנען, אַז ווײַבאַלד מיר האָבן ניט אין דעם ערך מער אינטעליגענץ ווי זײ, דאַרום וועלן מיר כסדר זײַן דאָ אָנגעזען, מען וועט תמיד זיך אין אונז נויטיקן. דאָס איז אַ טעות. און דער טעות נעמט זיך דערפון, וואָס מיר זײַנען שוין צו יחסנ'דיק באַזעסן אין זיך. ווען מען גייט צו דער פראַגע צו ערנסטער, קען מען זיך לײַכט איבערצײַגן אין דעם טעות אונזערן. טאַקע אמת, אַז מיר האָבן ניט אין ערך מער אינטעליגענץ, ווי די יונגע ליטווישע נאַציע. דערפון איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז זײער קנאַפּע אינטעליגענץ איז ניט דער ערך ווירקזאַמער און טעטיקער פאַר אונזערע. ניט די צאָל פון דער אינטעליגענץ בײַ אַ פאָלק שפּילט די הויפּטראָליע, נאָר דער כח פון איר ווירקונג אויף די פֿאָלקס־מאַסן. איז איר כח קנאַפּ, — וועלן די טויזנטער אינטעליגענטן די מאַסע ניט באַהערשן. אין קאַפּויערדיקן פאַל קען אַ הײפל אינטעליגענטן ניט דער ערך מער באַוועגן די מאַסן צו געווויסע צילן, ווי טויזנטער חכמים, גאונים, רבנים, דאָקטוירים און יוריסטן, ווען זײער ווירקונג אויף די מאַסן איז אַ שוואַכע.

מיר דאַרפן וויסן אײנמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז הונדערט ליטווישע אינטעליגענטן זײַנען געגליכן צו אונזערע טויזנטער, ווען מען פאַרגלײַכט די ווירקונג זײערע אויף די מאַסן פון פאָלק. אײן ליטווישער קסיאָנדז האָט מער ווירקונג אויף דעם ליטווישן פויער, ווי פופציק רבנים אויף די קרעמער פון די שטעטלעך, אָדער ווי פופציק גאונישע פועל־הצעיר'ניקעס, אָדער בונדיסטן אויף דער ייִדישער מאַסע, וואָס האַנדלט, וואַנדלט, עמיגרירט און וואָגלט פון אָרט צו אָרט, ווי די גרויסע וועלטרײַזנדער אַמאָל פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניען.

ניט די פּאַרטײַאישקייט פון דער אינטעליגענץ שפּילט די ראָליע בײַ דער ווירקונג אירער, נאָר די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע בכלל, וואָס לאָזט זיך יאָ אָדער ניט לײַטן. די ווירקונג פונם קלײנעם הײפל ליטווישער אינטעליגענץ הײנגט ניט אָפּ פון דעם, צי געהערט זי צו דער אָדער דער פּאַרטײ, נאָר צוליב דעם, וואָס זי ווירקט אויף אַ מאַסע, וואָס לאָזט זיך בכלל פּסיכאָלאָגיש לײַטן.

אונזער יידישע ליטווישע מאסע האָט אָבער שוין אין דער צייט פון אירע וואנדערונגען כמעט פאַרלוירן איר מאסן־פסיכאָלאָגיע. די ליטווינער, וואָס לעבן אויף זייערע פעלדער און וואָס ניבן אין איטליכן דאָרף ארויס א פאסטוכל, זיינען אויך צוגעוואוינט אין זייערע כלל'שע זאכן, צו נע־הארכן א פאסטוך. מיר אָבער, וואָס זיינען אמאָל געווען א צאן־קדשים, האָבן אין גלות אויפגעהערט דאָס צו זיין, און קודם־כל האָבן מיר פיינט א פאסטוך אויף זיך. דער פסוק "והאיש משה רועה" איז פאַרן היינטיקן יידן עפּעס א ניט פאַרשטענדליכער פסוק. סטייטש, א פאסטוך האָבן אויף זיך! און מעג אפילו דאָס זיין משה רבינו אליין, ניט געדאכט זאָל דאָס ווערן.

מאנכע קרומע אָדער דעמאגאָגישע קעפּ וועלן אויסטייטשן מיינע רייד פאַלש, בכדי צו וויזן, וואָס פאר א רעאקציאָנער איך בין. געוואַלט, ער באקלאָגט זיך דערויף, וואָס יידן האָבן פאַרלוירן זייער מאסן־פסיכאָ־לאָגיע! אין דער אמת'ן אָבער ווייס איטליכער פאַרטיי־מאַן, ווי שווער עס איז אָנצופירן, צו אָרגאניזירן א יידישע מאסע פאר געוויסע כלל'שע אינ־טערעסן און נאציאָנאַלע פרייע ציִלן. און אויך דער דעמאגאָג, וואָס וועט מיר צוליב אגיטאציאָנס־מאָטיוון מיט א כיון ניט וועלן פאַרשטיין, וועט מיר מודה זיין, אז איך האָב באריִרט איינעם פון די אָנגעווייטאָגסטע ער־טער אין אונזער פאָלקס־לעבן.

איז מען אָבער מודה, אז אונזער המון, פאַרליִרנדיק כמעט זיין מאסן־פסיכאָלאָגיע, לאָזט זיך אזוי שווער אָרגאניזירן, מוז מען אויך צוגעבן, אז אויף איין ליטווינער אינטעליגענט, וואָס ארבעט אין זיין פאָלק, מוזן מיר האָבן הונדערט יידישע אינטעליגענטן, אום צו דערגרייכן דעם גליכן אָרגאניזירונגס־רעזולטאַט בא אונזערע מאסן.

נאָכדעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט, איז שוין ניט קיין פּאַראדאָקס, ווען מיר וועלן באהויפּטן, אז די ליטווישע מלוכה איז רייכער אין אינ־טעליגענץ, ווי מיר די ליטווישע יידן, די יחסנים פון עם הספר. וואָרום ניט אויף שיינע מצבות צו שטעלן דאַרפן מיר אונזער אינטעליגענץ, נאָר דאַ־רויף, אז זי זאָל קענען ווירקן, אָרגאניזירן, מדריך זיין און דערגרייכן צו־זאמען מיטן פאָלק געוויסע ציִלן. קענען מיר דאָס ניט — זיינען מיר אָרעמער פון דער יונגער ליטע, וואָס האָט הונדערט מאָל ווייניקער דיפּ־לאָמירטע, אָבער צען מאָל מערער פאסטוכער, מדריכים א. ד. גל.

און דערום איז די באהויפּטונג, אז מען וועט זיך שטענדיק אין אונז נויטיקן, און אזוי ווייטער — ניט מער ווי א בויך־סברה. עס וועלן ניט אוועק קיין פיל יאָר, און די קליינע ליטווישע אינטעליגענץ, אָנ'אָנגע־שפּאַרטע אויף די אָרגאניזירטע מאסן, וועט זיין שטאַרקער און באזעסענער, ווי די טויזנטער יידישע דיפּלאָמירטע, וואָס ריידן שבעים לשונות און

קענען אַלע שבע חכמות און שטייען נאַקעט און הויל נעבן אַ מאַסע, וואָס לאָזט זיך ניט פירן און מדריך זיין, וואָס האָט ניט צו אירע פירער קיין צוטרוי, ווייל זי האָט צו זיך אַליין קיין צוטרוי ניט.

אמת, מען וועט זיך נאָך לאַנג נויטיקן אין אונז, אָבער דער ליט־ווינער וועט זיך נויטיקן אין אונז, ווי אין אַ משרת: אַ קלוגנ מיטן גלעקל, און דער משרת שטייט שוין אַ פּאַרטיקער בא דער טיר. ווייל מען אָבער ניט בלייבן אין דער צוקונפט דער פייאיקער משרת, — מוז מען שוין זען באַצייטנס, אַז אונזער אינטעליגענץ זאָל ניט זיין ערגער אָרגאַניזירט, ווי די יונגע ליטע, און ניט נאָר צווישן זיך, נאָר צוזאַמען מיט די יידיש־ליטווישע מאַסן. זאָל די יידישע מאַסע דורכלעבן דעם קאַמף פאַר איר פולקומע גלייכבאַרעכטיקונג פונקט אַזוי, ווי דער ליטווינער דעם קאַמף פאַר זיין יונגער מלוכה. דאָס איז ניט אַזוי לייכט, אַלנפאַלס טויזנט מאָל שווערער פאַר יידן, ווי פאַר דעם ליטווינער־אינטעליגענט, ווען ער רעדט מיט זיין אייגן פאָלק.

III

פון צענדליקער, צענדליקער ליטווישע קהלות קומען אָן קלאָג־בריוו און בקשות, וועלכע צעשטערן דעם דמיון, אַז ליטע איז פאַר יידן בלומרשט אַ גן־עדן. ניט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט איבער דער וועלט צע־טראָגן די בשורה, אַז אין ליטע לעבן זיך די יידן מיט די ליטווינער בשלום ושלוה, באַווייזט דיווירקליכקייט פונקט דעם היפוך דערפון. מען באַ־קלאָגט זיך אין די שטעטלעך איבער דעם, וואָס מען האָט אויסצושטיין פון די נידעריקע ליטווישע באַאמטע. מען שיקט בקשות, אַז מען זאָל ניט אַזוי אומברחמנות'דיק רעקווירירן יידישע אַנשטאַלטן. ניט לאַנג האָט קופּישקי און די אַרומיקע יידישע סביבה געציטערט פאַר אַ פּראָוואָצירטן עלילת דעם. קאָוונער יידן באַקלאָגן זיך, וואָס מען נויט זיי זיך כסדר קרווישקענען, וואָס די אַקאָרסט געגרינדעטע צענטראַל־באַנק דער־לעבט נאָך ניט זיך אַריבערצוקלייבן אין אַ באַצאָלטער דירה, ווי מען נעמט שוין דאָס בא איר צו, אָן שום טענות ומענות. אַלעקסאָטער געוועזענע גערטנירער ווערן, ניט געקוקט אויף זייערע געזעצליכע קאָנטראַקטן, אַרויסגעוואָרפן פון זייערע סעדער, און דווקא פון אַ ליטווישן סיים־מיטגליד, וואָס איז דוכט זיך מער ווי אַנ'אַנדערער מחויב אָפּצוהיטן די געזעצן פון לאַנד. קורץ און גוט, — אין ליטווישן גן־עדן קריכט אַרום די שלאַנג, אויך דאָ הייבן זיך אָן די אייגענע מעשות, מיט וואָס אַ ייד איז שוין באַקאַנט פון קדמונים אָן.

וואָס באַווייזט דאָס אַלצדינג? ערשטנס, אַז מען האָט זיך צוגע־איילט אַ ביסל מיט די ווערטער־הבטחות פון מאַנכע ליטווינער־אינטעלי־

גענטן, וואָס מיינען דאָס אפשר באמת, אָבער וואָס שטעלן ניט פאָר ד' אמת'ע פאָלקס־און קולטור־שטימונג פון דער מדינה.

צוווייטנס, אז דער ייִד, א פארהאַוועטער, א צעטראָגענער כסדר, וויל ניט דערלאָזן צו זיך נייע זאָרגן און גלויבט אויפן וואָרט.

דריטנס, אז די ליטווישע ייִדן, ניט אָרגאַניזירט און זיך ניט קלאָר מאכנדיק די איצטיקע פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע לאגע זייערע, שטייען מיטלאָז און באנאַרישט איטליכס מאָל, ווען עס וואַקסט דער שאָוויניזם פון א ניי אויפגעלעבטן פאָלק.

מ'מוז זיך איינמאָל פאר אלע מאָל קלאָר מאכן, אז ליטע אלס פאָלק, וואָס איז איבער־נאכט געוואָרן א מלוכה, לעבט איצט דורך א גרויסע נשמה־דערהייבונג, אז אלע העקן און ווינקלעך שווּבלען און גריבלען פון אינטעליגענטן און האלבע אינטעליגענטן, וואָס גרייטן זיך צו שאפן פון א פויער־פאָלק א אָרגאַניזירטע מלוכה. אומעטום בליט און וואַקסט א גע־פיל פון א מענטשן, וואָס איז איבער־נאכט געוואָרן א גביר, א פרייער בעל־הבית, א פּלייט אין דעם אלגעמיינעם פעלקערבונד־קאָנצערט. די דור־רות־לאנגע שטומע ליטע האָט מיט אמאָל דעם לשון צוריקבאקומען, און צו איר שטים הערט זיך צו ניט נאָר א לעטלאנד, עסטלאנד, פּוילן, נאָר אויך א דייטשלאנד, ענגלאנד און אמעריקע. און ווען מען באקלערט נאָך אז צווישן די קליינע קאַנט־מלוכות איז ליטע לויטן שטח און באפעלקערונגס־צאָל די גרעסטע פון אלע — איז שוין לייכט צו פארשטיין, מיט וואָס פאר א שטאָלץ עס קלאפּן איצט די הערצער פון די ליטווינער, מיט וואָס פאר ברייטע זעגלען מ'פאָרט ארויס מיט די שיפן אין ים פון דער איי־גענער און דער וועלט־פּאָליטיק.

ליטע איז איצט פארשכור'ט פון א נאַציאָנאלן זעלבסטגעפיל, און דארום איז זי פּסיכאָלאָגיש היינט ניט בכח צו וועלן בא זיך נאַציאָנאלע מינדערהייטן, ווייניקסטנס, ניט בכח צו קלערן ערנסטער וועגן זיי. ווי נישטיק, ווי קליין זעען איצט אויס אין אירע אויגן די טענות און קלאגן פון א ייִדישער מאסע, בעת זי אליין איז אזוי ניכטער און אזוי רואיק, בעת זי איז אזוי באגייסטערט, האָפערדיק און אזוי שכור פון גליק, וואָס איז ארייננגעפאלן אין איר שויס!

ס'וואָלט געווען א טעות, ווען מען וואָלט אלע די שטעכערייען און שפּילקעס, וואָס האָט אויסצושטיין איצט א ייִד אין ליטע באטראכט ווי א גראָבע אנטיסעמיטישע פּאָליטיק. ליטע און די ליטווישע מאכט טאָר מען נאָך דערווייל דערין ניט באשולדיקן; נאָך זיינען די עקאָנאָמישע קאָנ־טראַסטן ניט אזוי שאַרף צווישן ייִדן און ליטווינער, דערווייל קלייבט זיך נאָך ניט דער ליטווינער צו פארנעמען עקאָנאָמיש די שטעט, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן מיט א גרויסן טייל פון ייִדישן שוויס. נאָך איז

דעם יידנס איבערפלוס אין אינטעליגענץ א נויטיקע קראפט בא דעם מלוכה־בוי. אין ליטע ליידט דער ייד ניט פון אנטיסעמיטישן סיסטעם, נאָר דערפון, וואָס ער איז א מינדערהייט צווישן א מערהייטס־נאציע, וואָס ווערט איצט געטראָגן פון א גרויסן נאציאָנאַלן זעלבסטגעפיל. איז דאָך די לאגע פון א ניט־הערשנדער מינדערהייטס־נאציע שוין איינמאָל א שלעכטע! אז ניט וואָלט דאָך די וועלט איצט ניט פול געווען מיט דעם קאמף פון די מינדערהייטן פאר זייערע לעבנס־ און מדינה־רעכט!

אלע די קלאנגען און טענות, וואָס טראָגן זיך פון די יידישע קהלות, באווייזן נאָך אמאָל קלאָר, אז מיט קלאָג־בריוו צום יידישן מיניסטעריום און די יידישע כלל־טוער וועט מען שטארקער ניט ווערן; וואָרום כל־זמן די יידישע אָרגאניזירטע קהילות וועלן אליין ניט דורכלעבן די געהייבענע קאמף־שטימונג פאר זייערע נאציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט, וועט זיי קיין מיניסטער און קיין העכערער יידישער שתדלן ניט קענען העלפן. ווייל מען האָבן א ווירקונג אויף א יונגן פאָלק, וואָס שטייט איצט אויף צו א מלוכה־לעבן, מוז מען דורכלעבן אנ׳ערך די אייגענע פסיכאָלאָגיע וואָס ער. מוז מען אויך קומען מיט א געוויסן שטארקן זעלבסטגעפיל. מען דארף אויך זיין א ביסל פארשכור׳ט.

די יידישע פּאָליטיק אָבער אין ליטע ביז היינטיקן טאָג איז געווען די אלטע שתדלן׳דיקע, וואָס האָט בסדר אויסגעמיידט אלערליי קאָנפליקטן, וואָס האָט אלצדינג געוואָלט אָפּמאכן אָן א שום קאמף לויטער מיט דעם אלט־מאָדישן יידישן יושר.

איך בעט מיר געגנוי פארשטיין. איך בין ניט קעגן יושר, איך בין ניט קעגן א קלוגן פּאָליטישן פשרנות. אָבער איך בין קעגן דעם, ווען די גאנצע פּאָליטיק באשטייט נאָר פון יושר, פשרנות, און האָט ניט גלייכצייטיק קיין שטארקע קאמפס־מאָטיוון און קאמפס־שטימונגען. טויזנט מאָל ערגער איז אזא פירונג דאָן, ווען דער צד, מיט וועמען מען האָט צו טאָן, איז דורכגעדרונגען מיט דער פסיכאָלאָגיע פון קאמף און געוואָלטזאמע דערגרייכונגען, מיט א גרויסן נאציאָנאַלן זעלבסטגעפיל, מיט דעם צושטאנד, ווען די נאציאָנאַלע מינדערהייטן ווערן אינסטינקטיוו ניט געשעצט און ניט באחשבונ׳ט אין דער אלגעמיינער ווירטשאפטליכער און מלוכה־פּאָליטיק.

"מעז יצא מתוק" — ווייל מען אז פון דער שטארקער געוואָרענער ליטע זאָלן מיר אויך אמאָל געניסן דעם האָניק, מוז מען מיט דעם יונגן לייבעלע קעמפן: קעמפן דערפאר, אז ער זאָל אין זיין אנטוויקלונגס־גאנג ניט טרעטן אויף אונז. און דוקא קעמפן. וואָרום די פסיכאָלאָגיע פון א יונגן לייב איז ניט די פון א קעצעלע. מיט פשרנות און

יושר וועט איר גאַרניט דערגרייכן. ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט פילן א קראַפט קעגן זיך, וועט ער אנדעריש ווערן.

א קראַפט ווערט מען אָבער דאמאָלסט, ווען מען לעבט דורך טיף דעם נשמה־צושטאנד פון אזא נאציע־מינדערהייט, וואָס פילט זיך שטארק און שעפעריש צו העלפן בויען די מלוכה אין וועלכער מען וועט לעבן בשותפות׳דיק אויף לאנגע צייטן.

און דער פועל־יוצא פון דעם געשפּרעך איז דער: ווייל מען ווירקליך, אז ליטע זאָל ווערן אמאָל פאר אונז א שאָטן פון א גן־עדן, דאַרף מען זיך ניט פארלאָזן אויף בלויזע הבטחות אויף מאָנטיק־דינסטיק־דע־פאקטאָס, נאָר זיך נעמען קעמפן ערנסט און מיט מוט פאר אונזערע אווטאָנאָמע רעכט אין ליטע. און דאמאָלסט וועלן אויך די קלאָג־בריוו צו א יידישן מיניסטעריום האָבן א געוויסע פעולה.

IV

אין די פאַריקע געשפּרעכן האָבן מיר געבעטן דעם ליטווישן יידן זיך מיט מער כונה צוקוקן צו דער דערוואכטער ליטע, ניט מאכן אזוי צי קליין געלד די קליינע צאָל פון די ליטווינער אינטעליגענטן אים פארגלייך מיט אונזערע הויפּנס דיפּלאָמירטע, וואָס האָבן אזא קליינעם אויטאָריטעט ביים אייגענעם פאָלק, ניט צו ריידן מיט דער אקאָרסט אויפגעלעבטער און ממילא שאָוויניסטישער ליטע אין דעם שתדלנות׳דיקן נעבעכדיקן יושר־ און פשרנות־טאָן, נאָר צו פירן מיט דער ליטווישער מלוכה א קאמף־פּאָליטיק פאר דער אייגענער אויטאָנאָמיע, פירן מיט דעם אייגענעם ברען, ווי דער ליטווינער טוט עס איצט, בעת ער קעמפט פאר דעם קיום פון זיין שפּאָגל־נייער מלוכה.

איצט וועלן מיר פּרואוון ווייזן, צו וואָס עס ברייננט אזא שוואכע פּאָליטיק, וואָס איז געפירט געוואָרן ביז איצט.

דער, וואָס איז באקאָנט א ביסל מיט דער ליטווישער פּרעסע, ווייסט, אז קיין פריינט האָבן מיר אין דער דאָזיקער פּרעסע זיך ניט געוואונען דערוויייל. סיי ביים רעכטן ווי ביים לינקן פליגל האָבן מיר ניט די סימ־פּאטיע, פארנעמען מיר ניט דעם אָרט, וואָס אזא שטארקע און פּייאיקע מינדערהייטס־נאָציע האָט געמעגט פארנעמען. גראָד דער היפוך דערפון. דער ליטווינער איז ניט א פרוטה דאנקבאר, וואָס צוליב אונז האָט ער גע־ווּיסער מאכן די פאַרטיקע שטאָט, מיט אלע די גוטיקייטן, וואָס די שטאָט גיט דעם פויערטום. אדרבה, ער איז נאָך אומצופרידן דערמיט, וואָס די שטעט ליגן אינגאנצן אין די הענט פון די יידן און זיינען דערוויייל א מניעה

פאר דער אנטוויקלונג פון א ריינער ליטווישער שטאַטבאַפעלקערונג. מאַנ־כע פאַרטייען פון דער ליטווישער געזעלשאַפט באַשולדיקן אונז נאָך, וואָס מיר רוסיפיצירן ליטע, וואָס מיר פאַרהאַלטן די נייע מלוכה אין איר גאַנג צו די נאַציאָנאַלע צילן. דער "לאַיסווע", למשל, אין נומ׳ 88 שרייבט א מאמר: ווער רוסיפיצירט ליטע? און קומט דערצו, אז אלע יידן פון די ליטווישע גרענעצן אָן ביז די אדוואָקאַטן און סיים־מיטגלידער פינקלשטיין און פרידמאַן האַלטן נאָר אין איין רוסיפיצירן ליטע. זעלטן ווען איז הערט וועגן אונז א גוט וואָרט, און וואָס אָנבאַלאַנגט אלערליי באַליידי־קונגען און פאַרדעכטיקונגען גייען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע לייט אינ אײנעם מיט די קלעריקאַלע. בא יידן איז אין חזנות ניטאָ קיין פאַרטייען בא די יונגע אָקאָרסט געבוירענע פעלקער ,וואָס האָבן נאָך ניט געפּאַפּט און ניט געמאָזלט, איז ניטאָ קיין פאַרטייען, ווען מען דאַרף פאַרטשעפּע־נען א יידן.

און ניט נאָר אין דער פּרעסע, אויך אין די רעגירונגס־קרייזן האָבן מיר זיך נאָך ניט דערוואָרבן, אז מען זאָל באַטש לפּחות זיין צו אונז אין גאַנצן קאָרעקט. צי איז דאָס ניט פאַרוואונדערליך, ווען די רעדעס פון אונ־זערע סיים־מיטגלידער, וואָס ווערן געהאַלטן אויף יידיש, ווערן ניט באַלד אויף אנ׳אָרט איבערזעצט, און קומען אריין אמאָל אפשר אין סטענאָגראַם אין גאַנץ ווייס וואָס פאַר אנ׳איבערזעצונג? צי איז דאָס ניט וואונדער־ליך, ווען אין מיניסטעריום פון אויסערן געפינט זיך מיט א כיון כמעט קיין אָנגעשטעלטער ייד, און גלייכצייטיק זאָגט מען זיך ניט אָפּ אויסצו־נוצן א יידן, ווען מען דאַרף פאָרן קיין מאָסקווע, אָדער בריוסעל? נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז כמעט ניט באַשטראָפט געוואָרן א מענטש, וואָס האָט זיך צעהודזשעט קעגן יידן אינם ברען פון א ליטווישן שאָוויניזם, ווען ניט די שתדלנות פון א יידישן מיניסטעריום. פון דער אייגענער אי־ניציאַטיוו האָבן מיר דאָס מצד דער רעגירונג כמעט ניט געזען. עס קלעקט אריינצוגיין אין וואו עס איז פון א פּאָליציי־ראיאָן, בכדי צו זען, ווי מען שפּילט זיך מיטן יידישן כבוד, ווי א קאַץ מיט א מויז. ניט דאָ איז דער אָרט אויסצורעכענען אלע דערנידערונגען, וואָס ליידט דורך א יידישער מענטש פון פּאָלק אפילו אין דער הויפּט־שטאָט פון ליטע, עטליכע טריט ווייט פון אלע מיניסטעריומס. קורץ און גוט, דער, וואָס לעבט אָפּ עטליכע מאָנאַטן אין ליטע, ווייסט שוין, אזא אזא פּאָליטיק, וואָס גיט פאָראויס א שיינעם קרעדיט. (ווי דאָס איז, למשל, געטאָן געוואָרן אין פאַריז אין קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס) און פאַרזאָרגט זיך ניט אויף להבא, קען צו אנ׳אנדער לאַגע ניט פירן. די "לאַיסווע" מעג פריי רכילות טרייבן אויף יידישע סיים־מיטגלידער, אז זיי רוסיפיצירן ליטע, ווען די איינענע סיים־מיטגלידער דערוועגן זיך ניט אָפּן צו זאָגן, אז מען מאָר

ניט פול מאכן הונדערטער אדמיניסטראטיווע ערטער מיט געווזענע דע־ניקינצעס, אלערליי רוסישע שווארצמאה'ניקעס און באוואוסטע רוסישע כאבארניקעס. "ס'איז נאך א גרויסע פראגע", — האט געמעגט אמאל זאגן א יידישער סיים־מיטגליד אין סיים: — "ווער רוסיפיצירט שטארקער לי־טע, צי די אלע דערמאנטע לייט, וואס מאכן אזוי גוט 101 מאל אין טאג דעם רוסישן "מי שברך", אדער דער ארעמער ייד אין קיבארט, וואס לויט אייערע ליבע רייד "גארגלט ער "קופיטע פאפיראסי", "סאכארנע מאראָ־זשענע". און צי פארשטייט ניט איטליכער גוטער ליטווינער, אז ניט אזוי די "גארגלענדיקע שפראך פון א יידל אין קיבארט" רוסיפיצירט ליטע, ווי די שיינע פאראנדקעס, וואס פירט איין דער רוסישער גייסט פון א דע־ניקינעץ און א שווארץ־מאה'ניק.

מ'זאגט איצט אין דער וועלט, אז בנוגע צו כאבאר, (א שטיק רו־סישע נשמה) איז ליטע כמעט נענטער צו רוסיפיקאציע ווי עסטלאנד און לעטלאנד. אויב דאס איז אמת, זיינען מיר יידן אודאי גאט די נשמה שולדיק. דער ערשטער, וואס וואלט מיט פארגעניגן ניט געגעבן כאבאר איז א ייד, און דער ערשטער, וואס וואלט דאס ווען נעמען מיטן גאנצן הארצן, איז א רוס, וואס האט שוין פון קדמונים אן א שטיקל שוואכקייט דערצו. און אויב אזוי, טא ווער רוסיפיצירט ליטע? צי דער יידל פון קי־בארט, וואס מוז נעבעך געבן, צי דער אמאליקער רוסישער זשאנדארם, וואס נעמט? און ווען נאך אזא רעדע, וואס א פינקעלשטיין אדער א פריד־מאן וואלטן געבעטן באלד איבערזעצן, וואלט די "לאיסוווע" אדער א אנ־דער צייטונג נאך ארוים מיט מער כעס, וואלט דאס אונז איינגעבראכט א סך נוצן. ווארום דאס ליטווישע פאלק וואלט דאמאלסט זיך קלאר דער־וואוסט, וואו עס ליגט טאקע אין דער אמת'ן דער הונט באגראבן. ניט די "לאיסוווע" אדער דעם "סאציאל־דעמאקראטאס" דארף מען עפענען די אויגן, נאר דעם ליטווישן פאלק, וואס מען סטארעט זיך שוין אים צו פאר־טומלען מיט דעמאגאגישע ווערטער, נאך איידער ער האט זיך ווי געהעריק אוועקגעשטעלט אויף די פיס. א שטארקער פאליטיקער איז דער, וואס זייענדיק איבערצייגט אין זיינע רעכט, זוכט ער אן סענטימענטאליטעט צו פארברייטערן אויף דעם קוק פון די, בא וועמען ער פאדערט זיינע רעכט. דער יידישער קאמף פאר דער אווטאנאמיע וועט ניט נאר נוצן ברייננגען אונז, נאר אויך די ליטווינער, בא וועמען ס'וועלן זיך ברייט עפענען זיינע מלוכה־פערספעקטיוון. מ'מוז תמיד געדיינקען, אז אין אנ'ערליכן קאמף ווערןביידע צדדים קליגער, שטארקער און קולטורעלער. און אין דעם טאג, ווען ליטע אלס מלוכה וועט אנערקענען נאציאנאלע מינדערהייטן, וועט ליטע ניט נאר מאראליש אויסוואקסן, נאר אויך עקאנאמיש און קולטור־רעל. מעג די "לאיסוווע" און דער "סאציאלדעמאקראט" אפשיסן זיינע

פײלן, — ס׳באַװײזט נאָר, אַז בײדע צוזאַמען שטײען נאָך ניט אױף דער קולטורעלער הױך, װאָס פֿאָדערט די יונגע מלוכה בא אירע בירגער מיט זײערע פּרעסע־לײט. און בײם ליכט פֿון קאַמף פֿאַר מינדערהײטס־רעכט װעלן אַלע די דאָזיקע פּײלן קײן ממשות ניט האָבן. אָבער קודם כּל מוז ער־ליך געקעמפּט װערן, מוז דער קאָנטאַקט אונזערער מיט דער ליטװישער מלוכה זײן אַ מאַנסבילשער, און ניט אַזאַ װײַבערישער, װי ער איז גע־װען ביז אַהער.

V

טשורליאַניס.

ס׳איז ניטאָ דער מדבר, װאו עס געפֿינט זיך ניט אַ קלײנע אָאַזע, ס׳איז ניטאָ קײן געזעלשאַפֿטליכער פּאָליטישער פּלאָנטער, װאו עס זאָל ניט זײן דערבײ עפּעס אַ רײנער שטילער קװאַל, װאו עס פּלײצט אַ שטראָם פֿון מענטשליכער קולטור. ניט דער ״לאַיסװע״, ניט דער ״סאָציאַלדעמאָ־קראַט״ װײזן אונז די שײנע ציגע פֿון דער ליטװישער נאַציע, נאָר די פֿאַר קולטורעלע און קינסטלערישע קרעפֿטן פֿון דעם ליטװישן לעבן, װאָס פֿאַרקערפֿערן זיך אין זײער פּאָעזיע, אין זײער װאָרט־קונסט און זײערע מאָלערישע, װי פּלאַסטישע אַרבעטן.

די קאָװנער האָבן איצט די מעגליכקײט זיך גוט צו באַקאָנען מיטן גרעסטן ליטװישן מאָלער ט ש ו ר ל י אַ נ י ס, װעלכער האָט געהאַט אַזאַ קורצן לעבן און אַזאַ שטאַרקן דױערנדיקן אײנפֿלוס אױף זײנע צײט־מענטשן, װי אױף דעם קומענדיקן ליטװישן דור. אין דעם ליטװישן ״שאַפּנסהױז״, װאו עס קאָנצענטרירט זיך איצט דאָס גאַנצע קינסטלע־רישע לעבן פֿון דער יונגער ליטע, געפֿינט זיך איצט אַ בילדער־אױסשטעלונג פֿון ליטװישע קינסטלער, װאו דער פֿאַרשטאָרבענער מאָלער טשורליאַניס פֿאַרנעמט גאַנצע דרײ זאַלן. פֿון זײנע אַרבעטן זײנען אױסגעשטעלט מער װי הונדערט בילדער, און אין ערגעץ קען מען ניט זען דעם אינגאַנצן צו־נױפֿגעזאַמלטן טשורליאַניסן, װי איצט אין קאָװנע.

פֿאַר קונסט־ליבהאָבער און קענער איז טשורליאַניס ניט קײן פּנים חדשות אין דער קונסט־װעלט. נאָך אײדער ליטע האָט בדעה געהאַט זיך צו דערקלערן פֿאַר אומאָפּהענגיק, איז שױן טשורליאַניסעס רום געפֿלױגן אי־בער דער װעלט. נאָך אײדער ליטע איז אַרײן אין פּאָליטישן קאָנצערט, האָבן שױן געקלונגען די נעמען פֿון די ליטװינער, װאָס האָבן מיט זײער

קונסט אריינגעבראַכט אַ נייע נאָטע אין דער וועלט־קולטור־מוזיק. טשור־ליאָניסעס אויסשטעלונג אין מאָסקווע און פּעטערבורג האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און אין רוסלאַנד איז שוין לאַנג אַרויס אַ טשורליאָניס־בוך, וואָס מיט זיך באַקאַנט צו מאַכן די קינסטלער־וועלט מיט טשורליאָ־ניסעס שאַפן. מען קען אפילו זאָגן, אַז טשורליאָניס איז מער באַקאַנט אין רוסלאַנד, ווי אין זיין פאָטערלאַנד ליטע.

עס איז שווער מיט ווערטער צו באַשרייבן טשורליאָניסעס קונסט. דאָס וואָס איז געמאַכט פאַרן אויג לאָזט זיך אין ווערטער ניט באַשרייבן. דאָס איינציקע, וואָס איז מעגליך אַמאָל צו טאָן, איז איבערצוגעבן אין ווערטער די שטימונג, וואָס עס קריגט זיך פון טשורליאָניסעס אַ בילד. ריין אויסערליך ציט אייך צו אַ בילד מיט זיין אייגנאַרטיקער קאָמפּאָזיציע פון פאַרבן און ליניען. מאָלערישקייט און מוזיקאַלישקייט מישן זיך צו־נויף אינאיינעם. סיי דאָס פאַרבן־געמעל, ווי די געאָמעטרישע ליניען פון די שטיינערנע מאַסן גיסן זיך צונויף אין איין מוזיקאַלישער מעלאָדיע, אין איין געטליכער שירה פון וועלט־שאַפונג און וועלט־כאַאָס. דער אינהאַלט פון זיינע געמעלן באַריִרן פראַגן פון די עולמות העליונים, פון כביכול׳ס אַרבעט אין דעם טאָג ווען ער האָט געזאָגט "יהי אור". באַ טשורליאָניסן דרייט זיך די ערדקוגל, די זון אַלס גאַנצע קיילעכדיקע מאַסע, וואָס שווימט אין דעם אין־סוף. זונען, שטערן, פּלאַנעטן פאַרנעמען אויף זיין בילד דעם איינענעם פּלאַץ ווי באַ אַנדערע אַ בוים, אַ חיה, אַ מענטש. איר הייבט אָן אָטעמען מיט אַ הינטערוועלט־לופט, ווען איר פאַרקוקט זיך אויף טשור־ליאָניסעס אַ בילד, און די דאָזיקע לופט איז שוין ניט די, מיט וואָס מיר זויגן זיך אָן הי. נאָר אַנ׳אַטמאָספער פון אַ הימלישער מוזיק. באַ טשורליאָ־ניסן באָדן זיך די פּלאַנעטן, שטערן, זונען אין אַ געטליכער שאַפונגס־האַרמאָניע, און דער גאַנצער אין־סוף שיינט צו זיין ווי אָנגעצויגענע האַרפן־סטרונעס, וואָס לאָזן קלינגען אָן אויפהער אַ ברויזנדיקע מוזיק, די טענער פון אַ הייליקן שמערץ, פון שאַפונגס־שמערץ. ער מאָלט אונז אַ זון־אויפגאַנג, אַ זון אין מיטן טאָג, אַ זון־אונטערגאַנג, אַ פאַרשוואונ־דענע זון, ער מאָלט דאָ אין תוך געגומען ניט אַ סך אַנדערש, ווי אַנדערע פון דער אימפּרעסיאָניסטישער מאָלער־שול, אָבער דאָס געמעל איז דורכ־געזאַפּט מיט אַזאַ מוזיקאַלישן געפיל סיי אין די פאַרבן, ווי אין דער לי־ניענקאָמפּאָזיציע, אַז מיר זעען שוין ניט קיין געוויינליכן דורכגעפילטן זון־אויפגאַנג, נאָר דעם זונענאויפגאַנג פון אייגעם, וואָס זעט אַלע טאָג די וועלט־שאַפונג אין איר גאַנצן פאַרנעם, אין איר גאַנצער האַרמאָניע. און טשורליאָניס איז געדעכט געווען, ווען ער רופט אָן זיינע בילדער מיט מו־זיקאַלישע נעמען ווי, למשל, די זון־סימפאָניע, אָדער די שלאַנג־סימפאָניע

וואָס איז צוגלייך די נאַכט־סימפאָניע, די ים־סימפאָניע וואָס איז צוגלייך די זון מיטן ים אין פאַרשיידענע באַלויכטונגען און צושטאַנדן.

דריי הויפּט־סימבאָלן דרינגען דורך טשורליאַניסעס בילדער־וועלט: די זון, די שלאַנג און די קרוין, וואָס איז אין תוך אויך אַ סימבאָל פון דער זון ווי דער מענטשליכער גאָטסגעשטאַלט. און כמעט אין אַלע זיינע בילדער לייכטן אויף די דאָזיקע סימבאָלן. נאָר שטאַרקער פון אַלץ איז טשורליאַניס דורכגעדרונגען פון דער זון, פון אירע שטראַלן אין דעם פאַרבאָרגנסטן פינסטערסטן ווינקל. אין טשורליאַניסעס בילדער איז דאָ די זון אומעטום. ס'לעבט אין איר עפּעס פון דעם אַלטן הײדנגייסט, באַ וועמען זון און גאָט איז געווען איינס. און די שלאַנג איז באַ אים דורכגעדרונגען מיט דעם אַלטן ליטווישן הײדנגייסט, ווען דער ליטווינער האָט אין דער שלאַנג געזען דעם בעלי־חיים, וואָס איז דער פולקומענסטער אונטער אַלע באַשעפענישן.

אָבער אַלע די דאָזיקע סימבאָלן און נאָך אַנדערע טונקען זיך אין אַ מאַלערישן קאָלאָריט, וואָס איז צונויפגעמישט פון האַלב־זאַטע פאַרבן, פון אַזוינע צאַרטע, אַז זיי ווירקן שוין אויף אונז, ווי אַ חלום־לאַנדשאַפט אָדער ווי אַ קינדער־מעשה'לע. טשורליאַניס איז אין די פאַרבן דער בעל־החלומות, דער צאַרטער בן־מלך, וואָס זעט די וועלט אין וויזיאָנען, אין דעם בלאַסן לבנה־שיין. און אויך דאַמאָלסט, ווען ער מאָלט אונז אַ פּלאַמעדיקע זון, אַ צעקאָכטן ים, פילט זיך דאַרין ניט די ברוטאַלישע קראַפט פון אַ לעבעדיקן מענטשן, נאָר די זעהערישע מוזיקאַלישע שטימונג פון אַ לונאַטיקער.

ווי געזאָגט, ס'איז שווער אין ווערטער צו זאָגן וואָס טשורליאַניס איז; עס איז שווער אויך מיט ווערטער איבערצוגעבן אַ טראָפּעלע פון דער אייגנאַרטיקער שטימונג, וואָס דערוועקן אין אונז טשורליאַניסעס בילדער... און דאַרום טאַקע ווערט מען טויזנט מאָל לייכטער איינגעוועבט אין דער שטימונג, ווען מ'זעט מיט די אויגן טשורליאַניסעס ווערק.

באַ אַ מערמאָליקן באַזוך פון דער אויסשטעלונג לעבט מען דורך באַ טשורליאַניסעס בילדער אַ גאַנצע ריי שטימונגען, וואָס דערנענטערן אייך צו די טיפענישן פון אַ גרויסער ליטווישער נשמה. איר דערפילט דורך זיי די ציטערדיקייט פון אַ וועלט, וואָס איז אַזוי פיין אָרגאַניזירט, מאָראַליש פאַרחלומ'ט, מוזיקאַליש־מיסטיש, הײדניש און קריסטליך, נאַאיוו און פילאָזאָפיש. איר זעט עפּעס אַזוינס, וואָס ווייזט אייך דעם ליטווינער אין די וואָרצלען פון זיין שאַפנדיקער קולטור.

צי איז טשורליאַניס באמת דער גייסט פון דער נאַציאָנאַלער ליטווישער נשמה, צי איז ער דער רעזולטאַט פון אַ פּערזענליכן שיקזאַל? ווייסן

מיר ניט. אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס ריין אָרנאַמענטאַל ווירקט ער אויף אַלע אַנדערע שפּעטערדיקע, באַווייזט, אַז טשורליאַניס איז ניט קיין צו־פֿאַל בא דער ליטווישער נאַציע. אין דער אייגענער אויסשטעלונג קען מען זען סימאַניסן, וואָס גייט אין די וועגן פֿון טשורליאַניסן, כאָטש ער איז שוין ניט אַזוי טאַלאַנטפֿול, ווי זיין לערער.

אגב, די אַנדערע לייוונטן, וואָס האָבן אויסגעשטעלט אינגאַנצן אַכט קינסטלער, זיינען ניט אינטערעסאַנט פֿון נאַציאָנאַל־ליטווישן שטאַנדפּונקט; ס'רוב שילער פֿון די אויסלענדישע שולן אָן א שום פּערזענליכקייטס־ווערט.

VI

אַלע שטאַמען מיר אָפּ פֿון אדם הראשון, אָבער פֿון טאַטן אויך. איט־ליכבס פֿאָלק און פֿעלקל ציט זיין יחוס פֿון אדם הראשון אָן, פֿונדעסטוועגן קען מען ניט לייקענען, אַז איטליכבס פֿאָלק און פֿעלקל איז נאָך א קינד פֿון דער אוראַלטער קולטור, וואו עס האָט זיך יאָרהונדערטן־לאַנג געבאָדן, ווי א פֿישעלע אין וואַסער. איר געדיינקט מן־הסתם, וואָס פֿאַר א געוואַלט מיר יידן האָבן אַמאָל געמאַכט, ווען איינער א דייטשער פּראָפֿעסאָר דעליטש, — און גראָד ניט קיין צורר היהודים, — האָט אַנטפּלעקט פֿאַר דער בר־יי־טער וועלט, אַז א טייל פֿון דער יידישער קולטור, א גרויס חלק פֿון דעם יידישן יחוס נעמט זיך פֿון בבל, אַז משה רבנו'ס לערער איז אפֿשר געווען האַמוראַבי (עמרפֿל). מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל א פֿעדער אין האַנט ניט געהאַלטן, האָבן זיך א לאָז געטאָן מיט פּאָלעמישע בראָשורן קעגן דעם געלערנטן פּראָפֿעסאָר. אפֿילו סטודענטן פֿון די בערלינער און ציריכער קאָלאָניעס האָבן ניט געשווינגן און געפּאַכט מיט דער דובינקע איבער דעם אָרעמען פּראָפֿעסאָרס קאָפּ. עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפֿן. אמת, מיר שטאַמען טאַקע אָפּ פֿון אברהם אבינו, אָבער ער האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט א מלך עמרפֿל, מיט א מלך שנער און אפֿילו מיט א מדינה'לע סדום, וואו מען פֿלעגט אָפּטאָן דאָס, וואָס שטייט אין דער קאַרט. אמת, די ליט־ווינער שטאַמען אָפּ פֿון דעם און דעם שבט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט די אינדוסן, מיט די גריכן און רוימער, אָבער די לעצטע יאָרהונדערטן איז געווען זייער טאַטע צוערשט פּוילן און דערנאָך רוסלאַנד. און כאָטש די וויסנשאַפֿט האָט א ווערטל "אַטאַוויזם", ד. ה. אַז א קינד קען אַמאָל האָבן דעם פּנים פֿון א עלטער־עלטער־זיידן, אָבער געוואוילניך איז דער זון שטאַרק ענליך צום טאַטן, אויב נאָר די מאַמע האָט זיך גוט אויפֿגעפֿירט. מכח אונז און די ליטווינער איז אָבער קיין ספֿק ניט, אַז אונזערע מאַמעס

זיינען אזוי ערליך און ריין ווי אונזערע אמהות. אפילו די דייטשע אָקופּאַציע, וואו די הפקר־מיידלעך האָבן געשמייכלט אינאיינעם מיט זייער גוטן פריינט דעם דייטשן, האָט ניט שטארק פארדאָרבן אונזערע מיידלעך און יונגע ווייבלעך. מיר זיינען נאָך אַלץ ניט צו ווייט אָפּגעגאַנגען פון דעם חיי־אדם׳ס דרכים. ובכן, זאָל מען זוכן די ענליכקייט אין ליטווינערס פּנים ניט בא די אינדישע בראהאמאנען און ראבינדראנאט טאגאָרע, ניט בא די גריכן פּעריקלעס און פידאָסן, ניט בא די רוימישע קאָנסולן און בא מאַרק אורעלן, זאנדערן בא די נענטערע, אפילו בא די גאָר נאָנטע, — פון א לייטישן פּוילישן גוטסבאזיצער מיט די האָנאָראָווע וואָנסן ביז א רוסישן גענעראל מיט א ברייטן נאקן און א שמאָלינקן קעפּעלע. אויך בא אונז זאָל מען ניט זוכן צווישן די יידן, וואָס שפּאצירן שבת אין די אַלעען, די געשטאַלטן פון א ישעיהו הנביא, פון א דוד המלך, אָדער כאָטש פון א משיח בן יוסף, און אויב איר זעט א יידן מיט א ברייטן באָרד, מיינט ניט אז דאָס איז דער צווייטער אברהם אבינו. דאָס איינציקע, וואָס פאַרבינדט אונז מיט אברהם אבינו, איז נאָר דאָס, וואָס מיר זיינען אלע גע־מל׳טע. נאָך ביז היינטיקן טאָג האָב איך אין קאָוונע ניט באקענט אין א אויסגעשטערנטע נאכט א יידן, וואָס זאָל ווי אברהם אבינו דערקענען זיין גאָט, כאפּן די געוואלטיקע אחדות פון מענטש, וועלט און גאָט, וואָס זאָל דורכלעבן אזא הויכן גייסטיקן צושטאנד, אז ער זאָל שוין זוכה זיין, גאָט זאָל אים קומען צו חלום. און אויב עס זיינען שוין יאָ פאראן בא אונז אברהמ׳עלעך, וואָס ווילן צעברעכן די געצן פון היינטיקן יידישן תרח, — זיינען זיי אויך ניט קיין אמת׳ע אברהמ׳עלעך, ווארום עס קלעקט ניט צעברעכן געצן, מען מוז נאָך האָבן אנ׳אויסגעשטערנטע נאכט, וואו מען דערקענט מיט אמאָל אין אנגסט און פריידן דעם גרויסן גאָט. דאָס האָבן אונזערע אברהמ׳עלעך נאָך ניט געהאט, און זיי זיינען פאָרט א סך ענליכער צו זייערע קרעמערס די טאטעס, ווי צום יונגן אברהמ׳לען.

א בייזע צייט איז געקומען אויף אייך, מיינע קאָוונער טאטעס. אויך איך בין א טאטע פון א זונדל, און איך פיל אייך מיט מיין גאנצן הארצן. מען וויל ניט האָבן אונזער פּרצוף, מען טענה׳ט כסדר וועגן אמת׳ע אלטע, אלטע קרובים, וועמענס געביין זיינען שוין לאנג צעשפּרייט אויף אלע ווינטן. קומט א שנעק א פּועלי־ציון און זאָגט, אז די נביאים און זרובבל זיינען אים נאָנטערע קרובים, ווי איך, — זיין טאטע. קומט דער ליטווינער און זאָגט: מיין אויג בלאָנדזשעט איבער די איראנער טאָלן, ניט ווייט פון די פּאלמען־וועלדער, וואו גוטאמא בודהא איז געזעסן א פאַרטראכטער. באוויזט זיך א בחור׳ל, וואָס זאָגט, אז דער ירדן איז אים טייערער און ליבער, ווי דער ניעמאן, און דאָס זאָגט ער גראד דענסטמאָל, ווען ער טונקט זיך דוקא זיבן מאָל אָפּ אין ניעמאן פון דער אלעקסאָטער

זיין. זאָגט דער ליטווינער, אַז עפּעס אַ פּילאָגאַנג באַהויפּטעט, אַז זיין שפּראַך דערמאָנט אין קלאַנג און געזאַנג די אַלטע גריכן, וועץ זיי זיינען זיך פריילעך צוזאַמענגעקומען אויף די אָלימפּישע שפּילן, און דערום זאָל אויף אייך אַ מיתה משונה קומען, ווען איר וועט ניט ריידן ווי די אַלטע גריכן אויף ליטוויש. מישט זיך אַריין אַ יידישער יונגערמאַן, אַז די שפּראַך פון "בראשית ברא" איז זיין מוטער — פאָטער — באָבע־שפּראַך, די שפּראַך פון אַלע שפּראַכן, און ער ווערגט זיך מיט דער עברי אויך אין דער פעטער ליטע ווי מיט הייסע באָב. קורץ און גוט, וואו דו גייסט און שטייסט הערסטו נור קולות און געוואַלטן פון מענטשן און יונגע פעלקער, וואָס ווילן ניט זיין ענליך צו זייערע טאַטעס, נאָר צו אדם הראשון'ען, און דוקא צו אדם הראשון'ען.

מילא, ניטאָ וואָס צו מאַכן, אַז דאָס קינד שרייט, — מוז מען אים נאָכגעבן. ווילסטו שפּאַצירן אין דיינע אַלטע פּאַרצייטיקע מלבושים — אדרבה. נאָר אויב דו ביסט שוין יאָ אַ קינד פון אברהם אבינו, פון אַ פּע־ריקלעסן און אַ אינדישן בראַמאַן, אויב דו ביסט שוין יאָ אַזוי צונויפגע־קניפּט מיט אַ משה רבנו און דוד המלך'ן, מיט אַ האָמערן און אַנאַקרעאָנען — טאָ זיי כאָטש אין דיינע טאַטן אַקוראַט, ווי זיי. — זיי, מיין אברהם'ע־לע, אַ גרויסער פּאַסטוך פון אַ סטאַדע בהמות, זיי דו, ווי פּעריקלס, אַ גו־טער מדינה'שער קאָפּ און היט אָפּ די געזעצן פון אַ ליקורג אין אַ סאָלאָן ניט ערגער ווי מיין טאַטע ע"ה ביים שולחן ערוך!

גלויבט מיר, איך וואָלט מיט אַ גרעסערער הנאה געלעבט צווישן אַ יונג־פאָלק, ווי די גריכן אָדער די יידן צו פּעריקלס אָדער שלמה־המלך'ס צייטן — איידער באַ אונז איצט, וואָס מען איז זיך מער מתוכח וועגן די וואָרצלען פון דער אַלטער קולטור, און מען זוכט ניט אויסצערייסן די טוי־טע גראָז פון אונזער נאָענטער, נאָנטסטער קולטור, וואָס פאַרמיסטיקט און דערשטיקט אונזער טאָג־טעגליכן לעבן. און עס וואָלט שוין צייט געווען צו זאָגן: אַ קלאָג צו דעם אַלטן און עלטסטן יחוס, ווען איינגאַנצן באַשטייט ער אין דעם זיך אויסצופוצן אין אַ מונדיר און צו לעבן ווייטער, ווי געווען, אין שמוץ, איינגעשאַפּט, רעכטלאָזיקייט און פעלקער־האַס. צי וועט זיך אָנ־טאָן אין ליטע דער גרויסער מאַן אין אַ מונדיר פון אַ בראַהמאַנען אָדער אַ גריכן, צי וועט אַ יידישער קרעמער זיך אויספּוצן אין די קליידער פון אַנ'אַראַבישן בעדואין און אין אַ טשאַלמע, — אין אַבעלי וועט הערשן די קולטור פון די טאַטעס, אין די יידישע קראָמען וועט מען זיך מוזן ווייטער דינגען אַ שעה צייט, איידער מען וועט אייך אַריינאַרן אַ טוטעלע צוקערקעס מיט 100 פּראָצענט ריוח.

און די מאָראַל פון דער גאַנצער מעשה איז די: מיר, די פעלקער אין ליטע, זיינען אַלע, אַלע גרויסע יחסנים. מיר שטאַמען אַלע אָפּ פון איין

איינציקן גאָט, וואָס האָט אין אונז אריינגעלאָזן א טראָפּעלע פון זיין געטליכקייט, אָבער דאָס פּנים אונזערע איז אינגאנצן אין די טאַטעס, וואָס האָבן אייערנעכטן געהייסן פּוילן און רוסלאנד, א אָפּגעבליאקירט פּנים פון א חצי פּוילן און חצי רייסיש. און דערום וועל איך ענדיקן מיט די ווערטער פון הגדה: איטליכן טאָג זאָל מען באטראכטן, ווי דעם טאָג, ווען מען איז ארויס פון מצרים, ד. ה. ווי דעם טאָג ווען עס שטארבט אָפּ איין קולטור און עס הייבט זיך אָן שאפן א צווייטע, א בעסערע, א גערעכטערע, א מענטשליך־פריינדליכע. יונגע קינדער ווייסן ניט פון קיין יחוס. דאָס האָבן די אלטע אויסגעטראכט.

אמת, יונגע זוכן ניט קיין ענליכקייטן צווישן אדם־הראשון און די טאַטעס. זיי לעבן און שאפן אויפן אייגענעם שטייגער.

אפּריל — מאי 1921.

בא א פרישן קבר.

דער קורלענדער ייד איז געשטאָרבן. נאָר די היסטאָריקער, וואָס גראָבן זיך אין די ארכיוון, ווייסן, ווי ער האָט אמאָל אויסגעזען. און אויב אירווילט האָבן א קליינעם דמיון פון אמאָליקן קורלענדער יידן, וועט איר זיך מטריח זיין ארייננגיין צו דאָקטאָר יאפע דעם אמאָליקן ריגער ראש הקהלה, — אפשר וועט ער אייך עפּעס אנטפּלעקן פון זיינע ארכיוון מכח דעם שיינעם נפטר, דעם קורלענדער יידן.

דער קריג האָט ניט נאָר צעשעדיקט א וועלט, דערטרונקען א קיטשע־נערן, נאָר אויך געהרג׳עט דעם שלאַקער בירגער, דעם אמאָליקן אכציקער, און אפילו צעקלאַפּט דעם יחוס פון פארמאצעווטן, וואָס האָט אויך גע־האָט די פּריווילעגיע צו טרעטן אויף א ריגער טראָטואר. דער רבונו של עולם אין זיין לייטזעליקייט מאכט שוין ניט קיין חלוק צווישן א שלאַקער און אנ׳אכציקער. אלע ליגן זיי אין דער בלאָטע און אלע צאָלן פאר זייערע ווייטאָגן מיטן לעטישן רובל.

דעם אָרט פון אמאָליקן נפטר פארנעמט היינט דער לעטוואַק. צום ליטוואַק איז צוגעקומען דער יונגער לעטוואַקל, און די צייטן, ווען דער ליטוואַק האָט מקנא געווען דעם קורלענדער זיינען שוין ניטאָ. ער איז דער אייגענער יחסן, וואָס דער לעטוואַק, און אפשר נאָך א גרעסערער, ווייל ער איז דאָך מיט צוויי טפחים נענטער צו דייטשלאַנד, דעם מקור פון אלע קורלענדער, ווי דער לעטוואַק.

וואו איך גיי דאָ און שטיי, באוואונדער איך דעם אויבערשטנס קראַפט, וואָס האָט ליב אלע ווילע א דריי צו טאָן מיטן ראָד. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אז דער ריגער ייד וועט אמאָל מקנא זיין דעם ליטוואַק־צלם־קאָפּ? אייגנטליך איז ער אונז מקנא אונזער סאָלאָ־ווייטשיקן, אונזער נשיא פון נאציאָנאַל־ראַט שמשון ראָזנבוים; ער קוקט מיט א קנאה־פייערל, וואָס בא אונז דרייען זיך די אמת׳ע מארקן; ער גלויבט באמונה שלמה, אז א וויזע אין בערלין באקומט מען אזוי גיך, ווי אנ׳אתרוג אויף סוכות, ער מיינט, אז אין די שיינע רואיקע מינוטן, ווען מען האָט פארענדיקט די 20־דיקע טאָגיקע אסיפה, זיצן זיך צוזאמען יידי־

שע און ליטווישע מיניסטאָרן און כלל־ישראל אין א איינגשאפּט און אָרעמ־קייט בא איין קאפּע־טישל. און איינער א לעטוואק, א פּילאָזאָף, וואָס האָט זיך א סך אָנגעלייענט אין דער היגער ביבליאָטעק פון חברה מפיצי השכלה, א באיאָרטער און באבאָרדטער ייד, האָט מיר אויפגעוויזן על פּי לאָגיקע, אז אין ליטע קען דאָס גאָר אנדערש ניט זיין, וואָרום דירות זיינען אין ליטע ניטאָ, און מען האָט קיין ברירה ניט. עס מוז א ליטווישער און א יידישער מיניסטער שלאָפן אויף איין שלאָפבאנק, על כל הפּחות ווינטערצייט, ווען מען קען ניט ליגן אויף דרויסן.

האָט מען זיך געוואונדערט אזוי לאנג, ביז מען איז דערגאנגען, אז איך בין א ליטעראט, און וויבאלד די מענטשן זיינען דאָס דערגאנגען, איז שוין קיין זאך ניט קשה געווען, וואָרום דאָס איז דאָך א באקאנטע זאך, אז ליטעראטן זיינען עפּעס ניט אזוי, ווי אלע. ווען די גאנצע וועלט זינגט שירה — קרימען זיי זיך, און שרייבן גיפטיקע מאמרים, און ווען א וועלט ג״יט אויס פאר ווייטאָג, מאכן זיי — כאפּט זיי דער רוח — אלערליי וויצן און גלייכווערטלעך, די זיסע שאָקאָלאדן האָבן זיי ניט ליב, און מארינאד עסן זיי מיט אינגבערלעך. משונה׳דיקע מענטשן! טאָ וואָס איז די קשיה, וואָס א ליטוואק דרייט זיך צווישן די אָרעמע לעטוואקעס!

איך בין אָבער ניט נתפּעל געוואָרן דערפון, און דרייענדיק זיך אין די ריגער גאסן מיט די גרויסע הייזער, וואו איטליכער שלאָפט אויף זיין שלאָפבאנק, האָט מיר הנאה געטאָן דער געדאנקען, אז צווישן א ליטוואק און א לעטוואק איז שוין דער חילוק ניט גרויס, און אז בא אונז ביידן איז שוין די יידישע שפּראך די איינציקע פּאָליטישע שפּראך, און אז א יידישער בוך וועט דאָ מוזן מיט דער צייט ווערן דאָס איינענע וואָס אין ליטע. דער קורלענדער האָט זיך נאָך געשעמט. דער לעטוואק וועט מיזן האָבן אזא וויטרינע יידישע ביכער, ווי דער לעט.

— און קיין אנדערע זאָרגן האָט איר ניט? — האָב איך דערהערט פּלוצלונג דעם קול פון קורלענדער נפטר, און א דערמינטערטער בין איך האַסטיק אוועק צו זיך אין האָטעל.

אָט אזוי בייטן זיך די שטימונגען, ווען מען איז אין דער נאָענט פון א פרישן קבר.

יוני 1921.

בריוו פון א קאַווגער צו א ריגער.

I

אויב איר ווילט, — איז דאָס א טרייסט.

גאָטס השגחה איז גאָר ניט אָפּצושאצן, און דוד המלך איז טאַקע גערעכט ווען ער הייסט אונז אין א 100 קאַפּיטלעך תהלים זיך פאַרלאָזן אויף אים און נאָר אויף אים. למשל, דער רבונו של עולם ווייסט, אז איך בין א מענטש, וואָס האָט ליב די עוואָלוציע און ניט די רעוואָלוציע און האָב פּיינט א צו שטאַרקן איבערגאַנג פון שלעכטס צו גוטס און אומגעקערט. דערום האָט ער מיר מיט זיין לייטזעליקער האַנט געפירט פון ראַטן־רוסלאַנד, וואו איך האָב געשלעפּט דעם זאַק פון אקאַדעמישן פּאַיאַק אויף די פּלייצעס, צוערשט קיין ליטע און דערנאָך קיין לעטלאַנד. און ווייטער וועט ער שוין מיר מן הסתם פירן קיין בערלין. און ענדיקן וועט זיך מיט דעם דאָלאַר־לאַנד, וואו עס וואַרט שוין אויף מיר א שטול אין שלומס קאַפּע, אין דעם דאָזיקן קאַפּע, וואו עס קומען זיך צענויף אַלע יידישע ליטעראַטן פון די גדולים ביז די ווערעמלעך צו רעקלאַמירן אָדער צו פאַרהאַנדלען א באַשריבענעם בלאַט פּאַפּיר.

קומענדיק פון ראַטן־רוסלאַנד אין ליטע — א שענערן ליגט מען אין קבר אריין — האָב איך זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אויף די ליטווישע בייגל און קיכלעך, מיט וואָס מען האָט מיך געשטאָפּט ווי א גאַנז. איך האָב גאָרניט באַמערקט, אז צוליב די ליטווישע איינגעשאַפט — (עפּעס א קלייניקייט — אריינשפּאַרן א מלוכה־אַפּאַראַט אין א הילצערן הייזל) בין איך נאָך אַלץ ניט ארויס פון דער עשעלאָן־טעפּלושקע. טרינקענדיק א אמת'ן קאָניאַק, האָב איך פון גרויס נחת גאָר ניט געפילט, אז מיינע הענט זיינען ווי פאַרבאַנדאַזשירט, ווייל עס איז קיין אָרט ניט געווען פאַר די איילנבויגנס. אַלע מיינע גערעדערים האָבן געזונגען א האַרציקן לויב צו גאָט, און ווי א אמת'ער זינגער האָב איך מיט צוגעמאַכטע אויגן ניט געזען פאַר זיך דעם איינגן שטח פון מיין וועלט. עוואָלוציאָניסטיש איז דאָס געווען דער ערשטער געזאַנג פון מיין קישקע, דערנאָך ווי זי האָט א יאָר דריי געליטן דעם שווערסטן גלות. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך געעפנט די

אויגן מיינע, וואָרום איטליכס ליד מוז האָבן א ענד, אפילו דער וועלט־געזאַנג פון דער קישקע. און איך האָב מיט אמאָל דערפילט די ליידן פון א לעבעדיקן מענטשן, וואָס איז צונויפגעקוועטשט ווי א הערינג אין א פאַס.

ריגער! איר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן מיין נחת, ווען איך בין געקומען קיין ריגע און דערזען פאר זיך א שטוב, וואו עס וואוינט נאָר איינגאנצן איין משפחה און וואו מען זיצט אויף אמת'ע שטולן און טרינקט טיי פון א אמת'ן סאמאָוואר און טאקע אין געשליפענע גלעזער! איך וויל זיך אויף נאמנות ניט בארימען, נאָר אין מיין האָטעל־צימער קען זיך פאַר־מעשטשאיען דער גאנצער קאָוונער יידישער נאציאָנאַל־ראַט, אפילו מיט דר. ראכמילעוויטשן צוזאמען. איר וועט מיינען, אז איך דערצייל אייך בבא־מעשות, אָבער ס'איז א פאקט אז אין דר. העלמאנס דאַטשע אויפן שטראנד, וואו איך האָב פארבראכט עטליכע גוטע שעה, קען מען זיך אויסזעצן אויף דער ווערענדע א סך ברייטער ווי אין אונזער בית־הקהלה, א יידישער סיים־דעפוטאט דאַרף זיך ניט איינשפּאַרן אין איין צימער בא א ליטווישער בעל־הבית'טע, בא וועמען עס וואוינען נאָך חוץ איר משפחה די געקומענע קרובים פון נעבענשטן ראַטן־רוסלאַנד.

האָט ליטע באפרידיקט מיין ליבע קישקע — איז לעטלאנד געוואָרן דער אָרט, וואו עס איז באפרידיקט געוואָרן א ביסל מיין רוים־געפיל און מיין געפיל פאר חפצים. אין ליטע לינן מיר דאָך איינג ווי אין די קברים. און ווי אין אמת'ע קברים לעבן מיר מיט זכות אבות, מיט אונזערע גוטע מעשים און ניט מיט מעבל און קיך־געשיר. דאָ אין ריגע איז גאָר אַנ'אנדער וועלט. איר הייבט זיך אָן ווידער צו דערמאָנען, אז עס איז אמאָל געווען חוץ אלץ, נאָך א גרויסע, רייכע, שיינע מאטעריעלע קולטור. איך האָב דערפילט דעם טעם פון רוים, רחבות. קורץ — איך האָב אָפּגעאָטעמט.

דאָס איז דאָך ידוע, אז די שיינע פרוי, ווען מ'שפּאַרט זי איין אין א טעאטער־קעמערל וואָס מ'רופט דאָס — לאָזשע, פארלירט זי צוויי דריטל פון איר חן. שיינקייט פאָדערט א ברייטן רוים פאר זיך, הײנט וואָס זאָל מען שוין ריידן פון אוזנער ליבער ליטוועטשקע, וואָס קוקט נעבעך ארוים מיט איין אויגל פון א געוועזענעם הערינג־טון, וואו זי איז איינגעשפּאַרט.

די לעטלענדישע שיינע האָט פאר זיך אָבער נאָך חוץ אלץ דעם שטראנד. זי איז איינגעפאסט אין א ברייטן ברייטן רוים: פון איין זייט דער ים און פון דער אנדערער — דער גאָלדענער זאמד און די שלאנקע זיילן פון די סעסעם מיט זייער אייביק גרינעם קרוין.

השגחת הבורא פירט מיר ווי א קראנקן, וואָס איז אָקאָרסט געגעזן געוואָרן, פאר א בלאָס הענטל טרעפּלעך־ווייז. ריגע איז געווען דאָס צווייטע טרעפּל, און ארויסגייענדיק פון דער ליטווישער טעפּלושקע, האָב איך זיך צעאָטעמט ווי א בלאָזאַק. די וועלט איז גרעסער ווי ליטע, און ריגע

איז א טויער צו דער גרויסער ברייטער וועלט. בא אלע איבערקערעניש, בא דעם גאנצן ריגער חורבן איז זי פּאַרט א הויך־קולטורעלע אינדוסטריע־שטאָט; די שטומע, פאַרשטיינערטע עדות פון אמאָליקער באַלטיש־גער־מאַנישער קולטור דריקן אויף די לעטן ווי אייביקע מאַנער, ווי מוסטערן פון א ברייטערן פאַרנעם, ווי די שטימען פון די אמאָליקע גרויסע בויער, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אזעלכע בנינים פון א ריטער־זאַל, א שוואַרץ־הויפּטער הויז א. א. וו. צי וויל דער לעט, צי ניט — ער איז א געפאַנגענער בא דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון א ריגע. זי וועט אויף אים דריקן ווי א קול־טורעלער, קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו און וועט אים אריינגאַרן אין די דרכים פון דער אַלטער גערמאַניש־באַלטישער קולטור.

ליטע דאַקעגן האָט ניט די דאָזיקע שטומע שטיינערנע עדות, האָט ניט די מאַטעריעלע קולטור פון א ריגע, און דעריבער וועט זי נאָך לאַנג מוזן בלאָנדזשען, איידער זי וועט אַרויס אויף דעם טויזנטיאָריקן איינגעפּאַרענעם וועג פון א אייראָפּייאישער קולטור. למשל, ביידע פעלקער — דער ליט־ווינער און לעטלענדער — האָבן כמעט צוגלייך אָנגעהייבן. דער לעט אָבער איז שוין מיט זיין קאָנסטיטואַנטע פּאַרטיק, ער גייט שוין צו די וואַלן פון א נאָרמאַלן סיים, בעת דער ליטווינער האַלט נאָך בא אשרי.

איך האָב אַנומלט געזאָגט: ״מיר אלע שטאַמען פון אדם הראשון, אָבער פון טאַטן אויך״. ליטעס טאַטע איז געווען דער פּוילישער גומס־באַזיצער, וואָס האָט געהאַט נאָר די חסרונות פון פעאָדאַליסטישן יונקער־טיפּ, אָדער דער רום מיט זיין ערגסטן פּנים, דער טשינאָווניק־באַבאַרניק און דער אויסוואורף פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע. דער לעט, דאַקעגן, האָט געהאַט אַנ׳אַנדער טאַטן וואָס האָט שוין אין 1804 אָפּגעשאַפט די לייבאייגנשאַפט, וואָס האָט געאַרבעט סיי מיט דער בייטש ווי מיט דער פאָלקס־שול און מיט א גאַנצן אַפּאַראַט פון קולטורעלע מיטלען. איז דער ליטווינער ריינער אין זיין אָפּשטאַם בכלל, בנוגע צו דער שפּראַך א. א. וו. — דערפאַר אָבער איז זיין נאָנטסטע הערקונפט ניט אזוי יחוס׳דיק, ווי ביים לעטן. א ממזר פון א גראַפן איז פאַרט מער יחוס, ווי צו זיין א ממזר פון א סטראַזש, א שיכור.

איך וואָלט מיינע משלים קענען ציען אָן א סוף, ווען די צייטונג וואָלט געווען כאָטש אזוי גרויס ווי אַנ׳אַמעריקאַנער יידישע צייטונג. איצט אָבער בעט איך נאָר דעם לעזער אליין די דאָזיקע אַרבעט מיינע אָפּצוטאָן. ובכן, וואָס בין איך מיט אלע ווערטער אויסן? אָט וואָס. ווי אַנ׳אַלטער עוואָ־לוציאָניסט זאָג איך: בעסער צו לעבן אין אַנ׳אַלגעמיין קולטורעלע סביבה אָן די פּאַפּירענע צוזאָגן מכח אלערליי אווטאָנאָמישע נויטיקייטן, איידער צו האָבן די גאַנצע קלאַפּער־געצייג פון רעכט היינטן אויף דער וואַנט, וואָס

איז געבויט פון ברעטער אָן א טיפערן פונדאמענט, בנוגע צו דער אלגעמיי־נער קולטור.

אין מיין קורצן זיין אין ריגע האָב איך געזען, אז ריין פאָרמאליש איז דער ייד אין ליטע בעסער אוועקגעשטעלט בנוגע צום פּאָליטישן אויפ־בוי פון לאנד און א סך ערגער אין ריגע. אָבער די צוקונפט פון יידישן ישוב אין ריגע מאָלט זיך מיר אין א סך בעסערע פארבן ווי אין ליטע. אלע קרעצלעך, מיט וואָס עס זיינען איצט באדעקט די ראנד־שטאטן בא זייער מדינה'שאפטס־אויפבוי, וועלן גיכער פארהיילט ווערן דאָרטן, וואו מען באנוצט א מעדיצינישן זאלב, און ניט די געקרייטעכצער פון א טאָ־טער. ריגע האָט א סך מער און בעסערע אפטייקן ווי קאָוונע, וואו דער טאָטער קאָנקורירט נאָך אלץ שטארק מיטן דאָקטאָר. איך בין מסופק, צי וועט דער ייד באקומען אין ריגע אזוי גיך זיינע אווטאָנאָמישע רעכט ווי אין ליטע, אָבער אז ער וועט דאָס טיילווייז באקומען, וועט דאָס האָבן אויך מער ממשות, ווי בא אונז.

און אויב איר ווילט, — איז דאָס אויך א טרייסט, און גאָר א נרויסע טרייסט.

יוני 1921.

II

און זייט געזונט.

נאָך די ניין מאָס רייד, נאָך דעם 18־טן גלעזל בראָנפן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך פאראייביקט אויף פינף פאָטאָגראפישע פלאסטינקעס, נאָכדעם ווי איך האָב זיך צעזעגנט מיטן לעצטן מיטגליד פון דער רעדאקציע, קורץ נאָך אלעמען און אלעמען האָט זיך בא מיר אין הארצן צעזונגען "און זייט געזונט". פארלאנגט ניט פון מיר, אז איך זאָל זיך צעזינגען אויפן קול, איך בין ניט קיין ליובאוויטשער חסיד, איך בין אפילו ניט קיין קאפּישצער. איך בין א מתנגד, א ליטווישער ייד וואָס געדיינקט נאָך שטארק דעם ווילנער גאון, וועמענס עלטער־עלטער־פאָטער האָט אפשר הנאה געהאט, ווען מ'האָט רודף געווען דעם בעל "תניא", ר' שניאור זלמן'ען דעם גרינדער פון אונזערע חב"ד'ניקעס.

ווי קען מען דאָס בכלל פארלאנגען אז א ליטווישער מתנגד זאָל זיך צעזינגען אויפן קול? ווי אין "חיי אדם" ווערט אָנגעזאָגט, אויפן סמך פון

„קול באשה ערוה", אז מ'זאָל חלילה זיך ניט איינהערן אינם געזאַנג פון אננא מייטשיק, — האָט דאָס נאָך אַ זין. מ'דאַרף אָבער שוין ניט קיין „חיי אדם", אז מ'זאָל ניט האָבן קיין חשק זיך צוצוהערן צו דעם געזאַנג פון אַ ליטווישן מתנגד. זיין קול'כל איז אַזוינער, אַז אפילו אַ פאָנאָגראַפישע פּלאַסטינקע קען אים ניט סובל זיין, און ווען ער צעזינגט זיך — פּגר'ן אוים אַלע פליגן.

און דערום פאַרלאַנגט ניט, אַז איך זאָל זיך צעיאָמערן ווי די ליובאַוויטשער און קאַפּישצער אַלטע און יונגע לייט, ווען זיי האָבן געטרונקען אַ „לחיים" פאַר דעם נייעם צווילינג אין ר' מענדל לולאַוו'ס הויז. מיר מתנגדים זיינען גרויסע בריות צו זיין מבינים אויף זינגער און שפּרינגער. ליטע האָט ניט געגעבן קיין איין בעלעטריסט, דערפאַר געפינט איר אין איטליבן שפּעלטל אַ קריטיקער, וואָס איז אַ מבין, אַ מבין, אַ גרויסער מבין, נאָר נעבעך אַ געפּלעפּטער אויף דער אמת'ער קונסט. און דערום אַלס מבינים הערן מיר זיך איין מיטן גאַנצן גוף צום געזאַנג וואָס זינגט באַ אונז אין האַרצן, און טאַקע דערפאַר וואָס מ'קען דאָס אַליין ניט אַרויסגעבן, גלויבט מיר, מיין מתנגד'ישער „זיי געזונט" האָט אין מיין האַרצן געקלונגען ניט ערגער, ווי באַ אַ חזן. און אַרום דעם נגונ'דל האָבן זיך געוואָרפן געפילס־וועלכעלעך פון אַ גוטער גוטינקער באַציאונג צו די עטליכע צענדליקער ריגער, וואָס האָבן מיר געמאַכט אַזאַ גוט־חסידישן קבלת פּנים.

ס'האָט געטרעלייקעט אין מיר: און זייט געזונט, און זייט געזונט, און זייט געזונט. זייט געזונט איר אַלע, באַ וועמען ס'איז נאָך דאָ אַ שטיקעלע דבקות, אַ רצון זיך צו באַהעפטן צו עפּעס, וואָס וואַרפט נאָך אַריין אַ שיינדל אין אַרומיקן וואָכיקן לעבן! זייט געזונט איר, ליבע פרויען פון אַמאָליקע ליובאַוויצער און קאַפּישצער טעכטער, וואָס זינגען אין אַ מאָדערנעם זומער־קלייד אַ חסידיש נגונ'דל מיט אַ היץ און אַ ברען, מיט אַ צינגל און פינגער־קנאַק! זייט געזונט איר, יידישע מענטשן, באַ וועמען נשמה־פונקען צינדן אָן כסדר אַ פייערל אין אייערע נערוועזע גלידער, אין אייערע אויגן!

און אַ געזונט אויף אייך, איר יונגע לייט, וואָס קלייבן זיך צונויף באַ אַ פייערטאָפּ אויך זומער צייט; וואָרום אויך זומער פרירט אַמאָל אַ נשמה, ווען זי האָט ניט אַ גייסטיקן פייערטאָפּ, און איר אַלע, אַלע, וואָס פּאַכן מיט אַ אומזיכערן הענטעלע איבער אַ בלאַט פּאַפּיר, און מיען זיך זייער „איך" צו אַנטפּלעקן אין אַ ליד, אַ בילדל, אַ חוזקל, אַ גיפּס־טראָפּן — זייט געזונט און שטאַרקט, שטאַרקט אייער הענטל. און זעטסו אַ מאָלער־קינסטלער „וואָס חלומ'ט" פון די זייל־מעסעס ביים שטראַנד מיט זייער טויטן לייב אין גרינעם קרוין, מיט זייערע צעשפּאָלטענע וואָרצלען און געבראָכענע נאַקנס, — גיב אים איבער מיין זיי געזונט, זאָג דאָס אים

מיט דער אייגענער ווארעמקייט, ווי איך שיק דאָס דעם מוזיקער ש. ראַ־זאַווסקי, און אויך דעם קליינעם פידלער און דעם יונגן פילאָזאָף, וואָס באשיינט זיין פילאָזאָפישע וועלט מיט א שיין ווייבעלע אין אנטיק־אויע־רינגלעך און א פידעלע.

זייט געזונט, איר אלע אלטע סעסעס מיט טויטע לייבער און קלוגע קעפּ, וואָס זינגען סימפּאטיש, אויך דאָן, ווען זיי ריידן פון פּאָליטיק און פון אלע די שיינע זאכן, פון וואָס א ליטעראט לויפט, ווי פון ווייערויך.

⁂

קורץ און גוט, — באם מתנגד אין הארצן האָט זיך צעזונגען און אויך די ניט־דערמאָנטע זיינען ווארעם פארוויקלט אין זיין הארצנס נגונדל.

אנ'אמת'ער חסיד וואָלט דערמיט געענדיקט, וואָרום ער ווייסט פון זיך, אז איבעריקע ווערטער צעשטערן אמאָל א ניט־דערענדיקטן לידל. בעסער זאָלן זיך ציען די טענער אָן א מעלאָדיע, איידער ארייננשטעלן אין מיטן זמר'ל א קריטישן געדאנקען פון א מתנגד.

איך אָבער, ניט פאר אייך געדאכט, א מתנגד לויט מיין אָפּשטאם, איך מוז נאָך עפּעס צוגעבן.

פארוואָס איז מיר געפעלן ריגע, ווען אויף שריט און טריט טרעפסטו א קורלענדער, די צווייטע פּראָסטערע פּאָלקס־אויפלאגע פון די ליטווישע מתנגדים?

און קלאר אָיז מיר דאָס געוואָרן אין וואגאָן, ווען די רעדער האָבן אָפּגעקלאפּט סיי א "זייט געזונט", ווי א שטיקל חשבון הנפש.

ריגע איז ניט נאָר די שטאָט פון די אמאָליקע שלאקער, נאָר אין א סך א גרעסערע מאָס פון די אמת'ע און פאלשע אכציקער, וואָס זיינען געקומען פון די ווייסרוסישע שטעטלעך, פון די רביים'ס טישן אין ליובא־וויטש און קאפּישץ. נאָך הערט זיך פון זייערע קינדער דער ריח פון טאטנס אמאָליקער התלהבות, נאָך קרימען זיך נערוועז זייערע יונגע ליפּן, ווען זיי זעען די שריים באַם רבינ'ס טיש. איז א יידישער ליטעראט ניט דער רבי באַ זיי, — אָבער שריים פון עפּעס א רבינ'ס טיש דערמאָנט ער זיי פּאָרט.

מיר, ליטווישע מתנגדים, האָבן קיינמאָל ניט געהאט די הנאה פון א רבי'ן, פון א מדריך, פון א פּאסטוך. ווי די סעסעס באַם שטראנד זיינען מיר געוואקסן איינציקווייז, ניט געארעמט, ניט באהעפט, ניט געטאנצט און ניט געזונגען. אין סעסעס וועלדער זיינען קיינמאָל ניטאָ קיין זינג־פויגל, נאָר א ראָב מאכט אמאָל א ווילדן אהינצו.

"לכה דודי לקראת כלה" איז נאָר געבליבן בא אונז אין סדור — חוץ אים האָבן מיר ניט דאָ אזוינע מאָמענטן, ווען עס באגעגנען זיך די נייסטער, ווען א חתן גייט פריילעך און מיט במחון זיין כלה אנטקעגן, און דערום — זייט געזונט, און זייט געזונט.

יוני 1923.

קינות.

א טעות ווען מען מיינט, אז נאָר מיר יידן פאַרמאָגן ניין טעג, אַמאָל פּאַסירט אויך בא גוים, אז זיי באקומען פינסטערע "ניין טעג". אָט אזוינע ניין טעג זיינען איצט, למשל, בא די דייטשן, וואָס האָבן צוגעפלעקלט זייערע אויערן צו א פּאַריזער קאָנפערענץ־זאַל, וואו עס זיצן די טיטוס'ן, האַלטן א שער אין דער האַנט, און גרייטן זיך אָפּצושניידן א שטיק אויי בערשלעזיען פון זייער דייטשן קערפּער. אָט אזוינע ניין טעג זיינען איצט בא די סאָוועטסקע לייט אין רוסלאַנד, וואו גאַנצע דערפער האָבן זיך אויפ־געהייבן פון זייערע ערטער, און זיך געלאָזן שפּרייזן מיט קינד און קייט, אָקס און פערד איבער די רוסישע ווייטן. און אויך זיי, די דאָזיקע וואַנדע־רער, ווי בא נבוזראדנ'ס צייטן, האָבן זייערע הייליקע קברים, וואו זיי שטעלן זיך אָפּ אויף א רגע'לע און זינגען דאָס לידל פון דעם "אוי מה היה לנו". און די דאָזיקע ניין טעג בא די גוים זיינען ניט אין דער ערך טרויעריקער און קלאָגעדיקער, ווי אונזערע. א כראָנישער קראַנקער, ווי מיר, די בני ישראל, האָבן זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו די ניין טעג, אז מיר פילן שוין כמעט גאָר דעם ווייטאָג ניט. די יונגע קראַנקע פעלקער, וואָס פּראָווען ערשט אפשר צום ערשטן מאָל זייערע ניין טעג, ליידן א סך שטאַרקער, זיינען טויזנט מאָל אָנגעווייטאָגטער, ווי מיר קאָוונער, וואַרשעווער, ווילנער יידן, וואָס האָבן אפילו שוין קיין געדולד ניט אויסצוהערן א "איכה" און אָפּ־צוזופן אויף גיך די קינות.

די ניין טעג זיינען געוואָרן בא אונז אין דער צייט פון מערערע דורות עפּעס אזוינס, ווי דער אמאָליקער שיינער בלויער פראַנז אויף אונזער נאַ־ציאָנאַלן מונדיר. — ער איז געוואָרן א ברוינע ציצה אונטער א ציצן־קאַפּטל. זיי האָבן באקומען בא אונז דעם אייגענעם שיינעם פּרצוף, וואָס די אמאָליקע סוכה, בעת יידן זיינען געזעסן אין דעם חלל פון פרישע ווייי־כע צווייגן, צוזאַמענגעפלאָכטענע אין א גרינעם זומער־ביידל; היינט איז די סוכה א געבויטע פון אלערליי שמוציקע ברעטלעך, א באַדעקטע מיט

א גרין־נעלן סכך, א זכר צו דער סטיללאָזיקייט און אָפּנעלאָזנקייט, וואָס קאָמאַנדעוועט אויף דער יידישער גאַס. די נײַין טעג וועקן שוין כמעט קיין שום געפיל ניט אין הארצן פון א יידיש מיידל, אָדער יונגנמאַן. זיי דערמאָנען זיך נאָר אָן זיי דענסטמאָל, ווען דער רב און דער דיין גיבן זיי ניט אין די נײַין טעג קיין חופה וקדושין, און זיי מוזן מיט פארביסענע ליפּן אָפּווארטן גאנצע נײַין טעג, ביז מען וועט זיי שוין ארויסגעבן א פּאַס אויף בײַדנס נעמען. נאַאיווע מענטשן, און יידן בפרט, ווילן זיך אײַנ־ריידן, אז דער חורבן קומט נאָר פאַר אײנמאָל. א צווייטוויזנטדיקער חורבן איז ווי א ים, וואָס הערט ניט אויף צו מאכן טאָג פאַר טאָג אלץ א נייעם חורבן. די באוואוסטע נײַין טעג מאכן אונז חרוב שוין צוויי טויזנט יאָר, און עס איז שוין כמעט ניטאָ בא אונז קיין אײנציקער נערווועלע, וואָס איז שוין ניט צעריבן בא אונז פון דעם דאָזיקן כראָנישן חורבן, און אויך דער זין און דער מיין פון די נײַין טעג האָט ניט דעם כאראקטער, וואָס איז נאָר מעגליך בא א געזונטן גוף און מח.

***

אין אײנעם פון די נײַין טעג בין איך געוועזן אויף א קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער. מאקס ווידעצקי, אַן אָנגענומער באריטאָן און א קאָמפּאָזיטאָר, האָט מיט גרויס באגײסטערונג געזונגען און גערעדט פארן עולם, וואָס איז אים געקומען הערן. ער האָט געפרעגט: ווי קומט דאָס, אז ווען ליטווינער אָדער לעטן מאכן א לידער־אָוונט פון פאָלקס־מוזיק — איז דער זאַל פול געפּאַקט, בעת בא יידן קען מען זעלטן האָפן אויף א רעכטן עולם? — זײַנע אויגן האָבן באנג געקוקט אויף דעם זאַל, וואָס איז געווען האלב ליידיק, און זײַנע בליקן האָבן געפרעגט דאָס וואָס זײַן מויל האָט ארויסגעזאָגט. מאקס ווידעצקי איז אויך אזא נאַאיווער, וואָס פאר־גלייכט א יידן מיט א ליטווינער א. א. וו. צי ווייס ער דען ניט, אז דער אײביקער חורבן האָט געמאכט פון אונז א פאָלק, וועמען עס לוינט ניט זיך צו שטארק צו אנטפּלעקן? דער ייד האָט מורא פארן וואָרט וואָס זאָגט: אָט דאָס בין איך, און אזוי בין איך. דאָס וואָס עס לוינט דעם ליט־ווינער — לוינט אונז ניט, און דערום מאכט זיך צו דער ייד די אויערן ווען מען רעדט צו הויך יידיש, און נאָכמער, ווען מען וויל זיך ארויסווייזן ווי אַן אמת פאָלק, וואָס זינגט זײַנע לידער און צעגיסט זיך אויף אַן אײ־גענעם מוזיקאַלישן שטײנער. נאָר מיינט ניט, הער ווידעצקי, אז איר אַלס ייד זייט פריי פון אַלגעמײנעם חורבן. זיך צוהערנדיק צו אײַערע קאָמפּאָ־זיציעס האָב איך כסדר געקלערט: ווי שווער איז דאָס צו זײַן א פרייער ייד. איך צווייפל ניט א רגע, אז איר זייט אַן ערנסטער מענטש, וואָס וויל מיטן גאנצן הארצן באשיינען און פארפּוצן דאָס יידישע ליד מיט א גר־טער מוזיק, אָבער איר זייט א קינד פון א פאָלק, וואָס האָט שטענדיק

אויסגעמידן זיך צו אנטפלעקן, און אין אייער מאמעס הויז האָט איר ניט געהערט דעם אמת'ן עכטן טאָן פון א יידישן פאָלקס־ליד.

די אלגעמיינע סטיללאָזיקייט האָט צעגישטעט אייער געהער פון קינדרווייז אויף, און ווען איר האָט גענומען מוזיקאלישער מאכן דאָס ליד, איז דאָס געווען וואָס איר ווילט פאר מוזיק, נאָר ניט דער נאַטירליכער יידישער טאָן, וואָס איר האָט דאָס קיינמאָל ניט געהערט. דער בעסטער באוויז צו מיינע רייד איז דאָס, וואָס איר האָט כמעט אלע אייערע נומערן אויסגעקליבן ניט צווישן די פאָלקס־לידער נאָר צווישן די ברחנ'ישע, אָדער צווישן די, וואָס מען זינגט אין א פיעסע פון גאָלדפאדען, אָדער פון אנ'אמעריקאנער יידישער אָפּערעטע. איר ווייסט אפילו ניט געווי דעם קוואַל פון יידישן פאָלקס־ליד, און זייט זיך טועה שוין פון אָנהייב אָן, ווען איר גיט אוועק אייער טאלענט נישטיקע זאכן.

אודאי זייט איר מסוגל צו פארמוזיקאלישן שטארק א יידיש פאָלקס־ליד, נאָר איר זייט א קינד פון אפאר'חרוב'טער משפחה, און אייער גוט געמיינטער ווילן גייט אוועק לאבוד, אייער מוזיקאלישע פאנטאזיע זעט ניט קיין יידישע פאלקס־טיפּן, און דערום קומט ארויס א גוטע מוזיקאלישע באגלייטונג צו א נישטיקער, ניט־טיפּישער מעלאָדיע. און ניט טיפּיש איז די מעלאָדיע, ווייל בעת איר זינגט א "האצקעלע" זעט איר ניט דעם טיפּ פון א געמאכט־פריילעכן יידישן קבצן, וואָס שרייט זיין פּיין אריבער מיט א הוליאנקע, און בעת איר זינגט דעם פורמאן, זעט איר ווידער פאַר זיך ניט דעם טיפּ פון א יידישן בעל־עגלה. נאָר איך מאך אייך ניט אינ־גאנצן שולדיק. זייט איר דאָך א קינד פון די אלטע גיין טעג! און פרייע יידן, אמת'ע מושלמים, געפינט מען בא אונז איינעם אין א מדינה.

⁂

זיצנדיק אויף מ. ווידעצקים קאָנצערט, מיט וועלכן עס האָבן זיך אזוי שטארק מתעסק געווען די תלמידים און די לעקטאָרן פון די היגע העבערע קורסן, האָב איך זיך אגב דערמאָנט, מיט וואָס פאר א לייטזעליקייט מען באציט זיך אין קאָוונע צו איטליכער אינסטיטוציע. און ווידער האָב איך דערפילט די נשמה פון חרוב'ן יידן, וועלכער צאַפּלט זיך מיט קראנקע נערוון אָון מיט דעם אימפּעט פון א באשעפעניש, וואָס האָט זיך גענומען א פעסטן הסכם צו לעבן; ווי לעבן און אין וואָס פאר א אופן — איז שוין קיין חלוק ניט, אבי לעבן!

האָט מען געגרינדעט א געזעלשאפט פאר העבערע קורסן. קיין מיט־גלידער פאר דער געזעלשאפט האָט מען ניט צונויפגעזאמלט, א סעקרעטאר האָט מען אָבער באלד אויסגעקליבן, און א דירה מיט א סטרוזש האָט מען

באלד זיך איינגעהאנדלט. קיין געלד האָט מען אויך ניט געהאַט אויף דער התחלה, איז אָבער גאָט א פּאַטער, האָבן די לעקטאָרן געלייענט כמעט בחנם, און די צוהערער האָבן אָפּגעגעבן שעה'ן און טעג אויף צו מאַכן אָוונטן און קאָנצערטן, אבי ניט צו דערטרונקען ווערן שוין ביים ערשטן זמן. לעבן די העכערע קורסן נאָר מיט איין באַגער, — אבי צו דעקן אויף א ווייַלע דעם דעפיציט פון א זאַך, וואָס ווערט פון קיינעם ניט געשטיצט. א חוץ די למד־וואָוניקעס די לעקטאָרן, און עטליכע טרייע צוהערער, וואָס פילן דעם ווערט פון די דאָזיקע למד־וואָוניקעס. בינו לבינו, פּאַכנדיק מיט די לונגען, קענען די העכערע קורסן ניט קויפן כאָטש איין איינציקן אינסטרומענט פאר פיזיק, כעמיע, קיין עטליכע לערנביכער פאר די שילער.

לעבן די העכערע קורסן, ווי אלץ וואָס האָט א שייכות צו קולטור באַ יידן, מיט אמונה און בטחון, אז די למד־וואָוניקעס וועלן ניט אויסגיין, און אז די טרייע תלמידים וועלן אויך בלייבן טריי צו דער וויסנשאפט ביז צו דער ערשטער מאָביליזאציע, און אז גאָט איז א פּאַטער. און אז אייביק איז דער פסוק "פּת במלח תאכל", און זעען אין די שטערן קען מען אויך אָן א טעלעסקאָפּ, איינשטיינען מעג מען גלויבן אויפן וואָרט.

און איצט, ליבער לעזער, ראָט איך דיר, אויב דו האָסט נאָך א חשק פאר די ניין טעג, — טראַכט אויך וועגן די אנדערע ניט דערמאָנטע חורבונות, וואָס קומען אלע טאָג פאר באַ אונז ניט אין ירושלים, נאָר אין דער שטאָט קאָוונע, וואו צענדליקער קולטור־אינסטיטוציעס לעבן א לעבן פון א פליג, וועלכער מען האָט אָפּגעריסן די פליגלען און אָפּגעפליקט א פּאָר פיסלעך.

פרייטיקדיקע געשפּרעכן.

(כ'זעגן זיך — ווענט האָבן מוילער — אין באַזעל — קאָוונע שקלט מיטן קאָפּ — אליקום — מיינע צרות — קאַראַנטינען — איך פאָר).

יידן, איך בין זיך מקריב פארן כלל־ישראל! איך פאָר אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, איך פארלאָז די שטילע ברעגעס פון ניעמאַן און ווילִיע און וואַרף זיך אריין אין די כוואַליעס פון א 12־טאָגיקן שמועס, ווען פיר ווענט פון א גרויסן קאָנגרעס־זאַל באַקומען צענדליקער מיילער.

פון איטליכן ווינקעלע שטראָמט דאָס מיט אזא כח־הדבור, אז דו הייבסט אָן צו פילן דעם צער פון א מענטשנס אויער, באַ וועמען עס הורזשעט, הוזשעט ווי אין א מויער־קעפּל.

אויף די ערשטע קאָנגרעסן אין באַזעל פלעג איך זיך נאָך ראַטעווען

אמאָל דערמיט, וואָס איך פֿלעג פֿון קאָנגרעס־זאַל גיך אַנטלויפֿן אהין צו טויב־שטומע, — באַזעל איז באַרימט מיט איר טויב־שטומען־אינסטי־טוט, — אָבער איצט אין קאַרלסבאַד, וואו אַזוינע טויב־שטומע שולן זײַ־נען אויך ניט בנמצא, — פֿאַר איך ממש אויף מסירות־נפש.

איך פֿאַרלאַנג ניט, חלילה, אַז איר זאָלט רחמנות'דיק שאָקלען אויף מיר מיטן קאָפּ. קאָוונער יידן זײַנען אַזוינע געפּלאָגטע, זיי קומט אוים אַזוי אָפט צו שאָקלען מיטן קאָפּ אויף די יסורים פֿון די פּליטים, א שאָקל טאָן מיטן קאָפּ דאַרויף, וואָס מען וואַרפֿט אַרוים פֿון בקור־חולים די קראַנ־קע, ווײַל עס איז ניטאָ קיין מזומן אויסצוהאַלטן א קראַנקן־בעטל, א כּפל־שמונה'דיקן שאָקל מיטן קאָפּ, וואָס די קהילה זיצט אָן א קאָפּיקע, אָן א פּעטער, אָן א גואל, וואָס דער נאַציאָנאַל־ראַט ווערט משוגע קלערנ־דיק, וואו צו כאַפּן א גמילות־חסד, וואָס קאָוונער חברות האָבן אַלץ, וואָס איר ווילט, — סטאַטוטן, מיטגלידער, גרויסע פּלענער און צענדליקער הבטחות, נאָר עס פֿעלט זיי איין קלייניקייט, — אַנ'אָרט וואוהין זיך צו־נויפֿצוקלייבן און א ביינקל אויף וואָס צו זיצן.

און אויב איר וועט שוין א שאָקל טאָן מיטן בערדל, — פֿון וואַנען איז צו זען, אַז איר מיינט דאָס מיר, און ניט די יינגעלעך מיט די אומריינע קעפּלעך, וואָס וואַרטן שוין יאָרן־לאַנג אויף דעם רענטגען־אַפּאַראַט אין בקור־חולים, וואָס אַמעריקע האָט פֿאַר זעקס חדשים צוגעזאָגט, און דר. אַלקאַן, דער תמ'עוואַטער משרת'ל פֿון אַמע־ריקאַנער דזשאָינט גיט ניט, "ווײַל מ'האָט אים ניט מקבל־פּנים געווען, ווי עס דאַרף צו זײַן"?

איך בין אַנ'ערליכער כּלל־טוער און איך וועל זיך ניט דערוועגן צו צונעמען אייער שאָקל, וואָס עס געהערט אַנ'אַנדערן.

אדרבה, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך פֿאָר אויף מסירת נפש, — פֿיל איך אייך, קאָוונער יידן, מיט פֿון גאַנצן האַרצן, אייער נעבעכדיקער שאָקל מיטן קאָפּ רייסט מיר שטיקער פֿלייש פֿון האַרצן, און, ווי א נערוון־דאָקטאָר, האָב איך שטאַרק מורא, אַז איר זאָלט ניט באַקומען די שאָקל־קראַנקייט, וואָס איז זייער שווער אויסצוקורירן.

נאָך אַלעם דעם קענט איר זיך איצט פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר א איי־דעלע לבבות עס האָט א יידישער שרייבער: אי ער איז זיך מקריב, אי ער קלאָגט נאָך מכה א צווייטן קרבן, וואָס זוכט זײַנע פֿאַרלוירענע געלט און אור־מעטום: ביים דזשאָינט, בא דעם נאַציאָנאַל־ראַט, בא א קרוב אין אַפֿריקע, — נאָר ניט אין בוזעם־קעשענע, וואו עס רוען, ווי אין גן־עדן, א פּאַק קרעדיטקעס אין אַלערליי וואַליוטעס.

אָט אַזוי זײַנען מיר שוין, יידישע בטלנים, ליטעראַטן, כּלל־טוער און סתם גאָטס שלוחים, אַז מיר קלאָגן נאָך מער אויף "מי יחיה", ווי "מי

ימות״, מיר באדויערן מער די קאָוונער, ווי זיך אליין, וואָס פאַרן אויף מסירת נפש.

שוין דער זיידע ע״ה ר׳ מענדעלע האָט געזאָגט, אז ווען א ייד צעגיסט זיך אין די ימים־נוראים אויפן ״הבן יקיר לי אפרים״, באדויערט ער ניט אזוי זיך, וואָס ווערט אויסגעריסן אויף דער וועלט, ווי דעם רבונו של עולם, וואָס צעגייט פון רחמנות אויף די צרות פון טויטן זונדל אפראַי־קעלע. מיר האָבן כסדר מער רחמנות אויפן רבונו של עולם, ווי אויף זיך אליין. פארלאָזנדיק קאָוונע, — האָב איך א סך מער רחמנות אויף די בידנע קאָוונער, וואָס קענען אפילו ניט האָבן קיין אייגענע אמבולאַטאָריע, קיין אייגענעם ווינקל, א וואו זיך צונויפצוקלייבן, ווי אויף זיך, וואָס דארף אויסשטיין אלע פורעניות׳ן פון א דייטשער וויזע אין ליטע, אלע צרות און שלעק אויף באנען און שיפן, כדי זיך מקריב צו זיין פארן יידנטום אין קאַרלסבאד, וואו מען האָט אפילו קיין צייט ניט א גלאָז וואסער פון א שפרודל־קוואל צו געניסן.

***

אליקום בדחן האָט אמאָל געזונגען אויף א חתונה:

״ווער קלאפט דאָס אין די שויבן?
עס פליען איצט די טויבן:
דיין יוסף און בנימין
קלאפן אין דער טיר״.

און דאָס נגונ׳דל גייט מיר מער ניט ארויס פון קאָפּ.

ר׳ חיים ווייצמאַן, ר׳ נחום סאָקאָלאָוו, אינזשינער אוסישקין און דער שופר של משיח פונם רעדנער שמריהו לעווין זיינען די טייבעלעך וואָס קלאפן אין מיין וואגאָן־שויב. איך וועל אלעמען ווידער טרעפן נאָך א משך פון צען יאָרן, איך וועל ציילן די גרויע פאסן, וואָס האָבן זיך אריינגע־גנב׳עט אין זייערע בערד, און איך וועל זיי א צי טאָן פאר א שפיץ פאה און באטאפן מיט א ווייך געמיט זייערע אלטנס־סמנים. עס וועלן ווידער ארום מיר שטיין די יוספ׳לעך און בנימינטשיקס, אָבער שוין מיט בייכ־לעך און הארטע קנייטשן אויף די שטערנס און די פנימ׳ער.

וואָלטן זיי כאָטש געקלאפט אין די שויבן פון א בית־לאומי אין יפו — וואָלט דאָס נאָך געווען א האלבער צער. קלאפן זיי אָבער אין די טירן פון א קארלסבאד מיט א שאָק וויזעס אויף זייערע פעסער, און מיט א שאָק שפראכן אין די מיילער, און מיט א שאָק דאגות אין די קעפּ.

איר, קאָוונער יידן, וואָס ווארטן יאָרן לאנג, אז פון אבעלי זאָל אָנ־קומען א ידיעה פון זייערע פארוואָגלטע קרובים — קענט פארשטיין די

צעמישטע געפילן, וואָס נעמען ארום איצט אנ׳אלטן צוויניסט, וואָס קלייבט זיך אין קארלסבאד. איצט שטעלט זיך פאַר די ענוים פון א טאטן, וואָס קומט זיך זען מיט זיין זון, וואָס איז צעשיידט געווען מיט אים שיינע עטליכע יאָר און מען שטעלט אים אָפּ פאר א קאראנטין־פארקאַן, וואו מען לאָזט אים ניט אריין, און זיין זון ניט ארויס.

און אזא קאראנטין איז א קאָנגרעס ווען די טייבעלעך, די יוספ׳לעך און די בנימ׳טשיקעס ווערן אָפּגעשיידט פון אייך דורך פארטייען, פראַקציעס, א גרינעם טיש, געהיימע זיצונגען און א רעש און א געפילדער פון הונדערטער־הונדערטער שטימען, וואָס ריידן אלע צעמישט און אין דער לופט, ווי א טעלעגראפן־דראָט, דורך וועלכן מען שיקט פארשיידענע טעלעגראמען פון הונדערטער שטעט אויף א מאָל.

מיינט ניט, אז איך וויל, אז איר זאָלט זיך צעיאָמערן איבער מיר. איך דארף ניט אייער נעבעך פנימ׳ל. איך האָב שוין א וויזע, שוין איינגעפאקט די זאכן, און ווען שבת וועט איר מיר לייענען, וועל איך שוין זיין אין א צוג וואָס יאָגט מיך אהין, וואו איך וועל א שטיק געזונט פארלירן, און וואו מיין גאל־בלאָז וועט זיין אזוי פול, ווי אייער קדוש־גלאָז פרייטיק צו נאכט. אייער רחמנות איז מיר ניט נויטיק, וואָרום מיר יידן בטלנים, ליטעראטן, כלל־טוער, און גאָטס סטראפּאצעס זאָגן אלע טאָג דעם פסוק: בדמיך חיי, בדמיך חיי.

אויגוסט 1921.

ציים-געשיכטע.

1922—1923.

הויכע דיפּלאָמאַטיע.

(מעשה ראָזנבוים און מעשה זשאַבאָטינסקי).

דאָס איז דאָך ידוע, אַז איטליכער יידישער שרייבער האַלט פון זיך אַנ׳עולם ומלואה. עס זיינען דאָ אפילו אַזוינע באַשיידענע ליטעראַטן, וועלכע הייבן אָן זייער יחוס נאָך דאַנטע׳ן און שעקספּיר׳ן. אָבער דאָס זיינען שוין אויסנאַמען, און עס איז ניטאָ וועגן זיי וואָס צו ריידן, סיידן זיי שטאַרבן פאַר דער צייט, אָדער פון אַ זעלטענער קריינק. אויך איך בין אַ יידישער ליטעראַט, און שרייב ניט קיין פּשוט׳ע קאָרעספּאָנדענצן פאַר צייטונגען. מיינע, זיינען פאַר דער אַ י י ב י ק י י ט, און ווען ניט די הויך־דיפּלאָמאַטישע גיינג פו אונזערע גרויסע לייט, וואָלט איך זיך ניט מטריח געווען. איצט אָבער ווען אויף ביידע זייטן פון דער ערד־קוגל האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דיפּלאָמאַטישע שפּיל, איז ניט אונטער מיין כבוד זיך צו נעמען פאַר מיין אייביקייטס־פּען.

די מעשה מיטן דר. שמשון ראָזנבוים, מיטן פּרעזידענט פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע, וואָס איז געפאָרן אויף אייגענער אחריות, אָן דעם וויסן פון דער ייד. סיים־פראַקציע מאַכן ליטווישע הויך־פּאָליטיק הינטערן רוקן פון אויסווערטיקן ליטווישן מיניסטער דר. פּוריצקי און דעם יידישן מיניסטער דר. סאָלאָווייטשיק, איז אייך שוין מן הסתם באַקאַנט. איר ווייסט שוין, אַז די מעשה האָט זיך געענדיקט זייער ניט פריילין, און דר. ראָזנבוים האָט געמוזט אָנגעבן אין דעמיסיע, פאַרלאָזן דעם שטול, אויף וועלכן ער איז מער ווי צוויי יאָר געזעסן לטובת דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין דער ליטווישער מדינה.

אַלע, וואָס קענען דר. ראָזנבוים, דעם קלוגן יידישן כלל־טוער, און דעם וואָס האָט אינאיינעם מיט יאָפּע געצוינגן פאַר ליטע די גרענעצן, וואָס טיילן זי אָפּ פון ראַטן־רוסלאַנד — קוועטשן מיט די פּלייצעס. דער אַלטער דר. ראָזנבוים, מיט אַ שטערן און אַ באָרד פון אַ יידישן גרויסן רב, מיט דעם שמייכל און דעם וויץ פון אַנ׳אַלטן יידישן אַדוואָקאַט, וועל־כער געדיינקט נאָך זיינע ישיבה־בחור׳שע יאָרן אינאיינעם מיט אַ פּאָר

סדרים גמרא; מיטן מיושב'דיקן שטילן פֿאָלקסטימליכן רעדנער־טאָן פֿון א פּאָפּולאַריזאטאָר, א מלמד; מיט די קנאות, איינגעשפּאַרטקייט און פֿאַר־ביסנקייט פֿון א תלמיד־חכם, וואָס באקומט ניט אלע טאָג שלישי און ששי, אָט דער שיינער געשעצטער דאָקטאָר האָט זיך מיט אמאָל אזוי באנארישט! די הויכ־דיפּלאָמאטישע גיינג פֿון דר. ראָזנבוים האָבן אויף א ווײַלע געמאכט פֿאַר פּאָליטיקער אויך אזוינע מענטשן אין קרוינשטאָט קאָוונע, וואָס בטבע זיינען זיי צוגעבונדן צום קראָם, ווי א הונט אויף א קייט. אפילו פרויען, אפילו אָט די צארטע, שוואכע באשעפענישן האָבן מיט אמאָל באקומען אַנ'אינטערעס צו פּאָליטיק, און בא די שניידערקעס אין די אָנפּאַס־צימערן איז דר. ראָזנבוים'ס נאָמען דערמאָנט געוואָרן זייער אָפט, און ניט צום גוטן. אין ליטווישע אנטיסעמיטישע קרייזן האָט מען מיט חוזק אויף די ליפּן גערעדט מכח די יידן, וואָס טרייבן פּאָליטיק הינטערן רוקן פֿון מיניסטאָרן־קאבינעט, און ניט געגלויבט, אז ראָזנבוים'ס טריט איז ניט געווען א טריט מיטן פּוילן גנב'ישן הסכם פֿון דר. סאָלאָ־ווייטשיק. וואָרום גיין פֿירן אונטערהאנדלונגען מיט די פּאָליאקן ווען אַנ־אוניע, בעת די ליטווישע פֿירער זעען דערין אַנ'אומגליק לדורות, איז די גרעסטע ראיה, אז יידישע פֿירער מאכן זייער ליטווישע פּאָליטיק אויף א ריין־יידישן שטייגער, און זייער גאנצער אינטערעס צו ליטע איז פּשוט א ציגיינערשער.

דר. ראָזנבוים, וואָס מיינט באמת אז ליטע'ס צוקונפֿט האָט פֿאַר יידן קיין שום ממשות ניט, כּל־זמן עס וועט ניט זיין קיין גרויס־ליטע און א פֿריינדליכע באציאונג צו פּוילן, וואָרום מען דאַרף פֿארגרעסערן און פֿאַר־קיטעווען דעם קבוץ פֿון עטליכע מיליאָנען יידן אויף אמאָל, האָט טאקע א פּנים בלב תמים געמאכט זיין טריט, מיינענדיק, אז ער ראטעוועט דערמיט כּלל־ישראל, האָט זיך געמאכט פֿאַר א פּריוואַטן קרבן און, בויענדיק שטארק אויף זיין אויטאָריטעט, האָט ער בתמימות געהאָפּט, אז סוף כּל סוף וועט זיין גמרא־ און אדוואָקאטסקע קאָפּ באזיגן אלע מניעות, ווי אויך די רעאלע טאטזאכן. דער פֿאַרביסענער תלמיד־חכם האָט גאָר ניט געקלערט, ווי זיך צו דעקן אין פֿאַל ווען דער טריט וועט זיך ניט איינ־געבן. איצט ווייסן שוין אויך די ליטווישע פּאָליטישע קרייזן, ווער עס באַ־האלט זיך הינטער ראָזנבוים'ען.

מען ווייסט, אז ער האָט געטאָן זיין טריט מיטן הסכם פֿון די ליט־ווישע שטאטס־לייט, וואָס זיינען פֿאַר א דערנענטערונג מיט פּוילן, און די מעשה ראָזנבוים וועט נאָר אויסוואקסן צו א בלבול אין די מיילער פֿון די ליטווישע אנטיסעמיטישע דעמאגאָגן, ניט פֿון מיניסטאָרן־קאבינעט, וואו מען קען ניט נאָר דעם קרבן, נאָר אויך די וואָס האָבן א ברכה געמאכט אויף דעם דאָזיקן קרבן. א שטיקל חשד וועט אָבער בלייבן אויף לאנג,

כל זמן ליטווישע פּאָליטישע קרייזן זענען, אַז אַ יידישער מיניסטער און אַ פּרעזידענט פון אַ יידישן נאַציאָנאַל־ראַט גייען זיך פונאַנדער אין אַזוי־נאַ פּרינציפּיעלע אַלף־בית־פּראַגן.

די מעשה ראָזנבוים האָט ווידער אַמאָל באַוויזן, ווי שווער עס איז צו טרויען אַ יידישן פּאָליטיקער, כל זמן זיין פּאָליטישע שול איז געווען די ישיבה אָדער דער באַזעלער קאָנגרעס, אַ פּשט׳ל פון אַ בעל דרשה׳ער, אָדער אַ קאָנפערענץ פון אַ קליינעם אַקציאָנס־קאָמיטעט אין אַ האָטעל פון פּראַג אָדער קאַרלסבאַד. ס׳איז אַ סימן פון אונזער ניט־דערוואַקסנקייט, ווען אַנ׳אַלטער כלל־טוער באַנאַרישט זיך אַזוי מיאוס, נאָך דעם ווי ער האָט געזאָגט אַזוי פיל חכמות.

און אפשר האָב איך ניט ריכטיק דערקלערט די סבה פון דר. ראָזנ־בוים׳ס פּאָליטישער נאַרישקייט? עפּעס איז ער פאַרט צו קלוג, אַז ער זאָל אַזוי מיאוס ארייַנפאַלן! אפשר איז ער גאָר געוואָרן אַ קרבן פון דער היינטיקער מדה־רעה, וואָס מענטשן ווילן מיט געוואַלט זיך איינקריצן אויף די טאָוולען פון דער וועלט־געשיכטע? די דאָזיקע מדה־רעה פירט צו אַזאַ ווילדער תאווה, אַז ניט נאָר זי קוילעט לעבעדיקע מענטשן, נאָר זייער אָפּט קוילעט זי אויך אָפּ דעם אייגענעם שכל. נעמט אַלע היינטיקע גדולים פון אַ קאַרפּאַנטי אין פּוילן, ביז אַ ד׳אַנונציאַ אין איטאַליען, פון אַ טראָצקי און אַ זינאָוויעוו אין רוסלאַנד, ביז עפּעס אַ שלאַק אין אונגאַרן און עסטרייך, און איר וועט זען, וואָס פאַר אַ תאווה עס איז צו ווען זיך מיט געוואַלט איינקריצן אין די שטיינערנע לוחות פון דער געשיכטע. אַ שאָד, וואָס דער "חובת־הלבבות" האָט פאַרגעסן צו שרייבן וועגן די דאָזיקע מדה מגונה אַ ספּעציעלן שער, אַ גליק, וואָס אונזער געניאַלער שלום אש לעבט איצט אין אַמעריקע און ניט באַ די גרענעצן פון די בע־דואינען־געצעלטן, אַז ניט, — וואָלטן מיר אודאי געהאַט אַ צווייטע יידישע ד׳אַנונציאַ־מעשה ביים ירדן.

אויף די אויבנדערמאָנטע פּראַגן פירט מיר אַרויף די מעשה־זשאַבאָ־טינסקי, וואָרום מען זעט, ווי זשאַבאָטינסקי אַרבעט שוין אַ יאָר אַכט מיט שוויים און בלוט, אַבי נאָר זיך איינצוקריצן אין די באַוואוסטע שטיינערנע טאָוולען.

זשאַבאָטינסקי׳ס אָפּמאַך מיט פּעטליורא׳ס פאַרטרעטער איז פון די אָפּמאַכן, וואָס ווערן ניט געשריבן אויף פּאַרמעט, נאָר אויפן רוקן פון פּרעה׳ס קי. ס׳איז קיין נפקה־מינה ניט, צי אויף די מאָגערע, צי אויף די פעטע. די גאַנצע מעשה איז ניט ווערט קיין פּיאַטאַק; ווען וו. זש. וואָלט ניט געווען קיין מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע אין אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָלט דאָס געווען די פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט פון זש. אָדער, ווען זש.

וואָלט געוועזן אַ פּריוואַטער מענטש — וואָלט דאָס חוץ דעם אַמעריקאַנער "יידישן קונדס" קיינעם ניט אינטערעסירט, פּעטליוראַ'ן געוויס ניט.

איז אָבער זש. אַ רעדנער אויף שבעים לשונות און נאָך דערצו אַ קאַ־פּיטאַן מיט שפּאָרן, און נאָך דערצו אַנ'עקזעקוטיוו־מענטש אין דער ציו־ניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, — און דער שטורם צוליב דעם אָפּמאַך צע־וואַקסט זיך אָן אַ שעור. אין ווילנע, קאָוונע, וואו עס זיינען דאָ אַזוי פיל אוקראַינער יידן, איז מען מלא חמה. די וואָס זיינען באַקאַנט מיט די גע־שעהענישן אין אוקראַינע, האַלטן זיך בײַ די זייטן פון ביטערן לאַכן, און כל זמן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט ניט צווינגען זשאַבאָטינסקי'ן אָנצוגעבן אין דעמיסיע, אַלס עקזעקוטיוו־מיטגליד, וועט דער דאָזיקער אָפּ־מאַך זיין אַ בלאַמאַזש פאַרן גאַנצן ציוניזם. איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס דער דאָזיקער קינדישער אָפּמאַך האָט געבראַכט די יידן אין אוקראַינע אין אַזאַ לאַגע, ווען זיי מוזן אַרויס מיט אַנ'אָפענעם פּראָטעסט קעגן אַלע די דאָזיקע, וואָס שפּילן זיך מיט זייער קערפּער, ווי מיט אַ זאַך, וואָס האָט קיין שום ממשות ניט. שטאַרק אויפגערעגט איז מען נאָך, ווי זש. האָט געפירט די ערשטע אונטערהאַנדלונגען נאָך אין קאַרלסבאַד, אין דעם האָ־טעל "אָלימפּיק", ביים זייט פון נ. סאָקאָלאָוו'ן, ווען ער האָט אַזוי לייכט זיך געקענט באַראַטן מיט די בעסטע פאָרשטייער פון ציוניזם.

די מעשה־ראָזנבוים און זשאַבאָטינסקי האָבן כמעט פּאַסירט אין איין צייט. דער ערשטער האָט געצויגן די קאָנזעקווענצן, און איז אַרויס אין דעמיסיע, וואָס דער צווייטער וועט טאָן ווייסן מיר ניט. אויב ער וויל דעם ציוניזם ניט טאָן קיין שאָדן, איז נאָר דאָ איין וועג פאַר אים: אַרויס פון דער עקזעקוטיווע, און נעמען אויף זיך איין איינציקע תשובה. וו. זשאַ־באָטינסקי האָט אַזוי פיל טאַלענטן, אַז ער מעג שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָפּזאָגן צו מאַכן פּאָליטיק אויף אייגענער פּויסט. פּאַגאַניני, דער גרעסטער פידל־שפּילער פון זיין צייט, האָט כל ימיו געקלאָגט אויף דעם, וואָס ער איז ניט געוואָרן קיין אַרכיטעקט. וו. זשאַבאָטינסקי, איינער פון די באַדייטנדסטע אַגיטאַטאָרן פון ציוניזם, קלאָגט כסדר אויף דעם, וואָס ער פאַרנעמט ניט ללאָיד דזשאָרדזש'ס פּלאַץ. אפשר וועט אים זיין לעצטער פּאָליטישער "מאַט". ברייינגען צום געדאַנקען, אַז מען קען אַריין אין דער געשיכטע אויך דורך אַנדערע וועגן, אָן אַנ'אָפּמאַך מיט פּעטליוראַ'ן, מאַכ־נאָ, טיוטיוניק, שובא און די אַנדערע 102 אַטאַמאַנען, וואָס געוועלטיקן אַזוי דורך אַ נאַכט איבער אַ אוקראַיניש שטעטל?

אַפּריל 1922.

די מאָסקווער קינסטלער.

א טייל אַרטיסטן פון דעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער געפינען זיך יעצט אין בערלין. עס פעלט סטאַניסלאַווסקי, עס פעלט מאָסקווין, אָבער עס זיינען דאָ קאַטשאַלאָוו, גערמאַנאָווא, טשעכאָוואַ־קניפּער און נאָך עטליכע, וועמענס נעמען עס זיינען איטליכן טעאַטער־קענער גוט באַקאַנט. זיי שפּילן דאָ זייערע אַלטע שטיק, וועלכע האָבן זיי געמאַכט וועלט באַרימט; זיי שפּילן אויך "די ברידער קאַראַמאַזאָוו", א מין פאַראייניקונג פון דעקלאַמאַציע און סצענע, עפּעס אַזוינס, וואָס ווירקט אויף א רוסישן מענטשן, ווי א נייע קריינקליכע אמונה, און אויף א דייטשן, ווי דאָס טעאַטער־שפּיל פון נעניאַלע מענטשן פון א ווילדן שטאַם. די מאָסקווער קינסטלער זיינען דאָ באַ אַלעמען אויפן מויל. די דייטשע טעאַטער־וועלט, וועלכע איז געווען אַנ׳אָווגט ספּעציעל איינגעלאַדן, זיינען צעמישט געוואָרן פון זייער אויסגעצייכנטע שפּיל. עס זיינען געווען אַזוינע אַקטיאָרן וואָס האָבן עטליכע טעג נאָכדעם, וואָס זיי האָבן געזען די מאָסקווער, ניט געקענט שפּילן טעאַטער. פון אַזאַ מין צוזאַמענשפּיל האָבן די דייטשן קיין שום פאָרשטעלונג ניט. אויך אין די בעסטע צייטן, ווען דער קעניג פון טעאַטער אין דייטשלאַנד ריינהאַרדט האָט געהאַלטן אין האַנט זיין סצעפּטער, — האָט מען אַזאַ אַנסאַמבל ניט געזען. און נאָך ביז היינטיקן טאָג ליגט אין מאַרך דער טעם פון די מאָסקווער אין בערלין, וואָס זיינען דאָ געווען פאַר 15 יאָר צוריק צו גאַסט. אַלפרעד קער, דער אָנערקענטסטער דייטשער טעאַטער־קריטיקער, ברענט א פלאַקערנדיקן התפּעלות און טענה|ט, אַז דער, וואָס האָט געזען די מאָסקווער, וועט דאָס לעבנלאַנג געדיינקען. דאָס וועט שטענדיק די טעאַטער־וועלט נאָגן, ווי א זיסע מכה, וואָס וועט טרייבן דאָס טעאַטער צו נייע פּראָבן, צו נייע דערגרייכונגען. אַלץ, וואָס קינסטלער קענען דערגרייכן בנוגע צו אָנערקענונג, בנוגע צו די העכסטע שבחים, האָבן די קינסטלער דערגרייכט. אויך מאַטעריעל האָבן זיי געמוזט האָבן אַנ׳ערפאָלג, וואָרום די פּרייזן אויף די בילעטן זיינען געווען די העכסטע, וואָס בערלין קען זיך דערלויבן, און פּוסטע ערטער זיינען אין טעאַטער־זאַל ניט געווען צו זען. נאָך איטליכן ספּעקטאַקל האָט מען זיי ערגעץ־וואו פאַרבעטן צו א באַנקעט, און עס איז כמעט ניט אוועק פאַר די מאָסקווער א טאָג, וואו ערגעץ אין א רייכער הויז זאָל ניט זיין קיין "פאַיף־אָ־קלאָק" פאַר זיי אין דער געזעלשאַפט פון ליטעראַטן, קינסטלער, מאַלערס, און טענצערינען. אָבער, ניט קוקנדיק אויף אַלעם, פילן זיך די מאָסקווער דאָ ניט גוט. האַלטן שוין ביים אוועקפאָרן קיין שוועדן, וואָס נענטער צו

רוסלאַנד, און האָפן אין גיכן ווידער צו זיין דאָרטן, פון וואַנעט זיי האָבן זיך־צוויי יאָר נאָכאַנאַנד געריסן קיין אייראָפּע.

פאַר אונז יידן איז די מעשה מיט די מאָסקווער אינטערעסאַנט אין אַ סך הינזיכטן. דעם לעצטן מאָנאַט האָבן מיר בולט געזען צוליב זיי, וואָס דאָס הייסט, ווען די נ א צ י אָ נ א ל ע ק ו נ ס ט ג י י ט אָ פּ ר י כ ט ן גלות. פון טאָג פון די מאָסקווער'ס קומען ביז איצט — קוק איך זיי נאָך אויף טריט און שריט, און קען זיך ניט גענוג אָנקוקן אויף די צעמישטע פּאַרבן פון אַ בילד, וואָס איז אַזוי טיף טרויעריק.

דער וואָס ווייסט וואָס באַדייט פאַר רוסלאַנד זיין קונסט, און באַזונ־דערס טעאַטער־קונסט, וועט מיך פאַרשטיין, ווען איך וועל זאָגן, אַז רוסלאַנד איז איצט אין דער אייגענער לאַגע, וואָס אַמאָל דאָס אַלטע יידנטום, ווען עס האָט אויסגעוואַנדערט אויף דער וועלט הויל און נאַקעט, בלויז מיט אַ פאַרמעטענע ספר תורה'לע אין אָרעם. מיר ווייסן שוין, וואָס דאָס הייסט זיין אַ נע־ונד'ניק אין דער וועלט, האַלטנדיק נאָר פעסט צוגעדריקט איין איינציק שקעטעלע פּערל, וואָס איז איבערגעבליבן פון גאַנצן חורבן. באַ דער גאַנצער וואַרעמקייט, מיט וועלכער מען האָט די מאָסקווער מקבל פּנים געווען, האָט געפעלט דער הויך פון אייגענעם פאָלקס־אָטעם. מענטשן האָבן זיי געלויבט אין הימל אריין, געהאַלטן דרשות וועגן קונסט, אַנסאַמבל, דעם רוסישן גייסט א. א. וו. אָבער די מענטשן זיינען געווען פרעמדע, אין זייערע פּנים'ער האָט מען זיי ניט דערקענט דעם אָנבליק פון אייגענע, פון זייערע דרשות האָט זיך ניט געטראָגן דער ערד־געדוך פון רוסישן טשערנאָ־זיאָם, אין זייערע חכמות האָט זיך ניט געפילט די רוסישע ברייט־אָרעמ־דיקע צעלאָזנקייט. אפילו אַ כוסה ווי עס דאַרף צו זיין האָבן זיי ניט גע־קענט מאַכן. און נאָך אַ שכור'ן קבלת פּנים האָט קיינער ניט געריסן פון זיך די האָר, האָט קיינער מיט אַ וויינענדיקן קול זיך ניט געשלאָגן דעם רוסישן "על חטא", האָט קיינער ניט דערפילט אַ רגע אין דער ברוסט די געוואַלטיקע ליבשאַפט צו מענטשן, ווען מען נעמט אַרום דעם קעלנער און דעם פּאַרטיע, קושט אים אין די ליפּן און שרייט: "וויוואַט, וויוואַט איטאַ־ליע, עס לעבע דייטשלאַנד, זאָל לעבן דער ייד, וואָס האָט אונז געגעבן די איינציקע ריכטיקע אמונה".

דעם ערשטן קבלת פּנים פאַר די מאָסקווער האָבן געמאַכט די רוסישע יידן. בעת מען האָט זיך צונויפגעקליבן אין גרויסן זאַל פון דער לאָזשע "בני ברית", זיינען אַלע פּלעצער, חוץ עטליכע, געווען פאַרנומען מיט יידן, וואָס רייבן זיך כל ימיו אין רוסלאַנד אַרום קונסט, ליטעראַטור, טעאַטער, פרעסע און בערזע. אַנ'אמת'ן רוסן איז ניט געווען צו געפינען אויף אַ רפואה. און ווען ניט דער אַמאָליקער נאַבאָקאָוו, אַ פּאָר אַנדערע און די מאָסקווער אַליין, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די אמת'ע רוסן זיינען

מיט א כיון ניט געקומען צום קבלת פּנים. שטונדן לאַנג האָבן די מאָסקווער אויסגעהערט די שבחים זייערע אין דעם ניט־איינפּאַכן סטיל פון א יידן, ווען ער רעדט רוסיש, מיט דער מזרח־התפּעלות פון אַן׳אייניקל, וועמענס זיידע האָט זיך אַזוי געציקלט אויף א מליצה׳דיקן "שלום לאהובי בריוול"; און עס איז געקומען די צייט, ווען דער שאַמפּאַניער איז שוין אויס, אויך דאָס לעצטע געריכט פונם אָוונט־מאָל, — איז אַרויס דער באַקאַנטער קאַבאַרעט־קאָמיקער ראַבינאָוויטש און האָט פאַרוויילט דעם עולם מיט יידישע אַנעקדאָטן. — דער עולם קייכט זיך פאַר געלעכטער, דער יידישער מיט דעם רוסישן, און די מאָסקווער אַרטיסטן האַלטן זיך פאַר די בייכער, אגב, מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל ניט אַרויספאַלן דאָס שקעטעלע פּערל פון זייער אָרעם. דער גרויסער קאַטשאַלאָוו איז שוין האַלב שכור׳לעך, שטייט אַנטקעגן אַנעקדאָטן־מאַכער מיט א שאַמפּאַניער־גלאָז אין האַנט און קוקט, קוקט אויף אים... קוקט אויף אים...

דעם צווייטן באַנקעט האָט מען געמאַכט די מאָסקווער נאָכן ערשטן ספּעקטאַקל זייערן. און ווידער האָט א רייכע, זייער רייכע יידישע מאַדאַם, וועמענס קרוב גייט אַרויס אין בערלין דעם בעסטן קונסט־זשורנאַל פון רוסישע מאָלער "זשאַר — פּטיצאַ", געעפנט אירע זאַלן צום דאָזיקן באַנקעט, וואו עס איז געווען דאָס גאַנצע מזרח־יידנטום פאַרקאָכט מיט א פּאָר רוסישע גרופּן. און דאָס אייגענע איז אויך ווייטער געווען. אַלע פאַרשטעלונגען ווערן 95 פּראָצענט באַזוכט פון רוסישע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער. און ווען איינע פון די אַקטריסעס ווערט קראַנק, שיקן מיר איר די בעסטע וויינטרויבן, אַפּעלסינען און מאַנדאַרינען.

איך מיין חלילה עס ניט אויסצורייצן אונזערע יידן, וואָס האָבן א גוטן געשמאַק און וואָס ווייסן ווי צו שעצן אמת׳ע קונסט, אַזאַ טעאַטער־קונסט, וואָס איז שוין כמעט ווי די עבודה פון כהנים אין א בית־המקדש. יידן האָבן שטענדיק הויך געשעצט אמת׳ע גלויביקע נאַטורן, און מוזן ממילא אויך שטאַרק האַלטן פון אַזוינע מאָסקווער, באַ וועמען דאָס טעאַטער איז שוין עפּעס א הייליקס, עפּעס אַזוינס, ווען מען איז זיך טובל אין הונדערטער רעפּעטיציעס, איידער מען גייט אַרויס געריייניקטע און געלייטערטע שפּילן פאַר אַן׳עולם. אָבער עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן די נשמה פון די כהנים, וועלכע טוען זייער עבודה פאַר מענטשן פון אַן׳אַנדער גלויבן. זייערע פּיעסן "פעטער וואַניא", "ברידער קאַראַמאַזאָוו", דריי שוועסטער", אָסטראָווסקי, טשעכאָוו, דאָסטאָיעווסקי זיינען א שטיק רוסלאַנד. אפשר פון אַן׳אייביקן רוסלאַנד. דאָס ליידט, און שרייט, און טרויערט, און פוילט א ראָסע, וואָס האָט נאָך ניט קיין גלייכוואָגיקייט, וואָס וויל באַקומען א פּנים, וואָס וויל אַמאָל שטיין פעסט מיט די פיס אויף א שטיק ערד. שטייט אָבער דער גרויסער שליח ציבור פאַר אַן׳עולם, וואָס איז סוף כל סוף פּאַרט

ניט רוסלאנד, וואָס איז סוף כל סוף אין בעסטן פאַל די באַרמהערציקע שוועסטער, וואָס גלעט דאָס קראַנקע ייִנגל־לאַנד איבער די שווינדזיכטיקע בעקלעך.

מיר, ייִדן, קענען די מאָסקווער גוט מיטפילן. איז דאָך שוין אויך אויסגעקומען אונזערע בעסטע און גרעסטע צו ריידן דורך פרעמדע פאַרן אייגענעם פאָלק. אזוי האָט אפשר אמאָל גערעדט שפּינאָזא, אזוי האָט גערעדט אמאָל אוריאל אקאָסטא. אָט אזוי האָט ניט לאַנג גערעדט צו אונז דער פילאָזאָף הערמאַן קאָהען. דערמאָנט זיך אָן א סאַלוואַדאָר, אָן א מאָזעס העס, אָן א דר. פּינסקער, דערמאָנט זיך אויך אָן די אַלע וואונדערבארע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט שטענדיק אין אַן׳אבסאָלוטן גלות, אָן א ייִדישער מאַסע, אָן א סביבה, וואו עס קלינגט א ייִדיש וואָרט, אָן אפילו א בית־עולם, וואו דער ווינט צעטראָגט דעם זאמד־שטיין פון א ייִדישער מצבה.

ווי שווער איז דאָס צו לעבן א קינסטלער אין דער אטמאָספער פון בארמהערציקע שוועסטער, וואָס צוליב פרייליך מאַכן דאָס קראַנקע קינד זאָגן זיי אפילו ניט אָפּ אָנצונעמען דאָס שוועסטער־קלייד פאַר די פּאַלדן און א טענצל טאָן א פּאָלקע, אָדער צו דערציילן מיט אלערליי לאַכנדיקע העוויות א מעשה מיט ציפּעראָוויטש, וואָס האָט באגעגנט בא דער בערזע חיים קלאַפּאָוויטשן!...

ובכן, פילן זיך דאָ די מאָסקווער ניט גוט, זייער ניט גוט. זיי בענקען נאָך די דריי טעאטער־סטודיעס, וואָס האָבן זיך ווייטער אנטוויקלט פון סטאַניסלאַווסקי׳ס טעאטער־רוים. זיי בענקען נאָך דער יוגנט, וואָס האָט גערודערט אויף דער גאַליאַרקע אין די רוסישע טעאטערן און וועלכע שפּינען ווייטער דעם פאָדעם פון זייער טעאטער־עבודה. זיי בענקען נאָך אסטראָווסקי׳ס טיט־טיטיטשן, וואָס שפּאַנט נאָך אַלץ איבער די רוסישע פּאַראַדיעס, און שמירט נאָך אַלץ די שטיוול מיט דזשעגעכץ. זיי בענקען נאָך די פאַרבייִנקטע מיידלעך, וואָס גייען אוים ווי א ליכט אין דער רוסישער פּראָווינץ ,ניט ווייט פון א קליינשטעטלשן ברונעם, פירנדיק פאַר א שטריקל א וועלפּישן הונט. זיי בענקען נאָך דאָסטאָיעווסקי׳ס געשטאַלטן, וואָס טראָגן שטענדיק דינאמיט אין זייערע הערצער, וואָס גלויבן, אז פון רוסלאַנד וועט קומען די אמת׳ע ישועה אויף דער גאַנצער וועלט, און ווייזן מיט אמאָל א פויסט דער גאַנצער וועלט, אפילו דעם רבונו של עולם אליין. און איצט ווען אין רוסלאַנד בויט זיך א בבל־טורם, וואָס האַלט שוין ביים איינצופאַלן, — ווילן זיי נאָך זיין דערביי, ווילן זיי דערהערן דעם מורא׳דיקן ערדציטערניש־דונער, ווילן זיי זיך צעניסן "פּאַ מאָסקאָווסקאָמו" פון דעם שטויב, וואָס וועט ווי א וואָלקן ארומנעמען גאַנץ אייראָפּאַ.

זיי קלייבן זיך די טעג אוועק פון די בערלינער ייִדישע באַנקעטן

קיין כריסטיאניע, וואו מען גרייט זיך שוין צו באקומען די וויזעס אויף רוסלאנד. דאָרטן וועט מען זיי אפשר מקבל פנים זיין מיט פארטריקנטע ווייכע בולקע פון האלב ווייצנמעל, אָבער דאָס וועט זיין פאר זייער געמיט דער אלטער אמת'ער "כליעב־סאָל", באדעקט מיט א פויערישן האנטטוך, וואו עס איז אויסגעהאפטן אין רויט א האָן, וואָס שרייט "קוקוריקו".

און איך ווי א ייד, ווי א מיטפילנדער, קען זיי נאָר ווינטשן:

"לשנה הבאה ברוסלאנד". אמן!

פעווראַל 1922.

לענינס טויט.

פון צייט צו צייט קריגן מיר ידיעות, אז אין מאָסקווער קרעמל קעמפט א מענטש מיטן מלאך המות. אייגנטליך, ניט א מענטש, נאָר דער גורל פון מיליאָנען־מיליאָנען מענטשן, וואָס ראנגלען זיך מיט אלערליי עפּידע־מיעס, קעלט, הונגער און נאָך אזוינע אָנשיקעניש. צוויי בערלינער פּראָ־פעסאָרן, איינער א תלמיד פון פּראָפעסאָר ליידען, וועלכער איז געשטאַנען ביים טויטנבעט פון אלעקסאנדר דעם דריטן, און דער צווייטער א תלמיד פון תלמיד, זיינען ארויסגעפאָרן קיין מאָסקווע אין דער באגלייטונג פון אנ'עקסטרען קוריער. לענין ליגט קראנק, טויט־קראנק. מען ווייסט ניט, צי זיינען דאָס די נירן, צי איז דאָס א קרעפּס־געשוואולסט, צי איז דאָס א יערון־קרא[illegible]ט, וואָס איז שוין נאָנט צו משוגעת, אָבער אלע ווייסן שוין, אז לענינ'ס מלוכה־טעג זיינען שוין געציילט. אין דער לעצטער צייט טאָר ער, אָדער ער קען שוין ניט, אונטערשרייבן די נויטיקע פּאפּירן. די אָפּי־ציעלע דעקרעטן טראָגן שוין א נייעם נאָמען וואָס איז ניט מעלה און ניט מוריד, עפּעס א כריופּענקאָ.

ווען א מענטש האלט ביים שטאַרבן, גייט מען ארום אין די זייטיקע צימערן אויף די שפּיץ־פינגער. ערשט דאַמאָלס, ווען עס ענדיקט זיך ביים גוסס דער לעצטער אָטעם, ווערט א מהומה און א געוואַלט. ווען ס'שטאַרבט אָפּ א פּערזאָניפיצירטער גורל פון א לאַנד, ווערט אָבער אזא געוואַלט, אז איין גאָט אין הימל זאָל שומר ומציל זיין. קיין מענטשליכע פאַנטאַזיע קען זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאר א געוואַלט־געשריי עס וועט ארויס־לאָזן דאָס צעמאַטערטע רוסלאַנד, ווען לענינ'ס גוף וועט ליגן אויסגע־תכלית'ט אויף א שוואַרצן קאַטאַפאַלק. שרייט אָבער א פאָלק — איז דאָס אייגענע, ווען טייכן גייען ארויס פון די ברעגעס, ווען בוימער אין וואַלד ווערן ארויסגעריסן פון א שטורם מיט די וואָרצלען, ווען וואולקאַנישע בערג הייבן אָן קנאַקן פון אלע זייטן, שפּייענדיק רויך, סאַזשע, שוועבל און פעך.

דאָס קלאָגנדיקע רוסלאַנד ציטערט פאַר לענינ׳ס טויט, ווי פאַר דעם גרעסטן אומגליק. לענינ׳ס געשטאַלט איז אַריבערגעוואַקסן אַלע פאָרשטעלונגען. פאַר איינעם שטאַרבט דאָ אָפּ אַ גוג־ומגוג, אַ ווילדע חיה פון פאַר משיח׳ס צייטן; פאַרן אַנדערן — די איינציקע קראַפט וואָס האַלט אין פויסט אַ מורא׳דיקע לאַנד, וואָס האַלט אין איין שטיקלען און ברעקלען זיך; אַנ׳אַטלעט, וואָס האַלט אָפּ באַ די דייקסלען אַ פירשפּאַניקע פ״ר, וועלכע טראָגט זיך מיט צעיושעטע פערד צום אָפּגרונד צו. ראַטן־רוסלאַנד׳ס סימוואָל איז לענין. סיי אַ טראָצקי, סיי אַ דזערזשינסקי, סיי אַ בוכאַרין גייען אין לענינ׳ס שפּאַן. סיי דער קליגסטער יידישער סוחר׳ל, ווי דער לעצטער מוזשיק אין אַנ׳אַרכאַנגעלסק דערמאָנען לענינ׳ס נאָמען צען מאָל אַ טאָג, און איטליכע האָפנונג אויף בעסערע צייטן קניפּט זיך צענויף מיט אַ לענינ׳ען, וואָס איז אַ כל וכול. ער איז עפּעס אַ מין אָפּגאָט, וואָס נעמט אָן באַ די זיילן אַ צאַרישע מלוכה און צעטרייסלט זי ביז אין די ביינער אַריין; ער קאָן אויך די דאָזיקע מלוכה ווידער צונויפשטעלן, ווידער באַפעסטיקן, בכדי זי זאָל ווייטער אַרויף אויף די רעלסן, פון וועלכע ער האָט זי אַרונטערגעשלעפּט. אַלע האָפנונגען, זייט ענגלאַנד האָט זיך צונויפגערעדט מיט קראַסינ׳ען — באַלד צוויי יאָר — האָט מען דאָס צו פאַרדאַנקען לענינ׳ען; און ווען לענין רעדט, עפנט אויף מויל און אויערן גאַנץ רוסלאַנד, פון אַ מאָסקווער קרעמל ביז אַ מורמאַנסק, וואו די פישער האָבן שוין יאָרן־לאַנג זייער נעץ ניט פאַרוואָרפן. דער גוסט פון רוסישן פאָלק צום צאַריזם איז ניט אויסגעראָט געוואָרן. דער ״צאַר־באַטיושקאַ״, כאָטש אָן קרוין און סצעפּטער, איז מגולגל געוואָרן אין לענינ׳ס געשטאַלט: ער טויט און מאַכט לעבעדיק, ער שטראָפט מיט אייזערנע ריטער. נאָר ער האָט כאָטש זיינע גיינג קען אַ פּראָסטער בשר ודם ניט משיג זיין. נאָך עד היום ציען זיך פון אַלע פאַרפעסטעטע עקן רוסלאַנד׳ס די אַמאָליקע צאַרישע ״גייער״ (כאָדאָקי), וואָס קומען ברייינגען פאַר זיינע לייטזעליקע אויגן זייער צער, זייערע קריוודעס, זייערע טענות און נויטן. אין הונדערטער פאַרשנייטע און פאַראייזטע צערקוועס קלייבט מען אויף זיין באַפעל צו נויף דאָס גאָלד און זילבער, וואָס דאַרף אוועקגעגעבן ווערן די טויט־הונגעריקע לייט, וואָס שטאַרבן אָן ודוי און אָן תכריכים אויף דער גאַס, ווי די הינט, און צוליב וועמען עס בלוטיקט דאָס האַרץ פון דעם ניט געקרוינטן ״איליאיטש״ (דאָס איז דער פּאַטריאַרכאַליש צערטליכער נאָמען פון לענינען ביים פאָלק). ער איז די זייל און די קאָפּ פון גאַנצן ראַטן־בנין, ער איז דאָס, צו וואָס עס איז סוף כל סוף פון הונדערטער יאָרן צוגעוואוינט רוסלאַנד; ער איז דער אַבסאָלוטיזם פון איוואַן דעם שרעקליכסטנס צייטן; ער איז דאָס, וואָס רוסלאַנד האָט שטענדיק ליב געהאַט: אַ גאָט אויף דער ערד, וואָס מען קען אים זען מיט די אויגן, וועמען מען קען ״ברויט און

זאליץ" —, דעם קרבן אָפּגעבן פון האנט צו האנט, ווען מען דאַרף ניט זוכן אין די הימלען, ווען ער באגליקט זיי אין זיין ליטזעליקייט זיך צו לאָזן באקוקן פון אלע זייטן אין א קרעמל צי אין זיין גינגאָלדענעם פּאלאץ. ער קען אַליץ, ער מעג אליץ און קיינער פון דעם פויערשן לאַנד וועט זיך ניט וואונדערן, ווען ער וועט זיך אין א שיינעם פרימאָרגן לאָזן זאלבן פון פּאטריארך טיכאָן אונטער דעם דאך פון קרעמל־קופּאָל.

און אויך דאָס אינטעליגענטע רוסלאנד נויגט טיף דעם קאָפּ, ווען עס הערט לענינ'ס נאָמען. עס גלויבט ניט אין געצן און אָפּגעטער, אָבער עס גלויבט אין א ה י ס ט אָ ר י ש ע ר ש ל י ח ו ת, אין דעם, אז בא א געווײסן היסטאָרישן מאָמענט באווייזט זיך א קראפּט מיט דעם פּנים פון א מענטשן, וואָס איז נאָר אויסערליך ענליך צו אונז, וואָס איז אָבער אינעווייניק עפּעס אזוינס, וואָס שטייגט שוין אריבער איטליכע פאנטאזיע. ווי בלאָס און צערונען ווערן די פּנימ'ער פון א קערענסקי, מיליוקאָוו, א קאָרנילאָוו און אנדערע, ווען מען שטעלט זיי אוועק פּנים אל פּנים מיט לענינ'ען. זיינע קאמפּס־מעטאָדן זיינען אנדערע, זיינע רייד זיינען גאָר ניט די, און אויך די הונדערטער סתירות פון זיינע טאטן און ווערטער גיבן גאָר אנדערע רעזולטאטן ווי בא די אנדערע. דאכט זיך, ער מאכט פעלערן אויף פעלערן, אָבער איטליכער חסרון מאכט אים שטארקער, באפעסטיקט נאָך זיין טריט, וואָס שפּרייזט מיט א וואונדערליכער זיכערקייט איבער א דינעם פּאפּירענעם שטריקל. אויך די, וואָס פירן מיט אים א כסדר'דיקן קאמף, הערן ניט אויף אין די הייסעסטע קאמף־מאָמענטן א טראכט צו טאָן: זאָל נאָר דער קאמף אריבער, און איך זעץ זיך שרייבן א ווערק, וואו איך וועל לויבן און דאנקען גאָט, וואָס האָט מיר באשערט צו קעמפן מיט אזא פארמבול'דיקער חיה.

אין דער וועלט־געשיכטע וועט איר קוים געפינען אזא חוצפה צו וועלן מאכן אנ'עקספּערימענט מיט מיליאָנען מענטשן, ווי מיט א פראָש. וואָס מען לייגט ארויף אויף א לאָקשנברעטל. מיט פולער באוואוסטזיניקייט האָט דאָס לענין געטאָן, און געהאט די העזה דאָס עפנטליך מודה צו זיין. אזא מין חוצפה קען נאָר האָבן א געניאלע שעפערישע נאטור, בא וועמען אלע בירגערליכע מדות האָבן גאָר אנ'אנדער זין, ווי בא א נעוואוינליכן מענטשן. די שרעקליכסטע ברואים צווישן מענטשן זיינען די אזוי גערופענע שעפערישע נאטורן. זייער מאָראל איז ניט מאָראללאָזיקייט, נאָר אנ'איבערמאָראל, זייערע באציאונגען צום מענטשן זיינען ניט קיין פאראכטונג, נאָר אנ'איבער־ליבע, זייער אכזריות איז ניט דער סאדיזם, נאָר די מוטיקע האנט פון א כירורג, וואָס וויל ראטעווען א מענטשן פון א קומענדיקער בלוט־פארגיפטונג. אויך לענין האָט געוואָלט ראטעווען פון א בלוט־פארגיפטונג א וועלט, וואָס האָט זיך יאָרן־לאנג בלוטיק געשלאָגן

און וואָס האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ פּאַרוואַונדעטער, באַוועמען עס שטעקן אין ליב שטיקלעך פון גראַנאַטן און וואָס היילט זיינע וואונדן מיט ברודיקן שפּינוועבס. זיין גלויבן אין אַ קומענדיקער וועלט־רעוואָלוציע איז דער איינציקער אויסוועג פון די טויזנטער ווידערשפּרוכן, אין וואָס דער אימפּעריאַליזם, קאַפּיטאַליזם און מיליטאַריזם האָט פאַרפּלאָנטערט דעם פּשוט׳ן אַרבעטנדיקן מענטשן פון פאָלק.

ווי אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס איז אין תוך ווייבעריש, וואָס קען זיך נאָר געבן אַלס קרבן, האָט לענין אָפּגעגעבן ציטוויייליק זיין לאַנד און פאָלק אַלס אַ קרבן פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע. אָבער ניט דעם פּרעסערישן מולך, נאָר דער שעפּערישער היסטאָריע, וואָס פאַרשלינגט מיליאָנען קרבנות און גיסט אויס פון זיי אַ נייעם מענטשן מיט אַ נייער מאָראַל, מיט אַ נייעם לעבנס־כח.

לענינ׳ס טויט וועט ניט נאָר מאַכן אַ געוואַלטיקן רושם אויף רוסלאַנד, אויך אייראָפּע, סיי די גייסטיקע, סיי די פּאָליטישע. ווי דאָס אַבערגלויבערישע וועט פאַרדעקן איר אויסערן פּנים מיט אַ שלייער פון אַ טיפן נאָכדיינקען, ווען די ראַדיאָס וועלן מודיע זיין פון לענינ׳ס אָפּשטאַרבן. אַ פּערזאָניפיצירטער גאָט׳ס־געשיקטער — אַ לעבעדיקע מורא׳דיקע אָנשיקעניש, אַ פאָלקס־שיקזאַל מיט הענט און פיס, אַ פאַרקערפּערטער ברענענדיקער כעס קעגן די מעכטיקע און די שטאַרקע פון דער וועלט. אַ טייוולשער און צוגלייך אַ טיף־קלוגער סאַרקאַזם אויף אַ קירגיזישן פּנים מיט אַ האַרטן שאַרבן, וואָס קען ווענט דורכברעכן, אַ פאַראַכטונג צו אַלערליי בריאַנס, ללאָיד־דזשאָרדזש׳ס און ווילסאָנ׳ן, וואָס פּרובן מיט צעפרידענע פּנים׳ער איינהאַלטן אַ ניאַגאַראַ־פאַל מיט אַ שטרויעלע; אַ פאַראַכטונג, וואָס שאָטנט זיך אויף אַ מאָנגאָליש־קאַווקאַזיש פּנים מיט טיף־טיף פאַרקלערטע אויגן פון אַ מאַניאַק — אָט אַזאַ מין פּאַרזעניש פון רבונו של עולם וועט מען אַריינלייגן אין קבר און דאָס אויף אייביק צונעמען פון דעם מענטשנס פאַנטאַזיע.

פאַר רוסלאַנד אָבער וועט זיין דאָס איצטיקע אָפּשטאַרבן פון לענינען אַזאַ ציטווייליקער אומגליק, פון וואָס עס גרוילט אויך די, וואָס גייען דאָרט אויס פון הונגער, נויט און פּיין. שוין קריכן צו די גרענעצן אַלערליי דעניקינס, וראַנגעלס און פּעטליורעס; עס קומען שוין אָן צום קבר און אַרום דעם קבר די מיליאַרדן שרצים און רמשים, וואָס זיינען נאָר בכח צו פרעסן און צעדריבלען, ווען עמענס קראַפט איז די קישקע און ניט דער שאַפונגס־גייסט פון מח. מיט לענינ׳ס טויט וועט צעפאַלן דער באַנד, וואָס האַלט צונויף אַ טראָצקי׳ן און אַ בוכאַרין אינאיינעם מיט אַ זינאָוויעוו, ראַדעק און לונאַטשאַרסקי. עס וועט קומען די צייט פון דער שאַפונגסלאָזער

אַנאַרכיע, ווען אייראָפּאַ, ווי אַמאָל ריוריק וועט קומען פּרובן מאַכן עפּעס אַ טאָלק. —

די דאָזיקע אייראָפּאַ, וואָס וועט נאָך דורות־לאַנג זיין אַ פּרעמד־גליד אין רוסישן אָרגאַניזם, כל זמן זי וועט אַליין ניט ווערן טיילווייז אָנגעשטעקט פון רוסלאַנד, וואָס פאַרטומלט אַמאָל די וועלט מיט אירע דאָסטאָיעווסקי׳ס און לענינ׳ס.

אַפּריל 1922.

אחר המעשה.

פון די צייטונגען האָבן אַ סך געמיינט, אַז דאָס בין איך געוואָרן פאַרוואונדעט פון אַ קויל, בעת מען האָט געשאָסן אויף מיליוקאָוו׳ן און גע׳הרג׳עט נאַבאָקאָוו׳ן. צו מיין גרויסער שאַנד מוז איך זיך מודה זיין, אַז ניט איך האָב געכאַפּט די קויל, נאָר איינער אַ מאָסקווער אריה לייב חייאימאָוויטש עליאשעוו, אַ קאַדעטישע שוואַרצע קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך כל ימיו אַרומגעדרייט אַרום די קאַדעטן, ווי בא אונז, למשל, אַ סך שוואַרצע בעל־הבית׳שע קאַפּאָטעס דרייען זיך אַרום ציוניזם. אין קאַרלסבאַד האָט איר זיי אויפן 12־טן קאָנגרעס געקענט זען טוצנווייז. איך בין זיך ווייטער מודה ומתודה, אַז איך האָב ניט ליב ניט קיין חתונות, ניט קיין לויות, אויך ניט קיין יובילייאומס. איך בין אויף מיליוקאָוו׳ס רעדע ניט געווען. אַ פּאָליטיקער איז גוט צו הערן דעמאָלט, ווען הינטער אים שטייט אַ מאַכט. הינטער מיליוקאָוו׳ן שטייט אָבער נאָר אַ שוואַרצע קאַפּאָטע און אַ רייע טיטולירטע מענטשלעך, וואָס רופן זיך נאָך אַלץ אָן מיט די צונעמענישן פון ניקאָלאַי דעם צווייטנס צייט. אַ פּאָליטיקער אָן מאַכט איז כמעט דאָס אייגענע, וואָס אַ יובילייפון אַנ׳אַלטן שרייבער, וועלכער איז שוין בא היינטיקן טאָג אַנ׳אַלטער קאַלאָש. מיליוקאָוו איז פאַר דער איצטיקער און קומענדיקער פּאָליטיק אַנ׳אָפּגעשטאָרבענער. איטליכער אַרויסטרעט זיינער איז אַ סימבאָל פון אַ ערשטקלאַסיקער לויה. פאַר מיר איז נאָך מיליוקאָוו דער סימבאָל פון אַ בלינדן פערד, וואָס זעט מיט די פיס, ניט מיט די אויגן. אַזוינע בלינדע פערד זיינען דאָ אין אַלע פעכער. למשל, אַ שרייבער, וואָס זעט קיינמאָל ניט דאָס פּינטעלע; אַ געלערנטער דאָקטאָר־פּראָפעסאָר, וואָס קען אויסווייניק אַלע מעדיצינישע ביכער, נאָר וואָס קען ניט אויסהאָרכן קיין לעבעדיקן פּאַציענט, ווייל עס פעלט אים דער חוש השמיעה; אַ פּאָליטיקער,

וואָס קען גאַנץ ש״ס פון שטאַטס־וויסנשאַפטן און אויסוועריטיקער פּאָלי־טיק, נאָר ער פילט ניט די לעבעדיקע קרעפטן, וואָס ציען אים אַרויס דעם שטול פון אונטער זיין געזעס. מיליוקאָוו איז דער גרויסער פּאָליטיקער, וואָס האָט כּסדר ניט געזען דאָס פינטעלע און כּסדר זיך געזעצט אויף א שטול אין דער צייט, ווען פרעמדע הענט האָבן אים שוין צוגענומען. אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון רוסלאַנד וועט ער לעבן אין דער קאָמישער געשטאַלט פון א פּאָליטיקער, וואָס איז כּסדר געפאַלן אין דער ברייט אין אין דער לענג אויף דר'ערד, ווען ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער זעצט זיך אויף א ברייטן ווייכן קלובזעסל. א סעקונדע פריער, איידער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אים אָפּגעבלאָזן, ווי א שטייבל פון מיניסטער־טיש — האָט ער געפאָדערט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם קריג ביז צום סוף. די קאַדעטן און זייער פירער מיליוקאָוו האָבן צו דער צייט פון דער רעוואָלוציע געשפּילט די קאָמישע ראָלע פון כעלמער נאַכט־וועכ־טער, פון דעם באַקאַנטן פאָלקס־וויץ...

די קאַדעטן מיט מיליוקאָוו'ן בראש זיינען אין די רעוואָלוציאָנס־טעג פון קערענסקי'ן אָן געזעסן אויף דער שוועל ביים זייט מאַרק, ביים זייט פון די עלעמענטאַרע כּחות, וואָס האָבן שוין צעטראָגן רוסלאַנד'ס קאַמפּס־קראַפט. ווי ״אַנגעלייענטע אין די ביכער״, האָבן זיי זיך געקייכט פאַר גע־לעכטער, פּונקט ווי דער שומר פון די כעלמער נאַראָנים. זיי זיינען געווען אַזוי פעסט איבערצייגט, אַז דער גראַגער וועט מורא'דיק אָנשרעקן דעם עולם, אַז זיי האָבן שוין באַצייטנס זיך געגלעט דאָס בייכל פון הנאה. עפּעס איטליכס אומגליק איז געקומען מיט א שעה פריער איידער יענקל דעם שומר'ס גראַגער הייבט אָן צו גרילצן אין די אויערן.

אפשר איז דאָס פאַרן לעזער ניט אַזוי קלאָר, די פאַראַכטונג פון א היינטיקן פאַרנינפּטיקן רוסן צו די קאַדעטן ע״ה. אין רוסלאַנד געהערט שוין אָבער מיליוקאָוו און זיין פּאַרטיי צו די צדיקים, וואָס זיצן אין גן־עדן מיט זייערע גאָלדענע קרוינען אויף די ניט איבערגעשפּיצטע קעפּ.

אמאָל האָט איינער א חוזק־מאַכער געשריבן, אַז ווען גאָט וויל עמיצן א מת צוריקרופן צום לעבן, שיקט ער אים א קויל אין סאַמען שאַרבן אריין. דאָס אייגענע האָבן מיר איצט געזען בא די קאַדעטן. נאָכן שאָס פון אַנ'עקזאַלטירטן יינגל, וואָס האָט בא זיך אין קופּערט דאָס בילד פון דער אמאָליקער לאַנגער, דאַרער צאַרין, איז פאַרגעקומען עפּעס א מין תחית־המתים. צווישן די קאָנדאָלירונגס־טעלעגראַמען און גראַטולאַציאָ־נען צו נאַבאָקאָוו'ס פאַמיליע און צו מיליוקאָוו'ן האָט איר מיט אמאָל גע־לייענט אַז עס לעבט דער רוסישער קייזערליכער אַמעריקאַנישער געזאַנדטער באַכמעטיעוו, דער הויף־שטאַלמייסטער קאָנאָוואַלאָוו, דער פּאַרטרעטער פון רוסישן פלאָט וואַדיאַנין און דער שר המשקים ״דעיסטוויטעלני טייני

סאָוועטניק״ (עקסעלענץ) פּיאַנטשוגאַ. עס האָט אויך ניט געפעלט די שווארצע יידישע קאַפּאָטע. בקצור, אחר המעשה איז געווען א תחית המתים.

די גאַנצע מעשה מיטן שאָס האָט אָבער ניט געקאָנט האָבן קיין שום נאָכווירקונג אויף די לעבעדיקע, חוץ די שווארצע קאַפּאָטע און די טויטע גע־נעראַלן פון פאַרצייטן, וואָס האָבן זיך אויסגעפּוצט מיט אַלע זייערע מע־דאַלן, שליפּעס און אַקסעלבאַנטן. די רוסישע קאָלאָניע האָט דערפון ניט געליטן, און אויך דער שיסער אַליין, דער צעדרייטער אָפיציר מיט דער צארינס בילד אין קופערטל וועט סך הכל באַקומען דריי יאָר תפיסה.

דייטשלאַנד׳ס באַציאונג צו די היגע רוסן איז פיל צו טיף, בנוגע צו דער קומענדיקער רוסישער פּאָליטיק, אַז עס זאָל זיך צעקריגן צוליב אַזא קליינִיקייט מיט דער רוסישער אינדוסטריע, מיט די קומענדיקע פּאַרמיט־לער צווישן דייטש און רוסן אין ברייטן האַנדל. אדרבה, דייטשלאַנד וועט איצט האָבן א גרעסערע מעגליכקייט פּטור צו ווערן פון אַלערליי מאָנאַר־כיסטיש־קאַדעטישע און אַנדערע קרייזן, וואָס האָבן זיך גאַרניט צוגעלערנט און גייען אַרום, ווי באַ פּרץ׳ן ״אויפן אַלטן מאַרק״, מיט דעם קאָפּ אין די הענט, טרייסלענדיק מיטן נאַקעטן סקעלעט.

די מתים׳לעך קערן זיך ווידער אום שטילערהייט צו זייערע קברים און אין זאַל פון פילהאַרמאָניע, וואו די מעשה איז פאָרגעקומען, שפּילט ווידער א גרויסער אָרקעסטער א טויטן וואַגנערן, בראַמס׳ן, בעטהאָווענען, וואָס זיינען נאָך עד היום טויזנט מאָל לעבעדיקער ווי דער לעבעדיקסטער מיליוקאָוו מיט אַלע זיינע אָנהייגער און נאָנטע פּאָליטישע פריינט. אַלס פּריוואַטער מענטש, ניט אַלס פּאָליטישע קראַפט, איז מיליוקאָוו אויך א לעבעדיקע זאַך. און ער איז טאַקע באַלד נאָך דער מעשה אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, וואו עס וואַרטן אים אָפּ אויפן באַן זיין קלוב פון די באַלזאַ־מירטע מתים.

אַפּריל 1922.

גענוא און ראטן־רוסלאנד.

ראטן־רוסלאנד האָט ניט נאָר חרוב געמאכט זיך, נאָר זי האָט אויך צוגעדריקט צו דער וואנט אייראָפּא און אמעריקע. דער בער האָט זיך צעשפּילט, און די באלקנס, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן ארום, האָבן אויך פארשטאָפּט די קוואלן און קוועלכעלעך פון אנדערע פעלקער. ווען א גרויס לאנד, ווערט פארטרונקען פון א מבול, — באקומט גאנץ אייראָפּא קאַטער און א האלבע וועלט הייבט אָן צו ניסן. און כל זמן אייראָפּא וועט ניט איינשטילן דעם הפקר־יונג פון מאָסקווע, קען מען אויף גוטס ניט האָבן. און דארום איז אייראָפּא געצוואונגען מפני דרכי שלום איינצולאדן דעם חצוף ומחוצף אין גענוא, אבי נאָר צו מאכן עפּעס א שטיקל טאָלק אין דער וועלט־ווירטשאפט.

אויך דייטשלאנד, דאָס באזיגטע לאנד, וואָס מען האָט געצוואונגען אויף די קני אונטערצושרייבן א פּאפּיר, אז זי איז די איינציקע שולדיקע אין קריג, איז איינגעלאדן געוואָרן אין גענוא. אָבער, ווי גרויס איז דער חלוק! דייטשלאנד איז אין פּרינציפּ קיינמאָל ניט ארויס אינגאנצן פון די כלים, — אדרבה, עס האָט נאָך פארגרעסערט איר אינדוסטריע און איז געוואָרן דער פאבריקאנט פון דער גאנצער וועלט. דייטשלאנד האָט נאָר געטאָן דאָס, וואָס אלע אנדערע וואָלטן געטאָן אויף איר אָרט, עס האָט געוואָלט פארכאפּן די העגעמאָניע, די ממשלה אויף אלע ווירטשאפטס־קוואלן. עס האָט געוואָלט אָפּטאָן אין א פּאָר יאָר דאָס, וואָס ענגלאנד טוט פּאמעלעך אין הונדערטער יאָרן. איז עס איר ניט געראָטן. אָבער זי האָט דאָך ניט געפּרובט חרוב מאכן א פּרינציפּ, אויף וואָס עס פונדאמענטירט די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט. און אזוי ווי דייטשלאנד איז איצט איין גרויסע פאבריק, א פאבריק פון גאָר דער וועלט,קען מען זיך דאָך דעם ערד־קוגל אזוי פונאנדערטיילן: איך נעם צו אלע רויע מאטעריאלן, וואָס ליגן אין די בערג, אויף די פעלדער און אין די וועלדער, און דו ארבעט פאר א טייערן אָפּצאָל מיט דיינע פאבריק־רעדער און קוימענס. דייטשלאנד קומט קיין גענוא מיט קייטן אויף די פיס, ווי א באזיגט לאנד וואָס וועט צופרידן זיין מיט א ביינדל, ווען מען וועט עס צוואווארפן, און עס וועט מיט גרויס הכנעה דאנקען, ווען מען וועט דאָס ערלויבן מיט־צוהעלפן אין דעם ווידעראויפבוי פון א רוסלאנד, וואָס, אונטער אונז, קען דאָס אָן דייטשלאנד בשום אופן ניט אויפגעבויט ווערן, — מעגן זיך פראנצויזן און ענגלענדער מיען מיט אלע כחות דאָס אליין צו טאָן.

דייטשלאַנד, וואָס ווייסט און פילט גאַנץ גוט, אַז מיט רוסלאַנד איז דאָס צונויפגעוואַקסן ווי הויט און מוסקל, וועט מאַכן כלומרשט אַ מינע, אַז עס קען עפּעס אויך נוצן ברייננגען. אין דער אמת'ן אָבער ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז דאָס דערשלאָגענע דייטשלאַנד איז דער שליסל צו די צרות פון דער רוסישער אימפּעריע, און די גרינגשעצונג, וואָס מען וועט אַרויס־ווייזן צו איר, וועט נאָר זיין אַ תנועה פון דעם זיגער צום באַזיגטן, אַ קרים פון אַ פּואַנקאַרע, וואָס קען נאָך אַלץ ניט מוחל זיין. ווי די מעשה איז, — דייטשלאַנד'ס ראָלע אין גענוא איז גרינג פאַראויסצוזען. אַ דערשלאָ־גענער, אַ יורד לפנים, און אַ שטאַרקעס אינערגעפּיל, אַז אָן אַ פאָלק פון אַ 60 מיליאָן, וואָס איז דורך און דורך אָרגאַניזירט צו אַ פּראָדוקטיווער אַרבעט, און וואָס האָט נאָך דעם שטאַרקן רצון דערצו, קען די היינטיקע וועלט ניט אויסקומען, און "יבוא יומו", נאָך איז דייטשלאַנד ניט פאַרלוירן.

רוסלאַנד'ס מערכה אָבער איז גאָר אַן אַנדערע. ערשטנס, קומט רוס־לאַנד אין גענוא מיט אַ צוויי־פּנים'דיקער געשטאַלט. עס איז באַזיגט און ניט באַזיגט. עס איז אַ בעל־תשובה און ניט קיין בעל־תשובה. אין דעם מאָמענט, ווען די ראַטן־מאַכט נעמט אויף זיך די חובות פון דער צאַרישער מלוכה, גייט עס ממילא אריין אין דער רייע פון די זיגער. טראָצקי וועט נאָך באַווייזן מיט אותיות ומופתים, אַז אויך נאָך דער רעוואָלוציע האָט מיטגעהאָלפן רוסלאַנד דער אַנטאַנטע צו באַזיגן דייטשלאַנד. וואָרום פון ברעסקער פרידן אָן ביז דעם אָפּטרעט פון אוקראַינע האָט ניט אויפגעהערט די קאָמוניסטישע הפקרות צו פאַר'סם'ען דאָס דייטשע מיליטער. דאָס איז געווען אַ נייער אידייען־שטיקגאַז, וואָס האָט צעקלאַפּט די דייטשע אַרמייען ניט ווייניקער, ווי אַמאָל ברוסילאָוו בײַ די גאַליצישע גרענעצן. אַמאָל האָט גענעראַל רוזסקי צעקלאַפּט ע ס ט ר ײ ך מיט זיין סטראַטע־גיקע; פון 1917 האָט טראָצקי מיט זיין "ברודערשאַפטס־טעאָריע" ניט ווייניקער צעטרייסלט די פעסטונגען פון דער אַלטער דייטשער דיסציפּלין. רוסלאַנד, סיי דאָס צאַרישע, ווי דאָס קאָמוניסטישע, האָט אַ גרויסן חלק אין דעם אַנטאַנטע־זיג — און אין גענוא זיצט דאָס צווישן די זיגער, על כל פּנים ניט צווישן די, וואָס בויגן איצט דעם נאַקן פאַר אַ ללאָיד־דזשאָרדזש און אַ פּואַנקאַרע. גלייכצייטיק איז רוסלאַנד אַ באַזיגט לאַנד. דאָס האָט באַזיגט דער אייראָפּייאישער קאַפּיטאַליזם, די צווייטע אַנטאַנטע, וואָס איז ווי אַ שטרויענער קאַפּעלוש ניט אָפּצוטיילן פון דער ערשטער. צי לאָזט זיך אָפּטיילן דער שטרוי פון שטרויענעם קאַפּעלוש? צי לאָזט זיך די היינטיקע אַנטאַנטע אָפּשיידן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ממשלה?

רוסלאַנד איז דער גרויסער בעל־תשובה, וואָס הערט ניט אויף אַ רגע זיך צו בריקן מיט די פּיס. נאָך ביז היינטיקן טאָג וויל די ראַטן־מלוכה קיין זאַך ניט אַרויסלאָזן פון אירע הענט. די פּריוואַטע איניציאַטיוו איז

מער ניט ווי א וואָרט פאַר די, וואָס גלויבן אין שם־המפורש. נאָך עד היום איז ניטאָ קיין געזעץ אין לאַנד, און ווען ניט דאָס נאַטירליך פאַרפלאַנצטע גערעכטיקייטס־געפיל, קען מען אין רוסלאַנד קוילענען מענטשן אין די גאַסן. גנבה און גזלה זיינען אויסגעמעקט געוואָרן פון די עשרת־הדברות, און מען דאַרף שוין זיין א גרויסער פאַנטאַזיאָר צו גיין גראָבן אוצרות אין א לאַנד, וואו אין פרינציפּ איז דאָס אייגנסרעכט אָפּגעשאַפט געוואָרן. אויך דער אויסלענדער, וואָס פאַרט קיין רוסלאַנד מאַכן געשעפטן, קאָן נאָך עד היום ניט וויסן וויפיל געפענגנישן ער דאַרף פאַרזוכן, איידער ער וועט אָנקומען צו דער מאָסקווער בערזע, וואו עס גייען אַרום ליידיק א פּאָר שרייב־מאַשינען־פּריילנס און א קאָמיסאַר אין רויטע הויזן, א זכר צו דער געבענשטער פּריוואַטקייט. ביזן צענטן אַפּריל וועט אין רוסלאַנד קיין גרויסע פאַרענדערונג ניט פאָרקומען און זיצנדיק ביים גרינעם טיש וועט רוסלאַנד מיט איר צוויי־פּנים׳דיקן אויסזען קיינעם ניט שטאַרק אָפּנאַרן.

אָבער ראַטן־רוסלאַנד אין גענוא קומט א שטאַרק אָנגעפּראַקטיקירטע אין הלכות דיפּלאָמאַטיע. ס׳איז די דיפּלאָמאַטיע פון שוואַכן, וואָס ווייסט, אַז זיינע קעגנער זיינען אויך צעבלוטיקטע. עס וועט פּאָזיטיווע זאַכן ניט קענען געבן און אָנבאָטן. עס וועט כסדר פרעגן, פרעגן און פרעגן; עס וועט מיט גרויס פּקחות ניט ענטפערן אויף פראַגן מיט יאָ און ניין, נאָר עס וועט אויפן יידישן שטייגער אויף איטליכער פראַגע ענטפערן אייך מיט א שאלה. וואָס? איר ווילט די צאַרישע חובות? צי וועט איר זיך ניט אָפּזאָגן ממלא צו זיין, וואָס איר האָט אנוסטן צוגעזאָגט דעם צאַר? וואו איז קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל? וואו זיינען די דאַרדאַנעלן? וואו איז אָסט־גאַליציע? איר ווילט געלט? צי וועט איר באַצאָלן אויך פאַר די שאָדנס, וואָס עס האָבן אָנגעמאַכט דעניקין, יודעניטש און וראַנגעל? איר ווילט פון אונז גאַראַנ־טיע? און וואו זיינען אייערע גאַראַנטיעס? איר ווילט קאָנצעסיעס? צי וועט איר אונז בויען די באַנען און וועגן, וואָס וועלן אייך ברייינגען צום אָרט פון די קאָנצעסיעס? איר ווילט ניט אונזער פּראָפּאַגאַנדע? און מיט וואָס וועט איר אונז זיכערן, אַז אייערע קאָנצעסיעס־ערטער וועלן ניט ווערן די פונקטן פון א ווילדער קאָנטר־רעוואָלוציע? ״מיר איז גוט, איך בין א יתום״, — זאָגט מאָטל פּייסי דעם חזן׳ס בא שלום עליכם. מיר איז גוט, — וועט זאָגן טראָצקי אין גענוא — איך האָב ניט קיין אייזנבאַנען, קיין שאָסייען, עס שטאַרבן בא מיר פון הונגער א פּאָר צענדליק מיליאָן מענטשן, מיינע אַרבעטער, — וואָס זיינען שטענדיק געווען קנאַפּ, — זיינען זיך צעלאָפן איבער די דערפער, פאַרנעמען איצט א פיינעם בכבוד׳יקן אָרט אין די טויזנטער אַנשטאַלטן, וואו מען בלאָזט א גאַנצן טאָג אין די פּאַרפרוירענע פויסטן; איך האָב ניט קיין איינציק הויז, וואו עס האָט ניט געפּלאַצט די קאַנאַליזאַציע און וואו די ווענט האַלטן ניט ביים

איינפאלן. מיר איז גוט, איך גיי זומער אין זעק און באָרוועס, און ווינטער אין שמאטעס און פארלאטעטע וואָליקעס. מיינע קינדער פרירן אין די שולן, אין דער היים און אין געסט, און עפּידעמיעס האָב איך אזוי פיל, אז דאָס קען קלעקן אויף א צענדליק יאָר; מיינע פעלדער זיינען ניט פאר־זייט, ניט פאראקערט, אויסגעטריקנט, ווי נאָך א שרפה. מיר איז גוט, איך בין א יתום. די גאנצע וועלט זאָרגט זיך פאר מיר, און איך טראָג אין מיין אָטעם אזא וועלט־מגפה, אז מיליאָרדערן אין אמעריקע באקומען אָפּט בייזע חלומות צוליב מיר.

ראטן־רוסלאנד אין גענוא קען אמאָל האָבן אויך אזא צוויי־פּנים׳דיקן דערפאָלג, ווי עס איז אַליין צוויי־פּנים׳דיק. נאָך דער ערשטער קאָנפערענץ (וואָרום די גענוער קאָנפערענץ וועט דאָך מן הסתם אָנהייבן א נייע סע־ריע פון וועלט־קאָנפערענצן), קען מען קומען צום באשלוס זיך נעמען פעסט קורירן דעם קראנקן מאן. מען קען אָבער אויך קומען צו אנדערע באשלוסן, וואָס שמעקט שוין מיט א ניי־מאָדנעם פּלאן פון אנ׳אינטערווענציע.

די גענוער קאָנפערענץ קען אויך ווערן אנ׳אומגעריכטער בראָך פאר רוסלאנד, וואָרום, ווען א מיידל האָט „גאָר קיין נדן ניט" און איז נאָך דערצו שטארק בארעדט, — איז שווער צו פארלאנגען, אז טאטע און מאמע זאָלן מסכים זיין צום שדוך. ראטן־רוסלאנד קומט אויף דער קאָנפערענץ „גאָר אָן נדן", עס איז אזוי שלעכט, אז ערגער קען שוין ניט זיין, טאָ צו וואָס זאָל מען גיין טאנצן מיט א מת? אי, די וועלט־ווירטשאפט? וואָס העלפט אָבער דער טיטל קעניג פון מדבר סאהארע, אז דער גיפטיקער סאַ־מום־ווינט לאָזט ניט בויען קיין שלעסער!

קאמפּס־ארגאניזאציעס.

אלע וואָס זיינען געוועזן אמאָל פארבונדן מיט רוסלאנד האָבן, — אזוי צי אזוי, — כסדר צו טאָן מיטן הונגער. און וואָס נענטער די דאָ־זיקע לייט זיינען פון די ראטן־גרענעצן, אלץ מער צייט, געלט און געדאנקען שיינקען זיי דעם בייזערנעם סקעלעט, וואָס טראָגט זיך איבער די סטעפּעס פון דעם הונגער־לאנד. ניט נאָר בערזן־מענטשן אינטערעסירן זיך מיטן מצב פון דאָלאר. איטליכער סטודענט, איטליכס מיידל, וואָס ארבעט אין א ביוראָ פאר א פּאָר טויזנט מארק א חודש, קויפט דאָלארן: א כאָוועריש׳ן צענדאָלארדיקן פּעקל, א צווייד אָלארדיקן, א. א. וו. אין אלע אָרגאניזאציעס

פונם רויטן קרייץ ביז א יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע שטופּן זיך טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער, אבי וואָס גיכער עפּעס צושיקן אַהין, וואו עס גייען אוים פון הונגער זייערע נאָנטע און ליבע. אָבער די דאָזיקע אינ־דיווידועלע הילף איז נאָך גאָרניט אנטקעגן דעם, וואָס די אמעריקאַנער, די קוועקער, די האַנזענס־אָרגאַניזאַציע טוען אויף. איצט ווערן אין רוסלאַנד געשפּייזט מער ווי דריי מיליאָן קינדער, און אָן די אויבנדערמאָנטע וואָלטן אויך ניט באַקומען קיין פּריוואַטע הילף די הונדערט־טויזנטער, וואָס באַקו־מען שפּייז־פּעקלעך פון קרובים און נאָנטע.

וואָס אָנבאַלאַנגט אונזערע יידן, האָבן די געזעלשאַפטן "אָזע" און "אָרט", — אגב מיט דער הילף פון שלום אש, — אָרגאַניזירט איצט אין בערלין א ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס באַזאָרגט מיט פּעקלעך שפּייז אַלע יידישע ליטעראַטן, קינסטלער, באַקאַנטע כלל־טוער, אַלע פּראָמינענטע מענטשן, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון אונזער אָרעמער קולטור. אויך די וועלט־הילפס־אָרגאַניזאַציע מיט מ. קריינינען בראש שיקט פּעקלעך, שפּייז, קליידער, מעדיקאַמענטן צו יידישע אויטאָנאָמע קאָמיטעטן אויף די ערטער. שיקן אימיצן א פּעקל איז שוין געוואָרן אַזא נאַטירליכע זאַך, ווי אריינגיין אין א בערלינער קאַפע. מען באַקלאָגט זיך נאָר אויף דעם, אַז ניט אומעטום קומען אָן צו דער צייט די פּעקלעך, און וואָס ווייטער פון מאָסקווע און פּעטערבורג, וואָס טיפער אין דער אימפּעריע, — אַלץ וויי־ניקער מעגליכקייטן איז פאַראַן צו העלפן דעם הונגערנדיקן. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויך די גרעסטע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז ניט בכח אָפּטאָן איר ארבעט בשלמות. למשל, די אמעריקאַנער, וואָס שפּייזן דריי מיליאָן קינדער אויפן פּאַפּיר, — שפּייזן אין תוך גענומען כמעט קיינעם ניט. די קינדער־שפּייזונגען זיינען געווען באַרעכנט אויף א העלפט קאַלאָריען (פאַרברענונגס־איינקייטן) מיינענדיק און גלויבנדיק, אַז די אַנדערע העלפט וועט קענען געבן די רעגירונג פון זיך. די רעגירונג אָבער האָט ניט געהאַט קיין איין אייגענע קאַלאָריע, און ווען די שטערבליכקייט אין לאַנד איז געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן, האָט מען נאָך א העלפט פונם העלפט געמוזט צונעמען פאַר קראַנקע און אַלטע לייט. סוף כל סוף באַקומען די קינדער נאָר א פערטל פון דעם, וואָס עס פּאָדערט דער אָרגאַניזם. זייער טויט ווערט נאָר אָפּגעצויגן אויף א פּאָר חדשים, און דער געמיינטער צוועק ווערט ניט דערגרייכט. עס איז אויך אונמעגליך צו פאַרריכטן דעם פעלער פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געבויט זייער פּראָגראַם אויף די פאַקטן פון פאַר־א־יאָרן. וואָרום ערשטנס, וואַקסט די קאַטאַסטראָפע מיט א גע־אָמעטרישער געשווינדקייט און, צווייטנס, איז ניט אַזוי לייכט מעגליך אויפצושטעלן דעם אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, ווען ער געפינט זיך שוין אין אַלערליי האַפּנס, צעוואָרפן אין אַלע מעגליכע סקלאַדן, און אונטערוועגס

גייען נאָך ווייטערע סחורות און נארונגס־מיטל, לויט דעם אמאָל אויפגע־שטעלטן פּלאַן.

די איצטיקע קולטורעלע מענטשהייט שטייט פאַר א בילד, ווען מענטשליכע כחות פּרובן זיך ראנגלען מיט א נאַטור־געוואלט, מיטן טויט, וואָס איז ארויס פון אלע אונזערע באקאנטע גרענעצן. צי קען מען מיט א שפּענדל אָפּשטעלן דעם גאנג פון די וועלן?

עס זיינען דאָ טעג, ווען אין אלע קריסטליכע און יידישע הילפס־אָרגאניזאציעס לאָזן זיך אראָפּ די הענט. טשיטשערין, וואָס איז די טעג געווען מיט די אנדערע דעלעגאטן אין גענוא דער גאסט פון איטאליענישן קעניג, האָט שוין אודאי א מאך געטאָן מיט דער האנט אויף די 30 מיליאָן הויט־סקעלעטן, וואָס טראָגן זיך צום קבר גיך, ווי א ווינט. ווען ניט, — וואָלט ער ניט געקענט רואיק פירן דאָס קונציקע דיפּלאָמאטן־שפּיל. אויך לענין, דער פאנאטישער ארכיטעקט פון א קאָמוניסטישער מלוכה האָט שוין לאנג געוואוסט, אז זיינע בוי־פּלענער וועלן קאָסטן א פערטל פון דער רוסישער 188 מיליאָנענדיקער אימפּעריע. זיי ביידע זיינען רואיק און זיי פילן זיך ווי כביכול ביים מבול, ווען ער האָט פון אלע מינים אריינגעזעצט צו פּאָרל אין נח׳ס תבה, באקלעפּט מיט פּעך קעגן פייכט־קייט און נעץ.

אין דעם איצטיקן מבול וועלן די פּאַר הונדערט טויזנט קאָמוניסטן ניט אונטערגיין, און גיכער וועט ניט בלייבן קיין זכר פון פּשוט׳ן בעל־הבית, ארבעטער, גרויסן גוט־באזיצער, איידער פון די ראדעק׳ס און ראדעק׳לעך, וואָס זיינען נאָך דורות־לאנג נויטיק אויף צו באנייען די מענטשליכע געזעלשאפט, וועלכע איז צו ווייט פארקראָכן אין קאפּיטאליזם און אימ־פּעריאליזם. די הילפס ־ אָרגאניזאציעס זיינען אָבער, צום באדויערן, ניט קיין לעניג׳ס און קיין טשיטשערינ׳ס, און אויך בא זיי פאלט אָפּטמאָל דער מוט, ווען אויף איין געראטעוועטן קומט זיי אויס צו גראָבן צען קברים אויף אמאָל.

איך וועל שטענדיק געדיינקען די נאכט, ווען נאָך א לאנגער זיצונג האָט איינער פון א קאָמיטעט, אנ׳אלטער מאן, וואָס האָט זיינע לעצטע ביסל יאָרן איינגאנצן זיך אָפּגעגעבן דעם קאמף קעגן הונגער — געזאָגט טרויעריק מיט א ביטערע גרימאסע ארום די ליפּן: "חברים! מיר מוזן זיך קלאָר מאכן דעם געדאנקען, וואָס איז בעסער: כלומרשט ראטעווען מילי־אָנען, וואָס ווערן א מינוט פארן טויט קאניבאלן, אָדער באמת ראטעווען די פּאַר הונדערט טויזנט מענטשן אין רוסלאנד, וואָס פארקערפּערן מיט זיך דעם סך הכל פון דער גאנצער קולטור, סיי אין וויסנשאפט, קונסט, ליטע־ראטור און הומאניטעט? אפשר זיינען מיר צו גרויסע פילאנטראָפּן און צו קליינע דיינקער ,מיט קאלט־רואיקע קעפּ?" דער זין פון די רייד איז ווידער־

אמאָל געווען ווי היינט באַ לעניִנ׳ען, די ביבלישע אָרגאַניזאַציע פון א נח׳ס תבה, וואו עס זיינען געוואָרן אָפּגעקליבן צו פּאָרלעך פון אַלע מינים, וואָס גייען, פויזן און קריכן אויף דער ערד. פאר די פיש אין וואסער האָט מען ניט געדאַרפט זאָרגן, ווי איצט אין רוסלאַנד פאר די קאָמוניסטן, וואָס זיינען ווי פישלעך אינם גרויסן רוסישן מבול.

אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל עס קלינגט ניט צום ערשטן מאָל, — מוז מען אָבער זאָגן, אַז כביכול׳ס מעטאָדע דרינגט ביסלעכווייז אַריין אין א סך אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס אין די יידישע. סוף כל סוף מוז איטליכע אַרבעט האָבן א קאַלטן ראַציאָנעלן פונדאַמענט. מען קען ניט זיך אַרומוואַרפן מיט מיליאָנען פון לויטער גוטער האַרץ, ווען מען זעט מיטן שכל, אַז דאָס גייט סוף כל סוף לאבוד, ניט געבנדיק קיין שטיקל ממשות׳דיקן רעזולטאַט. דער הונגער אין רוסלאַנד איז אַזוי מורא׳דיק, אַז אַלע ווייץ פון דער וועלט קען אים ניט שטילן. וואָרום באַ היינטיקן טאָג איז באַ אונז די השגה ״ווייץ״ ניט אַזוי פשוט. מיט דעם דאָזיקן אַרטיקל פאַרבינדן זיך צוגלייך די השגות פון טראַנספּאָרט, פון שאָסייען, באַנען, מילן, אָרטיקע פרייע קאָמיטעטן און נאָך טויזנטער אַנדערע השגות. פעלט דאָס אַלץ, — קען דער ווייץ אַזוי זעטיקן, ווי די שטיינער אין ברוק. אפילו אין די רואיקערע צייטן זיינען אין רוסלאַנד געווען אַזוינע ערטער, וואָס לויט גאָגאָל׳ס ווערטער: ״לויף מיט פאַרקאַשערטע פּאָלעס דריי יאָר נאָכאַנאַנד — וועסטו צו א גרענעץ ניט דערלויפן!״.

דער באַרימטער שטשעדרין דערציילט פון א ישוב אין א רוסישן וואַלדיקן אָרט, וואָס האָט דורות קיין פּאָליסמאַן ניט אָנגעזען אין די אויגן, און וואָס קיין גובערנאַטאָר האָט ניט געוואוסט, אַז אין זיין גובערניע געפינט זיך אַזאַ פּויערישער דאָרף. און דאָס וואָס איז מעגליך געווען אין די צאַרישע צייטן, איז איצט נאָך דער רעוואָלוציע מיטן גרויסן חורבן טויזנט מאָל מער מעגליך. ווי די ראַטן־מאַכט איז ניט *גענוא־מעכטיק*, האָט זי קיין שום ממשלה ניט צוואַנציק וויאָרסט פון דער שטאָט, וואו עס לעבט שוין דאָס דאָרף און פלעט אירע אַגענטן די מחות.

אויב מען צווייפלט נאָך אין דעם מכה א גרויס־רוסישן דאָרף, איז שוין דאָס קיין שום ספק ניט אין די אוקראַינישע דערפער, וואו דער טשעקיסט איז פונקט אַזוי מאַכטלאָז, ווי זיין קרבן אין דער שטאָט.

און די הילפס־אָרגאַניזאַציעס טאָרן זיך שוין ניט אַזוי צעשפּרייטן: *האָסטו צופיל גענומען*, *האָסטו גאָרניט גענומען*. אין דעם זין אַרבעטן די יידישע אָרגאַניזאַציעס ״אָרט״ און ״אָזע״ א סך שכל׳דיקער און נוצליכער ווי די וואָס מיינען אַלעמען צו העלפן. ״אָרט״ קאָנצענטרירט איצט איר גאַנצע טעטיקייט בנוגע צו רוסלאַנד דערויף, אויף צו ראַטעווען די יידישע קאָלאָניעס. וואָרום דאָס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז מיט דעם

אונטערגאנג פון די יידישע קאָלאָניעס שטארבט אָפּ בא אונז א גאנצע באַוועגונג, וואָס ציט זיך שוין אין רוסלאנד כמעט 75 יאָר. "אָזע" זוכט, ווי מעגליך, צו ראטעווען די פּראָמינענטסטע קרעפטן פון די יידישע קולטור־טרעגער אין דער פּערזאָן פון געלערנטע, קינסטלער, כלל־טוער און גלאט אזוינע מענטשן, וואָס האָבן פארדינסטן פאר דאָס יידנטום אין רוסלאנד. צוגלייך זוכן ביידע געזעלשאפטן, וואָס ארבעטן קאָאָרדינירט, אויפשטעלן אין רוסלאנד ווי מעגליך די אָרטיקע אינסטיטוציעס און קאָמיטעטן, וואָס זיינען נאָך טיילווייז פאראן, און וואָס קענען איצט ווידער אויפגעשטעלט ווערן. ווייל די ראטן־מאכט מאכט שוין ניט די אמאָליקע מניעות, ווען זי האָט צוגענומען יידישע האספיטאלן, שולן, בתי־יתומים, צעיאָגט די אָרטיקע געוויילטע קהלות, און צעטריבן די ביסל געזעלשאפטליכע טוערס, בא וועמען די ארבעט האָט זיך נאָך געצויגן. און זאָל נאָר די דערמאָנטע געזעלשאפטן זיך איינגעבן אָפּצוטאָן די דאָזיקע אויפגאַבן — קען נאָך געמאָלט זיין, אז די הויפּט־ארבעט פון "אָזע" און "אָרט" וועט שוין אָפּגעטאָן ווערן מיט אייגענע רוסיש־יידישע כחות און ניט דורך דער רוסיש־יידישער עמיגראציע אליין.

פון אלעם דעם קומט אָבער ניט ארויס, אז ווען מען באַגרענעצט זיך אין פּראָגראַם, באַגרענעצט מען אויך די מאטעריעלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק דערצו. א טעות. גראָדע מיט די גרעסטע און ברייטסטע מיטלען וועט זיך אפשר איינגעבן צו ראטעווען ר א ד י ק א ל י ש דאָס, וואָס איז נאָך מעגליך אָפּצוראטעווען. די געזעלשאפטן פאָדערן דעם איינגענעם וואונדערבארן געבער־ווילן, וואָס האָט זיך ביים יידן ארויסגעוויזן, און וואָס האָט אין דער געשיכטע קיין גלייכן ניט. זאָל דער געבער־ווילן זיך צופּאסן צום גרויסן אומגליק, וואָס האָט אויך קיין גלייכן ניט צו זיך. און דעמאָלט קען מען האָפן, אז פון דער גרויסער שׂרפה, וואָס האָט ארומגענומען רוסלאנד, וועט מען קענען ארויסראטעווען די טייערסטע נויטווענדיקסטע חפצים סיי פאר אונז, ווי פאר דער מענטשליכער קולטור.

מאי 1922.

די רויטע פאטשיילע.

I

ראַנערשטיק און פרייטיק, אין א תענית־טאָג, אין א ערב יום־טוב, אין א חול־המועד־טאָג, פלעגט זיך באווייזן אויף דער יידישער גאס די רויטע פאטשיילע. ווער פון אייך געדיינקט ניט נאָך פון די קינדערשע יאָרן די רויטע פאטשיילע? אין איטליכן יידישן שטעטל איז געווען א יוסל דער פרוש, אנ׳אברהם פאק, א ירוחם דער שלייפער, עפעס א פרומער ייד, וואָס פלעגט ארומגיין פון גאס צו גאס מיט דער רויטער פאטשיילע קלייבן נדבות מיט אנ׳ערנסטן פנים, אמאָל הכנעה׳דיק, אמאָל פריינטליך און פרייליך פלעגט זיך דער צדקה־קלייבער אָפּשטעלן בא א קראָם אָדער א מארק ־ טישל און פלעגט פאנאנדערשפרייטן די צונויפגעקלעפּטע פאטשיילע.

ר׳ יוסל דער פרוש האָט ניט געהאלטן שטארק פון ריינליכקייט; אויף זיין באָרד פלעגט זיך נאָך פלאָנטערן די ברעקלעך פון זיין אָרעמען מיטאָג; פון זיינע נאָזלעכער פלעגט אָפט טריפן דער שמעק־טאבאק. זיין קאָלנער האָט אויך געמאָגט שוין לאנג ליגן אין א באלייע מיט שמוציקע וועש. און אין זיין סטאָן־קאפאָטע האָבן אָפט געפעלט די קנעפּ. אָבער די רויטע פאטשיילע איז געווען גראָד א ריינע, און דער קאָליר פון איר איז שוין שטארק אָפּגעבליאקירט געוואָרן, מן הסתם פון אָפטן וואשן. ווי גרוים דער בטול פאר דער וועלט זאָל ניט זיין, אָבער די רויטע פאטשיילע קומט פאָרט אוים אויסצוואשן עטליכע צענדליק מאָל אין יאָר. עס זיינען געווען אזוינע פרומע נפשות, וואָס פלעגן וואשן די דאָזיקע פאטשיילע מיט מקוה־וואסער, און אויסער צו א דבר בצדקה פלעגט מען זיך מיט איר ניט באנוצן.

דער יידישער גאס איז זי אזוי נויטיק געווען, ווי דער שמאָלער פאר־זשאווערטער דראָט פון אנ׳ערוב, ווי די ווייבער מיט די הייסע בעבלעך און ארבעס נעבן די שול־הויפן, ווי די דריידלעך און צוקער־מענטשלעך פורים־צייט, ווי דער משוגענער מיט די צעפּאטלטע האָר, וואָס דרייט זיך אויפן מארק.

די דאָזיקע רויטע פאַטשיילע איז געווען א מין יידישע פאָן, וואָס דער־מאָנט אלע ווייניגע אָן פסוק: "וצדקה תציל ממות", אקוראט ווי, להבדיל, די פאָן פון א היינטיקער פאָלקס־דעמאָנסטראציע, וואו עס שטייט דער פסוק "ארבעטער פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך!" נאָר אזוי ווי די רויטע פאַטשיילע האָט נאָך ניט געהאט די טעכניק פון היינטיקע דע־מאָקראטישע באוועגונגען, האָט זי זיך ניט אנגעגרייט אָן א שטעקן, נאָר מעשה פענכער געטראָגן פאר די 4 צוגעהאלטענע עקן, לאָזנדיק צווישן די עקלעך נענוג אָרט, אז מען זאָל קענען אין דאָזיקן בייטל אריינוואַרפן באַ־האלטענערהייט א פּאָר גראָשנס, און אָפטמאָל אויך א גאנצן קופּורנעם ניקאָלייעווסקן פּיאטאַק. וואָרום צדקה דאַרף מען געבן בסתר!

די וועלט איז א שלעכטע, און מיילער, וואָס ריידן לשון הרע, זיינען אלע מאָל געווען, און אָפטמאָל פלעגט א כל בו'ניק אָפּלאכן פון יוסל דעם פרוש, ווי פון ירוחם דעם שליפער (א ייד, וואָס האָט קיינמאָל ניט ארויס־געלאָזט דעם זוהר פון האַנט) און זיך וויצלען איבער זיי, געגעבן אָנצוּ־הערעניש, אז די צבועה'ניקעס מאכן ניט קיין שלעכטן געשעפט מיט דער רויטער פאַטשיילע. וואָרום, חוץ ר' יוסלען און אברהם פּאַק, זיינען נאָך ארומגעגאנגען מיט רויטע פאַטשיילעס די שמש'טע פון אלטן בית־מדרש, די זאָגערקע פון טוקומער ווייבערשער שול, די אָפּשפּרעכערקע פון ראסיין און די ליכטציערקע פון פלונגיאן.

איך ווינטש אייך ניט, ליבע לעזער, צו זיין אזוי אין די מיילער פון די זשאַגאַרער משכילים, ווי די אויבנדערמאָנטע צדקניות. זיי, די פאַר־שטאַרבענע משכילים, האָבן גע'טענה'ט, אז צדקה־זאמלונגען דאַרפן אייך זיין אונטער דער השגחה (קאָנטראָל, בלע'ז) פון באַגלויביקטע מענטשן. דער מענטש איז בטבע א גנב, און קופּערנע מטבעות קלעפּן זיך אמאָל צו, ווי א שוסטערשער קליי. קורץ און גוט, די ניי־מאָדנע אידייען פון קאָנטראָל, פאָלקס־געלט, ריכטיקע פאַרטיילונג און נאָך אזוינע שמאָכטעס האָבן ברייט געמאכט די מיילער פון די משכילים, פאַר'סם'ט א ביסל דעם קרע־מער און די קרעמערקע, און אודאי פאַרמינערט א ביסל דעם צוטרוי צו ירוחם דעם שליפער און צו דער זאָגערקע פון טוקומער ווייבערשער שול.

ניט דאָ איז דער אָרט צו שרייבן די גאנצע היסטאָריע פון דער רוי־טער פאַטשיילע, אָבער בקיצור קען איך נאָר זאָגן, אז מיט דער צייט איז די רויטע פאַטשיילע פאַרשוואונדן פון די גרויסע יידישע גאסן, און אויב איר ווילט זי נאָך וואו זען, מוזט איר זיך שוין פאַרקירעווען אין די שמאָלע געסלעך, ניט ווייט פון א בית־עולם, מוזט איר אריין אין די נידעריקע, איינגע הייזלעך פון דער יידישער אָרעמקייט, וואו עס לעבט נאָך סיי די רויטע פאַטשיילע, סיי די קופּערנע מטבע פון מלך סאָבעסקעס יאָרן.

די רויטע פאַטשיילע איז שטאַרק אָפּגעבלאַקירט געוואָרן; אנשטאָט איר

האָט זיך באַוויזן דאָס ווייסע בלאַט פּאַפּירלעך מיט א צייכנער־ליסטע; ירוחם דער שלייפער האָט שוין אַרויסגעגעבן א דור פון גובה׳ס, קאַסירער און נאָך אַזוינע לייט, וואָס באַקומען צען פּראָצענט פאַר זייער טרחה; די ממונים אויף די געלט און די פּאַרטיילער האָבן אויך באַקומען פאַרשיידענע מיטלען און שכר פאַר זייער טרחה. און ווי אַמאָל די גריכישע געטער, זיי־נען די צדקניות און די פּאַרפרומטע לייט פאַרשיקט געוואָרן פון דער השגחה אין גריבער, הוילן און ווילדערנישן. די רויטע פּאַטשיילע איז אָבער נאָר בלייך געוואָרן פאַר נעוואויינליכע מענטשנס אויגן. פאַר טיפערע איז זי אויפגעשטאַנען צו א נייעם לעבן.

וואָס איז דער שכל פון דער רויטער פּאַטשיילע? אויף וואָס שטיצט זי זיך? צו וועמען שטרעקט זי אויס איר פּענכערשן פּנים? די רויטע פּאַ־טשיילע ווייסט, אַז אין איטליכער געזעלשאַפט, באַזונדערס בא יידן, דעם כאַראַקטעריסטישן משפחה־פאָלק, איז דאָ א שטיקל איבערפלוס פון רחמנות און קופּערנע מטבעות. זי שטיצט זיך כסדר אויף דעם רצון פון איינפאַכן מענטשן אין פאָלק, וואָס האָט א טראָפּעלע אָוועקצוגעבן און ווייסט נישט, וועמען און וואוהין. זי שטרעקט אויס איר פּענכערשן פּנים צו די פּשוט׳ע לייט, וואָס פילן זיך תמיד א ביסל זינדיק פאַר די אותיות, וואָס זיי קענען נעבעך נישט לייענען, און וואָס פּרובן אין זייער נשמה־פאַרטונקלטקייט זיך מיט עמיצן איבערבעטן. די רויטע פּאַטשיילע גייט צו דעם זינדיקן געבער־רצון פון א מאַסע, און די מאַסע דאַרף גראַד נישט זיין צונויפגעקנעט פון אַרבעטער, קרעמערלעך. די אייגענע מאַסן־פּסי־כאָלאָגיע איז אָפּטמאָל נאָך א סך שטאַרקער ביים אייערנעכטיקן מיליאָנער, ביים גליקליכן סוחר, וואָס האָט זיינע אַקציעס אין פאַרשיידענע פאַבריקן. בא אים איז נאָך דאָס געפיל פון איבערפלוס עפּעס אַנ׳אומבאַוואוסטע זינדיקייט, און אַנ׳עם־הארצות׳קייט אין געזעלשאַפטליכע ענינים נאָך אַמאָל שטאַרקער. ער האָט נאָך אפשר גיכער דאָס געפיל, אַז ער דאַרף זיך מיט עפּעס און מיט עמיצן איבערבעטן. ליגט נאָך צו דעם וואונש פון רייכ־געוואָרענעם, וואָס קומט אַמאָל נאָך אַריין צוליב דער רויטער פּאַטשיילע אין העכערע, פיינערע, בעל־הבית׳ישע קרייזן, וואָס דערהייבט אין סאָציאַלער אכטונג, — און איר וועט פאַרשטיין, אַז די רויטע פּאַטשיילע האָט שטענ־דיק פאַר זיך א קונה, אַז זי דאַרף קיינמאָל נישט מורא האָבן, אַז איר קרעמל וועט נישט בליען, סיי זומער, סיי ווינטער.

עס איז דאַדורך קלאָר, אַז די רויטע פּאַטשיילע פאָדערט נישט קיין קאָנטראָל, פאָדערט נישט אַלע די שמאָכטעס פון א געזעלשאַפטליכן ערנסטן ענין, וואָס דאַרף דורכגיין צענדליקער בוכהאַלטערסקע ביכער און די אויגן פון אַנ׳אויפזיכטס־ראַט (נאמנים־לייט). אין דער רגע, ווען עס פאַלט אַריין אין די רויטע פּאַטשיילע די קופּערנע מטבע, האָט שוין דער געבער

באקומען אלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט. ער האָט אָפּגעגעבן זיין איבער־פלוס, ער האָט איינגעשטילט זיין אומבאַוואוסטע זינדיקייט, ער האָט זיך שוין מיט עמיצן איבערגעבעטן. די קופּערנע מטבע איז ארוים פון בייטל נים צוליב א באשטימטן צוועק, נאָר לויט אַנ׳אומבאַקאַנטן איקס־הארצ־וואונש, וואָס וועט ווערן ווייטער באַנוצט לויט א פרומעם גוטן איקס־צוועק, אין וועלכן ער קען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן. וועט די קופּערנע מטבע ניט קומען צום ריכטיקן אָרט, — וועט דאָס ניט זיין זיין שולד, דאָס וועט שוין זיין יענעמס עבירה: ער, דער געבער, האָט אָבער צדקה געגעבן, און צדקה תציל ממות...

נאָך אַלעם דעם איז שוין פאַרשטענדליך, מיין ליבער לעזער, פאַרוואָס די רויטע פּאַטשיילע קען קיינמאָל ניט אונטערגיין, פאַרוואָס זי וועט בא אונז ״עמך״ און כלל־ישראל לעבן אייביק, ווי אלץ, וואָס לעבט אין דער מענטשליכער נשמה.

די רויטע פּאַטשיילע פון אמאָל איז אָפּגעבלאַקירט, אָבער לעבעדיק איז געבליבן דער געבער־ווילן פון א פאַרטונקלטן, זיך זינדיק־פילנדן מענטשן, וועלכן עס דוכט זיך, אז ער בעט זיך מיט עמיצן איבער; לעבעדיק איז געבליבן די גלייכגילטיקייט צו די צוועקן פון דער פּאַטשיילע און צו דער אָרט, ווי זי צעטיילט די אָנגעקליבענע מטבעות. עס איז אויך לעבן געבליבן דער חשד, אז ניט אלץ, וואָס פאַלט אריין אין דער פּאַטשיילע, גייט אוועק פאַרן אָרעמעם און פאַרשמאַכטן, אז א גרויסע טייל פון די מטבעות קלעפּן זיך צו ווי מיט פעך צו דער פּאַטשיילע אליין, אז פון דעם געשיינקטן דאָלאַר גייען ניינציק סענט אוועק אויף זייטיקע הוצאות.

אָבער צוגלייך מיט דעם חשד, וואָס פאַרנעמט אין געבערס מח דעם אָרט פון לויפנדיקן לייכטן שאָטן, באַמבלט זיך דער געדאַנקען — אויך ווי א שאָטן, — אז, פאַרן אָרעמאַן איז צען סענט אויך אַנ׳אַפּויטיקע און די וועלט איז שוין אזוי באַשאַפן, אז כדי צו באַקומען א לעפל גריץ, כּוז מען פריער פאַר אלץ אויסניסן ניין אנדערע ריינע. סוף כל סוף זיינען אויך דאָ אזוינע פּאַטשיילעס, ווי ר׳ יוסל דעם פרוש׳ס, וואו עס ווערט ניט נעלם קיין איין פּרוטה. און אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר באותות ומופתים באַווייזן, אז די אַלט־מאָדישע רויטע פּאַטשיילע פון ר׳ יוסל דעם פרוש, ווי פון חנה די טוקערקע, האָט נאָר פאַרענדערט איר פּנים, אָבער ניט דעם תוך פון אמאָל. דער חלוק צווישן דער אַלטער און היינטיקער — אום דאָס באַלד ארויסצוזאָגן (מיר איז שווער צו האַלטן א סוד!) — איז נאָר דער, וואָס צו דער אמאָליקער איז צוגעקומען א ניי וואָרט: ״אָרגאַ־ניזאַציע״. דאָס הייסט ניט חלילה צו אָרגאַניזירן די פאַרטיילונג פון די פּרוטות אין דער פּאַטשיילע, נאָר על פּי חכמת הפּאָליטיק, שטאַטס־

וויסנשאפטן א. א. וו. צו אָרגאַניזירן דעם אַפּאַראַט פון קלייבערס און קלייבערקעס.

די רויטע פּאַטשיילע קען מען פאַרגלייכן מיט אַנ׳אויסגעמאָלעוועטן מעדאַל אויף אַ פּאַפּיר, ער האָט נאָר איין זייט. דאָס געזיכט פון דער אַנ־דערער זייט מוזט איר שוין אַליין פאַרפולקומען לויט אייער פאַנטאַזיע. איר זעט כסדר נאָר איין פנים פון חנה די טוקערקע, אָדער יוסל דעם פּרוש. וואָס שטייט ביים שוועל פון אייער טיר ערב יום־טוב, פאַר אַ ליכט־בענטשן אין תענית־טאָג.

II

די היינט־מאָדישע רויטע פּאַטשיילע הייסט שוין ניט ר׳ יוסל דער פּרוש, חנה די טוקערקע, נאָר ר׳ "אָרט", ר׳ "אָזע", ר׳ ״דזשוינט״, "חנה די קולטור־ליגע" א. אז. וו. זי אַרבעט שוין ניט מיטן אַלטן שטייגער, און באַנוצט זיך מיט די מעטאָדן פון דער נייער צייט, וואו עס פעלט שוין ניט דאָס מיידל, וואָס קלאַפּט אויף אַ שרייב־מאַשין, און דער בחור, דער וועלט־רייזנדער, וואָס פאַרט אָפּגעבן דין וחשבון אין פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, אַזש ביז האָצעפּלאָץ, וואו מען קען אויך גרינדן אַנ׳אָפּטיילונג פון אַ ר׳ אָרט און ר׳ אָזע.

פאַרן אויבערפלעכליכן בליק קען מען מיינען, אַז אויף דער יידישער גאַס איז עפּעס פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. ניטאָ די אַמאָליקע פרנסים, ניטאָ די הפקרות פון גוטע הערצער, וואָס נעמען מיט אַמאָל, ניט געבעטן, ניט געפרעגט, די פּאַטשיילע אין די הענט און גייען אַרום איבער די קראָמען קלייבן. אָרט, אָזע, א. אז. וו. מאַכן אסיפות, קלייבן אויס קאָ־מיטעטן, סוב־קאָמיטעטן, מאַכן אַ וועלט־פאַרבאַנד מיט ווידער אַמאָל קאָ־מיטעטן און סוב־קאָמיטעטן, מען שרייבט אַריין חברה־לייט און מען צע־טיילט באַטרויטע מענטשן קוויטלעך־ביכער מיט דער פּריווילעגיע אַליין צו גיין קלייבן געלט; מען שרייבט זיך איבער מיט אָפיציעלע אַנשטאַלטן און מען גרינדעט וואַרן־לאַגערס און אַלערליי ביוראָס, וואו עס הייגען אויף די ווענט די מוסטער־אַרטיקלען פאַר דער יידישער מלאכה, פאַר דער יידי־שער געזונטהייט, פאַר דער יידישער בילדונג. מען גיט אַרויס פון צייט צו צייט ביולעטענס אויף גלאַט געדרוקטע פּאַפּיר, אַמאָל אויף איין שפּראַך און אַמאָל אויף עטליכע: זאָלן די יידישע גוים אויך וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און ועל כולם מיט מען זיך (יעדע פּאַטשיילע באַזונדער), אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל, וואו עס דרוקן זיך מאַטעריאַלן סטאַטיס־טישע, אינפאָרמאַטיווע און מאמרים וועגן טעאָרעטישע און פּאַרטיי־פּאָ־ליטישע פראַגן, וואָס זיינען נוגע די קלייבערס און קלייבערקעס. די רוי־

טע פאטשיילע האָט זיך אָנגעטאָן אין די בגדים פון דער היינטיקער צייט. און אזוי ווי היינטיקע צייט האלט מען נאָר אין איין ארומפאָרן, מ'רופט כסדר אלע טאָג צונויף אלערליי קאָנפערענצן, אנטאנטע־קאָנפערענצן, פעל־קער־בונד־קאָנפערענצן, אויבערשטער ־ ראַט־זיצונגען, ראנדשטאַטן־אסיפות א .אז. וו. — מאכט זי דאָס נאָך מיט אלע קליפּערלעך. די רויטע פאטשיילע איז געוואָרן א וועלט־רייזנדער, און ווילט איר גענוי דורכשטודירן אלערליי פּאַלטאַ־שניטן פון פארשיידענע נאציאָנען, טאָ לאָזט ניט אויס קיין גרע־סערע אסיפה בא יידן, וואו עס קומט מיטן שלאָפוואגאן צו איטליכן באזונ־דער עפּעס א משולח פון ערגעץ א יידישער וועלט־אינסטיטוציע ,וואָס גע־פינט זיך אין פאריז, בערלין אָדער ניו־יאָרק.

צווישן אונז זאָל עס בלייבן, נאָר איך קלייב זיך צו פרילינג נייען א נייעם אנצוג, טרוי איך אָבער ניט דעם געשמאַק פון א בערלינער שניי־דער; גיי איך אלע וואָך צו אנ'אסיפה פון אנ"אָרט", "אָזע" און באטראכט אויפמערקזאם דעם שניט פון גענעראל־סעקרעטאר פאַיגין, וואָס פליט ווי א רוח איבער אלע וועלט־שטעט און קומט אריין אין זאל ביים ערשטן קלאנג פון גלעקל אויף א יידישער אסיפה. און קומט ניט פאַיקין — קומט אנ־אנדער עשטאפעט פון פאריז, לאָנדאָן, און געפין איך אים ניט אויף דער אסיפה,וועל איך אים שוין אודאי באגעגענען אויף דער קאנט־שטראסע אין שארלאָטענבורג, וואו אלע יידן פון דער וועלט מאכן זיך א ראנדע־וואו. די היינט־מאָדישע קלייבערס — כולנו חכמים, כולנו נבונים, כולנו יודעים את התורה, אלע יוריסטן, געשטודירטע, פּארטיי־פּאָליטיקער און אנטלוי־פענע פון לענינס מדינה, האָבן זיך אויסגעפוצט אין גאנצן פוץ פון א ביוראָ־קראטיע. עס פעלן נאָר די אקסלבאנטן און די שליפעס. און דאָס איז אויך ניט צוליב גרוים עניות, אָדער צוליב דעם, וואָס די רויטע פאטשיילע האָט ניט די מטבע אויף די קליינע הוצאות, נאָר צוליב דעם דעמאָקראטישן וועלטבאנעם פון ר אָרט און ר' אָזע. אין א צייט, ווען טערקיי האלט שוין אויך בא ווערן א רעפּובליק, און זייענדיק נאָך דערצו א געוועזענער מיט־גליד פון א סאָציאליסטישער פראקציע, האָט דאָך קיין זין ניט צו טראָגן א מונדיר. סוף כל סוף איז דאָך ניט דער מונדיר די הויפּטזאך. מען קען זיין א ביוראָקראט אויך אין די געוואוינליכע בגדים פון א פשוט'ן בירגער. און אויב איר גלויבט דאָס ניט, קוקט זיך צו צו עמיצן פון חברה ר' אָרט, ר' אָזע, און איר וועט דאָס באשיינפּערליך זען.

יידן האָבן שוין אזא טבע זיך צו קענען גיך אקלימאטיזירן. א ייד, וואָס וואוינט צווישן די כינעזער, באקומט גיך א פּנים פון א געבירטיקן מאנדארין, (און אויב איר זייט מסופק דערין, קוקט זיך איין אין דעם בוך פון אמעריקאנער געלערנטן דר. פישבערג). אויך אין דער רויטער פאטשיילע שטעקט א שטיק יידישקייט, אויך זי קען אָננעמען דאָס פּנים פון א געזעל־

שאפטליכקייט, וואָס טראָגט בא גוים דעם נאָמען ביוראָקראַטיע. בקצור, די רויטע פאַטשיילע האָט אזוי שטארק זיך איבערגעביטן, אז מען דאַרף שוין זיין אַנ׳אַלטער הינערפּרעסער, בכדי צו דערקענען אין דעם נייעם פּנים די אַמאָליקע ביילע די ליכט־ציערקע.

לייכטזיניקע מענטשן האָבן א טבע צו טראַכטן פּונקט קאַפּויר. ווען זיי זעען א פּורים־שפּילער אין דער געשטאַלט פון א המן, מאַכן זיי דערפון א באשלוס, אז מאָטקע דעם שלאָסערס יינגל איז זייער שטארק בא זיך און מוז זיין א שלעכטער מענטש. אז מען זעט א יידן אין דער געשטאַלט פון א ביוראָקראַט, מאַכט מען דעם פּועל־יוצא, אז יידן האָבן אודאי א פּאַר־טיקע מלוכה מיט מיניסטאָרן און א פּרעזידענט. אין דער אמת׳ן אָבער איז די יידישע ביוראָקראַטיע ניט קיין אַנטוויקלונג פון א העכער־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטליכקייט, נאָר די נייע מאַסקע פון דער אַלטער רויטער פאַטשיי־לע. פּונקט אזוי ווי מיר זיינען נאָך דערווייל אָן א לאַנד, אָן אַנ׳איינהייט־ליכער שפּראַך און אָן איינהייטליכע קולטור־פאָרמען — אָט אזוי זיינען מיר א ביוראָקראַטיע אָן א מיניסטעריום, א וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועמענס וועלט איז דער אָרט אין די אייזנבאַנען און אין די שיפן, אַנ׳אומרו, וואָס פלאַטערט שטענדיק אין די אויגן, און וואָס באַוועגט זיך אָן א ציל, א גע־שליידערטער פון אַנ׳אומבאַוואוסטער טייוולאָנישער קראַפט. וואָס איז אָבער א ביוראָקראַטיע אָן א בעל־הבית, א נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע אָן ממונים, אז די קאָנסטיטוציע זאָל אָפּגעהיט ווערן? צי איז דאָס ניט דאָס אייגענע, וואָס א פּראָש מיט אַנ׳אָפּגעהאַקטן קעפּל, וואָס קען נאָך מאַכן פאַרשיידענע באַוועגונגען, ווען מען רייצט עס מיט אַנ׳עלעקטרישן שטראָם?

אין פּראַקטיקן קאַפּיטל האָבן מיר פּראָבירט אָנווייזן די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג פון דער אַלטער רויטער פאַטשיילע. אויך די ניימאַסקירטע רויטע פאַטשיילע רייצט מיט דעם אייגענעם כח די לאַפּקעס פון פּראָש מיטן אָפּ־געהאַקטן קעפּל. קיין נייער כח איז ניט צוגעקומען. אויך ר׳ אָרט, ר׳ אָזע און חנה די קולטור־ליגע האָט ניט אריינגעבראַכט קיין נייעם פּרינציפּ. דער אייביקער געבער־ווילן, וואָס לעבט אין קלענסטן פון כלל־ישראל, דאָס צייטווייליקע געפיל פון אייגענער זינדיקייט און דער מאָמענטאַלער פאַרלאַנג זיך מיט עמיצן, עפּעס א העברען, איבערצובעטן — פילט אָן דעם בייטל פון אַנ״אָזע״ פּונקט מיט דער אייגענער גיכקייט, ווי אַמאָל דאָס טיכל פון ר׳ יוסל דעם פּרוש. און ווען די ניי־מאָדנע רויטע פאַטשיילע קלאַפּט אויף איר דעמאָקראַטישקייט און מיינט, אז איר קראַפט באשטייט דערין, איז דאָס א ביטערער טעות. אַלע די, וואָס גיבן זייער פּרוטה, פרעגן זיך ווייניק נאָך, ווי די פּרוטה ווערט פאַרטיילט. מאָדנע רויטע פאַטשיילע קלאַפּט אויף איר דעמאָקראַטישקייט און מיינט,

אז איר קראַפּט באַשטייט דערין, איז דאָס אַ ביטערער טעות. אַלע די, וואָס גיבן זייער פּרוטה, פרעגן זיך ווייניק נאָך, ווי די פּרוטה ווערט פאַרטיילט, ווער פון די מקבלים איז אַ בעל־מלאכה, אַ קליינבירגער, אָדער אַ בורזשוי. נאָך עד היום איז ניט באַשאַפן געוואָרן פון כלל־ישראל די קאָנסטיטוציע מכח דער פאַרטיילונג פון די מיליאָנען, וואָס פאַלן אַריין אין אַלערליי רויטע פּאַטשיילעס. כלל־ישראל אינטערעסירט דאָס לגמרי ניט. וואָרום צדקה דאַרף מען געבן בסתר, און סיי דער געבער ווי דער נעמער דאַרפן בלייבן פאַרבאַהאַלטן אין די וואָלקנס פון אַ כמאַרנעם טאָג, ווען הימל און ערד האָבן דעם אייגענעם פאַרקרימטן פּנים.

בכלל,קען די נייע פּאַטשיילע ניט שטאַרק קלאַפּן אויף איר דעמאָקראַ־טישקייט. וואָרום על פּי הדעמאָקראַטיע איז זי דאָך געוועזן קודם כל פאַר־פליכטעט צו געבן דער נייער פּאַטשיילע אַנ׳אמת׳ע קאָנסטיטוציע. זי, וואָס פאָדערט אומעטום די פינף־פאַכיקע וואַל - פאָרמע (ווי, למשל, איצט, ביים קהילות־צוזאַמענפאָר אין ליטע), און גייט ניט אונטער דער חופה, (ביים קאַמף פאַר אויטאָנאָמיע, באַ וואָס עס איז פאַר אַ פּאַלעסטינע־אַקציע, כאָטש ניט אין ציוניסטישן זין), כל זמן מען האָט ניט באַקומען דעם הסכם פון אַלע אונטערפירערס, — זי האָט דאָך שוין געמעגט ענדיקן מיט דער ביוראָקראַטישער טעכניק, ניט אָנהייבן דערפון.

איינער אַ גוטער יידישער באַאָבאַכטער האָט מיר די טעג געזאָגט אַ ווערטל, וואָס מעג בלייבן אין זכרון. „קיינער ווייסט ניט ווער עס האָט אויסגעקליבן די קאָמיטעטן פון די ר׳ אָרט׳ס, די ר׳ אָזע׳ס, די ר׳ קולטור־ליגעס א. אז. וו. און קיינער פון אונז איז ניט בכח זיי אַרונטערצוּוואַרפן״. די אַזוי גערופענע חברות, וואָס הערן ניט אויף אַ רגע צו פאַרגעסן זייערע זכות־אבות, (אַ געוועזענער ס.ס. אַ געוועזענער בונדיסט, אַ געוועזענער פאַר־שיקטער אין סיביר), האָבן גענומען די פּאַטשיילע אין דער האַנט, קיינעם ניט פרעגנדיק, מיט דער גאַנצער באַזעסנקייט פון אַמאָליקן ר׳ יוסל דעם פּרוש, וואָס פּאַסט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די גאַנצע יידישע הייליקע טראַדיציע. ס׳רוב פון די היינטיקע ר׳ אָרט׳ס האָבן אַמאָל, אַמאָל געהאַלטן אין אַנ׳עת צרה די רויטע פאָן פון דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, אויך זיי האָבן געפּאַסט אַמאָל תעניתים, און דאָס גיט זיי דאָס רעכט, אויפן סמך פון דער אַמאָליקער רויטער פאָן, אָן אַ פינף־פאַכער וואַל־פאָרמול, אָן אַ פאָלקס־קאָנסטיטוציע, צו נעמען די אַלטע יידישע רויטע פּאַטשיילע אין די הענט. דער איבערגאַנג פון רויט צו רויט איז דאָך ניט קיין בגידה. אין אַלע פאַלן מעג מען פון דער פּאַ־טשיילע־ביוראָקראַטיע אַרויסוואַרפן „תרבות״, „החלוץ״ און נאָך אַזוינע פּראָסטאַקעס, וואָס האָבן ניט די זכות־אבות פון אַ פאַרשיקטן אין סיביר. סוף כל סוף איז דער בעסטער באַווייז, אַז ר׳ אָרט און חנה די קולטור־ליגע

איז ניט ווייט אוועק פון יאכנע די זאַגערקע, וואָס די נייע רויטע פּאַטשיילע מאַכט ניט קיין חלוק ביים נעמען. זי גייט בא די אייגענע מענטשן און נעמט פון דער אייגענער קעשענע, וואָס האָט געגומען פון תמיד אַן ירוחם דער שלייפער, ווען ער איז ארוים א פּרייטיק איבער די קראָמען. עס איז נאָר בעד־ער אָרגאַניזירט, די נייע פּאַטשיילע גייט ניט נאָר איבער די קראָמען, זי גייט איבער דער גאַנצער וועלט, פון מאָסקווע ביז יאָקאהאמא. אין תוך אָבער איז זי די אַלטע פּאַטשיילע, וואָס געווען.

מערץ — אפּריל 1922.

וועך פון דער רויטער פּאַטשיילע מאַכט מען א פּאַך.

ה. סינגאַלאָווסקי איז שוין צוריק געקומען פון אמעריקע און איז אַנב שטארק ברוגז געווען אויף די ליטעראַטן אין אייראָפּא, וועלכע האָבן ניט געקלאַפּט אין טאַצן און אין פּויקן, בעת די פּאַרטרעטער פון "אָרט" זיי־נען אראָפּ פון שיף אויף דער יבשה. מער פאר אַלעמען האָט באַקומען א פּאַרציע ש. ראָזנפעלד, איינער פון אונזערע עלטסטע און שאַרפסטע פּובּ־ליציסטן אין די לעצטע דרייסיק יאָר. אויך מיט מיר איז ער זייער ניט צו־פרידן געווען וואָס איך האָב אין מיינע ארטיקלען "די רויטע פּאַטשיילע", וואו איך האָב ריין אָביעקטיוו פעסטגעשטעלט דעם פילאַנטראָפּישן כאַ־ראַקטער פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ניט גערעדט וועגן "אָרט" מיט יראת הרוממות, ווי ער, אלס געלטזאמלער אין די פאראייניקטע שטאַטן, וואָלט דאָס געוואָלט און געדאַרפט. די אָרטיסטן זיינען ברוגז. זיי געוואָל־דעווען: "בעל־מחשבות איז געדעכט. סיי ר' אַזע, סיי ר' דזשאָינט, סיי חנה די קולטור־ליגע זיינען היינטמאָדישע רויטע פּאַטשיילעס, אָבער ניט דער "אָרט". "אָרט" איז דער קאָנסטרוקטאָר פון דער יידישער געזעלשאַפט, אָרט איז ניט קיין פּאַטשיילע פון א נדבות־קליבער, נאָר א פּאָן פון דער גרויסער, הייליקער, טיפער און ברייטער יידישער אויפבוי־ארבעט". און עס קומט אויס, אַז צו די נייע אויפבויענדיקע פּאַרטייען בא יידן, א חוץ ציוניזם, בונדיזם, פאָלקיסטן און פועלי־ציון איז צוגעקומען א נייע פּאַר־טיי, — די אָרטיסטן.

אויב דער לעזער דערמאָנט זיך נאָר, האָב איך געפרעגט: וואָס איז דער חילוק צווישן דער אַלטער רויטער פּאַטשיילע און דער מאָדערנער? און איך האָב געענטפערט: בא דער אַלטער רויטער פּאַטשיילע איז ניט געווען אָרגאַניזירט ניט דאָס קלייבן און ניט די פּאַרטיילונג פון אָנגעזאמלטן.

בא דער היינטיקער איז אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט דאָס קלייבן, די פאַרטיילונג אָבער איז פּונקט, ווי בא די אַלטע, ניט אָרגאַניזירט. כאַראַקטעריסטיש איז פאַר דער פּאַטשיילע, וואָס זי האָט ניט קיין שום קאָנסטיטוציע. אירע פירער האָט קיינער ניט אויסגעקליבן און קיינער קען זיי ניט אַרונטערוואַרפן. דער געבער און דער פּאַרטיילער זיינען צוויי וועלטן. דער געבער חזר׳ט איבער דעם פּסוק: " צדקה תציל ממות" און וואַרפט אריין זיין גראָשן אין די רויטע פּאַטשיילע. וואָס דער פּאַרטיילער זאָגט פאַר א פּסוק, ווייסן מיר ניט: איז ער א "פּאַראייניקטער סאָציאַליסט" און האָט בטבע פיינט די תרבות׳יסטן, זאָגט ער: "ובדרך רשעים אל תלך", איז ער א נייטראַלער מענטש זאָגט ער אויך דעם פּסוק: "צדקה תציל ממות". איז ער א העבראַיסט, זאָגט ער דעם פּסוק: "עברית או רוסית". איז ער א יידישיסט, חזר׳ט ער דעם פּסוק: ביסטו ניט קיין קולטור־ליגיסט, טאָ גיי צו י. שטיבל, דעם ניי־מאָדנעם מעצענאַט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, אָדער גיי צו ביאַליקן, "מוריה" א. אז. וו.

אין דער צייט ווען די אָרטיסטן האָבן באַזעצט אַמעריקע, האָב איך די חתונה ניט געוואָלט צעשטערן. אדרבה, איך האָב מיט אַכטונג און באַוואונדערונג געהערט פון די היינטיקע אָנפירער פון "אָרט", וועלכע טוען איצט אָפּ א וויכטיקע פילאַנטראָפּישע אַרבעט. (זע "קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס"). איך געהער נאָך צו די פּאַראַדאָקסאַליסטן, וואָס שעצן דאָס גוטע ביים אַלטן דור, ווי ביים נייעם, און אַכטן ניט ווייניקער דעם יונגן סינגאַלאָווסקי׳ן, ווי דעם אַלטן ל. בראַמסאָן, וועלכע גיבן אָפּ זייער קראַפט און ענערגיע א יידישער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. ר׳ יוסף דער פּרוש, וועלכער פלעגט אַרוים אַלע ערב שבת מיט זיין רויטער פּאַטשיילע קלייבן פאַר פאַרלאָזענע יתומים׳לעך, איז בא מיר ניט ווייניקער איינגעבאַקן אין הארצן, ווי סינגאַלאָווסקי, וואָס קלייבט נדבות פאַר הונגעריקע און קראַנקע. ביידע וועלן אריין אין גאָלדענעם בוך פון דער יידישער גוטער רויטער פּאַטשיילע. און מיר, וואָס האָבן אָנ׳איבעריקן גראָשן, וועלן זיי שטענדיק באַגעגענען מיט א לייטזעליקן בליק פון זינדיקע, וואָס ווילן זיך כאָטש דורך א קליינע מטבעה׳לע איבערבעטן מיטן געוויסן. אָבער ווען ר׳ יוסל אָדער סינגאַלאָווסקי וויל אונז איינריידן, אז זיי זיינען די בויענדיקע קראַפט פון דער יידישער געזעלשאַפט, — דאַמאָלס קען דאָס מיין שכל און מיין געמיט ניט סובל זיין און מוז דאַקעגן אַרויסלאָזן אַלע פיילן פון מיין אָרעמעם סאַרקאַסטישן וויץ, — מעגן דאָס די סינגאַלאָווסקי׳ס אָנרופן "נבול פה", ווי ער האָט דאָס עפנטליך אַרויסגעזאָגט קעגן ש. ראָזנפעלד׳ן. געדאַנקען, אין וואָס פאַר א פאָרם זיי זאָלן ניט זיין, זיינען ניט קיין נבול פה, פאָדערן א קלאָרע זאַכליכע ווידערלייגונג, און ניט די ביליקע דעמאַגאָגיע פון א גלאַטיקן צינגל. רעדנער, זייט פאָרזיכטיק! דער ליטעראַט, דער געדרוקטער

וואָרטפירער איז שטענדיק שטאַרקער פאַר אייך! איר זייט ווי די זינגער־לעך, וואָס פאַרשטומען אָפּט לעולם ועד, ווי נאָר עס ענדיקט זיך די דרשה. דער ליטעראַט פאַראייביקט זיך אין א בוך, און זיין ווירקונג איז אפשר ניט באַלד אַזוי קלאָר ווי בא אייך, ווען דער עולם־גולם פּאַטשט בראַוואָ, אָבער זי ווערט מיט יעדן יאָר קלאָרער און איינגעוואָרצלטער. און דערום פאַרלאַנגט מען ניט אַזוי ביים רעדנער די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט, ווי ביים ערנסטן שרייבער. און אויך אייך, ה. סינגאַלאָווסקי, בין איך מוחל. ש. ראָזנפעלד'ן (דעם נבול־פּה'ניק) וועט מען נאָך אפשר א סך לייגער לעזן, ווי אייער רעדע געדיינקען.

"אָרט", וואָס וויל מאַכן פון איר פאַטשיילע א פּאָן, דערמאָנט מיך אָן אַן'אַלטער מעשה'לע:

אמאָל האָט מען געפונען אויפן גאַס א פאַרפרוירן קינד. דאָס קינד האָט געהאַט פליגעלעך אויף די אַקסלען. עס איז אָבער געווען אַזוי פאַר־חלש'ט און פאַרפרוירן, אַז קיינער האָט דאָס ניט געזען. האָט מען דאָס קינד אַריינגענומען אין א וואַרעמע שטוב, געקאָרמעט, געפּויעט און אויך געלערנט א מלאכה. עס האָט באַקומען רויטע בעקלעך, עס האָט אויך באַקומען קראַפט אין אַלע ביינער, עס האָט אויך באַקומען קראַפט אין די פליגלען. און איין שיינעם פרימאָרגן איז דאָס קינד אַרויס אויפן גאַ־ניקל, צעשפּרייט די פליגעלעך און אָן א "זיי געזונט" אוועקגעפלויגן. אוואו? ווער ווייס! אפשר אין אמעריקע. די בעלי־בתים פון שטוב האָבן זיך זייער געפרייט. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז זייער שטוב איז אפשר א מין וואַרשטאַט, וואָס מאַכט מענטשן מסוגל צו פליען ווי פויגל. און די שטוב האָט באַקומען א נייעם שילד: "די איינציקע שול, וואָס האָדעוועט אויף מענטשנס אַקסלען פליגל". מענטשן דערציילן, אַז אונטער דעם דאָ־זיקן טיטול זיינען זיי באַלד אוועק אין דער רייכער אמעריקע קלייבן געלט פאַר דער דאָזיקער נייער שול.

דער, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער "אויפבוי־אַרבעט פון "אָרט", ווייסט אַז זיי האָבן קיינמאָל קיין זאַך ניט אויפגעבויט, נאָר זיי האָבן דורך זייער שטיצע געשאַפן א מעגליכקייט, אַז די פליגעלעך פון א יידישן קינד זאָלן זיך קענען אמאָל אויסשפּרייטן. די אָרטיסטן גיבן דעם קינד עסן און דאָס איז די הויפּטזאַך. זיי גיבן די מעגליכקייט זיך צו קרעפטיקן ביז עס וועט אַליין קענען אויסשפּרייטן די פליגעלעך פון זיין יידישער נשמה, וואָס ניט זיי האָבן דאָס באַשאַפן און וואָס ניט זיי קענען ענדערן. דער באַשיצטער פון "אָרט" זעטיקט זיך און וועט ניט בלייבן בא דער מלאכה וואָס מען לערנט אים. פליגל־מענטשן האָבן פיינט ערד־אַרבעטעריי, שניידעריי און שוסטעריי, ווען מען הייליקט דאָס ניט דורך אַן'אידעאַל. "אָרט" אַלס געזעלשאַפט דערציט ניט דעם באַשיצטן צו א געוויסער קול־

טור. עס איז ניט דער ציוניזם, ניט דער סאָציאַליזם, ניט די חלוצים־באַוועגונג, וואָס גיט די פאַרשמאַכטע פליגעלעך אַמאָל אַ ריכטונג. „אָרט" איז פּונקט אַזאַ ניצליכע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט, ווי „אָזע", ווי דער „דזשאָינט", וואָס גיבן די מינימאַלע פיזישע מעגליכקייט אויסצוהאַלטן דעם אָרעמעם, דעם פאַרשמאַכטן אין די צייטן, ווען זיין „איך", זיינע פליגלען זיינען קראַפטלאָז און פאַרדאַרט.

„אָרט" איז מודה, אַז עס איז דאָ אַ ר' יוסל דער פּרוש, אַ חנה די קולטור־ליגע, אַ ר' אָזע און ר' דזשאָינט, נאָר ער וויל פאַר זיך מאַכן אַן־אויסנאַם. ער שעמט זיך מיט דער רויטער פּאַטשיילע, ער וויל ניט דעם טיטול פון ר' אָרט. דאָס איז ניט קיין נייס אין דער וועלט - געשיכטע. פּאַגאַניני האָט אויך געוואָלט זיין כל ימיו אַן'אַרכיטעקט און ניט דער גרויסער וויאָלאָניסט, לעוו טאָלסטאָי האָט גרינג געשעצט זיינע ראָמאַנען, און זיך געהאַלטן פאַר אַ צווייטן רוסישן לאַ־אָ־טזע, — סינגאַלאָווסקי וויל ניט זיין קיין פילאַנטראָפּ, נאָר אַ באַגרינדער פון אַ שפּאָגל־נייער יידישער פּאַרטיי — אָרטיסטן, ווי זשאַבאָטינסקי וויל ניט זיין דער גלענצנדער רעדנער פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר דער יידישער ללאָיד דזשאָרדזש, וואָס זאָגט עצות די פּוילן, דער אַנטאַנטע און מאַכט אַ בונד מיטן מלך בכפה פּעטליורא דעם ערשטן.

די אָרטיסטן דערציילן, אַז אַמעריקע האָט זיי אויפגענומען זייער גוט. אַמעריקע, דאָס לאַנד פון דער פיינסטער פּאָליטיק פּ אַ ר ז י ך און דער גרעסטער פילאַנטראָפּיע פאַר זיך און פאַר אַ יי ר פּ אַ, האָט געוויס אַרויסגעוויזן אַ פריינטליכן לייטזעליקן געזיכט די משולחים פון „אָרט". זיי זיינען ניט די ערשטע און ניט די לעצטע, וועמען אַמעריקע באַגריסט האַרציק, פריינטליך און דאָלאַרנדיק.

עס גלויבט זיך אָבער ניט, אַז אין אַמעריקע איז כמעט געוואָרן אַן'אַיבערקערעניש בנוגע צו די אָרטיסטן, אלס צו אַ נייעם יידישן שטערן. אַלע שרייבער, פון דר. זשיטלאָווסקי ביז... דעם לעצטן פּאָעט פון זשורנאַל „די פעדער", האָבן זיך מוסר נפש געווען און געמאַכט אַן'אָפּמאַך מיט בלוט פון גראָבן פינגער זיי בייצושטיין אין אַלע נויטן. די גאַנצע פּרעסע האָט געאַרבעט פאַר זיי ווי די אייזלען, און דער „פאָרווערטס" האָט זיך אַ נדר געטאָן אויפצובלאָזן דעם נייעם שטערן, ווי נאַסע קוילן אין אַ בייכיקן סאַמאָוואַר. אַמעריקע האָט געוואָלט מאַכן פאַרן „אָרט" באַנקעטן אויף באַנקעטן, נאָר זיי, די משולחים, האָבן אַ פּאַטש געטאָן אין שטענדער: שאַ! שטיל! ניט באַנקעטן, נאָר מיטינגען! און אַמעריקע האָט זיך פאַרשעמטערהייט אָפּגעזאָגט פון אַ באַנקעט און מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן געגאַנגען הויפנווייז צום מיטינג, כמעט זעקס הונדערט מענטשן אויף אַמאָל!

איך האָב נאָך ניט געהאַט די ערע צו טרעטן אויף דער אַמעריקאַנער ערד, נאָר איך האָב געטרונקען דעם שווייס פון דער דאָזיקער ערד, — זייט צוואַנציק יאָר לייען איך אירע צייטונגען און ליטעראַטור, — און איך מוז זאָגן, אַז סינגאַלאָווסקי׳ס דרשה וועגן דער נייער רויטער פּאַטשיילע, וואָס איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ פּאָן, האָט מיך שטאַרק פאַרוואונדערט. און אַזוי ווי איך בין אַ סקעפּטיקער, האָב איך ליבליך געשמייכלט. נאָר זאָל שוין זיין אַ סוף! מיר איז נאָר וויכטיק, אַז מען זאָל ניט צונויפמישן פילאַנטראָפּיע מיט קולטורעל־גייסטיקע באַוועגונגען. ״אָרט״ איז אַ פּאַטשיילע, וואָס איך שעץ זייער בא דער היינטיקער קאַטאַסטראָפישער לאַגע פון יעדן יידישן יחיד אין די אָסט־לענדער, אָבער ניט קיין פּאָן.

אלס שריפטשטעלער איז מיין חוב דאָס דעם לעזער צו דערמאָנען, ווען מען וויל פאַרטונקלען, צופיל פאַרברייטערן דעם זין פון אַ געזעלשאַפטליכער אַרבעט און ניט נאָר פאַרטונקלען, נאָר אויך זיך פילן אלס פּאָן דאָרטן, וואו עס טאָר ניט זיין קיין שום פּאַרטייאישקייט. ווען עס ברענט אַ הויז, פרעגט מען ניט צי ראַטעוועט אין געזעמל אַ ציוניסט, אַ בונדיסט, אַ תרבות׳יסט, אָדער אַ קולטורליגיסט. ווען די יידישע נאָס איז פאַרשמאַכט, איז קיין נפקא־מינה ניט, וועמען מען גיט אַנ׳אָרט בא אַנ׳אויוון מיט אַ בולקע אין דער האַנט. דער וועג פון דער יידישער אַנטוויקלונג וועט גיכער גיין דורך דעם ברייטן ציוניזם, פּועלי־ציוניזם, סאָציאַליזם א. אז. וו. איידער דורך דעם ״אָרטיזם״, ״דזשאָינטיזם״, ״אָזעאיזם״, ״קולטור־ליגיזם״.

אַ קוש אין באָרד דער רויטער פּאַטשיילע, אָבער ניט מער.

אָקטאָבער 1922.

פינף קברים.

דאָס יאָר איז נאָך ניט צו ענדע, און מען איז שוין געשטאַנען בא פינף קברים. ניט קיין גלאַטיקע קברים, נאָר איטליכער פון זיי איז געווען אַ גוף, אין וועלכן עס האָט זיך ביים לעבן קאָנצענטרירט אַ שטיק יידישע ליטעראַטור און געשיכטע פון די לעצטע 25 יאָר. און ווי מחותנים אויף לויות זיינען זיך צונויפגעקומען די משפחה־לייט, די נאָנטע און ווייטע קרובים, וואָס האָבן אויך געהאָלפן דרייען דעם יידישן ראָד אין די לעצטע 25 יאָר. אַ סך פון די מחותנים, בא וועלכע עס זילבערט זיך שוין דער קאָפּ, און וועלכע טראָגן שוין אין זיך דעם זוימען פון קומענדיקן לעצטן טאָג, האָבן זיך צוגעקוקט צו די פרישע קברים און צו דער טרויערדיקער געזעלשאַפט אַרום זיי, ווי צו אַ רעפּעטיציע פון אַ דראַמע, אין וועלכער זיי וועלן זיך שוין ניט באַטייליקן. און ווען פון עמיצן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַ טרער אויף דער באַק, האָט ער אפשר צוגלייך באַוויינט זיך, ווי זיין פריינט, וועמען ער ניט איצט אָפּ דעם לעצטן כבוד.

* * *

די שטילסטע לויה איז געווען בא מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. שטיל ווי ער האָט געלעבט, אזוי שטיל האָט מען אים אין קבר אראָפּגעלאָזן. דאָס האָט זיך געפּאסט צו זיין ליטעראַרישער ווירקונג, וואָס איז געווען א שטי־לער עקשנות'דיקער טרוים, שטיל געוויינאָגט, שטיל פארחלום'דיק גע־טרייסט, שטיל געליטן פון דער קעגנוואַרט און שטיל פארקלערט זיך אין דער פארגאנגענהייט, ווען עס האָבן נאָך ארומגעשפּאַצירט גרויסע יידיש־חסיד'ישע געשטאַלטן; אין דעם ארומיקן טאַראַראַם א שטילן גלויבן אויס־געהאָדעוועט, און אין זיין שטילער היים ארייננעפלאָכטן א פּעדעמל, א בלימל אין אַלטן ליטעראַרישן טעפּיך.

* * *

אויך דר. ברוקס לויה איז געווען א שטילע, און אויך זיין לויה האָט געפּאסט צו זיין כאַראַקטערפולן לעבן. מיר האָבן אים גערופן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן דער "קוש־דאָקטאָר". נאָך איידער ער איז צו צו אייך זיך באַגריסן, האָט ער שוין די ליפּן אויסגעשטעלט אין א קוש־בעכערל און צוזאַמען מיט'ן "שלום עליכם" האָט ער זיך מיט אייך וויי־בעריש צעקושט. דר. ברוק האָט זיך כסדר געקושט מיט דער גאַנצער וועלט, און ליצנים האָבן זיך געשוואָרן, אז אויך ווען ער שלאָפט ערגעץ־וואו אין א פארוואָרפענעם האָטעל זיינען זיינע ליפּן אין א קוש־בעכערל צוזאַמענ־געפּראַלט.

דר. ברוק האָט ליב געהאַט די מענטשן, ער האָט בכלל ליב געהאַט אַלץ וואָס באַוועגט זיך און לעבט. נאָר מער פאר אַלץ האָט ער ליב געהאַט איט־ליכן ציוניסט, וואָס גייט לעבעדיק אין קאַן פון דעם גרויסן יידישן טאַנץ.

ער האָט ליב געהאַט זיינע פּאַציענטן, ווען ער פלעגט כמעט קור־רירן אומזיסט. ער האָט אויך ליב געהאַט די שיינע, יידישע טעכטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט כסדר ניט מיט אים, נאָר מיט אַנדערע, א סך ערגערע ווי ער. ער האָט כמעט ניט געהאַט קיין פּערזענליכן לעבן. זיין לעבן איז צעשוואָמען, ווי אַנ'איידעלע פאַרב אין פּאַס וואַסער פון שוימענדיקן טאָג. ער איז געווען א מין מאָדערנער יעקב'ל, וואָס האָט כסדר געדינט עפּעס א רחל'ע, און ווען דער מזל האָט אים אונטערגערוקט א לאה'לע, — האָט ער מיט די אייגענע קוש־ליפּן געדינט נייע זיבן יאָר דער שיינער רחל'ע. זיין רחל'ע איז געווען, פארשטייט זיך, דער ציוניזם: פון א ליליענבלום ביז א דר. הערצל. און אומעטום וואו ער איז געווען, צי אין דער רוסישער גאָ־סודאַרסטווענער דומע, צי בא די באָלשעוויקעס א לאַזאַרעט־דאָקטאָר, אור־

מעטום איז געשטאנען פאר זיינע אויגן רחל׳ע און די ציונים, די אייביקע פאזשן פון דער דאַזיקער פרינצעסין.

קורץ פאַרן טויט האָב איך אים עפּטערס געזען. ער איז געקומען פון פּאַ־לעסטינע קיין בערלין, מיט א שווערער אומהיילבארער בלוט־קראַנקייט (לייקעמיע). אלס דאָקטאָר האָט ער זיך נאָר פון יוצא וועגן אריינגעלייגט אין א סאנאטאָריום. ער האָט געוואוסט, אז זיינע טעג זיינען שוין געציילטע. געקומען איז ער א פארביטערטער. אין פּאלעסטינע, וואו ער איז צו קיין זאך ניט צוגעצויגן געוואָרן, האָט ער שטארק געליטן. ער, וואָס האָט אזוי פיל מוחל געווען און אזוי שטארק געליבט, האָט געמוזט ווערן א קריטיקער, געמוזט זאָגן הארטע ווערטער זיינע אמאָליקע פריינט אין דער יוגנט, ווע־מען ער האָט שטענדיק געדינט מיט הארץ און לייב. נאָך דעם לעצטן פאר־טראָג, וואָס ער האָט געהאלטן פאר די היגע רוסישע ציוניסטן, האָט ער זיך אזוי אויפגערעגט, אז באלד דארויף האָט ער באקומען אנ׳ערנסטן אָנפאל מיט א בלוטיקן צייעכץ. די ביוראָקראטיזירונג פון ציוניזם האָט אים פאר־ביטערט. ער האָט קורץ פארן מאנדאט ווידער באקומען די לאה׳לע. צום מאנדאט אליין האָט ער שוין ניט דערלעבט, ווייל זיין מזל איז געווען אזוי, אז די רחל׳ע, ווי אנ׳אראבישע פרוי, האָט ער נאָר געקענט זען אונטער א געדיכטן שלייער.

שטיל איז געווען זיין קבורה — קוים געהערט, קוים געזען; ווי מען האָט זיין איידעלן טראָפּן פארב אין פולן פאס וואסער ניט געזען.

* * *

אויך ש. י. הורוויץ איז שטיל אוועק פון דער וועלט. ווייניקע האָבן פארשטאנען זיין ווערט. פאר מיר איז ער אָבער געווען דער לעצטער משכיל פון די עלטערע צייטן, בא וועמען עס האָבן זיך פאראייניקט א סך יידי־שע קענטנישן מיט דעם אנאליטישן גייסט פון אנ׳אמאָליקן אפּיקורס. א גאנצער אלטמאָדישער ייד אין זיינע אינסטינקטן, און א צוימברעכער אין קאָפּ, אין זיין באוואוסטזיניקייט. א בעל־הבית, א למדן, א שרייבער, א מענטש, וואָס שטייט ביים זייט, וואָס האָט אָבער א נשמה־צי צו אלץ וואָס איז מוח׳דיק און גראבעלנדיק־פארשפיצט. איינער פון די לעצטע יידישע וואָלטעריאנער. אין לעבן — און ווייט פון לעבן, א פאָרטרעט פון מיטן 19־טן יאָרהונדערט. סימפּאטיש און ווייט, אזוי פרעמד און אנ־אלטער באקאנטער.

* * *

רייך און ברייט, ווי זיין לעבן איז געווען, — טראָגן מיר צום קבר ר׳ א ל י ה ו ש א ל י ט, דעם ריגער גביר, דעם תקיף פון זיין שטאָט, דעם

באזעסענעם יידישן אמאליקן פּרנס־חודש. דאָס איז געווען א שטאָלצער ייד אין א היינט־מאָדישן ראָק, וואָס האָט געהאַט א הארץ און א פּראקטישן בליק פאר אלץ, וואָס אָנבאלאַנגט יידנטום. אליין א גרויסער למדן, — פאר־מאָגט ער, נאָך דר. קאנטאָר׳ן ז״ל, די גרעסטע יידישע ספרים־שאפן. ער קומט פון זיין ניי־געגרינדעטער באנק, נאָך א טאָג הארבע וועלט־עסקים צו דר. קאנטאָר׳ס טיש, וואו מען בייט זיך מיט זעלטענע ספרים און מאכט ביבליאָגראפישע הגהות צו אלטע דרוקן. אין אָוונט זעט איר אים אלס עסקן אין שטאָט, בא דער פּאָליטישער גרופּע, וואָס ווינאווער האָט אָנגעפירט אין דעם רוסישן פּארלאמענט. זיין הלוך, זיין וואָרף מיטן אויג, — פון אלץ לויכט ארויס דער יידישער תקיף פון די גוטע אלטע היסטאָרישע צייטן. ווערנדיק א תושב אין בערלין אין צייט פון רוסישן קאָמוניזם, פירט ער אָן די גאנצע הילפס־ארבעט פאר דער עמיגראציע, ווערט כמעט דער פּאַטער פון יידישע סטו־דענטן־דאגות, פילט אָן זייער קאסע, באזאָרגט זיי מיט עסן און קליידונג. און געשטאָרבן איז ער, ווי א תקיף׳שער ייד און מענטש. אלס מיטגליד פון דער קאדעטישער פּארטיי, איז ער געווען אויף פּאוועל מיליוקאָוו׳ס רעדע, ווען מען האָט אויף אים געשאָסן. און בא דער גרויסער פּאניק אין זאל איז קיינעם ניט איינגעפאלן צו כאפּן דעם שיסער פארן לאץ. אליהו שאליט איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם שיסער. תקיף׳דיק האָט ער אים דאָ אראָפּגעלאָזן א פּאטש, און פעסט אָנגענומען ביים אָרעם. מען זאָגט, אז די דאָזיקע אויפרעגונג האָט אים געקאָסט דאָס לעבן. וואָרום זיין הארץ איז שוין לאנג געווען קראנק.

* * *

אָבער די גרעסטע לויה פון אלעמען האָט געהאַט דוד פרישמאַן, דער ״איידאָפּייער״, ווי עס איז אָנגענומען אים אָנצורופן אין ברייטע יידישע קרייזן. אויב בא אליהו שאליט האָבן מיר געזען משפחה, גרויסע גבירים, איי־ניקע ליטעראטן און אז. וו.,— האָבן מיר בא דוד פרישמאנ׳ס לויה געהאַט כמעט אלע אָרגאניזאציעס פון היינטיקן יידנטום. סיי די ציוניסטן, פון וועלכע פרישמאַן איז כל ימיו געשטאנען ווייט, סיי די יידישיסטן, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט, סיי ארבעטער־אָרגאניזאציעס, וועמען ער האָט קיין גוט וואָרט ניט געזאָגט, — אלע, אלע זיינען געקומען אָפּגעבן איינעם פון די בעסטע יידישע ליטעראטן דעם לעצטן כבוד. מיט דוד פרישמאנ׳ען איז אָפּגעשטאָרבן כמעט א גאנצע יידישע ליטעראַרישע עפּאָכע, ווען ניט נחום סאָקאָלאָוו און ראובן בריינין, וועמען מיר ווינטשן נאָך לאנגע, לאנגע יאָר. 43 יאָר איז דוד פרישמאַן געשטאנען אין דער לי־טעראטור אויפן ערשטן פּלאץ, א גאנצער דור האָט אים צו פאַרדאנקען די

ערשטע טריט צו העברעע לעבנס־באגריפן, און די געשמאקפולע פינקלענ־
דיקע ארט צו געבן זיין געטאַקטן פעליעטאָן האָט טויזנטער, טויזנטער
מענטשן געגעבן נחת און שיינע געדאנקען. ער האָט שוין ניט מיטגעמאכט
די צייט פון די לעצטע צוואנציק יאָר, אָבער ער איז אליין געווען א דימענטל
אין דעם אלטן פּלוס פון דער העברייאישער ליטעראטור. אויך פרישמאַן
איז געווען דער יורש פון דער השכלה־עפּאָכע, נאָר דער א י ר א פּ י א י ש־
ס ט י ל י ז י ר ט ע ר משכיל. עס וואָלט געווען פאר אים ניט קיין לויב
ווען ער וואָלט נאָר געווען דער "אייראָפּייער" אויף העברייאיש. ער איז
געווען א סך מער: ער איז געווען דער ייד, וואָס האָט דאָס אייראָפּייערטום
נאָר גענומען אלס מיטל צו געבן זיין השכלה־צייט מער פאָרם און מער
אויסגעשטאַלירטקייט. דוד פרישמאַן האָט מען נאָך יונגערהייט פארגליכן
מיט היינע, אָבער ניט מיט היינע דעם דייטשן פּאָעט, נאָר דעם יידישן
היינע מיט זיין יידישער איראָניע און זיין סקעפּטיציזם. פרישמאַן איז גע־
ווען דער גרעסטער קינסטלער פון דער השכלה־צייט אין א געוויסער מאָס.
דער קינסטלער לעבט אויך דאַמאָלס, ווען די צייט רוקט זיך אָפּ פון אים.
פון דוד פרישמאַנען זוכט מען ניט קיין תשובות אויף צייט־פּראָבלעמען.
מען געניסט אין אים דעם כח צו באנוצן דעם פּענזל, צו זען דעם קינסט־
לער אין זיין שאַפונגס־ארט. אויך פרישמאַן איז כל ימיו ניט געווען קיין
פריינט פון פרסום, יובילייען א. א. וו. אָבער ווי איטליכער קינסטלער איז
ער געווען ווייבעריש א ביסל, און סוף כל סוף הנאה געהאט, ווען ארום
אים האָט זיך געטומלט. ער וואָלט אודאי הנאה געהאט פון זיין שיינער
לויה, ווען ער וואָלט דאָס געקענט זען, באשפּאָטן און זיין "ווערטל" דער־
צו זאָגן. — נאָכן פּאָעט שניאור'ס ארטיקל וועגן דוד פרישמאַן וויל איך
ניט שרייבן קיין פרישמאַן־קריטיק. איך וויל נאָר זאָגן, אז פרישמאַנ'ס
לויה איז געווען אזא, ווי ער האָט פארדינט און ווי ער אליין וואָלט דאָס
געוואָלט.

* * *

בא פינף קברים אין משך פון עטליכע מאָנאַטן. צופיל פאר אונזער
קליינער אָרעמער וועלט. מיר זעען ניט דעם נאָכוואוקס. און ווען מיר
וואָלטן דאָס אויך געזען, וואָלט עס אויך אונז ניט שטארק געטרייסט. מיר,
די יובילייארן און די באַלדיקע יובילייארן בלייבן שוין צווישן יונגוואַרג. און
מענן יונגוואַרג זיין נאָך בעסער פון אונז, אָבער קיינמאָל וועלן זיי שוין
אונז ניט זען, ווען מ י ר א ל י י ן זיינען געווען יונגוואַרג. ביאַליק, וואָס איז
אוועק נאָך זיין רעדע פון פרישמאַנ'ס מטה, האָט געזוכט מיט די אויגן
מיך, אונז, כאָטש פון פּאָעט ה. לייוויק'ן האָלט ער אויך זייער פיל.

סעפּטעמבער 1922.

דאס וועלט־געריכט.

אלע פאנטאזיעס וואָס זיינען אמאָל באשאפן געוואָרן בנוגע צו די
ימות־המשיח, ווען גאָט וועט האלטן א וועלט־געריכט איבער אלע לעבע־
דיקע נפשות, זיינען גאָר ניט אקעגן דעם, וואָס מען קען זיך איצט אָנזען
מיט די אויגן אין בערלין, אין הארצן פון דעם אמאָליקן דייטשלאנד.
אויף טריט און שריט זעט איר באשיינפערליך, ווי א פאָלק פון זעכציק
מיליאָן שטייט צום משפט פון אנ׳אנטאנטע, אמעריקע און אלערליי אנ־
טאנטעלעך. מען לייענט אים פאר א קילאָמעטער־לאנגן באשולדיקונגס־אקט
אונטער דעם בייזיץ פון אדוואָקאטן, געשוואוירענע, פראָקוראָרן און אלער־
ליי עקספּערטן. און בכדי דער באשולדיקטער זאָל ניט מאכן קיין ויברח,
פאַלאָנטערט מען אים איין אין שטריק און קייטן, בינדט מען אים הענט און
פיס און מ׳לאָזט אים ניט א צו־הויכן זיפץ דערלאנגען. דער טעאטער־ווינ־
טער־סעזאָן איז אריבער אין בערלין זייער לאנגווייליק. כמעט אלץ וואָס איז
געווען דראמאטיש און האָט געשמעקט מיט טראגעדיע — האָט מען אויס־
געמעקט פון רעפּערטואר. דערפאר איז אָבער דאָס מלוכה־לעבן געווען
אזוי שטארק דראמאטיש, אז מען מעג שוין מוחל זיין די טעאטראלע דרא־
מאטיק. דער, וואָס האָט ניט מיטגעמאכט די צייט, ווען עס האָט געדארפט
באשלאָסן ווערן דער גורל פון אויבערשלעזיען, דער וואָס האָט ניט דורכ־
געלעבט די צייט, ווען מען האָט אָנגעהייבן ריידן פון א מאָראטאָריום, דער
וואָס האָט ניט פארפאָלגט ראטענוי׳ס און סטינעס׳ס נסיעות קיין לאָנ־
דאָן און פאריז, דער וואָס האָט ניט געזען אין זיין פאנטאזיע די ערשטע
באגעגעניש צווישן לושער און ראטענוי, — דער קען ניט פארשטיין פאר
וואָס מען האָט אין דייטשלאנד געשלונגען די צייטונגען מיט מער חשק
ווי א שול־יינגל די מעשות פון נאט־פינקערטאָן. דייטשלאנד געפינט זיך
אין א זעלטענעם דראמאטישן צושטאַנד, עס טאנצט א וואונדערליכן טאנץ;
זעלטן־וואו עס קומט אוים צו גיין גלייך. געבויגן אין דרייען, מיט אומגע־
לומפּערטע טריט, מוז דאָס שטענדיק שפּרינגען, אמאָל קריכן אויף אלע
פיר, אמאָל בלייבן צונויפגעקוועטשט צווישן צוויי ווענט אָן פענסטער און
אָן טירן. קוים מיט צרות קען מען צונויפבינדן עטליכע פארטייען, בכדי

די רעגירונג זאָל זיך קענען שטיצן אויף א מערהייט, און אלע ווײלע קומען אזוינע ביטערע מינוטן, ווען דאָס צונויפגעבונדענע הייבט אָן צו פּלאַצן, ווײַל פון איין זייט דער קאָמוניזם און פון דער צווייטער זייט — די מאָנ־נארכיסטישע און רעכטע פּארטייען בייסן שטענדיק מיט די ציין ביים קנופּ, וואָס איז צווישן אונז גערעדט, ניט פון שטיין און אייזן. בא דעם גרויסן וועלט־געריכט אויף דייטשלאַנד'ס קאָפּ שטייט דער שטן מקטרג פראנקרייך, וואָס הערט ניט אויף א רגע אונטערצוהייצן דעם גיהנם, וואו ער וואָלט חשק געהאט ארייגצוווארפן דעם זינדיקן מיט הויט, האָר און ביינער.

דער איינציקער כח פון דייטשלאַנד איז נאָר דער, וואָס עס איז נאָך אין גאנצן ניט פּארטיק פארן גיהנום. אז מען דארף א גנב, — נעמט מען אים אראָפּ פון דער תליה. אז מען דארף די טויזנטער פאבריק־קוימענס פון דייטשלאַנד, — איז קיין שכל ניט צו באווארפן די קוימענס מיט באָמ־בעס פון עראָפּלאַנען. דער גרויסער בעל־חטא שטייט, ווי א ביין אין האלז פּואנקארע'ן און ער מוז נאָך אליין העלפן דעם ביין ארויסקריכן פון דעם פינסטערן אָרט, וואו עס האָבן אים פארטריבן זיינע זינד.

דייטשלאַנד איז איצט אין דער לאגע פון גנב, וואָס מען נעמט ארונ־טער פון תליה און דערביי, אגב, מיט אלערליי סטוסאקעס און פּעטש אין פּרצוף ארייז. איך וויל דאָ ניט געבן קיין אלגעמיינעם איבערבליק אויף דאָס פּאָליטישע דייטשלאַנד אין די לעצטע זעקס חדשים. איטליכער פון מיינע לעזער קען דאָס אליין מאכן. און ווען ער פילט ניט אזוי שטאַרק די דראמאטיק, ווי איינער, וואָס לעבט אין דייטשלאַנד גופא, פון דעסט־וועגן קען ער מיטפילן דעם מצב פון א פאר'משפט'ן, וואָס מוז נאָך אר־בעטן ווי א קאטאָרזשניק פאר גאָר דער וועלט, און בלויז פאר א טעליער קאשע. ניט דאָס וועלט־געריכט פון א פּואנקארע איז דאָס דראמאטישסטע איצט אין דייטשלאַנד, דאָס וועלט־געריכט פון דער געשיכטע איז נאָך טויזנט מאָל דראמאטישער, כאָטש עס ווארפט זיך ניט אזוי שטאַרק אין די אויגן.

ווי אנ'אלטער בערלינער קען איך דייטשלאַנד פון 1895 אָן; איך האָב ניט אויסגעלאָזן כמעט א יאָר צייט — ניט צו זיין ערגעץ וואו אין א דייטשן מקום. איך זע אויף איטליכן טריט, ווי א גרויס פּאָלק מיט אלע רגילות'ן צו אָרדנונג, שפּאָרזאמקייט, אכטונג פאר בילדונג, צו פילאָזאָפישע באטראכטונגען און צו א לירישן וועלט־באנעם אין זומער־נעכט ביים קלאנג פון שובערט'ס א ליד — איך זע ווי דאָס פּאָלק, מאָנארכיסטיש געזאָנען און צוגלייך מיט א יראת הרוממות צו דעם רעגירונגס־באאמטן און איטליכן קנעפּל, ווערט פון טאָג צו טאָג אנדערש, באקומט עפּעס נייע פּעלבעלעך,

קריגט דעם מטושטש'ן פּנים פון א בלאַנקן צינערנעם קנאָפּ, ווען מען טוט אים איבערגיסן.

די טעג בין איך געשטאַנען ביים הויפּט־נערוו פון בערלינער לעבן, נעבן לייפּציקער פּלאַץ, און איך האָב ממש געזען, געפילט, ווי עס ליידט פון קאָנוואולסיעס א פיל־מיליאָניקע שטאָט. דייטשלאַנד האָט אויפגעהערט צו שפּאָרן, ווארום שפּאָרן, בעת עס פאלט דער מארק האָט דאָך קיין זין ניט. דייטשלאַנד האָט אויפגעהערט צו געהאָרכן א רעגירונג, וואָס האָט ניט קיין מח און קיין כח. ווארום, וואָס באדייט דער בעסטער מח, ווען מען לאָזט אים ניט דיינקען, נאָר מען הייסט אים מיטן שארבן קלאַפּן טשוועק־קעס אין די ווענט? און וואָס איז דאָס פאר א כח, ווען עס איז ניטאָ ניט קיין ארמיי, ניט קיין פלאָט, און ווען איטליכער קען דאָס איינשטילן מיט א פּאפּיר־בענדל, וואָס מען רופט דאָס "מעמאָראַנדום"?

דייטשלאַנד איז איצט אָרעם, ווארום די אויבערשטע צען טויזנט קען מען מיט דעם שטייער־אפּאראט ניט כאפּן, און דאָס פאָלק ווערט אזוי שטארק באשטייערט און אזוי קנאַפּ באלוינט, אז קוים וואָס עס קען אויס־קומען בא א באשיידענער חיונה. דייטשלאַנד האָט פארלוירן די מדה פון ריינליכקייט. גנבה, גזלה און אלערליי שמד־שטיק דערלאָזן ניט אפילו, אז עס זאָל שטיין אויף די טרעפּן שפּוקשאלן, אז די טרעפּ זאָלן זיין בארעקט מיט א טעפּיך. אין די האָטעלן שטעלן די געסט ניט ארויס באנאכט די שטיוול און די קליידער — ווייל דער בעל־הבית קען ניט קאווירן, אז מען וועט דאָס ניט צוגנב'ען. דייטשלאַנד שלאָפט אויף אלטע צעריסענע וועש, און ווען עס פּלאצט א גלאָז אין שטוב איז דאָס א יללה. דייטשלאַנד האָט איצט אזוי פיל סיפילים־קראנקע, אז פראנקרייך האָט איר שוין ניט וואָס מקנא צו זיין. לויט דער לעצטער סטאטיסטיק איז איטליכער פינפטער אין דייטשלאַנד א סיפיליטיקער. דייטשלאַנד איז נאָך אלץ ניט בכח צו באַ־לויכטן זיינע גאסן, ווי אמאָל. און די טראמוויי־באוועגונג איז אזוי שלעכט, אז מען מוז אָנשטאָט 5 איצט ווארטן 15 מינוט, ביז עס קומט אָן אייער גע־וואונשענער נומער. דייטשלאַנד, וואָס איז געווען דאָס לאַנד פון דעם "וואנדערבורש'ן", האָט פארלוירן די מעגליכקייט ווייטער צו דערהאלטן דעם גוטן נאציאָנאלן מנהג, ווען גימנאזיסטן, סטודענטן, יונגע בעלי־מלאכות פלעגן צופוס אויסשטודירן זייער פאָטערלאַנד, און אומעטום באַ־קומען אנ'אכסניה צום איבערנעכטיקן. איצט זיינען די פאָלקס־אכסניות וויסט און פארשמוצט, דער אָרט, וואו עס פארשפרייט זיך דער סיפילים און וואו עס לויערן די נאכט־גנבים אויף זייער יונגן קרבן.

דייטשלאַנד האָט א רעפּובליק, וואָס גלויבט אין איר ניט, (נאָך עד היום איז דער פּרעזידענט א "צייטווייליקער") און האָט פארלוירן זיין צו־טרוי צו א מאָנארכיע, וועמענס מאָנארך עס זיצט א געפאנגענער אין האָ־

לאנד. עס איז ניט מילכיק און ניט פליישיק. עס איז מבטל מיט פולע מידע ליפּן אַלץ, וואָס איז געווען אַ מ אָ ל און וואָס עס איז הײַנט. פּאַטריאָטיזם איז אַ וואָרט, וואָס מען מאַכט דערפון אַ חוזק׳ל, און פּאָליטיק איז אַ זאַך וואָס רופט נאָר ארוים אַ קרים אויף די ליפּן. אויב מען קאָן נאָך געפינען אַ סביבה, וואָס דערמאָנט דעם אַלטן דייטשן גייסט, איז דאָס גיבער אין באוואוסטזיניקע ארבעטער־קרייזן, ווי בא די מיטעלע אינטעליגענטן, וואָס לעבן איצט אָן שום פּרינציפּן, נאָר מיט איין געדאַנקען צו פאַרטומלען דעם מח מיט סוחר׳ישע קאָמבינאַציעס און נאַכט־פאַרוויילונגען.

דאָס צווייטע וועלט־געריכט, וואָס שוועבט איבער דייטשלאַנד, מאַכט אום דעם אַלטן טיפּ פון אַ דייטשן.. די געשיכטע, ווי דער קנאָפּ־גיסער אין איבסענ׳ס דראַמע "פּער גינט", צעשמעלצט דעם דייטשן אַלטן כאַ־ראַקטער, און דערנענטערט אים צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז נענטער צום סלאַוון און צום סקעפּטישן פראַנצויזן, ווי צו דעם האַרטן אויסגעגאָסענעם טיפּ פון אַנ׳ענגלענדער און אַנ׳אַמעריקאַנער. און דער דאָזיקער פּראָצעס וועט לאַנג דויערן. ער וועט געדויערן אַזוי לאַנג, ביז די אַנטאַנטעס וועלן ניט מודה זיין, אַז דייטשלאַנד קען ניט צאָלן, אַז דייטשלאַנד׳ס אומגליק איז דאָס אומגליק פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

אין מאָמענט, ווען איך שרייב, האָט דייטשלנאַד ווידער באַקימען אַ זעץ אין זיבעטן ריפּ; דאָס איז דער לעצטער רעפּאַראַציאָנס־פּלאַן פון די זאַכפאַרשטענדיקע פאַר דער גענוער קאָנפערענץ. מען וויל איינגאַנצן צונעמען פון דייטשלאַנד זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיך אריינמישן אין זיין געזעצגעבונג, אים קאָנטראָלירן ביז אין ביין אריין. די רעגירונג איז שוואַרץ, ווי די ערד, מאַנכע פּאַטריאָטן זיצן שבעה, און די שטימונג איז כמעט ענ־ליך צו דער, ווען פּוילן האָט באַקומען אַ מתנה אַ שטיק שלעזיען. מען ווייס, אַז קיין קאָנטראָל וועט ניט העלפן, וואָרום כאַפּן דעם גרויס־קאַפּיטאַל אין שטייער־צוואַנגען וועט בשום אופן ניט געלינגען, ווייל דאָס קאַפּיטאַל איז אינטערנאַציאָנאַל, אויך דאָס דייטשע, און די פראַנצויזן, ענגלענדער וועלן אַליין בא אַלע קאָנטראָלן מיטהעלפן, אַז די סטינעס־טיסענס־א.ע.ג.״ם (אַלגעמיינע עלעקטרישע געזעלשאַפט) קאַפּיטאַלן זאָלן זיך ארויסדרייען פון אַלערליי משגיחים און אַנטאַנטע פינאַנץ־קאָמיסיעס. כאַפּן אין די צוואַנגן קען מען נאָר די ארבעטנדע קלאַסן, און די דאָזיקע קלאַסן זיינען שוין אַזוי אויך אויסגעמאַטערט ביזן לעצטן ליימענעם טעפּל.

דער פּועל יוצא דערפון וועט זיין, אַז דער דייטש וועט מיט דער צייט באַקומען די זאַרגלאָזיקייט פון אַ רוסישן קאַצאַפּ, וואָס ליגנדיק אונ־טער די 120 שמיץ, פאַרגעסט ער די חרפה און קייט אַ מוציא. וואָרום שמיץ זיינען שמיץ, אָבער מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז די קישקע איז אויך אַ קישקע.

ניט גוט צו לעבן אין א לאנד, וואו עס טראָגן זיך איבער אים צוויי וועלט־געריכטן, א געשיכטליכע און אנ׳אנטאנטישע. אָבער דעם, וואָס האָט ליב דראמאטיק אין וויליאם שעקספּיר׳ס גייסט, ראט איך זיך דורכצופאָרן איבער די דייטשע שטעט מיט זייערע הויכע קוימענס.

אפּריל 1922.

ווען פון רעוואָלוציע ווערט אַב׳אידיליע.

שוין היבשע עטליכע מאָנאטן, ווי איך קוק זיך צו צו א מאָדנעם פענאָמען אין אונזער היינטיקן געזעלשאפטליכן לעבן. אונטער מיינע הענט פארלירן די שלאנגען און אלערליי פּיפּערנאָטערס זייערע גיפטיקע ציין. דער בליק איז בייז, זיי דרייען זיך ארום אָרעם מיט א שטארקער גבורה און די צעשפּאָלטענע צונג לעקט אייך אזוי אָנגענעם, אז מען הייבט ניט אָן צו באגרייפן, וואו נעמט זיך בא אזא בייזן פּיפּערנאָטער אזא מאכל׳דיקער לעק. פאר עטליכע וואָכן צוריק בין איך געווען אויף דער אויסשטעלונג פון בארימטן סקולפּטאָר ארכיפּענקאָ, וואָס האָט אָנגעמאכט א גאנצע רעוואָלוציע אין הלכות סקולפּטור. זיין עובדה איז באשטאנען דערין: 1) צו מאכן פון דער סקולפּטור עפּעס א מירמעלנע אבסטראקציע, א רואה ואינו נראה. 2) צו פארטיפן די פיגור אזוי, אז מען זאָל קענען זען און פילן די אינווייניקסטע טיילן, וואָס ווערן פארדעקט פון הויט און מוסקולן. 3) זי אזוי פארשיידנארטיק צו באפארבן, אז עס זאָל זיך באקומען דער אלגעמיינער קאָליר, וואָס איז אלעמענס און קיינעמס ניט, און 4) די אבסטראקטע ליניען אזוי אויסהאקן, אז זיי זאָלן זיין סיי פארן אויג, סיי די פאָרשטעלונג פון א זכר אָדער א נקבה בכלל: ס׳איז קיין נפקא־מינה ניט, צי א נעגער, צי א ווייסער, צי א מאָנגאָל. אָנגעהייבן האָט ער מיט שיים אויף די ליפּן, מיט א "יבנה בית המקדש" אויף מיקעל אנזשעלאָ און ראַדענען. די אויסשטעלונגען האָבן אים אויסגעמידן, ווי א בן סורר ומורה, און חברה לצים פון די פוטוריסטן און עקספּרעסיאָניסטן האָבן אים אלע וואָך געזונגען א לויב־געזאנג אין זייערע בלעטער, וואָס קיינער פלעגט דאָך בטבע ניט לעזן, חוץ א פּאָר ייִנגלעך. איז אָבער ארכיפּענקאָ עלטער געוואָרן, און אזוי ווי טאלאנט פעלט אים אויך ניט, האָט ער געמאכט פון זיין רעוואָלוציאָנערער סקולפּטור, אנ׳אידיליע. ווי אזוי? דעם רואה ואינו נראה האָט ער באזענפטיקט. פון דער אבסטראקטער ליניע איז געוואָרן א זיסליך עראָטישער בויג און דריי, אנ׳אָרנאמענט, וואָס אפילו זעכצנ־

יעריקע מיידלעך און יינגלעך באַנעמען דאָס אויפֿן ערשטן בליק. די פאַרטיפונג איז ווידער געוואָרן אַזאַ, אַז אומעטום האָט מען געזען דעם פאַרשייטן יצר־הרע ארויסלייכטן, אויך די באַפאַרבונג האָט געוועקט די פאַרביקע טונקלקייט, ווען אין שלאָפצימער, באַ פאַרמאַכטע פאָרהאַנגען שיינט דורך אַ לאַמטערן, אַ באַדעקטע מיט רויטן זייד, די שטילע פאַרביסענע תאוה. קורץ און גוט, אַרכיפענקאָ דער רעוואָלוציאָנער איז געוואָרן די אידיליע פון אַלע צעלאָזענע בחורים און מיידלעך, און האָט שוין, גאָט זיי דאַנק, דערלעבט דערצו, אַז זיינע אַמאָליקע קעגנער קויפן אים מיט פרייד, אויף אוועקצושטעלן אין שלאָפצימער אונטער אַן'אַלעאָגראַפיע, וואו עס דערציילט זיך די מעשה פון שושנה און די זקנים אין דער מקוה. נאָך עד היום איז אַרכיפענקאָ דער בייזער רעוואָלוציאָנער, אָבער אין תוך גענומען גיט ער זיין קוקער דאָס, וואָס ער האָט אַלע מאָל געוואָלט. וואָרום דאָס איז שוין אַן'אַלטער כלל, אַז דער מאַסע איז ניט וויכטיק מיט וואָס פאַר גרימאַסן מען טרעט צו איר צו, אַבי מען זאָל איר געבן דאָס געקעכץ, וואָס זי האָט ליב און מיט וואָס זי שמאַקעוועט זיך.

די אייגענע אידיליע זעט מען איצט אין דייטשלאַנד בנוגע צום קאָמוניזם. אוועק די צייט פון ראָזאַ לוקסעמבורג און ליבקנעכטן, בעת זיי האָבן מיט אַן'אמת געטראַכט איבערצוקערן גאַנץ דייטשלאַנד מיטן קאָפּ אַראָפּ און פראָקלאַמירן די דיקטאַטור־מאַכט פון פראָלעטאַריאַט. דער קאָמוניזם האָט פאַרלוירן זיינע גיפטיקע ציין, און ווען עס טרעט אַרויס עפנטליך אַ קאָמוניסט, האָבן די דייטשן אַן'אמת'ע הנאה, וואָרום מען מיינט דאָך דערמיט ניט די דייטשן, זאָנדערן די אַנטאַנטע. כל זמן די אַנטאַנטע ציטערט פאַר אַ בונד צווישן די באָלשעוויקעס און די דייטשן, קען מען נאָך האָפן אויף געוויסע רעפּאַראַציאָנס־הנחות. ווער אָבער דער דייטש זיין רויִק ווי אַ שעפעלע, אפילו ניט דערוועגן זיך צו סטראַשן, — וועט מען אים שערן ווי אַ שעפעלע, און אפילו קיין גוט וואָרט ניט זאָגן. דער קאָמוניזם איז דאָ געוואָרן סאַלאָן־פּיִאַיִק, און אַ שיינער יונגערמאַן, אַ דאָקטאָר אָן פּראַקטיקע, וואָס מאַכט אַש און בלאָטע פון קאַפּיטאַליזם אין דער היינטיקער רעפּובליק, איז ניט קיין אומגעבעטענער גאַסט אין אַ דייטשן הויז, וואו די יונגע בעל־הבית'טע האָט זיך אויסגעפוצט אין זיידנס און אין נאַקעטקייט צו באַווייזן, ווי טיף זי פילט מיט דעם קאָמוניזם, וואָס ווערט געפּריידיקט פון שיינע מענישע ליפּן מיט אַ פיגור פון אַ ספּאָרטסמאַן. דער אינטערעסאַנטסטער מאַן איז איצט אין דייטשלאַנד העלץ (דער אָנפירער פון קאָמוניסטישן בונט פאָריקן יאָר אין וועסט־דייטשלאַנד). בעת זיין פּראָצעס האָט מען אים פאַרוואָרפן מיט בלומען, און נאָך עד היום חלום'ען ווענן אים מאַנכע שיינע פרויען, וואָס האָבן כסדר הנאה געהאַט פון אַלערליי שטאַרקע מענער.

נאָך בעסער ווי פריער האָט זיך ארויסגעצייגט די אידילישקייט פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איצט. נאָך דעם מיאוס'ן מאָרד פון וואַלטער ראַטענוי. לייענט די באריכטן פון שבת דעם 24־טן יוני ביז נאָך דער קבורה, און איר וועט זיך ממילא דערמאָנען אָן פסוק פון ישעיהו הנביא: "והיה באחרית הימים, וגר זאב עם כבש" א. א. וו. פון קאַנצלער ווירט ביז צו די קאָמוניסטן קאַץ און האָפמאַן, האָט מען געהאַלטן אין איין שרייען און ליאַרמען. אַלע פּאַרטייען, פון קאַטוילישן צענטרום־מאַן ביז צום רעדאַקטאָר פון "דער רויטער פאַן", האָבן פול געמאַכט דעם פּלאַץ, וואו 250 טויזנט מאַן זיינען געקומען זיך אָפּרעכענען מיט די דייטש־נאַציאָנאַלע, געבנדיק זיי אַלערליי התראות. אין אַלע פּאַרטייען איז גע־וואָרן אזא אידילישער שלום, אז מען האָט נאָר געגאַרט, וואָס עפּעס צו הערן די שטימע פון קאָמוניסטן, וואָס איז בטבע דער גרעסטער שריי־ער. "וואו נעמט מען אַ קאָמוניסט, דעם מאַן מיט דער שטאַרקסטער שטימע"? האָט מען געלייענט אין אַלע אויגן. און ווען דער קאַנצלער ווירט האָט געזאָגט מיט דער גאַנצער איבערצייגונג פון אַ דעמאָקראַטישער ברוסט: "אויב צו גיין מיט די דייטש־נאַציאָנאַלע, אָדער די אַרבעטער, וועל איך בעסער גיין מיט די אַרבעטער" — האָט דער קאָמוניסט גע־יובלט און האָט שוין געזען ממש, אז קיין זאַך שטייט ניט אין וועג צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. בעת מעשה האָט ווירט געדיינקט, און דער קאָמוניסט פאַרגעסן, אז אַ גרויסער טייל פון די דייטשע אַרבעטער זיינען דייטש־נאַציאָנאַל, וויניקסטנס פּאָלקסטימליך געשטימט. בינו לבינו, איז דאָס געוועזן אַנ'אידיליע, און אַ רוסישע קורסיסטקע פון אַלטן טיפּ האָט געמעגט פאַרגיסן טרערן פון פרייד.

דעם 27־טן יוני האָט מיר אָבער גאָט באַשערט צו זען די אידיליע פון דער רעוואָלוציע ביז צום לעצטן פּיצעלע. וואָלט איך ניט געווען אזא בייזער ייד, וואָס האָט פיינט אַלערליי אידיליעס, וואָלט איך מן הסתם צוגענומען עטליכע פונט. וואָרום אמת'ער נחת מאַכט פעטער, ווי אַ מילך־קו און ווי אַ גאַליציאַנער מיטאָג. אין באַד עלסטער, אין זאַקסן, איז געווען, צוליב ראַטענוי'ס טויט, אַ דעמאָנסטראַציע אויפן קור־פּלאַץ. צווישן די רעדנער האָט מער פאַר אַלעמען געליאַרעמט אַ קאָמוניסט, אַ ברונעם־דאָקטאָר, וואָס פאַרמאָגט דאָ די שענסטע ווילא און איז אַ מומחה אויף פרויען־קראַנקהייטן. דער אַרבעטער־המון איז באַשטאַנען ס'רוב פון די "ברונען־נימפען" (אַזוי רופט מען די מיידלעך בא די מאָרבעדער און די הייל־קוועלן) און פון די קעלנער אין די האָטעלס, וואָס גרייטן זיך שוין צום קומענדיקן יאָר אליין עפענען אַ ווילא מיט באַקעסטיקונג. ארום זיי־נען געזעסן די קור־געסט, ס'רוב פרויען און יונגע מיידלעך, וואָס האָבן בנעימות געזופּט זייער וואַסער פון די שיינע ברונעם־גלעזער. מאַנכע פון זיי

האָבן נאָך צייט געהאַט צו שטריקן א האַנט־ארבעט. א סך פון זיי איז דער נייסטער דעטעקטיוו־ראָמאַן געווען אינטערעסאַנטער ווי די פּוסטע דרשות. די קרעמער זיינען ארוים באַ די טירן פון זייערע קראָמען, און דער אָרט וואו מען טרינקט זויער־מילך אז אויף א ווײַלע געבליבן ליידיק. צווישן עולם איז אויך געווען די איינציקע טענצערקע אין איינציקן קאַ־באַרעט, ליאַ פּרעד, וואָס טאַנצט ניט שלעכט אַקראָבאַטן־טענץ. אויף א הויכער עסטראַדע, וואו געוואוינליך שפּילט די קור־קאַפּעלע, איז געשטאַ־נען דער דאָקטאָר ־ קאָמוניסט און האָט געוואָרפן שוועבל און פּעך אויף אַלץ אין דער וועלט, אויף די בורזשויען ימח־שמם, אויף לודענדאָרף און אויף הינדענבורג. צום סוף האָט ער געלויבט דעם רוסישן באָלשעוויזם און געהייסן שרייען: למנצח צו לענינ׳ען און די רוסישע באָלשעוויקעס! מען האָט אויפן פּלאַץ אָנגעהייבן צו זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל, און מען איז זיך פריילעך פאַנאַנדערגעגאַנגען טרינקען דאָס צווייטע גלאָז פון ברונעם־קוואַל.

דער עולם אין עלסטער, ווי די קור־געסט, זיינען געווען זייער צו־פרידן. דאָס איז געווען אין דער ארומיקער לאַנגווײַלע א סענסאַציע.

אָט אַזוי ווערט פון א רעוואָלוציע אַן׳אידיליע.

יולי 1922.

דער בלוט־שטורץ.

איר, געזונטע אמעריקאַנער, וואָס האַלטן אין איין לויפן, האָוועןֿ, וואָס קלאַפּן; ווי א האַמער, טאָג פאַר טאָג אָפּ די אַכט שטונדן שווערע אַר־בעט, קענען גאָרניט א קלער טאָן וועגן דעם סוכאָטניק, וואָס ציטערט בסדר פאַר א פּלוצלונגן בלוטשטורץ. דער טויט גייט אים נאָך, ווי א שאָטן, און איטליכע רגע קען פּלאַצן באַ אים א גרעסערע אַרטעריע אין די לונגען, וואָס וועט אים אין א פּאָר סעקונדן אָוועקלייגן צו בעט מיט אויף אייביק אויסגעצויגענע פיסלעך. אין אַזאַ לאַגע געפינט זיך איצט גאַנץ דייטש־לאַנד. ניט איטליכער בלוט־שטורץ קוילעט אים אַוועק, אָבער יעדעס מאָל נאָך דעם מ א ר ק־ש ט ו ר ץ, ווי מען רופט דאָס דאָ, פּילט עס זיך אַלץ נענטער און נענטער צום קבר.

דער מאַרקשטורץ, וואָס ציט זיך שוין דאָס צווייטע יאָר, און וואָס שטרוימט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, האָט צעוואַקלט דאָס גאַנצע לעבן. גייט זיך א מענטש איבער דער גאַס, די זון שיינט, און אויף זיך

טראָגט ער אַנ׳אַקאַרסט געניטן זומער־אַנצוג. אונטערוועגס האָט ער באַ־קעגנט אַ יונגע דאַמע, וועמען ער פּרובט פּריילעך מאַכן מיט זיינע חן׳דלעך. פּאַ'ציט ער אָבער זיך צו שטאַרק מיט אַ האַמבורגער ציגאַר, צעהוסט זיך, אויפן נאָז־טיכל באַווייזט זיך אַ שנירעלע רויט בלוט. מיין מענטשל ווערט מיט אַמאָל גרוי אין זיין פּנים, אין די אויגן באַזעצט זיך אַ מרה שחורה, און מיט אַ פאַלשן שמייכעלע אויף די ליפּן נעמט ער אויף גיך אָפּשייד פון דער דאַמע, מיט וועמען עס איז שוין ניטאָ דער מוט צו מאַכן אַלערליי חן׳דלעך. קלייבט זיך אַ דייטש מאַכן אַ געשעפטל, אַ קניה׳לע, פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אָפּרוען, און גייט שוין צוליב זיינע עסקים ערגעץ וואו אין אַ קראָם, אין אַ ביוראָ, מיט אַמאָל טראָגט אים צו אַ ציַיטונגס־פאַרקויפער אַנ׳אָוונט־צייטונג, וואו עס שטייט בולט שוואַרץ אויף ווייס, אַז דער מאַרק איז געפאַלן נאָך אויף 200 מיט אַמאָל, — און אַלע זיינע פּלענער צערינען, זיין פּנים פאַרלייגנגערט זיך און אין האַרצן פילט ער אַ שטאָך.

דער מאַרקשטורעם אין דייטשלאַנד באַשאַפט אַ גאַנצע טאָג־טעגליכע קולטור, די אייגענע מנהגים, וואָס מיר זעען ביים סובאַטניק, אָדער וואַגאַ־טאַניקער (אַזאַ נערוון־קראַנקייט, וואָס גיט אויך בלוט־אויסגוסן אין לונגען, מאַרך און געדערים), וועלכער שפּילט זיך מיטן לעבן, ווייל דער מלאך־המות שפּילט זיך מיט אים.

נאָך קיינמאָל האָט מען אין דייטשלאַנד ניט אַזוי פיל גע׳פּטר׳ט געלט אויף אַלערליי זאַכן, תאוות און קאַפּריזן, ווי איצט. דער דייטש, וואָס האָט כל ימיו געשפּאָרט, און איטליכן פּעניג געשעצט, ווי אַ מזוזה׳לע, פאַרטרינקט זיין מאַנאַטליכן געהאַלט אין איין אָוונט, און האָט שוין אָנ־געהייבן צו מאַכן מיט דער האַנט, אַזוי ווי אַמאָל דער רוסישער פּאָניע נאָך אַ סעודה גדולה אין אַ שמוציקן שיינק. בערלין האָט איצט מער ווייַן־און ליקער־שטיבלעך ווי עסנווארג־קראָמען. דער אויסגעהאַלטענער דייטש, פון וועמען די מיליטער־דינסט־צייט און דער אָרגאַניזאַציאָנס־גייסט פון זיין שטאַט האָט געמאַכט אַנ׳אייביקן סאָלדאַט פון זיין פאָטערלאַנד סיי אין עקאָנאָמישן ווי אין זיין גייסטיקן לעבן, — איז איצט געוואָרן אַ צעלאָ־זענער יונג. אַ גרויסער טייל פון דער קראַנקער מאָנאַרכיסטישער פּאָלי־טיק מיט די מאָרדן פון אַ ראַטענוי און אַנ׳ערצבערגער נעמט זיך דערפון.

האָט איר באַמערקט מיט וואָס פאַר אַ קנאה־פייערל אין די אויגן עס קוקט דער סובאַטניק אויף אַ געזונטן? אָט אַזוי קוקט איצט דער דייטש אויף אַנ׳אויסלענדער, וואָס שפּייט ניט מיט בלוט, נאָר וואָס צאָלט זיין רעכנונג לויטן דאָלאַר, אָדער לויטן גולדן. דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטש־לאַנד איז אייגנטליך דער גלויבן, אַז דער ייד האָט וואַליוטע אָנשטאָט מאַרקן. און דער געדאַנקען, אַז מאָרגן קען קומען אַ נייער בלוטשטורעם,

ברײנגט דערצו, אַז איטליכער אױסלענדער, מעג ער קומען פֿון ליטע, פֿון ראַטן־רוסלאַנד, איז אַ מענטש פֿון אַ געזונטער װאַליוטע. פֿאַר אַ סובאָט־ניק איז די גאַנצע װעלט געזונט, חוץ אים. אַקוראַט, װי חוץ לונגען־קראַנ־קײטן װאָלטן אױף דער װעלט שױן ניט עקזיסטירט קײן אַנדערע: די נערװן זײַנען װי שטריק, די מוסקולן — שטאָל, די נירן — װי זילבערנע רערלעך און די לעבער אַזױ מחיה׳דיק גוט, װי למשל אַ געהאַקט לעבערל שבת צו מיטאָג. די בלוט־פֿאַרגיפֿטונג פֿון רוסלאַנד, דער קרעבס אין פּױלן און די אומהײלבאַרע בלוט־אָרמוט פֿון עסטרײַך זײַנען גאָר קײן קראַנקײטן ניט לגבי דײַטשלאַנד, װאָס לײַדט פֿון פּלוצלינגע בלוט־שטורצן.

דער מאַרקשטורץ װירקט אױפֿן טאָג־טעגלעכן לעבן אַזױ, אַז ס׳איז שױן דעם אַמאָליקן דײַטשן ניט צו דערקענען. ער צעשטערט אים דאָרטן, װוּ ער איז געװען ביז ניט לאַנג דער קרעפֿטיקסטער אין דער װעלט. ער נעמט בײַ אים צו זײַן אָרגאַניזאַציאָנס־גײַסט, װאָס איז געװען ביז אַהער דער ״שמע ישראל״ פֿון גאַנצן פֿאָלק. איך דערמאָן זיך נאָך איצט מײַן שרעק, װען איך האָב אַמאָל דערזען אַן׳אַלטן רב, װעלכער איז קראַנק געװאָרן אױף דעם מאַרך צו דער עלטער, װי ער לײגט תּפֿילין שבת צום דאַװנען און מאַכט ״שהכּל״ אױף אַן׳אָפּגעשײלטן עפּל. כּמעט דאָס אײ־גענע זעען מיר איצט אין דײַטשלאַנד. די תּרי״ג מצװת פֿון זײַן אַמאָליקן אָרגאַניזירטן לעבן זײַנען געבליבן, נאָר זײ האָבן פֿאַרלױרן זײער זין, ס׳איז אַ ברכה לבטלה. די דײַטשע בעל־הבית׳טע װענדט אָן איר גאַנצע װירט־שאַפֿטלעכקײט אױף אַרײַנצונאַרן אַ יאַפּאַנער, װאָס צאָלט פֿאַר אַ צימער 10 מאָל אַזױ פֿיל, אױף אַרײַנצושפּאַרן זיך און די קינדער אין אײן צי־מערל, כּדי זי זאָל קענען װאָס מער פֿאַרדינגען אַנדערע. דער יונגערמאַן אָר־גאַניזירט זיך אַרום דער בערזע, אַרום די באַאַמטע, װאָס נעמען באַשטעכ־ונג, און אַרום דעם גנב און גזלן, װאָס באַגנב׳עט האָטעלן און אײַנאײַנעם מיטן קאָנדוקטאָר — דורכפֿאָרנדע רײזנדע. דער אַקטיאָר אָרגאַניזירט זיך אַרום פֿילם און אַרום דעם ערב־רב פֿון די פֿילם־סוחרים. דער סטודענט אָרגאַניזירט זײַנע פֿרײַע װאָכן אַרום די מאָנאַרכיסטן, אַרום די בערזן־ספּעקולאַנטן, און האָט ער אַ שײנע מײדל אין זײַן קאָמפּאַניע, — גיט ער עס אָפּ אױף אַ נאַכט אַ רײַכן אױסלענדער, װעמען מען באַ׳גנב׳עט, אָדער מיט װעמען מען גײט איבער די שײנע ערטער, װוּ עס טאַנצן די נקבות. דער פּראָפֿעסאָר, שױן ניט װי אַמאָל, לײענט צײַטונגען און די אַנאָנסן פֿון זײ, האַלט רעדעס מכּה דאָס און יענס, װאָס האָט ניט צו טאָן מיט זײַן פֿאַך און װאַרט אױף די עלטערע יאָרן אַ ״פּראַקטישער״ מענטש. ער פֿאַרגעסט שױן ניט זײַן שירם. ער נעמט נאָך אַמאָל צו אַ צװײטנס שירם אױך.

שטאַרק פֿאַרברײט איז איצט אין בערלין ״קלעפּטאָמאַניע״. מענטשן

פון אלערליי שטאנדן לקח'ענען אלץ וואָס פאַלט זיי אַריין אין די הענט, ווען דאָס אויג קערט זיך אָן א זייט. ווען דער גרויסער פּאָעט שילער, דער אידעאַליסט, וואָלט אויפגעשטאַנען איצט פון קבר, וואָלט ער גיך מיט פאַרקאַשערטע תכריכים־פּאָלעס צוריק אַוועקגעלויפן אין קבר, וואו דער דייטשער אידעאַליזם איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרפוילט. לפנים איז דער דייטשער אידעאַליזם געבליבן וואָס אַמאָל. ציטאַטן פון געטהע און שילער גייען ניט אַרויס פון מויל אויף עפנטליכע פאַרזאַמלונגען. באַנאַכט, בא די טויערן שטייען די פּאָרלעך רויט און שטיל זיך האַלטנדיק פאַר די הענט, און ערגעץ־וואו אויף א באַלקאָן, פאַרנאַכט שטייט א דייטש מיט א גלאָז ביר אין האַנט, מיט א ציגאַר אין מויל און קוקט פאַרטראַכט אויף דעם געשטערנטן הימל. די פּינקטליכקייט איז די, פון אַמאָל, און פון 7 פרי דרייט זיך שוין די מיל. דאָס איז אָבער נאָר לפנים. און נאָר דער דורכ־רייזנדער זעט ניט די שרעקליכע אומאָרדנונג אין דעם מילבן־טורם, וואָס מען רופט דאָס דייטשלאַנד.

אַז מען מאַכט "שהכול" אויף עפּל, פּראָדוצירט מען אַזוינע סחורות, אַז דער וואָרט "מעד אין דזשערמעני" איז געוואָרן פאַר אַמעריקע און ענג־לאַנד נאָך א גרעסערער זידל־וואָרט, ווי "מעד אין דזשעפּן".

דייטשלאַנד האָט אַזוי פאַרשלעכטערט איר פּראָדוקציע, אַז אַמאָליקע וואַרשעווער טאַנדעט־סחורות זיינען שוין בעסער פאַרן היינטיקן בערלינער שונד. עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז דייטשלאַנד פאַרלירט אין טעקסטיל־סחורות דעם וועלט־מאַרק, ניט קוקנדיק אויף זייער ביליקייט.

עס איז שווער זיך צו שאָקלען כסדר אין די כוואַליעס פון א ים. נאָך שווערער איז עס פאַר א פאָלק, וואָס איז געגאַנגען זיין וועג גלייך, ווי א שטעקן, ניט געוואַקלט, ניט געשאָקלט. און אפשר זיינען נאָך אַלע ליידן ניט אַזוי גרויס דאָ, ווי די יסורים פון שטעקן זיך אייביק צו בויגן און ברעכן ווי אַנ'אָפּגעריסן בלאַט אין א חשון־שטורם. אָרגאַניזירט בא זיך, הפקר'דיק בא דער וועלט, — מוז מען זיך פאַרט צופּאַסן צו אַלע שלעק און צרות. און דער האַרטער גלייכער שטעקן ליידט מורא'דיק בא יעדער אָנפּאַסונגס־באַוועגונג. ניט אַזוי דער מאַרקשטורעם, ווי איטליכן טאָג זיך אויפ'ס ניי צופּאַסן צום מאַרקשטורעם. איר מיינט, אַז דער פּינקטליכער דייטש האָט הנאה דערפון, וואָס ער מוז טאָג־טעגליך איבערשרייבן די פּרייזן פון א קעסטל שוועבעלעך ביז א דיימלער־מאָטאָר? אַז ער, וואָס איז געוואוינט געווען צו קאַלקולירן פאָראויס אויף יאָרן, פרייט זיך דער־מיט, וואָס ער מוז איטליכן אָוונט אָנהייבן פון דאָס ניי איבערמאַכן זיינע חשבונות?

בלוט־שטורעם — מאַרק־שטורעם זיינען געוואָרן דאָ סינאָנימען. און ווי א מענטש מיט צעשרויפטע נערוון הערט איר אָפּט פון סוכאָטניק זיך באַ־

רימען: דער היינטיקער בלוט־שטורע איז נאָך א שפּילכל קעגן דעם, וואָס וועט קומען. איך האָב געהאַט א טובערקולאָזן פּאַציענט, וואָס פלעגט הנאה האָבן פון א שטאַרקן פּאַפּיראָס, און ווען איך פלעג אים בעטן ווייניקער רויכערן פלעגט ער מיר ענטפערן: איך ווייס ניט די מינוט פון מיין טוי׳ט. די מינוטן פון לעבן האָב איך איצט אָבער, טאָ צו וואָס בייטן א יש אויף אַן׳אין? אויך דער דייטש צעפאַלט און צעפוילט גייסטיק און מאַטעריעל: איידער פּואַנקאַרע״ן געבן, איז שוין בעסער אויסטרינקען דעם ליקער אליין. און מען זיצט באַנאַכט אין די ליקער־שטיבלעך און מען וויצלט זיך איבער טויט, לעבן, ד׳, וננתקה.

נאָר איין זאַך איז נאָך גוט אין דייטשלאַנד. דער זינדיקער פּאָך מיט דער האַנט איז פאָרט ניט קיין רוסישער. בא אַלע צרות האָט דער דייטש פאָרט פאַרשלונגען א שטאָק. ער האָט פאָרט ניט פאַרגעסן דעם ״שהכול״, כאָטש ער מאַכט דאָס אויף א גלעזל וויין.

סעפּטעמבער 1922.

קעמאַל פּאַשאַ.

לאַנג לעבן זאָל קעמאַל פּאַשאַ! ער האָט מיר פּשוט מחיה געמאַכט. מילא, די רוסן, ווי די רוסן... זיי האָבן דאָך פריער געמאַכט א כפל־שמונה׳־דיקע רעוואָלוציע איידער זיי האָבן א בראַקע געטאָן אין פּנים אריין דער גאַנצער אַנטאַנטע. אָבער קעמאַל פּאַשאַ אָן א שום רעוואָלוציע האָט העזה׳דיק צעריסן דאָס פּאַפּיר, וועלכע מען האָט א נאָמען געגעבן דער סעוור־אָפּמאַך. א מאָדנע זאַך! דערויף, וואָס עס זיינען פּייאיק אַזיאַטן (און מיר, יידעלעך, זיינען אויך סוף כל סוף אַזיאַטן), זיינען די אייראָ־פּייאישע פעלקער ניט מסוגל. אין די קומענדיקע שול־ביכער פון דער וועלט־געשיכטע וועט מען מכה דעם וועלט־קריג דערמאָנען צו גוטן די אַזיאַטישע פעלקער (רוסלאַנד, כינע, טערקיי) און אויך חרבונה, די אַמעריקאַנישע שטאַטן, וועלכע האָבן אויך ניט ראַטיפיצירט די אָפּמאַכן פון א ווילסאָן, קלעמאַנסאָ און א לאָיד דזשאָרדזש. די אַמעריקאַנער, וואָס זיינען אויך א נייער טיפּ פון א געזעלשאַפט, וועלכע ציען ניט זייער יחוס פון רום׳ס מפּלה, זיינען ווייניק וואָס נתפּעל געוואָרן פון די חכמה׳דיקע המצאות בא די אייראָפּייאישע דיפּלאָמאַטן. זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן דעם שיינעם וואודראָ ווילסאָן מיט א פּוכיק הערצל (״פּוכקע לבבות״ — זאָגט מען אין

ליטע), וועלכער רעדט וועגן אידעאלן און שרייבט מיט א טרער אויף די אויגן אונטער אלץ, וואס איז גזלה, גנבה און גלאט שטות. (לייענט פראנ־טשעסקאָ ניטי׳ס בוך "דאָס פרידלאָזע אייראָפּא" אָדער דעם ענגלענדער קעינס).

מיטן אָסטן קען די אנטאַנטע גאָר ניט אויספירן. זי קען אים געבן א ביקס, א הארמאט, אַנ׳ארטעזיאנסקן ברונעם א. ד. גל. זי קען אָבער בא אים ניט טויטן דעם אינסטינקט, אז ער איז שטארקער ווי די גאַנצע אנ־טאנטע מיט אלע אירע אעראָפּלאנען און עלעקטרישע דראָטן אינאיינעם. אזיען פילט ריכטיק, אז ניט די אזוי אָנגערופענע וועסט־קולטור איז מנצח, נאָר די צאָל פון דער באפעלקערונג, וואס קען אָפּטיילן פון זיך מיליאָנען שיסער, בעת אייראָפּא בא איר צוויי־ און אייך־ קינדער־סיסטעם קען מיט איטליכן יאָר געבן אלץ ווייניקער סאָלדאטן. רוסלאנד, למשל, האָט געקענט אויסקוילענען צוליב אירע צוועקן אין משך פון אכט יאָר צייט 40 — 30 מיליאָנען מענטשן. גאנץ דייטשלאנד האָט געבעך ניט מער געקענט אויס־שטעלן מענטשן־מאטעריאל פארן קריגס־גאָט, ווי 8 — 10 מיליאָן. אין טערקיי געפינען זיך נאָך גאנצע אוצרות פון מענטשליכע מוסקולן און ביינער, וואס לויפן מיט ברוינע נאקעטע הענט און פיס און מיט אַנ׳ענג־לישן ביקסל דירעקט אויפן שונא. אָסטן און דער ווייטער אָסטן קען פאר־טראָגן אַנ׳אָפּצאפּונג פון גאנצע שטעט בלוט, אייראָפּא דאקעגן, נאָך א וועלט־קריג פון 4 יאָר, ווערט שוין אזוי שוואך, אז מען מוז זי האלטן אין וואטע און פויען מיט א לעפעלע אָנגעווארעמטע מילך דורכן נאָז, ווי א זיבעלע, ווייל זי איז שוין ניט בכח צו שלינגען.

דער אָסטן, דער אזיאט, וועמענס כח איז די פרוכפּערקייט פון א האַז (אויך אונזער יידישער כח) ווייסט מיט אלע זיינע נערוון, אז ער איז שטארקער פאר גאנץ אייראָפּא, ווי ער איז אויך אמאָל שטארקער געווען פאר דעם רוימישן גוג־ומגוג מיט עטליכע צענדליקער יאָרהונדערט צוריק. פון אָריענט שטופּט זיך קאראוואנען־ווייז די "מאסע־מענטש". און ווי קען שוין ביישטיין קעגן איר די קליינטשקע אייראָפּא, וואס איז כאָטש ארומ־געצוימט מיט מיליאָנען עלעקטרישע דראָטן און קונציקע טעכנישע צאצקעס, — אז עס האָט אָבער ניט דעם כח דער "מאסע־מענטש" זיך קעגנאיבער־שטעלן מיט א צווייטער מאסע? ווי גרוים עס זאָל ניט זיין די טעכניק און די וויסנשאַפט אין אייראָפּא, — קיין מאָל וועט זי ניט קענען פארניכטן דעם לעבנס־שטראָם פון דער מאסע־מענטש, וואס צערייסט אלע קייטן און שטריק, מיט וועלכע מען פארצוימט איר דעם וועג. און עס וועט ווידער קומען א צייט, ווען די דאָזיקע מאסע וועט רייטן אויף די קעפּ פון די קלוגע דייטשן, ענגלענדער, פראנצויזן, צונעמען בא זיי די צאצקעס פון דער טעכניק און דער וויסנשאפט און הייסן די שטאָלצע אייראָפּא ווערן בא איר

א געפּוצטער משרת מיט גאָלדענע קנעפּ אויף די ליוורייען אין א צילינדער־קאַפּעלוש אויף דעם קאָפּ פון גרום הינטער דער קאַרעטקע. אזוי זיינען שוין געוואָרן אמאָל די אַלטע גריכן, די קינדער פון פעריקלעס, פּראקסיטעלס און פּלאַטאָנען, די משרתים בא די בארבארישע מאַקעדאָניער און די נאָך פארגרעבטערע רוימער. אזוי זיינען שוין נאָך פריער געווען די בבל׳ער בא די עגיפּטער און די יידן בא די פעלקער־וואנדרער אין דער צייט פון אַלאריכען און שפּעטער בא די אראבער און מאורען, אָט אזוי וועט אמאָל א קומענדיקער פּראָפעסאָר העלמהאָלץ און פּראָפ. איינשטיין דינען אין דעם שטערן־וועכטער טורם פון אנ׳אור־אייניקל פון קעמאל פּאשא, אָדער א לענין.

הויכע טעכניק און אלערליי נוציקע וויסנשאפטן זיינען אין תוך נאָר ד י נ ע נ ד י ק ע ק ר ע פ ט ן. זיי הייבן אָן געוואוינליך מיט מאכט, אָדער, ווי מען רופט דאָס, מיט אימפּעריאַליסטישע פּרעטענזיעס. זיי ענדיקן זיך אָבער מיט דעם, וואָס זיי ווערן די דינענדיקע קראפט פאר דעם גראָבן אָדער פארגרעבטן יונג, וואָס פרוכפּערט זיך גיך, ווי א קראָליק. רוים האָבן ניט פארניכטעט די בארבארן, נאָר די מ י ל י אָ נ ע ן בארבארן. די מענטש־ליכע אידייען ווערן ניט אויסגעראָט, ווען א הארמאט צעזעצט אנ׳אַלטן קלויסטער אין שטיקלעך און ברעקלעך. אַלץ, וואָס אייראָפּא האָט געשאפן, וועט בלייבן, נאָר קיין מאכט וועט דאָס איבער מענטשן, איבער די מי־ליאָרדן לעבנס ניט געבן. מיט אעראָפּלאנען וועט אייראָפּא די לופט־וועלט ניט פארצוימען, ווי אמאָל מיט אירע אָקרענטן. און אייראָפּא׳ס אייגענע געדאנקען און קראפט־מיטלען קענען ניט בלייבן אייביק אין אירע הענט, כל זמן עס איז ניטאָ קיין געזעץ, אז קרופּ און טיסען טאָרן א קעמאל־פּאשא ניט פארקויפן א קוילן־ווארפער, ווי אנ׳אפּטייקער ציאנקאלי אָן א דאָקטאָרשן רעצעפּט. אייראָפּא׳ס טעכניק וועט זי אליין באזיגן אין איר אמאָליקער מאכט־ספערע. און ווי די אמאָליקע פיינע איידעלע גריכן, וועלן זיי ווערן טרייע קליענטן (משרתים) בא אזיען, ווי אזיען אליין האָט איר הונדערטער יאָר געדינט מיט אירע בשמים, קרייטעכצער, איר אלטער בבל׳שער, עגיפּטישער, כינעזישער, גריכישער און יידישער קולטור און טעכנישע גייסטיקע דערגרייכונגען.

איך בין בטוח, אז די יונגע אייראָפּא איז אויך געווען אזא קינדלערקע אמאָל, ווי דער אָריענט, דעמאָלסט, ווען זי איז נאָך אליין געווען האלב אזיען לויט איר אָפּשטאם און לויט איר הערקונפט. איצט אָבער, ווען די וועסט־אייראָפּייאישע לענדער זיינען שוין כמעט ריין פון אזיאטישן בלוט און זיינען שוין בנוגע צו דער בלוט־לעבעדיקייט א ריין־דיסטילירט וואַ־סערל, קומט זי ווידער אין אזא מצב, ווען דער אזיאטישער קראָליק וועט פארפלייצן די אייראָפּייאישע וועלט מיט זיינע קינדער, וועלכע ער ווארפט

אָפּ זעקס שטיק פון חדש צו חדש. אָסטן וועט ווידער ווערן דער פּאשא אין די ברייטע פּלודערן, דער בארין מיט א פּלעשל וואָדקא אויפן טיש, וועמען עס וועלן באדינען די קינדס־קינדער פון אמאָליקע לאָרדן, באראָנען און וויקאָנטן. פון קעמאל־פּאשא׳ס נצחון שלאָגן שוין אָפּ די שאָטנס פון די אנדערע מאהאָמעדאנישע פעלקער, וועלכע וועלן אמאָל פארפלייצן דעם וועסטמינסטער מיט די האלב־מאָנד־פאָנעס אין די הענט, און פארשטייט זיך, פארגרעסערן א ביסל זייערע הארעמס מיט עטליכע שיינע ליידיס אין סטיל פון גענגסבערי׳ס פרויען־פּאָרטרעטן... ענגלאנד, וואָס איז לויט די באַ־רימטע ווערטער פון מאקסימיליאן הארדען א קליין קעפּל, (גאנץ ענגלאנד איז ניט גרעסער ווי א רוסישע גובערניע, למשל, ארכאנגעלסק) מיט א מור־רא׳דיקן וואסער־בויך (זיינע קאָלאָניעס), וועט סוף כל סוף פארלירן אמאָל דעם בויך צוזאמען מיטן קעפּל. עס קלעקט נאָר, אז מען זאָל דעם דאָזיקן וואסער־בויך, וואָס שווימט איבער אלע אָקעאנען, ווי א גומי־באל, דורכ־שטעכן א פּאָר מאָל מיט א שטאָלענעם טראָאקער (מעד אין ענגלאנד), אז פונם בויך זאָל ווערן א פּענכער, עפּעס א מין געפּילט העלזל, פון וואָס דער אזיאט וועט מאכן א מאכל׳דיקן געריכט נאָך דעם לאנגן תענית רהאַ־מאזאן.

קעמאל פּאשא׳ס נצחון איז דער ערשטער נצחון פון אָסטן. דעם צווייטן וועט פייערן דער האלבער קירגיז און רוס לענין, וואָס קיניגט איבער 150 מיליאָן זיינס גלייכן, וועלכע פּרוכפּערן זיך אויך לויט די אייראָ־פּייאישע חכמת הסטאטיסטיק 100 פּראָצענט שטארקער ווי דער דייטש, ענגלענדער און פראנצויז. (2,1 אקעגן 1,1, 0,9 א. א. וו.) אין דעם טאָג, ווען ער וועט פארטרייבן די ענגלענדער פון באָספּאָר און מארמאָר־אויס־גאָס — ווי איצט האָט געטאָן קעמאל פּאשא בנוגע טראקיען און קאָנ־סטאנטינאָפּאָל — וועט דער גרויסער בויך ווידער באקומען אנ׳אָפּענע וואונד, פון וואנען עס וועט אויסרינען א טייל פון זיין קראפט. און רוס־לאנד מוז דעם ענגלענדער שיקן צו אלע טייוואָלים, ווען ער וויל זיין דער גאנצער בעל־הבית אויפן שווארצן ים, דורך וועלכן עס גייט דורך מער ווי א העלפט פון זיין ערד־רייכקייט, פון זיינע גערעטענישן. און ניט נאָר ער מוז, ער וועט דאָס אויך טאָן, כאָטש לפנים לאדט מען אים היינט נאָך ניט איין צום גרינעם דיפּלאָמאטישן טיש. נישט־קשה! מען וועט אויך אָן איינלאדונגען אָפּטאָן די זאך, און אפשר וועט מען אים נאָך שטארק בעטן, אז ער זאָל מוחל זיין קומען.

בקצור, — קעמאל פּאשא׳ס זיג ווייזט אונז באשיינפּערליך דעם אָנ־פאנג פון סוף. ניט דער פעלקער־בונד, ניט די קאָנפערענצן פון די פּינף מעכטע וועלן צערייסן די אָפּמאכן פון ווערסאל, סען־זשערמען, סעוור און אנדערע, נאָר דער אָריענט, וואָס לאכט זיך אויס פון חכמת יון, עסט אָן

א גאָפּל, טראָגט א טורבאַן און א מאָסקווער פּלאַטשיק היטל מיט א גלאַנ־ציקן דאַשעק.

פרעגט דאָך א ייד, און וואו זיינען מיר? וואָס פאַר ישועות גיט עס כלל ישראל? איז דער תירוץ: פאַר א יידן, וואָס האָט פיינט די פאַלשע יידישקייט (אייראָפּייער רופן דאָס קריסטנטום), איז שטענדיק בעסער האָבן צו טאָן מיט אַסטן, מיטן אזיאַט, איידער מיט מערב־אייראָפּייער, מיט וועלכע ער קען זיך קיינמאָל ניט צונויפמישן און וועמען ער דינט כסדר ווי א מאַשקע באַ א פּוילישן פּריץ. ווער ווייסט? אפשר איז א פּאַ־לעסטינע־מאַנדאַט פון א קעמאַל־פּאַשאַ א פּיל וויכטיקערע און א דרינ־גענדיקערע מתנה, ווי פון א באַלפור? ווייניקסטנס, צו כורש צייטן איז דער מאַנדאַט געווען א סך זיכערער ווי היינט צו לאָיד דזשאָרדזש׳ס. ווען מען טרייבט ענגלאַנד פון טראַקיען, די אויסגאַסן און אפשר נאָך אויך פון ערגעץ ווי אנדערש.

ווען עס וואָלט ניט געווען אזוי טייער איצט א דעפּעשע, וואָלט איך קעמאַל פּאַשאַ׳ן איצט צוגעשיקט מיינע האַרציקסטע גליק־וואונשן. קעמאַל פּאַשאַ׳ס זיג איז פאַר מיר א נצחון פון דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט, וואָס האָט שטענדיק צו טאָן מיט דעם פאַרמערונגס־געזעץ, א נצחון איבער די אַנטאַנטע, וועמען מען וואַרפט דעם שיינעם אָפּמאַך דירעקט אין פּנים אריין, א נצחון פאַר די, וואָס ווילן זען אין דער געשיכטע נייע קרעפטן, וואָרום די אַלטע זיינען שוין פאַרשימלט און דערעסן, א נצחון פון דעם יידן, וואָס איז אויך א קינד פון אזיען, ווייל געזיגט האָט א קרוב און א לייבליכער שוועסטער־קינד ישמעאל. און דאַרום א למנצח קעמאַל פּאַשאַ — אונזער גלידשוועסטער־קינד.

אָקטאָבער 1922.

אנהייב ווינטער.

אַנטלויפט ניט פון ווינטער; ער וועט אייך סי ווי סיי דעריאָגן. באַ אייך אין ניו־יאָרק ציט זיך דער אָנהייב ווינטער ביז חנוכה־צייט; איידער די בלעטער פאַלן אָפּ, רויטלען זיי זיך אין אַלע פאַרבן. דאָ אָבער ליגן זיי שוין הויפנווייז איבער אַלע אַלייען און בולוואַרן. אין טירגאַרטן גייט מען ווי איבער א טעפּיך, און דיינע טריט קלאַפּן אָפּ א שטילן שמונה־עשרה.

בערלין ציטערט פאַרן קומענדיקן ווינטער. וואָס פון יאָר וועט דייטש־לאַנד אָרעמער אין קוילן. א בערלינער בעל־הבית׳טע פּרירט שוין נאָך איי־

דער עס האָבן זיך אָנגעהייבן די שנייען, און דער מיטלשטאנד האָט גאָר ניט אזוי פיל פארמעגן צו מאכן פארראט אויף הייצמאטעריאל. ווי נידעריק עס זאָל ניט זיין די פאפיר־מארק — עס איז פאָרט ניטאָ דאָס מזומן, און מאנכע אָרעמע הויז־באזיצער מיט זייערע שכנים זאָגן זיך אָפּ פון א היי־יאָריקער צענטראל־הייצונג. עס איז שטארק צו האָפן, אז דעם ווינטער וועט אין די קאפעס ניט זיין קיין פּלאַץ פאר די פיל געסט, וואָס וועלן קומען אויסטרינקען א גלעזל קאפע און זיך עטליכע שעה ווארעמען אין דער ארומיקער איינגעשאפט און אָנגערויכערטקייט. א דייטש הערט קיין מאָל ניט אויף צו שפּאָרן. שפּאָרט ער ניט אין פאפיר־מארק, ווייל דאָס האָט שוין קיין זין ניט — שפּאָרט ער אין הייצמאטעריאל, אין עסן און טרינקען.

מען דערציילט א מעשה, ווי א דייטש, צוליב זיין אלטער געוואוינהייט, האָט אויך ניט אויפגעהערט צו שפּאָרן אין גיהנום. איטליכן שבת־צו־נאכט, ווען מען לאָזט ארויס די גוים אויף א גאנצן זונטיק אין די שניי־בערג זיך אָפּקילן, פלעגט ער אָפּשניידן די נעגל פון די הענט און פיס און זיי באהאלטן אונטערן שניי. אין משך פון 1000 יאָר, ביז ער איז אויסגע־לייטערט געוואָרן פארן גן־עדן, האָט זיך אָנגעקליבן א היבשער בארג פון נעגל־ (האָרן) סובסטאנץ, און בעת ער איז א באפרייטער געקומען צו די טויערן פון גן־עדן, האָט ער חוץ זיינע ש״י עולמות פון א צדיק נאָך געהאט אנ'איינגעטר... נעגל־מאַכבלאַן בארג אין די שניי־בערג בא די טויערן פון גיהנום. שפּעטער, אבער ניט לײדיק ארומצוגיין — תורה לערנען האָט ער ניט געקענט — האָט ער געעפנט א צעלולאָיד־פאבריק מיט ניי־אָנגעקומענע דייטשן.

א דייטש איז אנ'אָפּשפּאָרער־חיה, ווי א וועווערקע; און מען מוז מודה זיין, אז די דאָזיקע וועווערקע, וואָס איז א סך אומגעלומפּערטער פון דעם פראנצויזן, דעם באפראקטן גריל, האָט א סך מער שאנסן דורכצולעבן א קאלטן ווינטער, ווי פּואנקארע'ס קינדער. דער פראנצויז איז אויך א שטיקל שפּאָרער, נאָר ער האָט דאָס אָפּגעשפּאָרטע ניט פארנוצט אויף פּראָדוקציע, נאָר אויף אקציען־קופּאָנעס, און דארום, ווען עס איז געקו־מען די צייט, ווען פון אקציעס קען מען מער ניט שניידן קיין קופּאנעס, איז ער געוואָרן אוים מלך, און האָט אָנגעהייבן ווי לאפאָנטענ'ס זומער־גריל צו טאנצן פאר הונגער אין דער אייראָפּייאישער ווינטער־צייט, ווען די אומזיסטע זון טראָגט זיך אָפּ אנדערשוואו.

בא דער גאנצער שווערער לאגע פון איצטיקן דייטשלאנד איז עס דאָך אין א בעסערער לאגע פון פראנקרייך, וואָס האָט צוגענומען בא אים די אייזן־בערג־ווערק אין לאָטרינגען, איז אָבער ניט בכח זיי אויסצונוצן און מוז זיי כמעט 50 פּראָצענט אויף וואַלוועלע באדינגונגען צוריק פארקויפן

דעם דייטש. דייטשלאנד, מיט אירע גרויסע אינדוסטריע־טרעסטן, האָט זיך אַזוי שטאַרק אַסעקורירט נאָך פאַרן קריג, אַז אויך דער וועלט־אומגליק און די אייגענע מפּלה האָט עס ניט געקענט אינגאַנצן פאַרניכטן. די אַלגע־מיינע עלעקטרישע געזעלשאַפט (ראַטענוי), דער מאָנטאַן־קאָנצערן (סטינעס), דער עלעקטראָ־מאַנטאַן־קאָנצערן (סיעמענס, שוקערט, רהיין־עלבע אוניאָן מיט סטינעס'ן בראש) איז ארויס פון קריג שטאַרק צעשעדיקט, אָבער דאָך קרעפטיק גענוג זיך אין אַ קורצער צייט ווידער צו דערהיילן ניט נאָר אין דייטשלאַנד, אַפילו אויך אין אויסלאַנד, אַזש ביז אַמעריקע. וואָס איז אָבער אַסעקוראַנץ, ווי אַנ'אַנדער אויסדרוק פון אָפּשפּאָרן קרעפטן און אַלערליי מעגליכקייטן פאַר די ביטערע צייטן פון פּיין און נויט?

אין אַ געוויסן זין האָט דער דייטש אַ סך ענליכקייטן צום יידן, באַזונ־דערס צום ליטווישן יידן. דאָס פּראָטעסטאַנטישע דייטשלאַנד לעבט כסדר מער פאַר דער צוקונפט ווי פאַר דעם לויפנדיקן טאָג. ניט אומזיסט האָט מיין חבר היינע געזאָגט אַמאָל, אַז "די יידן זיינען די פּראָטעסטאַנטן דעם אַסטנס". אויך דאָס איז ניט קיין צופאַל, וואָס זייער גרעסטער פילאָזאָף קאַנט האָט ארויסגעטריבן די רעליגיעזע מיסטיק פון לעבן און פאַרנונפט, האָט זי פאַריאָגט פון דער פאַבריק און זי אוועקגעזעצט ביים אויוון פון דעם מענטשן, וואָס קומט זיך אויסרוען אין אַ פרידליכער משפּחה. דער תוספות יום־טוב איז גערעכט, דער שולחן־ערוך אויך, אָבער אויף דער בערזע דאַרף מען קענען ציילן, אין וויסנשאַפט — ציילן און מעסטן, אויפן לעבנס־מאַרק ציילן און מעסטן, אָבער הויפּטזעכליך ו.א.וו. דער טיפּסטער שכל אין דער וועלט איז 2 מאָל 2 — פיר, חלילה ניט פינף. דער דייטש ציילט, מעסט און וועגט, ער ציילט זיינע 60 מיליאָן איינוואוינער, ער מעסט אויס די קראַפט פון זיינע פּראָדוקציאָנס־מעגליכקייטן און וועגט אויף דער האַנט די שווערקייט פון די ארומיקע שונאים אין דער פּאָליטיק, ווי למשל דאָס אויפגעבלאָזענע פוילן און דאָס געשוואָלן־מיליטאַריסטישע פראַנקרייך, וואָס צאָלט מיט פריידנטרערן פאַר יעדע מעוברת'דיקע פראַנ־צויזין, ווי מיר יידן אַמאָל פאַר אַ טאָפּ מילך אין אַנ'ארץ־ישראל'דיקער קאָלאָניע. אַ פאָלק אָבער, וואָס ציילט, מעסט און וועגט, איז די שפּאָ־רעוודיקסטע חיה: די וועווערקע קנאַקט ניס אויך דעמאָלט נאָך, ווען עס האָבן זיך שוין אָנגעהייבן די גרויסע חנוכה־פרעסט.

דאָס דייטשע פאָלק איז בנוגע אָרגאַניזאַציע דאָס צווייטע נאָך די אַמעריקאַנער, אויב ניט נאָך העכער. דער געדאַנקען פון עקאָנאָמיע פון קרעפטן זיצט בא איטליכן דייטש אַזוי קלאָר, ווי בא אַנ'אַלטן פּי־זיקער. דער דאָזיקער געדאַנקען פירט ממילא צו אָפּשפּאָרעריי. וואָרום אַ צו גרויסער פאַרברויך איז אַנ'עבירה, אַ פאַרלוסט פון איבעריקע קרעפטן. דייטשלאַנד איז אויך אין די גליקליכסטע צייטן ניט געווען דער פרעסער

און זויפער. אויך פאר דעם קריג האָט מען מער אויסגעגעבן אויף שיינע מעבל, פיינע וועש, גוטע קונסטוועדק, פּאַרק־אנלאגן, שיינע געביידן און פּאַלאצן, ווי אויף שיינע קליידער, שאמפּאניער־ווײַן און אלערליי לוקסוס־זאכן, וואָס היינגען צוזאמען מיט דער מאָדע. אויך פאַרן קריג האָט איר געקענט זען פאַרמעגנדיקע דייטשן, וואָס גייען אין די טעאטער־פוויזן ניט צו צום בופעט עסן, נאָר נעמען ארויס פון די טאשן דאָס מיטגעבראכטע פון דער היים. די דייטשע קיך איז די ערגסטע אין דער וועלט, און דער עולם הזה פון א דייטש איז מער געווען א נסיעה ביים ים אָדער אין די בערג, ווי דאָס פּשוט'ע אָנעסן זיך אין א טייערן רעסטאָראן. נאָך עד היום פּאַרט טיסען, דער רייכסטער מאן פון דייטשלאנד און שוין אַן'אַלטיקער, אַלע טאָג אכט א זייגער אין דער פרי מיטן טראם צו זיינע קוילן־שאכטן. און ווען סטינעס (דער דייטשער פּאָרד) באנוצט אַן'אויטאָמאָביל, איז דאָס צוליב צייט־פּראָפיט, ניט צוליב לוקסוס. איר וועט אים קוים אונטערשיידן פון א גרובן־ארבעטער. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאנד, ווען א גרויסער טייל ארבעטער איז געווען קאָמוניסטיש געזאָנען, האָט קיינער פון די דייטשע מאַרגאַנ'ס ניט געהאט צו באקלאָגן זיך אויף זייערע ארבעטער פאר פערזענליכע אָנפאלן. ווארום די ארבעטער, בא אלע זייערע טעאָריען, האָבן געפילט, אז טיסען, קירדאָרף, ראטענוי, סטינעס זיינען דאָס אייגענע וואָס זיי, די געניאלע ארבעטער, וועלכע לאָזן ניט צעדרינען א טראָפּן צייט אין גאָרניט.

לפנים מאכט דער דייטש אויף א פרעמדן ניט קיין געשמאקן איינדרוק, אַן'ערך, ווי א ייד מיט א גוטן קאָפּ. זיין פּרינציפּ פון עקאָנאָמיע דערגייט ביז צו די פּריוואטסטע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט, און ער הייבט ניט אָן צו וויסן פון דעם שיינעם פלוידערטאָן, מיט וואָס פראנקרייך איז אזוי בארימט. אלץ איז בא אים אַן'עסק, און די פּוכקע לבבות פון אנדערע פעלקער דריקט ער אויס אין מוזיק, אין ליריק, אין קונסט, נאָר ניט אין טאָג־טעגליכן, אפילו ניט אין פאמיליען־לעבן. מענדעלע מו"ס האָט זיך אמאָל באקלאָגט, אז אלץ, אפילו די הייליקסטע זאכן, נעמען אָן בא יידן א פנים פון אַן'עסק'ל. "אפילו חתונה האָבן איז אויך א געשעפט, דער ייד האנדלט איין א ווייב, דינגט זיך פריער אויס גוט וועגן מקח, וועגן נדן, וועגן איטליכם פּיצעלע באַזונדער" (פישקע דער קרומער). דאָס אייגענע, כאָטש אויף אַן'אנדער אופן, זעען מיר ביים דייטש. אָבער אלע די דאָזיקע זאכן איז נאָר דער רויך פון פייער, דער חסרון פון דער גרויסער מעלה — וואָס עס רופט זיך אָן: אָרגאניזאציאָנס־גייסט, עקאָנאָמיע פון די קרעפטן, דער פארלאנג, אז די ריינע טאט זאָל אויך ריין זיין פון אלערליי נוצלאָזע סענטימענטאליטעטן. "די צייט איז קורץ, און די ארבעט איז גרויס", זאָגן די פרקי־אבות. דער דייטש

זאָגט עס אויך, און זאָגט זיך אָפּט אָפּ פון טויזנטער אָנגענעמע אויסערע פּאָרמען, אבי נאָר די צייט זאָל ניט גיין לאבוד. פאר פעלקער, וואָס האָבן ליב שיינע פאָרמען, א ביסל צעלאָזנקייט, פאר רייכערע פעלקער איז דער דייטש ניט סימפּאַטיש; פארן באָאָבאַכטער אָבער זיינען די ניט־סימפּאַ־טישע דייטשע אויסערע פאָרמען דער באַווייז פון זייער גרויסער אינעווייניקסטער שיינקייט, פון זייער גרויסער לעבנס־ערנסטקייט.

דער דייטש אנטלויפט ניט פון ווינטער. ער וועט פון אים אויך אויס־שעפּן אלע מעגליכקייטן אויף צו שפּאָרן קרעפטן פאר א בעסערע צוקונפט. ער וועט אפשר ווייניקער הייצן די צימערן, מער פארברייינגען אין די עפנטליכע ערטער, אָבער אויך אין קעלט און אויסער דעם הויז וועט ער אָפּשפּאָרן עפּעס אויף צו האָבן חוץ די ש״י עולמות נאָך א צעלולאָיד־פאבריק.

וויסבאָדן, אָקטאָבער 1922.

איך רור – געביט.

אין רור־געביט, וואו עס האָבן זיך דורות־לאנג קאָנצענטרירט די דייטשע קוילנארבעטן, וואו די 5 א האלב מיליאָן באפעלקערונג לעבט נאָר אין זכות פון די שווארצע דימענטן, וואו איטליכער דריטער מענטש אָטעמט איין חוץ לופט נאָך דעם קוילנשטויב פון די שאכטן, וואו מער ווי א האלב מיליאָן מענטשן פארברייינגען א העלפט פון זייער לעבן אין דער פינסטער־קייט פון די גרובן, וואו דעם קינדס שפּיל־צאצקע איז די קוילן־טאטשקע און דעם מיידלס ערשטע ליבע בליט אויף עטליכע הונדערט מעטער אונ־טער דער ערד, — אָט אין דעם געביט קומט איצט פאר אנ׳עקשנות׳דיקער שטילער קאמף צווישן תמ׳עוואטע פרעמד־געבירטיקע סאָלדאטן און דעם אלטן איינגעזעסענעם גרינדער און בויער פון א פארוויקלטן ווירטשאפטס־סיסטעם.

דער קאמף איז א שטיל־פארביסענער, אזוי שטיל, ווי די ארבעט פון קוילנגרעבער, וועמענס שטים עס דערגייט ניט צו מענטשישע אויערן, וועלכע שפּרייזן איבער די שאכטן. וואָרום ניט דער סאָלדאט פארהילכט די לופט מיט שיסערייען. (אין טריער אפילו האָבן די מאראָקאנער בלויז געפּאָכט מיט די שווערדן, אָבער ניט דערוועגט זיך צו שיסן), און ניט דער קוילנמאן גייט ניט ארום איבער די גאסן מיט פאָנעס, פּאטריאָטישע געזאנגען און פּראָטעסט־געשרייען. איטליכער טוט אָפּ זיין ארבעט מיט א שטילער כונה, ניט פינטלענדיק מיטן אויג, ניט פארמעסטנדיק זיך איינער

אקעגן אנדערן, ווי אין א געוואוינליכן גאסן־געשלעג. דער פראנצויזישער סאלדאט איז ניט געקומען טויטן מענטשן, נאר באקומען וואס מער קוילן און קאקס מיטן שטילן אנצוהערעניש פון א געלאדעוועטן ביקס. און דער קוילנמאן ווערט זיך כלומרשט ניט: נעם וויפיל דו פארמאגסט, אבער ער הייבט ניט קיין פינגער, אבי צו דערלייכטערן דעם תמ׳עוואטן סאלדאט. „נעם אויב דו קענסט" — שמייכלט ער פארביסן און עקשנות׳דיק אין די וואנסן — „אבער מיינע אייזנבאן־לייט וועלן פאר דיר א האנט אין קאלט־וואסער ניט אריינטאן, און נאר ניט קריך אין די שאכטן, וואו מיין הער־מערל האקט אוים דעם קויל": איז אבער אין רור־געביט אזא פארפלאנטער־טע נעץ פון אייזנבאן־וועגן, אז דער טייוול אליין קען ניט אויסגעפינען דעם פאדעם, וואס פירט ארוים די קוילן פון רור־געביט אין דאס אומבאזעצטע דייטשלאנד. עס קלעקט נאך ניט צו זיין א וועג־אינזשענער: רור פארמאגט אזוינע קונציקע קאמוניקאציעס, אזא אויסגעקליגלטע ארגאניזאציע פון באנען, אז א פרעמדער דארף אפארבעטן חדשים־לאנג ביז ער קלייבט זיך פא־נאנדער אין דעם דאזיקן פלאנטער פון די רעלסן. פארן פראנצויז איז רור א בערגל מוראשקעס, און פרעגט אים בחרם, וואס אונטער דעם דאזיקן אנ־געוואָרפענעם בערגל געפינען זיך פאר קאמערן, קעמערלעך, אריינגאנגען און שפעלטעלעך פאר די פארשיידענע מינים מוראשקעס, וואס טוען אפ אין דער גרעסטער אָרדנונג זייער טאג־טעגליכע ארבעט... פאר די פראנצויזן — א בערגל פון מוראשקעס מיט וועלכע זיי רעכענען סוף כל סוף פארטיק צו ווערן, פאר די דייטשן איז אבער דער רור־געביט דער טיפסטער וואָרצל פון דער גאנצער דייטשער ווירטשאפט.

דער דייטש זאגט: אין 1914, ווען מיר האבן זיך געשלאגן קעגן דער גאנצער וועלט, זיינען מיר ניט געווען אין אזא אימת־מות, ווי היינט. דענס־מאל האבן מיר לכל הפחות זיך געקאנט אנשכור׳ן פון אונזערע זיגן באַ־יעם דאזיקן איבערמענטשליכן קאמף. איצט אבער בלייבט נאר דער שרעק־ליכער שאטן פון אנ׳אייביקער גסיסה. אויף אויסערליכע זיגן איז ניטא וואס צו האפן. דייטשלאנד האט אויסגעשפילט זיין לעצטן טרומף, און דער וואס האט אמאל אויף א קארט געשטעלט זיין לעצטן דאלאר, קען האבן א שטיקל באגריף פון דעם נערוועזן פארצווייפלטן צושטאנד, וואס די מדינה פון קאנט און געטהע לעבט איצט איבער. אין אזא צייט רעדט מען ניט. די ליפן זיינען צונויפגעביסן און די אויגן פלאמען מיט טויזנטער ליכטלעך, די אדערן אויף די שלייפן זיינען אויפגעקוואלן און הארט.

דו גייסט איבער די עסענער, קעלנער און מאינצער גאסן און זעסט ניט קיין שמייכל אויף עמיצנס פנים. איטליכער לײדיקגייער שיינט עפּיזם שטארק באשעפטיקט צו זיין. בא מערערע שול־געביידן זעסטו מיט פיין און בליק, ווי מענטשן לאכן „מיט יאשצערקעס", אז ביינק און טישלעך

נעצן זיך אין רעגן, ווייל פראנצויזן האָבן פארנומען די שולן פאר קאזאר־מעס. עס שטייען רעדלעך בא די ביינק, בא דער פּאָסט, בא די וואקזאַלן און לייענען די דייטשע מיטטיילונגען, ווער איז היינט איינס און צוויי אויסגעוויזן געוואָרן. מען לאכט ביטער און נקמה׳דיק, ווען מען דערוויסט זיך, ווי מען האָט אלטע איינגעזעסענע בירגער און הויכע באאמטע כמעט נאקעטערהייט ארייגעזעצט אין אנ׳אויטאָמאָביל און זיי אראָפּגעלאָזן הינ־טער דער גרענעץ פון רור אין מיטן פעלד. פאר א וואָך צוריק פלעגט מען נאָך אמאָל באקומען א שטיקל טרייסט פון די צייטונגען, וואָס קומען פון בערלין און פראנקפורט. די אויסגעוויזענע זיינען כאָטש דערגאנגען, אז מען וועט זיי ניט לאָזן אין מיטן א פרעמדער שטאָט, אז עס איז שוין דאָ אנ׳אָרגאניזאציע, וואָס באזאָרגט זיי מיט צימערן, אז די רעגירונג שטרייכט אָן אלע מיטלען, אבי ניט צו לאָזן פארהונגערן אירע באאמטע, אז אמעריקע, האָלאנד, סקאנדינאַוויען שיקט געלט און שפייז. איצט אָבער איז דער רור־געביט אָן א פרעסע. ס׳רוב אָרטיקע צייטונגען זיינען צוגעמאכט. די, וואָס גייען ארויס, טראָגן אַ שלאָס אויפן מויל, און פון דייטשלאנד לאָזט מען קיין איין צייטונג ניט אריין. דער קוילנגרעבער, וואָס איז כל ימיו געוואוינט צו שווייגן, שווייגט נאָך איצט מער. עס איז געקומען אין די ריין־פּראָ־ווינצן א צייט, ווען מען פארשטייט ניט מיט א כיוון די פראנצויזישע שפּראך פון די זיגער און איינער דעם אנדערן פארשטייט מען אָן ווערטער. "איין בליק פאָן מיר צו דיר, אונד ויר פערשטעהען אונז". אומזיסט האָט אונזער דר. זאמענהאָף כל ימיו געארבעט אויף זיין וועלט־שפּראך, אויף עספּעראַנטאָ. קומט א צייט, ווען אלע ליגן אין דער בלאָטע, אָדער זיצן בא א פּרייליכן מאָלצייט — פארשטייט מען זיך מיטן וואונק א סך בע־סער, ווי מיט אנ׳עספּעראנטאָ און א וואָלאַפּיק.

מען רעדט פון היינט אויף מאָרגן, אז די ריין־פּראָווינצן וועלן ווערן פון די פראנצויזן און דער קליינער גרופּע פארקויפטע סמעטיאַנער (סמעט, א פראנצויזישער אגענט און א דייטשער בירגער ארבעט שוין עטליכע יאָר פאר דעם, אז דער ריין־געביט זאָל דערקלערן אויטאָנאָמיע און זיך אָפּ־רייסן פון דייטשלאנד) פּראָקלאמירט פאר אנ׳אומאָפּהיינגיקע ריינישע רעפּובליק. אין רור־געביט האָט מען גראד דערפאר קיין פחד ניט. אדרבה, מען האָט א שוואכע האָפנונג, אז אזא געקינצלטע מעשה קען מאָראליש נאָך בעסער ווירקן סיי אויף דער באפעלקערונג, ווי אויך אויף די לענדער, וואָס ווילן זיך נאָך דערווייליע ניט אריינמישן אין דעם דאָזיקן שטילן פאר־ביטערטן קאמף. עס מאכט ניט אוים, די שטילע אבסטרוקציע וועט ניט שוואכער ווערן, די באנען וועלן ווייטער ניט גיין, און קיין מענטש וועט ניט קענען צווינגען א האלבן מיליאָן ארבעטער צו שאפן די קוילן, נאָך וועלכע עס הונגערט אזוי די פראנצויזישע אינדוסטריע.

ווען פרייט זיך א געפייניקטער? ווען ער זעט, אז זיין פייניקער האט אויך בויכשמערצן. און די פראנצויזישע בויכקאליקן פארגרעסערן זיך וואס פון טאג. די באנען, פארלאזונגע פון די ארבעטער און אנגעפירטע פון פראנצויזן, געפינען זיך ניט אויס, ניט איין. עס פארגייט ניט א טאג, וואס עס זאלן ניט אראפ עטליכע צוגן פון די רעלסן. די וועגן זיינען פארשפארט פון איבערגעקערטע לאקאמאטיוון. אין מאנכע ערטער האבן שוין די פראנצויזן באוויזן צו צעשנירן די רעלסן, און פון מאינץ, וויסבאדן פארט מען שוין עטליכע טעג מיט אויטאמאבילן. עפעס מיט מאדנע נסים גייען נאך אפ אלע טאג 10 — 15 וואגאנען מיט קוילן קיין דייטשלאנד, נאר ביז איצט איז ניט געלונגען די פראנצויזן ארויסצופירן סך הכל מער ווי 20 — 15 וואגאנען אין פראנקרייך. די לעבנס־מיטל זיינען פארשוואונדן פון די קראמען, ווייל דעם אייגענעם קען מען אנדערשוואו פארקויפן, פארן ספאהי (אזוי רופט מען די שווארצע סאלדאטן) ווי פארן ווייסן פראנצויז איז קיין ברויט ניט פאראן. אין רור־געביט האבן זיך געגרינדעט אין די צענדליקער "צאפ־קלובן". ד. ה. די בירגער און ארבעטער קוקן גוט נאך איטליכס אויסגעלאסענע מיידל, וואס מען איז חושד אין א ראמאן מיט א פראנצויזן. די קלענסטע שטראף איז די, וואס מען שניידט איר ערעגץ אין א ווינקל אפ דעם צאפ פון קאפ, אמאל ראזירט מען איר אפ אויך דעם קאפ, וואס טראגט ניט קיין צאפ, נאר די היינט־מאדישע פריזור, ווי א פאזש. און וואס דאס באטייט, — קען מען פארשטיין, ווען מען האט געזען אין מאינץ דאס, וואס איך מיט מיין חבר בלום, פון "מארגן־זשורנאל" האבן פאר עטליכע וואכן געזען. די ספאהי׳ס שטייען פאר די בתי־הזונות גאנצע מחנות, אז מען קען די אָרעמע געסלעך ניט דורכגיין, און אונטער דער אנפירונג פון עטליכע פעלדפעבעלם דערשלאגט זיך דער ספאהי אין איינגשאפט א בילעט אויף אריינצוגיין. אין מאינץ, וואו די פראנצויזן זיינען שוין לאנג, האבן זיי שוין זייער חיל געקענט ווי עס איז מיט נויט פארזארגן. גיי אבער פארזארג א נייע ארמיי פון 60 — 50 טויזנט מאן אין אנ׳אקארסט אנגעקומענעם געביט!! אודאי איז קיין עצה ניט זיך צו רייצן מיט א ליבע־הונגעריקן פראנצויזן, און נאך א מאראקאנישן פראנצויזן! אבער די דייטשן קריכן דעם טיגער אין די ציין אריין, ווארום זייער פסוק איז: אויב אונטערגיין, — "תמות נפשי עם פלשתים".

וואס וועט זיין? אט די פראגע ליגט אויף איטליכנס צונג פון א ניט־דייטשן. עס איז אבער ניטא קיין ענטפער דארויף. דער שטילער פארביסענער קאמף איז ניט קיין אויסגערעכנטער שפיל, ניט פון די פראנצויזן, אויך ניט פון די דייטשן. א ווילדער נקמה׳דיקער רצון האט זיך איינגעביסן אין א פאלק, וואס וויל אינסטינקטיוו בשום אופן ניט אונטערגיין. דא קעמפן צוויי ווילנס: דער ווילן להרג ולאבד, און דער ווילן אויסצופרובן

די קראפט פון אנ'אייניקן 60־מיליאָניקן פאָלק. דער דייטש האָט ניט קיין טעות אין זיך, ער ווייסט ווי פריש איז נאָך די אנטיפאַטיע צו אים בא די פעלקער, ער האָפט ניט, אז בלויזע מאָראל וועט זיך דאָ אריינמישן, ער האָפט אויך ניט, ווי לענין, אז זיין טויט וועט די גאנצע וועלט אָנצינדן. ער איז בכלל ניט אין דעם פסיכאָלאָגישן צושטאנד, ווען מען האָפט און בויט אלערליי פלענער, דיפּלאָמאטישע און פּאָליטישע. זיין פסיכאָלאָגיע איז די לעצטע ווילנס־אָנשטריינגונג, און אזא פסיכאָלאָגיע מעסט מען ניט מיט די חכמות'לעך פון א נאָרמאלן טאָג־טעגליכן לעבן. עס קעמפן צוויי סטיכישע קרעפטן און קיינער קען ניט ווייסן, וואו דאָס עלעמענטארע איז שוואַכער, ווער וועט צעבראָכן ווערן, אָדער צעברעכן. ס'איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם פראנצויזן: ער פארלירט מיט איטליכן טאָג מער מיליארדן, ווי ער מאכט די מיליאָנען. ווי א באָקסיאר נאָכן דריטן גאנג (ראונד) האָט ער א פאר'שכור'טן בליק און זיין פויסט טרעפט עפּטער אין וואנט, ווי אונטערן קינבאק פון זיין קעגנער. אָבער, אזוי ווי פעלקער־פסיכאָזן האָבן אַן אָנשטעקנדיקע ווירקונג, קען מען מיט הארץ־קלאַפעניש און אימת־מות ווארטן אויף דער צייט, ווען דער קאָנטינענט וועט ווידער זיך אָנטאָן אין באקי־שינעלן און זוכן א טרוקענעם פּלאַץ אין נאסן גראָבן הינטער דראָטענע צוימען. מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן, — ווייסט נאָר איין גאָט, נאָר מיר אין אייראָפּא האָבן שוין דעם שיינעם פאָרגעפיל פון א צווייטן וועלט־קריג.

ויסבאדען דעם 25־טן יאַנואַר 1923.

א פארשלעפטע קרייענק.

פראנקרייך וויל פארדייען א צו גרויסן ביסן. עס וויל פארדייען א פאָלק, וואָס איז לויט זיין צאָל און לויט זיין גייסטיק־מאטעריעלער קראפט שטארקער און פעסטער פארן פראנצויזל. עס האָט איינגעביסן דעם דייטשן פארן לינקן גראָב־בייכיקן פוס און וויל עס ביסלעכוויז אראָפּלאָזן אין אירע שמאָלינקע פיינינקע בני מעים אריין. ווערגט זיך פראנקרייך מיטן שטיוול פון דייטשן, האלט עס נאָך דערווייל ביים אָפּזאָץ און קוי־לערט גזלנות'דיק מיט די רויטע פארלויפענע אויגן. אין די לעצטע וואָכן האָט דער ביס פון פראנצויזל זיך פארשטארקט מיט איטליכער מינוט. עס בושעוועט אין רור־געביט און ארום ריין, ווי אין די שענסטע מלחמה־צייטן.

דער פראנצויז באהאנדלט די דייטשע באפעלקערונג ניט בעסער, ווי די דייטשן די בעלגיער אין 15־טן און 16־טן יאָר. שטעט און שטעטלעך באַלייגט מען מיט קאָנטריבוציעס, און אז דאָס שטעטל געלזנסקירכען האָט ניט געוואָלט צאָלן א שטראָף פון א מיליאָן מארק, — האָט מען אָפּגעשטעלט פרידליכע בעלי־הבתים, זיי געבעטן מחילה ארויסצונעמען פון די קעשענעס די בייטלען און צוגענומען מיט א שמייכעלע אויף די ליפּן די עטליכע טויזנט מארק, וואָס זיינען דאָרט געלייגן. מיט געוואלטן און געשרייען רייסט מען זיך אריין אין די וואקזאלן, באפאלט די פאסאזשירן מיט ביקסן און בלויזע שווערדן, צעממית'ט ווייבער און קינדער און צעיאָגט איבער די גאסן א פרידליכן פובליקום. אויף איטליכן שריט גיט מען אָנצוהערן דעם דייטשן, אז ער מעג א מיתה משונה איינגעמען. איטליכן, וואָס טוט ניט אזא קרים, ווי מען באדארף, שיקט מען אין א שעה צ״ט ארויס פון זיין שטאָט, אים מיט זיין ווייב און קינדער, מיט האק און פאק. עס פארגייט ניט א טאָג, וואָס מען זאָל אויף אויטאָ־משא־וואָגנס ניט ארויספירן גאנצע טיילן פון דער אדמיניסטראציע, — די פּאָליציי מיט זייערע וואכמייסטער און אָפיצירן, די אייזנבאן־באאמטע מיט זייערע קאָנדוקטאָרן און דירעקטאָרן, די פּאָסט־באאמטע מיט זייערע אויבערשטע און אונטערשטע, און גלאט אזוי קרעמער און סוחרים, וואָס האָבן ניט ארויסגעוויזן קיין שטארק דרך־ארץ פאר די מאראָקאנער און אלזשירער סאָלדאטן.

דער פראנצויז איז מלא חמה, ער ווערגט זיך נאָך אלץ מיטן שמיוול אויף א דאָפּלטן זויל. נאָך עד היום איז אים ניט געלונגען ארויסצופירן אזוי פיל קוילן א היים אין משך פון א וואָך, וויפיל ער פלעגט באקומען פון דייטשלאנד דאָפּלט אזוי פיל אין א טאָג. געלינגט אים אמאָל צוגויסצושטעלן א לאָדונג קוילן פון א זעכציק וואגאָנעס — קען ער דעם צוג ניט דורכפירן. אויף די ערשטע סטאנציעס צווישן דיסלדאָרף און קעלן טרעפט מיטן צוג אנ'אומגליק, גייט ער אראָפּ פון די רעלסן, אָדער ער צעקאַליעטשעט דעם לאָקאָמאָטיוו און בלייבט שטיין אין מיטן פעלד. אין רור־געביט און ארום ביז מאנהיים, דארמשטאט, קארלסרוהע, ווערן די וואָגאָנען מיט די לאָקאָמאָטיוון נעלם פארן פראנצויזל!

פון די וואקזאלן, ווי פון א בינען־הויז, זיינען אוועק די ארבעטער. 70 טויזנט אייזנבאן־ארבעטער, וואָס באארבעטן דעם טראנספּאָרט אין געביט, זיצן איצט אין דער היים און באקומען פון דער רעגירונג זייער שכר שביתה. די פראנצויזן האָבן דערוויי־ל צונעפּאסט פון זייער מיליטער אנ'ערך 10 טויזנט מאן, וואָס דרייען זיך ארום די באנען. און מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאר א פּנים עס האָט איצט די אייזנבאן־באוועגונג אין

רור. די פּאָסאַזשירן פּאָרן ניט מיט די באַנען, און ניט חלילה מחמת פּאַטריאָטיזם, נאָר מחמת סכנות נפשות. פון וויסבאַדן קיין קעלן־דיסלדאָרף גייען נאָר מיליטערישע צוגן, און אַזוי ווי דער חיל ציטערט פאַר זיינע ביינער, פּאָרט ער פּאַרזיכטיק, אַז באַ אַן אומפאַל זאָל ער אַרויס מיט זיין לעבן.. אַ שטרעקע פון 40 קילאָמעטער פּאָרט ער 3־4 שעה. דער סאָל־דאַט, דער אייזנבאַן־אַרבעטער גייט צו־פוס נאָכן צוג, און רויכערט רואיק זיין פּיפּקע.

צפון־דייטשלאַנד איז נאָך דערוויל פאַרזאָרגט מיט קוילן אויף אַ היבשע צייט. אין רור־געביט איז מען פאַרוואָרפן מיט קוילן, און די פאַבריקן אַרבעטן. אמת, מען לאָזט ניט אַרויס אָן אַ פראַנצויזישע באַ־ווילִיקונג קיין זאַך ניט פון רור־געביט. אָבער די פאַבריקאַנטן איילן זיך ניט, סחורה ווערט טייערער פון טאָג צו טאָג, און ווען האָלאַנד, בעלגיען און די סקאַנדינאַווישע מלוכות וועלן אויספאַרקויפן די דייטשע סחורות, וועלן זיי צאָלן די בעסטע פרייזן פאַר די ניי־אָנגעקומענע. וואָרום אַליין פּראָדוצירן קענען זיי ניט, זיי זיצן צוליב פּואַנקאַרע אָן די דייטשע ביליקע קוילן. זיי שטעלן איין אַ פאַבריק נאָך אַ פאַבריק, וויל עס איז ניטאָ מיט וואָס צו הייצן.

אודאי איז ניט גוט, ווען אַ הונט האָט דיר אָנגעכאַפּט באַ דער פּאָלע און מען האָט ניט קיין שטעקן אים אָפּצוטרייבן. אָבער דער דייטש רעכנט זיך אויס אַזוי: ווי לאַנג וועט דער הונט מיר האַלטן פאַר דער פּאָלע? — ביז עס וועט אים ניט מיאוס און ווערן. וואָרום אויפעסן אַ בלע־כענע פּאָלע איז אויך אַ הונט ניט בכח. אי, דער רעגירונג קאָסט אַ הויפן געלט אויסצוהאַלטן מערערע הונדערט טויזנטער אַרבעטער ־ משפחות? אי, עס ווערן פאַרפאַלן פאַר מיליאָנען שטייערן, וואָס קומען פון רור? אי, עס קומט אויס צו טראָגן אויף די פּלייצעס טויזנטער באַאַמטע פון דער פּאָסט, פון מאַגיסטראַט, פון דער רעגירונג, פון דעם צאָל־אַמט? איז טאַקע זייער ניט גוט. אָבער דערפאַר צאָלט דייטשלאַנד איצט ניט קיין רעפּאַ־ראַציע־געלט פראַנקרייך און בעלגיען. עס באַקומט אַ גרויסע טייל שטיצע פאַרן רור־געביט פון גאַנץ דייטשלאַנד און אויך אויסלאַנד, עס האָפט אויך, אַז באַ דער קומענדיקער אינטערווענציע וועט מען איר גוט אַריינ־רעכענען אַלע שאָדן און אַלע קאָסטן, וואָס זי האָט געהאַט אין דער צייט פון רור־באַזעצונג. די דייטשע רעגירונג, וואָס ווערט שטאַרק געשטיצט פון דער עפנטליכער מיינונג, פון די גרויס־אינדוסטריעלער, וועלכע פירן דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן פראַנקרייך אַ סך פאַרביטערטער, ווי דער אַרבעטער (ער האָט דאָך עפּעס צו פאַרלירן!), וואָס ווערט אומדירעקט געשטיצט פון דער גאַנצער ווירטשאַפטס־וועלט, דערלויבט זיך צו האָבן אויף

א געוויסע צייט ניט קיין קלענערע ארבעטסלאָזיקייט, ווי דער רייכער פעטער ענגלאנד און אויך אמעריקע. די לאגע פון איצטיקן רור־געביט קען מען פארגלייכן מיט א צייטווייליקער גרויסער ארבעטסלאָזיקייט. און אזוי ווי די איצטיקע שטרייקנדע ארבעטער זיינען ניט אזוינע ווי די געוואוינליכע, אין דער צייט פון אַן'אינדוסטריעלן קריזיס — דארף מען זיי שטיצן מיט דער פולער ניט געמינערטער גאזשע. הייסט עס, אז דייטשלאנד האָט איצט ניט קיין האלבן מיליאָן ארבעטסלאָזע, זאָנדערן ביז אַן'ערך צוויי מיליאָן. די דאָזיקע צוויי מיליאָנען קען מען טראָגן אויף די פּלייצעס, ווי באלד נאָר אז עס איז דאָ א גרויסע האָפנונג אָפּצוקריגן פון איינגעשטילטן פראנצויזן א טייל פון די שאָדנס, וואָס ער האָט אָנגעמאכט ביים ריין. אָבער ניט דאָס אליין איז דער חשבון פון די דייטשן. ס'איז ניטאָ דער קלענסטער ספק, אז אין דעם איצטיקן פּאסיוון קאמף דריקט זיך אויס עפּעס א פאָלקסגעפיל, וואָס איז מער, ווי דאָס זאָגט דאָס וואָרט נאציאָנאליזם, אָדער פּאטריאָטיזם. דייטשלאנד האָט זיך אין די בעסטע זיגרייכסטע יאָרן פון קריג ניט געפילט אזוי פאראייניקט, אזוי אָרגאניש פארבונדן מיטן פאָטערלאנד, ווי איצט. דאָס איז עפּעס א מיסטיש געפיל, וואָס מאכט פון אייגצלטע פּארטייען און פארשיידענע גרופּירונגען עפּעס אַן'אגודה אחת, עפּעס אזוינס, וואָס מען קען איינגאנצן פארניכטן, אָבער ניט צעשטיקלען אויף איינצלנע אברים.

ווען איך קוק זיך איצט צו צום אומעטיקן דייטשלאנד, וואו סיי אין בערלין, ווי אין מאינץ, קעלן איז פארשטילט געוואָרן דאָס לעבן, און מענטשן גייען נידערשלאָגן איבער די גאסן מיט פאראומערטע פּנים'ער, וואו עס האָבן אויפגעהערט צו סמיטשקען די פידל־שפּילער אין די טאנץ־לאָקאַלן, און עלף א זייגער איז שוין אין בערלין שטיל און טונקל ווי אין א דאָרף, — זע איך ממש די איינגעשפּאַרטקייט פון א געזונט פאָלק, וואָס איז גרייט צו גיין אויף אלע שלעק, אבי ניט צעשטיקלט צו ווערן, אבי ניט אראָפּ פון דעם אויבנאָן, וואָס זיי נעמען איין אין דער וועלט פון קולטור, ארבעט און ווייסנשאפט.

עס זיינען דאָ אזוינע מאָמענטן אין דער היסטאָריע פון פעלקער, וואו נשמה־אינטערעסן ווערן שטארקער ווי די מאטעריעלע. מעג אפילו דאָס מאטעריעלע זיין די אונטערלאגע פון דעם גייסטיקן קאמף. נאָר וואו איז די גרענעץ, וואָס טרייבט ניט דאָס גייסטיקע העכער, ווי דאָס מאטעריעלע אינטערעס פארלאנגט עס? עס זיינען דאָ חיות, וואָס ווען א יעגער פארפאָלגט זיי, מאכן זיי אליין א סוף פון זייער לעבן, גייען זיי בעסער אליין אין טויט אריין, איידער דורך די האנט פון יעגער. אונזערע געפילן קענען באקומען דעם ערשטן אָפּשטויס פון מאטעריעלע סבות, אָבער ווען זיי צע־

ברענגען זיך, שפּייען זיי אויך אויף די ערשטע סבות, וואָס האָבן זיי אויפֿ־געוועקט צום לעבן. אונזערע חכמים און פּראָפעסאָרן וועלן כסדר זיך מתוכח זיין אין גראָב־בייכיקע ספרים, וואָס איז די סבה פון אונזערע טאַטן, צי דער גייסט, צי די מאַטעריע. פאַרן לעבעדיקן מענטשן איז די סבה עפּעס א זייטיקס; די הויפּטזאַך איז: וואָס האָט זיך צעפּלאָקערט איצט, צי די נשמה פון א פאָלק, צי די עקשנות פון א בערזיאַנער, וואָס האַלט אין איין וואַרפן אָדער הייבן פאַרשיידענע אַקציעס?

דייטשלאַנד האָט איצט א נשמה. עס איז איצט באַ אַלע צרות דאָס אינטערעסאַנטסטע לאַנד אין אייראָפּע, וואו עס קאָכט זיך א געקעכטס פון דאָס שטאַרקסטע און פלאַמענדיקסטע אין א מענטשליכער נשמה.

דייטשלאַנד ווייסט, -אַז די מעשה־רור איז א פאַרשלעפּטע קריינק. פראַנקרייך קען א סך לייננער אויסהאַלטן בנוגע צו געלט און צייט. עס וועט נאָך לאַנג דויערן ביז דער פראַנצויזישער בירגער וועט דערפילן דאָס שלעכטס, וואָס בלאָזט פון די רור'ער קוימענס אויף זיין לאַנד און זיין קעשענע. ענגלאַנד איז מער פאַראינטערעסירט אין אַן'אייראָפּייאישן גלייכ־געוויכט, ווי דערין, וואָס דייטשלאַנד האַלט מען באַ דער פּאַלע. כּל זמן ענגלאַנד האָט נאָך ניט קיין פּלאַן צו ברייננען דעם קאָנטינענט אין גלייכ־געוויכט, וועט דאָס וואַרטן און שווייגן. נאָר אין דעם מאָמענט, וואָס די מעשה פון רור וועט ברייננען צו אַן'אָפּמאַך, צו א וואָפן־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, וועט ענגלאַנד זיך אָנהייבן אַריינמישן.

דאָס איז אָבער א לאַנגע מעשה. און אַמעריקע איז פּאַרט א פּאָלק פון א מאָנראָע־דאָקטרין, וואָס האָט פיינט זיך אַריינצומישן אין פרעמדע עסקים.

דייטשלאַנד האָפט ניט אויף קיין וואונדער. ווי א פּאָלק, וואָס קעמפט איצט פאַר זיין רעכט, גלויבט עס אין דעם כח פון רעכט. דייטשלאַנד איז פונקט דער היפּוך פון אַמאָל, ווען אַלץ איז געווען געבויט אויפן פּרינציפּ פון מאַכט. עס האָט איצט א נשמה באַקומען. אגב, פעלקער באַקומען נאָר צייטנווייז א נשמה, און באַ א פאַרשלעפּטער קריינק קען אַמאָל דאָס פאָלק אונטערגיין איינאיינעם מיט דער נשמה, און דערום איז טאַקע רוסלאַנד און א רוסישע הילף עפּעס אַזוינס, מיט וואָס דער דייטש איז איצט שטאַרק, שטאַרק באַשעפטיקט.

איך לאַנד פון מסירת נפש.

איצט פאַרשטיי איך שוין ווי מען קען זיך מוסר נפש זיין, ווען עס איז שוין ניט אויסצוהאַלטן. דייטשלאַנד האָט שוין דערגרייכט די גרענעץ ווען מענטשן פאַרגעסן אייגן בלוט און פלייש און וואַקסן ווי די גאָטישע קירכן מיטן שפּיץ צום הימל צו. פון טאָג אָן, ווען עס זיינען אריין אין עסען, דיסלדאָרף, באָכום, אין רור־געביט עטליכע ווייסע פראַנצויזישע סאָלדאַטן און פּופּציק טויזנט רויטע יאַרמעלקעס מיט שוואַרצע פּנים'ער, איז דייטשלאַנד געוואָרן אַן'אַנדער לאַנד מיט אַ וואונדערליך־נייעם עקשנות'דיקן ווילן. איצעלע דער פּרוש, פון די סלאָבאָדקער מוסר'ניקעס, האָט כסדר געטענה'ט: רצון איז — ברעכן דעם שטאַרקסטן רצון. למשל, דו גייסט אין אַ נאַסן טאָג דורך יאַטקעווער גאַס און ווילסט ניט פאַלן גראַד אַרײַן דער בלאָטע אַריין, דענסטמאָל זאָלסטו דיין רצון צעברעכן און דווקא זיך אויסציען אין דער לײַנג און דער ברייט אויף יאַטקעווער שלעכט־ברוקירטער בלאָטיקער גאַס.

די דייטשן האָבן פון יאַנואַר אָן גענומען אויף זיך די נייע אויפגאַבע: טרייבן די פּאָליטישע ערייגנישן אין אַזאַ ריכטונג, וואָס עס איז שוין דאָס אייגענע וואָס אויסציען זיך אין דער בלאָטע, דווקא טרייבן דעם הונגער ביז צו די טירן פון גרויס און קליין, דווקא צומאַכן אַלע אויוונס, וואָס וואַרעמען אָן אַמאָל אַ שטוב און גיבן פייער אַן'אָרעמער קיך, דווקא זיך צו באַנוגענען מיט גרויס־שטאָט לעבן, וואו עלף אַ זייגער באַנאַכט איז ניטאָ וואו אַ גלאָז ביר אויסצוטרינקען, דווקא פאַרגרעסערן די צאָל פון די ארבעטס־לאָזע און פון די, וואָס האָבן ניט קיין צימערל, אוואו אַ קאָפּ אנידערצולייגן, דווקא צונעמען וואָס עס איז פאַר אַ מעגליכקייט זיך אויסצוגלייכן מיטן שונא, וואָס האַלט כסדר אויסגעשטרעקט די הענט צו דערשטיקן, דווקא זיך צו באַפרייען פון דער מאָראַל, וואָס מאַכט דיך שולדיק פאַרן קריג און הייסט דיר פירן "אַנ'ערפילונגס־פּאָליטיק", דווקא צעציען אויף זיך און אויף דער וועלט דעם בלייכן שאָטן פון קאָמוניסטישע צעשטערער. קורץ און גוט, — דווקא נעמען זיך אַזאַ דרך אין דער פּאָליטיק, פאַר וואָס דייטשלאַנד האָט פיר יאָר נאָכאַנאַנט געציטערט ווי פאַרן טויט.

א פּאָלק פון זעכציק מיליאָן האָט זיך א נדר געטאָן צו גיין אויף אַלע יסורים און פּיין, אבי ניט נאָכצוגעבן. דער אַלטער פארמאסקירטער ווילן צו צאָלן דעם שונא וואָס וויניקער און, אויב מעגליך, זיך איינגאנצן ארויסדרייען פון אנ׳אָפּמאך, וואָס איז נאריש און ווילד־משוגע, האָט אראָפּ־געוואָרפן די מאסקע. דייטשלאנד האָט, פּונקט ווי אירע ארבעטער, אָפּטמאָל צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט און קלאָר דערקלערט די פראנ־צויזן, אז מען קען גארניט מאכן, ווען מען וויל ניט. אי, וואָס? עס וועט נאָך זיין ערגער? ברעכט מען דעם ווילן און מען נעמט אָן די קאָנסעק־ווענצן מיט דעם גאנצן מסירת נפש פון אנ׳אָרגאניזירט פאָלק.

דער פּסוק פון איצטיקן דייטשלאנד איז: "די מאכט דער אָנמאכט". פון דער ארבעטער־באוועגונג האָט עס זיך אראָפּגענומען א מוסר. עס גע־דיינקט נאָך פון דער וועלט־געשיכטע א סך אזוינס, וואָס באווייזט, אז אָרגאניזירטע אומעכטיקייט איז אויך אמאָל א שטארקע מאכט. אין תנ״ך שטייט שוין דער פּסוק "לא בכח כי אם ברוח", ד. ה. ניט מיט דער פויסט נאָר מיטן גייסט. דאָס יידישע פאָלק איז אויך אזא מין ביישפּיל, וואו א גייסטיקע אָבסטרוקציע האָט געגעבן אנ׳אומה עטליכע טויזנט יאָר לעבן. די גרויסע ארבעטער־שטרייקן האָבן אויך עפּעס באוויזן, און זייער פילאָזאָף העגעל האָט שוין מיט הונדערט יאָר צוריק געזאָגט, אז פון יעדע הנחה אנטוויקלט זיך פּונקט אזא קרעפטיקע קעגן־הנחה, למשל פון אומאכט ווערט מאכט; אז די סומע פון צאָלן איז מער ווי די סומע. עס איז עפּעס א נייע אייגנשאפט. זעכציק מיליאָן מענטשן אין אנ׳אבסטרוקציע איז עפּעס אנדערש, ווי דער סך הכל פון זעכציק מיליאָן. דאָס איז אנ׳אָנגעלאָ־דעוועטע באָמבע, וואָס פּלאצנדיק קען זי אמאָל מער חרוב מאכן די וועלט, ווי די פערצן טויזנט עראָפּלאנען, וואָס פראנקרייך האלט גרייט פאר ענגלאנד אמאָל. "די מאכט דער אָנמאכט" איז דער נייער כלי־זין פון איצטיקן דייטשלאנד און דער איצטיקער "פּאסיווער ווידערשטאנד", ווי מען רופט דאָס אָן דאָ, אָנהייבנדיק פון פּרעזידענט ביז דעם לעצטן שטיוול־פּוצער, איז די נייע פאָרם פון קריג, וואָס דייטשלאנד האָט דערקלערט פראנקרייך. ביים קומענדיקן אָפּמאך וועט מען שוין דייטשלאנד ניט דער־קלערן פאר "שולדיק", ווי אין ווערסאל, פארן ערשטן קריג. דער אָנפאלער איז פראנקרייך און פראנקרייך וועט מוזן באצאָלן מיט צינז־צינזן אַלע שאָדנס, וואָס עס האָט אָנגעמאכט.

דער דאָזיקער גרויסארטיקער "פּאסיווער ווידערשטאנד" האָט ניט קיין ביישפּיל אין דער וועלט־געשיכטע. זי ווערט ווידער באַרייכערט מיט א גרויסע פּאָליטישע טאטזאך, וואָס דייטשלאנד האָט דאָס אויסגעפירט. חוץ געטהע׳ן און קאנט׳ן האָט עס געגעבן איצט אין זיין געוואלטיקער ני־דערשלאָגנקייט ווידער א מוסטער פון זעלבסטשוץ. דייטשלאנד,

א באזינגטע, הערט נים אויף צו זיין דער שול־לערער פון דער וועלט, און זיין גייסטיקע וועררע אין דער וועלט־קולטור הייבט זיך ווידער אויף, ווי א פייער־פלאקערדיקע ראקעטע צום הימל. דער קריג מיט די וואפן פון אונמאכט ווערט געפירט פון דייטשלאנד מיט דער אייגענער ענערגיע ווי אין 1914. פונקט ווי דאמאלסט איז דייטשלאנד איצט א געאייניקטע. דער ארבעטער און קוילן־מאגנאט שטייען אין איין פראנט, און הינטער זיי שפארט אפ דאס לאנד פון זיך דעם לעצטן מארק אבי עפעס צו דערלייכ־טערן דעם גורל פון די, וואס זיצן אין די שיצנגראבנס. דאס לאנד האט ווידער באקומען א נשמה פון א פאלק וואס צעבערעכט אלערליי רצונות פאר איין איינציקן רצון — צו ווייזן דער וועלט די מאראלישע קראפט פון אונמאכט.

קירדארף, איינער פון די גרעסטע קוילן־מאגנאטן אין רור־געביט, איינער פון די אויפבויער פון היינטיקן דור, ווי קרופ, טיסען און סטינעס, האט אין 1914, בעת דער קריג איז אויסגעבראכן, פאראויסגעזאגט, אז דייטשלאנד וועט דעם קריג פארלירן. זיין נבואה איז פינקטליך אנגעקומען. היינט אבער האט ער נבואות געזאגט, אז דעם קריג וועט דייטשלאנד גע־ווינען. ער צווייפלט ניט, אז די פראנצויזן וועלן מיט בושה פארלאזן דעם ארט, וואו זיי זיינען אזוי חוצפה'דיק אריין מיט זייער מיליטער. אין דייטש־לאנד דערלעבט מען איצט דעם פאראדאקס, אז די פראנצויזישע רעגירונג קויפט צונויף מיליארדן פאפיר־מארקן און הייבט ניט ווילנדיק דעם מארק, ווי זי דערנידעריקט גלייכצייטיק דעם שוין גוט געפאלענעם פראנק. דאס גייט דא אין רור־געביט אזוי ווייט, אז דארטיקע פראנצויזן ספעקולירן איצט אין אלע קאפעס אויף די דערהייבונג פון מארק און מאכן מאנכע טעג ניט קיין שלעכטע געשעפטן.

ווי עס ווייזט אויס, איז פירן קריג מיט חיל א סך לייכטער ווי מיט דעםווירטשאפטס־מיליטער. בערך מער ווי א מיליאן מענטשן מיט זייע־רע פאמיליעס האבן זיך אוועקגעשטעלט אין א פאזע פון א פעלז, וואס קיין גוטע רייד נעמען אים ניט. פאר עטליכע הונדערט אינזשענערן, גענעראלן און כל בו'ניקעס שטייט א מיליאנענמאסע מיט פארביסענע ליפן און שווייגט. עס רירט זיך ניט קיין האנט, אום זיי כאטש צו פארלייכטערן א ביסל. זי איז שטום ווען מען ווענדעט זיך צו איר, ווייל זי איז ניט מחויב צו קענען אין דייטשלאנד פראנצויזיש. בא יעדן באזוך פון א קאנטראלער מיט עטליכע סאלדאטן אין א דייטשער קוילנשאכטע שטעלט זיך באלד אפ די ארבעט. פאר די מיט געוואלט־פארכאפטע קוילן אין די אנגעלא־דעוועטע וואגאנעס גיט מען ניט קיין לאקאמאטיוון. עס איז ניטא קיין איין אייזנבאן ־ ארבעטער, וואס זאל צונויפשפעפן די וואגאנען, וואס שטייען פאר'יתום'ט אויף די רעלסן.

קורץ און גוט, — וואָס מען נעמט ניט מיט געוואַלט, קען מען ניט אַרויספּירן, ווײַל אַלע פערד זיינען אָן פּאַרקאָוועס און אין די וואַגאָנעס פעלט א ראָד אָדער דער אקס איז צעבראָכן.

איך בין די טעג געווען אין מאַינץ, וואו פראַנצויזן האָבן פאר א קריגס־געריכט פאַראורטיילט די צענדליקער דירעקטאָרן און באַאמטע, וועלכע זיי האָבן אין די לעצטע פּאָר וואָכן אַרעסטירט, דאַרונטער אויך פריטץ טיסען, דעם גרויסן קוילן־מאַגנאַט.

אין טאָג פון געריכט איז דעם דייטשן פאַרבאָטן געוואָרן צו דע־מאָנסטרירן. איז אָבער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס א באַפעלקערונג פון הונדערט טויזנט אַרבעטער און בירגער מיט פאָנען אין די הענט. מען האָט געזונגען דייטשע פּאַטריאָטישע לידער און פאַרהילכט די לופט מיט "דייטש־לאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס". די פראַנצויזן האָבן ניט דערוועגט זיך צו שיסן, וואָרום אין א גאַנצע שטאָט פאַרביסענע פּאַטריאָטישע זינגער איז ניט כדאי צו שיסן, און דעם גענעראַלס שטריינגער פאַרבאָט איז געליגן אין דער בלאָטע, וואו עס ליגט איצט פּואַנקאַרע אַליין בכבודו.

יאָ, עס איז קיין ספק ניט, אַז דייטשלאַנד'ס נייער פעסטער באַשלוס וועט אַרויספירן דאָס לאַנד פון דעם איצטיקן בערב'דיקן גלייכגעוויכט. בעסער עטליכע מאָנאַט א גוטוויליקן הונגער אויף זיך נעמען איידער אויס־גיין טראָפּנווייז. דייטשלאַנד האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירן. מען הונ־גערט שוין ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז בעסער קלאָר מאַכן די לאַגע מיט איין קלאַפּ, איידער צו דערגיין צו א קאַניבאַליזמוס ווי אין די דרום'דיקע רוסישע גובערניעס.

איך באַדויער אייך, מיינע ליבע לעזער, וואָס קיינער איז איצט פון אייך ניט אין דייטשלאַנד וואו "עס איז א לוסט צו לעבן", ווי דאָס האָט אַמאָל געזאָגט הוטען אין דער רעפאָרמאַציאָנס־צייט. א נייע מעטאָדע פון קאַמף־מיטלען ווערט איצט דורכגעפירט. א פאָלק אָן וואָפן קעמפט, און נאָך וואָס פאַר א פאָלק, וואָס איז געווען אין דער צייט פון קריג דער שול־מייסטער פון אַלערליי צעשטערנדיקע וואָפן.

פאַר מיר, אַלס יידן, איז דער איצטיקער דייטשער שטרייק א סימבאָל צו אונזער אייגענעם, וואָס מיר האָבן אפשר ניט אין אַזא גראַנדיעזן אופן געקענט אַנטוויקלען, אָבער וואָס איז שוין געווען דורות־לאַנג א שטרייק קעגן א באַוואָפנטער מאַכט. און איך בין זיכער, אַז נאָך דעם איצטיקן זיג וועט מיט אַמאָל ווערן אַנ'איבערקערעניש אין דער וועלט בנוגע צום דייטשן, וועמען מען האָט נאָך אַלץ ניט ליב אומעטום. אין צווייטן קריג צייגט זיך דער דייטש אין זיין גאַנצער מאָראַלישער גרויסקייט. און ווי דער קריג זאָל זיך ניט ענדיקן, — די סימפּאַטיען פון דער גרויסער וועלט וועלן אים ווידער געשיינקט ווערן.

איך ראט די אמעריקאנער, וואָס האָבן אזוי ליב צו וועטן בא יעדן ג״ויסן פּיט, אז זיי זאָלן שטעלן גלייכער אויף דער דייטשער זייט. עס איז בכלל גלייכער צו זיין פאר א מאָראלישן נצחון, איידער פאר א זיג פון א כל־בו׳ניק מיט א רעוואָלווער אין דער האנט.

מאַינץ, סוף יאַנואַר 1923.

די בעל־הבית׳טע מיטן שלומפּער.

צי האָט זי ליב דעם מאן צי ניט, צי איז זי א ברוגז׳דיקע, צי א פריי־ליכע, צי איז זי א מאָגערע שפּרינגערקע, צי א לייביקע, בכבוד׳יקע — מענטשן קענען זי ניט סובל זיין. וואָס פארלאנגט מען פון א בעל־הבית׳טע? אז די שטולן זאָלן ניט שטיין צעוואָרפן, נאָר סטאטקאָוונע ארום טיש און אין די ווינקעלעך, אז אויפן שעזלאנג זאָלן ליגן צוקאָפּנס די קישעלעך און ניט א פּולע שיסל מיט מולענעס, אז דער עסטיש זאָל האָבן א ווייסן טישטוך און ניט א צעקאָלופּעטע צעראטע, אז דער ווייבס קאָפּ זאָל זיין פארקעמט, און אין טעלער זופּ זאָל ניט ארומשווימען אירע האָר, אז די לאָמפּ זאָל לייכטן, ווי בא לייטן, ניט דורך פעט־פלעקן און שטויב פון אנ׳עדיאנ[illegible]עלכ[illegible] א[illegible]ט קיינמאָל ניט אָפּגעווישט.

די מיטן שלומפּער האָט עפּעס א ספּעציעלע פּייאיקייט מקיים צו זיין די תרי״ג מצות פון אנ׳אמת׳ער בעל־הבית׳טע, ווי עס שטייט אין דער ווייבערשער תורה, מאָדנע אומגעלומפּערט. זי איז זיך מתעסק אין דער קיך, אין די צימערן, קאָרמעט די קינדער, נייט, שטריקט, האָראָוועט כמעט א גאנצן טאָג. למשל, זי צעשטעלט די שטולן אין צימער, אָבער מיט אזא רעש און מיט אזא פלאן, אז מען צעברעכט די פיס, ווען מען גייט צו פון טיש צום פענסטער. דער מיטאָג האָט אלע בעל־הבת׳ישע געריכטן, אָבער אין יעדן געריכט פילט איר דעם טעם פון אלע. פונם פלייש הערט זיך פיש, אמאָל אויך א הערינג־גערוך; אין די זיסע שפּייזן האָט זיך פארקליבן די נשמה פון חומש׳דיקן מן, ווען מען האָט געקענט פילן דעם ריח פון רע־טעך, ציבעלע און קנאָבל אויך. זי בעט אייך אוים דאָס בעט, אָבער אייער צוקאָפּנס איז מיט א האלבן מעטער העכער אָדער נידעריקער, ווי עס דארף צו זיין. די שלאָף־שיך שטייען אויף דער שאפע און דער זייגער איז אָנ־געלענט ביים בעט, ווייל דער טשוואָק אויף וואָס ער היינגט, איז לויז געוואָרן: איידער ווען־וואָס, — איז בעסער אז ער זאָל שטיין בא אייך צוקאָפּנס, איידער ער זאָל אייך פאלן אויפן שארבן.

און ווען זי גייט מיט אייך אין געסט, זייט איר ניט זיכער פון איר שלומפּער. זי פּוצט זיך אַזוי אויס, אַז מען מיינט, איר זייט אַ מענעד־זשער פון אַ יפה־פיה, וואָס איר גייט אויסשטעלן אין אַ פּאַנאָפּטיקום. און זיצט זי מיט אייך צווישן פרעמדע מענטשן, — איז איר באַנעמען זיך אַזוי שלומפּערדיק, ווי דער זוים פון איר קלייד. אָדער זי לאַכט צו הויך, אָדער זי באַטאַפּט מיט די שלעכט מאַניקירטע פינגער דעם כבוד אויפן טיש, אָדער זי נעמט אַן׳איבעריקע גלעזל ווייַן, אָדער זי צערעדט זיך אין אַ ווייבערשן מוסר־שטייגער און רעדט אָן כל־דאָס־בייז אויף פרעמדע און אייגענע.

די בעל־הבית׳טע מיטן שלומפּער איז די פרוי אָן חן, אָן דעם ווייבערשן ריטמוס; אַ ריִע מעכאַנישע באַוועגונגען אָן אַ נשמה, טויזנטער מענטש־ליכע פּליכטן אָן אַ מענטשן הינטער זיי. שטעלט זיך פאַר דעם שרעק, ווען די תרי״ג מצות באַקומען פּיס אָן דעם קאָפּ פון אַ וואָר־רעליגיעזן יידן, און הייבן אָן צו רעגירן איבער דער לעבעדיקער וועלט. פון וואַנ־זיך פרימאָרגנס ווערט ״נעגל־וואַסער אָפּגיסן״, פון אַ בלוי־ווייסן פראַנז ווערט אַ ברודיקע באַוולנע ציצה הינטער אַ שמוציקן קאַפּטל, פון אַ פאַלקס־תענית — אַ תשעה באב, דער הונגעריקער גרילץ פון אַ מאַרק־יידל, וואָס האָט שוין פופצן שעה ניט געגעסן.

* * *

די בעל־הבית׳טע מיטן שלומפּער רופט מען [illegible]ט אָן די אייראָפּיי־אישע מלוכות, די שטאַטן, וואָס הערן ניט אויף צו בעל־הבת׳עווען, ווי אַמאָל, אָבער וואָס האָבן שוין פאַרלוירן די פּיִאיקייט אַריינצוטראָגן אין דער בעלהבת׳ישקייט כאָטש וואָס עס איז פאַר אַ סדר. דער חשק צו רע־גירן איז ניט געמינערט געוואָרן אויף אַ האָר. עס פעלן ברוך השם ניט די הענט וואָס שטרעקן זיך אויס נאָך אַ מינסטער־פּאָרטפעל. עס איז נאָך ער היום ניט געוועזן אַזאַ פאַל, אַז אַ פּאָליטיקער פון פאַרן קריג זאָל דאָס ניט וועלן זיין נאָכן קריג. אַלע די פריערדיקע בעל־הבית׳עס נעמען אויף זיך צו מאַכן אַנ׳אָרדנונג אין זאַל, ווי אין וואַטער־קלאָזעט. עס באַווייַזן זך טאָג־טעגליך ביכער און בראָשורן, וואָס זאָגן אָן דעם עולם, אַז מען דאַרף פאַנאַנדערשטעלן די שטולן אין זאַל, צעשטעלן די גלעזער און פּלע־שער אויף די טישן און אַז זיי, די פאַרפאַסער, זיינען גרייט זיך צו נעמען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. אָבער די בעל־הבית׳עס זיינען שלומפּערס, און ווי נאָר זיי נעמען די באַרשט אין דער האַנט אַרומצונעמען די שפּינוועבס פון די ווינקלען, מאַכן זיי אַזוינע אומגעלומפּערטע באַוועגונגען, אַז די הענטל פון באַרשט צעשלאָגט אַ שויב נאָך אַ שויב, אָדער צעשמעטערט די לעמפּלעך אויפן הייננ־לאָמפּ אין פּיצעלעך.

וואָס איז אייגנטליך די פונקציע פון דער מלוכה? בעל־הבת׳עווען אין דערווירטשאפט. אין תוך גענומען — א ווייבערשע ארבעט. די מלוכה באשאפט ניט, פונקט אזוי ווי די בעל־הבית׳טע האָט ניט אויסגעטראַכט קיין איין מעבל־שטיק, פון וועלכן זי ווישט אָפּ דעם שטויב. דעם טיש מאַכט דער סטאָלער, די באַלייכטונג האָט באשאפן עדיסאָן, דער ווייַן אויפן טיש קומט פון פויער און קעלטעכער, אפילו די בארשט, מיט וואָס זי באנוצט זיך אזוי אָפט, קומט פון א סמארגאָנער בערשטער. קורץ, אלץ וואָס זי האלט אין די הענט, קומט פון שאפנדיקע מענטשן, פון גאָלד־שפּינער, וואָס האָט מער הנאה פון דער ארבעט, ווי פון רעגירן און בעל־הבת׳עווען. דער לעצטער עסק געהערט צו דער פרוי, וואָס האָט די פּיי־איקייט דאָס, וואָס דער מענטש האָט אָנגעוואָרפן אין זיין שאפונגס־ברען, אויסצושטעלן אין א חן׳עווידיקער, עסטעטישער אָרדנונג. פּאָליטיקער מכל המינים, פון א לאָיד דזשאָרדזש ביז א יידישן באאמטן פון דזשאָינט אין א ליטווישן שטעטל, זיינען ניט מער ווי די דינער פון שאפנדיקן מענטשן. איז ער בכח צו באנעמען און נאָכצוגיין דעם ווילן פון דעם שאפנדיקן מענטשן — איז ער זייער נוצליך, און מען מעג אים שטעלן א מירמעלנע סטאטוע, נאָך אין לעבן זיינעם. ער איז פונקט אזוי נוצליך, ווי איטליכע געשיקטע בעל־הבית׳טע, וועלכע מיר באפוצן אויך כל זמן זי לעבט מיט זיידנס, גאָלד און בריליאנטן. האָט ער אָבער פארלוירן דעם קשר צווישן שאפנדיקע מענטשן, און בעל־הבת׳עוועט גלאַט אין דער וועלט אריין, ווייל זיין אינטעליגענץ איז ווייטער ווי פון שטיין בא דער קיך ניט דער־וואקסן, — ווערט ער א קללה, אנ׳אומרו אין זייגער, וואָס כאפט אריבער אָדער דערכאפט ניט די צייט, דעם פּולס פון די שאפנדיקע קרעפטן אין פאָלקס־אָרגאניזם. דער היינטיקער אייראָפּייאישער שטאַט, ד. ה., זיינע פירער, איז אזא בעל־הבית׳טע, וואָס האָט פארלוירן דעם חוש צו דעם פעלקער־ווילן: ניט זי וויים, וואָס זי אדמיניסטרירט, ניט זי וויים, וואָס צו אדמיניסטרירן. ס׳איז די בעל־הבית׳טע מיטן שלומפּער.

* * *

די פעלקער אין אייראָפּא זיינען אין די טיפסטע טיפענישן דורכ־געדרונגען מיט דעם ווילן צו פרידן און צו א ברודערשאפט מיט די נעכטיקע שונאים. איר געפינט היינט ניט קיין איין אומה ולשון, וואָס דערמאָנט זיך ניט מיט שוויים־אנגסטן אָן דעם אָפּגעלויפענעם וועלט־קריג. איר וועט אין ערגעץ ניט געפינען קיין ארבעטער אָדער פויער, וואָס זאָל וועלן פאר־בייטן זיין ארבעטס־געצייג אויף א ביקס. די אָפּגעבלאַקירטע ווערטער — פאטריאָטיזם, פאָטערלאנד, נאציאָנאלע קולטור און נאָך אזוינע פוסטע ווערטער — וועלן די פעלקער שוין היינט ניט באגייסטערן צום קריג. די

דאָזיקע ווערטער קענען נאָר באַגייסטערן צום שאַפן און ניט חרוב צו מאַכן. אוועק די צייט, ווען איטליבער האָט געפּאַקט מיט זיין אתה־בחרתנו־פּאַן:

מען דערמאָנט זיך ווידער אָן געטהע׳ס ווערטער:
שטעמע וואָלען געגען שטעמע פּאַכען...
קאַן דאָך איינער, וואָס דער אנדערע קאַן!
שטעקט דאָך מארך אין יעדעם קנאָכן.
אונד אין יעדעם העמדע שטעקט איין מאַן.

וואָלטן דאָך געדאַרפט די פירער, ווען עמענס פאָלק עס שלאָגט גלייך מיטן דופק פון די געפירטע פעלקער, אַלע זייערע געדאַנקען קאָנצענטרירן אויף דער פרידנס־אַרבעט. זיינען דאָך אָבער די מלוכה־פירער איצט שלום־פערדיקע בעל־הבית׳עס הערן זיי ניט אויף מפּני דרכי שלום ווייטער צו אַרבעטן אין גייסט פון א קאָנטיפּע, העצן זיי אָן פעלקער אויף פעלקער און שטעלן די פּאָליטישע שטולן אויס אַזוי, אַז מען מוז זיך צעבריכן הענט און פיס. צי איז דער ווערסאַלער אָפּמאַך ניט די באַרשט, וואָס קערט אָפּ דעם שפּינוועבס פון די ווינקלען, און די בעל־הבית׳טע מערקט ניט, ווי בעת מעשה האַקט אויס די הענטל פון באַרשט די שויבן פון די פענסטער? אָדער צי זיינען די צאָלָאָזע קאָנפערענצן פון אונזערע בעל־הבית׳טעס ניט געוועזן דער רעש און דער געפילדער פון שטולן־ און טישן־רוקן מיט די פיס אַרויף אין קאָפּ אריין? צי איז איצט די אַרבעט נאָך א פּאַריזער צוזאַמענקונפט און נאָך דער געוואַלט־טאַט אין רור־געביט ניט אַזאַ מין שלומפּערדיקע בעל־הבית׳ישקייט? „א קלאָג צו דיר, פּואַנקאַרע, ווען דו טוסט אָפּ אַזאַ זאַך, און א קוש דיר אין באָרד, מיין טייערער פּאָ־אַנקאַרע, דעם זון פון מיין געליבטן פראַנקרייך” זאָגט באָנאַר לאָו — צי דערמאָנט ניט די שיינע שפּראַך דאָס ווייבעריש פּלאַפּלען פון א פּאַר־שלומפּערדיקער בעל־הבית׳טע?

* * *

דער איטאַליענישער פרידנס־קעמפער פראַנטשעסקאָ ניטי זאָגט: פאַרלוירן איז דאָס לאַנד, וואו דער סאָלדאַט און דער דיפּלאָמאַט האָבן די דעה. סאָלדאַט און דיפּלאָמאַט, דער ערשטער דורך אַנ׳אומנאַטירליכער דיסציפּלין, דער צווייטער דורך א דיסציפּלינירטער אומוואָרהאַפטיקייט, — זיינען אָפּגעריסן פון דעם געוואוינליכן לעבנס־פלוס. זיי זיינען די צע־שטערער פון לעבן, ווייל זייער הויפּט־פּרינציפּ איז די צעשטערונג. דער דיפּלאָמאַט איז ווי דער אַמאָליקער פּלפּול׳יסט (סכאָלאַסטיקער) ניט פיי־איק צו זען דאָס וואָרע, ווייל ניט דער אמת פון דער זאַך אינטערעסירט אים, ווי די קאָנוואָלסיווע באַוועגונגען פון א גוסס׳דיקן שקר. מען קען

אים פארגלייכן מיט א דאָקטאָר, וואָס פּרובט היילן נאָך א מינוט פאַר דער גסיסה, ווען דער טויט איז א בעסערער ענטפער, ווי דאָס צעבראָכענע לעבן פון עטליכע אומבאוואוסטזיניקע מינוטן. ניט אומזיסט ציטערן אזוי די פעלקער פאַר דיפּלאָמאטן, ווייל זיי פילן באלד, אז עס האָט זיי באַהויכט עפּעס א בייסעניש מיט א לעבנס־פרעמדער לופט, מיט דער לופט פון א טייוול, ווער עס בעל־הבית'עװעט לויט א ניט־מענטשליכן געזעץ. ווי וואויל וואָלט געווען פאַר דער וועלט, ווען א היינטיקער דיפּלאָמאט וואָלט געזעסן אין בית־המדרש און זיך געבראָכן די קאָפּ אויף א הארבן מהרש"א. אזא גייסטיקער ספּאָרט קען קיינעם ניט שאַדן. וואָרום נאָך עד היום קאָמאנדעוועט ניט קיין בטלן אין בית־מדרש, ווי למשל היינט א פּואנקארע איבער 50 — 60 דיוויזיעס סאָלדאטן.

דער האס צו דיפּלאָמאטן און סאָלדאטן איז איצט בא די אייראָפּייער אזוי גרויס, אז נאָר די געדולד, דער וואונש צום פרידן, דער עקל צו מענטשליכן בלוט האלט זיי אָפּ, אז זיי זאָלן ניט מאכן מיט זיי אזא פינסטערן סוף, ווי אין 18־טן יאָר אין רוסלאנד. דער היינטיקער סאָלדאט, כל זמן ער גייט נאָך איצט ווילִיק אין קריג, איז א פאַרווילדעטע באשעפעניש, וואָס האָט אין די פיר יאָר וועלט־קריג פאַרלוירן דעם צלם אלהים. ניט אלע סאָלדאטן, וואָס פּואנקארע שיקט איצט קיין דייטשלאנד, זיינען אזוינע. און מען קאָן נאָך ניט וויסן, אויב אין עטליכע חדשים ארום וועלן מיר ניט זען א ברודערשאפט צווישן אומבאוואָפנטן דייטשן סאָלדאט און באוואָפנטן פראנצויזישן. פּואנקארע'ס בעל - הבת'ישקייט קען זיך נאָך ענדיקן אמאָל אזוי, ווי ווען די קעכן ווארפט ארויס די שלומפּערדיקע בעל־הבית'טע פון דער קיך מיט א קאָטשערע אין רוקן.

אין די אכט יאָר פון בלוט־פאַרגיסעניש און אונמענטשליכע פיזישע ליידן חזר'ט מען איבער אלץ עפטער די אייביקע ווערטער פון וואָלפגאנג געטהע:

פאָלק אונד קנעכט אונד איבערווינדער
זי בעשטעהען צו יעדער צייט:
העכסטעס גליק דער ערדענקינדער
זיי נור די פערזענליכקייט.

ניט דער סאָלדאט, ניט די בעל־הבית'טע מיטן שלומפּער וועט אונז ארויסראַטעווען פון זומפּ, וואו ס'טרינקט זיך דער אייראָפּייער, נאָר די שאפנס־קראַפט, דער ווילן צום שאפן, די אמת'ע אכטונג ניט צו דער בעל־הבית'טע מיטן שלומפּער, נאָר צו דער שאפנדיקער פערזענליכקייט.

פעבּרואַר 1923.

זומערדיקע געדאנקען.

I

די וועלט איז זיך צעפאָרן. בא די אויסגוסן פון ים, אין די פיכטן־וועלדער, אין פויערשע הייזקעס, אויף בערג איז איצט דאָ א באפעלקערונג. די גרויסע שטעט פראוועז איצט שבת. מען עסט און מען טרינקט, מען גייט זיך שפאצירן און מען זינגט אויך זמירות. אויף ערגעץ וואו א טייכל שווימען איצט פּאָרלעך אין שיפלעך, און מענער־ און פרויען־שטימען מישן זיך אויס אין א פארנאכטיקן כאָר־געזאנג. די וועלטשאפונג זינגט געוואוינליך שירה מיטן זונענאויפגאנג. בא די גרויסשטעטישע, וואָס קומען זיך אויסרוען אויף דער ערדס שוים, איז דאָס פונקט קאפויר. פארנאכט, באַנאכט יאָגן זיך שאָטנס צווישן די בוימער און ארום די קאבינעס, מאכן פול די לופט מיט הילכיקע און רייצנדיקע געלעכטערלעך. ווי אין גן־עדן׳שע צייטן, קרעכצענען די אדם׳לעך און חוה׳לעך, צענויפגעפלאָכטענע אין פעסטע און ווארעמע אָרעמס. דער זומער איז שטארקער ווי אלץ, וואָס קומט פאָר אין אייראָפּא; אין דייטשלאנד האָט מען פארגעסן אָן פּואנקארע, אין רוסלאנד — אָן לעניג׳ען און אויך אין אמעריקע איז מען זיך ניט שטארק מתעסק מיטן פרעזידענטן און זיינע פּלענער. האָט כביכול אויסגעשפּרייט פאר אונז א קאָלירט גרינעם טעפּיך, און מענטשעלע און בינעלע זשומען ארום אין דער לופט, ווי עמיצער וואָלט זיי ערגעץ צו א חתונה גערופן.

נאָך גאָר ניט לאנג האָט אייראָפּא מרה־שחורה׳דיק געקוקט אויף די ברודיקע הימלען און זיך פעסטער איינגעהילט אין די הארבסט־מאנטלען. דער הימל האָט געגאָסן מיט א ווילדער עקשנות, און ניט קוקנדיק אויף דעם נביא, אויף דעם לוח, האָט די זון ניט געווארעמט און די ווינטן האָבן ניט געבלאָזן, ווי חשון־צייט. האָט זיך אין דייטשלאנד, אין לאנד פון די פילאָזאָפן, אָנגעהייבן שטארק צו פארשפּרייטן א נייע פילאָזאָפיע. שאָפּענהאוער איז געוואָרן דער באליבטעסטער ראָמאניסט, און דער מעטערעאָלאָג — דער גרויסער מכשף, נאָך וועמענס רייד מען האָט געלעכצט, ווי נאָך א קוואל וואסער. די מכשפים — די מעטערעאָלאָגן — האָבן אָבער ניט געטרייסט. אלע טאָג האָט מען געקאָנט לייענען אין די גרויסע צייטונגען, אז אייזבערג האָבן זיך ערגעץ וואו אָפּגעריסן און שווימען פּאמעלעך צו די אייראָפּייאישע לענדער אזש ביז ניצא, וואו די ווילעם האָבן נאָך ביז היינטיקן טאָג קיין אייוועלעך ניט. שטארקער ווי אומעטום זיינען געשוואומען די אייזבערג צו דייטשלאנד צו. און אין דער צייט, ווען דער

גאנצער רור־געביט ליגט אונטער דער לאפע פון פראנקרייך, — ווערט אין דייטשלאנד א ווינטער אין מיטן זומער. מען האט זיך געכאפט פארן קאפ. נײ־מאדערנע מיסטיקער האבן שוין גע׳דרשה׳נט וועגן א נייעם פונקט אין ווערסאל־אפמאך, אז מען זאל דייטשלאנד ניט געבן קיין זון ביז מען וועט ניט באצאלן אלע רעפאראציעס, ביז מען וועט ניט אויפבויען דאס לעצטע דערפל אין די צעשטערטע פראנצויזישע ערטער, ביז מען וועט ניט גוטוויליק אוועקגעבן דעם ריין מיט די פעלדער ארום טייך, ביז מען וועט ניט קושן דעם שטיוול פון א פראנצויזישן קאלאניאל־סאלדאט. אין די דאזיקע שווערע צייטן האט מען געלייענט מיט חשק שפענגלער׳ס בוך "דער אונטערגאנג פון מערב". און דייטשלאנד האט זיך געטרייסט מיטן געדאנקען, אז ווי באלד אייראפא גייט אונטער, וועט דאך מן הסתם פראנקרייך אויך אונטערגיין. און אויב אזוי, — איז שוין כדאי, אז אייראפא זאל ברעכן הענט און פיס.

איז אבער סוף יוני פארט געקומען דער זומער, און אזוי ווי אנפאנג יולי איז אין דייטשלאנד פיר מאל טייערער געווארן דער באן־בילעט, האט האלב בערלין סוף יוני זיך א לאז געטאן צו די באנען, וואס פירן צום וואלד, צום ים, צו די בערג. מיליאנען מענטשן האבן פארפלייצט אלע וועגן, און אין די וואגאנען איז געווען אזא איינגעשאפט, ווי אין די שיינע צייטן, ווען רוסלאנד האט פון זיך אליין גענומען לויפן פון די פראנטן אין געבענשטן יאר 1917.

עס איז א טעות, ווען מען מיינט, אז די שווערע צייטן נעמען צו פון אונז דעם חשק צו לעבן, ווי גאט האט געבאטן. אדרבה, זיי פארשטארקן נאך אין גרויס־שטעטישן מענטשן די בייגקשאפט צו דער נאטור. אים דאכט זיך, אז אונטער א בוים, אויפן ווייכן גראז וועט ער ווערן אזוי איינפאך, ניט ציוויליזירט, ווי משה רבנו׳ס קיעלע, וואס פלאנטערט זיך צווישן די גראזן, ער קוקט אויפן בלויען הימל מיט אזעלכע קעלבערנע אויגן, ווי ער וואלט דאס נאך ביז היינט ניט געזען. און ווען אין ים יאגן זיך די וועלן מיט זייערע ווייס־שוימענדיקע רוקנס, ווערט ער פארגאפט און הייבט זיך אן וואונדערן אויף גאט׳ס גבורה. ווי קליין, ווי נישטיק איז דער רעש פון זיינע פאבריקן, דער הו־הא פון דער ברעזע, די וואלקנקראצערס און בעטאן־שטיינערנע הייזער, דער שברים־תרועה פון זיינע אויטאמאבילן און טראמווייען אין פארגלייך צו דער רואיקער מורא׳דיקער גבורה פון דער נאטור, וואו א דונער און א צווישער פון א פויגעלע איז צוגלייך הערעוודיק, און שוואכס און שטארקס לעבן בייאנאנדער, — איטליכס אויף זיין ארט, איטליכס אין זיין נעסט אין אנ׳אומענדליכער רחבות.

זומערצייט, אין די עטליכע פינף־זעקס וואכן, ווען דער גרויסשטע־

טישער רוט זיך אָפּ, זאמלט ער אָן און ניט אויס. ער זאמלט זיך אָן כחות צו נעמען אויף זיך ווידער אמאָל דעם אלטן יאָך און גיט אוועק א שטיק הארץ אין דער התלהבות צום בורא כביכול. און עס מוז אין דער אויסגע־בעריי עפּעס ליגן אזוינס, וואָס איז נאָך געזונטער און קרעפּטיקער, ווי אלע דאָקטאָרסקע רעצעפּטן. אויב מען וויל שטארק, קען מען זאָגן, אז צוגלייך מיט דער נאטור ווערן מיר מורא׳דיקע פארשוועגדער. מיר פארשווענדן אונזער צייט, מיר פארשווענדן די געפילן, מיר פארשווענדן אונזער ליבע, דעם זוימען, וואָס באפרוכפּערט מענטשן און פעלקער. ניט נאָר מיר ר״י־ניקן זיך אין דער נאטור פון דעם שטאָטיקן פסולת, מיר גיבן גערייניקטע אוועק א טייל פון אונזער ״איך״, פון אונזער פעסטער סובסטאנץ. איט־ליכער זומער פרישט אונז אָפּ, אָבער מאכט אונז צוגלייך עלטער אויף א יאָר. דער זומער איז א פרייליכער טענצל צום טויט, דאָס איז דאָס גרויסע נאטור־געפיל, וואָס ווייסט ניט פון א לעבן און א טויט, נאָר פון א שטענ־דיקן זיין אין גאָטס שוים.

אין די לעצטע יאָרן, באזונדערס אין פילאָזאָפישן דייטשלאנד, פאר־נעמט מען זיך שטארק מיט דעם גייסטיקן קריזיס ביים היינטיקן מענטשן. און א סך קומען צום געדאנקען, אז דער היינטיקער בייינקט עפּעס נאָך א פעסטן אָנהאלט, נאָך אנ׳אבסאָלוט, אויף וואָס ער זאָל זיך קענען אָנ־שפּארן, ווי עפּעס אָן אייביקן. דער שכל, די קריטיק, דער פיינער אנאליז האָט אונז אויף א ווײַלע אָנגעטאָן פליגלען, און מיט א געוואַלטיקער גאוה האָבן מיר זיי צעשפּרייט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאר קיין פראגע, זייענ־דיק זיכער, אז עס איז ניטאָ די שאלה, וואָס דער מענטש זאָל זי ניט קענען פּסק׳ענען. דער שכל הישר האָט אונז געגעבן פליגלען, ער האָט אונז ניט געגעבן אָבער קיין צווייגל, אויף וועלכן מיר זאָלן זיך קענען אָפּרוען א רגע. דער היינטיקער מענטש איז א נע־ונד׳ניק, א געפאלענער מלאך, וואָס האָט פארלוירן דעם שטעג צו גאָט, צום אייביקן אָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין פליען און זיצן, וואו אָנשטאָט דעם אימפּעט איז דאָ א שפּאציר אין גאָטס גאָרטן. א ריינער קלאָרער געדאנקען איז נאָך ניט דאָס אייגענע, וואָס באהעפט זיין דבקות, ער איז אנ׳אָפּגעריסענער פון עפּעס א גאנצקייט. ער איז א מולך בעצמו, א טערקישער קאליף, וואָס שטארבט פאר לאנגווייליע. דער היינטיקער מענטש ווייסט שוין איצט, אז אין וויסנשאפטליכן געדאנ־קען וועט ער קיין רו ניט געפינען. עס איז נאָך עפּעס דאָ אין מענטשן, וואָס קען אים ברייינגען ניט נאָר צו פאָרשן די נאטור, נאָר אויך צו פילן זיך מיט איר באהעפט, ער ווייסט, אז ניט מיט די אלטע מעטאָדן וועט ער דעם ״עפּעס״ פון זיך ארויסברייינגען, און קיין אנדערע מעטאָדן קען ער ניט. ער איז פאר׳סם׳ט דורכן שכל זיינעם, וואָס פארטונקלט אים די אנדערע וועגן, ווי צו קומען צו זיך, און דער קריזיס, וואָס ער לעבט דורך איז

דער וועלן גלויבן און ניט קענען. דער שכל, א קליין צווייגעלע פון דער נשמה, האָט זיך צעוואקסן, און זיין פּלאָנטער האָט פארפינסטערט אלע אנדערע נשמה־שפּראָצונגען און געמאכט פון היינטיקן מענטשן נאָר א טייל, פארצאמענדיק דעם אויסגאנג און דעם וואוקס פון די אנדערע נשמה־צווייגעלעך, און דער היינטיקער מענטש בייַנקט, בייַנקט נאָך אַנ־אויסוועג פון פּלאָנטער, פון וועלכן ער קען זיך ניט אויספּלאָנטערן. דעם קריזיס פון אונזער צייט קען מען פארגלייכן מיט דעם צושטאנד פון א לעבעדיק באגראָבענעם, וואָס מאכט ליכטיק זיין הייל מיט עלעקטרישע לעמפּעלעך. ער ווייסט שוין ניט דעם וועג צו דער זון, און ווייסט ניט קיין אנדער מיטל, ווי אַנ׳עדיסאָנ׳ס לעמפּל. נאָר כל זמן עס לעבט אין אים א זכר פון דער זון — וועט אים קיין לעמפּל ניט באפרייען.

דער זומער איז די איינציקע צייט ווען מען הייבט אָן ווייניקער קלערן און וואָס מער זיך באהעפטן. שוין דאָס אליין, וואָס דער שטאָטישער פאר־געסט א ווײַלע די שטאָט, דעם קאַלך־אויוון פון פיבערדיקן שכל, גלייכט א ביסל אוים זיין נשמה. דער פארגרעבטער גייסט און דער פארשפּיצטער מח קען ניט פארביי די שלוחים פון גאָט, וואָס שיקט זיין שפע אויף וואלד און פעלד. ווייט רוקט זיך אָפּ פון אונז דער הארמידער, כאָטש די באפעל־קערונג פון וואלד און פעלד זיינען טויזנטער מאָל מערער, ווי די ארבע־טער אויף די פאבריקן, און זיי זיינען ניט ווייניקער באשעפטיקט און פלייסיק ווי די ארבעטער. אין דער גרויסער רחקות הייבט מען אָן צו פארשטיין, וואָס הייסט נאטירליך ארבעטן, באגרייפט מען דעם חלוק פון טיילאָרס סיסטעם ביז גאָטס ארבעטס־סיסטעם. די וועלט איז ברייט און גרויס, נאָר דער מענטש האָט זיך פארקליבן אין אַנ׳איינג ווינקעלע אום צו אר־בעטן אין שוויים און שטיקנדיקער לופט. פאר דעם היינטיקן, וואָס לעבט דורך זיין קריזיס, איז דער זומער־אָפּרו די איינציקע צייט, ווען ער הייבט אָן אין האלבן דרעמל צו גלויבן. אויפן ווייכן גראָז פילט ער, אז א חוץ א שטריינגען טאטן איז נאָך דאָ א מאמע, עפּעס אזוינס, צו וואָס מען קען זיך באהעפטן, וועמען מען קען טרויען און אויף וועמען מען קען זיך פאר־לאָזן אויך דאָן, ווען א דר. שפּענגלער טרייסט אונז מיט אַנ׳אונטערגאנג פון גאנצן מערב. מעג אייראָפּא גייסטיק און קולטורעל אונטערגיין, מעג זי זיך דערטרינקען אין איר אייגענעם שכל, — כל זמן עס איז דאָ א מאמע אויף דער וועלט, האָבן מיר פאר קיין זאך קיין מורא ניט.

אווגוסט 1923.

דער ראָמאַנישער קאַפע.

אַזוי ווי דער ראָמאַנישער קאַפע איז אַ שטיק דייטשע געשיכטע, טאָ זאָל ער אויך ניט פעלן אין דער יידישער.

אויף דער בערזע פון דייטשע זשורנאַליסטן, מאָלער, טענצערינען און קאַבאַרעטן־העלדן געפינען זיך אויך די טישלעך פון יידישע ליטעראַטן מכל המינים, פון ציוניסטן, וואָס רייסן אָפּ אַ ביסל צייט פון זייערע קאָמיטעטס־זיצונגען, ווי פון די „גדולים“ אין רוסלאַנד, וואָס זיינען אויך געוועזן אַמאָל ציוניסטן און ליטעראַטן. נאָך פאַר יציאת רוסלאַנד, נאָך איידער מען איז אַריבער דעם צעשפּאָלטענעם ים צווישן די גרענעצן פון ראַטן־רוסלאַנד און לעטלאַנד — איז מען געוועזן אַלע אינאיינעם, ווי הערינג אין אַ פאַס. לעניִן האָט צעשמעטערט אין שטיקלעך אַלערליי פאַרטייען און קרייזלעך, קיין קאַפעס זיינען אויך ניט געוועזן אין מאָסקווע, פּעטערבורג און קיעוו; און אויב מען פלעגט זיך וואו עס איז צונויפקומען, איז דאָס געוועזן אין די שיינע ערטער, וואו מען האָט געפיטערט דעם עולם מיט שטרוי און ציגל־האַרטע ברויט, וואו מען האָט געטיילט פאַרפוילטע קאַרטאָפל און פערדן־פלייש. אין גושן האָט מען געאַרבעט עבודת־פרך. ניט מיטן קאָפּ, חלילה, נאָר מיט די פיס. וואָרום אין אַ שטאָט, וואו עס גייען ניט קיין טראַמווייען, וואו אויף אַ דראָזשקע טאָר מען זיך ניט אַרויפזעצן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבניש, און וואָס האָט זיך נאָך צעוואָרפן אויף עטליכע צענדליק קוואַדראַטנע ווערסט, זיינען די פיס אַ סך אַ טייערערע זאַך, ווי דער קאָפּ. דאָ אָבער אין דייטשלאַנד, וואָס צווישן אונז גערעדט איז דאָס פאַרן יידן אַ מין ניי־מאָדישער מדבר, האָט מען זיך באַלד צעטיילט אין מחנות. און פון יעדער מחנה זיינען אַרויס די אלדד׳ס און די מידד׳ס, וואָס האָבן אָנגעהייבן באַ אַ גלעזל קאַפע צו זאָגן נביאות. די טישלעך אין ראָמאַנישן קאַפע האָבן זיך אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן. דאָרטן וואו עס זיצן די אוקראַאינער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וועט איר ניט זען די וואַרשעווער. דאָרטן, וואו עס זיצן די ציוניסטן, וועט זיך ניט דערוועגן צוצוגיין אַ פאַריינקטער פּאָליטיקער, וואָס קען דעם נאָמען ציון ניט הערן, ווי אַן׳ענגלישע ליידי תחתונים. עס איז שוין דאָ אַ טישל פון

קולטור־ליגיסטן; עס פעלט אויך ניט דאָס טישל פון אונזערע אקטיאָרן און אקטיאָרקעס, וואָס שפּילן א גאנצן ווינטער איצט אין א בערלינער טעאטער אנס־קי׳ס ״דבוק״ און ״יענקל דער שמיד״.

צווישן די דייטשע טישלעך אונטערשיידן זיך די יידישע דערמיט, וואָס בא זיי איז אזוי איינג, אז ס׳איז שוין ניטאָ וואו אוועקצושטעלן א גלאָז טיי. יידן האָבן ליב צו זיין באהעפטט איינער אָן צווייטן, און דאָס יידישע טישל איז אזוי באקלעפּט פון אלע זייטן, אז ס׳איז שוין ניט גרינג דעם עלנבויגן אויסצוציען. מען זיצט צוזאמענגעקוועטשט, ווי אין א בויד, און מען בויגט קעפּ און רוקנס איינער צום אנדערן מיט אזא עקשנות, אז פון דערווייטן דוכט זיך דיר אויס, אז א גרופּע פארפרוירענע מענטשן האָבן זיך צונויפגעקליבן ארום א קליינעם פייערל אנצואוואַרעמען די פאר־גליווערטע הענט און פיס.

די מענטשן, וואָס קומען זיך צענויף אין ראָמאנישן קאפע, קומען ניט גלאט אזוי. דאָס האָט זיי ארויסגעטריבן א געוואלדיקע איינזאמקייט פון זייער נודנעם לעבן. איטליכס מאָל ווען עס עפנט זיך די טיר און דו זעסט אריינגיין א מענטשן — זיי ווייסן, אז דאָס איז געקומען עמיצער פון אזא אָרט, וואו עס פייפט א ווינט און וואו עס פאָכט א שד מיט זיינע קאלטע פלעדערמויז־פליגל. דאָ קומען אָפּגעריסענע צווייגן און בלעטער זיך וואַ־רעמען אָן פייער פון עפּעס א גאנצערס, פון עפּעס, וואָס איז ווייניקער צעבראָכן. דאָס קומט א צעבראָכן באשעפעניש זיך טובל׳ען אין א קבוץ, דאָס קומט איינער, וואָס ס׳איז שוין ניט בכח זיך צו מאכן אילוזיעס, און וויל אויף א רגע כאָטש מיטלעבן די אילוזיעס פון אנדערע. מען זיצט בא די טישלעך, טרינקט ביר, ניט האָבנדיק קיין דאָרשט, זופּט טיי און עסט פּוטער־קיכלעך, ניט האָבנדיק קיין אפּעטיט און קיין שום געשמאק. און די אויגן שפּאצירן איבער מאנסבילשע און פרויענשע פּנים׳ער, ווּיסנדיק גוט, אז איטליכע געשטאלט איז ניט ווייניקער הויל, נודנע און פּוסט, ווי זיין אייגן הארץ, דאָס שלאַפע און מאטע. עס בלנאָדזשן די מידע אויגן, און עס דוכט זיך אויס, אז דאָס קלאַפּן שלאַפע נשמה־פליגלען אין די טירן, בעטן רחמים, אז מען זאָל זיי עפענען, האָפן ווי פארהונגערטע, אז פון די טירן וועט מיט א מאָל א שפּאר טאָן ווארעמע לופט, זוניקע פריינדליכ־קייט און אפשר אויך א פלאקער פון ליידנשאפט און לוסטיקייט, וואָס וועט אים, ארעמעם פארפרוירענעם, מיטנעמען אין קאָן אריין.

ס׳רוב מענער, ווייבער און מיידלעך וואָס קומען זיך צונויף אין ראָמאנישן קאפע, זיינען אמאָל ערגעץ־וואו געבוירן געוואָרן מיט עפּעס א חוש פאר דאָס י ו ם ־ ט ו ב ׳ד י ק ע אין לעבן; צווישן די בלאזירטע, די מאטע, וואָס פארברייינגען דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן אין גאַר־נישט, לעבט עפּעס א פאַרשטעלונג פון די אמאָליקע געפאלענע מלאכים׳לעך

וואָס האָבן פאַר מיליאָנען יאָרן געפלאַטערט אין די הימלען ניט ווייט פון דער געטליכקייט. עס לעבט אין זיי עפּעס א פאַראַכטונג צו דער וואָכעדיקייט, און ווי געבוירענע ליידיק־גייענדע אַריסטאָקראַטן האָבן זיי קיין הנאה ניט פון דעם אָפּטמאָל רייכן ביר־געלד, וואָס דער וואָכעדיקער טאָג טוט זיי אַמאָל געבן. זיי זיינען די, וואָס קענען אָפּיציעל ניט פאַרטראָגן און וואָס האָבן אויך קיין הנאה ניט פון די געוואוינליכע וואָכעדיקע גוטיקייטן. בייסט זיי א פליי, — מאַכן זיי געוואַלטן ביזן הימל, און באַקומען זיי א ווייך גוט אויסגעבעט געלעגער, — באַמערקן זיי דאָס ניט, אַקוראַט, ווי דאָס וואָלט געווען אַזוי וואָלוול, ווי די לופט, וואָס זיי אָטעמען. דאָס זיינען די דאָזיקע "פּראָבלעמאַטישע נאַטורן", וועגן וועלכע געטהע האָט אַמאָל געקלערט און געשריבן: "זיי זיינען צו קיין זאַך ניט דערוואַקסן, און אַלץ זיינען זיי אַריבערגעוואַקסן". דאָס זיינען באַשעפענישן מיט א קורצן קליינעם גופ'ל, וואָס האָבן צו לאַנגע הענט. דאָס נאָנטע קענען זיי ניט אָננעמען, און צו דעם, וואָס איז ווייט, זיינען די הענט פּאָרט צו קורץ.

אין א קליין שטעטל, באַ קאָוונע, איז אַרומגעגאַנגען א בחור מיט זייער, זייער לאַנגע פּיס. ער איז געווען דער העכסטער אין שטעטל. לייט האָבן פון אים געלאַכט און מען האָט אים געגעבן אַנ'עצה, ער זאָל ווערן דער קוימענקערער פון דער לבנה. אַט אַזוי זיינען די געשילדערטע ציגיינער־קאַפּע־מענטשן, וואָס וואָלטן אפשר גרייליך געוואָלט ווערן די קוימענקערער פון די הימלען — זיינען אָבער די פּיס צו קורץ, אַז מען זאָל דאָס קענען ווערן.

אין ראָמאַנישן קאַפּע, ווי אין אַלע ענליכע קאַפּעס, איז א האַלבער זאַל אָנגעפילט מיט דער אַטמאָספערע פון אייגזאַמקייט. וואָס מאַכט זיך א ווילע די אילוזיע פון אחדות, באַהעפטקייט, צונויפגעבונדנקייט און געזעלשאַפטליכע וואַרעמקייט. דאָס איז מער ניט ווי א גרין־גרוי־געלער דמיון, וואָס שעמערירט, צעפליסט, שיינט אויף און לעשט זיך אויס, ווי דער לבנה־בליאַסק אויף א פאַרכמאַרעטן הימל. צייטנווייז דרייען זיך אויס ביים טישל די קעפּ לייגנער און טיפער. עס בויגן זיך אויס די רוקנס, ווי פייל־בויגנס. א הילכיקער געלעכטער צעטראָגט זיך פונם טישל, אויף די בלאַסע בלאַזירטע געזיכטער באַווייזט זיך א פרייד, די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן צינדן זיך אָן מיט פייערלעך. אָבער שוין רוקט זיך אריין אין דער גאַנצער סומאַטאָכע דער בלוי־גרויער שד פון דער אינעווייניקסטער פוסטקייט און געוויסנס־פּלאָגן, ווי די שלאַנגען, וויקלען אַרום די איינגעבויגענע רוקנס, און מאוס'ע, ביטערע געדאַנקען, ווי שפּור־הינט פון די קייטן אָפּגעלאָזטע, צערייסן און צעטרייבן די פאַרבן, און מאַכן פון

דער שיינער אילוזיע עפּעס אזוינס, וואָס האָט שוין די געשטאַלט פון א נאַסן פאַרפּאַטשקעטן קינדישן ווינדל.

אין ראָמאַנישן קאַפע קלאַפּט מען מיט מאַטע פּליגל אין די טירן; וויציק, איראָניש און שפּיציק קלאַפּט מען אין א נאַאיוו הערצעלע פון א פּראָווינציעלער שיין יונג מיידל, אפשר וועט א בליאַסק טאָן פון איר יונג ריין נשמה׳לע דאָס וואָס מען רופט פרויען־ליבע. מען פּלפּול׳ט זיך מיט פאַרביקע בענדער, מיט פּרעכע צוגלייכענישן, מיט גייסטרייכע פּאַראַדאָקסן אין דער געזעלשאַפט פון א שיינער פרוי, וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך אמאָל אין די פאַרביקע בענדער און הייבט זיך אָן צאַפּלען, ווי א ווייב וואָס פעלשט איר וואָכנדיקן טאָג, איר מאַן. מען קלאַפּט אויך אין די טירן פון די בעלי־מוחות אום ארויסצוקלאַפּן אפשר א פונק פון א נייעם געדאַנקען. מען קראַצט אויך אין די פענסטערלעך פון נאַאיוו־ערליכע און גלויבנדיקע מענטשן, — אפשר וועט א שטראַל פון גלויבן און איבערגעגעבנקייט א שיין טאָן אויפן איינזאַמען. און ווען עס קומט די שעה, ווען דער קעלנער בעט באַצאָלן, ווייל מען לעשט שוין באַלד אויס דאָס ליכט וואַקסט —אויס א שטילער אומעט, אקוראַט, ווי ניט די עלעקטרע וואָלט מען אויסגעלאָשן אין קאַפע, נאָר בא זיי אין האַרצן וואָלט מען צוגעדרייט דאָס קנעפּל פון פאַרבן און ליכטיקייט. מען צעגייט זיך פון די טישלעך, ווי אדם און חוה, ווען מען האָט זיי ארויסגעטריבן פון גן־עדן. מען צעגייט זיך אין פאַרשיידענע וועגן, און צעדריבלט איז די קאָמפּאַניע, ווי אַנ׳אַלטער זאַק.

ווידער שפּרייזן די איינצלנע פעדעמלעך איבער די גרויסשטעטישע גאַסן, אין די איינזאַמע קאַלטע גאַסן, וואו אָפּגעריסענע בלעטלעך, געטריבענע פון ווינט, טראָגן זיך ניט ווייט פון די לאַמטערנעס, הייבן זיך, פאַלן און פאַלן סוף כל סוף אין רינשטאָק אריין, וואו אייביקע פוילעניש און נעץ גיט זיי אויף א ווײַלע א מקום מנוחה.

מיט וואָס פאַר אויגן קוקט אריין דער גאַסט פון ראָמאַנישן קאַפע אין זיין היים, וואו אלץ איז גרייט אים אריינצונעמען אין די שלאָף־אָרעמס און וואָס האָט פאַר אים אזא בלאַזירטן פּנים! איז דאָך אָבער דער קאַפעמענטש א פּראָבלעמאַטישע נאַטור, איז ער דאָך א געפאַלענער מלאך׳ל, דערפילט ער פּלוצים א מאָדנע הנאה פון זיין גרויסער איינזאַמקייט. ער איז שוין מיד פון דער קאַפע־אילוזיע; עס ווילט זיך אים ווידער דעם נחת פון אליין־זיין אין דער שטילקייט פון נאַכט־הוזשען, און ער פאַרקאָכט זיך מיט הנאה א גלאָז טיי, וועלכנדיק געניסן זיין איינזאַמקייט, ווי א פּרעמדער זיין טעלער צימעס. לאַנג אָבער דויערט דאָס ניט, און א פאַראומערטער און געקריינקטער וואַרפט ער זיך אריין באַלד אין בעט, וואָס נעמט אים צו פון דער וואָכנדיקער וועלט ביז מאָרגן באַטאָג.

יאַנואַר 1922.

די לעצטע ניט־פארענדיקטע ארטיקלען פון בעל־מחשבות.

סאן־רעמא.

עס איז געווען א צייט, און נאך גאר ניט לאנג, ווען דער נאמען פון דער דאזיקער איטאליענישער שטאט איז געווען אויף אלע יידישע ליפן. בין איך איצט אין דעם דאזיקן שטעטל, און פרוו מיט אים פארבינדן די גרויסע באגייסטערונג פון דעם מזרח־יידנטום צום בילד פון סאן־רעמא. איך גיי פארביי פאר די האטעלן, וואו עס זיינען געזעסן די דיפלאמאטן פון דער גאנצער וועלט. אויך פאר דעם האטעל, וואו א דר. וויצמאן, אנ׳־אוסישקין, א נחום סאקאלאוו האבן פארבראכט ערב דער באלפור־דעקלאראציע אין הייסע באראטונגען, אין אנגסטן און אין פריידן. איך קוק אויף די ווייסע בנינים, וואס ליגן אנגעשפארט אויף די פלייצעס פון פעלזענע בערג, איך זע דורכן הויכן פענסטער אלערליי מיני פאלמען, וואס שאקלען צו מיט זייערע גרינע שטרויספעדערן, זייערע אויסגעשפרייטע לולבים ווי אויסגעפוצטע פרויען, וואס קלייבן זיך צו א באל, איך כאפ אויף דעם קריסטאל־ריינעם בלויליכן הימל און די גלאנציקע ליכטיקייט פונם טאג און ווער א בארואיקטער דערטרונקען אין א מילד־רוישנדיקן ים, וואס גרענעצט מיך ארום ווי א האלבער ראד...

אט דאס איז דער ארט, פון וואנען יידן האבן באקומען אמאל א פרייליכע בשורה, און עס דוכט זיך מיר, אז נאר אזא בלויליכער זונענדיקער ארט, וואו בארג, ים און שטענדיקע יום־טוב׳דיקייט האבן זיך פארייניקט צום אייביקן בונד, איז מסוגל צו מאכן הערצער ווייך און לייטערן דעם רצון אויך פון אייראפייאישע דיפלאמאטן. עס איז עפעס א וואונדערליכער צופאל, וואס ארץ־ישראל׳ס גורל איז באשלאסן געווארן אין סאן־רעמא, און ניט אין א קאלטן לאנדאן, אויך ניט אין די שטעט פון א מזרח־יידנטום, וואו נאך עד היום איז דער הימל אפט א פארקרימטער און זעלטן ווען מען איז זיכער פון א מרה־שחורה׳דיקן רעגנדל און אלערליי פארצארנטע ווינטן.

איך בין נאך דערוויל אין פאלעסטינע ניט געווען, איך ווייס און

פיל אָבער, אז עס זיינען דאָרטן פאראן א סך — סך ערטער, וואָס דארפן זיך פאר סאַן־רעמאָ ניט שעמען. דאָס, וואָס סאַן־רעמאָ האָט חוץ די מתנות פון דער נאַטור, איז געמאכט געוואָרן מיט מענטשישע הענט. אָבער דאָס, וואָס מענטשישע הענט מאכן, וועלן מיר אין פאַלעסטינע אויך אויפטאָן. עס מיט זיך שוין א רוטנבערג, אונזערע חלוצים... די נאטור אָבער קען מען, חוץ כביכול, ניט מאכן, און די פאַלעסטינע־נאטור איז ניט קיין קלע־נערע ברכה, ווי דער ווינקל פון סאַן־רעמאָ...

ווייל איך אָבער, אז פאַלעסטינע זאָל מאכן אויף מיר אזא איינדרוק, ווי דער אָרט, וואו מען האָט אונז אונטערגעשריבן א כורש־בריוו? ווייל איך דען, אז דער אָרט, וואו א סך יידישע קהלות וועלן ווערן פארפלאנצט, זאָל האָבן דעם פנים פון א סאַן־רעמאָ?

סאַן־רעמאָ האָט דעם פנים פון אַנ׳אויסגעצוואָגן מיידל, ס׳בלאַנקען די בעקעלעך, קיין שטויב, קיין שאָטנדל אויפן פרצופ׳ל...

סאַן־רעמאָ—נאָיאבר 1923.

פון דייטשלאנד.

געקומען א צייט, ווען גאנצע מלוכות ווערן משוגע, און אזוי ווי איטליכער שגעון האָט זיינע אייגענע סמנים, טאָר מען ניט צונויפמישן די רוסישע משוגע׳נע מלוכה מיט דער דייטשער. רוסלאנד האָט געליטן פון א מאַניאַ גראַנדיאָזאַ, פון א צעווילדעטן מרה־לבנה און האָט זיך געבאָרן כסדר אין אַנ׳אָפּטימיזם. דייטשלאנד אָבער איז ניט פריילעך, ניט צעוויל־דעוועט, עס איז פשוט צעמישט. רוסלאנד האָט געפּלאצט פון דעם פאר־לאַנג עפּעס אויפטאָן פאר זיך, פאר דער וועלט, פאר דער גאנצער מענטש־הייט. דייטשלאנד, פארקערט, האָט מורא פאר אלץ אין דער וועלט, האָט פחד עפּעס צו טאָן, ציטערט און פלאַטערט, ווען עס מוז פאָרט עפּעס אונ־טערנעמען, שטייט א צעמישטע פאר אירע גרינע מלוכה־פולטן און איידער עס פארטיקט זיך אָפּ מיט עפּעס, שטייט עס שוין צעדולט און הייבט אָן מכולה צו מאכן דאָס, וואָס עס האָט אקאָרסט פארענדיקט. פארן פרעמדן, זייטיקן מאכט דייטשלאנד אַנ׳איינדרוק פון אַנ׳אידיאָטן — און חכמים הייבן אָן צו ריידן, אז מען האָט א טעות געהאט אין דייטש: ער איז אייביק געווען אזא יעקע, גע׳גנב׳עט בא אנדערע; אז ער האָט כסדר געלעבט קרעמעריש, איז אלעמאָל געווען א פשוט׳ער פארמיטלער, אָן פרעמדע האָט ער גאָר ניט געקענט אויפטאָן און ווען די וועלט האָט געטענה׳ט, אז א דייטש איז בכח אויסצוטראכטן א טייוול, — איז דאָס נאָר געווען א פאר־בלענדעניש. דער אלטער יידישער גלייכווערטל פון פאַראַכטן יידישן

גביר איז געוואָרן אַ ביטערער אמת. "מילא געלט, ווי געלט, אָבער וואו איז די לומדות מיינע?" האָט זיך באַקלאָגט אַ יידישער יורד, ווען צייט זיין אָרעמקייט האָט מען אים אויפגעהערט צו רופן ר׳ יעקב און בא אַ בעסערער עליה האָט מען שוין אָן אים פארגעסן.

שוין צוויי יאָר ווי דייטשלאנד הערט ניט אויף צו טאָן איין נארישקייט נאָך אַ צווייטער. וואָלט עס כאָטש געזעסן שטיל אויף אָנ׳אָרט! ניין! טוט עס ווייטער אין הלכות פּאָליטיק, פינאנצן, ווירטשאפט א. א. וו. דער ראפּאַלאָ־אָפּמאַך מיט רוסלאנד האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אַ געוואַלדיקער נארישקייט, פון דער צייט הייבן זיך אָן די פראנצויזישע פארבארייטונגען צו פארנעמען דעם רור. די פינאנץ־פּאָליטיק האָט געבראכט דערצו, וואָס מען האָט אויסגעזויגן ביים פאָלק זיין לעצטן גראָשן, געבראכט דעם מיטלשטאנד צו אַ מצב פון בעטלער, דעם ארבעטערקלאס — צו אַ הונגערקלאס, ברייט געעפנט אלע טירן פארן ספּעקולאנטן און פאבריקאנטן, וועלכע האָבן זיך געוואַלטיק אָנגעשטאָפּט די בוזעמס מיט וואַליוטע, מיט דאָלארן און פונטן און פשוט ניט געצאָלט אַ הונדערטל פון די שטייערן, וואָס מלוכה האָט פון זיי געפאָדערט. וואָס דייטשלאנד האָט ניט אונטערנומען די לעצטע צייט אויף איינצוהאלטן דעם שטורע...

בערלין — סוף נאיאבר 1923,